STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08954

A ZEKSTER VELT-TEYL

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א זעקסטער וועלט-טייל

מ. סמבטיון

אַ זעקסטער וועלט-טייל

ראַמאַן

פֿאַרלאַג ט. גראַהאַר
פּאַריז
1949

M· SAMBATYON: A ZEKSTER WELT-TEYL - ROMAN
UN SIXIÈME CONTINENT -- A SIXTH CONTINENT

*

נאָכדרוק אפילו טיילווייז פאַרבאָטן.

*

ÉDITIONS GROHAR ET RUDETZKI
SOCIÉTÉ D. O. R. A. - PARIS
COPYRIGHT BY M· SAMBATYON - PARIS

הויפּט־פאַרקויף פאַר אייראָפּע און ישראל:
ÉDITIONS U.P.J. - 7, RUE DES ROSIERS, PARIS IV·

*

הילע און שער־בלאַט געצייכנט פון אַ. קאָלניק.

*

50 עקזעמפּלאַרן זענען געוואָרן געדרוקט
אויף פּאַפּיר OFFSET, געבונדן אין לייוונט
און געחתמעט פונעם מחבר.

PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS X·

ערשטער באַנד:

פאַראומערטע קינדהייט

ערשטער טייל

די אויסטייטשונגען פון נישט פּאָפּולערע
העברעאיזמען און אַנדערע אָנווייזונגען
געפינען זיך אויף די זייטן 341—346.

קאַפּיטל I

דער זייגער אויפֿן פּייערלעשער־טורעם האָט שוין לאַנג געקלונגען צוועלף. ס'איז געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

די קלאַנגען, אַז דער הונגער האָט אַרויסגעטריבן די וועלף פֿון די וועלדער אין שטאָט אַריין, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די איינווינער. ווי נאָר מען פֿלעגט אָנצינדן די לאָמפּן, אַזוי האָט מען אומעטום פֿאַרהאַקט טיר און טויער. נאָר אין די שענקלעך און אין אַפּטייק פֿלעגט אַ ביסל צייט נאָך זיין ליכטיק. אָבער זעענדיק, אַז קיין משוגענער הונט קומט נישט, פֿלעגט אויך דאָרטן אויסגעלאָשן ווערן דאָס ליכט און די אויעזדנע שטאָט זוועניגאָראָדקע פֿלעגט אין גאַנצן איבערגעגעבן ווערן אין דער מאַכט פֿון די אויסגעהונגערטע וועלף.

הגם קיינער פֿון די זוועניגאָראָדקער איינוווינער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן די דאָזיקע חיות קיין מאָל נישט געזען, דאָך האָט יעדן איינציקן יידן דערציילט אַ גוטער ברודער, אַן איש נאמן, וועמען ער וואָלט אפֿילו אָנגעטרויט אַ נישט געציילטע קאַסע, אַז אַנומלט האָט מען אין דער פֿרי געפֿונעןביים ברונעם אַ שיקסע צעריסן אויף שטיקער. דאָס איז זי איינע אַליין געגאַנגען נאָך וואַסער, בעת עס איז נאָך נישט געווען גוט ליכטיק. נאָך מער, די הילצערנע קאַראַמיסלע איז געווען צעגריזשעט ווי אַ זאַפּטיקער מאַרכביין און אפֿילו די עמערס זענען געווען רציחהדיק צעקריצט און צעבויגן...

אַ צווייטער האָט דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז פֿון בוקי קיין ליסענקע אַרויסגעפֿאָרן אַ גלח מיט זיין דיאַק * אַלס אַנטרייבער. אַרויספֿאָרנדיק פֿון דאָרף האָבן זיך ביי זיי איינגעבעטן מיטצופֿאָרן נאָך צוויי פֿאַרשוינען, אַ פּויער מיט אַ פּויערטע, וואָס זענען ערגעץ ווו צו גאַסט געפֿאָרן. ס'איז פֿאַרביי אַ טאָג, צוויי און דער גלח קערט זיך נישט אום צוריק. ווען עס איז פֿאַרביי דער דריטער טאָג און ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוריקגעקערט, איז אַרויסגעפֿאָרן אַ גאַנצע עקספּעדיציע אים זוכן. בסוד סודות האָבן גוים אויסגעגראָבן ווער אַ ביקס, ווער אַ נאַגאַן, ווער אַ דייטשן קאַראַבין און ווער פּשוט אַ קאַוואַלעריסטישע שווערד.

---

* אַ שמש ביים גלח.

עס איז געווען דאָס יאָר 1921. דער אוקראַינער פויער האָט נאָך נישט באַוויזן זיינע טראָפּיקן ווייט צו באַהאַלטן. אין די קליינע שטעטלעך האָבן נאָך געווילדעוועט באַנדעס: געהרגעט, גערויבט, געצונדן און עס איז נאָך קיינעם אין קאָפּ נישט געלעגן זיי צו שטערן. אויף אַלע וועגן האָבן נאָך געפּלאַמט דערפער און אין נאָר וואָס אָפּגעברענטע וועלדער האָבן געשיפּעט פּאַרסמאַליעטעביימער אונטער דעם פּריש געפּאַלענעם שניי.

די יונגע רויטע אַרמיי האָט געפירט בלוטיקע שלאַכטן אויף קרים און אויפן ווייטן מזרח, מיט די פּוילישע אָקופּאַנטן און מיט קראַסנאָווס קאָזאַקישע באַנדעס. אויף יענע ווייטע גרענעצן האָט די ערשט געבוירענע ראַטנמאַכט זיך געראַנגלט אויף לעבן און טויט קעגן גאַנץ אייראָפּע. אין יענע מקומות האָט זיך געקאָוועט איר קיום אָדער איר אומקום, און דאָ, אין תחום פון די יידישע שטעט און שטעטלעך, האָבן אוואַנטוריסטישע באַנדעס, שיריים פון די גרויסע מחנות פון דעניקינען און מאַכנאָ, פון פּעטליורען און וראַנגעלן, חרוב געמאַכט דאָס לעצטע ביסל פּליטים, געבערענט הייזער צוזאַמען מיט די איינוווינער, באַגראָבן מענטשן לעבעדיקערהייט, געשענדעט פרויען און נאָך דעם זיי נאַקעט אויפגעהאַנגען. אין יענעם יאָר איז נאָך דאָס געווען, וואָס מען האָט מיט זיך געבראַכט פון די אָקאָפּעס, געווען אויסגעשמירט מיט פעטן, אויסגעפּוצט און נישט טיף באַהאַלטן.

די בוקיער עקספּעדיציע האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אין זוכעניש און שפּעט פאַר נאַכט האָט מען געפונען דעם שליטן און לעבן אים אַרומגעגריזשעטע ביינער פון פיר מענטשן און צוויי פערד...

אַנדערע האָבן געשווירן מיט אַזעלכע שבועות, וואָס מען קען גלויבן אפילו אַ משומד, אַז ביי נאַכט האָבן זיי געהערט עמעצן זיך דראַפּען ביי הער טיר און אויך אַזאַ משונה ווילד ברומען, ווי ערגעץ ווייט וואָלט געדונערט. נישט אַנדערש, ווי די וועלף שפּאַצירן אַרום סטאַדעסווייז ביי נאַכט אין שטאָט.

די אַלע מעשות האָבן געבראַכט דערצו, אַז אַזאַ רוישיקע שטאָט ווי זוועניגאָראָדקע מיט אירע צען טויזנט איינוווינער זאָל שוין זיבן אַ זייגער אויף דער נאַכט זיך פאַרשליסן און פאַרריגלען. ביי יעדער טיר איז געווען צו זען אַ האַק אָדער אַ לאָם, אַ געסמאָלעטן פאַקל מיט אַ צינדהעלצל — אויף יעדן פאַל, טאָמער קומט אוים איבערצושרעקן די חיות־רעות...

די גאַנצע געגנט איז געווען באַוואָפנט מיט כלערליי פּרימיטיווע וואָפנס קעגן די לעגענדאַרע מחנות פון די הונגעריקע וועלף, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטון פון סיבירער טאַיגעס אויף אוקראַינע. קיינער

האָט זיי אין די אויגן נישט געזען און מחמת דעם איז די שרעק געווען נאָך שווידערלעכער.

עס איז געווען אַ פּראַסטיקע לבנה־נאַכט. די צעצווייגטע אַסינעס לענגאויס די גאַסן זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע, מיט שווערע קאַנאַטן געפרוירענעם שניי אויף די צווייגן, און האָבן פון צייט צו צייט געקרעכצט און געטרעשטשעט. דער טייך טיקאַטש, וואָס שטט אין דער נאַנצער געגנט מיט זיין טיפקייט און מיט זיינע קאַראַסן *, איז געלעגן אַ גלעזערנער אונטער אַ פוכאַווער אייזקאָלדרע און אַרויסגעקוקט דורך די עטלעכע בלינדע פענצטערלעך, וואָס זענען געווען אויסגעהאַקט האַרט ביי דער קלאַדקע.

אויף דער שפּאַליאַנסקער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ קליין ייִנגעלע מיט אַ גרויסער גמרא אונטערן אָרעם. דאָס ייִנגעלע, צי עס האָט נישט געוווסט פון די שרעקלעכע וועלף, צי עס האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, נאָר עס האָט זיך געשפּאַנט לאַנגזאַם, איבערלייגנדיק די גמרא פון איין האַנט אין דער צווייטער.

די קרישטאָלריינע לבנה האָט פאַרחידושט אָנגעקוקט דאָס דרייסטע ייִנגעלע, וואָס וויל נישט וויסן פון קיין וועלף און פון קיין שאַרפע צייין. לויטן אויסזען איז דאָס ייִנגעלע אַלט געווען אַ יאָר צען, צוועלף. אויפן קאָפּ האָט עס געטראָגן אַן אושאַנקע** פון אַ ווייסן האָז. ביז דער ערד האָט געהאַנגען אויף אים אַן אַלטמאָדיש קאָרטענער מאַנטל מיט אַן אויסגעקראָכענעם פוטערנעם קאָלנער. אויף די פיס האָט עס געטראָגן העם פאַטערס אַ פּאָר שיך, וואָס זענען נישט אַראָפּגעפאַלן פון זיינע קינדערישע פיסלעך נאָר אַ דאַנק די שמאַטעס, אין וועלכע זיי זענען געווען איינגעוויקלט. די שמאַטעס האָבן זיך אָנגעהויבן פון העכער די קני און האָבן אויך געדינט אַנ־שטאָט זאָקן. דער גאַנצער הולך זיינער האָט שווער געמאַכט דעם ייִנגעלע דאָס באַוועגן זיך און חוץ דעם האָט אים אויך די גמרא שיר נישט אָפּגעריסן די הענט. נאָר ער, דאָס ייִנגעלע, באַמערקט עס אַלץ נישט. אין זיין קינדערישן קעפּעלע קלינגט דער ערב־פּסחדיקער ניגון פון שיר־השירים:

— מי זאת — ווער איז דאָס, הנשקפה — וואָס זי קוקט אַרויס, כמו שחר — ווי דער מאָרגנשטערן, יפה — זי איז שיין, כלבנה — אַזוי ווי די לבנה, ברה — אַזוי לויטער, כחמה — אַזוי ווי די זון, איומה — אַזאַ פּאַרכטיקע, כנדגלות — אַזוי ווי די נאָר גע־הויבענע...

---

* אזא מין פיש.

** אזא היטל וואס פארדעקט די אויערן.

דאָס יינגעלע הערט זיך איין אין דער אויסגעבענקטער מעלאָדיע. זיין הערצעלע קלאַפּט האַסטיקער. פּלוצלינג רייסט איבער דעם גע־האַנק די שקלא וטריא, וואָס ער האָט הייַנט געלערנט אין דער גראַ־בער גמרא, אין פּרק „שלוח הקן". לויט רב הונאס סברא איז צער־בעלי־חיים דער עיקר, אָבער זיין בר־פּלוגתא וויל האָבן...

דאָס קליינע מוחל באַוויַיזט נאָך נישט גוט אריינצוטראַכטן, וואָס רב הונאס בר־פּלוגתא וויל האָבן, ווי אַ פרישער שטראָם געדאַנקען טראָגט אים אונטער דעם הייַנטיקן שיעור אין „הלכות תערובות". ביי בשר וחלב בלייבט דער כלל „תתאה גבר". ווען זשע — ביי חמין און בנותן טעם לשבח, אָבער ביי צונן און בנותן טעם לפגם. ווי בלייבט דאַמאָלסט?

דאָס מידע מוחל באַוויזט נאָך נישט צו כאַפּן, אַז דאָ ווערן צו־נויפגעמישט צוויי באַזונדערע באַגריפן, ווי אין זיין הערצעלע כאַפּט זיך אויף דאָס איבערגעריסענע ניגונדל. פאַר אים גייט „זי"... די אויגן — שיר־השירימדיקע, די האָר — שיר־השירימדיקע, און מיט איר זיס קולכל, טייטלענדיק אויף זיך מיט אירע געטאַקטע הענ־טעלעך, זינגט זי:

— אני — איך בין, חבצלת השרון — די יונגע רויז פון גלייכן פּלאַץ, שושנת העמקים — די פּרעכטיקע רויז פון די שיינע טאָלן...

איר בילד פאַרשווינדט. ער שטייט פאַר אַ דרייטרעפּלדיק רויט־געפאַרבטן גאַנעק. פאַרזיכטיק לייגט ער אַוועק די גמרא אויף דער באַנק און קוקט זיך אַרום. איבער זיין קאָפּ הענגט אַ פולע לבנה, וואָס האַרף זיין אַזוי שיין ווי פאַלי. נאָר אים שיינט, אַז עס איז אַ גרויסער טעות דערביי. ווי קומט די לבנה צו איר?...

אַרום און אַחום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש. אַלע פענצטער זענען פאַרפרוירן, נאָר די ווינקלעך פון די שויבן זענען אויסגעהוילט, שוואַרץ. ער הייבט אונטער די פאַלעס פון זיין אומגעלומפּערטן בגד, ציט זיך אויס ביים שטעג אויפן שניי און קוקט זיך איין אין די טריט. מנחה־צייט האָט פריש געשנייט און יעדנס טריט זענען דייט־לעך אָפּגעשטעמפּלט אין שניי. אָט זעט ער ברייטע טריט פון זעל־נערישע שטיוול. דאָס האָט „איר" פאָטער געמוזט הייַנט קומען פון כמעלניק. חוץ יאַנין טראָגט קיינער נישט ביי זיי אַזאַ גרויסן שטיוול. עטוואָס וויַיטער זעט ער שפּורן פון קינדערישע פיסעלעך. ניין, דאָס זענען נישט אירע טריט, דאָס מוז זיין פון איר קלענער שוועסטערל. אָט פון די שטיוועלעך — אויך נישט. זי טראָגט באַטי־קעס. ער קריכט אָפּ לאַנגזאַם צום שטעגעלע ביזן טראָטואַר. נישטאָ אירע טריט. געשיקט זיך עס, זי זאָל פאַר נאַכט אין אַזאַ שיינעם וועטער נישט אַרויסגיין אויף דער גאַס?

ער קריכט צוריק איבערן שניי, נישטערט דורך מיט זיינע שאַרפֿע אייגעלעך אַלע אַרומיקע שפּורן — נישטאָ. ער פֿריזט אַרויף אויפֿן גאַנעק און ערשט ביי דער סאַמע טיר פּאַקט ער איר „פּיסל"... אַ פּאָר מינוט שפּיגלט ער זיך אין אָפּדרוק פֿון איר באָטיק. דאַן לייגט ער אַוועק זיין גליענדיקע דלאַניע אויף איר טריט. דער שניי צערוקט זיך און זיינע פֿינגער שטעמפּלען זיך ווייך אַריין אין דעם שפּור פֿון איר פֿוסטריט. ער הייבט אויף זיין פֿייכטע הענטל, באַטראַכט דעם אָפּדרוק אין שניי, דערלאַנגט דאָס הענטל צום מויל און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן גיט ער עס שטיל מיט כוונה — אַ קוש...

שפּאַנענדיק ווייטער אַהיים ציט זיך ווידער דאָס לידעלע אין האַרצן:

— לבבתני — דו האָסט מיך האַרציק באַצויבערט, אחותי — שוועסטער מיינע, כלה — כלה מיינע, לבבתני — האָסט מיך האַרציק באַצויבערט, באחד ענק — מיט איין צירונג, מצוורניך — פֿון דיין שיינעם, שיימעם האַלדז...

אין דער היים שלאָפֿן שוין אַלע לאַנג. קוים וואָס ער דערקלאַפּט זיך. אָפּגעגעסן, חזרט ער שלעפֿעריק איבער דעם שיעור און לייגט זיך אין בעט אַריין. נאָך המפּיל, אויסציִענדיק זיך אונטער דעם צע־ריסענעם פּעלצל, קלאַמערט זיך נאָך זיין געדאַנק אין די הייליקע ווערטער, וואָס דאַרפֿן אויסדריקן פֿאַר דער וועלט דעם מהות פֿון פּאָלים פֿאַרכטפֿולן אויסזען. זיינע ליפּן מורמלען האַלב שלעפֿעריק:

— הנך יפה — ווי שיין דו ביסט, רעיתי — פֿריינט מיינער, הנך יפה — ביסט אַזוי שיין, עיניך — דיינע אייגעלעך, יונים — רעדן צו מיין נשמה ווי די טייבעלעך...

אין דער פֿינצטער זוכן אָפּ זיינע ליפּן דאָס שטיקל דלאַניע, וואָס האָט זוכה געווען צו ליגן אויף אירע שניישפּורן, גיבן עס מיטן גאַנצן כוח אַ קוש און ער שלאָפֿט באַלד איין.

אין דער פֿרי, גייענדיק אין חדר, זוכט ער מיט די אייגעלעך די סימנים פֿון זיין ביינאַכטיקער מציאה און געפֿינט נישט. פֿאַר טאָג האָט אַ וואַרעמער שטראָם לופֿט פֿאַרוואַנדלט דעם גאַנצן שניי מיטן אייז אין איין אויסגוס. דער גאַנעק איז ווי ערשט אָפּגעוואַשן. צווישן אים און דעם טראָטואַר שטייט אַ רונדע קאַליוזשע און לייטערט זיך קעגן דער זון.

קאַפּיטל II

אין חדר איז ער כמעט דער ייִנגסטער און מחמת עס זענען דאָ נאָך ייִנגלעך מיט זיין נאָמען, רופֿט מען אים טאַקע „דאָס קליינע

שלמהלע". נאָר נישט קוקנדיק דערויף, איז ער אין דער גרעסטער כתה דאָס בעסטע ייִנגל. בחורים פון פופצן, זעכצן יאָר שעמען זיך בכלל נישט צוגיין צום קליינעם שלמהלע, פרעגן ביי אים עפּעס אָדער גאָר בעטן אים, ער זאָל מיט זיי מאַכן דאָס „לייענען". און ער, דער קליינער, האָט אַלע מאָל צייט און איז גערן יענעם באַהילפיק צו זיין, מיט וואָס ער קען. ווען זיין רבי, שמעיה פּאַקוטילאָווער, וויל אויסמוסרן אַ „גראָבן קאָפּ", דאַן ווייזט ער אים אָן אויף שלמהלען און זאָגט מיט גאַל:

— ווי איז דיר גלאַט קיין בזיון נישט פאַר לייטן? אָט דאָס קליינע שלמהלע האָט אויף זיך אין איין יאָר אַריבערגעטראָגן פיר אָפּעראַציעס. עס איז נאָך קיין יאָר נישטאָ, זינט ער איז פון שפּיטאָל אַרויס. ווען ער איז אָנגעקומען אַהער באַלד נאָך דער קרענק, האָט ער קוים דאָווענען געקענט און הייַנט... איך דאַרף דיר דערציילן? דו ווייסט אַליין נישט? ער קען בעסער פון אייך אַלע צוזאַמען. און דו, אַ בחור פון זיבעצן יאָר... פאַרשריגענע יאָרן אויף דיר...

דער „גראָבער קאָפּ" וואַרפט אַ קוק פול מיט פאַראַכטונג אין דער זייט, וווּ עס געפינט זיך דער „קליינער וועווריק", מיט וועלכן מען שטעכט אַלעמען די אויגן, און בורטשעט אַרויס מיט פאַרדרוס:

— זאָגט איר דאָך אַליין, אַז קיינער איז אין אים נישט געראָטן, פאַר וואָס זשע מוז איך אין אים יאָ געראָטן זיין?

פאַר אַזאַ עזות־דיקן ענטפער גיט אים שוין דער רבי שמעיה אַ מעסט איבערן פּנים מיטן קאַנטשיק פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף אַזוי קונציק, אַז ביי יענעם לויפן אויף גלייכצייטיק ביידע ליפּן, דאָס רעכטע אויג און דער לינקער אויער.

דער געשמיסענער פליט אַרויס פון טיש ווי אַ באָמבע, גלייך אויף דער גאַס. ער קלאַפּט אָן אין פענצטער צום קליינעם שלמהלען און ווייזט אים אַ קולאַק:

— וואַרט, איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר היינטיקע פעטש...

אין דער כתה פון חומש מיט רש"י ביי דעם זעלבן רבי שמעיהן לערנען אויך זיינע פעטערלעך, זיין פאָטערס ברידערלעך מיכאל און יחיאל. מיכאל איז מיט דריי יאָר עלטער פון אים, יחיאל — נאָר מיט ניין חדשים. זייער עלטסטער ברודער אפרים־אהרון, שלמהס פאָטער, איז עלטער פון מיכאלן נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויף צוויי און צוואַנציק יאָר. צווישן זיי ביידן זענען דאָ דריי טעכ־טער: יוכבד — די עלטסטע, ברכה — די צווייטע און גיטל — די ייִנגסטע. די עלטסטע וווינט ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, וווּ איר מאַן דינט אין אַ מיל. די צווייטע איז אַן אלמנה מיט אַ קליין מיי־

דעלע און וווינט ביי אירע עלטערן. די דריטע, גיטל, האט דאס יאר חתונה געהאט אין זוועניגאראדקע און וווינט טאקע דארט.

שלמהס פעטערלעך ווינען, ווו זיי ווילט זיך: אדער ביים ברודער, אדער ביי דער שוועסטער. חשק האבן זיי צו זיין בעסער ביי זיך אין שטעטל, נאר זייער פאטער דערלאזט עס נישט, ווייל אין כמעלניק איז קיין מלמד נישטא.

— זיי זענען אזוי אויך קליינע תנאים, אז זיי וועלן נאך זיין אין דער היים, וועלן זיי סוף כל סוף דאוועגען אויך פארגעסן — אזוי טענהט נעבעך דער אלטער שלום, זייער פאטער און שלמהס זיידע. זיי טוען אים צוליב און וואס זיי האבן געזאלט טון אין כמעלניק, טוען זיי מיט גרויס דערפאלג אין זוועניגאראדקע.

זומער קריכן זיי ארויס ווו א גארטן, ווו א טייך און ווינטער האט גאט געגעבן שליטעלעך מיט גליטשערס. פארן רבין שרעקן זיי זיך ווייניק וואס. ער ווייסט שוין, אז מיט זיי איז ארויסגעווארפן די ארבעט. וואס זיי לערנען מיטן גוטן ווילן — מהיכא־תיתי. מיט גוואלד קען מען מיט זיי גארנישט מאכן.

די באבע זעלדע, זייער מוטער, פארפעלט נישט צו שיקן פאר זיי צוויי מאל אין וואך: פלעצעלעך מיט מאן, זויערע קיסליצעס, טרוקענע בארן און געפילטע העלדזלעך. חברה עסט ביים ברודער און ביי דער שוועסטער און חוץ דעם אויך די צוגעשיקטע מתנות. מען לערנט נאר אויף יוצא זיין און מען לעבט א גוטן טאג.

פרייטיק נאך מיטאג פארט מען מיטן בעל־עגלה אהיים אויף שבת. עס מעג זיין וואס עס ווילט זיך, צום אויפגעבן דעם פאטער דעם קידוש, מעג דונערן און בליצן, וועלן זיי נישט פארפעלן צו זיין. א פאר מאל, ווען דער פאטער איז געווען אויפגעלייגט, האט ער שלמהן אויך מיטגעשיקט מיט זיי צום זיידן און צו דער באבען אויף שבת. נאך עד־היום ליגט שלמהן אין טעם דער צוגאסט אין כמעלניק. די אומענדלעכע ברויטפעלדער מיט וועלדער אויף די ברעגעס! דער וועג איז געווען זייער שמאל. ווען אנטקעגן פלעגט אנפארן א צווייטע פור און מען האט זיך געדארפט אויסמיידן, האן פלעגן ביידע פורן מאכן א האלבן רייף אין צייטיקן קארן און חברה פלעגט אנרייסן פולע זשמעניעס מיט זאנגען, צעשניידנדיק זיך די הענט מיטן שארפן שטרוי.

כמעט דער גאנצער וועג פון זוועניגאראדקע ביז כמעלניק באשטייט פון בערג און טאלן. אין איינעם פון די טאלן פליסט א בנעימותדיק טייכל, וואס פארשווינדט אין אן אלכאוון וועלדל ערגעץ ווו אין דער ווייט און פלייצט אריין אין א גרויסער מילכפערמע. איבערן טייכל הענגט א בריקל פון געפלאכטענע דינע צווייגן. די

בלעטער זענען נישט ארומגעריסן און דעריבער מאכט עס אן איינדרוק פון א קעמפע אין מיטן וואסער. ווען די פור פארט אריבער די קעמפע, הוידעט זיך דער באדן אונטער איר, ווי מען וואלט געפארן איבער א גרינער איבערבעט. טאקע דעריבער גייען אלע פארשוינען אראפ און דער בעל־עגלה לאזט די פערד אליין זיך דורכהוידען.

מיכאל און יחיאל כאפן אריין אויף גיך א „באד" און שלעפן שלמהן אויך מיט זיך. זיי פירן אים אריין אין מיטן טייכל און ס׳ווילט זיך זיי, ער זאל פונעם ערשטן מאל שוין קענען שווימען. שלמהלע מאכט קולי־קולות און נעמט אן א פול מויל מיט וואסער. ברוך דער בעל־עגלה נעמט זיך וויניק וואס צום הארצן פון די פארשוינדלעך. עס איז פרייטיק. ווייבער דארפן זיך נאך אויסצוואגן פאר ליכט בענטשן און חעם טשאלנט אויך פאררוקן און די ערדענע פאדלאגע אויך אפשמירן און די לייכטער אויך א רייב טון מיט א ביסל ציגלשטויב.

די אויסגעהארעוועטע פערדלעך קריכן ארויף דעם בארג, די פארשוינען פארנעמען זייערע פלעצער און ברוך שרייט אראפ צו די באדנדיקע אין טייכל:

— א גוטן שבת, חברה... כ׳וועל איבערגעבן א גרוס אין דער היים...

ווי אפגעבריטע כאפט חברה דאס אנטון און זיי יאגן זיך האלב נאקעטע נאך דער פור. מען פארט דורך א גרוים דארף. שוין אין גאנצן אכט וויארסט געבליבן ביזן שטעטל. עס פאלט אן א גינגאלדענער בין־השמשות. די תמוזדיקע זון, א צעיווירענע, א צעשמאלצענע, פארקוקט שוין אין אפגרונט אריין. די אנגעגליטע לופט פארלירט איר קאכיקייט. די אנגעפילטע זאנגען גלייכן זיך אויס. די נישט צייטיקע באשטאנעס ציען אויס די קרומע פינגער, הייבן אונטער די ליילעך־ארטיקע בלעטער, אנטפלעקן קליינע קאוועגדלעך און ווייסע דיניעלעך, געלע ארבוזן און בטעות אהער פארטראגענע — בלויע פאמידארן.

אויף דער פור איז רוישיק. אלע זענען אומגעדולדיק. דער שבת קודש קומט אן. שלמה נעמט ארויס זיין סידורל, מישט אויף שיר־השירים. מיט א טיפן פארבענקטן קוק באטראכט ער די לאנדשאפט און ווי אזוי עס פאלט צו די נאכט. עס פארציען זיך אנדערע הימלען, הימלען מיט נשמה יתירה. די זון איז שוין ענלעך אויף א ריזיקן רויטן עפל. איר בלענדנדיקע, נאר קילבלעכע שיין פארפלייצט דעם ים פון זאנגען, די ווייטע גערטנער, דאס דערבייאיקע וועלדל און

אפילו די כוטאַרעס, וואָס זענען צעוואָרפן אויף די ברויטפעלדער.
דער ווינט מישט אים אויף דעם פסוק:

— לכה דודי — קום ליבער מיינער, נצא השדה — לאָמיר אַרויס־גיין אין פעלד אַריין, נלינה בכפרים — מירן אונטערנעכטיקן אין די דערפלעך, נשכימה לכרמים — מירן אויפשטיין קאַיאָר אין די וויינגערטנער, נראה אם פרחה הגפן — מירן זען צי האָט שוין אויפ־געבליט דער וויינגאָרטן, פתח הסמדר — זיך שוין צעעפנט דער סמדר, הנצו הרמונים — צי האָבן זיך שוין צעשפּראָצט די מיל־גרוימען, שם — דאָרטן, פאַר גאָט אַליין, אָן זייטיקע עדות, אתן — וועל איך אָפּגעבן, את דודי לך — מיין ליבע דיר...

ער דערמאָנט זיך אין זיין קליינינקער פּאָלין און פאַרלירט אַ טרערעלע אין פרישן היי אויפן וואָגן.

געמיינט האָבן זיי, אַז די באָבע האָט שוין ליכט געבענטשט. צום סוף איז נאָך אין שטוב אַ חושך: די גויע שמירט דעם ערדענעם דיל און מען לאָזט זיי אפילו די שוועל נישט אַריבערטרעטן. די מומע ברכה טראָגט זיי אַנטקעגן וואַש און זייף.

— אין באָד אַריין! אין באָד אַריין! דער טאַטע איז נאָך אויך נישטאָ.

מיכאל גיט אַ געשריי:

— אָבער שלמהן לאָז אַריין, אָדער גיב אים אויך וואַש.

די מומע פרעגט פאַרוווּנדערט:

— וואָס פאַר אַ שלמה?

באַמערקנדיק דעם גאַסט כאַפּט זי אים אַרום קושן און שרייט אין לעצטן אַלקער אַריין:

— מאַמע, צעוואָרף די הרובע, מיר האָבן אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט...

פון די טיפע חדרים דערטראָגט זיך אַ הייזעריקלעך קול פון אַ באַיאָרטער יידענע, וואָס האָט אַ טבע איבערצוחזרן יעדעס וואָרט:

— ווער איז דער גאַסט? ווער איז דאָרט? שלום, אַז ער גייט אַוועק, פאַרגעסט ער דעם „זיי־געזונט", פאַרגעסט ער. זאָג שוין, ווער איז דאָרט, ווער?

— מאַמע, אפרים־אהרון האָט צוגעשיקט זיין שלמהן אויף שבת...

איבער דער פריש אָפּגעשמירטער ערד לויפט די באָבע צום איי־ניקל, לאָזנדיק הינטער זיך טיפע שפורן פון צעפלאַסקעטע פיס מיט אויסגעקרימטע פינגער.

אויף דער אייבערשטער גאַס, ווו שלום פּיאַטיגאָרסקים שטוב שטייט אין צענטער, דראַפּעט זיך ערשט די זון אויף די דעכער. פאַר־שפּעטיקטע יידן שליסן שוין צו מיט ציטערנדיקע פינגער די קלייטן און לויפן אין איין אָטעם „אין וואַסער אַריין". ביי איין קלייטל זעט

שלמה, ווי עס שטייט א מיידעלע מיט א פלאש אין האנט און וויינט:

— ר' רפאל, האט אויף מיר רחמנות און גיט מיר נאך א פלאש נאפט. דער טאטע וועט מיך אין שטוב נישט אריינלאזן.

דער קרעמער דרייט אכזריותדיק דעם שרויף אין טיר:

— דול מיר נישט מיין קאפ, כ'וועל שוין אזוי אויך אנקומען הלואי צו „לכו נרננו".

— ר' רפאל, גאט וועט אייך מוחל זיין, כ'האב זיך פארשפילט מיט חברטעס און גאר פארגעסן, אז אין שטוב איז שוין פון נעכטן אן נישטא קיין לעק גאזע.

שלמהן נעמט אן ביים הארצן איר קליאנטשען, ער לויפט צו, כאפט אן דעם קרעמער ביי דער האנט:

— איר ווילט פארשטערן דעם שבת א גאנצער משפחה? איך בעט אייך, גיט איר נאך א פלאש קעראסין. אויף מיר די עבירה.

— ווער ביסטו עס, אזא בעל רחמנות? וועמענס ביסטו?

— כ'בין שלום-דודס איייניקל. גיט איר איר? א, א גרויסן דאנק אייך! דערלעבט איבער א יאר!

— האט שוין אפרים-אהרון אזא היפש בחורל קיין עין-הרע? ווי לאנג איז, אז כ'האב מיט אים זיך געשפילט אין באהעלטעניש?...

מיכאל גיט שלמהן א שלעפ פארן קאלנער און זיי פליען אין גאלאפ בארג-אראפ אין באד אריין. דאס מיידעלע קוקט נאך מיט א דאנקבארן קוק איר קליינעם בעל-טובה.

אויף חער בית-המדרש-גאס באגעגענען זיי מנשה דעם רב. ער גיט שלמהן א ברייטן שלום-עליכם און ווייזט אים אן אויפן הימל, אז עס איז באלד די שקיעה.

אין באד ביים אויסטון זיך באמערקט זיי דער זיידע. אליין איז ער צעפארעט פון דער „אייבערשטער באנק". עס רינט ביי אים פון די פיאות און פון חער בארד. ער גיט שלמהן א ליבלעכן קניפ אין בעקל און שרייט אן אויף דער חברה:

— איר קלערט אודאי זיך פליוסקען אין מקוה כאטש א שעה צייט? איר וועט ווייזן שלמהן אייערע קונצן אן אנדערשט מאל אין אצינד — אריין און ארויס, ס'איז נאכט!

לויפנדיק אהיים זיך אנטון באגעגענען זיי שוין יידן זיך אראפלאזן אין שול אריין צו מנחה. ביים דאווענען שטעקט מען דעם קליינעם שלמהן שלום-עליכמס אקוראט ווי א גרויסן. מען פרעגט ביי אים נייעס פון דער שטאט. אנדערע זענען אפילו נישט פויל אט דא מאקע, פאר קידוש, פרעגן ביים קליינעם, ווו האלט ער אין „חולין" און וועגן וואס שמועסט זיך דארט.

קאפיטל III

ביים קידוש נעמט שלמה קיין אויג נישט אראפ פונעם זיידן. אזא זיידע, ווי זיינער איז, פארמאגט נישט קיינער.

שלום פיאטיגארסקי אדער, ווי מען רופט אים אין שטעטל, שלום־דודס, ווייל זיין שווער האט געהייסן דוד, איז א הויכער ייד מיט א הדרת־פנים. זיין לאנגע זילבערנע באָרד, זיינע גלאטע הגעווידיקע פיאות, די שיינע עטוואס געלבלעכע באקן, די שיינענדיקע מילדע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען רופן ארויס צו זיך דרך־ארץ, אפשיי און יראת הכבוד. ווען דאס שלומל איז נאך אלט געווען פינף יאר, האט אים שוין זיין פאטער מיטגענומען מיט זיך קיין סקווירע צום רבין ר׳ איציקלען, דערביי זאגנדיק:

— זאל א קינד זיך צוגעוווינען צו יידישע פנימער...

און דאס קינד האט אנגעהויבן זיך צוגעוווינען. נישט קוקנדיק דער־רויף, וואס ס'איז נאך גאר א פיצל און אין דער היים בלייבט נישט, ווער עס זאל אפילו קידוש מאכן, ווייל שלום איז געווען א בן יחיד, צווישן אכט קינדער — איין זון, דאך און אפשר ווייל אזוי, פלעגט דער פאטער אים מיטנעמען מיט זיך „אין הויף אריין", ווען ער איז נאר געפארן. ימים־נוראים — איז ימים־נוראים, שבועות — איז שבועות, חנוכה — איז חנוכה, און אפט מאל גלאט אויף א שבת. ס'האט א ציי געטון דאס הארץ, איז מען געפארן.

ווען שלום, וואס איז אויסגעוואקסן אין אומאן, איז געווארן א שלום כמעלניקער, א בעל־הבית פאר זיך, האט ער אקוראט אזוי זיך נוהג געווען לגבי זיין אפרים־אהרון. אמת, ר׳ איציקל סקווירער האט שוין דאמאלסט נישט געלעבט, אבער זיין זון, ר׳ דודל סקווי־רער, איז פונקט אזוי הייליק און פארכטיק ווי זיין פאטער. און אזוי האט זיך דאס קייטל געקייטלט — ווי ביי די צדיקים, אזוי ביי די חסידים.

פון סקווירע קיין כמעלניק איז מען מערסטן טייל געפארן מיט דער אקס: פון סקווירע קיין סאקאליווקע, פון סאקאליווקע קיין פיקאוו, פון דארט קיין בויערקע, פון בויערקע קיין מעדוועדנע, פון מעדוועדנע קיין ווינעראד און ערשט פון דארט קיין כמעלניק.

עס פלעגט טרעפן אז ערב־סוכות פאר נאכט, די פור האט פונקט פארשפעטיקט. יידן גייען שוין פון מרחץ אהיים. אין אלע הייזער זענען אויפגעשטעלט די לאדנס אויף די דעכער, ווי להבדיל אויף א „פראזדניק" — די פאנען ביי די טירן. מיט א מאל באוויזט זיך

פון ווינערַדער קלאַדקע אַן אָנקומענדיקע פור, אויף וועלעכער עס זיצט אין איינע אַנגסטן שלום דודס און זיין יינגעלע. אין מיטן גאַס שטעלט ער אָפּ די פור און הייבט אויף אַ גוואַלד:

— יידן ראַטעוועט, ס'איז געציילטע מינוטן צו דער שקיעה און איך האָב נאָך נישט קיין סוכה.

אויף זיין געשריי לויפט מען זיך צונויף פון אַלע הייזער. עמעצער באַצאָלט דעם פורמאַן, עמעצער איז שוין אויפן דאַך, און אַנדערע פונעם בוידעם העלפן אים אויפהייבן די פאַרזשאַווערטע לאָדנס. דאָס קליינע אפרים־אהרונדל טראָגט אָפּ אַליין אין שטוב אריין דעם פאָטערס שווערן טלית־זאַק און דעם פריש געקויפטן אתרוג. שלום בלייבט מיטן עולם זיך מתעסק זיין אין מצות־סוכה.

גאָר גיך ווערט געוויר די אונטערשטע גאַס, און די שניידערשע גאַס, און די בית־המדרש גאַס, און די טאָרהאָוויצע, און די באָנדער־שע, און די סטאָליערשע, און נאָך פיל גאַסן און געסלעך, אַז ביי שלום דודס מאַכט מען אַ סוכה, און ס'ווערט אַ צונויפלויפעניש „אויף די קעפּ".

די זון שמייכלט צום עולם: אַ גוטן טאָג אייך און אַ פריילעכן יום־טוב! אָבער קיינער לייגט אויף איר קיין אַכט נישט. פון ערגעץ טראָגט מען אַ טישל, פון אַ צווייטן עק שטאָט — בענקלעך. אויף די שטויביקע ווענט וואַקסן אויס טערקישע שאַלן און געקעסטלטע פאָרהענגען. דער אָטשערעט שמעקט מיט טייך, מיט לעוואַדע *. עלעק דער שניידער האַלט זיך מיט אַ שיסל וואַסער און נפתלי דער גלעזער וואַשט די פאָדלעגע אין סוכה אויף גינגאַלד. שלום אַליין, אָן דער קאַפּאָטע, דעם טלית־קטן פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע, שטייט אויפן דאַך, ווי אַ פעלדמאַרשאַל, קאָנטראָלירט צי עס איז געננוג אָנגעלייגט סכך און צי דער אַקאַציע־בוים מאַכט נישט קיין אוהל. דורכן קיכפענצטער דערלאַנגט מען אים אַרויס וועש לכבוד יום־טוב און ער לויפט אַראָפּ מיט דער לעצטער נשמה זיך טובל זיין פאַר דער „שהחיינו".

שלום דודס איז דער פאָטער אין שטעטל. נישט קיין רבי, נישט קיין רב, נישט אפילו קיין מזרח־ייד, נאָר דער האַרציקער פאָטער פון יעדן איינעם. מיט איטלעכן איז ער דער בעסטער גוטער ברודער. עס שטייט אים אָן זיך אָפּצושטעלן אין גאַס מיט אַ יינגעלע פון זעקס יאָר און אויספרעגן ביי אים, וועמענס איז ער, פאַר וואָס וויינט ער, ווו האָט ער זיך פאַרשטאָכן ... דאַן זעצט ער דאָס קינד אַוועק ביי זיך אויף די קני, וואַשט אָפּ מיט שפייעכץ דאָס פאַרשטאָכענע אָרט,

---

* א לאַנקע ביי א טייכל.

מיט די נעגל און מיט א שטעכלקע באקומט ער ארויס דאס שפי־ציקל, וואס איז פארקראכן אין פיאטקעלע, בינדט ארום דאס פאר־בלוטיקטע ערטעלע מיט זיין גאזשיכעלע, נעמט דאס יינגעלע אויף די פלייצעס און טראגט עס אפ אהיים. און ווען דעם קינדס מוטער דאנקט אים מיט טרערן פאר זיין טרחה, קוקט ער זי אן פארוואונדערט:

— משמעות, ווען איר טרעפט מיינס א קינד מיט א פארשטאכן פיסל, וואלט איר דעם נישט געהאלפן זיך דערקלויבן אהיים?

טאמער טרעפט דער שלום אן אלטע גויע גיין פונעם טייך און זיך אונטעררייסן טראגנדיק א פאק וועש, נעמט ער איבער איין קלימעק אויף זיינע פלייצעס און טראגט איר אים אפ ביז דער שטוב, ווו זי וואשט. און ווען שיינע יידן, שטאט־בעלי־בתים מוסרן אים:

— ר' שלום, ס'איז דאך א חלול השם... ס'איז דאך א גויע... כאפט זי דער רוח, א דאגה אייך, אויב זי וועט זיך אונטעררייסן...

בלאזט ער זיך אן און ענטפערט מיט פארדרוס:

— אויף דער גוישער הכנסת־אורחים מאכט איר זיך נישט ווילנדיק און טאמער האב איך צוגעהאלפן איינער פון זיי טראגן דאס פעקל, ארט עס אייך. פע, שעמט אייך אין אייער ווייטן האלדז אריין!...

— ר' שלום, גוואלד, אבער א חסידישער ייד...

— האט קיין פאראיבל נישט, נאר איר האט אזא השגה אין חסידות, ווי איך איצט אין אייערע רייד...

ר' שלום, הגם אליין איז ער פון די גרעסטע מקורבים אין סקווירע און אליין א ייד א למדן, געלערנט תוספות מיט מהרש"א, ווייסט פירוש המלות אין „זהר", זאגט תהילים אויסנווייניק ווי א וואסער, אבער פון קיין שיינע יידן האלט ער נישט. ער האט א שטאט אין „שפיגל" און איז אויסגעבונדן מיט די בעלי־מלאכות. אין א הייסן זומערטאג קען מען אים טרעפן זיצן הינטער א קוזניע, אין מיטן א רעדל בעלי־מלאכות פון דער אונטערשטער גאס, און דערציילן זיי א מעשה וועגן דעם בעל־שם־טוב, אדער אויסנווייניק לערנען מיט זיי א משנה פון פרק. די אויגן ביי אים בשעת מעשה פינקלען און די לאנגע בארד טאנצט אונטער צום טאקט. א קול האט ר' שלום ווי א כשוף־פייפעלע, ס'נעמט אדורך דאס הארץ מיטן מארך און מען קען זיך נישט אפרייסן פון אים.

אז נישט קען טרעפן אין א פארשנייטן ווינטערטאג, אז עס איז א צער־בעלי־חיים א הונט אויף דער גאס ארויסצולאזן, גליטשט ער זיך אראפ אין הער באנדערגאס, רופט אריין עזריאל צעלניקער, יאקל דעם קעסלער, חיים דעם שטריקלדרייער, עליע־חיים דעם קירזשנער

און עטלעכע באַנדערס צו אַרקע דעם שניידער, שטעלט אַפּ די מאַשין און זאָגט :

— אַרקע סערדצע, אויף עסן האָסטו שוין היינט פאַרדינט, אַצינד לאָמיר עפּעס שענקען אויך דער נשמה...

און פון אונטער דער פּאָלע יאַוועט זיך ביי אים אַן „עין יעקב". דער עולם אין די האַלבפעלצלעך מיט די פאַרקאַשערטע אַרבל ווערט באַצויבערט פון ר' שלומס קול, פון זיין מסביר זיין. אומבאַמערקט פאַלט צו די וויטערדיקע קלעפּיקע נאַכט און ער גיט אַ קאָמאַנדעווע :

— אוי־וואַ ! מיר האָבן שוין אַודאי מנחה פאַרשפּעטיקט. קומט, מיר האָבן אַקוראַט אונדזערן אַ מנין.

אַן אַנדערע ברירה האָט מען ? ווער וועט עס גיין צעקלאַפּן אַ מנין ? אָט אַזוי ווי מען שטייט און מען גייט, מאַרשירט מען אַראָפּ אין שול אַריין. באַלעבאַטישע יידן זאָגן שוין „עלינו" און ר' שלום מיט זיין הדר בלייבן אין פּאָליש און עמעצער זאָגט „אשרי".

לחלוטין אַ היפּך פון אים איז די באָבע זעלדע. אויף וויפל ער איז אַ בטלנישער ייד, אַזוי איז זי שוין אַ סוחרטע, אַן „אויסגעריכטע ליולקע". דער זיידע איז אַ העלער, אַ שיינער, און זי איז אַ שוואַרצע און נישט קיין שיינע. שלמה האָט זיך אָנגעהערט הונדערטער מעשות, ווי זיין זיידע האָט נישט געוואָלט די באָבע. צום קנס־מאָל איז ער אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, זי — דרייצן. אין שטוב, ביים ווייבערישן טיש זענען געזעסן אַן אַ שיעור חברטעס און ער האָט זיך נישט אין גאַנצן פונאַנדערגעקליבן, וועלכע צווישן זיי איז דאָ זיינע. נאָר אין צוויי יאָר אַרום, ווען ער האָט פאַר דער חופּה דערזען, אויף וויפל זיין כלה איז „אַנדערש" פון זיינע שוועסטער, איז ער אַנטלאָפן אויפן דאָרף, געוואָלט צו פּוס אַוועק קיין אומאַן. דער סוף איז געווען : מען האָט אים געפּאַקט, חתונה געמאַכט, און אַזוי אויף קאַטאָוועס, ברוגזערהייט האָבן זיי דריי זין און דריי טעכטער.

די באָבע איז דעם זיידן ביזן אַקסל, אַ שוואַרצע אָן איין גרויע האָר, הגם זי איז שוין אַלט זיבן און פופציק יאָר. זי האָט אַ שם אין יענער געגנט. אירע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געהאַנדלט מיט שניט־סחורה און זי אויך און איר אפרים־אהרון אויך.

— מאַנופאַקטור — גיט זי צו פאַרשטיין, ווען זי איז אין גוטן מוט — איז אַ ריינע, אַ שיינע פּרנסה. וואָס דען ? שטריק, טשוועקעס, קעראָסין, סמאָלע, צי גאָר אַ שענקל ? — פּע !... דערפאַר, אַז אַ מענטש קומט קויפן אַן אַנצוג, איז ער ערשטנס אויפגעלייגט, צווייטנס איז ער עטוואָס מילד, דינגט זיך נישט ביז דער לעצטער קאָפּיקע, און אויב אפילו יאָ, קען מען אים איז דער מאָס „אָנפּייפן"... און דאָס, וואָס איר שלום לייגט איין די וועלט, אַז דאָס איז אַן

איסור מן התורה, וועד העדט זיך צו צו אים? מען זאָל וועלן קוקן אויף זיינע דרכים, וואָלט מען שוין לאַנג אין די הייזער געגאַנגען. אַ סך פאַרשטייט ער אין די זאַכן.

די מומע ברכה איז אין גאַנצן געראָטן אין דער מוטער, נאָר שוין עטוואָס גרויסשטעטישער. זי האָט געוווינט מיטן מאַן דריי יאָר אין ווינִיצע, רעדט זי שוין רוסיש, נישט „גוייש", וויַיזט אַרויס גרויסשטעטישע מאַניערן און שעמט זיך שוין אַ ביסל מיט איר עם־הארצות. דער מאַן איז אין יאָר 1918 געשטאָרבן פון טיפוס און האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ פינף־חדשימדיק מיידעלע אויף די הענט. פון דאַמאָלסט אָן וווינט זי ווידער מיט די עלטערן און העלפט זיי צו אין דער פרנסה. מיכאל און יחיאל, אַז דער רוח ברענגט זיי אַהיים אויף שבת, מאַכן זיי איר שיר נישט דעם טויט: ברכה, גיב דאָס; ברכה, גיב יענץ; און טאָמער דערלאַנגט זי נישט אַזוי גיך, צעברעכט מען אירע קעמעלעך אָדער מען שמירט אויס איר שאַלעכל אין סאַזשע, אַז נישט, נעמט מען קיצלען איר טעכטערל אין די פיאַטעס. ברכה באַוויינט זיך אויף אירע יאָרן און טעג, וואָס זי דאַרף זיין אין גלות ביי אַזעלכע רוצחים. אַז דעם זיידן פאַרקלעמט ביים האַרצן איר וויינען, כאַפּט ער דעם האַנטעך און נעמט זיך יאָגן נאָך זיינע פּוסט־און־פּאַסטניקעס. דאַן קריכן זיי אַרויף אויף דער שאַפע און שרייען, אַז ברכה אַליין איז אין אַלץ שולדיק:

— ערשטנס, פאַר וואָס האָט זי באַלד נישט דערלאַנגט קיין עפּעלעך; צווייטנס, פאַר וואָס גייט איר מיידעלע מיט באָרוועסע פיסעלעך. ווען זי וואָלט געטראָגן שיכעלעך, וואָלט נישט געווען וואָס צו קיצלען; דריטנס, ווער האָט זי געבעטן קומען פון ווינִיצע?

אָבער עס קומט זונטיק, דער רוח טראָגט זיי צוריק אַוועק און אַלץ ווערט פאַרגעסן. דעם קומענדיקן פריַיטיק באַגעגנט ברכה ווידער מיט פרייד די „רוצחים" און אין דער פרי באַוויינט זי זיך ווידער.

קאַפּיטל IV

שבת נאָכן עסן איז שוין אַ חוק ולא יעבור, מען זאָל גיין צו דער מומע זלאַטע. דאָרט שלאָפט מען נישט שבת נאָכן עסן. דאָרט מעג מען אַלץ טון און די מומע דערלאַנגט אויפן טיש, וואָס ס'איז נאָר דאָ אין שטוב. און דערפאַר, ווען מען זאָל יונגוואַרג אפילו צובינדן מיט נייע שטריק, וואָלטן זיי אויך זיך אַרויסגעריסן און אַוועק צו מנשהן און צו דער מומען.

כאַדראַוּוס הויזגעזינד, דאָס איז אַ געפּלאָנטער פון טראַגעדיעס: ביי יעדן משפחה־מיטגליד איז אָדער שוין נאָך דער טראַגעדיע, אין

מיטן דער טראַגעדיע, אַז נישט — איז ערב אַ טראַגעדיע... אָבער אין שטוב איז עס נישט צו דערקענען. מען רעדט, מען שטיפט, מען איז פריילעך. די פענצטער גייען אַרויס צום גרויסן מאַרקפּלאַץ. אַלע שפּאַצירנדיקע גיבן זיך אַ נויג פאַרבייגייענדיק:

— אַ גוט שבת, ר' מנשה, איר האַלט נאָך פאַרן בענטשן?

באַלעבאַטים, צעשוויצטע פונעם קוגל און פון דער גרויפּענער קאַשע, כאַפּן זיך אַריין אַ שמועס טון אַ ביסל פאַרן שלאָף. מנשה זיצט אויף זיין שטול אויבן־אָן אין אַ פאַרגעלטער פּליושענער יאַרמולקע, צווישן די ליפּן האַלט ער אַ שפּיץ פון זיין העלבלאָנד בערדעלע. אויף זיין קלוגן, גוטן פּנים ליגט אויסגעגאָסן דער „שבת וינפש“. ער בעט יעדן מאַכן אַ ברכה „העץ“ און פרייט זיך ווי אַ קליין קינד, וואָס מען וועט שוין באַלד קענען בענטשן „בשם“.

מנשה דער רב האָט אַ פאָטער אויך און בפירוש גאָר אַ געראָטענעם, נאָר זייער ווייניק יונגעלייט אין כמעלניק געדענקען לייב כאַדאַראָוו. מען ווייסט נאָר, אַז ער וווינט שוין זייער לאַנג אין אָדעס, שיקט נישט קיין געלט אַהיים. נאָר אַ מאָל, אַ מאָל אויף אַ פּסח כאַפּט ער זיך אַראָפּ. די מומע זלאַטע איז מיט פיר יאָר יינגער פון איר שלומען, גאָר חתונה האָט זי געהאַט מיט אַ יאָר פריער פון אים. איר לייב איז געווען אַ היפּך פון שלומען. אין דער צייט, ווען שלום האָט אַ חוץ תהילים אין זיין לעבן קיין תנ"כל אין די הענט נישט גענומען, האָט לייב געקענט גאַנץ תנ"ך אויסנווייניק, געווען אַ פּראָפעסאָר אין דקדוק, געלייענט אין דער תורה מיט טראָפּ און מיטן מלעל און מלרע. נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס דער „כוזרי“ מיטן „מורה נבוכים“ זענען ביי אים געווען דאָס לעבן מיט דער נשמה. פון קיין רבין האָט ער נישט געוואָלט הערן, די פּיאות האָט ער געטראָגן נאָר ביזן שיעור, אין מקוה איז ער געגאַנגען נאָר פאַר תקיעות און פאַר כל־נדרי, און פון פאַסטן „שובבים“ אָדער „בה"ב“ האָט ער אפילו הערן נישט געוואָלט.

באַלד נאָך דער חתונה, ווען די מומע האָט זיך אַרומגעקוקט, מיט וואָס פאַר אַ כלי גאָט האָט זי געבענטשט, האָט זי איינגעלייגט די וועלט: נאָר גט און גט... האָט אָבער ר' דודל ז"ל אָנגעשריבן, אַז מיט אַזאַ זאַך איילט מען זיך נישט. איר פאָטער פון אומאַן איז אויך געקומען צו פאָרן און שלום האָט נישט גערוט, ביז לייב האָט נישט געגעבן קיין שבועה, אַז מער נעמט ער נישט אין האַנט קיין השכלה־ספרים און וועט שוין זיין גוט און וויל. זלאַטע איז געווען אַ בילדשיינע פרוי, זי האָט שוין געטראָגן מיטן פערטן קינד און לייב איז איינגעגאַנגען אויף דעם קרבן, אַבי נישט צעברעכן זייער לעבן.

עטלעכע יאר זענען פארביי חויק, לייב האט געארבעט ביי דער פריצע אין אימעניע אלס בוכהאלטער. די איבעריקע צייט איז ער געזעסן איבער דער גמרא. דער גרויסער סקאנדאל האט געטראפן אקוראט א חודש נאך דעם, ווי מנשה האט אנגעהויבן לערנען חומש. זלאטע האט באמערקט אויף לייבן, אז עפעס איז ער בלייכער ווי אלע מאל און עפעס ווערט ער פארפאלן ערגעץ אויף גאנצע שעהן. זי האט זיך פארלייגט שטילערהייט אים נאכצושפירן און האט טאקע געפאקט אויפן בוידעם א גאנצן אוצר מיט טריף־פסולם: דעם „השלוח" און דעם „דור דור ודורשיו". איר גוואלד האט דאמאלסט אויפגעהויבן גאנץ כמעלניק. וויפל ר׳ יאסי דער רב און איר שלום האבן נישט געפרוווט זי איינצושטילן, אלץ איז געווען אומזיסט. זי האט זיך באוואפנט מיט אן אייזערנער קאטשערע און איז ארומגעלאפן איבער די גאסן זוכן איר „עוכר ישראל": ער האט עובר געווען אויף א שבועה, און זי וועט אים דעם קאפ שפאלטן. און ווער ווייסט וואס מיט אים וואלט טאקע געשען, ווען זי פאקט אים; נאר גוטע ברידער האבן אים עטלעכע טעג אויסבאהאלטן פון איר און ער איז אוועק קיין אדעס.

פון דאמאלסט אן זענען פאריבער העכער צוואנציק יאר. זי איז עד היום געווען א כמעלניקער, און ער — עד היום אן אדעסער. מען האט אפילו געפרוווט זיך אריינלייגן אין שלום און מער פון אלע טאקע שלום דודס, איר ברודער; נאר ס׳האט גארנישט געהאלפן. דער אפגרונט צווישן דעם פארפאלק איז אלץ געוואקסן. זי האט נישט געוואלט ארויפלאזן קיין אפיקורס אויף דער שוועל און ער האט נישט געוואלט ליידן פון דער ווילדער פאנאטיקערין. אזוי איז טאקע די שטוב חרוב געווארן. די מומע זלאטע האט דאס ערשטע יאר באגראבן צוויי היפשע קינדערלעך, א ייִנגעלע און א מיידעלע. די וועלט האט דאס „אויסכאפעניש" אנגעהאנגען אין איר רשעות קעגן דעם מאן, און זי, פארקערט, האט דערוויזן מיט כלערליי ראיות, אז דאס איז אין זכות פון איר אפיקורס, פון איר כופר בעיקר, עלעהיי עכן בן כרמי... זי איז קראנק געווארן אויף היפשע עטלעכע חדשים, און ווען זי איז געזונט געווארן, איז ביי איר געבליבן א שטיקל משוגעת.

קיינעם האט זי נישט געטשעפעט. אדרבא, אליין האט זי געציטערט פאר א פליג. נאר מיטן מויל פלעגט זי ארבעטן אן אן אויפהער און אלץ רעדן עפעס אזעלכע משונה רייד, א ווארט צו א ווארט האט זיך נישט געקלעפט. און אלץ מיט אזא פייער, אז שוים פלעגט איר זעצן פון מויל. דערנאך איז זי ווידער קראנק געווארן. נאר דאס איז שוין געווען, ווען איר עלטסטער זון יאנקל איז

געהרגעט געוואָרן אין פּאָרט־אַרטור בעת דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג. פון דאַמאָלסט אָן איז זי שוין מער קיין מאָל נישט געווען אין גאַנצן געזונט. א ביסל פלעגט זי זיך אַרומשלעפּן איבערן שטוב, אָבער ס׳רוב ליגן צו בעט. דער פעטער לייב האָט געאַרבעט אין אָדעם אין א סקלאַד פון ביכער. ערגעץ אין א שולעכל איז ער גע־ווען א בעל־קורא און קוים פאַרדינט פאַר זיך אַליין. די הוצאה פון זלאַטעס שטוב האָט שלום געמוזט נעמען אויף זיך.

די ערשטע יאָרן נאָך דעם מחלוקת פלעגט נאָך לייב א מאָל קומען אויף פסח אהיים, אָפּוווינען עטלעכע וואָכן, איבערלאָזן דאָס ווייב א מעוברתע און שוין אין אָדעם באַקומען פון שלומען א מזל־טוב מיט א פּאָרטיקן נאָמען. נאָך עטלעכע קינדער זענען ביי זיי גע־שטאָרבן, אַזוי אַז פון די אַכט קינדער, וואָס זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן, זענען זיי לעצטנס געבליבן ביי דריי. מנשה, דער עלטסטער, איז צו יענער צייט, ווען שלמה איז געקומען קיין כמעלניק, שוין אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. א הויכער, א דיקלעכער, מיט א רונד, גוטמוטיק פּנים, דעם „פעטער שלומס אויגן“, א סענטי־מענטאַלע מעלאַדישע שטים, פּוכקע ווייסע הענטלעך, א געדיכט בלאָנד בערדעלע, וואָס ער פלעגט פוצן מיט א טאַשן־בערשטעלע פון אויפשטיין ביז לייגן זיך, און א זעלטענע דימענטענע נאַטור. עס האָט אים נאָך קיינער נישט געזען טרויעריק אָדער גאָר אין כעס. חלילה וחס! די צוויי אייגנשאַפטן האָבן ביי אים געפעלט. ער איז אין אַלע ערגסטע צייטן געווען אויפגעלייגט, געהערט מיט מענטשן פריידיק, מיט אַפשיי און מיט פאַרבאָרגענער ליבע. דער זיידע שלום פלעגט מיט דרך ארץ דערמאָנען זיין נאָמען. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַליין איז ער געווען עלטער פון אים אויף פינף און דרייסיק יאָר, דאָך פלעגט ער שטענדיק ביי זיין אַריינקומען אויפשטעלן זיך פאַר אים, זיך נישט זעצן, ביז מנשה האָט זיך נישט געזעצט. ער פלעגט זאָגן:

— מנשה איז נישט קיין פּראָסטער מענטש. מען דאַרף זיין א מבין אויף מנשהן.

דאָקעגן גאָלדען, די מיטלסטע, האָט שוין קיינער נישט ליב געהאַט. זי איז געווען מיט א פיר, פינף יאָר יינגער פון מנשהן. א לאַנגע, א רויטע, מיט פאָקן אויפן פּנים. זי האָט אין איר לעבן פיל ביכער אויסגעלייענט. אין דער יוגנט האָט זי פיל ייִנגלעך אין הארצן ליב געהאַט און איז געווען פאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט דער־פאַר, וואָס אין לעבן איז נישט אַזוי „אינטערעסאַנט“. ווי עס קומט פאָר אין די ראָמאַנען. איצט האָט זי שוין קיינעם נישט ליב געהאַט, נישט די „משוגענע“ מאַמע, נישט דעם „פאַרדרייטן“ טאַטן דאָרט,

נישט דעם „בעל רחמנות", דעם פעטער שלום, נישט דעם „קלור־גיטשקן" אפרים־אהרונען. אַלע זענען איר געווען פריקרע. אין יעדן האָט זי געפונען חסרונות. דאָך, איין נפש איז געווען, וועמען אָט די „שלאַנג" האָט פון דעסט וועגן שרעקלעך ליב געהאַט: דאָס איז געווען איר ייִנגער שוועסטערל דינה. זי האָט זי פאַרגעטערט, נישט געלאָזט זי אַליין מאַכן קיין צוויי טריט, אָפּגעבלאָזן איר דאָס אָרט און געווען גרייט אויסצודראַפּען די אויגן יעדן איינעם, וואָס וואָלט זיך פאַרגינען זאָגן אויף איר „דינוסיען" אַ קרום וואָרט.

און ס'איז באמת געווען אוממעגלעך נישט ליב צו האָבן די דינה כאַדאַראָוו. דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן. אַ וווקסיקע, אַ טונקעלע בלאָנדינקע מיט געפלעשלטע לאָקן. דאָס פּנימל אַ פּולס, אַ ליכטיקס, „דאָס גוטסקייט ליגט איר אויפן פּנים" — פלעגן שכנים זאָגן. אַ ווייך צניעותדיק קולכל. אַ שעמעוודיק רייצנדיק געלעכטערל. אָנגעטון שטענדיק „ערשט פון דער נאָדל". טאָמער האָט גאָלדע דערזען אַ שטויבעלע אויף איר ליבלינגס אָנצוגל, אַזוי האָט זי אָוועקגעוואָרפן אין מיטן גרייטן דעם מיטאָג און איר נאָך אַ מאָל אויסגעפּוצט און אויסגעבערשטלט און אויסגעפּרעסט און אָנגעשמעקט. קיין נייע זאַכן האָבן די כאַדאַראָווס נישט פאַרמאָגט זיך צו מאַכן, אָבער אויף צוצוגעבן אַן אַלט אָפּגעטראָגן קליידל דעם זיבעטן חן, דערויף איז גאָלדע געווען איין בריה.

די מומע זלאַטע זיצנדיק אום תמוז איינגעוויקלט אין דער וואָלענער שאַל אויף דער אָטאָמאַנקע און זיך צוקוקנדיק, ווי גאָלדע לייגט אַוועק כוחות אויפן ייִנגערן שוועסטערל, קייכט פון געלעכטער:

— איך פרעג דיך נישט מער, וואָס לעקסטו זי, וואָס? ס'איז עפּעס אַ נפקא־מינה, צי דאָס קעלנערל וועט זיין אויסגעפּרעסט און דאָס שיכל וועט גלאַנצן, צי דאָס קעלנערל וועט גלאַנצן און דאָס שיכל וועט זיין אויסגעפּרעסט?... אַרבעט יאָ אַרום איר, אַרבעט נישט, אַלץ איינס איז זי מיכאַלס. שלום איז איר אַ טאַטע, וועט ער זיין אַ שווער אוי אַ טאַטע... מיכאל איז טאַקע אַ טייער קינד. וועט ער נישט זיין קיין רב, אָבער קיין אפּיקורסישע ביכער וועט ער אויך נישט לייענען. נישט מיר, נישט דיר... היינט עפּעס אַזאַ נאָמען איז גאָרנישט? מיין טאַטנס נאָמען! און דינה איז מיין מאַמעס נאָמען. אין איין וואָך מיט זעלדען אין קימפּעט געלעגן. פון איין ברוסט זיי געזויגן. זעלדע מיט אירע יאַרידים, און ביי מיר טשמאָק, טשמאָק... צי אפשר געפעלט איר נישט דער יחוס, זעלדען? אַ חכמה איז זי איצט, אַז זי האָט אויסגעכאַפּט מיין שלומען, מען האָט איר געדאַרפט אַריינרוקן אַזאַ אויסוווּרף ווי מיין „חיים

טריטל", וואָלט זי שוין לאַנג געטראָגן אַ צלם אויפֿן האַלדז און אַ פֿולן פֿאַרטעך מיט חזיר־פֿיסלעך... ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן די רייד. ס'מעג קומען גאַנץ יאַנפּאָניע און גאַנץ בערדיטשעוו, איז דער שידוך אַ שידוך... איך וועל אויפֿהייבן אַלע מתים, מיין טאַטע־מאַמע, ר' מיכעלע זלאַטשעווער, און אונקלס הגר... ס'וועט זיך איבערקערן די וועלט. טאָמער האָט נאָך דער אָדעסער שאַלטיק אפֿילו איין צאָן אין מויל, וועל איך אים אויסרייסן און מיט אים אויסשטעכן גאַלדען, דער מרשעת,ביידע אויגן, טאָמער רעדט זי אוים אפֿילו איין שלעכט וואָרט אויף מיכאלן. ווו איז מיכאל? נאָך וואָס האָט מען אים פֿאַרשיקט קיין זוועניגאָראָדקע, נאָך וואָס? ברענגט אים אַהער! ברענגט אים, זאָג איך אייך... גיך, אַז נישט, הייב איך אָן צו שעלטן...

די כאָראָאָוס זענען שוין אַזוי צוגעוווינט צו אירע פּזמונות, אַז זיי וואָלט שוין גאָר מאָדנע געווען, ווען די מאַמע שווייגט. די מומע זלאַטע רעדט אַזוי און רעדט, ביז עס באַשלאָגט זי אַ שווייס. דאַן כאַפּט זי אַריין דעם עק שאַל אין מויל אַריין און ווערט אַנטשוויגן. אין אַ האַלבע שעה אַרום רעדט זי שוין ווידער פֿאַר פֿייער און פֿאַר וואַסער.

ווען מנשהן איז עטלעכע יאָר נאָך יאַנקלס געהרגט ווערן גע־וואָרן דרייצן יאָר, האָט זיין פֿעטער שלום אים אָפּגעפֿירט קיין קעשענעוו אין ישיבה. מיט אפֿרים־אהרונען האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן. ערשטנס האָט זיין זעלדע נישט געוואָלט אָפּלאָזן דאָס קינד פֿון די אויגן. צווייטנס האָט ער אַליין, שלום טאַקע, אויך אַ ביסל מורא געהאַט פֿאַר דער „פֿרעמד", ווייל דאָס קינד האָט שטאַרק געצויגן צו די „קלאַסן". דריטנס האָט אים דער „רבי" געזאָגט, אַז צו יראת שמים מוז מען נישט דווקא ענדיקן אויף רב. אַזוי אַרום איז אפֿרים־אהרון געבליבן אַ היימיש ייִנגל. אָבער פֿון דאַמאָלסט זענען שוין פֿאַריבער צען יאָר. נישטאָ די כוחות איינצוהאַלטן אַ קינד לעבן זיך. און וואָס וועט טאַקע זיין פֿון אים? אפֿרים־אהרון האָט געהאַט אַ מוטער אַ ברויטגעבערין, און מנשה האָט נישט קיין פֿאָטער. וויפֿל נאָך וועט ער, שלום, קענען פֿירן צוויי משפּחות מיט צווייערליי הוצאות?... ניין, ניין, מען מוז טראַכטן וועגן אַ תכלית פֿאַר מנשהן. און ער איז אָנגעקומען אין יאָר 1908 קיין קעשענעוו לערנען אין ישיבה און עסן „טעג". אַכט יאָר האָט ער געלערנט אין קעשענעוו ער ישיבה, דערנאָך איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין טיראַספּאָל צו אַ גרויסן רב. אַ יאָר צייט האָט ער אָפּגעלערנט להוראה אונטער זיין השגחה און צו צוויי און צוואַנציק יאָר געפֿאָרן אַהיים אַ פֿאַר־טיקער רב.

קאפיטל V

נישט ווייט פון אומאַן, אין אַ קליין שטעטעלע מיטן נאָמען טערליצע, האָט געוווינט זיין מוטערס אַ שוועסטער, אַן אלמנה מיט צוויי מיידלעך. איז ער פאַרבייפאָרנדיק אָפּגעטרעטן צו גאַסט ביי זיין מומען. דאָס יונגע ישיבה־בחורל איז געוועזן זייער דערשלאָגן. פון דער היים האָט מען געשריבן, אַז ביים פעטער שלומען איז דורך דער רעוואָלוציע אָפּגעשניטן געוואָרן די גאַנצע פרנסה, אַז עס סטייעט אפילו נישט פאַר אים אַליין, טאָ ווו זשע זאָל ער נאָך נעמען פאַר זייערט וועגן? דערצו איז נאָך די מוטער זייער קראַנק, זאָל ער קומען וואָס גיכער און אָנהייבן עפּעס צו פאַרדינען.

פון טיראַספּאָל איז ער פאַרפאָרן קיין אָדעס זיך זען מיטן פאָטער און געטראָפן האָט ער אַ צעבראָכענעם אַלטיטשקן, אַן אָפּגעבליאַקעוועט פנים מיט פאַרלאָשענע אויגן — גאָרנישט דער זעלבער, וואָס אויף די פאָטאָגראַפיעס. איבערלייענענדיק דעם בריוו פון דער היים, האָט אים דער פאָטער מיטגעגעבן אויף דער ערשטער צייט זעכציק רובל. מנשהן איז געוועזן אַ ווייטיק מיט אַ בזיון, וואָס ער, אַ יונגער, אַ געזונטער, דאַרף צונעמען די לעצטע עטלעכע גראָשנס ביי אַ צעבראָכענעם זקן. מיט אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען איז ער אָנגעקומען צו זיין מומע דאָבריש אַריין שטוב און דאָרט איז מיט אים געשען אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך דעם צענדליקער יאָרן באַוויינט.

פונעם ערשטן בליק אויף זיין מומעס יונגער מיידל חנה איז ער אין איר פאַרקאָכט געוואָרן. די פאַרשטיקטע ליידנשאַפט פון אַ צוויי און צוואַנציקיעריקן בחור האָט מיט אַ מעכטיקן כח אויפגעברויזט אין אים און האָט אים אין גאַנצן באַהערשט. דאָס עלטערע מיידל שפרה איז געוועזן מיט דריי יאָר עלטער פון אים, אַ נידעריקע און שטאַרק אַ מיאוסע. ס'האָט נישט געהאָלפן נישט איר „מאַנסבילשער קאָפּ", נישט דאָס, וואָס זי איז „נעבעך אַן ערלעך קינד", נישט דאָס, וואָס זי איז דאָס עלטסטע קינד — מנשה האָט אויף איר אפילו קוקן נישט געוואָלט, אויסגעמיטן זי און מורא געהאַט זיך באַגעגענען מיט איר אויג אויף אויג. חנה דאַקעגן איז געוועזן אַ „שיינהייט". איר פנימל, איר קולכל, איר גענגעלע האָבן אים אַראָפּגעפירט פון זינען. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג: שפרה נאָך מנשהן און ער — נאָך חנהן. וואָס מער מנשה האָט שפרהן נישט באַמערקט, אַלץ פייערדיקער איז געוואָרן איר ליבע צו אים. און וואָס מער חנה

האָט זיך אויסגעלאָזט פונעם פרישן „ראַביניעץ“, אַלץ מער איז ער אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט. חנה איז אָפּגעפאָרן קיין אומאַן צו אַ קרובה, מנשה איז איר נאָכגעפאָרן. האָט זי געמאַכט די פּליטה קיין טאַלנע, איז ער מיט אַ ספּעציעלער פּאָטשט איר נאָכגעפאָרן אַהינצו. נישט טרעפנדיק זי דאָרטן איז ער איר נאָכגעפאָרן קיין זוועניגאָראָדקע און האָט זי דאָרט געטראָפן ביים דיין אין גאָרטן.

אַן אויפגערעגטער מיט אַ צעוויטיקטן האַרץ איז ער אַן לשון שטייען געבליבן פאַר איר. אַ צאָרנדיקע האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אים געגאַנגען אַקעגן:

— מנשה, איר זענט דאָך נישט קיין קינד, וואָס לויפט איר מיר נאָך?

מנשה איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער לענג. ער איז געווען עטוואָס העכער פון איר און עלטער מיט איין יאָר. מחמת איבעררעשונג, וואָס „חנה'לע אַליין“ רעדט מיט אים, האָט ער נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסברענגען. דאַן האָט זי אים שוין ווייכער געפרעגט:

— נו, ווי שעמט איר זיך נישט נאָכצולויפן אַ מיידל? גאָך אַ רב אויך צו די צרות... פאַרט אַהיים און מאַכט זיך נישט נאַריש.

— חנה, איר געפעלט מיר. פאַר וואָס זאָל איך אייך אויך נישט געפעלן ווערן? פאַר וואָס זאָלן מיר נישט חתונה האָבן?

— אַ צווייטן וואָלט איך אפילו נישט געענטפערט אויף אַזעלכע נארישע פראַגן, נאָר איר זענט מיר דאָך אַ געשוועסטער־קינד, רייסט מיר דאָס האַרץ אויף אייך. איר האָט אַ טעות, מנשה, איך בין ווייט פון אַזעלכע יונגעלייט ווי איר...

— חנה, איר קענט מיך דען אפילו?

— איך פאַרשפּאָר אייך צו קענען. ס'איז גענוג דער נאָמען „רב“. און דערצו גאָך זענט איר אַ בלאָנדער און איך האָב ליב ברונעטן.

— וואָס איר זאָגט אַ בלאָנדער, קען איך דערצו גאָרנישט העלפן, אָבער בנוגע מיין רבנות וואָלט איך צוליב אייך געוואָרן כ'וויים אַליין נישט וואָס...

— מנשה, גענוג צו שפּאַסן. איר זענט אַ דערוואַקסענער מאַנס־ביל. איר טאָרט מיך גאָר נישט וועלן, פּונקט ווי איך אייך.

— חנה, וואָס הייסט איך טאָר נישט? איך גיי אויס נאָך אייך... איך וועל אייך אויף די הענט טראָגן...

חנה האָט אויסגעשאָסן מיט אַ טרוקענעם חוזקדיקן געלעכטער:

— איר ווייסט, וואָס איר רעדט? וועמען וועט איר אויף די הענט טראָגן? אַ מיידל, וואָס שפּאַצירט מיט אָפיצערן ביז אין ווייסן טאָג אַריין...

— דאָס טראַכט איר אַלץ אויס, אבי פון מיר פּטור צו ווערן.

— ניין, איך טראַכט נישט אויס... די גאַנצע שטאָט רעדט הערפון.

— די שטאָט ווייסט נישט, וואָס זי רעדט.

— מאָלט אייך, אַז זי ווייסט שוין דוקא יאָ... איך האָב פאַר אַ יאָרן אין אומאַן געהאַט אַ געליבטן און געלעבט מיט אים צוויי חדשים ווי אַ מאַן מיט אַ פרוי... געגוג פאַר אייך?

— איך גלייב נישט קיין איין וואָרט אייערן. איר וועט מיך נישט אָפּשרעקן. איך פרעג אייך נישט אויף אייער פאַרגאַנגענהייט... איר געפעלט מיר... איך האָב אייך... שטאַרק, שטאַרק... זייט אַ גוטע און זאָגט, אַז איר פילט צו מיר דאָס זעלבע. קיינער וועט אייך נישט אַזוי טייער האַלטן ווי איך... איך וואָלט, דאַכט זיך, געשטאָרבן פאַר בושה און נישט גערעדט אַזעלכע דיבורים, נאָר איך בין איצט נישט קיין באַלעבאָס אויף זיך... גאָט איז מיין עדות, איך ווייס אליין נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך...

— אַזוי ווי איר ווייסט נישט, אַזוי וועט אייך נישט שאַטן... ניין, ניין, מנשה, איך בין נישט פאַר אייך. אומזיסט צעטרענצלט איר אייער טאַטנס געלט אויף הוצאות זיך יאָגן נאָך מיר. איך וועל קיין מאָל נישט זיין קיין רביצן און נישט קיין כּאַדראַוו אויך. אויב איר ווילט שוין יאָ אַזוי מסוכן חתונה האָבן, קען איך פאַר אייך ווערן אַ שדכנטע מיט מיין שפּרהן... א י ר געפעלט איר שטאַרק... זי איז אַן ערלעך קינד. קיינער האָט זיך נאָך נישט צו־גערירט צו איר. אָט דאָס, זעט איר, איז אַ פּאַסיקער שידוך פאַר אייך. אָבער מיך פאַרגעסט...

— חנה, וואָס איר זאָגט שפּרהן — וועט עס קיין מאָל נישט זיין!.. קיין פאַרוואָס איז נישטאָ. הלמאי אפרים־אהרון האָט מיר געוואָלט רעדן זיין גיטלען. אויף אַזוינע זאַכן פרעגט מען נישט. א י ר זענט מיר געפעלן, קיין אַנדערע — נישט...

— די פראַגע וועגן מיר פאַלט אָפּ.

— זי פאַלט אָבער נישט אָפּ... חנה, באַדענקט זיך. איר האָט זיך מיר געטראָפן די ערשטע אויף מיין לעבנסוועג. איר שטויסט מיך אָפּ. מיט גוואַלד וועל איך אייך נישט נעמען... ניין, איז ניין... אָבער זעט, אַז איר זאָלט זיך חלילה אַ מאָל נישט שלאָגן „חטאתי“ פאַר מיינע יסורים... איך בין זיך נישט מייאש... איך גלייב, אַז איר וועט זיך באַדענקען.

— וואָס רעדט איר אַזעלכע נאַרישקייטן? און גלאַט, ווי גייט איר דאָס העדן מיט מיר, אַז איך האָב אַן עלטערע שוועסטער פאַר זיך? וואָס איז מיין מאַמע ערגער פון לבנען? און דערצו האָט די עלטערע שוועסטער אייך ליב, דאַכט זיך...

— דערפון, וואָס איך געפעל אייער עלטערער שוועסטער, וועט גאָרנישט זיין. דערויף קען איך אייך היילק שווערן. און בנוגע דעם, וואָס איר זענט יינגער פון איר, טרעפן זיך גאַנץ אָפט אַזעלכע פאַלן. אייער מאַמע איז אַן אלמנה, קיין זון האָט זי נישט. דער פעטער שלום איז ווייט. ווער קען אייך? ווער ווייסט אייך? אָבער אַז איך וועל ווערן שפרהס אַ שוואָגער, וועל איך גיכער אויסזוכן פאַר איר אַ שידוך. איך וועל זיין אין גיכן אין סקווירע —

— איצט פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ פאָר מיר זענען? איר קלויבט זיך קיין סקווירע צום רבין און איך דערוואַרט פון אייגעם אַ טעלעגראַמע, דאַן פאָר איך באַלד אַרויס צו אים קיין מאָסקווע. און דערצו איז דער איינער נאָך אַ שגץ אויך... פאַרשטאַנען?

— ס'איז שקר וכזב, איר רעדט אויף זיך אַליין אָן. מיך אָבער וועט איר נישט אָפּנאַרן... איך דערקען אַ מענטשן גיך...

— וואָס דערקענט איר, וואָס? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך גיי אויס נאָך אַ ברונעט. ווען אפילו מיר זאָלן חתונה האָבן, בין איך אייך אויך נישט ערוב דערפאַר, אַז די קינדער וואָלטן געווען אייערע...

— חנה, איר ווייסט אַצינד נישט, וואָס איר רעדט. אַ דיבוק זיצט אין אייך. איך גיי פאָרן אַהיים. נאָר זייט וויסן, אַז איך וואַרט אויף אייער הסכמה. איר געפעלט מיר און אין אייערע רייד הייב איך אפילו נישט אָן צו גלייבן...

קאַפּיטל VI

קומענדיק דאַמאָלסט אַהיים, האָט מנשה דערציילט דעם פעטער שלום, ווי חנה איז אים געפעלן. ר' שלום זעענדיק, אַז פון זיין גיטלען איז מיט מנשהן נישטאָ וואָס צו רעדן, איז ער אוועקגעפאָרן קיין טערליצע „אַ טאַפּ טון אין וואָגן". מיט דער שוועסטער האָט ער לאַנג נישט געדאַרפט האַרעווען, זי האָט באַלד מסכים געווען אויף אַלץ: אי זלאַטעס אַ קינד, אי אַ רב — און חערצו, אַז שלום זאָגט נאָך אויך, אַז ס'איז גוט... אָבער חנה האָט זיך געהאַלטן שטאַל און אייזן. וויפל דער פעטער האָט נישט אַריינגעלייגט אין איר קיין דבורים, — איין מאָל ניין און ניין. זי זאָל אפילו וויסן צו שטאַרבן, וועט זי נישט ווערן קיין במעלניקער און אפילו נישט קיין רביצן — אַלץ איינס, מנשה געפעלט איר נישט.

שפרה האָט געמאָלדן קורץ און שאַרף:

— טאָמער האָבן זיי חתונה, וועל איך אים אָפּסמען. געדענקט מיין וואָרט. ניישט מיר, ניישט איר...

דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז ר׳ שלום אַזש דערציטערט געוואָרן און איז אַנטלאָפן אַהיים.

דערווייל האָט די רעוואָלוציע און נאָך איר דער באַנדיטיזם איבערגעקערט די וועלט. די מומע דאָברעש איז געשטאָרבן. די צוויי שוועסטער לעבן עד היום אין טערליצע פון דירה־געלט, וואָס מען צאָלט זיי פאַר זייער גרויס הויז. וויפל מען האָט שוין מנשהן נישט איבערגערעדט קיין שידוכים, ער וויל אַלץ נישט הערן. ער האָפט, אַז שפרה וועט חתונה האָבן, וועט חנה אים נעמען. שפרה ווידער וויל נישט חתונה האָבן, כדי חנה זאָל גאָר דעם נישט נעמען מנשהן. און אַזוי לויפן חדשים און יאָרן. די וועלט ווייסט שוין פון זייערע קאַפּריזן און מען דערקוטשעט זיי שוין מער נישט מיט קיין שידוכים ווי פריער.

ווען שלמה מיט דער חברה זענען אַריינגעפאַלן צו דער מומע זלאַטע אין שטוב, האָט זי זיי באַגעגנט מיט אַ ברייטן ברוך־הבא:

— אַ גוט שבת, אַ גוט יום־טוב, אַ גוט פורים, לשנה טובה תכתבו ותחתמו... דינה, וואָס שטייסטו? דו זעסט נישט, אַז מיכאל איז דאָ? איי, איי, איי, אַן ערלעך ווייבל זיצט נישט אַזוי ווי געליימט, ווען עס קומט אַריין אַ חתן... און ווער איז יענער ציגיינער? ווער, ווער? שלמה אפרים־אהרונס? כאַ־כאַ־כאַ, ס׳האָט אַ שיין פּנים, זיי דערציילן מיר אפרים־אהרון... אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען געזוכט אַ מטבע צוצולייגן אים צום נאָפּל. ק י י ן מטבע האָט זיך נישט געוואָלט האַלטן, נישט קיין קופּערנע, נישט קיין מעשענע, נישט קיין זילבערנע, ביז מען האָט צוגעלייגט אַ פּיטום פון אַן אתרוג מיט אַ רערל פון אַ חנוכה־לעמפּל, איז געוואָרן גוט, און היינט ברוך השם איז ער שוין גאָלע פּופּיק... וואָס לאַכט איר? אויף מיין וואָרט: גאָלע פּופּיק. זאָג נאָר, וואָס ביסטו עפּעס געקומען אַהער, ייִנגעלע? דו מיינסט אפשר צו נעמען דינהן? דינה איז שוין פאַרנומען, זי האָט שוין. מיכאל און דינה צוזאַמען טשמאָק, טשמאָק... צוזאַמען גלעזעלע בראָך. גאָלדען קענסטו נעמען. איך זשאַלעווע זי דיר נישט. זי איז דווקא אַ שלאַק פורעניות, נאָר איך גיב דיר נדן ר׳ מיכעלע זלאָטשעווער, אַן ערלעכער ייד געווען, אַ נסתר, דער עיקר איז, וואָס אַ נסתר. וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? אויף אַן אשת־איש טאָר מען אַזוי נישט קוקן. גיי, גלי אוים דיינע אויגן, ניין שטיי! וואַרט שוין אוים אויף נאָך הבדלה. גאָלדע, דערלאַנג כיבוד דיין באַשערטן. מנשה, שרייב זיי אָן אַ טל ומטר, איך מיין אַ גט... און דו מיכאל, קום אַהער, דינה איז דיינע... צוזאַמען טשמאָק, טשמאָק... ווו איז

דער טאַטע? אַוועק צום אפּיקורס? מען דאַרף אים אויפהענגען... אָן שום תּירוץ אויפהענגען אויפן בערדיטשעווער רבס פּסולער ציצה... און אפרים־אהרון איז דיר אַ מזיק אַ בחור, אפשר פון הונדערט יאָר... קום אַהער ייִנגעלע, האָב קיין מורא נישט, ר׳ דודל טאַלנער בייסט זיך נישט, און ר׳ מיכעלע זלאָטשעווער אודאי נישט... אָבער דינה איז שוין פאַרנומען... דאָס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך... האָב נישט קיין פּראַיבל, צוזאַמען טשמאַק, טשמאַק...

דאָס קליינע שלמהלע קוקט אויף איר דערשראָקן און באַמיט זיך צו פאַרשטיין, וואָס האָט זי דאָ גערעדט? נאָר מנשה גייט צו, פירט אים אָפּ צום טיש און זאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע:

— דו קענסט שיינע זאַכן הערן פון איר... דערצייל בעסער, וואָס הערט זיך עפּעס ביים דיין, ביי ר׳ וועלוועלע ראָכמעסטריווקער? דיין טאַטע האָט דערציילט, אַז דו ביסט שוין אַ בקי אין די ערשטע סמנים פון „הלכות תערובות". ס׳איז טאַקע אַזוי, צי עס איז גלאַט געזאָגט?

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מנשה איז עלטער פון שלמהן מיט גאַנצע פיפצן יאָר, דאָך האָבן זיי זיך ליב ווי אייגענע ברידער. שלמה פילט, אַז דאָס בלאָנדע רבל פאַרמאָגט אַן אומבאַגרענעצטע צוציאונגס־קראַפט. איין זאַך נאָר קען אים שלמה אין האַרצן נישט מוחל זיין: ווי אַזוי האָט אַזאַ געהויבענער מענטש, ווי ער איז, געקענט גאָר וועלן חתונה האָבן פאַר אַזאַ אויסוואָרף, ווי די חנה איז? אָט, אים למשל, געפעלט דאָך פאַלי, אָבער זי איז דאָך אַ מלאכל... ווילסטו רוף זי גבריאל, ווילסטו רוף זי מיכאל... אָבער יענע חנה...

אין זיין קעפּל שטעלט ער זיך פאָר חנהן נישט אַנדערש ווי מיט לאַנגע שוואַרצע נעגל, אויפן פּנים געלע הערעלעך, און אַנשטאָט אויגן אודאי צוויי גיפטיקע שלאַנגען. ווי דען אַנדערש? קוים קען זי אַזאַ מנשהן אָפּזאָגן, איז אוים וועלט...

אַזוי קלערט דאָס קליינע שלמהלע, אָבער מנשהן אַליין זאָגט ער גאָרנישט. נאָך צו אַ קליינער, כדי צו מישן זיך אין אַזעלכע זאַכן. מנשה דאַרף אפילו נישט וויסן, אַז ער ווייסט פון יענער מכשפה. אים איז מסתמא אַ בזיון.

שוין עטלעכע מאָל ווי ער באַגעגנט זיך מיט די אויגן מיט דינה דער מומעס זלאַטעס. זי איז אַזאַ שיין מיידעלע, נאָר ס׳איז זייער גלייך, וואָס מיכאל נעמט זי, אַלץ איינס וואָלט ער, שלמה, זי נישט גענומען. פאַלי טולטשינסקי איז דאָך שולמית פון שיר השירים, און זיי האָבן זיך ליב... ס׳הייסט ער האָט זי ליב. זי — ווייסט ער נישט... מן־הסתם אויך... פאַר וואָס זאָל זי אים פיינט האָבן? ניין, ניין, זייער גלייך, וואָס דינה מיט מיכאלן נעמען זיך. כאָטש ווידער

צוריקגערעדט, עפּעס זעט מען נישט. זיי זאָלן זיך נעמען. שוין וויפל שעה, אַז זיי זיצן דאָ. נישט זי קוקט אויף אים, נישט ער אויף איר. נאָר דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: חתן־כּלה' — שעמט מען זיך. מיכאל האָט נאָך פיר יאָר צו דער חתונה, דינה — אפילו היינט... ביי אַ מיידל, צוועלף יאָר מיט איין טאָג — פּאַרטיק: הרי את... וויפל האָט נאָך פּאָלי ביז צוועלף יאָר מיט איין טאָג? פּאָוואָליע נאָר, ער איז פונעם יאָר 1910. זי — פונעם יאָר 1911. היינט אַז ער ווערט ערשט אַין עטלעכע וואָכן אַרום עלף יאָר, ווערט זי ערשט צען... היינט דער טאָג? על פּי דין איז דאָך צוועלף יאָר מיט אַ טאָג...

ער גיט אַ שטילן קרעכץ: לאַנג צו וואַרטן...

חוץ דער משפּחה האָט שלמה געזען אין כמעלניק פּאָלים פּאַטער: יאַני טולטשינסקי. אָך, וואָס פאַר אַ טייערער יאַני, אַ גאָלדענער יאַני. אַזאַ שיינער, אַזאַ גוטער, אַלע אין כמעלניק זענען די כפּרה נאָך יאַנין. נאָר שלמהן חידושט עס גאָרנישט. פאַרמאָגן אַזאַ שיינ־קייט ווי זיין פּאָלי און מען זאָל גאָך נישט זיין די כפּרה פאַר אים? ביי שלמהן קומט אויס, אַז ווער עס ווייסט פון זיין בת־מלכה און איז נישט די כפּרה, איז ער אַ כּופר בעיקר, אַן אפּיקורס, אַ מומר לכל התורה כולה.

יאַני רעדט נישט מיט שלמהן קיין דברי תורה. ס'איז איינס פון די ביידע: אָדער ער וויל דאָס יינגעלע נישט פאַרשעמען, אָדער גאָר ער איז אַליין די לעצטע צייט ווייט פון לערנען. ער שטייט נאָר פון וווייטנס און קוקט צו, ווי לוי נאָטעס, אַ ייד אַ למדן, אַמפּערט זיך מיטן בחורל איבער אַ „ודוק" אין מהרש"א. יאַנים אויגן, אַזוינע גוטע, אַזוינע נאָענטע, זענען פאַרצויגן מיט אַ דין רויכל, ווי ביי אַ בעל־רוח־הקודש.

אַ פּנים, ער טראַכט עפּעס...

— וואָס טראַכט ער, פּאָלים טאַטע?

שלמה פילט, אַז ער האָט זייער ליב אָט דעם יאַנין.

אין זוועניגאָראָדקע זעט מען אים נישט. ער קומט וועלטן אַהיים. ער פאַרמאָגט אַ מיל אין כמעלניק, אַ מיל אין דאָרף. אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. ער קען זיך טאַקע צערייסן? ער האָט אפילו אַ מיטהעלפער, קען ער אָבער נאָר אָפּוועגן די תבואה און אַרויס־געבן דאָס מעל. אָבער ווען עס קומט צו קאָפּאַרבעט, אַן אָפּעראַ־ציעלע, אַן אויפטו, אַ קוועטש מיטן גראָבן פינגער, דאַרטן איז שוין יאַני איין מענטש, איינער אַליין. אַז יאַני איז אַ חכם, דאָס פאַר־שטייט שלמה אַליין. אַז ער האָט שכל געהאַט מגדל זיין אַזאַ גע־ראָטן טעכטערל, איז דאָך אָפּגערעדט. היינט דערציילט דער טאַטע,

וויפל צדקה ער צעטיילט. ניין, ניין, שלמה פילט, אז ער דער ערשטער איז די כפרה נאָך יאַנין.

קומענדיק אהיים יעדעס מאָל בענקט ער געפערלעך נאָך כמעלניק, נאָכן זיידן, נאָך מנשהן, אפילו נאָך דער פאַרחושטער מומע זלאַטען, אָבער מער פון אַלעמען ציט אים צו יאַנין.

יאַני — איז פאַר אים פּאַלי, פּאַלי — איז פאַר אים יאַני.

קאַפּיטל VII

מען עפנט די גמרות. דער געדאַנק הייבט אָן אַריינדרינגען אין רב פפאס סברא. זיין איינגעמידט מהל הייבט אָן באַנעמען, וואָס קוועטשט דאָ רש"י מיטן „כלומר". ער הייבט אויף די האַנט איבער־צומישן דאָס בלאַט און דערמאַנט זיך, אַז ערשט נעכטן ביי נאַכט האָט ער די זעלבע האַנט געהאַלטן אויף „אירן אַ פּוס", ריכטיקער געזאָגט, אויפן שפּור פון איר פוס. ער קוקט אויף זיין דלאָניע און אין זיין דמיון לעבט אויף איר גאָלדן קעפּל, וואָס שטייט שטאָלץ אויף אירע אַקסלען. וואָס זאָגט ער אַקסלען? וואָס פאַר אַ משל איז אַהער אַקסלען? דאָס איז דאָך אַ שטיק מילגרוים. אַזוי שטייט דאָך בפירוש.

בגנבה פאַר די אַרומיקע טאַפּט ער אָן אַ קניפּל אין טלית־קטן, פון דאָרט שלעפּט ער אַרויס עטלעכע צעקנייטשטע שיר־השירים־בלעטלעך. שלמה שאָקלט זיך אין דער ברייט און זינגט מיט אַ גמרא־ניגון:

— כפלח — ווי אַ שטיק, הרמון — פון אַ מילגרוים, רקתך — דיין האַלדז און נאַקן, מבעד לצמתך — וואָס זעט זיך אַרויס פון אונטער דיין צאָפּ...

די שוויסיקע פינגערלעך מישן איבער אַ בלעטל און זיין גאַנץ נשמהלע קאָרטשעט זיך פון אָנגענעמען צער אָדער וויטיקלעכן פאַר־געניגן:

— נפת — סטעלניק, תטפנה — טוען טריפן, שפתותיך כלה — דיינע ליפּעלעך, כלה. דבש וחלב — האָניק מיט מילך, תחת לשונך — איז אונטער דיין צונג, וריח שלמותיך — און דער גערוך פון דיינע קליידער, כריח לבנון — ווי דער גערוך פון וואַלד לבנון...

ער גיט אַ שמעק זיין דלאָניע און גלייבט עפּעס נישט, אַז דער יער־הלבנון זאָל נישט שמעקן בעסער. ער ווערט ברוגז אויף זיך פאַר זיינע קינדערישע שטותים. ער איז פול מיט יסורים. ער פילט, אַז מיטן „לייענען" איז שוואַך. רב פפּא איז אַזוי ווייט און רש"י שווייגט אויך און תוספות מאַכט זיך נישט וויסנדיק. וואָס זשע וועט מאַכן

זיין, אַז דער רבי וועט אַ פרעג טון? איז דאָך עפּעס גאָר פאַסקודנע.

צום סוף, אַז עס קומט צום איבערזאָגן די גמרא, ווייסט ער פאָרט בעסער פון אַלע. נישט אַנדערש, אַז יעדן איינציקן פון זיין כּתה איז דער קאָפּ פאַרדרייט מיט עפּעס אַנדערש. אַז נישט, ווי קען דאָס געמאָלט זיין?

איבערגעזאָגט דאָס „לייענען", לערנט די העכערע כּתה אַ קאַפּיטל ישעיהו מיטן מלבּ"ם, נאָך דעם אַ פּרשה חומש מיטן „אור החיים", נאָך דעם גייט אַ פרייע שעה ביז מנחה. אַלע צעקריכן זיך אויף דער הפסקה. ווער אַהיים, ווער איבער די קלייטלעך נאָך קאָנפעקטן.

דאָס קליינע שלמהלע רופט אָפּ אין אַ זייט געצי משה דעם שוחטס און חזרט מיט אים זיין פּרשה חומש מיט רש"י. געצי איז משה דעם שוחטס שטיפזון, זיין צווייטן ווייבס אַ זון. געצים פאָטער איז געווען ירחמיאל דער סטעלמאַך, אָבער געצי געדענקט אים שוין נישט, ער איז נאָך קיין צוויי יאָר נישט אַלט געווען, ווען דער פאָטער האָט זיך פאַרשניטן אַ האַנט און פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג געשטאָרבן. ווען הודסיע די שוחטקע איז געשטאָרבן, איז די גאַנצע שטאָט צו־געשטאַנען צו משה דעם שוחט מיט דעם שידוך:

— ר' משה, איינער איז נישט קיינער. ערשטנס, איז עפּעס נישט יידישלעך זיצן אָן אַ פלוגיתטע, און גלאַט פאַר וואָס קומט דאָס גאָר אַ יידן אַזאַ הרחבת־הדעת? און שוין טאַקע פיר חדשים, יוצא!... וויפל נאָך? וואָס וועט שוין דוואָסיען בעסער ווערן, אַז איר וועט שוין אויסוואַרטן נאָך אַ חודש, נאָך זעקס וואָכן? אָבער סוף כּל סוף מוז דאָך אַ ייד נעמען אַ יידענע אין שטוב אַריין. און אָט איז טאַקע ראַצי די סטעלמאַכקע. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז געווען אַ בעל־מלאָכהס אַ ווייב, איז זי אַ גאַנץ כּשרע יידענע; שטאַמט פון לויטער שמשים און באַהעלפערס... הײַנט די מצווה פון מגדל זיין אַ יתום. אָן אַ פאָטער וואַקסט דאָך אַ יינגל אין סטויבער אַריין. וואָס קען ראַצי העלפן? אַ יידענע בלייבט אַ יידענע...

מען האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז דער שידוך איז געוואָרן. קיין קינדער האָט משה דער שוחט נישט געהאַט, נישט מיט דוואָסיען, נישט מיט ראַצין, און געצי איז געווען דער בן־יחיד אין שטוב. הגם אין אַזאַ כּרך ווי זוועניגאָראָדקע זענען בסך הכּל נישט מער געווען ווי צוויי שוחטים, פון דעסט וועגן זענען זיי ביידע זיבן מאָל אַ טאָג געשטאָרבן פון הונגער און קיין פלייש האָט מען פאַר די אויגן נישט געזען אַ גאַנצע וואָך. עס איז געווען דאָס יאָר 1921, אַלע יידן האָבן געלעבט פון דער „אַראַ" *, חוץ דעם האָט מען

* אַן אַמעריקאַנער הילפס־אָרגאַניזאַציע וואָס איז געווען טעטיק אין רוסלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פאַרקויפט אַ מלבוש פון זיך אָדער געהאַנדלט מיט אַ הויפן צעלניק.

געצי איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי שלמה און עלטער פון אים — אויף גאַנצע פיר יאָר. נאָר כאָטש ער איז מער נישט אַלט געווען ווי פופצן יאָר, אָבער אויסגעזען האָט ער ווי פון אַכצן: הויך, שיין און ברייטביינערדיק. ווי געראָטן געצי איז געווען אויפן אויסזען, אַזוי שלימזלדיק איז ער געווען אויף קאָפּזאַכן. כאָטש צעריים זיך: דערפילט ער עפּעס אַ ריח פון דער קיך, איז ער אויס מענטש. מאָמער דרייט זיך דורך אין שטוב חוה, דעם רבי שמעיהס אייניקל, אַזוי כאַפּט אים דער רוח אַוועק. יינגלעך שושקען זיך, אַז מען האָט געזען געציין מיט חוהן צוזאַמען אויפן הייליקן אָרט. אָבער שלמה גלייבט נישט אין אַזעלכע רכילותן. אַלע זיינע כוחות לייגט ער אַוועק, אַז געצי זאָל וויסן דעם חומש מיט רש״י. די גאַל שפּייט ער אויס צוליב אים און שלמהן דאַכט זיך שוין, אַז ער האָט דערפּאָלגט. מיט אים צוזאַמען זאָגט שוין געצי דעם חומש ווי אַ „וואַסער״. שלמה ווישט זיך דעם שווייס: כאָטש נישט אומזיסט געהאָרעוועט! ס'איז ממש אַ מחיה צו הערן. קומט אָבער צום רבינס טיש — אַרויסגעפלויגן... קיין איין וואָרט נישט. שלמה שטייט הינטער זיינע פּלייצעס, מיט טרערן אין די אויגן שטורכעט ער אים:

— געצי, גוואַלד, האָסט דאָך ערשט געוווסט, פּרוו זיך דערמאָנען...

— וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן? כאָטש הרגע מיך, איך געדענק נישט קיין איין וואָרט.

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דו האָסט נישט לאַנג אַליין געזאָגט?

— וואָס קען איך העלפן, אַז גאָט האָט מיך אַזעלכן באַשאַפן מיט אַ לעבערדיקן קאָפּ... ווער בעט דיך פּטרן כוחות אויף מיר? דו זעסט דאָך, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט.

בין מנחה למעריב קנעלט שלמה ווידער מיטן „לעבערדיקן קאָפּ״.

קומענדיק פון חדר נאָך האַלבער נאַכט, פלעגט זיך שלמה צולייגן אויף עטלעכע שעה, כאַפּן דעם ערשטן שלאָף. ווי אַן אָפּגעבריטער פלעגט ער דערנאָך אויפשפּרינגען, אין דער שטיל זיך אָפּגיסן נעגל־וואַסער, ביי אַ ליכט צוגרייטן אַ „לייענען״ פון גמרא, זיך פּרוון בייקומען אָן דעם רבין דעם „פּרי מגדים״. אָפּגעפּאַרטיקט ש״ס ופּוסקים, פלעגט ער זיך נעמען צום פּסוק. וועלכע ווערטער עס פלעגן אים שטאַרק געפעלן ווערן, פלעגט ער פאַרקוועטשן די אויגן און אייננחזרן זיי עטלעכע מאָל, נישט פאַרגעסנדיק דערביי אַ טראַכט צו טון מכח זיין בילדשיין מיידעלע, וואָס שלאָפט איצט זיכער און חלומט גוטע חלומות וועגן שיינע „מענטשעלעך״ און גלאַנצנדיקע גליטשערס. ירמיהו הנביא, וואָס ליגט אָפן פאַר שלמהן, בייזערט

זיך פֿאַר די מחשבות זרות און ער קערט זיך אום צו דער ווירק־לעכקייט.

אָנהייב 1922 איז אויף כמעלניק פֿון דאָס ניי אָנגעפֿאַלן אַ באַנדע. קיין הרוגים זענען דאָס מאָל נישט געווען, נאָר דער אַטאַמאַן האָט אין וואָלאָסט געהייסן איבערגעבן די „זשידקעס", אַז נאָר אין גיכן וועט ער ווידער אַמאָל זיין אין געסט און דאַמאָלסט שוין אויסשניידן זיי ביז איינעם. דערווייל האָט זיין חברה צוגערויבט, וואָס ס׳האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ ווערט, דאָס איבעריקע האָט מען צעבראָכן, צע־ריסן און פֿאַרברענט. אַלע פּיאַטיגאָרסקים, אַלע כאָדאָראָווס זענען צו פֿוס געקומען צו לויפֿן קיין זוועניגאָראָדקע און זיך געפֿונען ביי אפֿרים־אהרונען. שלמה האָט געהאַט גרויס קנאה צו זיינע פֿעטער־לעך: זיי האָבן נישט געדאַרפֿט גיין אין חדר. אַ קלייניקייט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן קוים דאָס לעבן געראַטעוועט! אין חדר האָט מען געקוקט אויף זיי ווי אויף העלדן. זיי פֿלעגן אָפּהאַווענען און באַלד מעלדן דעם רבין:

— מיר גייען שוין אַהיים, די מאַמע האָט אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך נישט זאַמען, מיר קענען איר דאָרט צו נוץ קומען...

דער רבי פֿלעגט גאָרנישט ענטפֿערן, נאָר אַ מאַך טון מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט:

— גייט יאָ, גייט נישט, אַלץ איינס לאחר יאוש... דעם נחת וואָס איך האָב פֿון אייך מעגט איר גיין און זיך נישט אומקערן.

שלמה פֿלעגט מיט אַ נישט פֿאַרגינענדיקן קוק נאָכפֿאָלגן זיינע „גליקלעכע" פֿעטערס.

— זיי מעגן אַלץ... אַנו, ווען ער וויל אין מיטן טאָג קומען אַהיים, „אַזוי אַ ביסל", וואָלט אים זיין טאַטע זיכער אָפּגעגעבן „וואָס אים איז אויפֿן האַרצן".

אין די עטלעכע מינוט, וואָס ער קומט צו לויפֿן אָפּעסן מיטאָג, באַווייזט ער נאָר צו באַמערקן, אַז ביי זיי אין שטוב איז ששון ושמחה. מנשה קעמט דאָס בערדל און לייענט אַלטע צייטונגען. דער זיידע זאָגט תהילים בלי הפסק, שטייענדיק מיטן פּנים צו דער שאַפֿע. די מומע גיטל מיט איר מאַן „טרעטן נישט אַרויס פֿון דער שטוב" אַ גאַנצן טאָג. זי האָט מיט דער מוטער גאַנצע פּעק מיט רייד. די מיילער מאַכן זיך ביי זיי נישט צו און טאָמער שלאָגט זיי עמעצער איבער, אַזוי הייבן זיי אויף אַ גוואַלד:

— האָסטו געזען אַזוינס, מען זאָל נישט לאָזן אויסרעדן אַ וואָרט. כאָטש נעם טרעט אָפּ די שטוב און אַן עק...

די מומע זלאַטע, גיט שלמהס מוטער שוין דאָס צענטע מאָל צו פֿאַרשטיין, אַז דער גאַנצער אַנטיק פֿון ר׳ מיכעלע זלאַטשעווער

שטעקט דערין, וואס ער איז געוועזן א נסתר, און זי, צפורה, זאל זיך נישט נעמען צום הארצן, וואס איר דינה „האט שוין". נישקשה, נאט וועט צושיקן איר שלמהן זיינס. ער איז נישט געבוירן געווארן אן קיין זיווג. ס'איז איר אודאי איבער דער טבע, נאר צפורה מוז איר מיטפילן, צוזאמען טשמאק, טשמאק...

גאלדע פארריכט זיך א פאר זאקן און רעדט נישט מיט קיינעם. שלמה האט געפרווט פרעגן ביי איר, ווען פארן זיי צוריק, האט זי אים געשאנקען אזא ליבלעכן קוק, אז ער האט אין שרעק אפגעטראטן ווי צו „עושה שלום".

— דו האסט שוין מורא, דו קליינער וועווריק, מען זאל דיר דעם קאפ נישט אפעסן? ציטער נישט, דיין באבעס ירושה וועט בלייבן גאנץ. טראג זיך אפ און פרעג ביי מיר מער נישט...

קאפיטל VIII

דורכן פענצטער וועט שלמה א גאנץ פריילעכע קאמפאניע. זיין קליין הערצעלע שמעלט זיך אזש אפ פאר עגמת־נפש. ער הערט מער נישט גאלדעס רייד. זיין קוק איז צוגעשמידט צו דער שויב. פון יענער זייט גארטן ציט זיך א ברייטע גליטשלקע פון טראטואר ביזן ברוגעס. כאטש דער פראסט האט נאכגעלאזן, אבער די אויסגעשליפענע גליטשלקע גלאנצט ווי א שפיגל. דארט, זעט ער, שטייט מיכאל, יחיאל און דינה. אויך דינה כאדראוו, פאלי און איר עלטער ברודערל אווראם. חוץ זיי זענען דארטן דא דעם פריצס קינדער און נאך קליינווארג פון דער גאס. חברה איז אריינגעטון אין א נייער „דערפינדונג": מיכאל און אווראם האלטן א לאנגן שטאנג איז דער ברייט פון דער גליטשלקע. יחיאלס רימען איז מיט א שטריקל צוגעבונדן צום שטאנג. פאר איין האנט האלט ער פאלין, פאר דער צווייטער — דינה דער מומע זלאטעס. מיכאל מיט אווראמען הייבן אן לויפן מיטן שטאנג, און יחיאל מיט זיינע „באריש־ניעס" גליטשן זיך גרינג נאך. מיט א פארקלעמט הערצעלע קוקט שלמה צו, ווי יחיאל האלט פעסט „זיין" שולמית. אט גיט זי זיך א וואקל, ער כאפט זי בריהש ארום ביי דער טאליע און העלפט איר צוריק באקומען די גלייכגעוויכט. זי האט אים געשענקט א זיס שמייכעלע, דאכט זיך, א דאנק געזאגט... מער קען ער נישט קוקן, ער טוט זיך אן און גייט ארויס.

נישט ווילנדיק פארפירן אים די פיס הינטערן גארטן, אהין, ווו זיין מלאך געפינט זיך. זי איז אין איין וווקס מיט זיין דינהן, כאטש זי איז עלטער מיט א יאר. אויפן קאפ זיצט ביי איר א בלוי היטעלע

עטוואָס אויף דער זייט, ווי די סאָלדאַטן טראָגן. פון וואָס פאַר א חיהלע ס'איז די פעל פון איר דאָכעלע *, ווייסט ער נישט. אפשר פון א „תחש“, אפשר פון אַ „ראם“ און אפשר גאָר פון אַ „כוי“ **. ביי אַזאַ נגיד ווי יאַני שפּילט עס אַ ראָלע? איין זאַך ווייסט ער, אַז עס איז שיין, זייער שיין, עס פּאַסט איר שטאַרק צום פּנים. פון דער דאָכע זעט זיך קוים אַרויס אַ באַטיסטן קליידעלע און היכע שוואַרצע וואָלענע רעטוזן. אויף די פּיס די זעלבע באַטיקעס, וועלכע ער האָט דאַמאָלסט ביי נאַכט געקושט... די בעקעלעך פלאַמען ווי די גרויסע מאַרעלן. אירע אויגן זעט ער נישט, זי שטייט מיט דער זייט. ער זעט נאָר איר שיינעם היכן שטערן, די געמאָלטע ברעמעלעך און איר געטאָקט מיילעכל.

דערזען שלמהן גיט יחיאל אַ געשריי:

— אָ, אָט איז שלמה, אנו פרווו דו. וועסט אויך קענען פירן צווי מענטשן און אַליין זיין צוגעבונדן בלויז צום פּאַסיק?

שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין: ער וויל נישט פּרוּוון. ער, אַ ייִנגל פון „פרי מגדים“ זאָל פירן מיידלעך פאַר די הענט און נאָך פּאָלין? ער שטייט עטלעכע מינוט און לאָזט זיך גיין אין חדר אַריין. יחיאל שרייט אים נאָך:

— וואָס אַנטלויפסטו, וואָס? געצי וועט פון דיר נישט אַנטלויפן. אַליין איינס וועט ער גאָרנישט וויסן. פּרוּוו אומיסטן. נאַ, בינד זיך צו...

מיט אַ באַטריבט האַרץ גייט שלמה אַוועק אין חדר.

— וואָס קען אַצינד פּאָלי טראַכטן וועגן מיר? עפּעס אַ דיקאַר, אַ ווילדער נפש. און יחיאל... ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען און זי האָט אים נאָך געדאַנקט.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען געקומען צו פאָרן טייערע געסט לכבוד די נייע „בעזשענצעס“ ***. ס'איז געקומען די מומע יוכבד מיט איר מאַן. אפרים־אהרנס עלטערע שוועסטער איז געווען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו אים. אַ היכע, אַ שיינע און אַ באַרעדעוודיקע. חוץ זיי איז געקומען דער פעטער מוזי מיט דער מומע לאה פון אומאַן. מוזי — הייסט באמת משה, נאָר ווייל ער איז געווען אַ בן־יחיד, האָט אים זיין מוטער פאַרצויגן דעם נאָמען אויף מוזי און אַזוי איז דאָס שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק. די גאַנצע

* א פוטערן מענטעלע.

** בעמענ פון היות, וואס ווערן דערמאנט אין תנ״ך און אין דער גמרא.

*** פּליטים.

וועלט האָט דאָס דאָזיקע פֿאַרפֿאַלק גערופֿן פֿעטער און מומע. זי איז געווען דער באָבע זעלדעס אַ שוועסטער און ער — איר מאַן. קיין קינדער האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט. ער, אַ נידעריקער, אַ שיינענדיקער, מיט בליענדע בעקעלעך, מיט טרוימערישע אייגעלעך. דאָס קולכל ווי ביי אַ יינג הענדל. די הענטעלעך ווי ביי אַ קליין מיידעלע. אויפֿן געטאָקטן נעזל, גאָלדענע פּענסנע מיט אַ שוואַרצן פֿאָדעם אַרומגעדרייט אַרום זשילעטקנעפּל. אויפֿן קאָפּ אַ „נעפּעווער סקע" היטעלע, וואָס גיט אים צו אַן אויסזען פֿון אַ גליקלעכן בעל־בריתניק. דאָס בערדעלע אַ ברוינס, פֿון פֿאַרנט ערטערווייז באַזיל־בערט. פֿון דער פּראָפֿעסיע איז ער אַ שרייבער. דאָס הייסט: ער וואָלט געקענט זיין אַ שרייבער... ער פֿירט ביי זיך אַרום אַ מאַסע בריוו פֿון ביאַליקן און פֿון ראובן ברייניך, פֿון הרב צירלסאָן און פֿון הרב אהרנסאָן. אַלע האָבן אים געבעטן צו זיך. אין אָדעס — לויט זיינע רייד — „וואָלט מען אים אויף די הענט אַרומגעטראָגן". האָט אים אָבער זיין ליבער נאָמען צוגעטיילט אַ ווייב, פֿאַרשפּאַרט ער שוין צו שרייבן... ס'איז אים שוין גוט אַזוי אויך... און אין דעם איז ער בפירוש געווען גערעכט. מיט אַזאַ „סאָרט" ווייב ווי זיין לאה האָט געדאַרפֿט זיין נישט זייער באַקוועם צו שרייבן אָדער זיך דורכ־צושרייבן.

די מומע איז געווען אַ הויכע, אַ דיקע און אַ שוואַרצע יידענע. איר קול איז געווען נישט אַזאַ גראָבס ווי אַ גרילצנדיקס. עס האָט גע־צופּט ביי דער נשמה, ווי בעת מען קראַצט מיט דער טעמפּער זייט פֿון מעסער דעם שאַרפֿשטיין. דאָס ערגסטע, וואָס זי האָט פֿיינט געהאַט אין איר לעבן, איז געווען, ווען איר „שטיק גאָלד" פֿלעגט זיך נעמען צום „טינטלען". אָנקוקן האָט זי נישט געקענט, ווען מען־טשן פֿמרן צייט זיך און יענעם. זי פֿלעגט אויסרייסן דאָס פּערטל פּאַפּיר:

— שוין, דו ווילסט שוין עמעצן מזיקן אַ האַלבע שעה, מען זאָל דיך שוין מוזן איבערלייענען? גיי, גיי, לייג צונויף דאָס שטיקל סחורה...

אייגעגטלעך איז „דאָס שטיקל סחורה" געווען נאָר אַן אויסרייד. זי האָט בשום אופֿן נישט געקענט פֿאַרטראָגן, אַז ער האָט זיך גע־נומען צו דער פּאַטשקעריי.

אין אומאַן האָבן זיי געוווינט, געהאַט אַ שניטקראָם, אָבער מערסטן טייל האָבן זיי געוווינט אין די קורערטער. ער האָט געהאַט אַ „סקלע־ראָז" און זי „לונגען". ער האָט געטענהט, אַז זי האָט אים אויפֿ־געגעסן דאָס האַרץ, און זי האָט געטענהט, אַז ס'איז איבער אים זענען ביי איר צעפֿוילט די לונגען. און אַזוי ווי קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, פֿרייע פֿייגעלעך, פֿלעגן זיי אַלע סעזאָנען פֿאַר־

ברענגען אין יאַלטע אָדער אין יעוופּאַטאָריע, פעאָדאָסיע אָדער עסענטוקי. די מומע לאה האָט מען געהאַלטן פאַר דער נגידיתטע אין דער משפחה און פאַר דער גרויסער חכמה.

באַקומענדיק אַ גרוס, אַז זעלדען האָט מען פריש „אָפּגעפליקט", איז זי מיטן פעטער געקומען צו פאָרן, כדי מען זאָל זיך צוזאַמען עפּעס באַראָטן. שלמה האָט געוווסט דעם נוסח פון די משפּחהדיקע באַראָטונגען. זיבן טעג און זיבן נעכט וועט מען רעדן אָן אַן אויפהער, אַרומרעדן יעדן איינציקן ביזן מינדסטן פּיינדעלע און נאָך דעם וועט זיכער אַלץ בלייבן ווי געווען. שלמה האָט שטאַרק ליב געהאַט אָט די אַלגעמיינע שמועסן ביי דער הרובע זיצנדיק, נאָר ער האָט געוווסט, אַז ער טאָר אפילו נישט דערמאָנען פון נישט גיין אין חדר אַריין, אויב ער וויל נישט, אַז דער טאַטע זאָל אים אָפּגעבן „וואָס אים איז אויפן האַרצן".

עטלעכע טעג נאָכן קומען פון די אומאַנער געסט איז שלמהס פעטער געקומען אין חדר אַריין און האָט געזאָגט צום רבין שמעיהן:

— איר וועט היינט מיין שלמהן פאַר פרי אָפּלאָזן אַהיים און אויף דער נאַכט וועט ער אויך נישט קומען. די געסט צעפאָרן זיך מאָרגן און זיי האָבן צו מיר טענות, אַז זיי האָבן אים נאָך כמעט נישט געזען.

פאַר נאַכט האָט אין דרויסן געשאָטן אַ קלעפּיקער שניי. אין בית־מדרש אַריין איז געווען ווייט, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אַ מנין אין שטוב. דער זיידע — איז נישט איינס, ביידע איידעמס — זענען נישט דריי, אפרים־אהרון מיט מיכאלן — זענען נישט פינף, היינט מנשה דער רב — איז דאָך טאַקע אַ רוב מנין. אפרים־אהרון האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף דער צווייטער גאַס קריגן די איבעריקע פיר פאַרשוינען און האָט זיי קוים געבראַכט, ווען עס איז שוין געווען שטאַק פינצטער. ביי שטערן האָט מען געדאַוונט מנחה־מעריב און מען האָט זיך געזעצט טרינקען טיי. אויף יענער זייט פענצטער האָט יאָמערלעך געקלאָגט דער ווינט. די זאַווערוכע האָט געריסן דעם בלעך פון דאַך און געוואָרפן הויפנס נאַסן שניי אין די שויבן. אין שטוב דאַקעגן האָט געברענט דער צוועלפער לאָמפּ. די פּאַלאָווע אין הרובע האָט פריילעך געטרעשטשעט. די בעטן האָט מען צוגערוקט צום טיש. ביידע דינהס האָבן דערלאַנגט טיי און ביים טיש האָט זיך געפירט איינער פון יענע משפּחה־שמועסן, וואָס האָבן נישט קיין סוף, וואַרפן אָן אַ זיסן דרימל און ווערן אין צענדליקער יאָרן אַרום דערמאָנט מיט צאַרטקייט און מיט ליבע, ווי אַמאָליקע „גליקלעכע צייטן".

די מומע לאה: וואָס זאָגסטו, שלום, צו מיין פּלאַן, וואָס איך האָב היינט געזאָגט זעלדען?

דער זיידע: וואָס פאַר אַ פּלאַן? מען האָט מיר גאָרנישט דערציילט.

גיטל: טאַטע, די מאַמע האָט דאָך דיר פאַר מנחה אַ זאָג געטון...

דער זיידע: איך הייב אפילו נישט אָן צו געדענקען. וואָס זשע פאַר אַ פּלאַן, וואָס?

לאה: כ'האָב געזאָגט און זאָג, אַז עס איז צייט צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף אַרויספאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

אפרים־אהרון: אָט ווין איך דאָך שוין אין דער גרויסער שטאָט. וואָס זשע קומט מיר אַרויס דערפון? גיט עס פּרנסה, גיט עס?

לאה: זוועניגאָראָדקע? פּכע, אויך מיר אַ גרויסע שטאָט. אַ גרויס דאָרף איז עס, נישט קיין גרויסע שטאָט. אפילו אומאַן איז אויך אַ פּראָווינץ.

יוכבד: וואָס דען וואָלט איר געוואָלט? קיין פּאַריז?

לאה: פּאַריז וואָלט אוודאי נישט אויסגעמאַכט, וועט מען דיך דען לאָזן? מיר רעדן ערנסט. מילא פּאַריז, ווי פּאַריז, גאָר ער לחשבון וואָלט איר אַלע געדאַרפט אַרויספאָרן קיין אומאַן. וויפל, זאָגט איר, זענען דאָס מאָל געווען באַנדיטן?

גאָלדע: אין וועג האָט מען אונדז געזאָגט אַז זיבן, איך האָב מער נישט געזען ווי צוויי.

לאה: דו פאַרשטייסט אַ מעשה? זיבן אָדער צוויי... וועט זיך איינשטעלן אַזאַ באַנדעלע אָנפאַלן אויף אַזאַ כרך ווי אומאַן? נו און הונדערט זיבן וועלן זיך יאָ איינשטעלן? מען וואָלט זיי מיט די היטלען פאַרוואָרפן. און גלאַט אָן אַלעמען, איר וועט זיך אומ־קערן אין די הרובע הייזלעך באַקעט־בלאַקעט... וואָס? וועד? וועמען? צו וואָס וועט איר זיך נעמען? ביי וועמען וועט איר קויפן? און וועמען וועט איר פאַרקויפן? און דאָ נאָך דער פּחד פאַר דער באַנדע...

ציפּורה: מען האָט דאָך געזאָגט, אַז די באַנדע האָט מען גע־כאַפּט...

לאה: איי, וואָס רעדט איר נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן? ווער האָט געכאַפּט? וועמען טוט זיך עס נייטיק זיי צו כאַפּן?

מיכאל: מומע, אַז איר ווייסט נישט, רעדט נישט. אַ גאַנצער אָטריאַד בודיאָנאָווצעס האָט אַרומגערינגלט עטלעכע דערפער, מיט פּולימיאָטן, מיט באָמבעס און מיט שפּיזן, אַזעלכע לאַנגע, לאַנגע... און מע האָט זיי געכאַפּט ביז איינעם. עטלעכע פון זיי האָט מען

אָוועקגעלייגט אויפן אָרט און די איבעריקע האָט מען אָפּגעפירט קיין קיעוו, מען וועט זיי משפטן אין רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל.

לאה: אַ גדולה אויף דיין באָבען... וועלן זיך נישט אָפּזוכן קיין אַנדערע... אַ מאַנגל אויף באַנדיטן, גאַנץ אוקראַינע איז בלויז באַנדיטן.

גיטל: איז וואָס זשע קען מען דאָרטן טון אין אומאַן?

לאה: האָב קיין יסורים נישט. ס'וועט זיך געפינען אַרבעט פאַר יעדן. מיין עצה איז אַזאַ: דו מיט אפרים־אהרונען זיצט דאָך נאָך אויף די ערטער און יוכבד אויך דאָס זעלבע. קענט איר נאָך אויסוואַרטן. אָבער די מאַמע מיט דעם הויזגעזינד און אויך ברכה זאָלן שוין פאָרן גלייך מיט מיר. דער גאָט, וואָס שפּייזט —

שלום: משוגע מיינע שונאים... אָפּגעלעבט אַ וועלט אין אַ שטעטל, קינדער אויסגעגעבן און פּלוצלונג גאָר כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס. וואָס איז? ווייל עטלעכע שקצים האָט זיך פאַרוואָלט אַ באַלעבאָס צו טון...

לאה: דו האָסט שוין אַ פּנים פאַרגעסן, שלום, אַז פון אַזאַ באַלעבאָס האָט צפּורה נישט פאַר אונדז געדאַכט פאַרלוירן איר פאָטער און נאָך טויזנטער און טויזנטער יידן זענען אומגעקומען.

שלום: ס'אַ משל... דאַמאָלסט זענען געווען אַנדערע צייטן: ראַבעווע, הרגע, טו וואָס דו ווילסט. נישט דאָס וואָס אַצינד. איצט איז דאָ אַ ראַטנמאַכט... גלאַט אַבי רעדן...

לאה: הייסט עס, געפעלט דיר נישט מיין פּלאַן, שלום?

שלום: ער הייבט מיר אפילו נישט אָן צו געפעלן. און דיר, זעלדע, יאָ?

זעלדע: איך האָב דאָך איר אויפן אָרט געענטפערט. אָט דאָ בין איך געבוירן און דאָ וויל איך שטאַרבן. עס שמעקן מיר נישט די הויכע מויערן מיט די גרויסשטעטישע מאַניערן. צו מיינע קרומע פינגער, קוים וואָס איך שלעפּ מיך אַזוי אַרום, פעלן מיר נאָך אומאַנער וויאָרסטן. אַז נישט וועל איך נישט יוצא זיין? איך האָב שוין מיינע טעכטער אויסגעגעבן. איך הער די וועלט פאַר אַ פּיאַטאַק...

זלאַטע: עס געפעלט מיר, זי זאָגט, טעכטער אויסגעגעבן. נו און אין צווייטן גלגול? און אין דריטן? דו מיינסט, אַז אָט דאָס איז עס? ווען דער שפּאָלער זיידע איז געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מען אים געבראַכט אַ מתנה אַן אויסגעבלאָזן איי מיט אַ שיסל מייערן־צימעס... איך זאָג עס קעגן דעם, וואָס אַ ייד וואָס איז בסך הכל גאָלע פּופּיק, טאָר גאָרנישט מיראַכטן פון אומאַן, ווייל אין אומאַן ליגט דער בראַסלאַווער, ער איז געווען אַ בעל־שמסקע איי ניקל,

און צפורה איז אויך אַ בעל־שמסקע אייניקל, קען זיך אים דאָרט פאַרגלוסטן, דעם בראַסלאַווער הייסט עס, זיך בייטן מיט די ערטער... און ר׳ מיכעלע זלאַטשעווער קען נאָך ווערן ברוגז, פאַר וואָס איך האָב באַשטעלט דעם זוועניגאָראָדקער דיין מסדר־קידושין זיין ביי מיכאַלן מיט דינהן...

אַלע קוקן טרויעריק אויף דער מומע זלאַטעס פוסטע אויגן. מנשה גלעט זי איבערן קאָפּ און רוימט איר איין אין אויער:

— זיי ווייסן שוין... זיי ווייסן שוין... אַז נישט פאַרשטייען זיי עפּעס?

די מומע זלאַטע וואַרפט אַראָפּ זיין האַנט און בייזערט זיך ליב־לעך:

— גיי דו נאַריש קינד, פאַר וואָס פאַרשטייען זיי נישט? אויב מיין אפיקורס וויל חתונה האָבן פאַר חנה דאָברישעס, דאַרף ער פריער זיך אָנפרעגן ביים אַמעריקאַנער קאָנסול... נישט אַזוי לייכט טוט זיך ווי עס רעדט זיך. און דו מעגסט בפירוש נעמען ביי אפרים־אהרונען זיין רבקהן... זייער אַ ווילינקע. דו קוק נישט, וואָס זי שפּילט זיך מיטן קעצל. יענע רבקה איז אויך מער נישט אַלט גע־ווען, בעת יצחק האָט זי גענומען. און וואָס דו זאָגסט ר׳ עקיבא? קומט ער נאָך נישט צו ר׳ יאָסי דעם רב. דו ווילסט חתונה האָבן — קענסטו נישט, בן עזאי האָט געקענט חתונה האָבן, האָט ער נישט געוואָלט... עי שוטה, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן. דער עיקר איז, אַז גאָט זאָל העלפן, מען זאָל זוכה זיין צו ווערן גאָלע פּופּיק... און וואָס דו זאָגסט מיכאַל? איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. צוזאַמען טשמאָק טשמאָק — פאַרפאַלן... אפילו אַ בת־קול... הער נישט, פאַרפאַלן...

יוכבד: טאַטע, און אפשר פאָרט איז די מומע לאה גערעכט? וויפל קען מען טאַקע לעבן אין שטענדיקע פּחדים? און ווער וועט אייך דאָרט העלפן זיך צעפירן די הענט? אָבער אומאַן איז פאָרט אַ גרויסע שטאָט. די מומע האָט דאָרטן פיל היימישע מענטשן, כאָמע גוטע ברידער...

שלום: אָבער אַז עס קריכט מיר אפילו נישט אין דער לינקער פּיאַטע די גאַנצע מעשה מיט דעם אומאַן. עס דערציילט מיר היינט לוי נאָטעס, אַז במעלניק איז זיך שוין צוריק צונויפגעלאָפן. אדרבא, נאָך פרישע יידן זענען זיך אָנגעפאָרן פון איוואַנקע גאָר, און פון מאַנקיווקע... ווייס איך וואָס דו רעדסט? משוגע מיינע שונאים, צי וואָס?

מנשה: אפרים־אהרון, וואָס זיצט איר אַזוי פאַרטראַכט? אפשר קלערט איר מיט אייער הויזגעזינד אַריבערצופאָרן קיין אומאַן?

שלום: באמת טאקע, אפרים־אהרון, דו קוק נישט אויף אונדז. מיר זענען שוין עלטערע מענטשן, אונדזער קרעמל האָבן מיר שוין באַלד געבראַכט צו אַ תכלית. אָבער דו האָסט אַ ווייב מיט פּיצלעך קינדער. אויב לאָהם רייד קריכן דיר אין קאָפּ אריין, דאַרפסטו אויף אונדז נישט קוקן.

יוכבד: ווייסטו וואָס, אפרים־אהרון? קום לאָמיר ביידע אַרויספאָרן קיין אומאַן. אַז מירן זיך איינאַרדענען, וועלן מיר אַרויס־נעמען צו ביסלעך אויך די איבעריקע. מיט אַ מאָל קען מען נישט. אַ יאָ, ס׳איז גלייך אַזוי, מומע?

אפרים־אהרון: אומזיסטע רייד. אין ערגעץ פאָר איך נישט. פאַר מיין הויזגעזינד וואָלט עס אפשר געווען אַ תכלית, אָבער אויף וועמען זאָל איך לאָזן טאַטע־מאַמע? אויף ברכהן? צי אפשר אויף די שנעקלעך, וואָס ווייסן נאָר גליטשן זיך... ווי גאָט וועט פירן מיט אַלע יידן, וועט זיין מיט מיר אויך.

מוזי: שלמהלע, קום אַהער. עפּעס שווייגסטו אַ גאַנצן אויפ־דערנאַכט ווי אַ פרעמדער. ווייז נאָר דאָס תנ״כל. עפּעס זאָגט מען דאָך אויף דיר, אַז דו ביסט דער גאון־הדור, ווייז נאָר אַ הער...

שלמה האָט נישט באַוויזן צו דערלאַנגען דאָס תנכ״ל, ווי פון גאַ־נעק האָבן זיך דערהערט קלעפּ אין טיר. אין איין אָטעם איז ער אַוועק עפענען. אין קאָרידאָר איז געווען כאָטש אַן אויג אַרויסצו־נעמען. אַנטאַפּנדיק דעם פאַררוקער האָט ער אויפגעמאַכט די טיר. אַן אומבאַקאַנט קול האָט אין דער פינצטער געזאָגט:

— אַך, עס איז דאָך ביי אייך אַזוי פינצטער דאָ! פירט אונדז הורך...

נישט וויסנדיק וועמען ער האָט דאָ פאַר זיך, האָט שלמה אויס־געשטרעקט זיין הענטל און אָנגעטראָפן אויף אַ וואַרעם הענטל מיט אַ סאַמעטענער הויט. אויף איין אויגנבליק האָט יענץ הענטל צוזאַמענ־געפּרעסט זיינע פינגער און לייכט אַ ציִ געטון צו זיך. דאָס קול אין דער פינצטער האָט פאַרחידושט איבערגעפרעגט:

— ווער איז דאָ דאָ? ממה־נפשך: אָדער פיר אונדז פאַר אַ האַנט, אָדער עפן די טיר אין ליכטיקן צימער אריין!...

ווי אַן אָפּגעבריטער האָט שלמה צוגעכאַפּט זיין הענטל. ער האָט דערקענט דאָס קול פון יאַנין און די דאָכע פון „תחש“ אָדער פון „כוי“. ביי דער אָפענער טיר האָט יאַני דערקענט שלמהן און אים פאַטערלעך אַ גלעט געטון איבערן בעקל:

— דו ביסט עס גאָר? וואָס זשע האָסטו זיך אַזוי לאַנג גע־באַברעט דאָרטן? אַ יינגעלע דאַרף זיין רירעוודיק, איינס און צוויי און פאַרטיק.

שלמה האָט איין וואָרט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. זיין קאָפּ איז געווען פאַרנומען אין גאַנצן מיט איין געדאַנק:

— היינט האָב איך געהאַלטן איר האַנט אין מייַנער, אירע פינגער אין מיינע.

יאַני אויסטוענדיק די קאַלאַשן, האָט ווייטער געפרעגט:

— שלמהלע, וואָס טוסטו אַזוי פרי אין דער היים? אַבי מען האָט געזאָגט, אַז דו לערנסט ביז האַלבע נאַכט אין חדר.

שלמה איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך און נישט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון פאַלין האָט ער צעטראָגן געענטפערט:

— ס'איז לכבוד די געסט... פאַר וואָס טוט אייער טאָכטער זיך נישט אויס?

— וואָס פרעגסטו ביי מיר? פרעג ביי איר, ביסט מיט איר ברוגז?

שלמה האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און פאַרלוירן אַ שמאַמל געטון:

— באמת טאַקע, פאַלי, דער טאַטע האָט זיך אויסגעטון, טוט זיך אויך אויס. אין שטוב איז היים.

— אַ דאַנק, אָבער די באָטיקעס גייען ביי מיר שווער אַראָפּ.

דערהערט, אַז די טולטשינסקים זענען דאָ, איז יחיאל אַרויס פון זאַל ווי אַ דונער. נישט לאַנג געקלערט האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני און אַראָפּגעשלעפּט ביי איר די באָטיקעס. ער האָט געוואָלט איר אויסטון אויך די דאַכע, נאָר זי האָט נישט געלאָזט. זי האָט אַליין אויסגעטון און אים אָפּגעגעבן אויפצוהענגען. שלמה האָט געפילט, אַז „זיינע גוטע זיבן יאָר" האָבן זיך געענדיקט, און נידערגעשלאָגן נאָכגעגאַנגען יאַנין אין זאַל אַריין. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און געמאַכט פּלאַץ פאַר יאַנין סאַמע אויבן־אָן.

יאַני: פאַר וואָס זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן? איך שטער אייך דען?

שלום: גאָט באַהיט. אַ גוטער פריינד שטערט קיין מאָל נישט. מען האָט זיך שוין גענוג אָנגערעדט פוסטע דיבורים, די צונג טוט שוין וויי.

יאַני: אפרים־אהרון, איר ווייסט, וואָס איך בין געקומען? כ'וויל וויסן, וואָס קלערט אייער משפּחה מכח כמעלניק. אומקערן זיך צי ניין?

ברכה: און וואָס האָט איר באַשלאָסן? איר פאָרט צוריק?

יאַני: יאָ, איך האָב באַשלאָסן, בלי נדר, מאָרגן אם ירצה השם, צו פאָרן.

ל א ה : וואָס פאַר אַ גריסן האָט איר פון דאָרט?

י אַ נ י : מיין מאַשינגיסט שרייבט מיר, אַז ס'איז שטיל. די מיל איז גאַנץ. „זיי" זענען אפילו דאָרט נישט געווען. אַלע פרימאָרגן קלויבן זיך צונויף פורלעך מיט תבואה. מען וואַרט אַלץ, טאָמער קומט דער בעל הבית. מען וואַרט אַזוי לאַנג, ביז מען צעפאָרט זיך.

צ פ ו ר ה : האָט איר, הייסט עס, באַשלאָסן...

י אַ נ י : נו, וואָס וועל איך וואַרטן? מיר דאַכט זיך, אַז אַ חוץ מיר און אייער שווער האָבן זיך שוין אַלע אומגעקערט. די מיל קען איך דאָך נישט נעמען אין קעשענע און אַוועקפאָרן. אין יענער מיל וואָס אין כליפּנעווקע, האָט זיך צעשפּאָלטן אַ זיפּ און עפּעס אַ פּאַס האָט געפּלאַצט, שטייט זי בסך הכל אין גאַנצן... איר פאַרשטייט דאָך, מיט פרעמדע הענט קען מען עפּעס מאַכן?

א פ ר י ם - א ה ר ו ן : נו אודאי, וואָס פאַר אַ נייעס? איר הערט, יאַני, די מומע לאה רעדט אונדז צו אַריבערצופאָרן קיין אומאַן. זיך אַריבערקלויבן.

י אַ נ י : נו־נו? אפשר דאַרף מען זיך צוהערן?

ז ע ל ד ע : פאַר וואָס פאַרשטייט איר נישט? אייך איז די מיל טייער און אונדז, אַז מיר האָבן נישט קיין מיל, איז אונדז טייער דאָס שטעטל אַליין. די אייגענע ד' אמות...

י אַ נ י : זעלדע לעבן, עפּעס גלייך ווי איר וואָלט האָבן טענות צו מיר. אדרבא, צוזאַמען איז היימלעכער. ווען נאָך האָב איך אין כמעלניק אַ חוץ אייך? איך וואַלגער מיך אַרום ווי אַ הונט. איך ווער פאַרשוואַרצט, ווי מען זאָגט, אין עושר און אין כבוד. טאָמער עפּעס וואָס, איז נאָך אַ מאָל ר' שלום זאָל לעבן און ווידער טאַקע אפרים־אהרון. איר האָט אַ זאָג געטון אומאַן, האָט זיך דאָס האַרץ אין מיר אַזש אַ וואָרף געטון. נישט מער... פאָרט אַ גרויסע שטאָט. ווי קלערט איר אַ שטייגער, ר' מוזי, פאַר מיר וואָלט געווען אַ פּלאַן אַרויסצופאָרן קיין אומאַן?

מ ו ז י : איך קלער, אַז ניין.

י אַ נ י : פאַר וואָס? פאַר זיי — יאָ, און פאַר מיר — נישט?

מ ו ז י : וואָס גלייכט איר זיך צו זיי? זיי האָבן דאָ נישט וואָס צו פאַרלירן. אָבער איר קיין עין־הרע מיט צוויי מילן... איין גוט ווינטעלע, אַז עס גיט אַ בלאָז, זענט איר ווידער אויפן פערד.

ל א ה : יאַני, איר זענט אַ ייד אַ מוצלח, קיין עין־הרע... אי מילן האָט איר, אי קיין נדן דאַרפט איר נישט. צו אַזאַ פּנימל...

י אַ נ י : זאָלן זיי וואַקסן אָן יסורים. טאַקע צוליב זיי אַליין וואָלט איך חשק געהאַט אַרויסצופאָרן אין אַ גרויסער שטאָט. וואָס זענען זיי דאָ?

לאה: ע, איר האָט נאָך צייט. דעם ווילטאָג, וואָס זיי האָבן אין פּראָווינץ, וועלן זיי אין שטאָט נישט האָבן. וויפל ביסטו אַלט, מיידעלע?

פּאָלי: דאָס עלפטע יאָר.

לאה: אָ, אַן אַלטע מויד... און ווי רופט מען דיך?

פּאָלי: פּאָלי, פּאָליא טולטשינסקאיא.

לאה: טולטשינסקי, דאָס ווייס איך אַליין. אָבער פּאָלי? ווי אַזוי הייסט עס אויף יידיש, יאַני?

יאַני: אויף יידיש הייסט זי פּערל נאָך מיין שוויגערס שוועסטער.

לאה: וואָס דערציילט איר מיר פּערל די שווייגערין... איר זענט נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, אַז איך האָב זי געקענט.

זלאַטע: פּערל די שוויגערין און דער קעלעמער מגיד, בעת ער האָט געכשרט די מיל אויפן בית־עולם...

גאָלדע: מאַמע, שווייג. עס דאַרפן נאָך וויסן פרעמדע מענטשן אונדזער אומגליק. טאָמער איז קאַרג אַזוי...

זלאַטע: וואָס פאַרמאַכסטו מיר דאָס מויל, וואָס? אַליין ביסטו אַן אומגליק... און איך ווייס, אַז ר' לייב שרהס איז טאַקע געווען גערעכט. ער האָט נישט געלאָזט טראָגן קיין שיינע שלאָפּקעלעך, נאָר שאַלעכלעך. צו שאַלעכלעך האָבן די אפּיקורסים קיין שליטה נישט... און דער אשמדאי, אַז ער איז געלעגן געוואָרן...

אין שטוב איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל, אַלע האָבן געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. נאָך זלאַטעס פּיבערטדיקע אויגן איז געווען צו זען, אַז איר דרשה הייבט זיך ערשט אָן. נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָט זיך יאַני אויפגעהויבן גיין. ביידע דינהס האָבן געהאָלפן פּאָלין אָנצוטון די באַטיקעס. יחיאל איז שוין נישט צוגעגאַנגען. שטייענדיק ביי דער טיר האָט דאָס מיידעלע זיך באַגעגנט מיט שלמהס ווייטיקלעכן קוק און נישט פאַרשטאַנען: וואָס קוקט ער אַזוי טרויעריק, יענע ייִנגעלע?

באַגלייטן יאַני פון שטוב זענען געגאַנגען אפרים־אהרון מיט ביידע שוואָגערס. ווי נאָר זיי האָבן זיך אומגעקערט, אַזוי האָט מען געמאַכט נאַכט.

אויף צו מאָרגנס איז דער פעטער מוזי מיט דער מומע לאהן אָוועקגעפאָרן. נאָך אין עטלעכע טעג אַרום איז דער זיידע שלום מיטן הויזגעזינד אָפּגעפאָרן קיין כמעלניק. יוכבד מיטן מאַן זענען מיטגעפאָרן אַ קוק טון אויפן חורבן. אפרים־אהרון מיט ביידע ברידערלעך זענען אויך געפאָרן העלפן צונויפזוכן די בעבעכעס. אין

שטוב איז מיט אַ מאָל פּוסט געוואָרן. שלמה האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין לערנען, דערשטיקנדיק אין זיך זיין ליבע און זיין בענקעניש.

קאַפּיטל IX

דער ווינטער האָט אַריינגעלאָזט דעם פרילינג און דער פרילינג האָט דורכגעלאָזט דעם זומער.

אַלץ האָט זיך געפּירט אויפן אַלטן שטייגער. דאָס קליינע שלמהלע איז געוואָרן איבערגליקלעך, וואָס דער פּלאַן וועגן אומאַן איז נישט אָנגענומען געוואָרן. ווי אַזוי וואָלט ער געלעבט אָן פּאַלין? אין די שווערע סומנע בייטאָגן פלעגט ער אַרויסשלעפּן פון טלית־קטן די פאַרשווייסיקטע בלעטלעך פון שיר־השירים און אַרויסרופנדיק אין זיין דמיון איר געשטאַלט, פאַרטייטשן זיך אַליין וואָרט ביי וואָרט און געפינען אַ טרייסט אין די זיסע, הייליקע ווערטער:

„אַלע געזאַנגען זענען הייליק, אָבער דאָס געזאַנג איז קודש־קדשים“.

ווינען וויינען זיי, די פּיאַטאַגאַרסקים, פון דעם ערשטן טאָג, וואָס זיי זענען געקומען קיין זוועניגאָראָדקע, ביי אַ שליאַכטשיץ, וואָס וווינט שוין צוואַנציק יאָר אין רוסלאַנד. דער בעל הבית, דער פּריץ, איז אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט אַ פּנים ווי אַ לימענע. האָר האָט ער עטוואָס טונקלערע. אויגן האָט ער קאַלטע, נאָר רויִקע. מיט אפרים־אהרונס אַ קינד האָט ער נאָך נישט געפּרוווט אויסצורעדן אַ וואָרט. דער גרויסער כאַרט * „מוציק“ טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין טריט. גייט ער אין גאַס, לויפט ער פאָרויס. גייט ער אין שטוב אַריין, שטייט ער ביים גאַנעק, דרייט מיטן עק און וואַרט אויף אים. די פּריצה איז אויך אַ לאַנגע, נאָר אַ גראָבע. אויגן זענען ביי איר גרינע ווי קליינע זשאַבעלעך. אויף איין אויער איז זי טויב און דעריבער איז זי שטענדיק בייז. אייביק דאַכט זיך איר, אַז עמעצער זאָגט איר עפּעס. אויף שלמהן קוקט זי קרום און ביי יעדער געלעגנהייט וויזט זי אים מיטן ווינק ער זאָל זיך אָפּווישן די נאָז, כאָטש זי איז ביי אים קיין מאָל נישט נאַס.

די קליינע פּאַניטשלעך דאַקעגן ווינקען שוין נישט, זיי רעדן אָפענע דיבורים. צוויי שקצים האָבן די בעלי־בתים: יאַנעק און פּיליפּ, און איין פּאַניענקע, עליזאַ. שלמהן האָבן זיי נישקשהדיק פיינט. ווי אַן ערלעכער ייִד פאַרגעסט נישט צו דאַוונען, אַזוי פאַרגעסן זיי קיין מאָל נישט ביי אַ באַגעגעניש אים מכבד זיין מיט „זשיד כאַלא־

* כאַרט – אַ יאַגדהונט.

מיי". אַז נישט מאַכט מען פון אַ פּאָלע אַ חזירשן אויער און מען שאָקלט נאָך און מען שרייט בשעת מעשה: „טאַטעלע, מאַמעלע, איך דיר בייסעלע, דו מיר קראַצעלע"... נאָר דאָס וואָלט נאָך שלמהן נישט אַזוי דערקוטשעט, זאָלן זיי שרייען צעזעצטערהייט. עלעהיי הינט האַוועקן, אַ דאגה אים אַ גרויסע... זעען אָבער די באַלעבאַטימ־לעך, אַז דאָס „נעמט נישט", טראַכט מען צו אַ נייעס... איין מאָל זענען זיי אים באַפאַלן. די שקצימלעך האָבן אים צוגעהאַלטן און עליזאַ האָט געטריי אָנגעשמירט זיינע ליפּן מיט חזיר. שלמה האָט נאָך דעם אַ שעה געזייפט די ליפּן און געוויינט... אין יענעם טאָג האָט ער שוין נישט געגעסן, ער זאָל נישט אַראָפּשלינגען עפּעס אַ „נותן טעם". אַ צווייט מאָל האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין האַלדז אַריין אַן אויסגעסמאָקעטן ראַק. כל־זמן די רדיפות זענען נאָך געווען געווענדט קעגן אים אַליין, האָט שלמה אַלץ שטיל געליטן. נאָר ווען זיי האָבן גענומען אַ געפּגרטע זשאַבע, איינגעטונקען אין אומ־ריינקייט און זי אים אַריינגעוואָרפן אין דער גמרא, האָט שלמה שוין נישט אויסגעהאַלטן און זיך פאַרקלאָגט פאַר זיין פאָטער. אפרים־אהרון איז אַריינגעגאַנגען צום פריץ און פון דאָמאָלסט אָן פלעגן שוין די באַלעבאַטימלעך מכבד זיין שלמהן בלויז מיט שטייג־דעלעך.

אַ היפּך פון זיי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער שכן פון דער צווייטער שטוב, דער אַדוואָקאַט זאַרעמבאַ. אויך אַ פּאָליאַק, נאָר ער האָט גערעדט פריי יידיש. זיינע פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן, וואָס האָט געהערט צו אפרים־אהרונס שטוב. זייער אָפט פלעגט זיך דערטראָגן פון זייער שטוב אַ זיס, בעטנדיק קולכל פון אַ פידעלע. דאָס האָט זאַרעמבאַ געשפּילט. פון די בעלי־בתים האָט מען געהערט, אַז זאַרעמבאַ האָט געשטודירט אין ווין אין קאָנסער־וואַטאָריע, נאָר איבער אומבאַוווסטע סבות איז ער מגולגל געוואָרן קיין זוועניגאָראָדקע אַלס אַדוואָקאַט.

אין די לאַנגע זומערטעג, ווען דער רבי לייגט זיך צו און די חברה צעקריכט זיך, ווער — באָדן זיך, ווער — אויפן בית־עולם באַרלעך רייסן, פלעגט שלמה אָנשפּאַרן זיין קעפּעלע אויף די דלאָניעס, אָנ־צילן די אויגן אין יענעם אָפענעם פענצטער, וואָס איז פאַרשטעלט מיט וויינשלביימער און מיט עפּלביימער. טאַדעאוש זאַרעמבאַ פלעגט זיך פאַרגיין אויפן פידעלע און זיין שוועסטער וואַנדאַ פלעגט אים אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנינע. אַ חוץ זיי ביידן און דער אַלטער מאַרפאַ, אַ גויע אפשר פון הונדערט יאָר, וווינט אין דער אַקעגנאיבער־דיקער שטוב מער קיינער נישט. די זאַרעמבאַס זענען ביידע „פאַר־זעסענע" אין די פערציקער. ער — אַדוואָקאַט, זי — פאַרמאַצעווט

און די אַלטע מאַרפאַ פירט די באַלעבאַטישקייט. אַ גאַנצן טאָג הערט מען נישט פון זייער הויז קיין שאָרך. פוסט ווי אויף אַ בית־עולם. נאָר אָט קומט טאַדעאוש מיט וואַנדאַן, דאָס פענצטער ווערט אויפגעפּראַלט אין גאָרטן אַריין, דורך די בלעטער גיבן אַ פינקל די קרישטאָל־גלעזלעך פון זייער אַבאַזשור. די גרויסע אַש־קאָלירענע קאַץ פאַרקלויבט זיך אויפן פענצטער: דאָרט איז איר שטענדיק אָרט. פאַרדריסט דאָס מוציקן און ער הייבט אָן ברומען אין זיך. די שאָרסטקע האָר זייַנע הייבן זיך אויף און ער הייבט אָן שאַ שטיל זיך אונטערגנבענען צום פענצטער. נאָר אָט גיט טאַדעאוש אַ פיר מיטן סמיטשעק איבער די סטרונעס. ווי דורך אַ כשוף פאַרשווינדט אַלץ. עס ווערן נישט: דאָס פענצטער, די שטוב, די שטאָט. עס בלייבן נאָר כוואַליעס געזאַנג, אויסגעמישט מיט פיאַנינאַקאָרדן. די קלאַנגען דערציילן פון ערגעץ ווייט, ווייט, וווּ עס זענען נישטאָ קיין באַנדעס מיט קיין יאַנעקס... וווּ פאַלים גייען אָן שליאַפּקעלעך און לאָזן זיך נישט אַרומנעמען... שלמהן טראָגט אַוועק זיין דמיון אין די ווייטע תנ״כישע מקומות:

— עורי צפון ובואי תימן...

ער זעט פאַר זיך דעם ירדן מיטן לבנון און איבער זיי טיפבלויע געטלעכע הימלען, און אין די הימלען אַ פענצטערל, און פון דעם פענצטערל גיסט זיך דאָס געזאַנג גלייך צו אים אין האַרצן אַריין...

עס טרעפט, אַז אַליין נישט פילנדיק קריכט ער אַרויס פון זיין פענצטער, שפּאַנט דורך דעם גאָרטן און שפּאַרט זיך אָן אויפן ראַנד פון זאַרעמבאַס פענצטער, בשכנות מיט דער קאַץ. דאַן מאַכט זיך צו דאָס פענצטערל אין הימל, טאַדעאוש ווינקט אים מיטן סמיטשעק:

— קום אַריין, יינגעלע, קום אַריין, האָב קיין מורא נישט.

שלמה שטייט פאַרלוירן און רירט זיך נישט פון אָרט.

— קום אַריין, וואָס טראַכסטו אַזוי לאַנג?

שלמה קען נישט ביישטיין דעם נסיון, ער שאַרט אָפּ די קאַץ און קריכט אַריין. זאַרעמבאַ לייגט אַוועק דעם פידל און זעצט אים אַוועק לעבן זיך.

— ערשטנס, לאָמיר זיין באַקאַנט. דו וווינסט דאָך לעבן אונדז,ביים פאַן קראַקאָווסקי?

שלמה שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— וואָס שווייגסטו? דו ביסט אַ שטומער?

שלמה ווערט רויט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן.

— ווי רופט מען דיך?

— שלמה.

— קוים אַ מאָל אַ לעבעדיק וואָרט. „שלמה“ — סאַמואיל הייסט עס.

— שלמה איז נישט סאַמואיל.

— פאַר וואָס איז שלמה נישט סאַמואיל?

— ווייל סאַמואיל איז שמואל, און שלמה איז שלמה.

— נו, זאָל זיין שלמה. שלמה איז זייער אַ שיינער נאָמען, אַ בארימטער...

שלמהן איז פריקרע, וואָס ער פאַרברענגט מיט אַ גוי, און ער שווייגט פאַרלוירן. טאַדעאוש גיט אַ ווינק דער שוועסטער. יענע הייבט זיך אויף פון דער פיאַניִנע און גייט אַרויס. זאַרעמבאַ דער־ווייל פרעגט ווייטער:

— עס געפעלט דיר אונדזער שפּילן?

שלמהס אייגעלעך צינדן זיך אָן און ער שאָקלט שטאַרק מיטן קעפּל: יאָ, אודאי געפעלט אים... אַ שאלה נאָך, צי עס געפעלט אים?

— דו וואָלסט געוואָלט זיך אויסלערנען שפּילן?

דאָס גאַנצע בלוט גיט אים אַ שלאָג אין פּנים אַריין. ער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. וואַנדאַ קערט זיך אום. אויף אַ הילצערנעם גע־שניצטן טעלער ברענגט זי שוואַרצע פלוימען און שמעקנדיקע דיניע. טאַדעאוש גיט אים אַ לייכטן טאַרקע:

— נעם שלמה, פאַרזוך. פון אונדזער אייגענעם גאָרטן.

— אַ דאַנק, איך וויל נישט.

— פאַר וואָס זאָלסטו נישט וועלן? פרוכטן זענען דאָך נישט טרייף...

— נישט טרייף, נאָר איך וויל נישט.

— אהאַ... פאַרשטאַנען. דו שעמסט זיך פאַר אונדז צו מאַכן אַ ברכה? מאַך, מאַך, מיר שעמען זיך נישט, אַז מיר דאַווענען. נעם, אַזעלכע פלוימען האָסטו נאָך נישט געגעסן. אין מאַרק פאַרקויפט מען נישט אַזעלכע.

שלמה נעמט אַ פלוים און וויל שוין מאַכן אַ ברכה, נאָר מיט אַ מאָל באַמערקט ער אין אַ ווינקל אַן איקאָנע. די האַנט מיט דער פלוים פאַרבלאָנדזשעט צוריק אין טעלער אַריין. זאַרעמבאַ פאַר־שטייט אַלץ מיטן קוק.

— ווער הייסט דיר קוקן אין יענעם ווינקל? קוק אויפן הימל און מאַך אַ ברכה.

נאָך דעם ווי עס איז שוין פאַרזוכט געוואָרן פון די פלוימען און פון דער דיניע, פרעגט טאַדעאוש ווייטער:

— וואָס זשע זאָגסטו? דו וואָלסט געוואָלט זיך אויסלערנען שפּילן אויף אַ פידל?

— איך ווייס אליין נישט.

— פאר וואס ווייסטו עפעס נישט? מען טאר דען נישט? אט האט דאך צאר דאוויד געשפילט, צי גיין אפשר?

שלמה האט נישט וואס צו ענטפערן. זארעמבא איז גערעכט.

— אנו, קוק נאר אהער נענטער... גלייך שטיי, דעם קאפ העכער. אצינד נעם אט אזוי א... אויף א זייט א ביסעלע, רירעוודיקער, נו! אט אזוי!

נאך דער ערשטער לעקציע, בעת וועלכער שלמה האט שוין אליין געבוירן עטלעכע זיסע קלאנגען און איז געווען איבערגליקלעך, האט אים זארעמבא געמאלדן:

— איצט שלמה, אויב דו ווילסט, קענען מיר מאכן א קאנטראקט. דו וועסט מיט מיר לערנען לשון־קודש און איך מיט וואנדאן וועלן דיך לערנען מוזיק, אפגעמאכט?

— לשון קודש? צו וואס נוצט אייך לשון קודש? איר זענט דאך נישט קיין ייד.

— און אז איך בין נישט קיין ייד, קען דאס מיר, מיינסטו, נישט צו נוץ קומען? אט איז מיר דאך מיין יידיש רעדן שוין צו נוץ גע־קומען. אט רעדן מיר זיך אזוי פריי צונויף... פונקט אזוי קען יעדע שפראך צו נוץ קומען. אלזא, איז דאס אפגעמאכט? מיר מאכן דעם בייט?

— אבער איך ווייס נישט, פון וואס אפילו אנצוהייבן.

— פאר וואס ווייסטו נישט? הייב אן אקוראט פון דעם, וואס מען האט מיט דיר אנגעהויבן. איך בין א גוטער שילער. מיט מיר וועסטו לאנג נישט דארפן הארעווען.

— ווען מיין טאטע זאל געוווּיר ווערן פון דער מעשה, וואלט ער מיך געהרגעט.

— עס איז ביי מיר אפילו א ספק, צי ער וואלט דיך געהרגעט, נאר אלץ איינס. ווער מוז דאס אים גיין דערציילן?

שלמה האט זיך פארקלערט.

— דיין פאטער איז דאך אט דער מיט דער שווארציער בארד? אזא שיינער. א יא?

— יא, יא.

— עפעס זעט מען אים זעלטן.

— ער קומט נאר אויף שבת. א גאנצע וואך איז ער אין כמעלניק.

— איז דאך אודאי גוט. האב קיין יסורים נישט. קיין מענטש וועט נישט וויסן...

און עס איז אוועק א גאנג. שלמה האט זיך געלערנט לייענען נאטן, האלטן ריכטיק דעם פידל אין האנט און אויך א ביסל שפילן

אויף דעם אינסטרומענט, אויף יענעם. טאַרעאוש מיט זיין חתמדה האָט שלמהן גאָר איבערראַשט. וויפל ער האָט אים נישט „פאַרגעבן", האָט יענער אַלץ געשריגן, אַז עס בלייבט אים נאָך פרייע צייט, ער קען מער אַריינכאַפּן.

קאַפּיטל X

די צייט איז דערווייל געלאָפן. שלמהן האָט אָנגעהויבן גיין דאָס דריייצנטע יאָר. איין מאָל האָט אַ יינגל געבראַכט קוקורוזע אין חדר אַריין, איינגעוויקלט אין עטלעכע געדרוקטע בלעטלעך. שלמה כאַפּט אַ קוק אויף זיי, לויפט זיי איבער מיט די אויגן און פרעגט ביים יינגל:

— איציק, ווו האָסטו גענומען די בלעטלעך?

— ביי דיר נישט, האָב קיין מורא נישט.

— קענסט גישט ענטפערן גלייך, דו פּראַדאַם? איך פרעג דאָך דיך ווי אַ מענטש.

— איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר. עס איז געלעגן אויפן קאָמאָר, האָב איך אָפּגעריסן. שוין גוט?

— איציק, זיי נאָר נישט בייז. וואָס ווילסטו ביי מיר דערפאַר, אַז דו זאָלסט אַ טאַנץ טון אַהיים און ברענגען מיר די רעשט בלעטלעך?

— און אויב די מאַמע האָט שוין אָפּגעווישט מאַטעלען מיט די בלעטלעך?

— מילא, באַרנוצט איז פאַרפאַלן. איז וואָס זשע זאָל איך דיר געבן?

— קנעפּלעך האָסטו?

— ווי קומען צו מיר קנעפּלעך?

— וועט גאָרנישט זיין פון אונדזערע רייד.

— וואַרט, מיינע פון דעם פּידזשאַקל טויגן?

איציק באַטראַכט זיי מיט אַ מבינהשן קוק:

— דוקא אָפּגעריבענע, נאָר אַז דו האָסט נישט קיין אַנדערע... פאַרט אַ חבר.

— לויף זשע ברענג די בלעטלעך, דאַן שניידסטו דיר אָפּ אַלע קנעפּלעך.

— גיין, אויף באָרג גיב איך נישט. פריער די קנעפּלעך...

מיט אַ שאַרף שטיקל בלעך האָט איציק אָפּגעזעגט די קנעפּלעך און איז אַוועק ברענגען די בלעטלעך פונעם קאָמאָר. אויף שלמהס מזל איז גאָרנישט געשען און ער האָט די בלעטלעך באַקומען גאַנץ.

דאָס איז געווען אַ דין העברעאיש ביכעלע. י. ל. פּרצעס דריי דער־ציילונגען: „אם לא למעלה מזה", „שלום בית" און „המשולש". איבערגעלייענט, האָט דאָס קליינע שלמהלע זיך קיין אָרט נישט גע־פונען. ער האָט געפילט, אַז דאָס זענען „פּוסטע מעשיות", אָבער די פּוסטע מעשיות האָבן אים שטאַרק געצויגן... ער האָט ביי איציקן אויסגעטאַפּט, אַז ביי זיי אויף דער שאַפע וואַלגערן זיך נאָך עטלעכע ספרימלעך. פאַר היפשע עטלעכע מתנות האָט אים איציק געבראַכט אין בוזעם, נאָר אויף איבערצולייענען, „ראַבינזאָן קרוזאָ", „אלף לילות ואחד", „מסתרי פריז" און „דניאל דירונדא". אויף גאַנצע בייטאָגן פלעגט שלמה פאַרפאַלן ווערן אויף דעם בית־מדרש־בוידעם. ביי נאַכט האָט ער אויפגעהערט צו גרייטן אַ שיעור גמרא. עפּעס אַ נייע וועלט האָט אים פאַרשלונגען, אַ וועלט, וואָס ער האָט גאָר קיין מאָל נישט חושד געווען אין איר מציאות. ווען איציק האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז מער איז שוין נישטאָ, האָט אים שלמה פאַרטומען אויף אַ זייט, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און ווי מעגלעך רואיקער געפרעגט:

— איציק, אפשר ווייסטו צופעליק, וווּ זענען נאָך דאָ אָט די...

— אודאי ווייס איך, וואָס דען איך ווייס נישט? נאָר אומזיסט איז נישטאָ...

— איז בלויז פאַר זאָגן זאָל איך דיר אויך באַצאָלן?

— וואָס דען האָסטו געמיינט? אומזיסט קושט מען נאָר די מזוזה. דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט.

— וואַרט, אַנטלויף נישט. וואָס זשע זאָל איך דיר געבן?

— וואָס דו זאָלסט מיר געבן? ביי אַ פרעמדן, פאַרשטייסטו דאָך, נאָר דו ביסט דאָך פאָרט אַ חבר. טאָ ברענג פינף ווייבערישע קנעפּ, פינף פלעצעלעך מיט מאָן, צוואַנציק קאָפּיקעס און דריי ציגעלעך צוקער, מער גאָרנישט.

— איציק, דו האָסט גאָר קיין גאָט אין האַרצן נישט. פאַר איין וואָרט — אַזאַ עשרות? ווו זאָל איך דיר נעמען קאָפּיקעס? איך בין אַ באַנקיר צי וואָס?

— אַז עס לוינט דיר נישט, דאַרף מען נישט. ווייסטו גאָר וואָס? אויב איך האָב נישט קיין גאָט אין האַרצן, ווייל איך אין גאַנצן מיט דיר קיין געשעפטן נישט האָבן. פרעג ביי מיר נישט, ווייל איך וועל דיר נישט זאָגן.

— וואָס רעדסטו, איציק? איך האָב געשפּאַסט און דו מיינסט עס ערנסט. דו ביסט אַ דימענטענער מענטש, אַ לב טוב. דער בעס־טער חבר ביי מיר.

— אָט אַזוי זשע רייד. אַז נישט, האָב איך פיינט. פאַר דיין

צעברויגזן מיך וועסטו נאָך צוגעבן די זילבערנע קאָפּערטע פון דיין טאַטנס זייגער. דו האָסט זי מיר אַ מאָל געוויזן ביי אייך אין שטוב, און דאַן איז דאָס געשעפט געמאַכט.

— איציק, וואָס רעדסטו?... כ׳מיין, ווען זאָל איך אַלץ ברענגען?...

ווען די „קאָנטריבוציע" איז אַריבערגעגאַנגען אין איציקס הענט און פאַרשוונדן אין זיינע טיפע קעשענעס, האָט ער מער נישט געזאָגט ווי צוויי ווערטער:

— גדליה דער מרה־שחורהניק...

דער „מרה־שחורהניק" האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ טשאַכאָטיטשניק, אַ יאַדישליווער און „אַן אַ האַרץ". פון וואָס מענטשן זאָלן נישט האָבן גערעדט אין זיין אַנוועזנהייט, האָט ער זיי געמוזט אַרויפפירן אויפן טויט. אַלע זיינע געדאַנקען זענען נאָר געווען פון „יענער זייט". אַלט איז ער געווען אַ יאָר זעכציק, פינף און זעכציק. און פון זינט זיין זון האָט זיך דערטרונקען, איז ער געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. וועגן זיין זונס טויט האָבן מענטשן דערציילט פאַרשידנס. איין זאַך איז נאָר געווען זיכער, אַז דאָ איז געווען פאַרמישט אַ ליבע. דאָס איבעריקע האָט מען שוין אַליין צוגעקלערט. פון זיין עזריאלן איז גדליה דעם מרה־שחורהניק געבליבן אַ היפשע ביבליאָטעק, אפשר די גרעסטע אין זוועניגאָראָדקע. אין דער ביבליאָטעק זענען געווען מערסטן טייל העברעאישע און אַ ביסל אויך יידישע און רוסישע ביכער. נישט יעדן האָט דער מרה־שחורהניק אַריינגעלאָזט צו זיך, נאָר שלמה האָט ביי אים געפונען חן און ער האָט פאַר אים געעפנט זיינע שאַפעס מיט די קאַסטנס.

צוזאַמען מיט דער גמרא פלעגט שלמה ברענגען אַהיים פולע קעשענעס מיט גרעסערע און קלענערע ביכער. דער מוטער פלעגט ער געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס זענען פירושים אויף תהילים, תרגום אויף „זהר" און נאָך אַזעלכע תירוצים. דער פאָטער פלעגט פון זונטיק אין דער פרי ביז פאַר ליכט בענטשן אין דער היים נישט זיין, אַלץ אַרומפאָרן אויף די יאַרידים מיט ברכהן און מיט דער באָבען. צו זיין קומען פלעגט שוין שלמה טיכטיק אויפרוימען דעם „טרייף־פסול", באַהאַלטנדיק עס אין שטאַל אָדער אין קעלער הינטער די טרעפּ. גאָט האָט געהאָלפן, עס איז פאַריבער דער שבת־קודש, אַוועקגעפאָרן צוריק דער פאָטער אויף די יאַרידים און ווידער גראָבט שלמה אוים דעם „פירוש אויף תהילים" מיטן „תרגום אויף זהר"...

די בייטאַגיקע היץ איז אָפּגעטראָטן. אין גאָרטן איז פריש אַ מחיה. אַ מילד ווינטעלע פאָכעט אים אָפּ דאָס מידע פנימל. שלמה

ליגט אויפֿן גראָז אין שאָטן פֿון אַ געדיכטן באַרנבוים. פֿאַר אים אויף אַ בערגעלע ליגט צעעפֿנט דער „אהבת ציון". טאַדעאוש זאַ־רעמבאַ גיסט אויס די נשמה דורכן פֿידעלע, זיין שוועסטער וואַנדאַ אַקאָמפּאַנירט אים אויף דער פּיאַניגע און אמנון ותמר אַנטדעקן פֿאַר שלמהן, וואָס הייסט אַזוינס אמתע ליבע... דער תנ"כישער ראָמאַן גיסט זיך צונויף מיט די קלאַנגען, וואָס רייסן זיך פֿון די סטרונעס, פֿון די קלאַווישן, און זיין פּאָעטיש נשמהלע שווימט אין אַ ים פֿון זיסקייט, רייסט זיך אין די הימלען פֿאַר האַרציקער דבקות.

וואָס ווייטער האָט שלמה אַלץ מער געשלונגען די ביכער. ער האָט נישט איבערגעקליבן, ער האָט געלייענט, וואָס עס איז אים געקומען צו דער האַנט: דערציילונגען, ראָמאַנען, שירים, נאַטורוויסנשאַפֿט־לעכע און פֿילאָזאָפֿישע ביכער, זשורנאַלן און ענציקלאָפּעדיעס.

אויף אַלץ, וואָס קומט פֿאַר אַרום אים, האָט ער גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן, פֿאַרשטיין עס אַנדערש ווי פֿריער. נאָר אין איין פּרט האָט זיך ביי אים גאָרנישט געביטן און עס איז געבליבן אין דער זעלבער קראַפֿט וואָס פֿריער: זיינע באַהאַלטענע געפֿילן צו פֿאַלין. זיי זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט אים, זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט זיינע נייע קענטעניש.

פֿון דער שול פֿלעגט זי כמעט שטענדיק אַריינגיין מיט דינהן צו זיי אַהיים, צוזאַמען זיך שפּילן און צוגרייטן די לעקציעס. איין מאָל האָט ער דורכן פֿענצטער צוגעקוקט, ווי פֿאַלי מיט דינהן שפּילן זיך אין „כאַפּערלעך". מיט פֿאַרבונדענע אויגן האָבן זיי זיך גע־יאָגט איינע נאָך דער אַנדערער, פֿאַרטשעפּעט זיך, געפֿאַלן און ווי־דער געלאָפֿן. ווען דינה איז אַוועק באַגלייטן איר חברטע, האָט ער באַמערקט אין גאָרטן זיך וואַלגערן עפּעס אַ ווייסע זאַך. צוקומענדיק נאָענט האָט ער דערזען, אַז עס איז „איר" טיכעלע. ווי אַ משוגענער האָט ער זיך אַ וואָרף געטון הערויף, אַ כאַפּ געטון, זיך אַרומגעקוקט און איז אַריין אין שטוב. ביי דער גמרא זיצנדיק, ווען די מאַמע איז אַרויס פֿון שטוב, האָט ער עס אויסגעקושט, אַרומגעלעקט אַלע זאַמדעלעך פֿון טיכעלע. פּלוצלינג באַמערקט ער פֿון ווייטנס: דינה מיט פֿאַלין גייען צוריק. עס איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַן אימה:

— עס איז קיין ספֿק נישט, אַז דאָס גייען זיי נאָכן טיכעלע. טאָמער געפֿינט מען עס ביי אים, איז ער דאָך אַ פֿאַרפֿאַלענער. וואָס טוט מען?

נישט לאַנג געטראַכט, צעפּליקט ער מיט די ציין דאָס באַטיסטן טיכעלע אויף שטיק־שטיקלעך און קייעט זיי... ער מעלה־גירהט און זעט, ווי די מיידלעך אין גאָרטן זוכן און זוכן... ער לאַכט פֿון זיי

דאָס גרעסטע געלעכטער און פילט אין די שמאָטקעלעך דעם זיבעטן טעם.

אויף מאָרגן קוקט ער פאַלין נאָך מיט אַ חוזק:

— גיי... גיי... אַלץ איינס, אַ חלק פון דיר איז אין מיר... קאָכט זיך דאָרט אינעווייניק.

אים דאַכט זיך, אַז פאַלי איז עפּעס טרויעריק און ער איז זיך אַזש מחיה. זיכער פילט זי, אַז זי געהערט שוין צו עמעצן, אָבער צו וועמען? ער זאָל וויסן אפילו שטאַרבן, וואָלט ער נישט אויס־געזאָגט. זאָל זי זיך מוטשען. נישקשה, עס קומט איר. פאַר צוויי יאָר, וואָס זי גייט אַריין צו זיי, זי זאָל דאָס כאָטש איין גוטן קוק טון אויף אים... — קיין מאָל נישט. פאַר וואָס איז דאָס? שוין זשע איז ער אַזאַ מיאוסער? ס'איז איבלדיק צו קוקן אויף אים?

ער גייט זיך דורך פאַרטראַכט איבערן צימער אַ הין און צוריק און שטעלט זיך אָפּ פאַרן שפּיגל. ער קוקט זיך איין אין זיין אויס־געמוטשעט פנימל, אין זיינע פיבערדיקע אייגעלעך, אין זיין שטאָלטנעם הולך און ענטפערט זיך אַליין:

— יאָ, איך בין אַ מיאוסער. קעגן איר — געווים אַ מיאוסער...

קאַפּיטל XI

אין איינעם אַ זומער־בייטאָג גייט ער זיך מיט דער גמרא אונטערן אָרעם אויף דער פּריצישער גאַס. אין חדר איז אַ רעש, האָט אים דער רבי געשיקט אַהיים איבערחזרן דעם שאַרפן שיעור. ער הערט, עס דעריאָגט אים אַ דראָזשקע, טרעט ער אָפּ אין אַ זייט און קוקט זיך אפילו נישט אום. ערשט ער דערהערט, טאַדעאוש שרייט צו אים:

— שלמה, קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

ער איז צוגעגאַנגען. אויף דער דראָזשקע זענען פאַראַן אַ חוץ די זאַרעמבאַס נאָך דריי פרעמדע יונגעלייט. אַלע באַטראַכטן אים פון קאָפּ ביז די פיס. ער הייבט אפילו נישט אויף די אויגן אויף זיי. טאַדעאוש דערוויל נעמט ביי אים ווייך אַרויס די גמרא פון די הענט:

— שלמה, מיר פאָרן אויף אַ פּיקניק און וואַלד אַריין. פאָר אויך מיט. דו וועסט דאָרטן לערנען, קיינער וועט דיר נישט שטערן.

אַ גאַנצן וועג האָט שלמה זיך נישט געקענט מוחל זיין, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן און איז מיטגעפאָרן. ווער ווייסט, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ פּיקניק און וואָס מען טוט דאָרט? און גלאַט אָן אַלעמען, וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט זאַרעמבאַן, אַז ער זאָל נאָר פאָרן מיט אים דער רוח ווייסט וווהין. אין גרויס

עגמת נפש האָט ער געגומען די גמרא, זי שטאַרק צוגעקוועטשט צום האַרצן און וויינענדיק אין זיך געבעטן מחילה ביי איר פאַר זיין קלות־דעת...

ווען זיי זענען צוגעפאָרן אין וואַלד צו אַ גרויסן ליידיקן פּלאַץ מיט הויכן גראָז באַוואַקסן, זענען שוין דאָרט געווען פיל מענטשן. ביי דער זייט זענען געשטאַנען אויסגעשפּאַנטע פערד, עטלעכע פאַר־טאָגען און רייטפערד, לעבן וועלכע עס זענען געלעגן אַראָפּגענומענע זאָטלען. דערזעענדיק די זאַרעמבאַס האָט זיך אַ יאָג געטון זיי אַנטר קעגן אַ גאַנצע מחנה מענער און פרויען. פאַר שרעק איז שלמה צוריק אַרויף אויף דער דראָזשקע און צוהאַלטנדיק די גמרא מיט אַלע כוחות זיך פאַררוקט אין אַ ווינקעלע. נאָכן באַגריסן זיך מיט דער קאָמפּאַניע האָט זיך טאַדעאוש דערמאָנט אין שלמהן, צוגעגאַנגען און ליבלעך געזאָגט:

— וואָס זיצסטו עפּעס ווי דערשראָקן? דו האָב נישט קיין מורא, דאָס זענען בלויז היימישע מענטשן. קום, וועל איך דיך אָפּפירן אין אַ רויק ווינקעלע, וווּ דו וועסט קענען רויק לערנען, וויפל דו וועסט אַליין וועלן, נאָר פאַרגיי נישט ווייט, איך וועל דיך דאַרפן האָבן.

גייענדיק האָט טאַדעאוש אַרויסגענומען פון עמעצנס אַ קוישל עטלעכע גוטע בארן, אַריינגעלייגט שלמהן אין קעשענע און אים אָפּגעפירט אין אַזאַ מין בלומענטאָל. אייגנטלעך זענען אין דעם טאָל געווען אויךביימער, גלייכע רייען אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי איינעם איבעריקן וואַלד. דער גאַנצער שטח פון טאָל, אין דער פאָרם פון אַ לענגלעכער שיסל, איז געווען געדיכט באַשאָטן מיט בלומען. רויטע בלומען, ווייסע בלומען, טונקלבלויע, לילאָווע, פיאָלעטע, געלע, גרינע און אפילו שווארצע — אַ שלל מיט קאָלירטע קוויטן. איבער דעם פרעכטיקן טעפּיך איז געשטאַנען אַ שאַרף־זיסער ריח ווי סטעלניק אָפּגעקאָכט מיט ספּירט און פאַרפראוועט מיט נעגעלעך. דאָס סווישטשעריי פון די אומגעזעענע פייגעלעך האָט געררופן טאַנצן, שפּרינגען, קלעטערן אויף די ביימער, אויסציען זיך אין גראָז. שלמה האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרשיכורטע אייגעלעך אויף טאַדעאושן:

— אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש, אַהער איז שוין כדאי געווען.

בלייבנדיק אַליין אין טאָל איז שלמה צוגעפאַלן מיט אַ געוויין צו דער הייליקער גמרא:

— גמרא, גמרא, אין ארץ־ישראל זענען אויך פאַראַן אַזעלכע ווינקעלעך?

ער געדענקט נישט, ווען ער זאָל האָבן געלערנט מיט אַזאַ פייער ווי דאַמאָלסט. אַלץ האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם: די פייגעלעך, די

הייסע זון, די גראָזן. אַלע האָבן זיך איינגעהערט אין שלמהס האַר־ציקן גמרא־ניגון. ווען די זון האָט זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער און די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן, האָט שלמה מיט גרויס התלהבות אָפּגעדאַוונט מנחה־ומעריב, אויפגעגעסן די בארן און גע־נומען ווארטן אויף טאַדעאושן. אין וואַלד איז מיט אַ מאָל טונקל געוואָרן און אַ לייכטע שרעק האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין האַרצן. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, פון וועלכער זייט זענען זיי אָנגע־קומען, נאָר אַלע זייטן זענען געווען גלייך, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. ער האָט געפּרוווט ארויסגיין פון דעם טאָל און האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין געוואַגטקייט. אין איינע פּחדים האָט ער פאַרבראַכט אין דער פינצטער אודאי אַ האַלבע שעה, ווען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך הערטראָגן צו זיין אויער אַ ווייט הירזשען פון אַ פערד. אַ דערפרייטער ביז גאָר איז ער נאָכגעגאַנגען די קלאַנגען. אַ צווייט פערד האָט זיך אָנגערופן און ער איז ענדלעך ארויסגעקומען אויף דעם פרייען פּלאַץ, וווּ עס איז פאַרגעקומען דער פיקניק.

ס'איז שווער צו פאַרגעסן אַזאַ בילד, ווי פאַר זיינע אויגן האָט זיך אין יענער מינוט אַנטפּלעקט. אין דער עטוואָס דושנער, סוף־חודשדיקער נאַכט, און מיטן פון דעם גרויסן שמעקנדיקן פּלאַץ זענען געשטאַנען צעוואָרפן צונויפגעבונדענע „דריישטאַנגען", אויף וועלכע עס זענען געהאָנגען גרויסע לאָמפּן אונטער ווייסע פּאַפּי־רענע אַבאַזשורן. די שיין האָט קאָנטראַסטלעך זיך געמאָלט אויפן טונקעלן פאָן פון דער פינצטערער נאַכט. ביי די לאָמפּן זענען גע־ווען אויסגעשפּרייט ליילעכער, וואָס האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי משונהדיקע לבנה־פלעקן. יעדער קרייזל באַזונדער האָט זיך פאַר־נומען מיט עפּעס אַנדערש. אייניקע האָבן געשפּילט אין קאָרטן, אַנדערע האָבן סתם געשיכורט און דערמאָנט אַמאָליקע גוטע צייטן. יונגוואַרג האָט הילכיק זיך געבאַלעוועט. אָט, זעט ער, טיילט זיך אָפּ פון די ביימער אַ פּאָרל. ער האַלט זי אַרומגענומען און זי הענגט אין גאַנצן אויף זיין אָרעם. שלמהן גיבן אַ שלאָג אין קאָפּ אַריין באַקאַנטע ווערטער פון שיר השירים:

— מי זאת עולה — ווער גייט דאָס, מן המדבר — פון דער וויסטע, מתרפקת — לענט זיך אָן, על דודה — אויף איר געליבטן...

— וויסן, הייסט עס, גוים אויך פון דעם סוד, אז מען קען ארויס־גיין פון דער וויסטע און זיך אָנלענען אויף דעם געליבטן...

מיט נישט הרייסטע טריט דערנענטערט זיך שלמה צו דעם פרעמדן „גן־עדן־התחתון". זיין האַרץ קלעמט אַ צוואַנג: פאַר וואָס זאָלן אַזוי נישט לעבן אונדזערע משפּחות? דער מומע זלאַטעס

שטוב? דעם דיינס שטוב? יאַנים שטוב? אפשר אין אַזאַ נאַכט וואָלט פאַלי אויך געפאָלגט, וואָס אין שיר־השירים שטייט?... גאָט אַליין וואָלט זיך דאָ מרחם געווען אויף אים.

אַ געשריי האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. ער האָט נאָך נישט באַנומען, צוליב וואָס מען שרייט דאָ, ווי ער האָט באַמערקט אַן עלטערן פּריץ מיט לאַנגע צוויי וואָנסן לויפן אין זיין זייט. אַ דערשראָקענער אויף טויט איז שלמה אַפּגעלאָפן און אַ זייט, מאַכנ־דיק אַ וועג דעם פּריץ, נאָר דער פּריץ איז צו גלייך צו אים, אָנגע־כאַפּט אים ביי די אַקסלען און געטרייסלט:

— דאָס ביסטו? איך בין ווערט, אַז דו זאָלסט מיר אַריין אין דער באָרד אַריין...

שלמה איז געשטאַנען און געציטערט מיט אַלע אבֿרים.

— ווי רופט מען סאַלאָמאָן?

— יאָ...

— דו ביסט געקומען מיטן פאַן טאַדעאוש?

ביים נאָמען טאַדעאוש איז שלמהן ליסטיקער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וווּ איז ער אַליין, דער פאַן טאַדעאוש?

— דער פאַנאַ וואַנדאַ איז מיט אַ מאָל נישט גוט געוואָרן, האָט ער זי אַפּגעפירט אין שטאָט אַריין און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אין וואַלד האָט ער דאָ אַ יינגעלע, שטודירט תלמוד, און איך האָב גאָר פאַרגעסן, זיך פאַרשפּילט און פאַרגעסן. אָך, וואָס פאַר אַ קאָפּ ביי מיר! קום שוין, קום! ס'איז דיר נישט קאַלט?

— מיט וועמען זשע וועל איך פאָרן אַהיים?

— וואָס הייסט מיט וועמען, מיט מיר! הונגעריק ביסטו? אין שאַך שפּילסטו?

— אין וואָס?

— אין שאַך.

— וואָס הייסט דאָס?

— שאַך ווייסטו נישט וואָס עס הייסט? תלמוד ווייסטו און שאַך נישט? קום זשע. דו וועסט שוין ביי מיר וויסן. וואַסיל פּעט־ראָוויטש! איך בין קענן אָט דעם פאַן סאַלאָמאָן שטאַרק שולדיק. ביז איך וועל אים שאַפן אַ ביסל נאַשערייען, זאָגט איר אים דאָ די נעמען פון די פיגורן און דערציילט אים, ווי אַזוי מען גייט מיט זיי. ער וועט שוין ביי מיר וויסן, וואָס הייסט שאַכמאַט...

נישט אַרויסלאָזנדיק די גמרא פון דער האַנט איז שלמה געזעסן אויף אַ קישעלע לעבן די צוויי עלטערע פאַליאַקן, געבראָמטשעט קאָנפעקטן און צוגעקוקט זיך צו דער מלחמה אויפן שאַכברעטל.

לאנג, זייער לאנג האט געדויערט די „שלאכט“, אבער ענדלעך האט זי געוווּנען זיין אפּעקון, דער זעלבער, וואס דארף אים ברענגען קיין זוועניגאראדקע. ער האט זיך אויסגעגלייכט די ביינער, ארומ־געווישט דעם האלדז, איבערגעקערט א כוסה אין מויל אריין און געפרעגט ביי שלמהן:

— געפעלט דיר די שפּיל?

— זייער, זייער.

— ווילסטו זיך זי אויסלערנען?

— א, כ׳וואלט זיכער געוואלט...

— דו קענסט קומען צו מיר אלע טאג און איך וועל דיך לערנען. דו ווייסט, ווו איך וווין אין שטאט?

— פון וואנען זאל איך וויסן?

— דו ווייסט נישט, ווו עס וווינט פּאלאניעצקי, וואס האלט די בעקעריי?

— ניין, איך ווייס נישט.

— די אפּטייק ווייסטו, ווו זי געפינט זיך, יא? איז מיין שטוב די דריטע צום קאשטיאל צו, פּראספּעקט נומער 28. דו וועסטו פרעגן פאן פּאלאניעצקי, וועט דיר יעדער איינער זאגן. דו קענסט קומען, וועל איך דיך אויסלערנען.

— דאס מוז זיין זייער שווער, א יא, פאן פּאלאניעצקי?

— נישט שווערער פון תלמוד. דיר וועט זיין גרינג, ווייל ביי דיר זענען שוין אויסגעשארפט די — ער ווייזט אים אן אויף די שלייפן — די העהעלעך. נאך תלמוד איז שאכמאט גרינגער, ווי נאך שאכמאט תלמוד. נעם עפּל, עס. צי דו שעמסט זיך אפשר?

ווען פּאלאניעצקים פאעטאן האט זיך אפּגעשטעלט פאר דעם צווייטשטאקיקן הויז אויף דעם פּראספּעקט, איז געווען ארום דריי נאך האלבער נאכט. גאנץ זוועניגאראדקע איז געווען פארזונקען אין טיפן שלאף. די איינזאמע לעמפּעלעך זענען מיד געהאנגען אין שווערן חושך. פון ווייטן מארקפּלאץ האט זיך אין דער געדיכטער שטילקייט דערטראגן דאס קלאפּן פון די וועכטער אין די ליידיקע פעסער. די לופט איז געווען קילבלעך און ס׳האט געשמעקט מיט אסיען. פּאלאניעצקי האט ארויפגעלייגט זיין גרויסע דלאניע אויף שלמהס אקסל:

— קום אריין, וועסטו ביי מיר איבערשלאפן. וווהין וועסטו שוין גיין אזוי שפּעט?

— ניין, מיין היים איז דא נישט ווייט: גיי איך. א גוטע נאכט!

— ווארט, וווהין וועסטו אצינד גיין? דו וווינסט דאך לעבן פאן טארעאוש?

— יאָ. אָבער אַט דאָ באַלד וווינט מיין מומע, אויפן ראָג.

— דו וועסט קומען שפּילן?

— מיט גאָטס הילף.

— פאַרגעס זשע נישט. גיי.

שלמה האָט געזאָגט אַ ליגן. צו זיין מומע גיטלען איז געווען שטאַרק ווייט. זי האָט געוווינט אויף יענער זייט בריק קעגן די קוזניעס. אַהין גיין איז געווען אַ פּחד און סיי ווי וועט ער צו איר נישט גיין און אַהיים אויך נישט. מען האָט שוין מסתמא די גאַנצע שטאָט איבערגעזוכט. ווען ער קומט איצט אין שטוב אַריין, איז זיין לעבן קיין גראָשן נישט ווערט. אויף אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין אומבאַשלאָסן. די פּלוצימדיקע שטילקייט האָט געהודעט אין די אויערן מיט טויזנטער גלעקער. ערגעץ ווייט אויפן דאָרף האָט זיך געהעצקעט אַ פור, סקריפּענדיק מיט די נישט אויסגעשמירטע רעדער. מיט אַ מאָל האָט זיך שלמה מיטן גאַנצן קערפּער אַ וואָרף געטון. אינסטיקטיוו האָט ער דערפילט, אַז עמעצער שטייט הינטער זיינע פּלייצעס און באַטראַכט אים. אַ ווילדער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז און געלעכערט די שטילקייט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ דיק גויעלע מיט אַ שטעקן — דער סטאָראָזש פון דער אַפּטייק — און האָט אים באַקוקט פון אַלע זייטן. אויפן צווייטן שטאָק, ביי די פּאָלאָניעצקיס, האָט זיך עמעצער אַריבערגעהאַנגען פון אָפענעם פענצטער, געזוכט: ווער האָט עס דאָ אַזוי האַרצרייסנדיק אַ געשריי געטון. שלמה האָט איבערגעלייגט די גמרא אין דער צווייטער האַנט און שמיידיק אַוועקגעשפּאַנט אין דער ריכטונג פון דעם בית־מדרש.

שטיל ווי אַ קאַץ האָט ער געעפנט די טיר פונעם בית־מדרש. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ. אין גרויסן חלל פון דעם פינצטערן בית־מדרש איז געהאַנגען אַ הייליקע שטילקייט. אויפן עמוד האָט געצאַנקט אַ נר־תמיד. דער ארון־קודש איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, ער איז אַרויף אויפן הימל אָפּגעבן חשבון, וואָס זוועניגאָראָדקער יידן האָבן פאַר דעם פאַרגאַנגענעם טאָג אָפּגעטון. שלמה דערמאָנט זיך, אַז פון האַלבן טאָג אָן האָט ער היינט פאַרבראַכט צווישן „ערלים“ און טאָמער איז קאַרג, האָט ער נאָך מיטגעשלעפּט די הייליקע גמרא אויך אין גלות אַריין. אויף דער ערשטער באַנק הינטערן בעלעמער לאָזט ער זיך אַראָפּ און אַ הרטה־געוויין טרייסלט זיין שוואַך קערפּערל.

ווען דער ערשטער מנין האָט געהאַלטן אין מיטן שמונה־עשרה, האָט זיך פון דער ווייבערישער שול דערטראָגן אַ קינדערישער

געשריי. עטלעכע יונגעלייט און דער שמש נאָך זיי האָבן זיך גע־לאָזט לויפן אויפן געשריי. אויף אַ באַנק ביים סאַמע פענצטער, מיט אַ גמרא צוקאָפּנס, איז געלעגן מיט אָפענע אויגן שלמה אפרים־אהרונס. דער שמש איז צו צו אים:

— וואָס טוסטו דאָ, שלמהלע?

— כ'שלאָף.

— ווען ביסטו געקומען אהער?

— נעכטן ביי טאָג.

— נאָך נעכטן ביי טאָג?

— מהם...

— אָך, ווען אפרים־אהרון ווייסט... איז וואָס זשע עפּעס גאָר דאָ?

— איך בין געגאַנגען אהיים איבערחזרן...

— נו — נו, וואָס זשע האָט געטראָפן?

— האָט זיך מיר פארדרייט דער קאָפּ... בין איך אריינגעגאַנגען אהער אויף איין ווייל'עטשקע... איך דארף דאָך איבערחזרן...

— נו — נו...

— בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן... ביי נאכט האָב איך זיך אויפ־געכאַפּט, נאָר ס'איז געווען פינצטער און אין בית־מדרש איז גע־ווען שטיל, האָב איך מורא געהאַט צו גיין אהיים און בין ווידער איינגעשלאָפן... איצט האָט איר מיך אויפגעוועקט.

דער שמש דרייט זיך אוים צום עולם אַ שיינענדיקער:

— וואָס ווייסט איר, ווי די עלטערן האָבן נעכטן איינגעלייגט די וועלט... אַוועקגעגאַנגען אַ קינד און אַזוי ווי אין וואַסער אריין. האַלט אים דאָ אויף אַ פּאָר מינוט, איך לויף אָנזאָגן די עלטערן די בשורה. אַזאַ מצוה פאַרדינען, אַ קלייניקייט!...

אפרים־אהרון, וועלכער איז פּונקט אין טאָג פון שלמהס פאַר־פאַלן ווערן געקומען אהיים, האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד קושנדיק דאָס קינד. פון דער מוטער איז אָפּגערעדט. אין יענעם טאָג האָט מען אים שוין נישט געלאָזט אין חדר אריין. אפשר צען מאָל האָט מען אים געמאָסטן די היץ, אויסגעשמירט מיט עסיק און איינגעגעבן אַזוינע טראָפּנס, וואָס אויב אפילו זיי העלפן נישט, אָבער שאַטן שאַטן זיי אויך נישט.

פאַר נאכט, ווען די מוטער האָט זיך ארויסגעכאַפּט נאָך מילך אין צווייטן הויף אריין, איז שלמה אראָפּ אַ נאַקעטער צום פענצטער און האָט שטיל אַ רוף געטון דעם פאַן טאַדעאוש. יענער האָט אים פריידיק באַגריסט, געוווּנקען אים, אַז ער זאָל אריינקומען. שלמה האָט אים מיט אַ פינגער אויפן מויל געוויזן, אַז איצט טאָר מען נישט, געפרעגט, וואָס מאַכט וואַנדאַ און באַקומענדיק אַן ענטפער,

אַז ס'איז איר בעסער, געבעטן, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן פאַר זיי־נעט וועגן.

אין אויסגעצויגענער אונטער דער קאָלדרע, מיט אַ קאָמפּרעס אויפן האַלדז איז שלמה געלעגן מיט אַ געפיל, ווי ער וואָלט גע־שווומען אויף כוואַליעס זיסע קלאַנגען. עס האָט זיך געוויגט דאָס צימער אין אַ ים פון נגינה, די קולות זענען געפלאָסן גלייך אין דער נשמה אַריין, געבראַכט מיט זיך הייליקע געדאַנקען און אַרויס־גערופן אַ ווייטיקלעך בענקעניש.

פאַר נאַכטלעך זענען געקומען דינה מיט פאַלין פון דער שול. דערזען שלמהן ליגן רופט פאַלי אַרויס דינהן אויף יענער זייט טיר, און ער הערט אונטער אַזאַ שמועס:

— דינאַ, דיין ברודער איז קראַנק. ס'איז צופעליק נישט אַנ־שטענדיק?

— פאַלי, ווי שעמסטו זיך נישט? דו פרעגסט נישט פריער, וואָס איז אים, נאָר דער עיקר, צי ס'איז נישט אָנשטענדיק...

— וואָס איז מיין עסק, וואָס אים איז? איך האָב נישט ליב זיך צו מישן אין פרעמדע געשעפטן.

— קראַנק זיין איז דען אויך אַ געשעפט? האָב נישט מורא! ער איז נישט קראַנק. נעכטן האָט אים וויי געטון דער קאָפּ. נאָר אויב דו ביסט ביי זיך אַזאַ ציטערדיקע, איז אודאי זיכערער צו זיצן אין דער היים...

פאַלי כאַפּט איר פאַרטפעל מיט ביכער און אַנטלויפט אין אַ „זיי־געזונט", ברוגז. זאַרעמבאַ שפּילט נאָך. נאָר די מוזיק כשופט מער נישט. שלמה ליגט מיט פאַרביסענע ליפּן, די קאָלדרע אַריבערגע־צויגן איבערן פּנים און אַ וואָרעם גריזשעט זיין מוחל. ער פילט, אַז גערעכט איז דינה, אָבער פון דעסט וועגן טוט אים וויי, פאַר וואָס זי האָט פאַלין דורכגעטריבן... זי איז נאָך אַ קינד, פאַלי, ווייסט זי נאָך נישט, וואָס זי רעדט. זי וועט עלטער ווערן, וועט זי קליגער ווערן.

קאַפּיטל XII

דער אלול מיט די תקיעות יעדן אינדערפרי האָבן פיינלעך געווירקט אויפן יינגעלעס נשמה. כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען דאָס בעסטע יינגל אין חדר, כסדר געפונען צייט צוצוהעלפן זיינע חברים, אונטערצוקנעלן ביסלעכווייז מיט געצי משה דעם שוחטס, חזרן ישעיהו אויף אויסנווייניק, דאָך, ביי זיך אין האַרצן, האָט ער געפילט, אַז ער גייט נישט בדרך הישר, אַז ער האָט זיך אויס־

געגליטשט. גאנצע שעהן פלעגט ער אפזיצן ביי פאלאניעצקין, לערנען הלכות שאך און פיל שפילן. ביי די זארעמבאס פלעגט ער פארפאלן ווערן אויף גאנצע אויפדערנאכטן. נאר דער עיקר האט אים פארשלונגען דער „מרה־שחורהניק“ מיט זיינע איבערגעפולטע שאפעס ביכער. נישט געפינענדיק קיין בעסער ארט ווי טאקע ביי גדליהן אליין, פלעגט שלמה דארט פארפאלן ווערן אויף לאנגע שעהן.

לכתחילה האט אים גדליה געוואלט באקאנט מאכן מיט דעם, וואס „דארטן“ קומט פאר. נאר ער האט אבער באלד דערשמעקט, אז דער קליינער איז „טויב און שטום“ און אים געלאזט צו רו. פלעגט שלמה ארייגגיין מיט דער גמרא אונטערן ארעם, בלויז א שאקל טון מיטן קאפ, ארויסנעמען א בוך און אזוי אוועקזיצן אויף עזריאלס בעטל ביז אין דער זינקענדיקער נאכט אריין. גדליה איז געזעסן ביים פענצטער און האט אלץ מרה־שחורהדיק געקוקט, געקוקט.

חנוכה האט שלמה באמערקט, אז געצי שפילט אין קוויטלעך אויף געלט. וויסנדיק וואס פאר א נגיד משה דער שוחט איז, האט דאס אים שטארק געחידושט, נאר ער האט זיך געמאכט כלא־ידע.

זאת־חנוכה, נאך מעריב, ווען דער גאנצער עולם האט פארבראכט ביים דיין, האט שלמה געזען אין פאליש פון בית־מדרש ביי א ליכט עטלעכע פרעמדע חברה־לייט, נישט פון זייער חדר און געצי אויך צווישן זיי, שפילן אין קארטן. די שפיל האט זיך געפירט איינגעהאלטן, נאר מיט גרויס כונה. אויף דער באנק איז געלעגן א הויפן דרייערלעך, פינפערלעך און גאר פון אויבן א צענערל... א לאנגער, א ווייסער, א לעבעדיקער טשערוואניעץ *. אליין נישט וויסנדיק פאר וואס, האט שלמהן א צופ געטון ביי דער נשמה. ער האט געוואלט עפעס פרעגן ביי געצין, עפעס זאגן אים, נאר יענער איז געווען אזוי בלייך, דאס פנים אזוי פארשפיצט און די אויגן האבן אזוי פיבערדיק געפינקלט, אז שלמה האט נאר א טיפן קרעכץ געטון, א קוש געטון די מזוזה און איז ארויסגעגאנגען.

אויף מארגן, זעענדיק געצין עסן פיראזשקעס **, האט שוין שלמהן פארקלעמט ביים הארצן און ער האט געפרעגט:

— געצי, פון ווען אן ביסטו אזא עושר געווארן?

— וואס איז דיין דאגה?

— פאר וואס איז דאס נישט מיין דאגה? איך זע, אז א חבר

---

* טשערוואניעץ - א רוסישע צענרובלדיקע אסיגנאציע.

** פיראזשקע - א קרעם-קיכל.

בלאָנדזשעט...

— מען בעט ביי דיר קיין טובות נישט און מען פרעגט ביי דיר קיין עצות נישט...

— אָבער געצי...

— איך וויל נישט הערן דיין מוסר... גדליה דעם מרה־שחורהניק קענסטו מוסרן!...

— ש־ש־שאַ... וואָס האָב איך דיר אַזעלכם געטון, וואָס דו ווילסט מיך אומגליקלעך מאַכן? איך זאָג נאָר, אַז פּיראָזשקעס מיט קאָרטן...

— דו זאָג וואָס ווייניקער, וועט זיין געזונטער פאַר דיינע ציין. דו הערסט, צי ניין?

מיט אַ שווער געמיט איז שלמה אַוועקגעגאַנגען פון געצין. דער גרוס, אַז „די וועלט" ווייסט שוין פון זיין שייכות צו גדליה דעם מרה־שחורהניק, האָט אים זייער געקרענקט. ער האָט געוווסט, אַז טאָמער חלילה ווערט דערפון געוווּיר דער טאַטע אָדער דער רבי, איז אַ קלאָג צו זיינע יאָרן, פאַרשפּאָרט ער לעבן אויף דער וועלט.

עס זענען פאַריבער עטלעכע וואָכן.

אין איין פּראָסטיקן בייטאָג האָבן זיך אין חדר אַריינגעריסן משה דער שוחט מיט ראַצי דער שוחטקע. זי איז צו צו איר זון, געכאַפּט אים פאַרן קאָלנער און היסטעריש אויסגעשריגן:

— גיב אָפּ דאָס געלט, קוילער!... גיב אָפּ, אַז נישט, נעם איך זיך דאָס לעבן אָט דאָ פאַר דיינע אויגן...

לאַנגזאַם האָט דאָס בלוט אָפּגעטרונען פון געצים שיינעם פּנים. צוערשט זענען די ליפּן בלוי געוואָרן, דערנאָך די באַקן, דערנאָך די אויערן. מיט אַן איבערגעטריבענער רואיקייט האָט ער זיך אויפגעהויבן און פאַרשלאָפן געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט, מאַמע?

משה דער שוחט, רויט ווי אַ פּאָמידאָר, האָט שפּאָטיש שטשירענדיק די ציין געטייטלט אויף געצין:

— נו, ר' שמעיה, מעג מען אַזוינס אַריינלאָזן אין אַ יידישער שטוב אַריין?... קוק אָן ירחמיאל דעם סטעלמאַכס ממזר, ווי ער פרעגט ערשט, וואָס זי זאָגט...

ביי דעם נאָמען ירחמיאל האָבן זיך געצים קולאַקעס דראָענדיק פאַרקוועטשט, גאָר ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס אַ שווערער געשעעניש האָט ער די פינגער אויסגעצויגן און איז שטיין געבליבן אַ קאַלטער, אַן אַנטשלאָסענער. די מוטער דערווייל האָט אויף זיך געריסן די האָר, פאַרגאָסן בלוטיקע טרערן:

— גיב אָפּ, זולל וסובא... גיב אָפּ, אומגליק מיינער... אַזאַ פּויטיקע דאַרפסטו האָבן?... ס'איז דאָך גזלה... אַ שטיפמאַטע איז

נישט קיין אייגענער. וואָס פּאַרפּינצטערסטו מיינע יונגע יאָרן? רוצח, גיב אָפּ... גיב אָפּ, זאָג איך דיר. אַז נישט... פּלאַצט מיר דאָס האַרץ.

משה דער שוחט לאַכט ביטער:

— צו וועמען רעדט זי? צו דעם גלית הפלשתי? באַלד וועט ער זי פרעגן, וואָס האָט זי געזאָגט... אָט וועט איר אומיסטן זען.

דער רבי פּאַכעט זיך אָפּ מיט דער יאַרמעלקע, הייבט זיך אויף און פרעגט:

— ראָצי, לאָמיך הערן, וואָס פאַר אַ געלט מאָנט איר ביי אים? אפשר איז דאָ אַ טעות?

דער שוחט שפּרינגט אַזש אונטער. ער כאַפּט אָן דעם רבין ביי ביידע לאַצן, שרייט אים גלייך אין פּנים אַריין, מיט שוים אויף די ליפּן:

— וואָס דאַרפט איר פרעגן ביי איר? אַמער איך דערצייל דאָך אייך, וואָס דאַרפט איר מער? איר געדענקט דאָך מיין שוואָגערוק, זלמן ווייגשענקער? ווינט ער דאָך היינט אין בוענאָס־איירעס. איז שוין פון פאַר דער מלחמה, וואָס זאָג איך?... שוין אודאי אַ יאָר צען, אויב נישט מער, ווי ער באַרימט זיך אַלץ, אַז ער וועט מיר שיקן אַ מתנה. אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין שיקן און געשיקט האָט ער גאָרנישט. אַזוי ביז היינטיקן פאַר שבועות, ווען ס'איז ביי אים דאָרט געבוירן געוואָרן דאָס צענטע אייניקל. דאָ האָט ער זיך שוין אָנגענומען מיטן האַרץ און מיר אַרויסגעשיקט אַ בריוו מיט פופציק דאָלאַר. נו, איר פאַרשטייט דאָך — אַזאַ אוצר, האָב איך אים געטראָגן איינגענייט אין היטל. איך האָב אַלץ נישט געוואָלט אים אויסבייטן, זאָל זיין אויף דער עלטער... די קינדהער מיינע ווערן מיך נישט האָ־דעווען, צי אפשר איר ימח־שמוניק, אַ מכה זיין געפגרט טאָטן... בקיצור, איך האָב נישט געוואָלט אויסבייטן, און שוין!... און עס האָט טאַקע ביי מיר קיינער נישט געוווסט אויך. הלמאי זאָל איך צעפּויקן? אויפרייסן דער וועלט די אויגן?... אַזוי ביז היי־יאָר נאָך יום־טובים... טרעפט זיך אַ מעשה און מען טראָגט מיר אַריין אין שטוב אַ טבוירן טולעפּל. זעט מען אַזוינס נישט, אָן אויסנאַם! האָט מיך אָנגענומען אַ יצר־הרע. ביז ווען איז דער שיעור צו גיין אין דער שמאַטע? זי איז ביי מיר פון דער חתונה אָן. מיט איין וואָרט, איך בין אַוועק אין פּאַטשט און אָפּגענומען פאַרן פופציקער זיבן און ניינ־ציק קאַרבן, לויט דער טאַקסע. איך שווער אייך ביי מיין יידישקייט, בשעת איך האָב דערלאַנגט דאָס פופציקערל, האָבן מיר אַזש די הענט געציטערט... אַ צער־בעלי־חיים... צום סוף איז מיטן טולעפּל גאָרנישט געוואָרן. מבינים האָבן אין דעם געפונען דעם מילב...

ס'האָט מיר שוין אפילו באַנג געטון, נאָך וואָס כ'האָב פאַרקויפט דעם וואַשינגטאָן. אַזאַ נייאינקער געווען, — נאָר פאַרפאַלן, צוריק כאַפּן קען מען נישט, ס'איז נישט קיין חסידישע מלוה־מלכּה, ס'איז אַ פּאַטשט. בקיצור, זיבעצן רובל זענען זיך ביי מיר צעקראָכן, כ'ווייס אַליין נישט אויף וואָס. אַ גלעטשטיינדל געקויפט, צוויי פּאָר גאַטיעס וואַרעמע און אַ מעשן חנוכה־לעמפּל. מילא, וואָס ווילט איר קלערן? אַז ס'איז נישטאָ, איז אודאי גלייכער... דאָן גייט נישט אַוועק. די אַכציק רובל האָב איך ראַצין אָפּגעגעבן באַהאַלטן. גיי ריכט זיך, אַז די שלימזלניצע פאַרמאָגט נישט מער קיין שכל, ווי אויף צו באַהאַלטן אונטער דער איבערבעט. האָב איך מיך נישט געריכט... היינט, זי נעמט אַראָפּציען דאָס בעטגעוואַנט, געקלערט וואַשן, און איך בין פּונקט געשטאַנען אין הייזל און געמאַכט די ברכה... בייקל גאָמעלערס אַ גאַנדז. איך הער, ראַצי טוט אַ קוויטש נישט מיט איר קול... איך גיב שוין אַ פּאָר מיטן חלף צוויי מאָל, קיין עוף מוטשעט מען נישט, צער־בעלי־חיים, און דערקוילע נישט. פאַר שרעק איז די האַנט אָפּגעשפּרונגען. אַז איך האָב אויסגערעדט דער בייקעלעכען: „טריף געמאַכט!", האָט זי מיר נאָר געוואָלט אויסדראַפּען די אויגן. טאַקע אַ גאַנדז אַ שור־הבר, אפשר צען פונט שמאַלץ. — זי וועט מיך רופן צו אַ דין־תורה. זאָל זי מיך רופן. וואָס קען איך העלפן? מען וועט הייסן באַצאָלן, וועל איך באַצאָלן. אַן אַנדער ברירה האָב איך? איך לויף אַריין אין שטוב, נישט טויט, נישט לעבעדיק, איך גיב אַ קוק אויף ראַצין: אַ שענערע לייגט מען אין דר'ערד אַריין. זי שטייט די הענט פאַרבראָכן, די אויגן אַרויסגעקראָכן אויפן שטערן, אָט־אָט פאַלט זי אום. — ראַצי, וואָס האָט געטראָפן? — דאָס געלט איז נישטאָ... ווערט מיר שוין קאַלט. נאָר איך מאַך מיר הארץ און זאָג מיט אַ געלעכטערל: דו האָסט מסתמא פאַרגעסן, וווּ דו האָסט עס אַוועקגעלייגט. ווייס איך וואָס, זי געדענקט גוט, אַז אָט דאָ אונטער דער איבערבעט האָט זי דאָס געלייגט. איך גיב אַ קוק: אַ נעכטיקער טאָג. דאָס אָרט איז פאַרקילט. וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מיר האָבן שוין ביידע איבערגעלייגט וואָס עס איז נאָר דאָ אין שטוב. שייך צו זאָגן, ערב פּסח זוכט מען אַזוי נישט. אומזיסט. אַזאַ אויסוואורף אין שטוב, איז עפּעס אַ חידוש? וויפל איך האָב מיט איר געטענהט: ראַצי, לאָמיר אָפּגעבן דעם סטעלמאַכס זון צו אַ סטעלמאַך. ווער איז דאָס מחויב צו מאַכן פון אים אַ מר־בר־רב־אשי? אַלץ איינס וועט ער קיין קדיש נישט זאָגן... ווי לאַנג קרענקען די ביינער זיינע! לאָמיר אים אָפּגעבן אַרבעטן, מיט עסן מיט שלאָפן, אַזאַ דעמב ווי ער איז! האָט זי נישט דערלאָזט. ס'איז נאָך צייט, זאָגט

זי, טאָמער וועט ער פּאָרט אַ מאָל קענען אַ פּרק משניות אָפּלערנען. איז אָט האָט איר זיין לומדות — באַגנבעט מיך, באַגזלט, מסתמא אויפגעפרעסן, אויפגעזויפן. אָט דאָס איז די מתנה פון בוטנאָס־איירעס. איך זאָג אייך, — ער גייט אַריין אין קוראַזש — אָט הערן יידישע קינדער, טאָמער קערט ער נישט אום די גנבה אָדער טאָמער האָט ער אויפגענאַשט דריי רובל, פינף אפילו, וויפל דען קען מען אויפנאַשן? אָדער זאָל שוין אפילו זיין צען, ברענט ער ליכטיק מיטן צענערל צוזאַמען! אָבער טאָמער קערט ער גלייך נישט אום דעם מותר, איז אַן עק צו זיינע יאָרן, — מיין טויט אָדער זיין טויט! אָט הערן מענטשן. — איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועסלעך!...

ראַצי גיט אַ פרישן קוויטש און פאַלט אַרויף אויף געצין:

— דו גיסט אָפּ? דו גיסט אָפּ? גיב אָפּ! גיב אָפּ, זאָגט מען דיר!

דער רבי נעמט דעם קאַנטשיק. ביי אַלע קינדער ווערט פאַרכאַפּט דער אָטעם. מען רוקט זיך צונויף פאַר שרעק. אפילו משה דער שוחט רוקט זיך אָפּ אַ ביסל אין אַ זייט. דער רבי שמעיה איז רואיק, נאָר די תלמידים ווייסן שוין די סמנים. אַז דער רבי הייבט אָן רעדן שטיל און די בראָדעווקע אויף דער נאָז ווערט וויים, דאַן מעג מען זיך שוין געזעגענען מיטן לעבן.

דער רבי גייט צו און פרעגט בנעימות:

—געצי, ווו ליגט ביי דיר דאָס געלט?

— איך האָב נישט געזען קיין געלט.

— דערמאָן זיך, אפשר האָסטו יאָ געזען?

— איך האָב זיך נישט אין וואָס צו דערמאָנען, כ'האָב נישט געזען! —

דער „אַראַפּניק“ מיט זיינע עטלעכע און צוואַנציק אָדערן גיט אַ פלי אַרויף און לאָזט זיך מיט אַ סווישטש אַראָפּ אויף געצים קאָפּ. נאָר געצי האָט דעם אַראַפּניק איבערגעכאַפּט מיט דער האַנט, אַרויסגעריסן ביים רבין און אים אָפּגעוואָרפן אין דעם קעגנאיבער־דיקן ווינקל. געצי איז אויך רואיק, ער ציילט ווערטער:

— רבי, טאָמער וועט איר מיך שלאָגן, וועט זיין שלעכט...

ס'איז גענוג אַ קוק צו טון אויף געצים פיגור, אויף זיין אָנטשלאָסן פנים, אויף זיינע צוויי קולאַקעס, וואָס ליגן אויפן טיש, אַז עס זאָל קיין ספק נישט בלייבן, אַז עס קען זיין שלעכט... געצי באַמערקט דעם רושם און גיט צו לחלוטין קאַלטבלוטיק:

— שלאָגן זיך וועל איך נישט לאָזן, נישט קיין קליינינקער...

דער רבי מאַכט אַן אָנשטעל, כלומרשט גיט ער זיך נישט אונטער:

— זאָלסטו שוין זאָגן, וואָס איז מיטן געלט?

— איך האָב נישט געזען קיין געלט.

דער רבי דרייט זיך אוים צו ראצין:

— אפשר אויף אן אמת געדענקט איר נישט, ווו איר האט דאס אוועקגעלייגט? ס'טרעפט אזא זאך.

— רבי, איר זאלט מיר זיין געזונט און שטארק, ווי רעדט איר אזא זאך? כ'האב עפעס פיל מאל אין מיין לעבן געהאלטן אזא אוצר אין מיינע הענט?... כ'זאל אזוי אט דעם צורר ישראל פירן צו דער חופה, ווי איך האב עס אליין אוועקגעלייגט אונטער דער איבער־בעט, נאך פארשטופט ארויף, ארויף...

— גו פון דעסט וועגן טרעפט דאך, אז א מענטש פארגעסט. גייט אהיים און זוכט נאך א מאל, אפשר האט איר עס דערנאך איבער־געלייגט אין א צווייטן ארט? און דו, תנא־קמא, גיי אויך. העלף דער מאמען זוכן. גיי, גיי.

אין יענעם טאג האט זיך געצי שוין נישט אומגעקערט אין חדר אריין און אין דער פרי צום דאווענען אויך נישט געקומען. ביים אנביסן האט א מוטער, וואס האט געברענגט איר קינד עסן, דער־ציילט, אז משה הער שוחט איז אוועק פון דער שטוב און געשיקט דעם רב זאגן, ער זאל זיך צוגרייטן צו א גט. חדר־יינגלעך, וואס וווינען אין שכנות מיטן שוחט, האבן דערציילט, אז ראצי זוכט אלץ און געצי העלפט איר.

גייענדיק אהיים מיט דער גמרא האט שלמה געפילט, אז עפעס א באשלום ווערט ביי אים אין קאפ צייטיק. ער האט נאך אליין נישט געוווסט, ווי אזוי דאס דארף געמאכט ווערן, נאר געפילט האט ער, אז עפעס וועט פארקומען. טרעפנדיק דעם פאטער, וואס איז דעם טאג געקומען פון כמעלניק, איז אים פינצטער געווארן אין די אויגן. ער האט אים דערלאנגט שלום און געפרעגט אויף די געשעפטן.

— ביים לערנען מעג דיר גאט העלפן מער הצלחה, ווי מיר ביים מאנופאקטור. כ'האב שוין נישט קיין כוח צו פלאנטערן מיט די פים. ס'איז טאקע אוממעגלעך, א משפחה, קיין עין־הרע, פון אכט פארשוין זאל שלעפן איין פערד. דערצו איז א מענטש נישט קיין פערד. די כוחות לאזן זיך אוים.

צפורה האט אים איבערגעשלאגן:

— וואס האסטו געפאקט דאס קינד אויפן ניכטערן הארצן? ער האט פון ביי טאג אן אפילו אין מויל נישט געהאט. ער האט אים געפאקט מיט זיינע דרשות, טאמער איז אים קארג אכצן שעה אין מעת־לעת אין אקער.

— וואס זשע טו איך אים דען? איך לאז אים נישט עסן, צי וואס? ער האט מיך געפרעגט, האב איך געענטפערט. א זון דאס דרייצנטע יאר, איז א קליינער אומגליק, אז ער זאל אויך וויסן,

ווי גרינג ס׳קומט אַן יעדער ביסן. ער קען דאָך נאָך מיינען, אַז עס גייט פון אַ רינווע...

— לאָז אים כאַטש זיך אויסטון. שלמה, וואָס שטייסטו ווי אַ נעכטיקער? טו זיך אויס און עס אָפּ. ס׳איז שוין פון די לאָקשן געוואָרן אַ טייגעכץ. גיכער אַ ביסל ריר דיך. וואָס ביסטו אַזאַ צע־קראַכענער?

שנייהנדיק מיטן לעפל די צונויפגעקלעפּטע לאָקשן, פרעגט שלמה ווידער:

— טאַטע, ווי קומט עס, וואָס דו ביסט געקומען דינסטיק?

— איך פאָר מאָרגן צוריק און דאָנערשטיק אויף דער נאַכט וועל איך קומען אַהיים. דערצייל, ווי אַזוי גייט ביי דיר דאָס לערנען?

— דאַכט זיך נישקשה, כ׳ווייס?

— ווערליג ס׳קומט מיר אַן גרינג צו פאַרדינען אויף שכר־לימוד און בכלל אויסהאַלטן אַ געזינדל קיין עין־הרע, וואָלט געדאַרפט זיין נישט „דאַכט זיך"...

— נו, איך קען דאָך אויף זיך אַליין נישט זאָגן...

— איר לערנט נאָך אַלץ בבא־בתרא?

— וואָס הייסט אַלץ? בבא־בתרא קען מען לערנען אַ יאָר אויך.

— מען קען לערנען צוואַנציק יאָר אויך... נאָ דיר גאָר מען קען... קוקנדיק ווער... אַזאַ בחורל ווי דו, דאַרפסט אָפּלערנען אַזאַ גמרא אין דריי, פיר חדשים...

— עס זענען נאָך נישטאָ קיין צוויי, אַז מיר לערנען זי... און אחוץ גמרא לערנט מען דאָך נאָך עפּעס.

— אַ דאַנק דיר אין הימל, וואָס גישט בלויז גמרא. באַרעכן נאָר, ווי ער טוט מיר אַ טובה...

— איך זאָג נישט, אַז איך טו אַ טובה.

— זאָגסט נישט. נו, אַ דאַנק גאָט דערפאַר... עס אָפּ לעבעדי־קער און נעם איבערחזרן די גמחא!

— ניין, דער קאָפּ טוט מיר אַ ביסל ווי, ביים רבין אין שטוב איז היינט געווען אַ טשאַד. איך וועל זיך צושפאָרן אויף עטלעכע שעה און דערנאָך מיט אַ לויטערן קאָפּ שוין לערנען ביז טאָג.

— זאָל זיין אַזוי... נאָר טאָמער פאַרשלאָפסטו?

— איך וועל נישט פאַרשלאָפן... כ׳האָב אַזאַ סגולה...

אָנגרייטנדיק אַ ליכט מיט שוועבעלעך און די גמרא צוקאָפּנס, איז שלמה מיט אַ שווער האַרץ געגאַנגען שלאָפן.

קאפיטל XIII

עס רעדט זיך נאָר אַזוי שלאָפן. קיין אויג האָט שלמה נישט געקענט צומאַכן. דער געדאַנק, אַז מאָרגן אין דער צייט קען שוין ראַצי די שוחטקע זיין אַ געגטע און געצי אַ הונגריקער, האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. דעם טאַטנס רייד וועגן זיין איבער־מענטשלעכער האָרעוואַניע זענען טיף אַריינגעדרונגען אין זיין האַרצן. דער פאָטער גייט אָפּ מיט בלוט און ער שפּילט אויף פידעלעך, לייענט מעשהלעך און קאָמאַנדעוועט מיט סאָלדאַטיקעס, פערדלעך און אָפּיצערלעך. צי איז טאַקע אַ יושר אַזוי? צי איז ער נישט קיין פאַרברעכער? קיין רוצח קעגן זיין אייגענעם טאַטן?...

אין שטוב איז מען שוין לאַנג געשלאָפן. דער גרויסער וואַנט־זייגער האָט נודנע געטיקעט. דעם פאָטערס כראָפּען האָט זיך דייטלעך דערטראָגן צו שלמהן אין קיך אַריין. ערגעץ הינטער דער שאַפע אָדער גאָר אויף דעם פריצם האַלבער זייט האָט זיך גערודלדיק געפּאָרקעט אַ מייזל. פון טאַדעאושעס דאַך האָט געמיאַוקעט אַ קאַץ, זייער גרויזע קאַץ. ענדלעך גיט דער זייגער אַ קרעכץ אַרויס מיט זיין כאָרכלענדיקן טעמבער: איינס און נאָך איינס. — צוויי! פונקט די פּאַסיקע שעה.

מיט דער געשיקטקייט פון אַ זעלנער טוט זיך שלמה אָן, מאַכט ליכטיק, גיסט זיך אָפּ נעגלוואַסער און הייבט אָן אויפן קול לערנען. זיין קול קלינגט ווי קיין מאָל נישט, מעטאַליש און פאַרשווערעריש. עטלעכע מאָל ווערט ער שטיל און הערט זיך איין. שטיל. אַלע שלאָפן געשמאַק. נאָך אַ מאָל לערנט ער, ווידער איבערגעהאַקט. שטיל. די סאַמע העכסטע צייט. ער גייט מיט הילכיקע טריט אַריין אין זאַל, וווּ עס שלאָפן די עלטערן און עטלעכע קינדער. ער רוקט אומיסטן איבער די בענקלעך פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מיטן טיש אַ סקריפּע, מען הערט גאָרנישט... ער קערט זיך אום אין קיך אַריין, פאַרקוועטשט שטאַרק די אויגן, דריקט צו די גמרא צום האַרצן:

— פאָטער אין הימל, העלף מיר בשלום אויספירן מיין געדאַנק.

ער גיט אַ קוש די גמרא, נעמט דאָס ליכט צווישן צוויי פינגער און גייט אַריין אין זאַל אַריין. אַלע זענען פאַרזונקען אין שלאָף. אויף די שפּיץ נעגל דערנענטערט ער זיך צו דער שאַפע, צונויפקלעמענדיק די ציין מאַכט ער אויף דאָס טירל. דאַנקען גאָט! אָן אַ סקריפּ. טאַקע נסים מן השמים! דאָס ליכט שטעלט ער אַוועק

אויפן פאָל און הייבט אָן אויסזוכן „עפּעס רעכטס". אויפן פאָל ווערט אָפּגעלייגט: אַ וואָלן שאַלעכל, בסך הכל עטלעכע מאָל גע־טראָגן, דעם פאָטערס קיטל, נישט קיין געניצטע פּאָר קאַלאָשן, גע־וואַנט, דינהן אויף אַ פאַלטאַ. נאָך צוויי האַנטעכער און איין איבערבעט־ציך. שוין! ס'וועט זיין געגוג. איינגעוויקלט דאָס אַלץ אינעם שניט־געוואַנט טראָגט ער עם מיטן ליכט צוזאַמען אַרויס אין קיך אַריין, קערט זיך אום שטיל ווי אַ חלום און זאָל אַריין, ברענגט אין אָרדענונג די פּאָליצעס, פאַרשטעלט די לעכער אויף וויפל ס'איז מעגלעך, מאַכט צו די טירלעך, נישט אַראָפּנעמענדיק זיין בליק פון טאַטנס פּנים. נײַן, ער שלאָפט... קיינער האָט גאָרנישט געהערט. ער קערט זיך אום אין קיך אַריין און הייבט אויף ביידע הענט צום הימל:

— ברוך השם, געלונגען...

ער גייט אַרויס אויפן הויף. מוציק לויפט צו, באַשמעקט אים און גייט אָפּ אַ צופרידענער. שלמה בינדט אָפּ עמעצנס אַ שטריקל, אויף וועלכן מען הענגט אַרויס גרעט צום טרוקענען. אין שטוב בינדט ער גוט אַרום דאָס פּעקל און טראָגט עס אַרויס הינטער דער קאַמער. דאָרט אונטער דעם שטרוי פאַרשווינדט דאָס פּעקל, אַלץ ווערט פאַרגלעט. שאַ שטיל, אַ מחיה. גאָר מיט אַן אַנדער פייער גייט איצט דאָס לערנען. רב אמי און רב אסי שמייכלען צו שלמהן פון דער גמרא אַרויס:

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ, שלמה... מיר נעמען אויף זיך די עבירה...

שלמה שרייט נאָך שטאַרקער:

— אמר רבא, האָט רבא געזאָגט...

אין מיטן לערנען דערהערט ער, ווי דער פאָטער רופט אים:

— איך רוף און רוף און דו הערסט גאָרנישט. קענסט דאָך מיט דיין שרייען אַ טויטן אויפוועקן. וויפל איז דער זייגער?

— דריי פערטל אויף פינף.

— מאַך צו די טירלעך און שריי נישט אַזוי. קאָרג האָרעוועט זיך אָן די מאַמע אַ גאַנצן טאָג, דאַרפסטו זי נאָך וועקן האַלבע נאַכט. גיי, גיי לערן, מאַך צו די טירלעך.

ווען אין די פענצטער הייבט אָן צו בלויען, לעשט שלמה אויס דאָס ליכט, גיט אַ קוש די מזוזה און מאַכט שטיל צו די טיר הינטער זיך. אין הויף קוקט ער זיך אַרום, קיי־נער... מוציקן זעט מען אויך אין ערגעץ נישט. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזט. פון די לאַנגע קרישטאָלענע סטרעמפּ טריפן קויטיקע טראָפּנס. שלמה גיט אַ צי־טער: ס'וועט דאָרט נישט פאַרנעצט ווערן? ער קיקט זיך נאָך אַ מאָל אום אויף זייער טיר: אַלץ בשלום. הינטער דער קאַמער באַ־קומט ער אַרויס דאָס פּעקל און נעמט עס אונטערן אָרעם. דווקא

שווערלעך. וואָס קען דאָרט זיין שווער? אויף דער גאַס ווייזט זיך אים אויס, אַז די פּיאַלעטע שויבן רייצן זיך: מען זעט אַרויס די גנבה, מען זעט אַרויס, מען זעט אַרויס... נישט לאַנג געטראַכט, וואַרפט ער אַראָפּ דעם פּאַלטאַ, וויקלט אַרום די „טריפהנע קראָם" און שפּאַנט אויף וואָס די וועלט שטייט...

אין גאַס באַגעגנט ער קיינעם נישט און ער קומט צו לויפן מיט זיין קראָם אין בית־מדרש אריין. אין פּאָליש סאַפּעט ער אָפּ, ווישט זיך אַרום דעם שוויס, טוט זיך אָן צוריק דעם פּאַלטאַ, באַהאַלט דאָס פּעקעלע אונטער דער באַנק און גייט אַריין אין בית־מדרש. דאָרט איז נאָך האַלבטונקל. שלמה לייגט אַוועק אין מזרח אויף אַ שטענדער זיין גמרא, נעמט פֿון בעלעמער אַ שטיקל ליכט און שמעלצט איין דערנעבן. פֿון יענער זייט הרובע, איינגעקאָרטשעט אין דרייען, שלאָפֿן צוויי אָרעמעלייט. שלמה וועקט זיי:

— פּעטערלעך, איר ווייסט נישט, דער זייגער גייט ריכטיק?

נישט עפנענדיק קיין אויג וואָרטשען זיי:

— טשעפּע זיך אָפּ, שלימזל, וואָס לאָזטו נישט קיין מענטשן זיך אויסשלאָפֿן?

שלמה וויל אָבער דורכוים, אַז די אָרעמעלייט זאָלן אים זען. ער לאָזט זיי נישט אָפּ:

— פּעטערל, איר האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז דער נר־תמיד איז אויסגעלאָשן. מען טאָר דאָך נישט...

איינער פֿון זיי גיט אַ טאַנץ אַראָפּ:

— דו פֿאַרגעמסט זיך פֿון דאַנען, דו סמאַרק איינער!

מער האָט שלמה נישט געדאַרפֿט, אַבי זיי האָבן אים געזען...

ער קערט זיך אום צו דער גמרא, לערנט כּלומרשט, מאַכט קולות. ווען ער זעט, אַז זיי שלאָפֿן ווידער, גנבעט ער זיך אַרויס פֿון בית־מדרש, כאַפּט דאָס פּעקל און לויפט דורך היגטערגעסלעך אויף דעם מאַרקפּלאַץ.

אויפֿן פּלאַץ אין די זייטן געפינען זיך אַ סאַך הילצערנע געוועלבלעך, אין וועלכע מען פֿאַרקויפֿט זומערצייט געמראַנקען און פרוכטן. אַ סאַך פֿון זיי זענען פֿאַרשלאָסן, אַנדערע שטייען אָפֿן מיט אָפּגעריסענע טירן און זענען פֿאַראומרייניקט. אין איינעם אַזאַ הפקר־ביידל איז שלמה אַריינגעלאָפֿן, זיך אַזוי אַוועקגעזעצט, אַז מען זאָל אים נישט אַרויסזען, און האָט זיך גענומען אַרומקוקן. אויפֿן גרויסן מאַרקפּלאַץ איז נישט געווען צו באַמערקן קיין לעבעדיקן נפש. מיטוואָך איז נישט קיין מאַרקטאָג, הייבט זיך ערשט אָן קלויבן דער עולם זייגער צען, עלף. גלייך קעגן שלמהן שטייען גרויסע צוויי איינפֿאַרהייזער. פֿון די קוימענס שלענגלען זיך אין הימל אַריין

בלויווייסע זיילן רויך. אַט פירט אַ שנצל אַ פּאָר פערד צום ברונעם אָנטרינקען. שלמה זיצט שוין אפשר אַ שעה, קיינער באַווייזט זיך נישט אויפן פּלאַץ. מיט אַ מאָל דערזעט ער אַ הויכן גוי אין אַ סוויטע, ווי ער גייט אַרויס פון טויער, שניידט דורך דעם מאַרקפּלאַץ און לאָזט זיך גלייך צו די קלייטלעך. שלמה פאַרשטייט שוין, אַז ער זוכט אַן אַפּטריט. נישט קוקענדיק דערויף שטעקט שלמה אַרויס דעם קאָפּ און רופט אים ווינקענדיק:

— פעטערל, אַ, פעטערל...

דער גוי, וואָס האַלט שוין די צעשפּיליעטע הויזן אין דער האַנט, דערזעט אים און פרעגט אומצופרידן:

— וואָס איז? וואָס דאַרפסטו?

— קום אַהער, פעטערל, איך דאַרף דיך עפּעס האָבן.

— וואַרט אויס, כ'וועל פאַרטיק ווערן...

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז דער גוי, האַלטנדיק אין פאַרציען דעם רימען אויף די הויזן, אַריינגעקומען אין שלמהסביידל. שלמה פאַרשטעלט מיט זיך דאָס פּעקל און פרעגט מיט געבעט:

— פעטערל, דו וועסט עפּעס קויפן?

— וואָס האָסטו?

— עפּעס האָב איך, אָבער זאָג, דו וועסט קויפן?

— אַז עס וועט מיר געפעלן, וועל איך קויפן. ווייז, וואָס האָסטו?

— שטעל דיך אַט־אַ־דאָ־אַ, כדי מען זאָל אונדז נישט אַרויסזען. דו ביסט צו אַ לאַנגער.

מיט ציטערדיקע הענט נעמט שלמה אַראָפּ דאָס שטריקל און ווייזט דעם קונה זיין קראָם. דער גוי באַקוקט נישט געכאַפּט יעדע זאַך באַזונדער. באַטראַכט די ציך מיטן קיטל קעגן דער שיין, צי זיי האָבן נישט קיין לעכער, פּרוווט דאָס געוואַנט רייסן, צי עס איז נישט שוואַך. פּרוווט די קאַלאַשן אַ וויש טון, צי די פּאַרע פּאַרגייט. ענדליך קערט ער אַלץ אום שלמהן אין די הענט אַריין. שלמה זעט, ער איז צופרידן.

— ווי אַזוי זשע ווילסטו פאַרקויפן? יעדע זאַך באַזונדער, צי אין איינעם?

— ניין, ביין... אין איינעם, אין איינעם, נאָר אין איינעם...

— וויפל זשע ווילסטו פאַר אַט דעם גאַנצן ביסל שמאַטעס?

ביי שלמהן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן:

— ס'איז נישט קיין שמאַטעס. די קאַלאָשן זענען נאָך נישט קיין געטראָגענע.

— איז דאָך נאָר די קאַלאָשן... הכלל, וויפל ווילסטו?

— אבציק רובל.

— טייער, ברודערקע... טייער ווילסטו הייגט פאר דיין ארבעט... אבציק רובל איז א היטל מיט געלט.

— גיין — דארף מען נישט.

און שלמה זעצט זיך אוועק אויף זיין פעקל. פאר אויפרעגונג קלאפט אים א צאן אין א צאן, נאר ער זיצט אויסערלעך רואיק. דער גוי קראצט זיך אין דער פאטיליצע, בינדט איבער דעם רימען און מאכט א באלעבאטישע באמערקונג:

— אט אזוי אז דו זיצן, וועסטו צעברעכן די קאלאשן, דאס איז ווי צוויי מאל צוויי... הכלל, דו נעמסט דרייסיק רובל?

— ניין...

— פערציק...

— ווייניקער נישט. נאר אבציק...

— טא נא זשע דיר א פופציקער. מער גיב איך נישט.

— דארף מען נישט. וועט א צווייטער געבן...

דער גוי גייט אפ א האלבן וועג און קערט זיך אום:

— דו נעמסט? פאלג מיך, נעם, פופציק רובל איז א פארמעגן!

— כ'האב שוין איין מאל געזאגט: אדער אבציק, אדער גאר־נישט...

— ווייז נאר, לאמיר נאך א מאל א קוק טון... וואס הייסט אבציק רובל, ס'איז דאך א גוואלד!

נאך א מאל ווערט דורכגעטאפט דאס שאלעכל, ארומגעשמעקט די האנטעכער.

— גוט, איך וועל ברענגען אהער מיין פאראסקען, זאל זי אויך אנקוקן...

ביי שלמהן זענען פארקילט געווארן אלע בלוטן. ס'איז ביי אים קיין ספק נישט געווען: דער גוי גייט נאך מיליץ. געווען געדארפט נעמען פופציק רובל. איצט איז אלץ פארפאלן. ער האט א קלער געטון וועגן אנטלויפן, נאר באלד האט ער איינגעזען, אז אנטלויפן איז אויך נישטא וווהין. אויפן מארק האבן זיך שוין געדרייט מענטשן, יידן און גוים. מען וועט אים ארומשטעלן אדער מען וועט ביי אים אין גאנצן אויסכאפן — ביי א גנב איז א מצוה — אדער אין בעסטן פאל וועט מען אים אפפירן אהיים מיט דער גנבה... ניין, אט דא וועט ער זיצן, און ווי אזוי גאט וועט פירן... מסתמא וועט ער אים באשערן א רעכטן קונה, ס'איז דאך דא עפעס פארמישט „הבאת שלום בין איש לאשתו"... מסתמא וועט גאט רחמנות האבן. איז ארויסגעגאנגען „יענער גוי" מיט עפעס א גויע און גלייך צו אים.

טרערן פון פרייד האָבן אים אַזש אָנגעהויבן צו שטיקן און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— איצט, שלמה, האַלט זיך... קוים גייט ער צוריק, דאַרף ער באַצאָלן אַלע אַכציק.

ווידער איז אויפגעבונדן געוואָרן דאָס פּעקל, ווידער איז אַרומגע־קוקט געוואָרן יעדער חפץ דריי מאָל. זי האָט אָנגעמאָסטן אויף זיך דאָס שאַלעכל, ער — נאָך אַ מאָל די קאַלאָשן. ענדלעך זאָגט ער אים:

— נו, דו נעמסט פופציק רובל? איך גיב דיר גוט... ··

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: אָדער אַכציק, אָדער גאָרנישט...

— וואָס איז עפּעס, אַ טאַקסע ביי דיר? ווי אַזוי איז דער חשבון? דאָס שאַלעכל איז אַ געטראָגנס, זאָל זיין צען רובל... קאַלאָשן נייע... שוין באַלד נאָכן ווינטער... זאָל זיין פופצן, איז ערשט פינף און צוואַנציק... דאָס געוואַנט איז אַ שיטערס און ווייניק, זייער ווייניק... דאָס העמד... נו, זאָל זיין, אַז מען קען מאַכן דערפון צוויי... הכלל איך גיב דיר נאָך צען רובל און גיב אַ האַנט...

— פעטערל, עס זענען אַרויסגעוואָרפן די רייד. גיסטו אַכציק, איז גוט, ניין, רוף איך אַריין אַ צווייטן...

די גויע האָט זיך שוין אָנגערופן:

— אָלעקסע, גיב אים שוין... דו זעסט דאָך, אַז ס'איז אַן ערלעך גנבל...

זיבן מאָל האָט שלמה אַרומגעטאַפּט די צוויי דרייסיקערס און דעם צוואַנציקער. געקוקט, צי זיי האָבן די „וואַסער" און אַריינגע־לייגט אין דער אייבערשטער טאַש. אָלעקסע פרעגט אים:

— דאָס שטריקל דאַרפסטו?

— ניין, קענסט עס נעמען זיך.

— מיט וואָס זשע וועסטו „אַרבעטן" אַ צווייט מאָל?

— כ'וועל זיך שוין אַן עצה געבן... אַ גוטן.

און נישט אומקוקנדיק זיך איז ער אַוועק אין חדר. דער רבי פרעגט אים:

— דו האָסט שוין געדאַוונט?

— יאָ, וואָס פאַר אַ פראַגע? אין בית־מדרש...

— טאָ נעם די גמרא, שטיי נישט. דו ביסט נישט איינער ביי מיר.

— אוי, רבי, כ'האָב די גמרא פאַרגעסן אין בית־מדרש... כ'וועל אַ טאַנץ טון אויף איין מינוטקעלע...

— ס'הייבט זיך שוין אָן דער טאָג מיט די „פאַרגעסענישן". אַן עק, שטיי זשע נישט, מאַך עס איינס און צוויי...

פייל אויסן בויגן לויפט ער אין בית־מדרש אַריין.

— און געצי אין חדר איז טאַקע נישטאָ... אַזוי שפּעט שוין, און נישטאָ.

אין בית־מדרש כאַפּט שלמה אַ פּסק פון פּיוויש דעם רויטן:

— וויפל מאָל, יינגעלע, האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט אויף מיין שטענדער קיין ליכט נישט שמעלצן. אויב דו וועסט נאָך אַ מאָל נישט פאָלגן, וועל איך דיר אָראָפּלאָזן די הייזעלעך און אריינפּיצקען...

שלמה הערט נישט אויס ביזן סוף. ער כאַפּט די גמרא און לויפט גלייך צו משה דעם שוחט.

קאפיטל XIV

נאָך פון דער שוועל באַמערקט ער דעם חורבן, וואָס טוט זיך אין שטוב. אויף אַן אויסגעשפּרייטער רעדנע* ליגן אַלע ספרים ווי נאָך אַ שטורעמווינט. אַלע שאַפעס זענען געריררט פון די עקמער, אויפן טיש איז אָנגעוואָרפן פון הערן און זען און געדענקען. ראַצי, מיט אַ פּנים פון אַ מת, שאַרט מיט אַ פלעדערווישׂ דאָס מיסט פון צווישן דער תרובע. געצי, אין מאַנטל, ליגט אויף אַ בעט מיטן פּנים צו דער וואַנט און מאַלט עפּעס.

— אַ גוט מאָרגן, געצי. דער רבי האָט געפרעגט, פאַר וואָס קומסטו נישט לערנען?

געצי דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו שלמהן, שענקט אים אַ קוק פול מיט פאַראַכטונג און ענטפערט נישט. שלמה פרעגט ביי ראַצין:

— און איר זוכט אַלץ?

— כ׳זוך... ס׳העלפט מיר עפּעס מיין זוכן?

— ווו איז דאָס ביי אייך געלעגן?

— אָט, אין דער בעט, ווו ס׳איז צונויפגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט...

— און איר האָט שוין אומעטום געזוכט?

— איי, וואָס פרעגסטו, נאַריש קינד,.. אָט זוך איך אַ שטייגער צווישן דער הרובע, אַז נישט ווייס איך דען נישט, אַז עס איז אומזיסט? נאָר וואָס האָב איך עפּעס אַנדערש צו טון? יענער ליגט פון נעכטן אָן אַזוי... נישט ער עסט עפּעס, נישט ער רעדט צו מיר... משה קומט אין גאַנצן נישט אַהיים, צוגעשיקט דעם שמש זאָגן, אַז ער גט מיך. וואָס קען איך טון? וואָס קען איך טון?

— ראַצי, ווייזט מיר דעם פלעדערוויש, וועל איך אייך אַ ביסל העלפן זוכן...

— איי, צו וואָס זאָלסטו זיך נאָך איך איינריכטן? גלייב מיר,

* רעדנע - א גראבער גוויישער טעפיך.

מען האָט שוין גענוג געזוכט. ס'איז נישט קיין שפּילקעפּל. אַך און וויי איז צו מיינע יאָר.

— פון דעסט וועגן ווייזט אהער, וואָס אַרט אייך? איך האָב איצטער פּונקט צייט.

שלמה לייגט אַוועק די גמרא אויפן סאַמאָוואַר, לייגט אַוועק אויך איר דעם פּאַלטאָ און הייבט אָן צו נישטערן אין שאַפע. נעפּמרט עטלעכע מינוט ביי דער שאַפע גייט ער איבער צו דעם קאָמאָד, ער שלעפּט אַרויס איין שופלאָד נאָכן צווייטן, זוכט לפנים אין אַלע ווינקעלעך און גיט אַ ברום פאַר זיך:

— מאַקע נישטאָ ווייזט אויס...

— ווייס איך וואָס דו רעדסט, נאַריש קינד. כ'האָב מיר שוין די פינגער אויסגעדרייט זוכנדיק...

— פון דעסט וועגן האָב איך געמיינט: אַ פרישער מענטש מיט פרישע אויגן...

— ווייס איך... וואָס מיר פריש, ווען מיר פריש, ס'איז אַ פרישער קבר. דאָס יאָ...

שלמה גייט פּוילבלעך אַריבער צום בעט, הייבט אונטער דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט. אונטער דער איבערבעט איז אויסגעשפּרייט אַ רעדנע מיט פּאַסן, אונטער דער רעדנע אַ שטרויענער מאַטראַץ מיט לעכער. ער זוכט עטלעכע מינוט און גיט אַ געשריי נישט מיט זיין קול:

— ראַ־צי!... און וואָס איז דאָס? דרייסיק, זעכציק, אַכציק... אין מאַטראַץ געשטעקט...

ראַצי קוקט אויף דעם געלט פאַרשטיינערט. זי האָט קיין איין טראָפּן בלוט נישט אין פנים און שלמה היצט זיך:

— אַזוי זוכט מען? ס'האָט דאָך אַרויסגעשטעקט, אַז אַ בלינדער האָט געקענט באַמערקן... איי־איי־איי... ווייבער קענען דיר אַרויפ־פירן אויפן פייער...

ראַצי שטאַמלט קוים מיטן אויער צו כאַפּן:

— כ'האָב דאָך דאַכט זיך אַזוי געזוכט, איך און משה...

דאָס קליינע שלמהלע איז שרעקלעך אין כעס:

— איר זעט דאָך, ווי אַזוי איר האָט געזוכט...

— גאָט, מיין גאָט!... דרייסיק און דרייסיק איז זעכציק און צוואַנציק איז אַכציק... רבונו של עולם, איך האָב נישט די ווערט דיינע חסדים... גוואַלד! וואָס איז דאָס? כ'מעג שווערן, אַז דאָס געלט פון דער פּאַטשט איז געווען בלויז איינציקע משערוואַנצעס...

שלמה איז שוין רעכט אין כעס. ער שרייט אויף ראַצין:

— יאָ, יאָ, מען קען זיך שוין פאַרלאָזן אויף אייער זכרון און אויף

אייער זוכן... מן־הסתם האָט איר עמעצן איבערגעביטן... זיכער איבערגעביטן...

— איך האָב איבערגעביטן? איך?

— ווער דען? אַ מלאך האָט איבערגעביטן? אפשר האָט אַ מלאך איבערגעביטן...

— גוואַלד! וואָס שווייג איך? איך לויף זאָגן משהן אין בית־השחיטה.

זי גיט אַ כאַפּ איר שאַל פון בענקל און פליט אַרויס ווי אַ הונער.

שלמה נעמט זיין פּאַלטאָ מיט דער גמרא און לאָזט זיך גיין, נאָר געצי שטייט אויף דער טיר און לאָזט נישט אַרויס. מיט אַלע כוחות גיט אים שלמה אַ וואָרף אָפּ און לויפט אַרויס מיטן פּאַלטאָ אין האַנט.

פרייטיק אין דער פרי האָט דער בלאָטער געפּלאַצט. מען זיצט און מען לערנט די הפטורה, ווי עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין אפרים־אהרון און צפורה. ביידע זענען בלייך ווי די וואַנט. דער פאָטער מאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז מען זאָל אויפהערן צו לערנען. שלמה באַמערקט, אַז ביים פאָטער ציטערט די האַנט: דאָס איז אַ סימן, אַז עס האַלט שמאָל. מיט אַ פינגער רופט אים דער פאָטער אַרויס פון הינטערן טיש און הייסט זיך אים שטעלן אין מיטן צימער. אַליין שפּאַרט ער זיך אָן אין דער פענצטערראַם. זיין קול ציטערט:

— ווהין האָסטו אַהינגעטון די זאַכן פון דער שטוב?

— וועלכע זאַכן?

— שלמה, רעג מיך נישט אויף... כ'בין אַזוי אויך אָנגעצויגן... זאָג, וואָס נאָך האָסטו פאַרנומען חוץ די קאַלאָשן, דעם קיטל און דינהס שטאָף?

— איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן...

— אָט הערן אַלע, טאָמער נעמט מען דיך צו ביי מיר פון די הענט אַ טויטן, בין איך נישט ערוב דערפאַר. דו ווילסט אַליין אַזוי... זאָג!

דער פאָטער גייט צו נאָענט, נאָענט.

— זאָג, ווו ליגן די זאַכן און וואָס ביסטו געגאַנגען באַגנבענען אייגענע עלטערן? מען זשאַלעוועט דיר עפּעס? דו עסט נישט גלייך מיט מיר?

— אַז איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט פון מיר האָבן...

— אַך, דו ווייסט נעבעך נישט?

אפרים־אהרון האָט זיך שוין פאַרמאָסטן אַראָפּצולאָזן די אויפגע־הויבענע האַנט, ווי צפורה האָט פון אונטער די הענט אָפּגעשלעפּט שלמהן.

— זאָג מיר שלמהלע, וואָס הייסט, דו טוסט אָפּ אַזאַ זאַך?
— מאַמע, איך האָב גאָרנישט געטון... ס'איז אַ בלבול...
— פּע, ווי שעמסטו זיך נישט ברענגען אַזעלכעס פאַרן מויל... עלטערן וועלן מאַכן אויף זייער קינד אַ בלבול, האַ? ווער דען האָט געקענט ביי אונדז אין שטוב נעמען, אויב נישט דו? דו ביסט איין דערוואַקסן קינד אין שטוב...
— אפשר אַ גנב. ווי פאַלט אייך גאָר איין, אַז איך?
— אַ גנב וואָלט שוין גענומען אַלצדינג. זאָג נאָר, וווּהין ביסטו נעלם געוואָרן יענעם ביינאַכט, ווען דער טאַטע איז געווען אין דער תּיים?
— וואָס הייסט — ביי נאַכט? ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען כ'בין אַוועק פון דער שטוב. די קינדער, ווייס איך, הייבן אָן אויפשטיין, ווערט אַ טומל, בין איך בעסער אַוועקגעגאַנגען אין בית־מדרש לערנען...
— ווער קען עדות זאָגן, אַז דו ביסט מיטוואָך געווען אין בית־מדרש אַזוי פרי?
— וואָס הייסט ווער? און ווער נישט? צוויי אָרעמעלייט זענען דאָרט געשלאָפן, האָבן זיי מיך נאָך געפרעגט, וויפל איז דער זייגער. טאַקע די זעלבע אָרעמעלייט, וואָס האָבן נעכטן אויף דער נאַכט געגעסן ביי אונדז וועטשערע. זיי האַלטן דאָ שבת. דו קענסט ביי זיי פרעגן. היינט האָט פּיזוויש דער רויטער יענעם אינדערפרי מיך שיר נישט געשלאָגן, פאַר וואָס איך שמעלץ איין אַ ליכט אויף זיין שטענדער. און וואָס עפּעס נאָר ער? פרעג ביי וועמען דו ווילסט. כ'האָב שוין אַ סך מאָל געגנבעט עפּעס, אדרבא זאָג...
צפורה ווישט אָפּ אַ טרער:
— קום, אפרים־אהרון, ס'איז נישט ער, כ'קען שווערן... קום, כאַפּט דאָס דער רוח. זאָל דאָס זיין אַ שיינע, ריינע כפּרה. מיר וועלן לעבן און זיין געזונט, וועלן מיר זיך פאַרשאַפן אַנדערס. איך האָב שטענדיק געטענהט, אַז אַ קליידערשראַנק דאַרף זיין געשלאָסן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך...
אפרים־אהרון האָט זיך נישט געקילט דאָס האַרץ:
— נישט ער, ווער דען? איך?
— ניין, איך! אָבער אַז איך וויל שוין נישט ווּסן, ווער... גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען... קום שוין. קום, זאָג איך דיר...
עטלעכע מינוט נאָך זייער אַוועקגיין האָט זיך דער פאָטער אומגעקערט און באַפוילן דעם רבין:
— אַזוי גלאַט זאָל דאָס אים נישט אָפּגיין... איך בין נישט קיין יידענע צו גלייבן זיינע גלאַטע ריידעלעך. גיט אים שוין צען שמיץ

פאר דער חברה אין די אויגן. „לא תגנב" איז פון די עשרת־הדברות... צען שמיץ, נישט ווייניקער...

אפגעזאגט, איז ער ארויס פון דער שטוב. איידער דער רבי האט אים נאך באוויזן א ווארט צו ענטפערן. דער רבי איז ארויס פון הינטערן טיש אויסער זיך פאר כעס:

— אן השגה פון א יידן. מיר הייסן אים שלאגן! אליין דער־לאזט אים נישט דאס הארץ און איך, הייסט עס, בין א שטעקן... איך מעג... יא געגנבעט, נישט געגנבעט — נישט דיין זאך. מען באפעלט — שלאג!... וואס איז? די אכט רובל א חודש שכר־לימוד... איך בין אין גלות ביי די אכט רובל... און וואס קען איך טאקע טון אן די אכטרובלדיקע? קיין אנדער מלאכה קען איך נישט... נו, וואס זיצסטו, שלמהלע מיין קינד? גיי, לייג זיך, דער טאטע האט גע־הייסן... אליין מיין תלמיד און מיר באפעלן. לייג זיך, לייג זיך, וואס קוקסטו? דו האסט זיך נישט געריכט? איך האב זיך אויך נישט געריכט... די הייזלעך שפיליע אפ... אויסטון דארף מען נישט. נאר „יענע מעשה" דעק אויף... אן השגה פון א יידן... נוהגנו...

שלמהס פנים איז געווען בלוי ווי א מילץ. ער איז געלעגן מיטן קאפ אראפגעלאזט, טאמער ברעכט ער אדער טאמער גייט בלוט פון דער נאז, זאל ער נישט איינשמירן די באנק. דער רבי האט זיך עטלעכע מאל איבערגעקנעפלט, לאנג געשנייצט די נאז און זיך אומגע־קוקט אויף די תלמידים, וואס האבן זיך פארשלאגן אין א ווינקל, וואס ווייטער פונעם „געשמיסענעם". די געקנייטשטע באקן ביים רבין האבן געפלאמט פון הינטער די געקרייזלטע פיאות און זיך צונויפ־געגאסן מיט די טרויעריק־פיבערדיקע אויגן.

פונעם ערשטן פייף פון קאנטשיק האט זיך שלמה געגעבן א כאפ אויף, נאר זיך באלד צוריק אויסגעצויגן. א צווייטער, א דריטער... פון צווייטן ווינקל האבן זיך געהערט געוויינען:

— רבי, מען דארף נישט, גענוג שוין...

דער רבי האט א ווארף געטון אין זייער זייט א צערייצטן קוק:

— איר ווייסט, אז עס איז גענוג? אפרים־אהרון ווייסט בע־סער... אכט רובל געפינט מען נישט אויף דער גאס... אכט רובל איז א קאפיטאל...

נאכן זעקסטן מאל אראפלאזן די רימענס האט דער רבי אוועקגע־ווארפן דעם קאנטשיק און, באהאלטנדיק די אויגן פון די תלמידים, האט ער לאנג פארטרונקען מיט קאלט וואסער. חברה האט זיך א ווארף געטון צום געשמיסענעם. שלמה האט זיך אויפגעהויבן א בלייכער, נאר א רואיקער. צום סוף האט ער גארנישט געבראכן און קיין בלוט פון דער נאז איז אויך נישט געגאנגען; נאר די הענטלעך א

ביסל האָבן זיך נישט געוואָלט באַוועגן — פּאַרקילט געוואָרן. ער האָט געבעטן אים העלפן צושפּיליען די הייזלעך, גענומען אַ גמרא און זיך אין אַ ווינקל געזעצט איבערחזרן. אַלע האָבן פאַרנומען זייערע פּלעצער ביים טיש. נאָר געצי, ווייס ווי אַ ליילעך, איז גע־שטאַנען ביי דער וואַנט און נישט אָראָפּגענומען קיין אויג פון שלמהן.

אויף איבערמאָרגן, זונטיק, איז אפרים־אהרון אַריינגעגאַנגען אין חדר. ער האָט אויסגעזען פאַרשעמט, קיין אויג נישט אויפגעהויבן אויף קיינעם און שטיל געמאָלדן דעם רבין:

— רבי... מילא, וואָס ס'איז געווען, איז געווען... מען האָט מיך מער געשמיסן... טאַקע איר אַליין אויך... איך, אין הארצן, גלויב נאָך עד היום, אַז דאָס איז זיין שטיקל ארבעט געווען. חוץ אים איז נישטאָ ווער. צוליב וואָס, צוליב ווען — ווייס איך נישט; נאָר דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז כ'נאַר זיך נישט... נאָר וואָס איז דאָ צו קלערן? פאַרפאַלן און שוין... איצט וויל איך אייך בעטן, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער ביי אייך אַלע טאָג אויסחזרן צוויי בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק. נאָר ער זאָל זאָגן ווי אַ וואַסער...

— צוויי בלאַט? ווי איז דאָס מעגלעך? ס'איז דאָך נאָך אַ קינד?

— וואָס פאַר אַ קינד איז ער? אַ בחור צו דער בר־מצוה איז אַ קינד? ווער ווייסט, וויפל איך וועל אים נאָך קענען האַלטן ביים לערנען... ס'איז מיר זייער שווער אַליין. צו אַ גרויסער קלומיק קיין עין־הרע... בקיצור, אויף דער ערשטער צייט וועט זיין גענוג צוויי בלאַט, ער וועט זיך איינחזרן, וועט איר אים אָנהייבן פאַרגעבן צו דריי. נישקשה, ער וועט צוהאָרעווען, וועט ער נישט אין זינען האָבן בודק זיין די שאַפעס, טאָמער ליגט עפּעס שלעכט. אַזוי דאַרף דאָס זיין. וועט איר שוין אַזוי גוט זיין אַכטונג געבן. כ'וועל איבערהאַנצן דעם „ברוך שפטרני“, וועלן מיר דאַמאָלסט זען וואָס צו טון מיט אים...

קאַפּיטל XV

ארום פאַר פסח האָט אפרים־אהרון באַקומען אַ בריוו פון אַנאַ־ניעוו. דאָס איז אַ שטאָט אין מאָלדאַוויע, וווּ דער זיידע שלום האָט אַ שוועסטער און בכלל אַ גרויסע משפחה. אין בריוו שרייבט מען אים דעם אַדרעס פון אַ געשוועסטער־קינד פייגע צימעס, וואָס וווינט שוין זיבן יאָר אין ירושלים. שלמה האָט דערזען אַן אַדרעס: — ירושלים... רחוב מאה־שערים, צפורה... ער האָט מיט אָנגעצונדענע אויגן באַטראַכט די הייליקע פּאָסטמאַרקע, אויף וועלכער ס'איז אָנ־געמאָלט דער מגדל־דוד און אָנגעשריבן אויף לשון־קודש: פּלישתינא, א"י. ער האָט נישט געקענט אַרויסלאָזן פון האַנט דעם קאָנווערט, פון

וועלכן ס׳האָט געשמעקט מיט „אוירא דארץ־ישראל“. מיט אַ ציטער־דיקער שטימע זאָגט ער צום פֿאָטער:

— טאַטע, שרייב איר אָן, אפשר קען זי אונדז ארויסנעמען אַהינצו?

— ער האָט קוים אויסגערעדט... צוליב וואָס דען מיינסטו האָב איך נעבעטן מיר צושיקן איר אַדרעס? טאַקע צוליב דעם האָב איך דאָס געטון.

שלמה האָט זיך פשוט געשעמט, נאָר אים האָט זיך אַזוי געוואָלט אַרומכאַפּן דעם פֿאָטער קושן. אַ קלייניקייט: מגדל־דוד, ירושלים, מאה־שערים...

דער פֿאָטער האָט אָנגעשריבן אַ לשון־קודשדיקן בריוו, שלמה האָט אים איבערגעלייענט און איז געווען צופרידן: אַ וואַרעמער בריוו! ס׳האָבן זיך אים אפילו טרערן געשטעלט אין די אויגן. ער האָט גאָר ביז דעם טאָג נישט געוווּסט, אַז זיין פֿאָטער קען אַזוי גוט שרייבן און איז אַזאַ פלאַמענדיקער חובב־ציון. שלמה פילט, אַז ער האָט גע־האַלטן דעם פֿאָטער פאַר אַ סך פשוטער, ווי ער איז אין דער אמתן. ער פילט זיך זינדיק קעגן אים און ווידער גלוסט זיך אים פאַלן צו די פיס און אים בעטן, אויסוויינען אַ מחילה.

דער געדאַנק וועגן ארץ־ישראל באַגלייט אים אומעטום, ער קען גאָרנישט פאַרגעסן, אַז זיינע, שלמהס, פאָטאָגראַפיעס זענען שוין באַלד אין ארץ־ישראל, מען וועט זיי שוין באַלד צוקלעפּן צו אַזאַ דאָקומענט און דערנאָך — מיטן צוג, מיט דער שיף. מערת־המכפלה, כותל־מערבי, חמי־טבריה און דער הר־הזיתים.

נאָר איין זאַך שטערט אים אין זיין גליק. די זאַך באַשטייט אין גאַנצן פון צוויי קלאַנגען: פאָ־לי... ווי אַזוי קען ער דאָ איבערלאָזן פאָלין? וואָס פאַר אַ טעם קען ער פילן אין ארץ־ישראל, אויב פאָלי וועט מיט אים נישט זיין? עס פאַרקלעמט אים ביים האַרצן, וואָס זי נעבעך איז אַזאַ אומגליקלעכע און האָט דאָרט נישט קיין פייגע צימעס, וואָס איר פאָטאָגראַפיע געפינט זיך נישט דאָרט ווו זיינע. וואָס זשע וועט טאַקע זיין? וואָס זשע וועט טאַקע זיין? עס וואָלט געווען גוט, ווען פאָלי זאָל איינרעדן איר פאָטער, ער זאָל אויך זוכן קרובים „דאָרטן“... און פאַר אַ נויט וועלן זיי קומענדיק אַהין באַלד אַרויסרופן די טולטשינסקים. נישט מער, מען דאַרף נאָר וויסן, צי זענען זיי מסכים. אָבער ווי אַזוי זשע ווייסט מען דאָס? ווי אַרום ווערט מען אַזאַ זאַך געוווּיר?

און אָט האָט זיך אים געטראָפן גאַנץ אומגעריכט צו באַקומען אַן ענטפער.

שטלעכע טעג פאר ל"ג־בעומר גייט ער זיך ביי טאג פון חדר עסן מיטאג. מיט א מאל באמערקט ער: שטלעכע טריט פאר אים גייט פאלי און טראגט פאר זיך א קויש מיט יאגעדעס. פאלי זאל אזוי הארעווען? ער יאגט זי אן:

— פאלי, אפשר וועט איר מיר דערלויבן איבערצונעמען ביי אייך דאס קיישל?

פאלי איז אין דער מינוט שיין ווי די גאנצע וועלט. זי ענטפערט חנעוודיק:

— איבערנעמען — נישט, מיט וועלכע רעכט? נאר אויב איר ווילט אננעמען ביים צווייטן אויער...

א פראגע, צי ער וויל... טראגן איין זאך צוזאמען מיט פאלין, עפעס נאר א קלייניקייט. שוין באלד ווי אין דער משנה: שנים אוחזין בטלית.

א ווײַלע גייען זיי שטיל. פלוצלינג פרעגט ביי אים פאלי:

— שלמה, פאר וואס זענט איר אזא נישט דרייסטער?

— מיט וואס בין איך נישט קיין דרייסטער?

— אט יחיאל אייערער... שפילט מיט אונדז צוזאמען, כ'ווייס? צי למשל דאמאלסט די באטיקעס ביי דער טיר... איר געדענקט?

שלמה לאזט אראפ די אויגן. אודאי געדענקט ער... אבער וואס קען ער איר ענטפערן? אז נישט, וועט זי דען פארשטיין? וואס וואלט ער דען נישט אפגעגעבן פאר אנרירן איר מינדסטן פינגער?

פאלי פרעגט ווייטער:

— צי אט איצט למשל: מיר זענען שוין באלד דורכגעגאנגען א האלבן וועג און איר הייבט נישט אויף קיין אויג, גיט נישט קיין קוק אויף קיין מענטשן. פאר וואס איז דאס?

ער גיט אויף איר א קוק. מיט ברייט צעעפנטע אויגן באטראכט ער איר שיינענדיק פנימל און מיט א הארציק קול זאגט ער איר:

— גלייבט מיר, פאלי, אז ס'איז נישט ווי איר מיינט... נישט אלץ קענט איר וויסן...

דעם מיידעלע גייט אזש דורך א ציטער איבערן לייב, מיט אזא ערנסט ווייעט פון שלמהס רייד. נישט וועלנדיק מער רעדן וועגן דעם, זאגט ער צו איר:

— פאלי, אויב איך וועל אייך דערציילן עפעס א זאך, זאגט איר מיר צו קיינעם נישט אויסזאגן?...

פאלי ווערט רויט איבער די אויערן.

— איך בין נישט קיין קלייניטשקע, א סוד איז א סוד!

— איר זאלט וויסן, אז מיר פארן אין גיכן אוועק קיין ארץ־ישראל...

— וואס הייסט ארץ־ישראל?

— ארץ־ישראל ווייסט איר נישט? ציון?
— איך ווייס נישט.
— נו, פאלעסטינע.
— אך, אזוי זשע רעדט... פאלעסטינע? פון דעם ניים ווייס איך שוין לאנג.
— וואס הייסט, איר ווייסט שוין לאנג?
— אט דאס הייסט...
— פון וואנען זשע?
— דינה האט מיר דערציילט, נאך פאר פסח.
— און וואס וועט איר טון?
— וואס דארפן מיר דען טון?
— איך מיין, איר האט דאך דארט נישט, ווער עס זאל אייך ארויספאדערן...
— וואס עפעס דארף מען אונדז פאדערן? איר פרעגט אזעלכע מאדנע פראגן... וויפל זענט איר אלט, שלמה?
— איך בין עלטער פון אייך מיט א יאר אן צוויי טעג.
— פון וואנען ווייסט איר, ווען מיינע אימעניגעס זענען?
— אז מען וויל וויסן, ווייסט מען...
— האט איר זיך, הייסט עס, טאקע שטארק אינטערעסירט?
— איך ווייס, צי שטארק? איך האב געוואלט וויסן...
פאלי טראכט א ווייליע און גיט א קוק מיט שטראלנדיקע אויגן אויף שלמהן:
— איז פאר וואס זשע האט איר געזאגט, אז מיר מוזן אויך פארן קיין פאלעסטינע?
— כ׳ווייס? א י ך וואלט זייער, זייער געוואלט... אייער פאטער איז אזא ווילער...
— און אייערע דען נישט?
— פאר וואס מייגער נישט? אבער איר... כ׳מיין אייערער... איך וואלט שטארק א בעלן געווען... איר זענט אונדז דען נישט מקנא?
— מקנא? אויף וואס?
— אויף וואס? אויף ארץ־ישראל...
— כא, אויך מיר א זאך אויף וואס צו מקנא זיין... מיר האט צוגעזאגט מיין מומע פון טשערניגאוו צו ברענגען מיר אלע ווערק פון זשול ווערן. — אך, איז דאס אינטערעסאנט! איר האט קיין מאל נישט געלייענט זשול ווערן?
— כ׳האב עפעס זיינס יא געלייענט. דאכט זיך, אז „דאס סוחות־פולע אינדזל“. זאגט מיר, פאלי, איז וואלט איר גארנישט געוואלט אפילו פארן קיין פאלעסטינע?

— אַ קוק טון — יאָ, אָבער בלייבן דאָרט? וואָס פאַר אַן אינ־טערעס?

— איר וואָלט נישט געוואָלט, מיר זאָלן פון דאָרטן אייך צושיקן וויזעס?

— וואָס עפּעס דוקא אונדז? אייער טאַטע האָט דאַכט זיך נעענ־טערע קרובים?

— נו, אַ י ך וואָלט אים שוין אײַנגעבעטן... מיר צוליב...

פּאָלי וואַרפט אויף אים אַ נײַגעריקן קוק און זאָגט:

— אָט איז אונדזער גאַניק... אַ גרויסן דאַנק... דאָ קען איך שוין אַליין...

שלמה גייט אַוועק לאַנגזאַם מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— וואָס עס איז אַזוינס ארץ־ישראל, ווייסט זי נישט... אַ שיינע שולמית... נאָר אַ קוק טון... בלייבן איז נישט אינטערעסאַנט... מען וועט שוין דאַרפן פאַרן בעסער איבערשמועסן מיט יאַנין וועגן אַ פאַדערונג. ער וועט זיך זיכער אָנכאַפּן מיטביידע הענט.

דער זומער איז געגאַנגען זײַן וועג. גרויסע היצן, באָדן זיך. שלמה איז צופעליק געוואָרן געוואָרן פון אַ מלוכה־ביבליאָטעק און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין לייענען מיט ליב און לעבן. ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס עס הייסט זיך אויסשלאָפן צו דער זעט. צו אַלעם ערשטן לערנט מען אין חדר סתם גמרא. נאָך דעם — שאַרפן שיעור. חוץ דעם דריי בלאַט אויסנווייניק אַלע טאָג. און דערצו נביאים אויסנווייניק. און יורה־דעה מיט פּרי־מגדים. די באַזוכן ביי פּאָלאַ־ניעצקין נעמען אויך צו צייט. הײַנט פאַרפעלט ער נישט געבן די לעקציע זאַרעמבאַן און זיך לערנען ביי זיי אויף פידל און פּיאַנינע. טאַדעאוש זאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסן טאַלאַנט. ער זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און פאָרן קיין לעניגראַד אין קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט שוין אַליין געוואָלט רעדן מיטן פאָטער מכוח דעם. אַ שאָד, אַזעלכע פעיקייטן. שלמה דערהערנדיק פון אים אַזוינע רייד, ווערט אַזש פאַרציטערט. ער כאַפּט זײַן האַנט, דריקט זי און בעט ביי אים, אַז ער זאָל דעם טאַטן אַפילו נישט דערמאָנען, אַז ער קען גאָר אים, שלמהן!

באַלד נאָך שבועות האָט מען אַפּרים־אהרונען, פאָרנדיק פונעם יאַריד, אין גאַנצן באַרויבט. ער איז געקומען אין שטוב אַריין מיטן נאַקעטן מעטער. כמעט אַ וואָך צייט איז ער אָפּגעלעגן אין בעט אַ צעקאָכטער און אַ דערשלאָגענער. שלמהס נשמה האָט געשמאַכט. נישט קיין שאָך, נישט קיין ביכל און פון פידל איז אָפּגעשמועסט. אין שטוב איז מען אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, נישט צו באַאומרואיקן דעם פאָטער. איין מאָל האָט זאַרעמבאַ באַמערקט שלמהן ביים פענצטער און גענומען ווינקען צו אים, אַז ער זאָל אַרײַנקומען

טאקע דורכן אפענעם פענצטער. שלמה האט אין טויטשרעק זיך געבעטן ביי אים, ער זאל רחמנות האבן אויף זיינע יונגע יארן און שוויינן. ווייל ער האט געפילט, אז אין דעם צושטאנד, אין וועלכן זיין פאטער געפינט זיך איצט, ווען ער ווערט נאך געוויר פון שלמהס לערנען זיך אויף א קלעזמער, איז זיין לעבן א גראשן נישט ווערט.

אין א וואך ארום איז געקומען די באבע זעלדע. זי האט זיך צונויפגעשמועסט מיט אפרים־אהרונען אויף צו מאכן א שותפות און זיי זענען צוזאמען אוועקגעפארן קיין כמעלניק. מיט א פארחלשט הארץ איז שלמה אריינגעפאלן צו די זארעמבאס און א שעה נאך אנאנד געשפילט אויף דער פיאנינע. א שאך האט ער אויסגעשניצט פון אנטראציט־קוילן, אויסגעלערנט יחיאלן און פארן שלאף שטענדיק געשפילט א פארטיע אדער צוויי.

פון פייגע צימעס זענען אנגעקומען עטלעכע בריוו, אלץ דער זעלבער נוסח: — אפרים־אהרון, באטראכט זיך גוט, וואס איר ווילט טון. ס'איז נישט קיין עפעלע אויפעסן. דאס לאנד איז וויסט. מען דארף זיך מקריב זיין. זאלט איר זיך גוט איבערלייגן, צי ווילט איר ברענגען אייערע קינדער פאר קרבנות?...

און נאך א מאל דאס זעלבע און ווידער א מאל דאס אייגענע: אלץ ווארענונגען און ווארענונגען. ביי שלמהן פלעגט פלאצן דאס הארץ פאר ווייטיק:

— גאט מיינער! ווי קען דאס אין ארץ־ישראל זיין אזא צעקראכענע בריה? נאך א מאל באטראכט זיך און ווידער א מאל באטראכט זיך. שוין נמאס צו טראכטן און צו רעכענען. ווי דערזעט מען שוין שווארץ אויף ווייס? אוי, שווער.

איין מאל ביי טאג איז שלמה געקומען עסן מיטאג, געזעסן ביים טיש און האט צוגעקוקט דורכן פענצטער, ווי פאלי מיט דינהן האבן אין גארטן געשפילט אין „קלאס". מיידלעך פון פערטן קלאס שעמען זיך נישט צו שפילן אין שפרינגעניש און וואס פאר א שכל שטעקט דערינען?...

יחיאל איז עפעס נישט געזונט געווען, איז ער געלעגן אין גארטן אויף א גאמאק און האט זיך געהוידעט. מיט א מאל שפרינגט ער אראפ, כאפט ארום פאלים קאפ און גיט איר א קוש גלייך אין די ליפן. דינה איז אנטלאפן פון גארטן. פאלי האט געוואלט אוועקגיין אהיים, נאר יחיאל האט זי איבערגעבעטן, צוגעזאגט, אז ער וועט מער נישט און זי איז געבליבן. דערזעענדיק אז שלמה האט אלץ צוגעזען, לאזט זי אראפ די אויגן און הייבט זיי שוין מער נישט אויף.

שלמה גייט אין חדר אריין און פילט א גרויסן ווייטיק אין הארצן. ס'איז אים געבליבן אין גאנצן עטלעכע וואכן צו תפילין־לייגן. א

קליניקייט תפילין! זיך משדך זיין מיט דעם עתיק־יומין. וואַרשתיך לי לעולם, — וואַרשתיך לי באמונה... און פאַלי איז אַ מיידל, וואָס לאָזט זיך קושן... דאָס וואָס זי האָט זיך אָנגעבלאָזן, איז נישט געגוג, הלמאי האָט זי נישט געשריגן? הלמאי האָט זי אים קיין פּאַטש נישט געגעבן? ווייס איך וואָס... דאָס מיידל איז גאָר, גאָר ווייט פון יענער שולמית... שולמית פון שיר־השירים... ער דער־מאָנט זיך:

— גן נעול — אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, אחותי כלה — שוועס־טער מיינע, כלה מיינע, גן נעול — אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, מעין חתום — אַ פאַרזיגלטער קוואַל...

— ניין, ניין... פאַלי איז עפּעס אַנדערש... זי איז אפילו אַן ערלעך קינד, נאָר נישט דאָס הייסט פאַרשלאָסן, נישט דאָס הייסט פאַר־חתמט... ס'איז אַ חלול־השם פאַר אַ יינגל אַ בן־תורה, אַ בעל־שמסקע איינקל. און סתם אַ ייד, וואָס גייט אָנהייבן לייגן תפילין, וואָס גייט זיך איינשפאַנען אין דעם אייבערשטנס רייטוואָגן און טראַכט גאָר פון נקבות און נאָך פון אַזאַ מיידל, פון אַזאַ מיידל...

קאַפּיטל XVI

עלף טאָג אין אב איז אין גרויסן בית־מדרש געפּראַוועט געוואָרן שלמהס בר־מצוה. עס זענען געווען אַלע רבנים פון דער שטאָט, אַלע למדנים און בכלל אָנגעזעענע בעלי־בתים. פון כמעלניק זענען גע־קומען דער זיידע מיט מנשהן און פון יעזופּאָטאָריע דער פעטער מוזי. שלמה האָט געזאָגט אַ פּלפּול אויף קידושין, געבונדן כתובות, חולין און בבא־בתרא. דער עולם איז געווען אַנטציקט פון זיין שאַרפן זכרון און בקיאות. אַלע הערצער זענען געווען פאַרכאַפּט פון זיין דרשה. אַלע זענען געווען צוגעשמידט צו זיין סימפּאַטיש פּנימל, יעדנס ליפּן האָבן געשמייכלט פון לייטזעליקייט, פון רירנדיקער צאַרטקייט צו דעם וווּנדערקינד. עס זענען דוקא געווען אַזעלכע דרייקעפּ, וואָס האָבן נישט פאַרטראָגן אַ קליין יינגעלע אַזאַ גרויסן נצחון און געוואָלט מיט פאַרפּלאָנטערטע פראַגן, מיט צווייִדייטיקע סברות אים מבלבל זיין, אָפּשלאָגן פון גלייכן וועג. נאָר „דער קליינער" האָט זיך נישט פאַרלוירן. געלאַסן און רואיק האָט ער אויס־געמיטן אַלע אונטערפּיסלעך, נישט פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און פעסט פאַרטיידיקט זיינע פּאָזיציעס. ווען ער האָט געענדיקט די דרשה, איז צוגעלאָפן דער זיידע שלום און האָט אים אַ קוש געטון. אפרים־אהרון האָט ממש געוויינט פאַר פרייד. ער איז צוגעגאַנגען צו שלמהס מלמד:

— נו, רבי שמעיה, אַ דאַנק! אַ דאַנק אייך דערפֿאַר, וואָס איר האָט געמאַכט מיין זון פֿאַר אַזאַ תּלמיד־חכם!

ביים גרייזגראָען רבין זענען געשטאַנען אין די אויגן טרערן פֿון שטאָלץ:

— הערט זשע, אפרים־אהרון, און איר אויך, מנשה דער רב, איר זעט אָט דאָס גרויסע וועניגאַראַדקע? דאַכט זיך, אַ כרך, אַ יאָ? אַ העלפֿט בעלי־בתּים פֿון דער שטאָט און נאָך פֿיל פֿון די אַרומיקע שטעטלעך זענען מיינע תּלמידים געווען. עס זענען דאָ פֿאַלן, ווען דריי דורות נאָך אַנאַנד האָבן ביי מיר געלערנט. דער זיידע, דער זון און איצט דאָס אייניקל. פֿאַר מיינע אַכט און זיבעציק יאָר זענען פֿיל הונדערטער קינדער דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אַ מאָל געווען האָבן אַזאַ גוט יינגל ווי דאָס שלמהלע. ער דאַרף שוין נישט קיין רבין. ניין, ניין, ער דאַרף שוין נישט. ער איז שוין אַליין אַ גוטער שווימער...

אפרים־אהרונס פּנים שמעלצט זיך פֿאַר פֿרייד, נאָר ער איז מיטן רבין נישט מסכּים.

— טייערער רבי שמעיה, אַז איר זאָלט דאָס זאָגן... די משנה זאָגט: עשה לך רב. זאָגן מפֿרשים: אפֿילו דער רבי בכבודו ובעצמו קען ווייניקער פֿאַר דיר, דאָך איז גוט, אַז מען האָט אַ רבין. שלמה איז נאָך אַ קינד.

דער רבי שלאָגט אים איבער:

— אַ קינד, וואָס איז שוין אַזאַ בקי אין ש״ס, איז שוין נישט קיין קינד.

מנשה איז נאָך דערמיט אויך נישט מסכּים, ער גיט צו:

— און זאָגט אים, רבי, אַז שלמה האָט נאָך היינט אויך נישט באַוויזן אַלץ, וואָס ער קען. ער איז נאָך פֿעיק אויף עפּעס שענערס אויך.

אפֿרים־אהרון וויל זיך אַלץ נישט אונטערגעבן:

— איר קענט אייך זאָגן, וואָס איר ווילט, נאָר אַ קינד דאַרף זיין אונטער אַן עלטערנס השגחה. וואָלט איך נאָך געווען אין דער היים... אָבער אַז גאָט האָט מיך געשטראָפֿט, אַז כ׳קוק אָן מיין משפּחה משבת לשבת, דאַרף ער, אויב אַזוי, אַ רבינס אַן אויג...

דער רבי שמעיה פֿירט אָפּ אפֿרים־אהרונען אויף אַ זייט:

— אָבער אַזאַ קינד שמייסן איז געווען אַ רציחה, האַ? צי ניין אפֿשר?

— נאָך וואָס דערמאָנט איר מיר יענעם פֿרייטיק? ווייניק פֿע־לערן באַגייט אַ מענטש אין זיין לעבן? דאָס האַרץ איז מיר געווען

פארביטערט, האָט עס אויסגעשאָסן. אַ מענטש איז דאָך נישט פון אייזן, וויניק שטייט מען אויס היינטיקע יאָרן איבער דעם וויסטן שטיקל ברויט?

עס איז צוגעגאַנגען יאַני טרינקען לחיים. ער האָט אוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און איז טאַקע נאָר מהאי טעמא געקומען, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אויף שלמהלעס בר־מצווה.

— לחיים, רבי שמעיה. איך האָב נישט זוכה געווען צו אַזא זון ווי דאָס שלמהלע. מיין אברהמעלע איז בסך־הכל יינגער פון אים מיט דריי יאָר, אָט שטייט ער דאָרט ביי די פלעשער, — קען ער נאָך נישט טוט דאַווענען. און חומש — קוים וואָס ער דראַפּעט זיך. מילא, ס'איז אַ גאָטזאַך. דאָס איז נישט פון די זאַכן, וואָס מען נעמט זיך אַליין. ווינטשט מיר צו, אַז דער אייבערשטער זאָל מיר כאָטש העלפן אייניקלעך תלמידי־חכמים. דאָס איז מיין גרעסטע בקשה ביי גאָט.

— זאָל אייך גאָט העלפן, יאַני. אַ יונגערמאַן ווי איר, מיט אַזא אָפּענער האַנט, וועט אייך גאָט זיכער העלפן. אָבער וויפל זענען אַלט אייערע טעכטער, וואָס איר רעדט שוין פון אייניקלעך?

— די עלטערע איז תשעה־באב געוואָרן צוועלף יאָר קיין עין־הרע...

— טפו, אויף מיינע שונאים קעפ. הייסט איר זיך שוין ווינטשן?

— וואָס זשע מיינט איר, רבי? מיידלעך, זאָגט מען, וואַקסן ווי קראָפּעווע. איר זאָלט אַ קוק טון אויף איר — אַ פאַלנער מענטש.

— איי, גייט שוין, גייט, מיט אייערע צוועלפיאָריקע מענטשן.

מנשה רופט זיך אָן מיט אַ שמייכעלע:

— איי, רבי, יאַני איז פון אפרים־אהרונס מענטשן. דאָס קינד שפּילט זיך נאָך אין צייכנס *, וואָלט ער עס שוין פאַרשלייערט, אַבי וואָס גיכער פּראַווען אַ שמחהלע.

אפרים־אהרון פילט זיך געטראָפן און דערלאַנגט אים אַ נישט צווייַדייטיקן שטאָך:

— גלייב מיר, אַז ס'איז גלייכער חתונה צו מאַכן צו פופצן יאָר איידער לאָזן די קינדער הוליען ביז „שלשים".

מנשה פאַרליהט דעם קוראַזש און ענטפערט הכנעהדיק:

— ביי דעם, וואָס דער אייבערשטער נעמט צו די בחירה, קען ער קיין חכם נישט זיין.

— ס'איז אַ ליגן! די השגחה איז זיך נוהג מיט אַלע מענטשן גלייך. די בחירה נעמט ביים מענטשן קיינער נישט צו, סיידן ער אַליין...

יאַני נעמט אפרים־אהרונס האַנט:

* צייכנס — אַזא מין קינדערישע שפּיל מיט שטיינדלעך.

— לחיים, אפרים־אהרון. זאָל אייך גאָט געבן פיל נחת אין אייערע קינדער, מיר — אין מיינע און אונדז אַלע אין כלל ישראל. ווי גייט עס די לעצטע צייט מיט די געשעפטן? עפּעס לייטישער?

— אויף מיינע שונאים אַזא יאָר. ס׳איז ביי מיר ביידע זאַכן, אי קליינע פּרנסה, אי די האַרעוואַניע, דאָס ארומוואַלגערן זיך אַ היים ווי אַ ציגיינער.

— האָב איך דאָך אייך געזאָגט: קלייבט זיך אויך אַרויס קיין כמעלניק. איר וועט פרייער אָפּאָטעמען, איר וועט וויסן — אַן עק! אָט דאָ זענט איר — און שוין.

— וואָס רעכט איר? זאָל מיך גאָט אָפּהיטן. נאָ דיר גאָר ערשט כמעלניק. איך דערוואַרט פון טאָג צו טאָג וויזעס מיט שיפסקאַרטן. כ׳האָב איר, דער קרובהטע מיינער, שוין דאַכט זיך אַזוינס אוועקגעשריבן, אַז כ׳ווייס? אַ שטיין דאַרף דאָס שוין אויך רירן. זאָגט איר גאָר כמעלניק, נו, און איר וואָס? איר פּאַרט טאַקע איבער?

— איך האָב שוין אפילו אַ דירה געדונגען.

— אַזוי גאָר? ביי וועמען?

— ביים אַלטן שאַיען, הינטערן בית־מדרש.

— אַ! טאַקע אַ וואַזשנע דירה. אַ ריינע, אַ טרוקענע און אויך נישט ווייט פון דער מיל.

— יאָ, די דירה איז מיט אַלע מעלות. און שאַיע איז זייער אַ געטרייער בעל־הבית.

— ווען זשע קלערט איר אַריבערפאָרן?

— מסתמא די קומענדיקע וואָך אָדער אין צוויי וואָכן אַרום. דערווייל שמירט מען דאָרט אויס, מען פאַרבט איבער די פּאָדלאָגע מיט די לאָדנס.

— אַזוי, אַזוי... פאָרט איר טאַקע...

— וואָס דען האָב איך געזאָלט טון? איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, פאַר אַ גוטן ברודער איז דאָך נישט שייך זיך צו שעמען. איך האָב שוין מער נישט געקענט. וואָס בין איך עפּעס? אַ זעכציק־יעריקער ייד? כ׳בין נאָך אַ יונגער מענטש, עס פעלט מיר דאָס ווייב, כ׳וויל זען די קינדערלעך אַלע טאָג, כ׳וויל קומען נאָך דער אַרבעט און טרעפן אַ גוטן אָנבייסן, אַ ווייס געלעגער, זיך אָנטון ווי אַ מענטש, צוויי מאָל לעבט מען דאָך נישט און וויפל קען מען זיך טאַקע וואַלגערן אין אַ פרעמדן צימער

— און וואָס, וועמען? אפילו קלאָגן זיך פאַר עמעצן איז מיר געווען איבער דער טבע. וואָרעם באמת, ס׳פעלט מיר עפּעס? כ׳האָב ברוך־השם אַלץ ביד רחבה. ס׳האָט מיר נאָר געפעלט אַ היים, נעם איך מיר אַרויס מיין היים.

— איר זענט זייער גערעכט. און איר מיינט, איך? ווען נישט די מעשה מיטן אוועקפארן, וואלט איך אויך דאס זעלבע געטון, כאטש איך קען מיין שלמהן אויך פון לערנען נישט אפרייסן. וואס וועט פון אים ווערן אין כמעלניק? א הינטשלעגער?...

— יא... ביי אייך איז אן אנדער זאך. איי, האט איר א גאלדן שלמהלע, ער זאל אייך וואקסן אן יסורים. איך האב אים אמת ליב ווי אן אייגן קינד.

— א גרויסע רבותא! און ווער האט אים נישט ליב?

— איי, וואס רעדט איר? ליב צו ליב איז נישט גלייך.

דעם זומער איז אין חדר געווען א גרויסער צופלוס פון תלמידים. עס איז געגאנגען צו ענדע דאס זעקסטע יאר פון דער רעוואלוציע. די יידישע באפעלקערונג האט אנגעהויבן אויפצוואכן פון דעם מלחמה־טשאד. דער „נעפ" האט געגעבן א מעגלעכקייט זיך מאכן א לעבן און יעדן איינציקן האט זיך געוואלט, אז זיין קינד זאל נישט בלייבן קיין קיילעכדיקער עם־הארץ. די „קלאסן" וועט ער קיין מאל נישט פארשפעטיקן.

דעם רבי שמעיהם שטוב איז מיט א מאל געווארן ענג און שמאל. נאך פיל באראטונגען מיט דער קהלה און מיט די רבנים האט מען דאס חדר און די ת"ת אריבערגעפירט אין בית־מדרש אריין. יעדע כתה האט זיך געהאט איר ווינקל און איר מלמד. דער רבי שמעיה איז געווארן דער הויפט־משגיח פון די פאראייניקטע כתות.

פאר סליחות האט מען ווידער באקומען א בריוו פון פייגען. א מאגערן בריוו, אן א פונק מיטגעפיל. אן עכטע קאפיע פון די פריערדיקע בריוו:

— „שאר־בשרי אפרים־אהרון. כאטש דו שרייבסט, אז דו האסט פעסט באשלאסן צו פארן אהער, דאך ווארן איך דיך נאך א מאל, לייג זיך איבער הונדערט מאל, צי ביסטו מסוגל ארייננצולייגן זיך און דיינע קינדער פאר ציגל אין בנין הארץ"... און אזוי ווייטער...

שלמה האט זיך קוים איינגעהאלטן, אז ער זאל זי נישט שעלטן. אפרים־אהרון איז שוין אויך געווען נישט אויף קאטאוועס ברוגז. ער האט איר אנגעשריבן א בריוו און דאס מאל דווקא אויף „מאמע־לשון". אויף דער שפראך איז אים בעקוועמער געווען זי גוט, גוט „אפצוזייפן" און „דורכצוגעמען". ער האט איר דייטלעך געשריבן:

„דו, פייגע, מיינסט א פנים, אז איך האב דא וואס צו פארלירן, אז איך לאז דא איבער עפעס א פרנסה. זאג איך דיר נאך א מאל, אז דו ביסט זיך טועה. גארנישט פארמאג איך נישט. נישט לאנג האט מען מיך פון דאס ניי באנומען און מיך געלאזט נאקעט, ווי די מאמע האט מיך געהאט. נישט נאר ערד גראבן, נישט נאר שטיינער

טראָגן, נאָר אפילו הלילה אין די הייזער גיין מיט מייִנע בני־בית בין איך גרייט, אַבי אין אונדזער הייליק לאַנד. איך בעט דיך און באַשווער דיך, זיי מיר נישט געטרייער ווי איך זיך אַליין. ווי נאָר דו באַקומסט דעם בריוו, זאָלסטו מיר תיכף ומיד טעלעגראַפירן, ווי לאַנג עס מוז נאָך דויערן ביז דעם פאָרן, ווייל עס רוקט זיך אָן דער ווינטער. איך דאַרף וויסן, צי מוז איך קלערן פון האַלץ, פון קאַר־טאָפל, צי נישט? גערעכנט זשע, פייגע, עס זאָל נישט זיין ווי אַלע מאָל ביז אַהער. באַוואָרן מיך נישט צו פיל, לאָז איבער אַ ביסל פאָרן רבונו־של־עולם אויך..."

שלמה האָט אַ חוץ דעם אָנגעשריבן אַ בריוו אויף פינף זייטלעך, וואָס האָט געקענט אויפמונטערן אַ טויטן. דעם בריוו האָבן דער פאָטער מיטן זון צוזאַמען אָפּגעטראָגן אויף דער פּאָסט, אָפּגעשיקט אַלס „ווערט־פּולער פּאַקעט" און זענען געווען זיכער, אַז דאָס מאָל וועט שוין נעמען אַן עק צו זייערע לײדן.

פון דאַמאָלסט אָן האָט שלמה אָנגעהויבן קלויבן וואָס נאָר מעג־לעך: שפּאַגאַט צום פּאַקן די זאַכן קיין ארץ־ישראל, טשוועקעס אויף צונויפצוקלאַפּן די קאַסטנס. ווו ער האָט געפּאַקט אַ ניסל, ווו עט־לעכע יאָדערן, זענען זיי געלעם געוואָרן אין זיין פושקעלע, אין וועלכן ער האָט בסוד־סודות געמאַכט כאַלוואַ אין „וועג אַריין"... דער „וועג" איז אים ווי אַ לעבעדיקע זאַך נאָכגעגאַנגען פוסטריט. די סטאַנציע יערקע, צו וועלכער מען פאָרט פון זוועניגאָראָדקע צום צוג, ווייסט ער גוט. אַט זעט ער שוין די וואַגאָנען, וואָס וועלן זיי פירן גלייך קיין אָדעס. כאָטש קיין שיף האָט ער נאָך אין לעבן נישט געזען, דאָך קען ער אָפּמאָלן מיט אַלע תגן די שיף, וואָס וועט זיי פירן „אַהין"... צוערשט, פאַרשטייט זיך, שטעלט מען זיך אָפּ ביים טערק. באַטראַכטן אַ ביסל סטאַמבול מיט אירע טייכלעך אין די גאַסן, זייערע פּלאַכע היטעלעך און די מסוכן גרויסע מעטשעטן. און דערנאָך שוין: מגדל־דוד, ירדן, כרמל, צפת...

אין דעם יום־טובדיקן חודש האָבן זיי זיך אויסגעקוקט די אויגן נאָך אַ בריוו פון פייגען און נישט באַקומען. זוועניגאָראָדקע איז מיט אַ מאָל פוסט געוואָרן. פאַר ראש־השנה האָט יאַני אַריבערגענומען זיין הויזגעזינד קיין כמעלניק. מיכאַלן האָט מען צוגענומען צו דער קראָם, אַז נישט איז אויסגעקומען אפרים־אהרונען אַליין צו שלעפּן דעם גאַנצן עול, איין מאַנסביל. יחיאל, אַז ער האָט דערהערט, אַז פאַלי איז אָפּגעפאָרן קיין כמעלניק, האָט ער נישט געזעגענענדיק זיך געכאַפּט זיין פעקל און איז אויך אוועק אהיים. דער זיידע שלום האָט אים דוקא געבראַכט צוריק, נאָר ס'האָט געהאַט אַ ממשות ווי דער פאַראַיעריקער שניי. אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען

צו פּוס צוריק קיין כמעלניק. טאַדעאוש מיט דער שוועסטער זענען ערגיץ אָפּגעפאָרן אויף דאַטשע און אפילו מאַרפאַן איז מיטגענומען. דער מרה־שחורהניק האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון שלמהן מתנות, וועלכע ער האָט נישט פאַרמאָגט. אין ביבליאָטעק קיין ביכער זענען נישט צוגעקומען, די אַלטע זענען שוין כמעט אַלע געווען איבער־געלייענט. נאָר ביי פּאָלאָניעצקין האָט נאָך שלמה געפונען אַ טרייסט אין זיין אומעט. דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט אָנגעהויבן אומגערן פאַרשפּילן צו דעם קליינעם תלמודיסט. לכתחילה איז דאָס אים געווען געפעלן ווי אַ קוריאָז, נאָר וואָס וויי׳טער אַלץ מער האָט דאָס אים אָנגעהויבן צו פאַרחדושן און פאַרדריסן. נאָר דער קליינער איז געזעסן שלעפעריק און גאָרנישט געמיינט מיט זיין געווינען.

קאַפּיטל XVII

עס זענען פאַריבער ימים־נוראים, עס איז פאַריבער סוכות. דער אתרוג און דער לולב האָבן אין שלמהס האַרץ אויפגעוועקט זיין אַלטע ווייטיקלעכע בענקשאַפט קיין ארץ־ישראל. דאָס קינדערישע הער־צעלע האָט געבלוטיקט ביים געדאַנק, אַז ווען פייגע זאָל זיך נישט געווען מיט זיי דינגען אַזוי לאַנג, וואָלטן זיי שוין איצט געווען אין ירושלים און געהאַט אַן אתרוג פון אַן אייגענעם גאָרטן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אין דעם קינד קומט פאָר, און ער האָט נישט געזוכט פאַר וועמען זיך צו פאַרטרויען. צו פיל סודות וואָלט ער געדאַרפט אויסזאָגן. פּאַלי איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. די פינגער האָבן זיך געבעטן צום אינסטרומענט. עס האָט זיך אין די יומטובדיקע טעג געבענקט נאָכן זיידן, נאָך מנשהן, נאָך יאַנין, אפילו נאָך יחיאלן, אפילו נאָך דער מומע ברכהס מיידעלע, אפילי נאָך דער מומע זלאַטען.

עס איז געקומען די שמחת־תורהדיקע נאַכט. אפרים־אהרן האָט געדאַוונט אין ר׳ וועלוועלע ראַבמעסטריווקערס קלייזל. ערשטנס, אַ שכנישע זאַך און טאַקע באַקוועמער אויך, הײַנט עפּעס דער רבי... נאָך מעריב איז דער גאַנצער עולם אַריינגעגאַנגען צום רבין קידוש מאַכן פאַר הקפות. דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן דורך די אָפענע פענצטער אין דער סמאָלע־שוואַרצער אָסיענדיקער נאַכט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, נאָר טרוקן. די עלעקטרישע לאָמפּן און די גרויסע סטעאַרין־ליכט האָבן געוועקט ווייטע הייליקע געפילן. די אויסגעליידיקטע פלעשער אויף די טישן האָבן זיך כהרף־עין געביטן אויף פולע. דער עולם איז שוין געווען רעכט בגילופין. דער „התקבצו מלאכים“ האָט געקענט אַ טויטן אויפוועקן. דער רבי האָט אַ ווינק

געשטורן, אז בעני, דער זוועניגאראדקער חזן, זאל זאגן עפעס א שטיקל פון ימים־נוראים.

בעני איז געווען אן עלטערער ייד מיט א שיינער, לאנגער, גראער באָרד. נאר א קול האט ער געהאט ווי א יונג סאלאווייטשיקל. קוקנדיק אויף אים בשעתן זינגען האט זיך נישט געגלייבט, אז אט די „באָרד" פארמאגט אזא פייפעלע. בעני האט אראפגענומען דאס היטל, געבליבן אין זיין פליושענער, חזנישער יארמעלקע, און אנגעהויבן מיט א באקאנטן נוסח:

— הבן יקיר לי אפרים...

שלמה האט באלד דערפילט, ווי א ווארעמער פארהאנג האט זיך אראפגעלאזט פאר זיינע אויגן. ער האט זיך אפגערוקט אין טונקעלן ווינקל ביי דער טיר. דאס פייפעלע ביים טיש האט געקלאנגט:

— כי מדי דברי בו, זכור אזכרנו עוד.

אלע יסורים, וואס האבן זיך אנגעקליבן אין זיין הארצן פאר די לעצטע עטלעכע חדשים, האבן זיך מיט א שטורעם דורכגעבראכן א וועג. די ליכט, די פלעשער, די פארשוויצטע פנימער, דער הייליקער רבי אויבן־אן, אלץ האט זיך געגעבן מאדנע א קער אין זיינע אויגן, א שווים אפ און ווידער א שווים צו, און די שטימע דארט רייסט שטיקער הארץ:

— זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך...

ניין, ס'איז אוממעגלעך איינצושטיין ביי אזא שטורעם.

ער האט זיך שטיל ארויסגעשלייכט אויף יענער זייט טיר. די כמארעם זענען זיך צעקראכן, נאר ס'איז געווארן קילבלעך. אין עק הויף שיינט העל און לויטער דאס ליידיקע קלייזל. די לאמפן, די ליכט, אלץ ווארט מיט אומגעדולד אויף די הקפות. דערווייל איז דארט ליידיק. אלע זענען ביים קידוש. דורך די פענצטער רייסט זיך אויף דאס ניי אין גאס ארויין א לוסטיק נגונדל, שווענקט אפ דעם דערדריקנדיקן איינדרוק פונעם „זכר אזכרנו עוד", פון דעם „רחם ארחמנו". שלמה קען נישט באגרייפן, וואס איז מיט די מענטשן. ווו נעמט מען כוח צו זינגען, געפינענדיק זיך אזוי ווייט פון ציון? פונעם הר הבית ששמם...

ער גייט אריין אין קלויז. קיינער איז נישטא דארט, בלויז די שכינה אליין. פול די קלויז מיט שכינה. זי ווארט אויף הקפות. זי ווארט ביז „זיי" וועלן דארט אפזינגען. זי וויל יידן ווינטשן „דערלעבט איבער א יאר"...

— דערלעבן איבער א יאר...

ער האט א פול מויל מיט זאלצוואסער.

— דערלעבן איבער א יאר... נאך וואס דארף מען דערלעבן איבער־

א יאָר? — כדי צו מאַכן קידוש אין זווענינאָראַדקע און זינגען „התקבצו“, איז כדאי צו דערלעבן איבער א יאָר? אויב אַזוי, איז שוין גלייכער נישט צו דערלעבן.

פון די פענצטער קוקט אַריין די געדיכטע פינצטערניש. פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך עמעצנס פּאַלצעט:

— מי עלה למרום... מי עלה למרום...

אַליין נישט פילנדיק הייבט זיך שלמה אויף אויף די ארון־קודש־טרעפּלעך. פון זיך אַליין עפענען זיך די טויערן פון הימל. די ספרי־תורה שטייען יומטובדיקע ווי די מחותנים. ס'איז היינט זייער חתונה, שמחת־תורה.

א רעווע ווי פון א געקוילעטן אָקס רייסט זיך אַרויס פון שלמהס האַלדז:

— איך וויל דאָ נישט זיין, גאָטעניו... איך וויל דאָ נישט, איך וויל צו דיר... איך וויל אַהיים... איך וויל נישט דערלעבן איבער א יאָר, איך וויל קיין ציון... וויפל נאָך? דרייצן יאָר לעבעדיק באַגראָבן. איך וויל מער נישט, איך קען מער נישט... האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאָר...

דאָס קליינע פּנימל פאַרשווינדט אין דעם פליושענעם מענטעלע און דאָס מאָגערע קערפּערל טרייסלט זיך אין יאָמערלעכן געוויין. זיין וויינען פאַרן כסא־הכבוד האָט זיך געצויגן אָן אייביקייט, עס וואָלט זיך גאָר אפשר קיין מאָל נישט געענדיקט. נאָר אויף דער וועלט האָט אים אומגעקערט אָן אויסערגעוויינלעכער רעש. לכתחילה האָט ער געמיינט, אפשר גייט שוין די וועלט אונטער, נאָר דער־הערנדיק דאָס באַקאַנטע נגונדל און די שיכורע אויסגעשרייען פון דעם זיך דערנענטערנדיקן עולם, האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, אַז דאָס פירט מען דעם רבין צו הקפות.

אין איין אויגנבליק זענען געוואָרן צוגעמאַכט די „טויערן פון הימל“, פאַררוקט דער פרוכת און ער איז אַרויס אין דער ווייבער־שער שול. פילנדיק, אַז מיט אַזעלכע פאַרוויינטע אויגן טאָר ער זיך צו הקפות נישט ווייזן, איז ער אַרויס אין גאָרטן. דאָס גראָז איז דאָ געווען קלייננוווקסיק און פאַרטרויערט. שלמה איז אַנידער־געפאַלן מיטן פנים אַראָפּ און א פרישער שטראָם טרערן האָט אים אָנגעהויבן צו וואַרגן אין האַלדז. דורך די פענצטער פון דער ווייבער־שער שול האָט זיך דייטלעך דערטראָגן בענים קאַלאַראַטור:

— אנא ד' הצליחה נא...

און ווילדע אויסגעשרייען:

— דערלעבט איבער א יאָר!... דערלעבט איבער א יאָר!... מיטן ווייב!... מיט די קינדער!... מיט געזונט און מיט פּרנסה!... דער־

לעבט איבער א יאר!... דערלעבט איבער א יאר!...
— יודע מחשבות הושיעה נא...
די ספאזמע אין האלדז ווארגט אים נאך שטארקער:
— ווייב און קינדער, געזונט און פרנסה... אנו עס זאל דאס עמער־צער דערמאנען ארץ־ישראל... אויף א ציקאוועסט, כאטש עמעציער. גוואלד, גוואלד! וואס זענען דאס פאר א מענטשן? ווי אזוי קען מען גאר פארגעסן ציון אויף איין מיגוט? אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי... איך וויל נישט זיין ווי זיי. רבש"ע, איך וויל נישט... איך קען נישט...

*

ווען ער האט אויפגעהויבן דעם קאפ פונעם גראז, האט מען שוין פון דעם קלייזל נישט געהערט קיין שארך. ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט פארשטעלן, וויפל עס קען איצטער זיין דער זייגער. ער האט זיך דערשלעפט צום פלאכן ברונעמדל, וועלכעס דינט אין א נויט פאר א מקוהלע, אנגענומען עטלעכע זשמעניעס וואסער, אפגעוואשן דאס פנים, עס אפגעווישט מיטן נאזטיכעלע און איז ארויסגעגאנגען אין רבינס הויף אריין. דורך די אפענע פענצטער האט ער געכאפט א ווארט, אז מען האלט ערשט נאך די פיש. — איז דאך נישט אזוי געפערלעך שפעט און ער האט געמיינט, אז ס'איז שוין באלד טאג.
מיט א קלאפנדיק הארץ איז ער אריינגעקומען אין שטוב אריין. די קינדער זענען געשלאפן אין אגטון. דער טאטע האט געדרימלט איבערן „ערבי נחל" און האט געוואַרט אויף אים מיט קידוש. צפורה האט א טאַרקע געטון אפרים־אהרונען:
— אן עק. שטוי שוין אויף מאכן קידוש. וואס זאגסטו אויף דעם יום־טוב נאך האלבער נאכט!
דער פאטער האט זיך ארויסגעוויזן ווייניקער בייז. ווי שלמה האט דערוואַרט. ער האט א פרעג געטון:
— וואס איז? וווּ ביסטו פארפאלן געווארן?
— כ'בין געוועזן אין בית־מדרש ביי די הקפות.
— איז ביז אצינד?
— מען האט ערשט נישט לאנג געענדיקט...
— פאר וואס זשע עפעס גאר אין בית־מדרש? אז דער טאטע איז אין קלויז, דארף א קינד, דאכט זיך, אויך דארטן זיין?
— דער רבי איז אן עלטערער מענטש. האב איך אים געוואלט ווינטשן „דערלעבט איבער א יאר"...
— און דעם טאטן צו ווינטשן איז נישט נייטיק?

— נייטיק איז נייטיק, נאָר על פּי דין, אביו ורבו, רבו קודם... היינט איז דאָך עפּעס שמחת־תורה, ער לערנט דאָך מיט מיר תורה...

— מהם... נו, נו... אפשר ביסטו גערעכט... אין מיינע יאָרן האָט מען זיך נישט אַזוי נוהג געווען... ביסטו כאָטש געגאַנגען דאָרט מיט אַ הקפה?

שלמה, שוין פריילעכער אַ ביסל:

— אַ דאגה מיר אַ גרויסע... וועל איך מאָרגן האָבן... מאָרגן איז קיין טאָג נישט?

— אָבער דאָס ערשטע מאָל נאָך דער בר־מצוה?

— וואָס זשע האָב איך געזאָלט טון? אַז דער גבאי האָט מיך נישט באַמערקט. אַזאַ געדראַנג... דו שטעלסט זיך דען פאָר, וואָס דאָרט האָט זיך געטון?...

צפורה רייסט אויף די קינדער מיט גוואַלד. יענע רייסן זיך אויס פון אירע הענט און פאַלן אַנידער צוריק ווי די סנאָפּעס און זי שטעלט זיי ווייטער אויף די פיס. אויף שלמהן מיטן פאָטער גיט זי אַ געשריי:

— אפשר וואָלט איר אָפּגעלייגט דעם שמועס אויף אַן אַנדערש מאָל? געפונען אַ צייט ווען צו חקירהן. די קינדער פאַלן מיטן האַרצן צו דער ערד און זיי האָבן צייט...

דער פאָטער פאַרענטפערט זיך:

— ווער חקירהט דען? פרעגן, ווו ער איז געווען, טאָר איך אויך נישט? קום, שלמה, זיך וואַשן, מיר וועלן היינט מאַכן קידוש אויף חלה, דעם גאַנצן וויין האָבן חברה־לייט פאַר הקפות אויסגענאַרט ביי דער מאַמען.

שלמה קוקט פאַרליבט אויף זיין מוטער:

— האַרציקע מאַמע געטרייע, דאָס האַרץ זאָגט איר אַפילו נישט, אַז איר עלטערער זון איז אויך ערגעץ היינט געפאַלן מיטן האַרצן צו דער ערד.

די מעשה איז אָפּגעלאָפן גלאַטיק, אָן נאָכווייעניש...

קאַפּיטל XVIII

מאָנטיק נאָך שבת בראשית האָט מען אַריינגעטראָגן דעם לאַנג דערוואַרטן בריוו פון פייגע צימעס. אין אים איז געשטאַנען כהאי לישנא:

„אייער פלאַמענדיקן בריוו האָב איך איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. נאָר וואָס האָב איך מיט אייך צו רעדן, אַז איר זענט פאַר־בלענדטע מענטשן. איר מיינט, אַז איר פאָרט אין אַן „אָרץ זבת

הלב ודבש", אייך חלומט זיך זיכער: איש תחת גפנו ותחת תאנתו. איך שיק אייך צוריק אייערע פאטאגראפיעס. עס פארשטייט זיך, אז איר דארפט נישט מיינען, אז כ'האב אזוי גרינג אנגענומען דעם באשלוס. כ'האב זיך גענוג געישובט און טאקע געקומען צו דער מסקנא, אז אזעלכע בלינדע מענטשן, ווי איר זענט, איז א רציחה צו ברענגען אין ד ע ר וויסטע. איך אליין פאר גישט צוריק נאר מחמת דעם, ווייל כ'בין שוין דא ווי עס איז איינגעארדנט. איך ניי וועש און פארדין דוקא נישקשהדיק. די לעצטע צייט בין איך א ביסל נישט בקו־הבריאה. כ'בין געווען א חודש אין כרמל, יעצט פאר איך נעך מען בעדער אין טבריה... חמי־טבריה מוזט איר אודאי געדענקען פון דער גמרא. און נאך דעם קלער איך אויף א שטיקל צייט אוועק־ווארפן די שטאט און וווינען אין פתח־תקוה אדער זכרון־יעקב, דארט איז פראסטפול... אזוי אז די נאענטסטע חדשים וועלן מיך אייערע בריוו נישט טרעפן. זייט נישט בייז, איך טו דאס, וואס עס דיק־טירט מיר מיין קאלטער פארשטאנד. א גרוס דעם פעטער שלומען און דעם קליינעם שלמהלען".

— אוים ארץ־ישראל!...

דער בריוו האט שלמהן געטראפן ווי א קויל אין הארצן. אויסגע־לאזט זיך א טייך פון אלע חלומות. דער כרמל איז א כרמל, חמי־טבריה זענען טאקע המי־טבריה, נאר נישט פאר אים... זייער קרובה האט גאט געבענטשט מיט א קאלטן פארשטאנד...

פאר עגמת־נפש איז ער קראנק געווארן.

אויפן דריטן טאג איז מנשה געקומען קיין זוועניגאראדקע צום דאקטער. א משוגענער הונט האט אים א בים געטון, דארף ער צוויי וואכן צייט נעמען אזעלכע איינשפריצונגען, וואס זענען אין במעל־ניק נישטא. שלמה איז אין יענע טעג ווייניק געגאנגען אין חדר אריין. מער געלערנט מיט מנשהן אין דער היים, געשמועסט וועגן וועלט־זאכן, וועגן ליטעראטור און זיי האבן זיך שטארק צוגעבונדן איינער צום צווייטן. שלמה איז געווען א היציקער, א פליקאפ. מנשה דאקעגן — א רואיקער, א געלאסענער. זיינע קלוגע, דורכגע־טראכטע ענטפערס פלעגן שטענדיק שלמהן איבערראשן מיט זייער פשוטער לאגיק, מיט זייער אלזייטיקייט. אין די פראקטישע אונטן פלעגן זיי אוועקשפאצירן איבער די לאנגע, שטילע, פריצישע גאסן. מנשה האט ליב געהאט צו דערציילן פון זיין קעשעניעווער אופן לעבן, פון לערנען גאנצע נעכט מיט א ליכט אין דער האנט, שטייענדיק ביי א פענצטער, פון זיין עסן טעג ביי די באלעבאטעס אין די קיכן. שלמה האט שטענדיק נאר געטרעט וועגן זיין אומבאגרענעצטער

ליבע צו ציון, שטענדיק פאנטאזירט, אלץ צוגעטראכט פלענער, ווי אזוי צו קומען אהין.

אין א שיינעם פרימארגן האט זיך פאר אפרים־אהרונס שטוב אפגעשטעלט א דראזשקע: שפרה מיט חנהן זענען געקומען פון צוג. ווען מנשה האט דערזען די געסט, איז ער געווארן בלייך, נאך דעם רויט און דאן ווידער בלייך. די שוועסטער האבן פילדייטיק א קוק געטון איינע אויף דער אנדערער און גענומען זיך צעצאלן מיטן בעל־עגלה. דערפאר — שלמה האט שוין פון זיי קיין אויג נישט אראפגענומען, ער האט אויפמערקזאם באטראכט זייערע פנימער.

שפרה איז נישט געווען אזוי מיאוס, ווי מען האט דערציילט. זי האט געהאט א גאנץ שיינעם קאפ האר, אויך אויגן גרויסע, גרויע, „ממזרישע" און דאס פנים, כאטש זייער א שווארצס, אבער מיט א געוויסער מאס סימפאטיע. איין אומגליק: שוין צו נידעריק געוואקסן. שלמהן איז קיין ספק נישט געווען, אז ווען שפרה איז מיט איין קאפ העכער, וואלט זי אויסגעזען נישט פיל ערגער פון אנדערע. דערפאר — חנה, האט שוין שלמהן ביז גאר איבעראשט. זעלבסטפארשטענדלעך, זי איז נישט געווען אזוי שיין ווי פאלי און שוין אפילו עמוואס אפגעבליאקעט אויך. אבער דאך איז זי נאך געווען אן „אויסטערלישע קראסאוויצע". זי איז מיט גארנישט נישט געווען ענלעך צו איר עלטערער שוועסטער. א וווקסיקע, א בליענדיקע בלאנדינקע. שיינע פארדעטערישע טונקלבלויע אויגן, מיט א באזונדער מאדע באוועגן זיך, מיט א באזונדערער מאניער רעדן מיט עמעצן. היינט איר לאכן, איר אונטערזינגען זיך, איר פארקעמען זיך פארן שפיגל.

אלץ איז פאר שלמהן געווען ניי, אומבאקאנט. מיט א פארקלעמט הארץ האט ער צוגעקוקט, ווי יענע האט אלץ געטון, כדי צו ווענדן אויף זיך מנשהס אויפמערקזאמקייט. שפרה פון איר זייט האט אנגענומען אלע מיטלען, אז מנשה זאל אויף חנהן אפילו קיין איין קוק נישט טון.

נישט קוקנדיק הערויף, וואס שלמה האט צו יענער צייט שוין געהאט איבערגעלייענט פיל ראמאנען, דאך האט ער נישט געקענט באנעמען, צו וואס פיהט אזא פארדרייטער געפלאנטער? ממה־נפשך, ווייל אים חנה יא? איז דאך גוט, קען מען דאך אפילו היינט אחויסרופן דעם זיידן שלומען און שרייבן תנאים. אלא וואס דען, זי ווייל אים נישט? נאך וואס זשע רייצט זי אים? וואס פלאנטערט זי זיך אים פאר די פיס? ווידער שפרה. אז זי זעט שוין אזוי פיל יאר, אז מנשה ווייל זי אפילו נישט קענען, פאר וואס זאל זי נישט דערלאזן, אז די שוועסטער אירע זאל כאטש גליקלעך זיין? אט

דאָס הייסט אַ שוועסטער? גאָלדע, וואָס פאַר אַ שלאַנג זי זאָל נישט זיין, וואָלט אויך אַזוי געטון?

אויפן צווייטן טאָג, שפּעט ביי נאַכט, האָט זיך חנהן פאַרגלוסט זיך דורכגיין צו דער מומע גיטלען. דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַ געדרייטער און זי האָט מורא געהאַט אַליין צו גיין. צפורה איז געווען מיד פון טאָג, שפרה איז געווען מיט גיטלען אויף מעסער־שטעך. שפרה האָט פאַרזיכערט אַלעמען, אַז מנשה האָט שוין געדאַלטן ביי נעמען זי, ווען נישט אפרים־אהרון פאַרט אַריין מיט זיין גיטעלען. גיטל, פאַרקערט, האָט געזאָגט, אַז חנה איז איר איבערגעגאַנגען דעם וועג: מנשה איז אַ כמעלניקער און זי איז אַ כמעלניקער, דער שידוך איז נאָר נישט געוואָרן איבער חנהן. בקיצור, שפרה מיט גיטלען, דאָס איז פייער מיט וואַסער. מנשה האָט דוקא אַ מרוקע געטון, אַז ער דאַרף אויך צו גיטלס מאַן, נאָר שפרה פון איר געלעגער האָט אויף חנהן אַזאַ קוק געטון, אַז יענע האָט גענומען שלמהן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ בלענדנדיק ווייסער שניי האָט איינגעהילט די גרויסע שטאָט. דער פראָסט האָט דעם שניי געמאַכט קריצנדיק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, מען טרעט אויף צוקער אָדער אויף זאַלץ. אַ פולע זילבער־נע לבנה מיט ראָזע ברעגן האָט זיי באַגלייט איבער די שטילע גאַסן און איבערן בריק. אַ טופל האָט זיך ביי חנהן אַ קרום געטון און זי האָט זיך אויסגעגליטשט. שלמה האָט איר געהאָלפן אויפשטיין. גייענדיק ווייטער האָט זי געוואָלט געמען שלמהן אונטערן אָרעם, נאָר ער האָט לייכט באַפרייט זיין האַנט פון אירער.

— וואָס איז, דו ביסט אויך אַזאַ יאָלד? וואָס ציטערסטו זיך צורירן צו אַ מיידל?

— וואָס באַטייט אייער „אויך?“

— „אויך“ באַטייט ווי דיין רבי דער יאָלדאַש.

— מיין רבי איז שמעיה פאָקוטילעווער.

— יענעם קען איך נישט... איך מיין דעם באַסאַראַבער קאָזאַק... עטלעכע מינוט שטילשווייגן.

— איז ווי קלערסטו? יענער איז שוין יאָ אַ יאָלד צי אפשר נישט?

— צי ער איז אַ יאָלד, קען איך אייך אויף זיכער נישט זאָגן, נאָר אַז איר זענט אַ „וואָס אין דער קאָרט“, דאָס ווייס איך אויף געוויס.

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים? ווער האָט דיך אויסגע־לערנט זיך זידלען, יענער רבי צי דער?

— וואָס דען טשעפּעט איר זיך צו מנשהן? ס'איז דאָך אַן עזות

מיט א חוצפה פון אייער זייט אַנצורופן מנשהן מיט אַזעלכע נעמען! וואָס איז, וואָס האָט ער אייך געטון? איר זענט אים געפעלן געוואָרן. איר זאָלט געווען שכל האָבן, וואָלט איר שוין לאַנג געקענט געווען חתונה האָבן און זיין גליקלעך, וואָרעם נאָך אַזאַ איידעלע נאַטור, נאָך אַזאַ דימענטן הארץ ווי ביי מנשהן, נאָך אַזאַ הייליקע נשמה וועט איר דען ערגעץ באַגעגענען? עס איז דען שכיח? נאָר וואָס דען? איר האָט נישט זוכה געווען, זענט איר שוין אַ מיידל פון אַכט און צוואַנציק יאָר.

— דו ביסט געווען אויף מיין ברית? פון וואַנען ווייסטו, וויפל איך בין אַלט?

— די באָבע זעלדע האָט פאר אַ יאָרן געזאָגט, אַז חנה דאָברע־שעס איז אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר, קומט אויס, אַז היינט זענט איר שוין אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר... נאָך צוויי יאָר וועט שוין זיין נאָך „שלשים“, וועט איר שוין מעגן הערן קלעזמער שפּילן...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון: „נאָך צוויי יאָר“... „שלשים“... וואַרט, כ'וועל דיר צושטעלן אַ בענקעלע צום טאַטן! און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז אַכט און צוואַנציק איז אַ סך?

— ווער דאַרף מיר דען זאָגן? אויב די גמרא זאָגט, אַז אַ מיידל פון צוועלף יאָר מיט אַ טאָג הייסט שוין אַ גרויסע, פאַרשטייט מען שוין אַליין, אַז אַ מיידל פון אַכט און צוואַנציק הייסט שוין אַן עלטער מיידל, אַ פאַרזעסענע...

חנה ספּאַטעקעט זיך ווידער, נאָר זי הייבט זיך שוין אַליין אויף, אָן שלמהס הילף. זי באַהאַלט דאָס אָפּגעריסענע קנעפּל פון פאַלטאָק און פרעגט:

— איז וואָס זשע טו איך אים דען, דיין מנשהן?

— וואָס דאַרפט איר אים דען טון? איר טשעפּעט זיך ווי אַ נאָסע שמאַטע —

— אַ ביסעלע דעליקאַטער קענסטו נישט רעדן, דו, אדוואָקאַט מיין באָבעס! מיט וואָס זשע טשעפּע איך אים?

— מיט וואָס נישט? מיט וואָס איר קענט נאָר. אויסקעמען זיך און אַ וואָרף טון דאָס קעמל אויף זיין פּידזשאַק, אַז ער זאָל דאַרפן אָפּרייניקן אייערע האָר. אין מיטן עסן אָנשפּאַרן אייער לעפל אין זיין טעלער. זיך גיין וואַשן אין איין העמד און פאַרלירן דעם כאַלאַט פון די אַקסלען פּונקט אויף זיינע קני, כדי ער זאָל זיך מוזן אומקוקן. ציַ אַ שטייגער דאָס האַלטן אין איין אונטערזיפגען זיך, בעת ער איז אין שטוב, און אַלץ אַזוינע לידעלעך:

Папы нет, мамы нет
Некого боятся
Приходи ко мне домой
Будем целоваться... *

שיינע לידעלעך האָ? איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלדז אַריין. און זיינע אַלטע פאַנטאַפּל האָט איר דען יאָ די ווערט? און איר האָט נאָך אַ פאַרוואָשן פּנים און פרעגט בתמימות: מיט וואָס שטעפּע איך אים?

חנה האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט גענומען שלמהס פּנימל אין אירע אייזקאַלטע צוויי הענט און האָט זיך אין דעם שטאַר איינגעקוקט. איר פּנים האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דעם שניי אין ווייסקייט, נאָר די אויגן האָבן מיט אַ פיבערדיקן נייגער באַטראַכט דעם קליינעם מוסר־זאָגער. זי האָט אַראָפּגעשלונגען די סליגע און מיט דער צונג אָפּגעווישט די פאַרטרוקנטע ליפּן:

— דאָס האָט „ער'' דיך אָנגשטעלט מיט מיר אַזוי צו רעדן?

— וואָס פרעגט איר, ווי דען? איר ליגט אים שוין שטאַרק אין קאָפּ... ער ווייסט אפילו נישט, אַז איך ווייס, אַז ער האָט אייך אַ מאָל געוואָלט, און איך וויל טאַקע נישט, אַז ער זאָל גאָר וויסן אויך...

— איז וואָס זשע הייסט „אַ מאָל געוואָלט"? הייסט עס, היינט, קלערסטו, וואָלט ער זיך שוין אָפּגעזאָגט?

— איך ווייס אייך נישט וואָס צו זאָגן. ער רעדט מיט מיר נישט וועגן דעם, דערויף בין איך נאָך צו אַ קליינער. נאָר ווען ער פרעגט ביי מיר, וואָלט איך אים נישט געעצהט נעמען אַ מיידל, וואָס לאַכט פון אים און איז זיך נוקם אין אים.

— אַזוי, אַזוי, אַ קליין יינגעלע מיט געדאַנקן פון אַן אַלטן... גיי, ריכט זיך, אַז אפרים־אהרונס ישיבה־בחורל זאָל דיר באַמערקן יעדעס פּיצעלע... דאָס קעמל מיטן לעפל... נאָר איין זאַך זאָג איך דיר: ווען הער כמעלניקער „ראַביניעץ" זאָל פאַרמאָגן „דיינע אייגעלעך" מיט דיין „פּיסקעלע", וואָלט איך אים שוין דווקא יאָ גענומען... ווען דו ביסט עלטער מיט אַ צען, פופצן יאָר —

— משוגע וואָלט איך געדאַרפט זיין צו נעמען אַ מענטשן, וואָס האָט נישט קיין אָפּשיי פאַר מיין תורה, וואָס איך האָב געלערנט,

---

* דער טאַטע נישטאָ, די מאַמע נישטאָ,
נישטאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן,
קום צו גיין צו מיר אַהיים,
וועלן מיר זיך קושן...

פאַר מיין פרומקייט... שיינע שיקסעס זענען דאָ אַ סך, ווער זשע דאַרף זיי?

— וואַרט זשע אויס, דו קליינער וועוורִיק, מיר וועלן נאָך זען, ווי אַזוי דו וועסט דרשענען אין אַ יאָר זיבן, אַכט אַרום. כ'האָב מורא, אַז דו וועסט מוזן בייטן דעם ניגון.

— איר קענט זיין זיכער, דער יידישער ניגון איז שטענדיק דער זעלבער. נאָר אייך קען איך זאָגן, אַז איר וועט זיכער אַ מאָל זינגען אַן אַנדערן ניגון. נאָך אַ מאָל מנשה קען זיך אייך נאָר חלומען. און ער האָט אייך ליב געהאַט... און אפשר נאָך היינט אויך, ווער ווייסט אים?...

אויף צוריקוועגס האָבן זיי צווישן זיך קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט. חנה איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, אַ פאַרטראַכטע און אַ מעלאַנכאָלישע. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיך באַטראַכט און ווייטער שטיל געשפּאַנט.

קאַפּיטל XIX

נאָך חנוכה האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן דאָס שותפות מיט דער באָבעס שטוב. ברכה האָט געטענהט, אַז ס'איז אַ גרויסע עולה, אַז אפרים־אהרון אַליין זאָל נעמען האַלב און אַ גאַנצע שטוב אַרבעטער: די מוטער, זי, מיכאל און יחיאל זאָלן אויך נעמען פּונקט אַזאַ חלק. אפרים־אהרן האָט צוריק געטענהט דעם היפך, אַז פון דעם גאַנצן צעטל, וואָס זי רעכנט אויס, איז ער איינער אַ רעכטער אַרבעטער און זיי אַלע „אַזוי זיך" — מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד — אונטערשטופּערס. קומענדיק אַהיים פלעגט דער פאָטער שטענדיק טענהן, אַז נאָר דערפאַר וואַרפט מען זיך מיט אים „דאָרטן", ווייל ער האָט דאָרט נישט קיין היים. ווייל ער איז אַ גר, אַ פרעמדער פאַרשוין. ווען ער האָט דאָרט זיין היים, אַ, אַ, וואָלט מען זיך מיט אים אַזוי נישט געוואָרפן! וואָלט ער זיך גאָר אָפּגעטיילט. אַליין איז די נשמה ריין, ווער שמועסט נאָך מיט עלטערן. מען פאַרזינדיקט זיך יאָרן, טעג. און ער איז שוין טאַקע פשוט נישט בכח צו שלעפן אַזאַ קלומיק. ס'איז איבער זיינע כוחות. די מוטער פלעגט יעדעס מאָל ביי אַזעלכע טענות ענטפערן איינס און דאָס זעלבע:

— וואָס קען איך דיר זאָגן? טו ווי דו פאַרשטייטסט און זאָל זיין גוט...

איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז שלמה איז אריינגעקומען צום

דיין מיט א קשיא אין ירושלמי. דער דיין האט זיך פונקט געהאט צוגעלייגט כאפן א דרימל און ער איז געבליבן וואכן. דאך ער פונקט באמערקן ביים דיינס איידעם אויף דער פאליצע א שאך. א וואכט פאר א ווארט, ער האט מיטן איידעם געשפילט א פארטיע. דערנאך האט ער אים שוין נישט געקענט אפזאגן און געשפילט נאך איינע, און נאך איינע... איבער דער שטאט איז ארויס א שם, אז „אפרים־אהרונס קליינער" איז א גאנצער למדן אין הלכות שאך און איין בריה א שפילער. די שענסטע בעלי־בתים פון שטאט פלעגן זיך נישט פוילן אין די אויפדערנאכטן קומען צו אפרים־אהרונען אזש אויף דער פריצישער גאס מיט זייערע אייגענע שאכן און אפווארטן דאס יינגעלע פון חדר.

די לעצטע צייט האט זיך שלמה אנגעהויבן לאנגווײַלן אין די פרייע שעהן. אלע ביכער פון זוועניגאראדקע זענען געווען אויסגעלייענט. ער האט זיך נישט געהאט וווהין אהינצוטון. ווען ס'איז אים דערגאנגען צום הארצן, האט ער אנגעשריבן צום פעטער מוזין און יענער האט אים צוגעשיקט א פולן קאסטן מיט „אל דאס גוטס". און ווידער האט שלמהן נישט געפעלט וואס צו לייענען.

עטלעכע וואכן פאר פורים איז דער רבי שמעיה קראנק געווארן. ער איז געווען דער סאמע עלטסטער פון זוועניגאראדקער יידן, האט מען זיך שטארק געשראקן פאר זיין לעבן. די עלטערע כתה איז נישט אפגעטראטן פון זיין בעט, געטאגט און גענעכטיקט. ווען ער איז געווארן גאר געפערלעך, האט מען אין אלע מקומות־קחושים תהילים געזאגט, ווייבער האבן קברים געמאסטן, מען האט אים צוגעגעבן נאך א נאמען, דער סוף איז געווען — יידן האבן אים טאקע אויסגעבעטן און ער האט אנגעהויבן געזונט צו ווערן. דאס איז געווען באמת אן אלגעמיינע שטאט־שמחה. ביי יעדן איינציקן האט ער נישט געהאט קיין אנדער נאמען נאר „רבי". ווען ער איז שבת־הגדול געקומען דאס ערשטע מאל נאך דער קראנקייט צום דאווענען, איז די שמחה געווען נישט צו באשרייבן. יידן האבן געשיקט זייערע קינדער אהיים נאך די „טשאלענטן" און מען האט צוזאמען מיטן רבין, אין בית־המדרש טאקע, געפראוועט דעם שבתדיקן טיש. חוץ דעם האט מען אפגעשמועסט אויף דעם זעלבן אויפדערנאכט צו מאכן א באזונדערע סעודת־הודאה, אויף וועלכער עס וועט פארבעטן די גאנצע שטאט.

שבת־צו־נאכטס, אין סאמע פלאם פון דער שמחה האט עמעצער אויסגערופן:

— ווער קען אונדז זינגען רויטמאנס „צור־ישראל"?

אַן אומבאַגרייפֿלעכער כח האָט אויפֿגעשטעלט שלמהן אויף די פֿיס:

— איך, איך קען.

— דו גאָר? נו, נו, אדרבא, לאָמיר הערן, שאַ!... שטילער זאָל זיין.

— באַלד, אויף איין סעקונדע לויף איך אַרויס, און דאַמאָלסט וועל איך זינגען.

לויפֿנדיק אויף צעשיט ווערן איז ער אַוועק צו די זאַרעמבאַס, זיי אויפֿגעוועקט און געלאָפֿן צוריק. ווען ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף דער באַנק מיטן פֿידל, זענען אַלע פֿאַר אומגעריכטקייט נבהל ונשתומם געוואָרן. אַ ייִנגל פֿון פֿינף הונדערט בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק, ווי קומט צו אים גאָר אַ פֿידל? אפשר איז דאָס גאָר אַ פּורים־שפּיל, אַ נאָכקרימעניש?... אפֿרים־אהרן האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט: וואָס איז דאָס? ווי קומט צו זיין שלמהן — פֿידל? ווען האָט ער געהאַט צייט דערויף? און ווי קומט צו אים אַזאַ מייסטעריש פֿאַרלייגן דאָס קעפּעלע? דאַכט זיך פֿון דור־דורות איז אין זייער משפּחה קיין קלעזמער נישט געווען. דער דיין זיצט אַקוראַט קעגן אפֿרים־אהרונען. ביידע קוקן זיך אָן פֿאַרוווּנדערט און יעדער פֿון זיי מיינט אַליין צו געפֿינען אַ תירוץ אין דעם צווייטנס אויגן.

נאָר אָט האָט שלמה אַ פֿיר געטון מיטן סמיטשיק און אַלע חשבונות זענען אַוועקגעפֿלויגן. מיט גרויס געפֿיל און דבקות האָט שלמה איבערגעזאָגט דעם „קומה בעזרת ישראל"... ביי ייִדן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. די גאָפּלען זענען אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט. דאָס קינדערישע קולכל און דאָס פֿידעלע, וואָס איז געגאַנגען פֿאַרויס, האָבן נישט ווילנדיק ביי יעדן אַרויסגערופֿן אַ חשבון־הנפש, אַנגעווייעט מחשבות פֿון ווייטע פֿאַרגעסענע ווינקלען אין האַרצן. ווען ער האָט געענדיקט, האָט אים שוין דער רבי שמעיה אַליין געבעטן, אפשר קען ער שפּילן בעני דעם חזנס „אתה זוכר"...

— יאָ, פֿאַר וואָס נישט? אודאי קאָן ער...

און דאָס מאָל האָט שוין נישט געהאָלפֿן די יומטובדיקע שטימונג: ייִדן האָבן בגנבה פֿאַרלוירן אַ טרער. שוין צו ווייינענדיק איז געווען דער „לכתך אחרי במדבר", צו האַרצרייסנדיק דער „רחם ארחמנו"... דערפֿאַר האָט ער נאָך דעם שוין געזונגען און געשפּילט עטלעכע פֿריילעכע שטיקלעך, וואָס האָבן אַ ביסל פֿאַרזאָגט דעם אומעט און דערמאָנט, אַז עס שמעקט מיט „זמן חרותנו".

ווען מען האָט ביי שלמהן צוגענומען דאָס פֿידעלע פֿון די הענט און דערלאַנגט אַ גרויסן בעכער וויין אויף צו טרינקען „לחיים", זענען

אלע געווען נתפעל ביז גאר. נאר איין אפרים־אהרון איז געזעסן עפעס גישט אויפגעלייגט. דער דיין גיט אים א טארקע:

— וואס איז מיט דיר, אפרים־אהרון? וואס זיצסטו עפעס אזוי אומצופרידן?

— איך זע נישט פון וואס פריילעך צו זיין.

— פאר וואס זעען אלע יא, נאר דו נישט?

—.וואס עמעצער זעט, וויים איך נישט! מיר איז נישט אזוי אויפגעלייגט אויפן הארצן.

— וואס זשע, אזא וואזשנע שפילן איז עפעס גארנישט?

— כ׳וואלט אים מוחל געווען דאס שפילן, ער האט זיך ביי מיר נישט אנגעפרעגט.

— פאר וואס זשע? ס׳איז דיר נישט געפעלן זיין שפילן?

— פאר וואס איז מיר נישט געפעלן? ס׳איז מיר דוקא יא גע־פעלן. נאר זיין בטול־תורה איז מיר נישט געפעלן... גענוג צייט גע־מוזט דערויף פטרן. פון זיך אליין קומט דאס נישט.

— אט דאס איז גאר? מילא, פרפראות לחכמה דארף מען אויך, דו קענסט זיך אויף דיין שלמהן גישט קלאגן, ער איז, קיין עין־הרע, אויסגעבאקן פון אלע זייטן...

— איך קלאג זיך נישט אויף אים. איך קלאג זיך אויף מיין פינצטערן גורל, אויפן „קושי השעבוד" קלאג איך זיך... די מאמע איז א קראנקער מענטש, ברכה האט א פיצל קינד, יחיאל איז א בעלן בעסער צו שפאצירן גאנצע נעכט איידער פארן אויף יארידים. וואס דען, איין מיכאל? וואס זשע קען מען טאקע פון א זיבעצן־יעריק בחורל פאדערן? וואס קען מען מיט אזא קינד אויפטון? איך האב מורא, אז עס וועט מיר נישט העלפן מיין נישט וועלן, און איך וועל מוזן ארויסנעמען מיין הויזגעזינד קיין כמעלניק. ווער שמועסט, אז די האפענונג וועגן ארץ־ישראל איז שוין אויך אפגע־פאלן. איך קען שוין מער קיין חכם נישט זיין. דער אייבערשטער הייסט אזוי. וויפל כ׳האב געקענט, האב איך זיך געמוטשעט...

שלמה שטייט הינטער דעם פאטערס פלייצעס, הערט דעם גאנצן שמועס און עס ווארגן אים טרערן. דאס הארץ צעגייט אים פאר ווייטיק.

דאס איז געווען באלד נאך ל״ג־בעומר. שלמה קומט נאכן איבער־בייסן אין בית־מדרש אריין לערנען און בלייבט שטיין א פארגאפ־טער. אלע יינגלעך שטייען אין א ראד און נאך יידן אין טלית ותפילינס און אן טלית ותפילינס, קליינוואַרג שטייט אויף די בענק, אויף די פענצטער און אלע קוקן עפעס אין דער מיט אריין. שלמה כאפט אויך א קוק אויף דער מיט. ביים טיש זיצן: דער זוועניגא־

ראַדקער דיין, דער ערשטער גבאי פון בית־מדרש, דער רבי שמעיה און משה דער שוחט. נישט ווייט פון טיש, גאַנץ באַזונדער, שטייט געצי טויט ווי די וואַנט, מיט פאַרביסענע ליפּן, און שווייגט. ביי דער צווייטער זייט טיש שטייט, אַ צעבראַסטעטער, קלמן דער מנקר, אַ ייד אַ יאַדישליוווער, מיט קורציכטיקע, טרערנדיקע אייגעלעך. אין שטאָט האַלט מען אים פאַר אַ פּלוט און מען האָט אים נישט איבעריק ליב פאַר זיין שטופּן די נאָז אומעטום. קלמן פאַרבעט מיט די הענט און טענהט עפּעס אויף קולי־קולות. שלמה שלעפט אַראָפּ איין ייִנגל פון דער באַנק, פירט אים אָפּ ווייטער אַ ביסל און שעפּטשעט שטיל:

— וואָס איז דאָ געשען?

— איי, שטער נישט קוקן, דו וועסט שפּעטער געוויר ווערן...

שלמה דערלאַנגט אים אַ פליאַסק אין פּיסק:

— דו זאָגסט, צי ניין?

דאָס ייִנגעלע ווישט די אויגן און דערציילט וויינענדיק...

נישט אויסהערנדיק ביזן סוף וואַשט זיך שלמה די הענט ביים האַנטפאַס, נעמט אַרויס דאָס נאָטיצבעלע און גייט צו צום טיש, זאָגנדיק „אשר־יצר" אויפן קול. אָפּגעזאָגט, פרעגט ער ביים רבין שמעיהן:

— איר האָט ערגעץ אָוועקגעלייגט די גמרא? אויפן שטענדער איז זי נישטאָ.

— קוק נאָך אַ מאָל, זי דאַרף יאָ זיין. וווּ ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

— דער קאָפּ האָט מיר עפּעס ווי געטון... שפּעט אַהיים געקומען...

ער דרייט זיך אויס צו קלמנען און פרעגט מיט אַ געניץ:

— ר' קלמן, וואָס שרייט איר עפּעס? ווער האָט אייך באַליידיקט?

— שלמהלע, וואָס פרעגסטו? פרעג בעסער נישט...

— פאָרט, וואָס איז אַזוינס?

— אַ שאָד מטמא זיין דייַנע אויערן...

— טע־טע־טע... מייַנע אויערן... מילא דערציילט שוין, מיט וואָס בין איך בעסער פון עמעצן אַנדערש? לאָמיך שוין הערן.

— וואָס ווילסטו הערן? אַ מעשה פון זנות און נאָך אין אַ מקום־קדוש דערצו.

שלמהס פּנים פאַרקרימט זיך אין אַ גרימאַסע:

— זנות? טפו... שקץ תשקצנו... וואָס זשע פאַר אַ מעשה?

— ווי איז צו מיר, די מעשה איז אַ שיינע מעשה... נעכטן גיי איך פון דער בויניע, געמאַכט צוויי שטיקלעך, ס'האָט שוין געמוזט זיין אוהאי נאָך צוועלף, אפשר נאָך מער, איך זע, עס לייכט זיך

אין בית־מדרש. א פנים, אז דער שמש האט פארגעסן אויסצולעשן דאס ליכט און איך לאז זיך אריינגיין אויסלעשן. ווי איך לאז זיך אריינגיין אין פאליש, אז עס גיט א פלי ארויס פון דער ווייבער־שער שול א נקבה אין א שאלעכל. איך — נאך איר... איך גיב א קוק: געצי דער שוחטקעס שפרינגט ארויס פון א פענצטער, פון די פערערשטע פענצטער. איך האב אים חוקא נאכגעיאגט, נאר איך מיט מיין זאדישקע האב עפעס געקענט מאכן קעגן אזא שור־הבור?... וואס דען, אויפוועקן משה דעם שוחט? אויפהייבן אן אליארם: היתכן? אזא הפקרות? האב איך זיך אבער אויפן ארט בארעכנט: משה דער שוחט האט א שוואך הארץ, פאר דערשרעק קען ער בלייבן אויפן ארט. בקיצור, איצט דארף מען אט דעם בעלי־עבירהניק מקיים־פסק זיין. נאר פריער דארף ער אנרופן די חציפה. און ער, אזוי ווי דו קוקסט אים אן, אט דער עזותניק, אט דער חמור־אייזל, וויל ער אפילו נישט ענטפערן. ער האט אנגענומען א מויל מיט וואסער און שווייגט... נאר נישקשה, מען איז אוועקגעגאנגען ברענגען עט־לעכע חברה־לייט פון דער חברה־קדישא, זיי וועלן אים עפענען דאס מויל. ער וועט געבן דבורים, אז ס׳וועט אזש גיין א רויך. ווארט אויס, וועסטו עפעס זען א שיינס... מען איז אוועקגעגאנגען נאך זיי... ער וועט רעדן... נאך ווי אזוי רעדן...

אין משך פון קלמנס רעדן זענען שלמהס אויגן אלץ גרעסער געווארן, דאס פנים אלץ בלאסער. ווען יענער ענדיקט, גיט ער א שפרונג און א געשריי:

— ר׳ קלמן, גאט איז מיט אייך! ס׳איז דאך א בלבול!

— וואס הייסט? !

— א בלבול, א בלבול... א שרעקלעכער בלבול... איך בין אוועק־געגאנגען דער לעצטער פון בית־מדרש. איך האב אליין פארלאשן דאס ליכט. ס׳איז געווען אודאי אייגנס א זייגער... פון חזרן אויף אויסנווייניק האט מיר הער קאפ אנגעהויבן ווייטון, האב איך דורכן פענצטער דערזען געצין. איך האב אים אריינגערופן, מיר האבן געשפילט אין קוויטלעך. ער האט ביי מיר געוווּנען אכט און זעכציק קאפיקעס. ווען ער האט דערהערט, עמעצער גייט אין בית־מדרש אריין, האט ער געמיינט, אז ס׳איז זיין מוטער. זי האט אים נאך תחילת נאכט געשיקט נאך קעראסין, ער האט זי געלאזט אין דער פינצטער, האט ער געגעבן א טאנץ ארויס דורך א פענצטער און איז אנטלאפן. צום סוף איז גאר קיינער נישט אריינגעגאנגען... און וואס איר זאגט א שאלעכל — א בוידעם, האט זיך דאס אייך געמוזט חלומען... נא דיר גאר אזא מעשה...

אלע זענען געבליבן זיצן געפלעפט ווי פון א דונער. שלמהס אוי־

טאַריטעט איז געווען אין שטאָט זייער גרויס. אַלע האָבן אים זייער געשאַצט פאַר זיין לומדות, פאַר זיין באַשיידנקייט און פאַר זיין א „לייטיש קינד". אים איז נישט שייך געווען חושד צו זיין אין גאַרנישט.

קלמן האָט זיך דער ערשטער א כאַפּ געטון:

— שלמהלע, ווי קען דאָס זיין א חלום? איך האָב אפילו א סאַנדאַל פאַרלוירן לויפנדיק...

— דאָס האָט איר אים גלאַט אַזוי געמוזט פאַרלירן. א סימן האָט איר, פרעגט דעם רבין שמעיהן. נעכטן בין מנחה למעריב האָבן מיר אָפּגעלערנט דריי עמודים אין נדרים און איך קען זיי אייך זאָגן אויף אויסנווייניק... קומענדיק אהיים נעכטן, האָב איך זיך באַלד געלייגט שלאָפן... איר קענט פרעגן ביי דער מאַמען...

משה דער שוחט קוקט דאַנקבאַר אויפן קליינעם שלמהלען. געצי איז נאָך בלייכער ווי געווען, נאָר שלמה האָט שוין אויפגעמישט נדרים כ"ב, דערלאַנגט פאַרן דיין מיטן גבאי און זיין קלינגענדיק קולכל צעטראָגט זיך איבערן חלל פון בית־מדרש, וואָס איז פול גע־פּאַקט מיט נייגעריקע. די אָנגעקומענע „חברה־לייט" שטייען אין א זייט אין ווייסן נישט, צי מען דאַרף זיי נאָך, צי מען קען זיך שוין באַגיין אָן זיי. ווען שלמה ענדיקט, זענען אַלע נתפּעל. אַלע זענען שוין איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיינע רייד. קלמן פרעגט צעמישט:

— ר' שמעיה, די גמרא האָט ער ערשט נעכטן געלערנט?

— נעכטן פאַר מעריב...

— איך בין שוין אין גאַנצן מטושטש... כ'וואָלט דאַכט זיך גע־מעגט שווערן...

שלמה גייט אריין אין קוראַזש און פּאַליעט אַרויס מיט א נצחון־פּלאַם:

— איר מעגט איצט אויך שווערן, אַז עס האָט זיך אייך געחלומט.

— מה נאמר ומה נדבר? א פּנים, ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן...

— ר' קלמן, איר דאַרפט, כ'לעבן, איבערבעטן געצין... איר האָט אים מבייש געווען און ייִדיש בלוט ווערט נישט געשענקט.

— אודאי אַזוי... אוודאי אַזוי... ממה נפשך... אַזוי קומט אויס... מילא, געצי, זיי מיר מוחל... פאַרשעמט א יתום... אומזיסט פאַר־שעמט... זיי מיר מוחל... אַן אַלטער נאַר... און מיר האָט זיך גע־דאַכט... כ'האָב געמעגט שווערן... א שאַלעכל, אַזא געקעסטלטס... נו, א טעות, פאַרפאַלן... איך בעט דיך מחילה פאַרן גאַנצן עולם... מודה ועוזב ירוחם...

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט זיך געצי געוואָרפן אויף אַלערליי

המציאות, געוואלט בלייבן מיט שלמהן אויג אויף אויג און ס'האט זיך אים אלץ נישט איינגעגעבן. שלמה האט אויסגעמיטן צו בלייבן מיט אים אליין. אויפן פערטן טאג האט ער געטשאטעוועט אויף שלמהן אין בית־הצניעות, אנגעבאפט אים מיט זיינע שטאלענע הענט, צוגעפרעסט אים צו דער וואנט און גאר געקוקט אויף אים מיט זיינע גרויסע אויגן. שלמה האט אפגעדרייט דעם קאפ:

— אוועק דו פאסקודניאק!... אויב דו קענסט זיך שוין אַ דעם נישט באגיין, האסטו שוין קיין אנדער ארט נישט געפונען נאר אין דער ווייבערשער שול?...

קאפיטל XX

דעם זומער האט שלמה — ווי דאס הארץ זאל אים זאגן, אז דאס איז דער לעצטער זומער, וואס מען האלט אים נאך ביים לערנען — פארווארפן די ביכער, די מוזיק, דעם שאך, אלץ אפגעשטעלט אויף א זייט און זיך נאר אפגעגעבן צום לערנען. ער האט געלערנט אליין ש"ס און פוסקים מיט אלע מפרשים. גאנץ זוועניגאראדקע האט געקלונגען מיט אים, אז ער איז אן עלוי. פון די ארומיקע שטעטלעך פלעגן יידן קומען א קוק טון אויף דעם געבענטשטן קינד. א נאמען האט מען אים געגעבן: דאס קליינע גאונדל, דאס וואונדערקינד. שלמה אבער האט זיך מיט די אלע טיטלען ווייניק־וואס איבער־גענומען. זיי האבן אויף אים קיין מינדסטע השפעה נישט געהאט. ער האט געוווסט, אז ער איז דאס בעסטע ייִנגל אין שטאט, נאר ער האט נישט פארשטאנען, מיט וואס איז ער דא שולדיק און בכלל וואס איז דא דער רעש? קען מען מער, קען מען ווייניקער, דער עיקר איז נישט דאס. דער עיקר איז טון דעם רצון־הבורא. ווען מען לערנט זיך, דער דארף לערנען, ווען מען נישט, דער דארף עפעס אנדערש טון. דער עיקר: אבי מיט אן אמת, מיט א ברען, אבי מיט א כלות־הנפש צו דעם, וואס לעבט אייביק.

כאטש זיין טרויער אויף דעם פארלוירענעם ארץ־ישראל איז גע־ווען אן א מאס, דאך האט דער ביטערער טראפן געהאט אויך זיין ווייניקייט. פאלי, וועלכע ער האט שוין פריער אין הארצן געהאט מקבר געווען, איז ווידער אויפגעשטאנען תחית־המתים. דאס הארץ האט אים געזאגט, אז קוים איז ער נישט אוועקגעפארן, וועט ער זי נאך א מאל זען. און ווידער האט אים דער שיר־השירים דערמאנט אין איר נישט געווינלעכער שיינקייט. דאס הארץ האט אומאויפ־הערלעך אים געצויגן, א קוק צו טון אויף איר, א רעד צו טון מיט

איר, כאָטש זען זי פון דער ווייטנס, אָנזועטיקן דאָס אויג מיט איר פראַכט אָן איר ווייסן.

פאַר יום־טובים איז דער פאָטער געקומען מיט אָן ענדגילטיקן באַשלוס: נאָך סוכות זיך איבערקלויבן קיין כמעלניק.

טרויעריק זענען דורכגעגאַנגען ביי שלמהן די לעצטע ימים־טובים אין זוועניגאָראָדקע. ער האָט זיך געזעגנט מיט יעדער גאַס באַזונדער, באַווײנט יעדעס גרעזעלע, יעדעס ביימל. ביי נאַכט, ווען קיינער האָט נישט געקענט באַמערקן, האָט ער אַרויסגעוואָרפן די כאַלוואַ אין טייך אַריין. ער האָט זיך געשעמט צו אַנטדעקן פאַר עמעצן זיינע נאַרישע סענטימענטן. הינטער דער האָלצקאַמער האָט ער געמאַכט אַ ספּעציעלן שייטער, ווי אויף צו פאַרברענען דעם חמץ, און מיט בלוטיקע טרערן פאַרברענט דעם אַזוי געטריי צונויפגעקליבענעם שפּאַגאַט. סיי די כאַלוואַ האָבן געקענט אויסגענוצט ווערן אויך צו דער נסיעה קיין כמעלניק. נאָר דאָס האַרץ האָט אים נישט דערלאָזט אויסנוצן זאַכן, וואָס זענען פאַרגרייט געוואָרן צו אַזאַ הייליקן צוועק, אויף וואָכעדיקע באַדערפענישן.

אין דער נאַכט פון הושענא־רבא, ביי אַ פאַרגעלטער אָפּגעביסענער לבנה, האָט ער זיך שטיל, אָן טרערן, געזעגנט מיט „פאַליס גאַנעק“. איצט האָט אין זייער דירה געוווינט אַ נייטאָרין. פון יענער זייט פאַרהאַנג האָט גיך, גיך גענייט אַ מאַשין און אַ ברוסטיקע שטים האָט לאַנגזאַם געצויגן:

פאָרן פאַרסטו פון מיר אַוועק, טייער לעבן מיינס,
טייכן טרערן וועל איך טון פאַרגיסן,
העלף זשע מיר שוין, גאָטעניו...

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ איז שלמה אַוועקגעגאַנגען, נישט דערהערנדיק דאָס לידל ביזן סוף. פון דאָרט האָבן אים די פיס אָן זיין ווייסן אַוועקגעטראָגן אין רבינס הויף. ער האָט דורכגעלאָזן די באַלויכטענע פענצטער, די שוואַרצע ברילן פון׳ דער שלאָפנדיקער קלויז און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. די לבנה איז פאַרשווונדן הינטער די כמאַרעס. אַ קאַלטער ווינט האָט אויפגעקליבן פאַרטרוקנטע בלעטער און אָפּגעבראָכענע צווייגן. עפּעס אַ פאַרבלאָנדזשעטער האָן האָט זיך פון שלאָף געגליטשט פון זיין צווייג, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין נאַכטלעגער. אָן אַרבל פון אַ רינווע איז געהאַנגען אויף אַ שטיקל דראָט און האָט זיך פאַריתומט געוואָרפן אין אַלע זייטן, אַרויסגעבנדיק פון זיך צעבראָכענע פאַרזשאַווערטע קולות.

שלמה האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון דעם האַלב־פאַרשאָטער

נעם ברונעמדל. ער האָט גוט דערקענט דאָס אָרט, ווו ער האָט פאַר א יאָרן געפּראַוועט הקפות. דאַמאָלסט האָט נאָך ארץ־ישראל גע־לעבט. ס'איז געווען, איידער זיי האָבן נאָך באַקומען פון פייגע צימעס די פּאָרציע „קאַלטן פאַרשטאַנד". עס שווימען אויף פאַר זיינע אויגן די בערג פון גליל, דער עמק יזרעאל, דער גרויער חרמון און דער אוראַלטער לבנון. א פאַרחלשטער פון אָנמעכטיקער ליבע גיט ער זיך א וואַקל אין חלל אריין און דערפילט גלייך דאָס קאַלטע וואַסער מיט די שפּיץ פינגער. מיט שלאַבעריקע טריט שלעפּט ער זיך אַוועק אַהיים.

דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן קיין כמעלניק מאַכן די לעצטע הכנות צו זייער קומען. פונקט האָט א שכן געדאַרפט קיין יערקע אויסקויפן באַגאַזש און שלמה איז מיט אים מיטגעפאָרן.

עס איז געשטאַנען א האַרבסטיקער מילדער פרימאָרגן. די זון האָט מיט אָפּגעקילטע שטראַלן באַשאָטן די גאַנצע געגנט מיט א פאַר־שפּעטיקטן שמייכל, זיך געהנדלט צו יעדן בלימעלע, צו יעדער פאַר־געסענער זאַנג. דער וואַלד איז געשטאַנען א כמורנער, נישט געוואָלט זיך מאַכן קיין פאַלשע האָפענונגען פון העם זומערטאָג. ווי ער וואָלט שוין געפילט, אַז אין די פיאַטעס קילט אים דער ווינטער. די בלע־טער — נישט לאַנג דויערענדיקע געסט, די זון — א פרעמדע זון. פון אומעטום האָט געוויעט מיט באַהאַלטענעם טרויער, מיט פאַר־לוירענער פרייד, מיט אומבאַגרענעצטן אומעט.

ווען די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פאַרשלאָפענעם וואָקזאַל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַמער פון באַגאַזש וועט מען ערשט עפענען אין צוויי שעה אַרום. שלמה, האָבנדיק גענוג צייט, האָט אַרומגעשפּאַנט אין יעדן ווינקעלע, פון אומעטום האָט געטראָגן מיט מעטער ווייטער פון ארץ־ישראל... פון דאָרט וועט שוין זיין אומ־אויסגעמאָסטן יעדע רעלס באַזונדער. אָט פון דאַנען האָט געדאַרפט אָפּגיין זייער צוג קיין אָדעס און פון דאָרטן שוין „אהין"... און איצט פאַררוקן זיי זיך אַזוי ווייט, מיט גאַנצע צוויי און צוואַנציק קילאָ־מעטער ווייטער פון ארץ־ישראל... פון דאָרט וועט שוין זיין אומ־מעגלעך זיך אַרויסצורייסן, דאָס ווייסט ער גוט. כמעלניק, דאָס איז א בלאָטע. דאָרט וויסט מען נאָר יאַרידים, טשערוואָנצעס, לייוונט, סאַטין און קריגן זיך. ארץ־ישראל האָט דאָרט קיין אָרט נישט. ארץ־ישראל שטייט דאָרט נאָר אין סדור.

זונטיק נאָך שבת־בראשית זענען צוגעפאָרן צו אפרים־אהרונס שטוב צוויי לאַנגע פורן, אויף וועלכע מען פירט סנאָפּעס פון פעלד. איין פּאָר פערד האָט מען אויפן אָרט אויסגעשפּאַנט און דער פּוזער

איז מיט זיי אוועקגעפאָרן אין פעלד אַקערן. מען האָט זיך אָנגעהויבן פּאַקן. גרינגע פּעקלעך און אַלערליי קיכגעשיר אויף איין פור און מעבל אויף דער צווייטער, וואָס אָן די פערד. ווען דאָס פּאַקן זיך האָט שוין געהאַלטן ביי ענדע, איז שלמה אוועק אין חדר זיך געזעגענען. אין בית־מדרש איז געשטאַנען אַ טומל פון צענדליקער קולות. אין פּאַליש האָט זיך קליינוואַרג געשפּילט אין קנעפּלעך. שלמה איז צוגעגאַנגען און האָט דערלאַנגט די האַנט:

— רבי, בלייבט געזונט, מיר פאָרן אוועק...

ביי אַלע טישן איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. אַ צעטראָגענער האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן, איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטערן טיש, גענומען שלמהס האַנט און שוין צו טרוקן, כמעט מיט אַ בייזער, אַ זאָג געטון:

— נו, נו, פאָר געזונט... ווי אַזוי דען? מהיכא תיתי... פאַר וואָס נישט? פאָרן איז פאָרן...

די ווערטער זענען ביי אים אויסגעגאַנגען. שלמה האָט געהאַלטן דעם רבינס האַנט אין זיינער און געוואַרט נאָך אויף עפּעס. דער רבי, אַ הייב טוענדיק זיינע שיטערע פאַרמלאָזע ברעמען, האָט שטרענג געשעפּטלעך געפרעגט:

— איז שוין ביי אייך אַלץ פאַרטיק? איינגעפּאַקט?

— אַלץ ליגט שוין אויף די פורן...

— אַזוי, אַזוי, אויף די פורן? זייער גלייך, זייער גלייך... פאַר וואָס ביסטו היינט נישט געווען ביים דאַווענען?

— דער טאַטע און איך, מיר האָבן היינט ביידע געדאַוונט ביים ערשטן מנין...

— אהא, ביים ערשטן... פאַרשטענדלעך, פאַרשטענדלעך... נו גיי... אויף וואָס וואַרטסטו נאָך? דאָס לערנען פאַרוואַרף נישט אין גאַנצן... דו האָסט נישט קיין שלעכט קעפּל... אַ שאָד... ווען דו וועסט גאָר קענען, כאַפּ אַריין... ריים אָפּ... ס'וועט זיין אַזוי ווי געפונען... נו, וואָס נאָך? דאַוון ווי אַ ייד און פאָר לחיים ולשלום... זיץ נישט אויף דער ראָד, עס טרייסלט שטאַרק...

— רבי, איך וועל אייך נישט פאַרגעסן... וואָס איך קען, איז אייערס...

— גיי, נאַרישע קינד, רעד נישט קיין שטותים... אַלע האָבן אַזוי געזאָגט... גאַנץ זוועניגאָראָדקע... גיי, גיי, מען קער שוין דאַרטן וואַרטן אויף דיר...

— רבי, איך מעג אייך אַ קוש טון?

דער אַכציקער האָט נישט אויסגעהאַלטן. זיין געקנייטשטע פּנים האָט זיך צוזאַמענגעצויגן ווי אַ געבראָטענער עפּל. איבער זיינע ביי־

נערדיקע באַקן האָבן זיך האַסטיק אַ לאָז געטון געלבלעכע, מוטנע טראָפּנדלעך. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט. שלמה איז אַנידערגעפּאַלן אויף דער באַנק און פאַרלירנדיק דעם קאָפּ שטאַרק געבליפּעט. דער רבי איז געשטאַנען איבער אים און האָט מיט אַ הוזקל אים אויסגערעדט דאָס האַרץ:

— וואָס וויינסטו, וואָס, דו שוטה? וואָס דען האָסטו געמיינט, אייביק לערנט מען ביי אַ רבין? אַ רבי איז ווי אַ האַנטעך, אָפּגע־נוצט און אַריינגעוואָרפן אין קוטיקן... אַזוי גייט די וועלט, נאַרעלע... אָט האָט מיר שוין גאָט צוגעשיקט אַן אַנדער תּלמיד אויף דיין אָרט. עוזר דעם שמשס איידעם האָט מיר געבראַכט זיין ייִנגעלע. אַפילו נישט אַזאַ גרויסער למדן, אָבער אויך אַ ייִדיש קינד. צוריק הייסט עס די אַכט רובל געפונען. ברוך השם, דער סכום שטימט... ער וועט מיך נישט פאַרגעסן, וועט ער נישט... מען פאַרשטייט די מעשה... ווען דו וועסט עפּענען אַ גמרא, וועט דיר דער רבי שמעיה שטיין פאַר די אויגן. און פאַר וואָס טאַקע זאָלסטו אים יאָ פאַרגעסן? עפּעס פיר יאָר אָפּגעקנעלט... ווער ווייסט, צי עס זענען מיר נאָך געבליבן פיר יאָר?... שוין אַזוי אויך געשענקטע יאָרן... גיי, גיי, נאַריש קינד... נאָ דיר נאָר אַ געוויין אין מיטן דערינען...

מיט געשוואָלענע אויגן האָט זיך שלמה אויפגעהויבן פון טיש און אַ וואָרף געטון אין דער לופט:

— בלייבט געזונט, חברה...

אַלע זענען אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער די טישן, האָבן אים אַרומגענומען און געשטופּט די הענט:

— פאָר געזונט, פאָר געזונט... טאָמער קומסטו אַ מאָל, כאַפּ זיך אַריין...

שלמה האָט מיט פאַרביסענע ליפּן און מיט אַ ציטערנדיק האַרץ אַלעמען געדריקט די הענט, צוגעזאָגט קומען. אַלע ייִנגלעך זענען געשטאַנען אַרום אים, נאָר איין געצי האָט געפעלט. שלמה האָט אַ זוך געטון מיט די אויגן: געצי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל ביי דער הרובע און האָט מיט פולע אויגן צוגעקוקט די סצענע. שלמה איז צוגעגאַנגען צו אים:

— נו, און דו? ווילסט זיך גאָר מיט מיר נישט געזעגענען? בלייב געזונט, געצי...

יענער האָט זיך שטום אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און גאָרנישט געענטפערט. שלמה האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, אויסגע־דרייט אים צו זיך מיטן פּנים און אַ קוש געטון איןביידע אויגן. אַוועקגייענדיק האָט שלמה געזען, ווי געצי טרייסלט זיך פון געוויין. אויף אַ רגע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און נאָך אַ מאָל צוגעלאָפן

און האָט שטאַרק אַרומגענומען און באַשאָטן מיט קושן זיין שיין פּנים. געצי האָט נישט באַוויזן קומען צו זיך, ווי שלמה האָט אים אָפּגעוואָרפן און איז אַרויס פון בית־מדרש.

אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, פאַר ווען, נאָר שלמה האָט אים ליב געהאַט.

קאַפּיטל XXI

דער פאָטער, די מוטער, אַלע פינף קינדער, מיט אַלע גרויסע פּעקלעך זענען אָפּגעפאָרן ביי טאָג און שלמהן האָט מען איבער־געלאָזט וואַרטן, ביז מען וועט ברענגען די פערד פון פעלד. די בעלי־בתים מיט די קינדער זענען אויך אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן די שכנים. כאָטש אַלע האָבן זיך געזעגנט ביי די הענט, דאָך האָבן די „פאַניטשלעך" נישט פאַרגעסן איינצורוימען די קינדער שטילער־הייט: „טאַטעלע, מאַמעלע, איך דיר אַ בייסעלע, דו מיר אַ קראַ־צעלע" און מאַכן בגנבה פון דער פאַלע עטוואָס ענלעכס צו אַ חזירשן אויער.

די פור איז אַרויסגעפאָרן און שלמה האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין. די צימערן זענען געווען ליידיק, נאָר נישט אויסגע־קערט. אויסקערן נאָך עמעצנס אָפּפאָרן איז נישט אָנגענומען. עס האָבן זיך געוואַלגערט פלעדערווישן, קאַרטאָנענע שאַכטלען און צע־בראָכן גלאָזוואַרג. אויף דער וואַנט, ביי דער זייט פון גרויסן ווייסן פלעק, וואָס האָט געהאַט די פיגור פונעם זייגער, איז געהאַנגען אַ פאַרגעסן שמירה־מצהלע. פון דעם אָרט, פון וועלכן מען האָט צוגע־נומען די קליידער־שאַפע, האָבן געשניטן די אויגן ווינטערדיקע דאָפּלטע פענצטער מיט פאַרשטויבטע שויבן. אַרויסגייענדיק פון צימער האָט זיך שלמהס האַנט, לויט דער רגילות, אויפגעהויבן צו דער מזוזה און איז צוריק אָפּגעשפּרונגען. אַ קליין ווייס פּאַסיקל אויף דער טיר — דאָס איז געבליבן פון דער מזוזה. אויף יענער זייט פענצטער האָט ער געפונען דינהס אַ ווייס קעלנערל, וואָס האָט גע־מוזט אַרויספאַלן פון אַ פּעקל.

אין גאָרטן אויף אַ צווייג האָט מען פאַרגעסן דעם טאַטנס אַן אַלטע שליאַפּע, וועלכע די מאַמע און דינה האָבן מיט גאַל פון אַ בהמה געבערשטלט דריי טעג. שלמה דערפרייט זיך זייער מיט דער מציאה. די שליאַפּע איז אים באַזונדערס טייער. אויפן מאַרק וואָלט מען זיכער פאַר איר נישט געגעבן קיין אָפּגעריבענעם דרייער, אָבער שלמהן דערמאָנט זי אין גוטע האָפענונגען. אין דער דאָזיקער שליאַ־פּע האָט זיך דער טאַטע פאָטאָגראַפירט צוליב ארץ־ישראל. שלמה

האָט נאָך זיין פאָטער קיין מאָל נישט געזען אין דער שליאַפּע פאַר יענעם מאָל. אין איר האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונגער, אַ שיינער כהן־גדול, ווי ד"ר הערצל... אין קאַמער האָט ער נאָך געטראָפן אַ צעהוידעטע שטול און אַ לעבערדיקע צינערנע מולטער. נישט ווייסנ־דיק, צי דער פאָטער האָט די זאַכן בכיון איבערגעלאָזט צי בטעות, וואַרפט ער זיי אַריין אין אַן איבערגעקערטן טיש אויפן וואָגן און פאַרציט זיי מיט אַ שטריקל. מיט אַ מאָל שפּנט זיך דאָס פענצטער ביי די זאַרעמבאָס. שלמה פאַלט שיר נישט אַראָפּ פון דער פור פאַר פרייד. ער קריכט גלייך אַריין דורכן פענצטער און אַנטשולדיקט זיך:

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס כ'וועל נישט אָוועקפאָרן אומגע־זעגנט, אַז כ'האָב נישט קיין געדולד גיין אַרום און אַרום.

— וואַנדאַ, וואָס זאָגסטו ווי ער פאַרענטפערט זיך דאָס... זיץ, פאַן שלמה, ווער האָט דיר דען געוויזן דעם וועג דורכן פענצטער אַז נישט איך? זאָג נאָר, איז וואָס? האָט איר טאַקע באַשלאָסן אָוועק־צוּוואַרפן זוועניגאָראָדקע?

— אַלע זענען שוין אָוועקגעפאָרן, נאָר איך איינער בין נאָך דאָ.

— ווי זשע קומט עס, וואָס מען האָט דיך איבערגעלאָזט?

— נישט אויף לאַנג. דער בעל־עגלה אַקערט אין פעלד, ווי ער קומט נאָר, אַזוי פאָרן מיר.

טאַדעאוש הייבט אונטער דעם פאָרהאַנג און כאַפּט אַ קוק אין שכנישן הויף אַריין:

— מיט דער פור מעבל פאָרסטו?

— מהמ...

— וואַנדאַ, וואָס זשע פטרן מיר צייט? דער פויער קען אַ לייַדע מינוט אָנקומען. הייס מאַרפאַן גרייטן צום טיש. פאַן שלמה עסט דעם לעצטן אָנבייסן אין זוועניגאָראָדקע ביי אונדז.

שלמה לאַכט:

— פאַן טאַדעאוש, איר ווייסט דאָך...

— ביי אונדז איז היינט אויף מיטאָג קרעפּלעך מיט קעז און סמעטענע. דאָס איז דאָך נישט טריף?

שלמה לאַכט:

— נישט טריף, יאָ טריף, לאָמיר בעסער עפּעס שפּילן פאַרן געזעגענען זיך.

— דאָס נאָך דעם, דאָס נאָך דעם... אָבער מיט וואָס איז מען דיך מכבד?

— מען דאַרף גאָרנישט. איך בין נישט הונגעריק.

— דאָ רעדט זיך נישט פון הונגעריק... שאַ! אָבער וואַרעניע פון דרען* מיט פיסטאַשקעס** וועסטו עסן?

— ניין, אַ דאַנק.

— פאַר וואָס? זייער גוטע. באַזונדערס די פיסטאַשקעס איינגע־פרעגלטערהייט... די בעסטע זאַך אין דער וועלט.

— עס קען זיין, עס קען זיין. נאָר איך וויל נישט, איך קען נישט.

— אָבער זויערן קאַווען מעגסטו שוין זיכער? וואַנדאַ, הייס אַרויפנעמען!

שלמה שטעלט זי אָפּ מיטן קוק:

— זייט זיך נישט מטריח אומזיסט...

— פון ווען אָן איז שוין קאַווען אויך טרייף?

— פאַרן אייגזייערן שטעכט מען זיי אָן מיט אַ מעסער, און אַ מעסער —

— ס'איז אמת, וואַנדאַ?

וואַנדאַ שאָקלט שולדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ. טאַדעאוש, אַ פאַר־לוירענער, ווישט זיך דעם שטערן מיט אַ זיידן טיכעלע:

— מען דאַרף טאַקע זיין פון אייזן אַ ייד צו זיין...

— זענען מיר טאַקע... נאָר נעמט זיך נישט צום האַרצן, פאַן טאַדעאוש. זאָל מאַרפאַ אַראָפּנעמען עטלעכע פאַפּיראָווע עפּל פון בוידעם און איר גיסט אונדז אַלע אָן כוסות פון דעם סליוווניק***, וואָס אויף יענעם פענצטער, וועלן מיר זיך געזעגענען...

שלמה האָט געבעטן, אַז מאַרפאַ זאָל דאָס מאָל אויך זיצן מיט זיי ביי טיש, און זי האָט אים דערפאַר געשאָנקען אַ דאַנקבאַרן קוק. זאַרעמבאַס פרוכטן האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט. ערגעץ אין אַ גאַנצן דאַרף האָבן זיי געהאַט אַ וווּנדערבאַרן גאָרטן. אונטער טאַ־דעאושעס השגחה פלעגן די פרות ווערן אָפּגעקליבן און פאַרפּאַקט. זיינע פאַפּיראָווקעס פלעגן אין אַ צייט אַרום באַקומען אַ געבלעכן אויסזען און ווערן איידל געקנייטשט ווי אַן אתרוג. די הויט פלעגט זיך אַראָפּנעמען ווי פייכטער פאַפּיראָסן־פּאַפּיר און די וווייניקייט פלעגט זיך אויסגיסן אין מויל אַריין ווי פון אַ מילגרוים, ווי פון אַ ווייַנטרויב.

מען האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן צובייסן, ווען פון צווייטן הויף האָט זיך דערטראָגן אַ הירזשען פון פערד. שלמה האָט זיך אַריבער־געבויגן פון פענצטער:

— פעטערקע, פאַרן מיר, הייסט עס?

---

* דערען - אַזאַ מין פרי אין אוקראַינע, וואָס נוצט נאָר אויף איינגעמאַכטס.

** פיסטאַשקעס - טערקישע ניסלעך. *** סליוווניק - אַ משקה פון פלוימען.

— און איך זוך דיך ארום... ווו איז דאָ ביי דיר אַן עמער?
— אַלץ האָבן זיי מיטגענומען... נעם ביים בעל־הבית.
— דו קענסט אַליין נישט אַרויסקריכן, וואָס זיצסטו דאָרט?
— דו שטייסט דאָך ביי זייער טיר, קלאַפּ אָן, וועט מען דיר געבן. ווען זשע פאָרן מיר?
— וואָס הייסט ווען? אַט טרינק איך נאָר אָן די פערד, שפּאַן איך שוין איין. דו ווייסט נישט, ווו מען קען זיך דאָ עפּעס קויפן עסן?
— דאָ נאָענט איז קיין קלייטל נישטאָ, מיטן וועג וועל איך דיר שוין ווייזן.

ווי מען נעמט אַ האַלביעריק בן־יחידל, האָט שלמה מיט צאַרט־קייט גענומען דאָס פידעלע און טאַדעאוש האָט זיך געזעצט צו דער פּיאַנינע.

די פערד האָבן אויפגעהויבן די קעפּ פון וואַסער, זיך איינגעהערט: ווער קיצלט עס די אויערן? די ביימער פאַרן פענצטער זענען גע־שטאַנען אַרומגעפּליקטע, דאָס גראָז אין גאָרטן איז געווען פריטש־מעליעט, אַבלדיק זיך געסודעט מיטן פאַרנאַכטיקן ווינטעלע. דאָס מעבל אויף הער פור האָט אין דער בלוטרויטער שקיעה אָנגענומען פאַנטאַסטישע קאָנטורן, די פיסלעך פון די בענקלעך האָבן געשטעקט אין הימל אַריין מיט שטומע טענות. די צינערנע מולטער האָט גע־שיקט גאָלדענע נאָדלען־שטראַלן אין פריצס קיכפענצטער.

שלמה האָט זיך געזעגנט מיטן פידל...

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך לאַנגזאַם גערוקט פּנימער: פּאָלי זעט אוים פריילעך, זי העהט די וועלט ווי דעם קאַטער, מען שיקט איר אַלע ווערק פון זשול ווערן און מער דאַרף זי נישט. אויף איר אָרט שווימט אַרוים מנשה; ער איז שוין פיל באַטריבטער. ער האָט זיך באַגראָבן אין דעם ווייסטן כמעלניק, די נויטן האַלטן אים, אַ קראַנקע מאַמע און צוויי שוועסטער. דאָס רבנות גיט היינט גאָרנישט, איז ער שוין אַ שוחט אויך, דער דריטער שוחט אין שטעטל. קומט אַ יידענע מיט אַן עוף, יאָווען זיך אין שופלאָד צען קאָפּיקעס. און טאָמער קומט נישט קיינער קוילען, בלייבט דער שופלאָד ליידיק. הנה וויל גישט קוקן אויף אים און ער אַליין וויל שוין אויך איר נאָמען נישט הערן. די בעסטע יאָרן האָט זי אים אָוועקגעקוילעט, מיטן רויך אָוועקגעלאָזט. טרויעריק, זייער טרויעריק זעט שלמה מנשהן דורכן פידל. נאָר דער רבי שמעיה איז נאָך טרויעריקער. זיינע תלמידים זענען שוין זיידעס, פירן שוין איינקלעך צו דער חופה און ער מוז נאָך אַלץ פאַרדינען די אַכטרובלדיקע מיט דער גאַל און מיט דער נשמה. הונדערטער יינגלעך גייען דורך זיינע הענט און ער בלייבט עלנט. חוץ זיין טאָכטער הנה די אַלמנה מיט איר חוהלען

האָט ער קיינעם נישט אויף דער גאָרער וועלט. ווי אַזוי זאָגט ער? אַ מלמד איז ווי אַ האַנטעך, אָפּגעווישט זיך און — אין קויטיקן... טייערער, טייערער רבי שמעיה, איך וועל נישט זיין אַזוי! איך וועל נישט זיין אַזוי...

מיט אַ זייטל און מיט אַן אַלטגעבאַקענער טרער אין די פאַר־יאושטע אויגן פאַרשווינדט דעם רבי שמעיהס צורה און איר אָרט פאַרנעמט אַ פרויאיש פּנים: אַ נידעריקער שטערן, גרינע פאַרגלי־ווערטע אויגן, געלע טשאַכאַטעטשנע באַקן, וואָס גלאַנצן ווי אַלטער פּאַרמעט. אויף דער אייבערשטער ליפּ שיטערע, פוכאָווע וואָנסעלעך; געלע קליינע ציינדעלעך און אָט די גאַנצע סטראַשידלע איז אָנגע־טון אויף אַ דיגעם פאַפּעליאַטע האַלדז, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון רייפלעך און בייגט זיך שווער ווי אַ לאַנג נישט אויסגעשמירטע יוכטאָווע כאַליעווע... אָט אַזוי שטעלט זיך שלמה פאַר די באַזיצע־רין פונעם „קאַלטן פאַרשטאַנד". ער זעט זי ליגן אויף אַ געפלאַכטן בעטל אויפן כרמל, זיך באָדן אין ים־כנרת, טרינקען ווייַן פון דער בעסטער קאָלאָניע אין ארץ־ישראל — פתח תקוה. אירע פאַרמע־טענע באַקן גיבן זיך אַ צי איין, דער שמאָלער שטערן גיט זיך אַ רונצל און די פעדערלעך אויף אירע ליפּן גיבן אַ שמוצער: איי, איי, איי, איר זענט פאַרבלענדטע מענטשן, בלינדע, ממש בלינדע... פייגע צימעס צערינט און קעגן די סטרונעס קומט אויף אַ טיפע האַרבסטי־קע נאַכט. אויף דעם אָפּגעבליאַקעטן גראָז זיצט אַ קליין בחורל, ער טרייסלט זיך פון געוויין און רופט צום הימל:

— אָבער אַז כ'וויל נישט דערלעבן איבער אַ יאָר... כ'דאַרף נישט לעבן... ווילסטו מיך ברענגען קיין ארץ־ישראל, איז גוט. ניין, נעם דיר צו דיין נשמה... אָדער, אָדער...

דער קלויזגאָרטן צערינט און ער זעט, ווי יחיאל כאַפּט אַרום פּאָלין און קושט זי גלייך אין די רויזנליפּן...

אין פענצטער קלאַפּט מען מיט אַ פידזשעלע * פון אַ בייטש:

— דו גייסט צי ניין? די נאַכט פאַלט צו!...

שלמה קוקט זיך אַרום און די האַנט מיטן סמיטשיק פאַלט אַנ־מעכטיק אַראָפּ. ער שטייט ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. מיט שטאַרע אויגן קוקט ער אויפן פידל, ער געזעגנט זיך מיט אים. טאַדעאוש פרעגט פאַרטראַכט:

— וואָס האָסטו געשפּילט, פאַן שלמה?

שלמה זוכט מיט די אויגן דאָס בוך נאָטן, וואָס איז געלעגן פאַר אים, און זעט עס נישט. ער פינטלט נאַריש מיט די אויגן:

* פידזשעלע - דאָס שטעקל פון דער בייטש.

— דאָס זעלבע וואָס איר... וואָס הייסט, וואָס? מיר האָבן דאָך צוזאַמען אויפגעמישט...

— ניין, איך שפּיל שוין לאַנג נישט, און די נאָטן האָט וואַגדאַ צוגענומען.

— גלייבט מיר, איך וויים אויך נישט, וואָס איך האָב געשפּילט...

— אָך, אַ שאָד, שלמה, דיינע פינגערלעך. קיין לענינגראַד וואָלסטו געדאַרפט פאָרן. עס וואָלט פון דיר אַרויס אַ מענטש...

אין פענצטער וואַקסט אויס דעם בעל־עגלהס קאָפּ:

— דו גייסט צי ניין? וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ? דו גייסט? אַז נישט וואַרף איך אַלץ אַראָפּ פונעם וואָגן און פאָר מיר אַהיים...

שלמה האָט זיך ביי די הענט וואַרעם געזעגנט מיט אַלע דריי, זיך צוגעזעצט אויף אַ ווייל‏ע, לויט מאַרפּאַס באַפעל, און איז אַרויס־געשפּרונגען דורכן פענצטער. נאָך אַ מאָל האָט ער אַ קוק געטון דורכן אָפענעם פענצטער אין זייער געוועזענער שטוב אַריין. דאָרט איז שוין געווען אַ חשכות. פון דעם שוואַרצן חלל האָט געווייעט מיט פוסטקייט און מיט שוואַרצקייט. ער האָט אַרומגעקוקט דעם הויף, וו ער האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט. פון די פּאַניטשעס צימער האָט אַרויסגעשטעקט מוציקס מאָרדע. די פור איז שוין אין הויף נישט געווען. פון וויטן, באַרג־אַראָפּ האָט שלמה געזען זיך הוידען די פאַנטאַסטישע געביידע, מיט די פיסלעך אין הימל אַריין. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם טונקל געוואָרענעם הימל, אויף די באַלויכטענע פענצטער אַרום און אַ קרעכץ געטון:

— אָך, רבונו של עולם, וואָס וואָלט דיך געווען געאַרט, ווען די פור זאָל געוועזן דאַרפן פאָרן אין יענער זייט, צו יערקע צו, נישט אין דער זייט, דרייצן יאָר פאַרלוירן. ווען דען זשע? צי קיין מאָל נישט?

קאַפּיטל XXII

אויף דער בריק האָט ער אָנגעיאָגט די פור. די לאַנגע קוזניעצאָס מיט אירע איינשטאָקיקע הייזלעך האָט געטובלט אירע לאָמפּן אין טיקאַטש, הוידענדיק זיי אויף סמאָליע־שוואַרצע לאַנגע סטענגעס. אין איין קוזניע איז געווען ליכטיק. אין דער אַרומיקער פינצטער־ניש האָט מען דייטלעך געזען, ווי אַ פּרוי האָט צוגעלויכטן מיט אַ לאָמפּ: דער מאַן האָט אָנגעטון דעם פערד אַ פּאָדקאָווע אויפן פוס און עפּעס געשאָבן. איין פויער האָט געהאַלטן דאָס פערד פאַרן צוימל, דער צווייטער האָט געהיט די הינטערשטע פיס. פלוצלינג

האט זיך דאס פערד א ריס געטון און מיטן קאפ צעבראכן דעם לאמפ. די פרוי האט ארויסגעלאזט א ווילדן קוויטש און אין קוזניע איז פינצטער געווארן.

מען איז דורכגעפארן פארביי דער מומע גיטלס שטוב און שלמה איז אויף א מינוט אריינגעלאפן. לאזט זיך אויס, אז דער פאטער האט פארשטאנען, אז שלמה וועט אפטרעטן ביי דער מומען, און האט פאר אים דארטן איבערגעלאזט עטלעכע פעקלעך, וועלכע האבן די קינדער געשטערט צו האלטן די פיס. ער האט ארויפגעווארפן די פעקלעך אויפן סאמע „דאך", דעם בייכיקן סאמאוואר האט ער אויפ־געהאנגען אויף א פיסל פון א בענקל און זיי האבן זיך לאנגזאם ארויסגעקאטשעט פון דער שטאט.

אזוי לאנג, ווי דער וועג איז געגאנגען בארג ארויף, האבן נאך ערגעץ אין הער נידער שעמערירט פייערלעך. פון הייזער, וווּ מען האט געקאכט וועטשערע, האבן זיך פון די קוימענס ווי די שדים געטראגן פונקען, שטעכנדיק די נאכט מיט אנגעגליטע נאדלען. נאר אט האט דער וועג זיך אוועקגעצויגן גלייך און פון דער שטאט איז קיין סימן נישט געבליבן. די פינצטערניש איז דא געווען פיל שיטערער און די לופט נישט קאלט. אויפן הימל איז געהאנגען דער סוף־חודש. אויף דער גרויסער, שווארצער הימל־יארמעלקע איז קוים געווען צו זען צוויי, דריי שטערנדלעך. אויף ביידע זייטן וועג זענען געלעגן אפגעשוירענע ברויטפעלדער, אויסגעליידיקטע באשטאנעס, אויף וועלכע ס'האבן זיך אין דער פינצטער ווו נישט ווו דורכגע־שלייכט האלב־חרובע ביידלעך. די קוקורוזע־שטעקנס און די סאַ־ניעטשניקעס האבן זיך גאנצע נעכט געסודעט וועגן דעם געוועזע־נעם וועכטער פון דעם ביידל:

— נאך אזא שטיק זומער דא זיין, איז ער צוריק געווארן א שטאטישער אדער א דארפישער. איצט זיצט ער זיך דארט ערגעץ ביי א גלעזל טיי אדער ער מאכט א 501 * אדער ער פארריכט זיך די שטיוול אויף ווינטער און אונדז, זיינע געטרייע שכנים, דער־מאנט ער אפילו נישט. ער זאל כאטש געווען אונדז מיט זיך מיט־נעמען.

נאכן צווייטן בארג האט זיך אנגעהויבן דער בארימטער „טשאר־נאזיאם": איבערגעאקערטע ברויטפעלדער און פארזייטע אויף דאס ניי. נישט ווייט פון וועג האבן זיך געבלויט שיטערע וועלדלעך מיט ליסע ביימער. אט האבן זיי צוגעטאנצט צו דער סאמע פור און זענען צוריק אפגעשפרונגען, נאך א מאל זיך א יאג געטון צום וואגן און ווידער חרטה געקריגן. שלמהן האט זיך געדאכט, אז דאס טאנצן

* אזא שפיל אין קארטן.

זיי א „שער“. דער בעל־עגלה איז געגאנגען לעבן די פערד און האט אלץ „געוויאקעט“ אדער „גענוקעט“. עטוואס ווייטער פון דער פור איז שלמה נאכגעגאנגען, איינגעהילט אין דער פינצטערער, הארב־סטיקער נאכט. ער האט לחלוטין פארגעסן, אז ערגעץ אויף דער וועלט האט ער נאענטע מענטשן, אז ערגעץ האט ער געוווינט, ערגעץ קומט ער אן וווינען. אים האט זיך געדאכט, אז ער איז עלנט, איינער אליין אויפן גאנצן ערדקיילעך, און זיין נשמה האט געוויינט אויף א קול:

— ציון, ציון, מען פירט מיך ווי א געבונדענעם שעפס... וווהין פאר איך און וועמען האב איך דארט? וואס שווייגסטו, פאטער אין הימל? ווען וועל איך שוין קומען אהין? אהין, אהין, אין יענעם ארט, וועגן וועלכן עס זינגט זיך: „מקום שם ארזים, ועבים ישקו...“

עס פארשווינדט דער וואגן, דאס פעלד, די גאנצע זינדיקע ערד און ער אליין אויך. ער גייט נישט מער, ער שוועבט. אויף די פלייצעס פילט ער צוויי גרויסע פליגלען, פון די זייטן באגלייטן אים ליכטיקע מלאכימלעך און מען פליט ערגעץ. וווהין, ווייסט ער נישט. עס איז שטארק ליכטיק און שטארק פינצטער,ביידע זאכן צוזאמען. ציכטיקע וואלקנדלעך ווי זילבערנע פארע צערוקן זיך, מאכן א וועג. ער ווייסט נישט וווהין, ער ווייסט נישט נאך וואס — ער פליט. און די מלאכימלעך — פאר אים און הינטער אים. די מאדנע שיירא מיידט אוים פיל הימלען. אן א שיעור וועלטן. גאנצע פלאנעטן בלייבן אין א זייט ווי דערפלעך. שלמה פילט, דער קאפ דרייט זיך אים פאר געשווינדקייט, אין די אויגן טונקלט, אט, אט פאלט ער אראפ... ער נעמט זיך אן מיט מוט און גיט האסטיק א שלעפ פארן פליגל דעם מלאך, וואס פליט נעענטער פון אלע. יענער דרייט אוים צו אים זיין ליכטיק פנימל, שיין ווי די זון אום תמוז, און פרעגט מיט א זיס שטימעלע:

— וואס איז, קינד מיינס? וואס איז, שלמהלע?

— ס'איז מיר שלעכט, טייערער מלאך. איך פיל, אז די כוחות לאזן זיך מיר אוים.

— וואס זשע שווייגסטו? האסטו נישט געקענט באלד זאגן?

און ער רירט אן מיט זיין שיינענדיקן שפיץ פליגל אין שלמהס פלייצעס, בלויז איין רירעלע, און ער זאגט אים:

— איצט האב נישט קיין יסורים, דו קענסט שוין פליען נאך יארן און יארן...

און כך הוה: שלמה דערפילט זיך פיל מונטערער און פרייליכער. איצט ווילט זיך אים וויסן דעם ציל פון דעם פליען. כאטש א רמז... ער גיט נישט דרייסט ווידער א טארקע דאס שכנישע מלאכל.

— וואָס איז, מיין קינד?

— צי קען איך וויסן, וווהין פירט איר מיך?

— אזעלכע זאַכן זאָגט מען נישט...

— אָבער וועמענס שליחים זענט איר? וועמענס באַפעל פירט איר אויס?

— ווען עס וועט קומען די העכסטע מינוט, וועסטו אַלץ וויסן.

זיי פליען... הימלען שפּאַלטן זיך, הייליקע חיילות שטייען צו צו זייער סוויטע און פליען מיט. דער רחבותדיקער חלל אַרום זיי ווערט אַלץ לויטערער און לויטערער. עס זעט אויס, ווי זיי זאָלן שווימען אויף אַ ים פון קרישטאָל, באַשפּרענקלט מיט זונענשטראַלן אין אַ ריזיקן גינגאָלדענעם אין־סוף. ער רירט אָן ווידער דאָס גוטע מלאכל:

— כאָטש איין וואָרט... ווו זענען מיר?

— כ'וועל דיר זאָגן, כאָטש איך טאָר דאָס נישט טון. מיר געפינען זיך שוין נישט ווייט פונעם כסא־הכבוד, ברוך שם כבוד מלכותו!

שלמה ווערט דערציטערט: ער — פאַרן כסא־הכבוד... אין וועמענס זכות?

ער פרעגט ווייטער:

— ליבער מלאך, דו האָסט נישט געהאַט קיין טעות? איך בין אַ זינדיק יינגעלע...

— שווייג! דאָ טאָר מען נישט רעדן. קוק זיך גוט צו, אַזעלכעס זעט מען נישט קיין צוויי מאָל...

שלמה קוקט אויף אַלע זייטן. ער זעט גאָרנישט. ער פילט נאָר: מען פליט. ווידער ציט זיך דאָס פליען אומענדלעך לאַנג. אויף יעדן שריט און טריט שטייען צו צו זייער מחנה טויזנטער און טויזנטער מלאכים און אַלע שווייגן פייערלעך און מען הערט נישט פון קיינעם אפילו קיין קול דממה דקה און מען פליט און מען שוועבט. און פּלוצלינג — קיינער האָט דאָס נישט געזאָגט, ער אַליין האָט דאָס דערפילט, זיין נשמה האָט דאָס דערזען, אַלע אברים זיינע האָבן אזש אַ צאַפּל געטון:

— אָט! אָט דאָס איז עס...

ער האָט גאָרנישט געזען... אַרום אים זענען געווען אויסגעגאָסן די טייכן פון חשמל. די אויגן האָט ער מורא געהאַט צו עפענען, ער זאָל נישט בלינד ווערן. מיט אָן אבר האָט ער מורא געהאַט צו רירן, ער זאָל נישט געליימט ווערן. נאָר די אויערן האָט ער אָנגעשפּיצט, כדי ער זאָל גאָרנישט פאַרהערן.

עמעצער האָט געפרעגט:

— וועמען האָט איר דאָ געבראַכט?

אַ קול פון אַ מלאך, אין וועלכן ער האָט דערקענט זיין שכן, האָט געענטפערט:

— דאָס איז שלמה, דער זון פון צפורה און פון אפרים־אהרון.

— ווער האָט אים געפאָדערט אַהער?

— זיין הייליקער זיידע ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

— זאָל זשע אים עמעצער מודיע זיין, אַז זיין שלמה איז שוין דאָ.

— אָט קומט ער אַליין אָן, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב...

עפּעס האָט זיך אַ טרייסל געטון. די גאַנצע געגנט האָט זיך אַ קער געטון אין יענעם ווינקל, וווהין דער מלאך האָט אָנגעוויזן. עס איז געוואָרן נאָך שטילער, ווי פריער איז געווען. שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז אויף אַלע זיבן הימלען הערט מען נאָר דאָס קלאַפּן פון זיין האַרצן. ער האָט זיך נישט געקענט גובר זיין, ער האָט פאַרזיכטיק געעפנט די אויגן... און ער האָט אים דערזען... אויף אַ טויזנטל חלק פון אַ סעקונדע האָבן זיך זייערע בליקן באַגעגנט און זיך צונויפגערעדט. שלמה האָט מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ פאַרמאַכט די אויגן און זיך געוואָלט דערמאָנען:

— ווי האָט ער שוין אָט דאָס פּנים געזען? עס איז אים אַזוי קענטלעך...

און נישט קענענדיק זיך דערמאָנען דאַכט זיך אים גאָר, אַז יעדער איינציקער ייד איז מיט עפּעס וואָס ענלעך אויף זיין הייליקן זיידן, און דערויף מעג ער שווערן, אַז אין יעדן יידנס אויגן איז דאָ אַ פונק פון יענע ליכטיקע הימלשע אויגן. דער דאָזיקער געדאַנק איבערראַשט אים אויף אַזוי ווייט, אַז ער קלערט שוין גאָך אַ מאָל אָן עפן טון די אויגן און זיך איבערצייגן, צי איז דאָס טאַקע אַזוי. נאָר אין דער זעלבער סעקונדע דערטראָגט זיך אַ קול פון „דאָרט“:

— ברוך הבא, ר׳ ישראל בן שרה! וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער?

— איך האָב אַ בקשה צום בית־דין־של־מעלה.

— אָט דאָס ייִנגעלע האָט איר אַרויסגערופן?

— ס׳איז מיין אייניקל.

— און וואָס באַשטייט אייער בקשה, הייליקער בעש״ט?

— איך וויל, אַז אָט דעם שלמה בן צפורה זאָל דערלויבט ווערן צו באַטרעטן דאָס הייליקע לאַנד. ער האָט דערצו אַן אמתן כלות־הנפש...

אַ שטילשווייגן... פון „דאָרט“ ענטפערט מען גאָרנישט. עס שווייגן אַלע היילות, עס שווייגן אַלע עולמות, עס שווייגן דרי מעלה ודרי מטה...

ענדלעך דערטראָגט זיך אַן ענטפער. אַ קול דורכגעווייקט מיט צער זאָגט:

— מען קען גאָרנישט מאַכן, הייליקער בעש"ט... ס'איז אים נישט אָנגעצייכנט. דינא דמלכותא, דינא...

— גיט איבער דעם כסא הכבוד, אַז איך בעט שטאַרק...

ווידער אַ שטילשווייגן.

— איר קענט בעטן, וואָס איר ווילט, אָבער — שנוי מעשי בראשית — נישט... אייער אייניקל וויינט אין יענעם ווינקל, פון וואַנען מען פאָרט אין ערגעץ נישט...

דעם בעש"טס קול ווערט פאַרעקשנט, ער הייבט אָן:

— רבונו דעלמא כולה! ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען מעלמא דשקרא, איז איבערגעגאַנגען דער מרכז החסידות קיין מעזריטש. כ'האָב אויך געהאַט קינדער, נאָר כ'האָב נישט מתרעם געווען... שפּעטער, נאָך דער פּטירה פונעם גרויסן מגיד, אַז דער מעזריטשער חדר איז זיך צעפאַלן, האָט דער גרויסער ר' נחום אָפּגענומען אוקראַינע, דער רבי ר' אלימלך — פּוילן, די ריזשענער — אַזאַ געגנט, די קאַרעצער — אַן אַנדער געגנט. מיינע לייבלעכע קינדער, אויך קדושי עליון, זענען עפּעס געבליבן מן הצד. צי האָב איך אַ מאָל מענות געהאַט? ניין... דער עיקר איז יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה... דורך דעם יידן, צי דורך יענעם יידן, ס'איז נישט קיין נפקא מינה... אָבער איצט בעט איך לפנים משורת הדין, אַז אַט דאָס אייניקל מיינס פון נײַנטן דור זאָל יאָ זוכה זיין צו קומען אַהין, וווהין מיך בשעתו האָט מען נישט דערלאָזט.

ווידער איז שרעקלעך שטיל געוואָרן. שלמה האָט געפּלאַטערט מיט אַלע אברים. אויף דער איצטיקער מינוט שטייט די גאַנצע וועלט.

ער האָט נישט געוווסט, וויפל צייט ס'איז פאַריבער, נאָר גע־דאַכט האָט זיך אים: אַ גאַנצע אייביקייט. ענדלעך האָט דאָס קול פון „דאָרט" מונטער געענטפערט:

— הייליקער בעש"ט, איר האָט געפּועלט, אייך איז שווער אָפּ־צוזאָגן. אייער אייניקל שלמה וועט מיט זיינע אויגן זען דאָס לאַנד און זיך אָנזעטיקן מיט דאָרטיקער קדושה.

— איך וויל אָבער נישט, אַז ער זאָל קומען אַהין אַן עלנטער.

— מען טוט אייך דאָס אויך צו ליב. ער וועט קומען אַהין אין דער שפּיץ פון אַ גאַנצן שבט. זענט איר צופרידן?

— איך וויל זען די נפשות, וואָס ער וועט מיטברענגען מיט זיך אַהין.

— בכבוד גדול — קוקט!...

אלע האבן געקוקט, נאר שלמה האט געציטערט אויפצומאכן די אויגן.

— גוט, איך בין צופרידן. איצט זאגט נאך, ווען וועט עס זיין? פון „דארט" האט מען עפעס שטיל געענטפערט.

— פאר וואס אזוי שפעט?

— הייליקער בעש"ט, כאפט א קוק אהערצו...

א פארצווייפלטער הערט שלמה, אז מען בלעטערט א בוך. עמער־צער גייט דארט אריין בעובי הקורה. מען קוקט דורך יעדעס בלאט, מען איז מגיה שורה נאך שורה און דער בעש"ט ענטפערט:

— מילא, וואס קען איך העלפן? דעם אייבערשטנס דרכים זע־נען געררעכטע. איך בין צופרידן מיט דעם, וואס איך האב געפועלט. איר קענט דעם בן־אדם אפשיקן אהיים.

שלמה גיט ראש אן עפן די אויגן און טרעפט אויף זיך צוויי מעכטיקע קוואלן מיט ליכט. זיין זיידע קוקט אויף אים און שיינט. פון שלמהס האלדז רייסט זיך ארויס א כריפע:

— הייליקער בעש"ט!... מיט וואס בין איך דיין אייניקל? איך האב נישט די ווערט דיין נאמען צו דערמאנען.

נאר מען פליט שוין צוריק. די חיילות דארט זינגען קדוש, קדוש, קדוש און שלמה פליט אלץ נידעריקער און נידעריקער. ביים הארצן קלעמט א צוואנג: געוואן אזוי הויך און ארויס נישט וויסנדיק...

ער רירט אן דעם באקאנטן מלאך ביים שפיץ פליגל.

— וואס איז, מיין קינד, וואס איז, שלמהלע?

— דו האסט געהערט אלצדינג, וואס דארט איז געשמועסט גע־ווארן?

— און דו האסט העז נישט געהערט?

— נישט אלץ... טיילווייז געהערט, טיילווייז נישט... זאג מיר: א יא מען האט מסכים געווען דערויף, אז איך זאל קומען קיין ארץ־ישראל?

— יא, מיין קינד, דיין הייליקער זיידע האט פאר דיר אויסגע־פועלט...

— און ווען וועט דאס געשען?

— דאס טארסטו נישט וויסן.

— אבער פארט?

— פונקט ווי דער יום המיתה, אזוי בלייבט דאס אויך א סוד...

— אבער א ווארט...

— ס'וועט נאך געגוג געדויערן, נישט איין צענדליק יאר...

שלמה דערווארגט א זיפץ און כאפט אן דעם מלאך ביי זיין ליכ־טיקן העמדל:

— דאָס צעטל פון די מיטפאַרנדיקע האָסטו געזען?
— כ'האָב אפילו זייערע געזיכטער געזען...
— פאַלי יאַנים פון כמעלניק איז דאָ אין צעטל?...

קאַפּיטל XXIII

פלוצלינג האָט עפּעס אַ שרעקלעכן טראַסק געגעבן דערנעבן... שלמה האָט דערפילט, אַז ער קריכט אויף אַ גליטשיקן באַרג. ער האָט אַפּגעלאָזט דעם וואָגן און געעפנט די אויגן. צווישן זיינע פיס האָט זיך געוואַלגערט דער סאַמאָוואַר. דאָס בענקל איז געהאַנגען מיט די פיסלעך אַראָפּ. דער גוי האָט אָפּגעשטעלט די פור:
— וואָס האָט זיך דאָרט געטראָפן ביי דיר?
— דער סאַמאָוואַר איז אַראָפּגעפאַלן, ער האָט מיר שיר אין קאָפּ אַריין נישט געטראָפן...
— וואָס דען? כ'האָב פריער געוווסט, קוים שפּילסטו אויף פידל, אַזוי טויגסטו שוין צו גאָרנישט. שטיי זשע נישט, וואָס קלערסטו אַזוי לאַנג, הענג אים אויף אויף אַן אַנדער בענקל און בינד אים צו מיט דעם איבערגעריסענעם שטריקל. נו, גיכער אַ ביסל, ריר זיך... טאָמער איז מיר קאַרג, וואָס איך שלעפּ זיך ווי מיט אָקסן, איז נאָ דיר נאָך אַ שטיין.
שלמה האָט באַוואָרנט דעם סאַמאָוואַר. דאָס קרענטל האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפּגעבראָכנס, האָט ער עס באַהאַלטן אין טאַש און מען איז ווייטער געפאָרן. דער בעל־עגלה ביי די פערד און ער — נאָכן וואָגן. ער איז געווען דערשיטערט און זייער דערשלאָגן. ס'האָבן אים איצט נישט אַזוי געאַרט די טעלעכע צענדליק יאָרן, וואָס ער האָט נאָך צו באַגראָבן, ביז ער וועט דערזען דאָס, נאָך וועלכן עס גייט אים אַזוי אויס דאָס חיות. ווי ס'האָט אים פאַר־דראָסן אויפן סאַמאָוואַר. פונקט איז אים אויסגעקומען צו פאַלן, בשעת ער האָט געקענט געוווּיר ווערן, צי פאַלי איז זיינע צי ניין?
פון דעם דאָזיקן געדאַנק גיט אים אַ צופּ ביי דער נשמה:
— וואָס הייסט גאָר, יאָ צי ניין? ווי קען ער דען לעבן אָן איר? נאָ דיר גאָר ניין... הער אייבערשטער וועט מוזן זיין גוט צו אים און אים שענקען די שענסטע פון זיינע ברואים, פאַלין. ער, שלמה, וועט אויסבעטן און אויסוויינען ביי אים זיין גליק. עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין...
און ער הייבט אָן פאַנטאַזירן:
— וויפל אַ שטייגער קען געדויערן אין כמעלניק, ביז אים וועט זיך איינגעבן צו זען פאַלין, זיין טרייסט, זיין חיות, זיין איינציקע

האָפענונג? צוויי וואָכן? פיר וואָכן? צי אפשר גאָר נאָר איין וואָך? היד ד׳ תקצר?

דער פויער זאָגט, אַז ביזן שטאָט איז שוין קיין פינף קילאָמעטר נישט געבליבן. שלמה ווייסט נישט. דער האָריזאָנט איז שוואַרץ, מען זעט נישט קיין סימן פון קיין ישוב. דאָ שטייען נאָך תבואית ביי די זייטן וועג. וואָס זאָל דאָס זיין? צווייטער גערשטן, צווייטער קליעוור, צי אפשר גאָר צווייטער היי? ניין, צוויטן היי שניידט מען אין חודש אלול. דאָס קער שוין זיין דריטער אָדער גאָר קאָנאָפליעס. יענע ווערן שפּעט פּאַרטיק.

שלמה האָט אָנגעשטרענגט זיין קוק — גאָרנישט! קיין סימן נישט פון כמעלניק. ווייס איך וואָס... דער בעל־עגלה האָט געמוזט אַ טעות האָבן. ער האָט געוואָלט זאָגן פופצן און האָט געזאָגט פינף. און פּלוצלינג, גאַנץ אומגעריכט, זענען די פערד אַרויפגעפאָרן אויף עפּעס הילצערנעס. די פוסטקייט אונטער זייערע שווערע טריט האָט טויבלעך־רעשיק אָפּגעקלונגען אין דעם וואַסער. שלמה האָט דערקענט דאָס בריקל: כמעלניק! דאָס אָרט, וווּ פאָלי געפינט זיך... ער האָט זיך אין חער פינצטער צוגעבויגן צום סטופּטשיקל און מיט פאַרטרוקנטע ליפּן עס אַ קוש געטון. יאָ, אָט דאָס איז עס. אין דעם שטעטל לעבט זי. ער פילט דאָס, ער האָט עס דערשמעקט, ווי נאָר מען איז אַרויפגעפאָרן אויפן בריקל.

דער וועג צום איינפאָר, וווּ זיין פאָטער האָט געדונגען אַ דירה, איז שלמהן געווען באַקאַנט און ער האָט דעם פורמאַן גלייך געוויזן דעם וועג. אין די פענצטער האָט מען קיין מינדסטן קאַהאַניץ נישט איבערגעלאָזט, גלייך ווי קיינער דאַרף גאָרנישט קומען. אַלע שלאָפן געשמאַק, מען איז מיד פונעם וועג. שלמהן איז געווען אַ שאָד זיי צו וועקן. ער האָט זיך געווענדט צום פורמאַן:

— פעטערל, וויפל קלערסטו איז נאָך געבליבן ביז טאָג?

— נישט ווייניקער פון צוויי שעה און אפשר גאַנצע דריי.

— פאָלג מיך, ס׳איז אַ שאָד זיי וועקן, לאָמיר בעסער אָט דאָ אונטערן וואָגן כאַפּן אַ דרימל, ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן. די פערד שפּאַן אויס, גיב זיי עסן. מיין טאַטע וועט דיך גוט באַלוינען, ער איז נישט קיין קאַרגער. בלייבט עס אַזוי?

מען האָט אויסגעשפּרייט אַ בינטל היי אונטערן וואָגן, זיך איינגעדעקט מיט די פאַלטעס און אַזוי דערשלאָפן דאָס איבעריקע שטיקל נאַכט.

די וואָך פון נאָך סוכות האָט יאַני אין כמעלניק אויפן דאָרף צונויפגעפירט אַ וואָגן מעל. אין יענער נאַכט האָבן די פורן געדאַרפט אָננעמען דאָס מעל און עס אָפּפירן קיין יערקע. איבערלאָזן

אויף אַ גאַנצער נאַכט די מיל אַליין האָט ער נישט געקענט, דעריבער האָט ער פאַר נאַכט אָפּגעשיקט אַהין פּאָלין מיט אוראַמען, נאָר כדי אכטונג צו געבן און מער גאָרנישט.

פאַר טאָגלעך, ווען מען האָט אָנגעלאָדן דאָס לעצטע פורל מעל און ס'איז אָפּגעפאָרן, האָט די בעל־הביתטע פון דעם סקלאַד ספּע־ציעל אויסגעמאָלקן די קו. די יידישע פאַניטשלעך האָבן זיך צו זעט אָנגעטרונקען מיט פריש געמאָלקענער מילך און זענען געגאַנגען אַהיים כאַפּן אַ דרימל.

גייענדיק פאַרביי דעם איינפאָר, ווו אפרים־אהרון האָט זיך באַ־
וואָס האָבן געשמאַק געבראַמטשעט דאָס שמעקנדיקע היי.
מעל, וואָס איז געשטאַנען פאַרן טויער, און די געפענטעטע פערד,
וואָס האָבן געשמאַק געבראַמטשעט דאָס שמעקנדיקע היי.

— אוראַם, גיב נאָר אַ קוק, ווי הויך!... דו וואָלסט געקענט אַרויפקריכן אַזוי הויך?

— צו וואָס דאַרף מען קריכן אַזוי הויך, אַז מען קען זיצן אונטן.

— גיב נאָר אַ קוק, וואָס קבצנים שלעפּן מיט זיך: אָן אויסגע־בויגענעם סאַמאָוואַר אָן אַ פּיסקל. דו ווייסט נישט, אויף וואָס קען אַזאַ חפץ נאָך נוצן?

— איך ווייס נישט, פון וואַנען זאָל איך וויסן? מן הסתם אויב מען פירט, ווייסט מען, וואָס מען טוט... הלמאי, ווער קען דאָרטן שלאָפן אונטערן וואָגן? צוויי קעפּ זע איך, אַ גרויסן און אַ קליי־נעם. דו זעסט נישט, ווער דאָס איז?

פונעם ערשטן וואָרט זייערן האָט זיך שלמה אויפגעכאַפּט. דער־זען פּאָלין, איז ער פאַרשטאַרבן געוואָרן. עס איז זי שווער געווען צו דערקענען. זי איז פאַר דער צייט גרעסער און שענער געוואָרן. ערשט איצט האָט ער דערפילט מיט זיין גאַנצן וועזן, ווי טייער זי איז אים. ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן זיי, צווישן דעם יאַרידניקס יינגל און דעם מיל־נערס מיידל — אַ שוואַרצער אָפּגרונט...

דערקענענדיק אינעם קליינעם קעפּל שלמהן, האָט פּאָלי האַסטיק געגעבן אַ שלעפּ אוראַמען און זיי האָבן גענומען זיך דערווייטערן. מיט ברענענדיקע אויגן האָט ער זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זענען פאַרשוונדן. זיי האָבן זיך אפילו קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט. אַ שלעכטע פּאָלי, אָט די כמעלניקער!... פּאָלי פון זיינע חלומות איז פיל צאַרטער פון אָט דער... אָט די, די פרעמדע פּאָלי, שפּילט שלעכט די ראָל פון יענער, פון דער אמתער פּאָלין...

שלמה ציט אַריבער זיין פּאַלטאָ איבערן קאָפּ, באַמיט זיך צו פאַרגעסן, אויסצומעקן די ערשטע באַגעגעניש.

קאַפּיטל XXIV

עס איז פאַריבער חשון, עס איז פאַריבער כסלו. אפרים־אהרונס הויזגעזינד האָט זיך ווי ס'איז נישט איז איינגעאָרדנט און דאָס לעבן האָט זיך איינגעשטעלט כמעט נאָרמאַל. שלמה האָט גאַנצע טעג ביי דער מומע זלאַטען אין שטוב געלערנט מיט מנשהן.

ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי יאַנין אין שטוב. זיי וווינען זייער שיין, נאָך גרויסאַרטיקער ווי אין זוועניגאָראָדקע. טאַקע ניקלנע בעטן און טאַקע אַ שפּיגלשאַפע. אויף שבת — פּליושענע קאָלדרעס. אין דער וואָכן — פּוכאָווע דעקלעך. שיינע פאַרהענג־לעך. שייע און די שייעכע היטן אָפּ די ריינקייט אין שטוב און אַרום דער שטוב, ווי מען היט אָפּ אַ ציטערדיק קינד. אין קאָרידאָר פון פאָרנט ליגט אַ ראָגאָזשע פון שטרוי געפלאָכטן, וועלכע איז מחייב דעם אַריינגעקומענעם אויסטון די קאַלאָשן. טאָמער קומט ווער אָן קאַלאָשן, מוז ער שוין גיין דורך דער הינטערטיר. דאָרטן איז שוין אויסגעשפּרייט אַ זאַק. ערשט אַז מען ווישט זיך גוט אַרום, ליגט ביי דער טיר נאָך אַ זאַק און ביים אַריינגאַנג אין עסצימער ערשט ווידער אַ זאַק. אַ דאַנק די זעק, מעג זיין אויף דער גאַס די ערגסטע בלאָטע, דאָס גרעסטע געוויטער, איז ביי זיי אין שטוב גיגנאַלד. כאָטש אסתר און פאַלי האָבן אַליין נישט וואָס צו טון, דאָך קומט אַריין יעדן טאָג אין שטוב אַ גויע „צורוימען“, „אויפ־רוימען“, „פרישער מאַכן“.

יאַני איז גאַנצע טעג פאַרנומען. דאָס רוב ביי זיך אין שטעטל און אַ מאָל טרעפט, אַז ער פאָרט צו אין יענער מיל, וואָס ער האָט אין דערפל. פאַלי לערנט ביי עטלעכע לערערס מיט אַ מאָל. ריכטי־קער געזאָגט, עטלעכע לערערס נעמען געלט און מוזן זיך „ווייזן פאַר די אויגן“. פאַלי אַליין באַשטייט בעסער צו ליגן אין בעט און לייענען ראָמאַנען. אַווראַם לערנט ערנסט, ער איז אַ שטיק מתמיד. אָבער נאָר רוסיש; נישטאָ אין כמעלניק אַזאַ לערער, וואָס זאָל מיט אים לערנען העברעאיש.

עטלעכע וואָכן נאָך שלמהס קומען איז יאַני צוגעשטאַנען צו אפרים־אהרונען, ער זאָל שלמהן דערלויבן צו לערנען מיט אַווראַמען אַ שעה אין טאָג. אפרים־אהרון האָט אפילו שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט מאַכן דאָס קינד פאַר אַן איינגייער אין אַ שטוב, וווּ ס'איז דאָ אַ מיידל, נאָר יאַנין האָט ער נישט געקענט אָפּזאָגן. יענער האָט אונטערגעהאַלטן די פּיאַטאַגאָרסקים מיט גרויסע הלוואות, אַרויס־

געהאָלפֿן פֿון אַלע׳ נויטן. און שלמה האָט אָנגעהויבן געבן לעקציעס ביי די טולטשינסקיס פֿון העברעאישער שפּראַך און יידישער היס־טאָריע.

די לעקציע פֿלעגט געגעבן ווערן נאָך מעריב און פֿלעגט זיך פֿאַר־ציען אָפֿט מאָל ביז האַלבער נאַכט. כפי המדובר האָט עס געהייסן, אַז ער לערנט נאָר מיט אַווראַמען, אָבער ביים טיש פֿלעגן שטענ־דיק זיצן אַלע בני־בית. יאַני פֿלעגט וועגן אַלצדינג אָנזאָגן זיין מיטהעלפֿער, אַליין אַראָפּוואַרפֿן די שיך און זיך צושפּאַרן אויף דער סאָפֿע. ואסתר, מיט אַ קניילעכל ביינוול און מיט אַ זאָק, ביי אים צופֿוסנס און אַלע קינדער אַרום טיש. צו דער שפּראַך האָט פֿאַלי נישט געהאַט קיין גרויסן חשק. אָבער ווען עס פֿלעגט קומען צו דער היסטאָריע, פֿלעגט זי זיך אַוועקזעצן קעגנאיבער שלמהן, אָנשפּאַרן איר שיינעם קאָפּ אויף דער האַנט און נישט אַראָפּנעמען פֿון אים קיין אויג. די שפּראַך האָט זיי שלמה געלערנט פֿון סידור, פֿון פּסוק, און היסטאָריע — פֿון קאָפּ.

יענער ווינטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע שנייען און זאַווערוכעס. אין דרויסן דער ווינט מאַכט אַן חורבונות, פֿליקט דעם שינדל פֿון דאַך. אַנטקעגן, ביי מאיר דעם שטריקלמאַכער, האָט ער אין גאַנצן אומגעוואָרפֿן די לאַנגע קאַמער, ווו ער דרייט די שטריק. אָבער ביי יאַנין אין שטוב איז פֿון דעם ביין געוויטער נאָך אָנגענעמער. די וואָרעמקייט צעגייט זיך אין אַלע אברים. פֿיר פּאָר קינדערשע אויגן און צוויי פּאָר גרעסערע הענגען אויף שלמהס פּנים. אַנטקעגן שלמהס פּנים איז פֿאַרהאַנגען דער עלעקטרישער לאָמפּ: ער האָט נישט ליב צו דערציילן, ווען ס׳איז צו פֿיל ליכטיק. ער באַגענט זיך מיט פֿאַלים אויגן, וואָס זעען אויס אַזוי פֿאַר־חלומט, אַזוי ווייט פֿון דאַנען. און ווידער שווימען אַרויס אין צימער בילדער פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, פֿון כמעלניצקיס פּאָגראָ־מען, פֿון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל אין די צייטן פֿון די נוסעי־הצלב. די בילדער זענען שוידערלעך דייטלעך, די העלדן פֿון שלמהס דערציילונגען פֿילן אַן די שטוב, זיי לעבן אין די הערצער פֿון זיינע שילער. די עלטערן פֿלעגן אים שטענדיק באַגלייטן פֿון דער שטוב מיט דאַנקבאַרע בליקן. צו די קינדער פֿלעגט יאַני זאָגן:

— געדענקט מיין וואָרט, שלמה וועט אַ מאָל זיין אַ גרויסער מענטש. דאָס איז נישט סתם אַ געראָטן קינד, אין אים ליגט אַ פֿאַרבאָר־גענער כוח. אָט וועט איר זען, איך בין דער גרויסער מבין אויף אים...

פֿאַלי ליגט אונטער דער זיידענער קאָלדרע. דער פֿרישער, בלאַנקענדיקער לייַלעך קילט מחיה איר גליענדיקן מיידלשן קערפּער און זי טראַכט שווער:

— וואָס געפינט דער טאַטע אין אים אויסערגעוויינלעכס? וואָס ער דערציילט שיין אַ מעשה? זענען דאָך אין אַלע אָפּגעשטאַנענע אַזיאַטישע לענדער אַלע מאָל געווען „באַסיעניקעס", „סטאַרצעס" און „ראַסקאָזטשיקעס" *. וואָס איז אין אים דער אַנטיק? או וואַ! אַ גרויסע מעצאָצע... מיר געפעלט דאָס גאָרנישט פאַר קיין פּראַ־פּעסיע. און וואָס ער קען גוט יידיש? ער האָט געלערנט, קען ער... אַ סימן איז, אַלגעמיינע לימודים האָט ער נישט געלערנט, קען ער טאַקע נישט... ווייס איך וואָס, דער טאַטע קען דיר אויפשטעלן אַ ווינטמיל... אויפן הימל אַ יאַריד... און דערצו איז ער גאָר קיין קאַוואַליער נישט... אַ חסידל...

אַ באַרויקטע קערט זיך פאַלי איבער מיטן בויך אַראָפּ, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. זי קען נישט שלאָפן. ס'איז איר שרעקלעך הייס. זי גיט אַ דריגע מיט די פיס, די קאָלדרע ליגט שוין אויפן פאָל. נישט שיין אַזוי, אוראַמס בעט איז אַקעגן. זי נעמט אַ ליילעך פון שופלאַד, וויקלט מיט אים אַרום איר נאַקעטן לייב. אָט דאָס איז גוט! איצט וועט זי באַלד איינשלאָפן. און מכוח שלמהן איז דער טאַטע נישט אין גאַנצן אומגערעכט. ער איז נישט פּשוט קיין מעשות־דערציילער...

פאַר אירע האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן וואַקסן אויס שלמהס גרויסע טיפע ערנסטע אויגן:

— ניין, דער טאַטע האָט רעכט, ער איז נישט פּשוט קיין מעשות־דערציילער... וואָס זשע דען איז ער? אַן איינגעליבטער איז ער! ער עסט מיך אויף מיט די אויגן. ער קוקט שטענדיק אַזוי בעטנדיק, אַז עס גלוסט זיך אַזש וויינען.

דאָס האַלב שלאָפנדיקע מיידל בייגט זיך אַראָפּ, הייבט אויף אַן עק פון דער זיידענער קאָלדרע, קוועטשט אים צו, שטאַרק, שטאַרק צו אירע יונגע ברוסטן און שעפּטשעט:

— דו ביסט שלמה? יאָ?

זי באַגראָבט דאָס צעפלאַמטע פּנים אין גלעטנדיקן זיידנס און קושט און קושט...

— דו ביסט שלמה? יאָ?

אָט אַזוי, מיטן קנויל קאָלדרע אויפן האַרצן וועט זי אַנטשלאָפן. אין דער ״פּרי ביים איבערבייסן דערציילט אסתר, אַז פאַלי איז אַ פּנים אַ לונאַטיקערין. אין מיטן שלאָף איז זי געגאַנגען צו דער שאַפע נאָך אַ ליילעך. פון דער קאָלדרע האָט זי געמאַכט אַ קוקלע. עפּעס אַן אומרו, נישט קיין קינד... פאַלי הערט אויס און גלייבט

---

* אַלע דריי נעמען מיינען וואַנדערנדיקע פאָלקס־דערציילער און פאָלקס־זינגער.

אויך, אז זי איז אן אומרו, נישט קיין קינד. וואס נעכטן איז געשען, געדענקט זי א וואָרט נישט.

נאָך עטלעכע וואָכן לערנען מיט אווראמען האָט אווראם אָנגעהויבן צו געבן שלמהן א קורס אלגעמיינע לימודים. אפרים־אהרונען איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס שלמה קומט אהיים האלבע נאכט, און האָט קורץ און שאַרף באַפוילן:

— יאַני האָט ביי מיר געפועלט אויף א שעה, טאָ זאָל זיין א שעה, נישט קיין זיבן. איך לעב נאָך דערווייל נישט פון דיין מלמדות. חו הערסט צי ניין?

אין א שטיקל צייט אַרום ווענדט זיך פאַלי צו שלמהן:

— שלמה, דינה כאַדאַראָוו האָט מיר דערציילט, אז שבת־צו־נאכטס האָט איר ביי זיי עפּעס געלייענט, האָט אפילו די מומע געלאכט און מנשה האָט פשוט געגאָסן מיט טרערן פאַר געלעכטער. ווי אזוי רופט מען יענץ ביכל?

— „שווער צו זיין א ייד" פון שלום עליכמען.

— דאָס ביכל איז אייערס אן אייגנס?

— ווי דען?

— לייענט עס ביי אונדז אויך.

— אייער פאָרשלאָג איז פאַר מיר אוודאי א גרויסער יצר־הרע, נאָר דאָס איז נישט אזוי גרינג צו מאכן.

— ווער שטערט אייך הען דאָ?

— דאָ שטערט מיר קיינער נישט, ערגעץ אנדערש שטערט מען.

— וווּ הייסט ערגעץ אַנדערש? פאַר וואָס רעדט איר מיט א האַלבן מויל?

— כ'האָב געמיינט, איר וועט זיך שוין אליין אָנשטויסן... מיין טאַטע איז פון מיין גאַנצן גיין אהער נישט צופרידן...

— נישט צופרידן? פאַר וואָס?

— מן הסתם האָט ער טעמים. כ'ווייס?

— געשיקט זיך, אז איר זאָלט נישט וויסן זיינע טעמים? זאָגט, פאַר וואָס איז ער אומצופרידן?

— ביי חסידישע יידן ווי מיין טאַטע, אז א יינגל גייט אָפט אריין אין א שטוב, וווּ ס'איז דאָ א מיידל, הייסט עס... מיט איין וואָרט, זיי האַלטן נישט דערפון.

— אז א יינגל גייט אָפט אריין אין א שטוב, ווו ס'איז דאָ א מיידל, איז וואָס זשע הייסט דאָס? כ'וויל וויסן... איר זאָלט שוין זאָגן, וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט, אז דאָס יינגל גייט אריין צום מיידל...

א בליץ שניידט דורך פאַלים אויגן. א ווייַלע קוקט זי אויף

אים דורכנעמענדיק, דאן מאכט זי א נעבעכדיק פנים און זאגט האלב פרעגנדיק, האלב באשטעטיקנדיק:

— אבער אין דעם פאל איז דאך דאס נישט אזוי? אמת, אז ניין?

שלמה איז בלייך און ענטפערט גארנישט.

— פאר וואס זשע ענטפערט איר נישט, שלמה? ס'איז דאך נאר א בלבול אויף אייך, ניין אפשר?

שלמהן איז שווער צו ענטפערן אונטער איר שארפן קוק. נאר די שטילקייט פאדערט אן ענטפער. ער גיט איר א קוק גלייך אין די אויגן און זאגט שטיל:

— פאלי, ווען דאס וואלט געווען אין גאנצן א בלבול, וואלט איך דעם טאטן דאס געזאגט...

— איז דאס, הייסט עס, נישט אין גאנצן קיין בלבול? אינ־טער־רעסאנט! אבער מיר זענען דאך נאך לעת־עתה פיצלעך קינדער...

— פאלי, איך בין אייך גארנישט געגאנגען זאגן, איר האט ווערטערווייז ביי מיר ארויסגעצויגן דאס, וואס איך האב נאך קיין מאל פאר דעם מויל נישט געבראכט.

— אבער איר זענט דאך נאך קיין פופצן יאר נישט אלט?

— לאמיר בעסער רעדן פון עפעס אנדערש...

— ניין, לאמיר נישט רעדן פון עפעס אנדערש... יא, זאגט מיר, אבער ווי די זאך איז, קענט איר דאך אייער טאטן זאגן, אז ס'איז א בלבול, וועט ער זיך אפטשעפען פון אייך.

שלמה שווייגט.

— פאר וואס זשע ענטפערט איר נישט?

— פאלי, מיר איז שווער אויף דער פראגע צו ענטפערן. זאל זיין דאס מאל אזוי!

— ניין, ווייל אייך איז שווער, וויל איך דאס וויסן. פאר וואס זאגט איר נישט אייער טאטן, אז ער האט א טעות, אויפן הימל א יאריד.

שלמהס אויגן גיבן א שאט מיט פלאמענדיקע קוילן:

— זאלט איר וויסן זיין, פאליא טולטשינסקאיא, אז עס זענען פאראן זאכן ביי א מענטשן, וואס אפילו אלם א ליגן וויל ער זיי נישט ברענגען אויף זיין צונג.

פאלין גייט דורך א ציטער איבערן לייב:

— גאט מייגער, איר זענט א מסוכנער מענטש און אן ערנסטער אזא... מאמע!... מילא, זאל שוין זיין דאס מאל אזוי. — יא, איז וואס זשע בלייבט מיטן לייענען? איך וויל דאך אזוי שטארק אייך הערן לייענען...

— כ'וועל זוכן אן אופן. איך וויל די זאך אפשר נאך שטארקער פון אייך...

— וועלכעס בוך וואלט איר אויסגעקליבן פאר אונדז, שלמה?

— איך? וועלכעס בוך? איך וואלט אויסגעקליבן „יאסעלע סאלאוויי".

— דאס איז אן אינטערעסאנטער בוך?

— אך־אך־אך!...

— א וויינענדיקער?

— א וויינענדיקער.

— איך האב ליב טראגעדיעס. ווער איז דער שרייבער?

— אויך שלום עליכם.

— טאקע? שרייבט ער, הייסט עס, דער שלום־עליכם אייערער אי קאמעדיעס אי טראגעדיעס. א כלבויניק, הייסט עס, ציקאווע צו הערן... אוי, לייענט עס אונדז. לייענט ביידע. שלמה, טוט עס צוליב מיר און אייער טאטן זאגט, אז איך בין גאר נישטא הי... אוועקגעפארן... אך, אט די חסידישע יידן... ער פארגינט מיר נישט, טאמער וועל איך האבן א שעה פארגעניגן... איז אפגעשמועסט?

שלמהס לייענען ביי יאני אין שטוב האט געהאט גרויס דער־פאלג. שלום עליכמס ראמאנען האבן אויף אלע צוהערער געמאכט א טיפן איינדרוק. דער עולם האט געוויינט און געלאכט. אפילו יאני אליין איז אויך ארומגעגאנגען א צעקאכטער, גארנישט אויף דעם עולם. פאלי האט געדאנקט, אוראס האט זיך געגעבן דאס ווארט זיך אויך אויסלערנען אזוי צו לייענען. זייער יינגער שוועסטערל סאנקע האט נישט אויפגעהערט צו וויינען אויפן וויסטן גורל פון די אומגליקלעך פארליבטע.

אפרים־אהרון האט אנגעשמעקט, מיט וואס שלמה פארנעמט זיך דארטן, און אים פארבאטן פון יענעם טאג אן, אריבערצוטרעטן די שוועל פון די טולטשינסקיס:

— אויב יאני דארף האבן א ווייבערשן פירזאגער, בין איך אים נישט קיין פאדריאדטשיק. און אוראס, שטייט מיר אן, זאל פארן קיין זוועניגאראדקע צו שמעיה פאקוטילאווער לערנען. עס וועט פון אים גארנישט אפפאלן. און אז נישט, איז דער נייער אפטייקער, וואס איז געקומען פון אומאן, אויך א שטיקל „יודע־נגן". זאל ער מיט אים קנעלן. און דו זאלסט מיר אויפן אלטן שטיי־גער אויסחזרן דריי בלאט גמרא א טאג... מיט די תוספותן... ווי א וואסער... און טאמער נישט, גלייב מיר, וועסטו אפלייזן פאר דער גאנצער צייט. וואס מיר איז אויפן הארצן, וועט דאכט זיך אויסגיין צו דיין קאפ, צו דיינע הענט און פיס און צו דיין לייב

און לעבן. דאן וועסטו שוין וויסן ווי אזוי צו פראווען קאמעדיאנ־טישע שטיק פאר יאנים קאלב. כדאי געווען דיך אויסהאלטן ביז פופצן יאר ביי יורה־דעה מיט פרי־מגדים, כדאי געווען... נישטא וואס צו רעדן, זיך שיין אויסגעהאנדלט. איך מעג טאקע קריכן פון דער הויט. פליען פון איין יאריד אויפן צווייטן, כדי מיין קדיש זאל קענען פירן ראמאנטשיקעס מיט רייבע שיקסעס...

קאפיטל XXV

פון יענעם טאג אן האט זיך פאלים געשטאלט אין שלמהס הארצן פארוויקלט, פארשלייערט, פארריגלט נאך זיך אלע טירען, ביז עס וועלן קומען בעסערע צייטן. שלמה האט געוווסט, אז יחיאל דאקעגן איז יא אן אפטער גאסט ביי יאנין אין שטוב. ער גייט אפט מיט פאלין אין קינא, וואס מען וויזט אויפן דארף. פאר געלט, וואס ער שלעפט ארויס פון שותפותדיקן קעסטל, קויפט ער אן פולע קעשענעס מיט קאנפעקטן און מיט סעמעטשקעס און איז מכבד פאלין. שלמהן קאסט פיל געזונט, ווען ער הערט אויס אזעל־כע גרינסן, נאר וואס קען ער העלפן? יחיאל דעם זיידנס טויג זיך פארט אויס צו א מיידל, בעסער פון אים. אמת, ער קען נישט קיין פינף הונדערט בלאט גמרא בעל־פה און אפילו קיין פרשה חומש מיט רש״י אויך נישט, אבער ער באגייט זיך ווי עס איז אויך אן דעם. א כאפ טון א מיידל ארום דער טאליע, איינרוימען איר א סוד אויפן אויער און בשעת מעשה זי א קוש טון, דאס קען ער זייער גוט... און ער, שלמה, קען ליב האבן טאקע נאר אין זיך... טרוקענען און שווייגן.

מנשה קוקט זיך צו צו זיין יונגן חבר און איז דאכט זיך א מבין אויף אים. שלמה פארווישט אלע שפורן פון זיינע דער־דריקטע געפילן, ברענגט קיין מאל נישט דעם נאמען טולטשינסקי פארן מויל, נאר קענן מנשהס הויש־הריח איז דאס א שוואכער מיטל. מנשה זעט אים אויף דורך און דורך. אן ווערטער לייענט ער פון שלמהס געזיכט אלץ, וואס אין אים קומט פאר.

יחיאל פלאנטערט זיך יאנין אונטער די פיס, פארלויפט אים אלע וועגן, אבער יאני באמערקט אים נישט. יאני איז פארקאכט אין שלמהן גארנישט אויף קאטאוועס. דערפילנדיק, אז שלמה מיידט אויס זיין שטוב, שלעפט ער אים אין בית־מדרש עפעס לערנען מיט אים. ער גיט אפרים־אהרנען א גמילות־חסד, אויס־רעכענענדיק דערויף, אז ער וועט אים אפשיקן מיט שלמהן. א מאל טוט עס טאקע אפרים־אהרון און א מאל נישט. ווען שלמה ווערט

שוין יאָ אַ מאָל אין אַ יובל אַראָפּגעשיקט צו יאַנין אין שטוב אַריין, איז פּאָלי אָדער ביים לערער אָדער אַוועקגעגאַנגען מיט די גליטשערס. אָט אַזוי גייען אַוועק וואָכן און חדשים און שלמה זעט נישט דאָס פּנים פון זיין געליבטער.

אין יענעם טאָג, וואָס יחיאל דעם זיידנס האָט געבראַכט צום ערשטן מאָל זיינע גליטשערס צו זיך אין שטוב אַריין, האָט זיך דאָרט געטון אויף טיש און אויף בענק. דער זיידע האָט געקלאַפּט מיט די קולאַקעס אין טיש:

— מען זאָל מיר אַנטון אַ בזיון פאַר דער גאַנצער שטאָט, וועל איך נישט דערלאָזן! אדרבה, וויזו, דו שגץ איינער, וועלכער לייטישער בחור וועט עס נעמען פאָרן אויף „קאָנקעס"?

— מילא, בין איך נישט קיין לייטישער בחור, איז שוין גוט?

— וואָס זשע איז דאָ דאָס גוטסקייט, זאָג מיר? אָט שטייט שלמה...

— אויף שלמהן ווייז מיר נישט. אויף שלמהן ווייזט ער מיר אָן! געפונען פאַר מיר אַ גלייכן...

— וואָס זשע, שלמה האָט קיין נשמה נישט? שלמהן גלוסט זיך גאָרנישט?

— כ'בין נישט געווען ביי אים אינעווייניק... כ'ווייס נישט, צי ער האָט אַ נשמה צי ניין, נאָר שלמה קען זיך באַגיין אָן אַ סך זאַכן... מאַלע, וואָס שלמה... הלמאי שלמה קען אַוועקזיצן ביי דער מומע זלאַטען זעקס און אַכט און צען שעה איבער דער גמרא. הלמאי שלמהן פעלט נישט אויס קיין קינאָ. אַז אפרים־אהרון זאָגט ניין, איז ניין! און נאָך, און נאָך אַנדערע זאַכן.

— וואָס זשע עפּעס דווקא שלמה? און מיכאל האָט דען יאָ „קאָנקעס"?

— ווייל ער איז אַ קמצן. אים איז אַ שאָד די זעקס רובל. און ווידער, מיט וועמען וועט ער פאָרן? ער האָט אַ קאָמפּאַניע? אַליין האָט עפּעס אַ טעם?

— פאַר וואָס האָט עס פאַר דיר יאָ אַ טעם?

— איך האָב אַ קאָמפּאַניע. אַ קאָמפּאַניע האָב איך... פאַרשטייסטו שוין?

ברכה וואַרפט אַרויס אַ קלוג געלעכטערל:

— איי, טאַטע, וואָס דערציילט ער דיר מעשות, קאָמפּאַניעס אהער, קאָמפּאַניעס אהין, אין כמעלניק זיינען נישטאָ קיין קאָמפּאַניעס. די „קאָנקעס" דאַרף ער דערפאַר, ווייל אסתר דעם באַנדערס טאָכטער האָט אויך „קאָנקעס". אָט דאָס איז די גאַנצע קאָמפּאַניע. און דו שטייסט און הערסט זיך צו. חוץ ווי ביי זיי

ביידן, איז אפילו אויף א רפואה געפינסטו נישט קיין „קאנקעס“ אין במעלניק.

רויט ווי א העליש פייער כאפט יחיאל דעם אייזערנעם מע־טער פון דער פאליצע און ווארפט זיך אויף ברכהן:

— אט וועל איך דיר געבן, דו שווארצע מכשפה, א באנדער, וועט דיר שוין באנדערן אין אלע אברים!

די באבע זעלדע גיט זיך א ווארף צווישן זייביידע, כדי זיי צע־נעמען, און דער מעטער טרעפט מיט דער שארף גלייך אין איר קראנקן פוס אריין. א הארצרייסנדיקער געשריי טרייסלט אויף די גאנצע שטוב:

— גוואלד יידן, ער האט מיר דערהרגעט! גוואלד געשריגן, דער רוצח האט מיר צום איבעריקן צעקאליעטשעט מיינע קרומע פינ־גער. פא־ווא־ליע... טשעפעט נישט...

יחיאל שטייט א פארלוירענער מיטן מעטער אין דער האנט, נאך דערזעענדיק ווי ברכה האט זיך צוגעבויגן צו דער מוטערס פיס, דערלאנגט ער איר מיטן מעטער איבער דער פלייצע און לויפט ארויס פון שטוב. ברכה פאלט אום אויף דער ערד מיט א היס־טערישן קוויטש:

— מאמע, דיין באנדיט האט מיך שוין אויך געהרגעט!...

אין גרויסן טומל כאפט דער זיידע דערוויל די „קאנקעס“ און פארווארפט זיי הינטער דער שטייג פון די גענדז.

שלמה פארשטייט נישט, פאר וואס עס האט יחיאלן אזוי פאר־קאכט, ווען ברכה האט דערמאנט דעם „באנדער“. אייגענטלעך איז מאיר דער באנדער געווען א באנדער נאך בחורהווייז און באלד נאך זיין התונה האט ער זיך פארן נדן געקויפט אן „אוליינע“ * דערנאך דעם ווינזאוואד, צום לעצט די גרויסע מיל און אזוי איז ער שוין פארבליבן א מילנער אויף אלע יארן. און אזוי אלע זיינע זעקס זין און פינף איידעמס, אדער זיי האבן מילן, אדער זיי ארבעטן אין מילן. נישט מער, דער נאמען איז פארבליבן „מאיר דער באנדער“, „דאס באנדערס קינדער“ און אין א ביי־זער מינוט: „די באנדערוקעס“...

שלמה ווינטשט זיך מיט א פארקלעמט הארץ:

— הלוואי וואלט מען מיר שוין אויך פירגעווארפן „דעם באנ־דערס איינקל“, אבי איך זאל זיך אויך מעגן גליטשן בחבורתא מיט פאלין, זיך האלטנדיק פאר די הענט ווי יחיאל דעם זיידענס. ס'איז פאריבער „ראזשדעסטווא“. ס'איז פאריבער „נאווע־

---

* א בוימל־זאוואדל.

גאָד" *. דער פדיון אין קלייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט געמאַכט אַ מדידה ** און דער קראָם און ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז נאָך אַלע האַרעוואַניעס האָט מען בסך־הכל אַ היפּשן דעפיציט. עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די שותפים אַ גיפטי־קער ויכוח.

אפרים־אהרון האָט געטענהט:

— ווי אַזוי האָט דען געקענט אַנדערש זיין, אַז ברכה האַלט שטענדיק אין איין לעקן דאָס טעכטערל? מיכאל איז קיין מאָל נישט אויסגעשלאָפן. טאָמער דערהערט ער, אַז קיין זוועניגאָראָדקע איז געקומען עפּעס אַ „טרופּע", איז פאַרפאַלן די קו מיטן שטריק. מעגן שוין ברענען אַלע יאַרידים מיט דער גאַנצער סחורה, פאַרט ער שוין קיין זוועניגאָראָדקע נישט אויפן יאַריד. וואָס איז? ווער קען דאָס אים אַ דעה זאָגן? דער טאַטע צעברעכט זיך שטאַרק, צי די מאַמע האָט ביי אים אַ וואָרט? איך היט מיר שוין מיין כבוד; טאָמער רעד איך אויס אַ וואָרט, איז באַלד: לערן דיינע קינדער, נישט מיך. מיין משפחה וועל איך נאָך ווי עס איז אָנהאָדעווען. יחיאל? פון אים איז דאָך אָפּגערעדט. אים ליגט דער קאָפּ ביי די „קאָנקעס". ס'איז אים אַ גרויסע נפקא מינה, צי מען לייזט יאָ געלט צי ניין, דער עיקר, אַבי אין שופ־לאָד זאָל זיין געלט אויף נאַשערייען.

יחיאל האַלט נישט אויס:

— כ'האָב נאָך דיינס נישט גענומען, בעל־תכלית מיינער, דערווייל העלפן מיר דיר און נישט דו אונדז...

— איר העלפט מיר? מיט וואָס זשע העלפט איר מיר? אדרבה, לאָמיר הערן...

ברכה שלאָגט אָפּ זיין קוראַזש:

— שאַ, שאַ, אפרים־אהרון, שטעל נישט אַזוינע קלאָץ־קשיות. דו ווייסט גאָרנישט, מיט וואָס מיר העלפן דיר? נו, אַז דו ווייסט נישט וועל איך דיר זאָגן: צי איך לעק דאָס קינד, צי זי לעקט מיך, צי די חברה העלפט פיל צי ווייניק, אָבער אין שטוב איז שטענדיק אַ הו־האַ, עס זידט, ווי אין אַ קעסל. ביי אַ קלייט קען אַנדערש נישט זיין. דערווייל שלעפּן מיר אַלע דעם אַקער, אפילו דער טאַטע אויך. דאַרף מען וואָסער, איז — טאַטע, דאַרף מען אַ נייטיקן גאַנג, איז — טאַטע, און ביי דיר קיין עין־הרע איז טאַקע צפּורה אַ שטוב־בעל־הביתטע, זי ווייסט אפילו

---

* קריסטלעכע יום-טובים.

** דאָס איבערמעסטן און איבעררעכענען די קראָם.

נישט, וואָס הייסט אַ קלייט. מהיכא־תיתא, זאָל איר גאָט העלפֿן, אָבער דו דאַרפֿסט דאָך וויסן די ווערטער דערפֿון... שלמהלע איז שוין קיין עין־הרע אַ בחורל פֿון פֿופֿצן יאָר, זיצט ער ביים לערנען. זייער שיין! פֿאַר וואָס נישט? אָבער עמעצער טוט דאָך פֿאַר אים! צי מלאכים טוען פֿאַר אים? דינה, אַ מיידעלע דאָס דריי־צנטע יאָר, וואָלט שוין אויך געקענט עפּעס העלפֿן, צוקערן, צורוימען, צונויפֿלייגן די סחורה, פֿון דעסט וועגן זעט מען זי נישט פֿאַר די אויגן... איז וואָס זשע ביסטו נאָך אין כעס, אַז יחיאל זאָגט דיר? —

— אָבער איך איינער באַשטיי פֿאַר אייך אַלע צוזאַמען...

ברכה לאַכט שוין נישט, זי איז שוין רעכט אין כעס:

— שווייג כאָטש, אפרים־אהרון, האָב בזיון. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַ משוגעת. ער באַשטייט פֿאַר אַלע... ווער האָט דיר געזאָגט, אַז דו באַשטייסט? קענען קיינעם באַשטייסטו נישט... נאַ דיר אַזאַ איינערדעניש...

— וואָס זשע, דו וועסט גלייכן מיין אַרבעט צו דער אַרבעט פֿון אָט די סמאַרקלער?

— אַז דו וועסט זיי אַזוי אָנרופֿן, וועסטו זיך דערדינען, אַז זיי וועלן דיך צוריק אויך אַזוי אָנרופֿן.

— ווער? זיי מיך?

חברה מיט אַ געשריי:

— יאָ, מיר — דיך... פֿאַר וואָס נישט? מיר וועלן זיך לערנען ביי אונדזערע עלטערן ברודער.

דער זיידע שלום איז אויפֿגעשפּרונגען:

— ע, קינדער, דאָס טויג שוין גאָר אויף דריי און אַכציק כפּרות. דאָרט וווּ מען קריגט זיך, קען שוין די ברכה נישט שולט זיין. איר ווילט מיך הערן? פֿאָלגט מיך און צעטיילט זיך. ס'איז היינט אַלעמען שלעכט. צעטיילט זיך! איידער זיך קריגן פֿון דער נאָענט, גלייכער זיין גוטע פֿריינט פֿון דער וווייטנס. און דער וואָס איבער אונדז וועט העלפֿן יעדן זיינס. נישט אַזוי, קינדער? וואָס זאָגסטו, זעלדע?

זעלדע האָט גאָרנישט געזאָגט, זי איז געזעסן פֿאַרצאַרנט, די פּיס אין די וואָלענע זאָקן מיט די אַרויסשטאַרטשענדיקע קרומע פֿינגער אונטער זיך, דאָס מויל באַהאַלטן אין דער זשמעניע און האָט געשוויגן.

אָט אַזוי איז מען זיך צעגאַנגען דעם אויפֿדערנאַכט, זיך צו גאָרנישט דערערדט.

קאפיטל XXVI

אין א וואך ארום האט מען זיך לחלוטין צעטיילט. שלמה מיט דיטהן האבן געהאלפן פארטראגן די זעקלעך סחורה אהיים. אין דער היים האט דער פאטער נאך א מאל איבערגעמאסטן די סחורה, איבערגערעכנט, פארפירט א בוך און געזאגט צו די בני-בית:

— זאל זיין אין א גוטער שעה!

אז ס'איז געקומען צו א בלעטל * נעמען, האט אפרים-אהרון גע־מאלדן דעם פינאנצעט **, אז אין כמעלניק גופא וועט ער נישט פארפירן קיין קלייטל. זיינע עלטערן זענען עלטערש און שוואכע מענטשן, ער וויל זיי נישט משיג-גבול זיין. און ער האט גענומען א פאטענט נאר אויף די יארידים. איצט איז שוין אפרים-אהרון ווי אן עבד-כנעני געווען פארקויפט בלויז צו די יארידים. אויף דער נאכט — געקומען, פאר טאג — אוועקגעפארן, און אזוי פון זונטיק ביז פרייטיק. דער פאטער פלעגט פארן אליין, קומען אויסגע־מוטשעט מיט צעשרויפטע נערוון, שטענדיק געווען בייז און שטרענג, געפאדערט, אז שלמה זאל לערנען זעכצן שעה אין מעת־לעת.

יאני איז געווארן פון טאג צו טאג אלץ מער עושר. די גאנצע שטאט האט פון אים געהאט טובות. יעדער דריטער באלעבאס איז געווען זיין בעל-חוב. ווער עס האט זיך נאר א קרום געטון, דעם האט ער ארויסגעהאלפן. די קינדער, די שטוב האט ער געפירט מיט דער ברייטער האנט.

פון מנשהס פענצטער פלעגט שלמה א מאל זען דורכגיין פאלין. זי איז געווען שענער געקליידט פון אלעמען אין כמעלניק. א ווונק־סיקע, אן אנטוויקלטע, אן אמתע כלה-מויד. דאס פנים — בלוט און מילך. דער גאנג, דאס האלטן דעם קאפ, די נגידישע מאניערן — אלץ האט ארויסגערופן אנטציקונג און אפשיי. שלמה פלעגט זיך אויסדרייען און טרעפן אויף זיך מנשהס אויגן. מנשה האט אים גארנישט געפרעגט, ער האט אים גארנישט געענטפערט, נאר דאס איז געווען איבעריק. זיי האבן זיך פארשטאנען אן רייד.

ווען די בייסיקע פרעסט האבן א ביסל נאכגעלאזן, האט אפרים־אהרון מיטגענומען שלמהן אויפן יאריד:

---

* א פאטענט אויף צו האנדלען.

** אן אנגעשטעלטער אויף צונויפזאמלען די שטייערן.

— זאָל אַ קינד זיך אַ ביסל דורכלופטערן... און טאַקע אויך פאַר איין וועגס כאַפּן אַ קוק צו דער שטעל.

קומענדיק אַהיים האָט דער פאָטער זיך גאָרנישט געקענט אָנדער־ציילן פון שלמהס בריהשקייט:

— באַרעכן, דאָס ערשטע מאָל — און אַ קינד זאָל דיר שוין כאַפּן אַלץ מיטן קוק. טאַקע אַן אמת: ווו תורה, דאָרט איז חכמה...

אויף קאַטאָוועס האָט ער געפּרוווט מיטנעמען שלמהן נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל. ביסלעכווייז איז שלמה געוואָרן אַן אמתער יאַרידהניק, אַ געהילף ביי דער שטעל. און ס'איז אַוועק אַ סדרה פון יאַרידים. יאַריד איין, יאַריד אויס. אַ קייט פון לאַנגע וואַגלענישן און מאַטערנישן. נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, אָפט מאָל פלעגט טרעפן: עטלעכע נעכט נאָך אַנאַנד זיך נישט אויסטון, נאָר אַזוי, אין די מלבושים אויף אַ קלומעק אָנגעשפּאַרט, אומפאַלן ווי אַ סנאָפּ, ביז די פור פלעגט אָנקומען און דאַן ווידער: פאָרן, צעפּאַקן, אָפּשטיין אַ טאָג אויפן פראָסט אָדער אויף דער היץ אָדער אונטער אַ גאָס רעגן אונטערן גאָקעטן הימל. אויף דער נאַכט: איבער־לייגן די קראָם, איבערפּאַקן, צונויפרעכענען, איבעררעכענען און אַ פאַרחלשטער כאַפּן אַ דרימל, ביז די פור וועט אָנקומען. און אַזוי זונטיק, און אַזוי מאָנטיק, און אַזוי ביז דער שבת־קודש קומט צו גאַסט. און אַזוי פון דער ערשטער מינוט, וואָס דער שבת־קודש גייט אַוועק.

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז שלמהס לעבן אין יענער צייט איז באַשטאַנען בלויז פון שווערער האָרע־וואַניע און פון נישט דערשלאָפן. עס זענען אויך געווען אין דעם לעבן: פיל ליכטיקע זייטן און פיל גליקלעכע מאָמענטן. די נאַטור, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויפן פּיקניק און דערנאָך אין די ביכער, האָט אים איצט איינגעשלונגען מיט די ביינער. ער האָט זיך שטענדיק געפונען אונטערן פרייען הימל, סיי אין זוניקע, בליענדיקע טעג, סיי אין פאַרוואָלקנטע מרה־שחורהדיקע טעג. די לאַנגע גערדיכטע וועלדער, די שמעקנדיקע פילפאַרביקע פעלדער האָבן אים געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט. שלמה האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און צו פילן די מאַמע ערד. פאַרשטיין איר שפּראַך און פילן איר צאַרטקייט.

די פערד שלעפּן זיך אַרויף אַ באַרג. די פאַרשוויצטע יאָגן זיך איינער נאָכן אַנדערן, שפּילן זיך און אַמפּערן זיך. דאַן ציט זיך שלמה אויס אויף דעם סאַמעטענעם גראָז, לייגט צו דעם אויער צו דער ערד, שטעקט אַריין דעם גראָבן פינגער אין דער געדיכטער פייכטער מאַסע, ווי מען לייגט אונטער אַ טערמאָמעטער אונטער־

דער פּאַכוּוע ביי אַ חולה, און ער ווייסט שוין, ווי זי פילט זיך, וואָס איר פעלט און אויף וואָס זי קוקט אַרוים.

ביסלעכווייז האָט זיך שלמה אויסגעלערנט פונאַנדערשיידן צווישן געוויקסן, זיך פונאַנדערקלייבן צווישן ביימער, וויסן די טבע פון יעדן בוים באַזונדער, פון יעדער פּרי באַזונדער. דערקענען אויף אַן עפּל, אין וועלכן חודש ער איז אָפּגעריסן געוואָרן. דערקענען אויף אַ דיניע, צי איז זי געוואַקסן אין טאָל צי אויף אַ באַרג. פאַרטאָג זאָגן פאָרויס, וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זיין פאַר נאַכט. פאַרשטיין דעם אלף־בית פון הימל, זיינע העוויות און פלור־צימדיקע ענדערונגען. זיך אָריענטירן לויט די שטערן. זיך ריכטיק משער זיין מיט איין קוק, וויפל קילאָמעטער ס׳איז נאָך דאָ ביז דעם אָדער יענעם ישוב, נעמענדיק בשעת מעשה אין אַכט, צי דאָס וועלדל שטייט אין אַ טאָל, צי אויף אַ בערגל, צי דאָס טייכל גע־פינט זיך אין נעפּל, אָדער צי די וואַסערן גלאַנצן קעגן דער זון דייטלעך ווי אויף דער דלאָניע.

ווי אַ מאַטראָס איז נישט צוגעווינט צו טרעטן אויף דער יבשה, אַזוי איז שלמהן שווער געווען זיך צו געפינען אין שטעטל צווישן די ליימיקע הייזלעך, צווישן די שיפּענדיקע קוזניעס און צו פאַר־טראָגן דאָס קלאַפּעריי פון די וואַרשטאַטן. דערפאַר, ווען ער פלעגט אַרויספאָרן צווישן די גרינע תבואות אָדער אין געדיכטן דעמבענעם וואַלד, זעענדיק פאַר זיך די פאַרביקע באַגרינטע בערג אָדער די טאָלן באַשאָטענע מיט פעלדקווייטן און באַלויכטן פון כשופדיקער לבנה־שיין — אָ! דאָרטן איז ער געווען אַ היימישער מענטש, אַקוראַט אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים.

נאָר מער פון אַלעמען איז ער געווען אריינגעטון אין לייענען. אין יעדער פרייער מינוט האָט ער מער נישט געוווסט, נאָר לייע־נען, לייענען און לייענען. קומט ער אין אַ שטעטל, איז דאָס ערשטע וואָס ער טוט: אויסשפּירן, ווו קריגט מען דאָ עפּעס צו לייענען, און ער באַרגט זיך אוים ביזן צווייטן יאַריד. ווען ער פילט, אַז אין וואָגן אונטער דער שטרוי ליגן עטלעכע ביכלעך „און שווייגן“, גייט גאָר דער פדיון אַנדערש, רעדט זיך גאָר מיט אַ קוגה אַנדערש.

פאַר נאַכט. אויפן מאַרקפּלאַץ ווערט שיטער, די פויערן צעפאָרן זיך. די סחורה ווערט איינגעפּאַקט. שלמה פאַרנעמט זיין געוויינ־לעך אָרט אין עק וואָגן. ער האַלט די פיס אַראָפּגעלאָזט אויפן דרעגל, דאָס אונטערגעבעטע היי הוידעט אים ווי אויף רעסאָרן, דאָס ביכל אין דער האַנט אַקעגן די אויגן ווי אויף אַ שטענדער און די גאַנצע ווירקלעכקייט פאַרשווינדט. הינטער די פּלייצעס אויף דער פור גוואַלדעוועט מען, יעדער איינער וויל איבערשרייען

דעם אַנדערן און דער טומל איז זייער גרויס. עס ווערן איבערדער־ציילט אפשר צום הונדערטסטן מאָל נסים ונפלאות פון היינטיקן יאַריד. עס ווערן געמאַכט געשעפטן. עס ווערט איבערגעציילט דער פדיון. עס ווערן געשלאָסן וויכטיקע אָפּמאַכן. שלמה אָבער איז נישט קיין היגער. נאָר אַן אָרט אויפן וואָגן פאַרנעמט ער, אָבער זיין נשמה איז ערגעץ אין צווייטן עק וועלט. אין מיטן לייענען רייסט ער אָפּ די אויגן פון דעם אונטערטאַנצנדיקן ביכל, טונקט איין די אויגן אין וואַלד, אין טייך אָדער אין די אומענדלעכע ברויט־פעלדער און לייענט ווייטער. דאָס לעבעדיקע נאַטורבילד ווערט איינגעוועבט אין דעם געלייענטן און גיט דעם צו אַ באַ־זונדערן חן. שלמה האָט געלייענט אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט: העברעאיש — איז העברעאיש, יידיש — איז יידיש, און אַז נישט, איז רוסיש און אוקראַיניש.

נישט ווילנדיק קומט אים אויס עובר צו זיין אויף דעם פּאַטערס פאַרבאָט. אמת, ביכלעך צום לייענען, ביי פּאַלין, נעמט פאַר אים שטענדיק זיין דינה, אָבער עס טרעפט, אַז ער כאַפּט זיך אַליין אויך אריין צו זיי אויף אַ מינוטקעלע. אַ געקרענקטער באַטראַכט ער פריער זיין פאַרשמאַלצעוועטן אַנצוג, די געלאַטעטע סאָלדאַט־סקע שיך און וויל זיך שוין אומקערן צוריק. נאָר דער יצר־הרע פון אַ בליק טון אויף פּאָלין, דער חשק צו באַקומען אַ פרישן בוך איז גובר און ער גייט אַריין. ער גיט איר צוריק דאָס איבערגעלייענטע בוך און באַקומט אַנשטאָט דעם אַן אַנדערס. פּאָלי אינטערעסירט זיך מיט זיין מיינונג וועגן דעם איבערגעלייענטן און שלמה ציטירט איר גאַנצע פראַגמענטן פון בוך אויף אויסנווייניק. ער געדענקט אפילו, אויף וועלכן זייטל עס געפינט זיך דער אָדער יענער שמועס, דאָס אָדער יענץ וואָרט. פּאָלי איז אויסער זיך פון זיין אויזער־נעם זכרון. זי שפּיגלט זיך אין זיינע גלאַנצנדיקע, קוילשוואַרצע אויגן און איז גליקלעך, וואָס אַזאַ זשעני איז אין איר פאַרליבט. עס טרעפט, אַז זי לייגט אים פאַר אַן ערשט געקראָגענעם בוך. זי האָט אים נאָך אַליין נישט געלייענט, נאָר שלמה לייגט אים אָפּ אויף אַ זייט:

— שוין געלייענט.

— ווען ?

— שוין לאַנג, לאַנג...

— וויפל הייסט לאַנג? מיט אַ יאָר צען, צוואַנציק, דרייסיק צוריק ?

שלמה לאַכט:

— שוין אודאי דריי יאָר... אויף לשון־קודש איבערגעזעצט.

און שלמה גיט איבער געניי דעם גאנצן אינהאלט פון בוך, ביז פאלי שרייט אן אויף אים:

— גענוג שוין צו דערציילן. עס וועט מיר שוין זיין נישט אינטע־רעסאנט צו לייענען...

שלמה ווערט אנטשוויגן, נאר ס׳העלפט איר אבער נישט. ווען זי נעמט לייענען דאס בוך, דאכט זיך איר במילא אויס, אז זי האט עס שוין א מאל געלייענט.

מנשה דערקענט שוין אויף שלמהס פנים, אז יענער האט זיך היינט געזען מיט „איר". און ס׳איז ביי אים מער קיין ספק נישט, אז דאס יינגל האט „זיין" אנשיקעניש און אפשר גאר אין א גע־פערלעכערער פארם.

קאפיטל XXVII

די כאדראוס האבן באקומען א בריוו פון אדעס, אין וועלכן דער פעטער לייב שרייבט אגב אורחא:

„ווערליק איך האב זיך אנגעהערט פון דעם שלמה אפרים־אהרונס, וואס פאר א למדן ער איז, וואס פאר א משכיל ער איז, וואלט איך זייער, זייער א בעלן געווען אים נעמען פאר דינהלען. מילא, מיין לעבן איז צעבראכן, וואלט איך כאטש געוווסט „זאת נחמתי בעניי". און טאמער האט דינה מורא, אז אויב ער איז אן איש־הספר, מוז ער זיין אויך אזא שלימזל ווי איר טאטע, שרייב איך דיר, טעכטערל מיינס, אז פון אמאליקע יארן איז גאר קיין ראיה נישט. עס זענען היינט אנדערע יארן. נייע מענטשן און נייע לידער. נישט דו וועסט שוין זיין ענלעך אויף דיין מאמען, נישט שלמה אויף מיר. און ס׳איז אודאי אנגענעמער צו נעמען אן איידעלן יונגן מאן איידער א גראבן נפש ווי דעם מיכאלן, וואס דיין מאמע שדכנט דיר, צי דעם יחיאלן. בארוועסע שקצים זענען דא אויף דער וועלט גענוג, אבער עפעס רעכטס, צו גאט און צו לייט, איז טאקע א זעלטנהייט. דו, מנשה, גיב מיט אים א שמועס, קוק נישט דערויף, וואס אפשר איז ער נאך א ביסל צו יונג. מענטשן, וואס שפייזן זיך מיט ליטעראטור, וואקסן נישט לויט די יארן, נאר לויט די קענטעניש און צו דיין מאמעס נארישקייטן הער זיך נישט צו... דינהלע איז א טייער קינד, עס קומט איר עפעס שענערס פון יע־נעם עם־הארץ דאוריתא, און דו, דינהלע, כאטש איך ווייס דיין צניעות, אבער דאך, ווען עס האנדלט זיך וועגן א תכלית... אז יענער איז אזא אפטער אייגייער צו אייך דארטן... כ׳ווייס? ביסט דאך עפעס א מיידל, דארפסטו אליין פארשטיין, ווי אזוי

א יונגל צוצוציען, מיט א קוק, מיט א ווארט. אפשר א מאל זיך דורכגיין מיט אים. זיך דורכשפאצירן מיט אים איז נישט קיין עולה..."

— פע... פע... פע... טמא... טריף... שקץ תשקצנו... טריף ווי חזיר...

די מומע זלאטע איז אנגעצונדן. פון איר מויל זעצט א שוים, די אויגן שיסן מיט פונקען, די קרענקלעכע פינגער פליקן דעם בריוו, וואס זי האט אויסגעריסן ביי מנשהן, אויף פיצפיצלעך. זי טרייסלט זיך אין גאנצן פאר אויפרעגונג:

— פע, פע... א קלויסטער, א קאסטיאל, אן אפטריט... און אזעלכע בריוו גייסטו לייענען אין דער הויך, אז זי זאל אויך הערן. אזא אלטער נואף! עס זאל אים גאר זיין צינגל אפטריקענען... ס'איז אים קארג, וואס ער האט מיך אומגליקלעך געמאכט, וויל ער זי נאך אויך אומגליקלעך מאכן... אז בסך־הכל איז אין זייערע נע־מען מער נישטא ווי איין בשותפותע היי... און א היי, פסקנט דער הייליקער אקדמות, איז אן אתא קלילא... חלילה וחס... שלמה איז א גלגול פון בוקי בן יגלי און דינה — פון ר' לייב שרהס. היינט אז זי איז גאר א כהן און ער א פיאטערער, ווי קען דאס געמאלט זיין?... עס נעפעלט אים נישט, דעם ימח־שמוניק, מיין טאטנס נאמען? מיכאל איז אים א קרענק אין די ביינער... ער פארגינט אים נישט קיין דינה... מיין טאטע־מאמע זענען געווען מיכאל און דינה, אודאי שלעכטע קינדער געהאט, אודאי א שפעטנע שלום... רבש"ע, אויף נחשון בן עמינדב געזאגט געווארן... נאך ביי ר' שמעון בן יוחאי אין דער הייל איז ארוים א בת־קול: דינה איז מיכאלס און מיכאל איז דינהס... צוזאמען געזויגן ביי מיינע ברוסטן, צוזאמען דארפן זיי שטענדיק לעבן... אפילו אונטערפירערס האב איך שוין אויך באשטעלט: ר' מיכעלע זלאטשעווער און דעם חרם דרבנו גרשון... און דער דאזיקער אפיקורס זאגט גאר: שלמה... אז דא איז גאר א שין און ביי איר א דלת...

גאלדע גיט א געשריי מיט גאל:

— משוגעת, דו ועסט היינט אנטשווינגן ווערן צי גיין?

— אליין ביסטו א משוגעת, אן אשמדאי, א לילית, א המנטע, א ושתי, א חצופה...

— דו ווערסט אנטשווינגן, ווארעם אט נעם איך באלד די שמאטע פון דער סאזשע און פארשטעק דיר דיין קלוג מיילעכל... ועסטו פארשפארן באשטעלן אונטערפירערס...

מנשה האקט איר אפ די פליגל:

— גאלדע, מאך צו דאס מויל! טאמער קענסטו נישט הערן, גיי ארוים פון דער שטוב! בארויק זיך, מאמע, בארויק זיך. לייג

זיך בעסער אַנידער. זאָל דיך נישט אַרן, וואָס דער טאַטע שרייבט. פון ווייטנס ווייסט ער גאָרנישט. ס'וועט סיי ווי סיי פון זיין פּלאַן גאָרנישט ווערן...

דינה איז די גאַנצע צייט געזעסן מיטן פּנים אין פענצטער אַריין. דאָס האַרץ האָט אין איר געציטערט פון פאַרבאָרגענער האָפענונג און זי האָט מורא געהאַט זיך אומקוקן, טאָמער דערקענט מען דאָס אויף איר פּנים. ביי מנשהס לעצטע ווערטער ווערט זי בלאַס און דערפילט, ווי עפּעס האָט זיך ביי איר אָפּגעריסן אינעווייניק.

גאָלדע פליט צו צו מנשהן:

— פאַר וואָס וועט עפּעס גאָרנישט זיין, זאָגסטו?

— ווייל אַזוי, ווייל ס'וועט נישט זיין...

— אַ געטרייער ברודער ביי אונדז... לייגט אוים ווי צום ערגסטן...

— איך לייג נישט אוים. איך זאָג דאָס, וואָס איך וויים...

— וואָס דו ווייסט? הייסט עס, אַז דו האָסט שוין מיט אים גערעדט דערפון? רעד דייטלעכע דבורים... לאָמיר אויך וויסן...

— איך דאַרף ר ע ד ן מיט אים? איך זע, אַז עס איז אומזיסט דאָס רעדן...

גאָלדע שיסט אוים מיט אַ פאַרדישן געלעכטער:

— אפשר מיינסטו, דערמיט זיין קריכן צו יאַנין אין שטוב אַריין? כאַ־כאַ־כאַ... נישטאָ וועד עס זאָל לאַכן... שלמה און פּאָלי... יענער ווייסט אפילו נישט, וואָס הייסט אַלגעברע, און זי... פּאָלי מיט איר פּנימל קען נעמען דעם שענסטן פּראָפעסאָר... זאָג שוין דערפאַר האָסטו געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן? זאָג...

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, דו נאַסע שמאַטע. וואָס רעדסטו מיר איין, וואָס? שלמה געפעלט מיר אויך, אפשר אַזוי גוט ווי דיר... זי רעדט מיר איין. ליג, ליג מאַמע... מען ווייסט שוין, מען ווייסט שוין. צוזאַמען געזויגן, צוזאַמען שטענדיק. ליג, דעק זיך איין. זי רעדט מיר איין... שלמה קוקט אפילו נישט אין דינהס ווינקל...

— פאַר וואָס עפּעס קוקט ער נישט? דינה איז אים קאַרג שוין? אַ מכה אים אין דער צורה, דעם וויסטן יאַרידניק... פּאָלקעלעך גלוסטן זיך אים...

— דו זעסט כאָטש, גאָלדע? דו זאָגסט נאָך, אַז די מאַמע איז משוגע. דו ביסט אַליין פאָלנע משוגע. אָט ווילסטו שלמהן פאַר אַ שוואָגער און אָט שעלטסטו אים. טוט יאָ אַזוי אַ נאָרמאַלער מענטש? האַ? און דיר, דינה, זאָג איך: שוועסטער מיינע, הער נישט, וואָס דעם טאַטן דאַרטן אין אָדעס חלומט זיך. שלאָג זיך ארוים פון קאָפּ, אַז עס איז דאָ אַ שלמה אויף דער וועלט!

דינה ווערט רויט איבער די אויערן. זי שפּרינגט אויף מיט טרערן אין די אויגן:

— ווער זאָגט דיר, אַז איך טראַכט פון אים? יער ליגט מיר נישט אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. איך דאַרף אים האָבן בײטיק... ער פעלט מיר... ווייסט נישט וואָס?

טאָמער טרעפן אַזעלכע שמועסן, בשעת מיכאל מיט דינהן זײַנען דאָ דערבײַ, אַזוי אַנטלויפט מיכאל פון דער שטוב און דינה הינטערן פאַרהאַנג.

ס'איז שווער געווען צו טרעפן, אין וועמען פון זיי ביידן וואָלט געווען די מניעה, נאָר מען האָט זיי שוין אַזוי פיל געהאַלטן איז מויל, דינה — מיכאל, מיכאל — דינה, אַז ס'איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז כאָטש עס וואָלט געווען נישט קיין קרומער שדוך, נאָר ביידע וועלן שוין נישט וועלן. מען האָט פאַרמיאוסט איינעם ביים אַנדערן.

שלמהן אַליין איז דינה כּאַדראַוו דוקא שטאַרק געווען געפעלן. נאָר ער האָט געפילט צו איר נישט מער ווי אַ שוועסטער־ליבע. ביי אים איז קיין שום חילוק נישט געווען פון זיין דינהן ביז דינה דער מומע זלאַטעס. דאַקעגן ביים נאָמען פאַלי, ביים מוזיקאַלישן וואָרט „טולטשינסקי" פלעגט אין אים אויפזידן דאָס גאַנצע בלוט. מחנות שפּילפייגל פלעגן זיך אויפכאַפּן ביי אים אין האַרצן ביי דעם דאָזיקן נאָמען און אָנהייבן זינגען שירה צו דעם באַשעפער פון אַזאַ זעלטענער בלום.

נאָך שבת נחמו זענען דער זיידע שלום מיט מנשהן אָפּגעפאָרן צו גאַסט קיין אַנאַניעוו. דער זיידע האָט זיך אומגעקערט אויף שבת מברכין אלול און מנשה איז דאָרטן נאָך אַ ביסל פאַרבליבן. אַלע האָבן געשטוינט פאַר אומגעריכטקייט: דער זיידע האָט דערציילט בסוד סודות, אַז מען רעדט אים דאָרט אַ שוועסטער־קינד, מייבלס עלטער מיידל. דאָס מיידל איז אַ שיינהייט, אַן ערלעך קינד, אַ קאָמפּעטש. פון זינט ער האָט חתונה געמאַכט דעם עלטסטן זון, איז זי ביים פאָטער די רעכטע האַנט און פירט אַלע זיינע מסחרים. אַלע האָבן מיט האָפענונג אַרויסגעקוקט אויף אַ טעלעגראַמע מיט אַ מזל־טוב. לויט ווי דער זיידע האָט דערציילט, האָט עס שוין ביי זיי געהאַלטן גאָר־גאָר אויף אַ דרך...

בכלל וועגן אַנאַניעוו האָט ער איבערגעגעבן אַזאַ גרוס:

— אויב ערגעץ איז דאָ אַ סמבטיון און אויף יענער זייט טייך

— רויטע יידעלעך און זיי לעבט זיך דאָרט גוט, איז זיי פון דעסט וועגן דאָרטן זיכער נישט בעסער ווי אונדזער משפּחה אין דעם דאָזיקן אַנאַניעוו. זיי שטייען דאָרט מיט געשעפטן, גרויסע גע־

שעפּטן, ווי פאַר ניקאָלאַיען. דאָס אַנטון זיך, דאָס עסן, דאָס הרחבת הדעת. די וויינטרויבן — טעם גן־עדן, דריי קאָפּיקעס אַ קילאָ, קאַווענעס, אמתע כערסאָנער קאַווענעס בזול הזול. די פעטע עופות, די גרויסע קאַרפּן, די הויכע קוילעטשן. שענער, ווי פאַר דער מלחמה. מען ווייסט גאָר דאָרט נישט פון קיין ראַטנמאַכט צו זאָגן... היינט די משפחה! מילא, טייבל, איז דאָך נישט שייך. גאָר אַלע, אַלע — דימענטענע מענטשן. אַזאַ קבלת־פּנים... אַזאַ קבלת־פּנים!... מען האָט זיך געשלאָגן פאַר אַ וויזיט. וואָס איז דאָ צו רעדן? אַ גן־עדן התחתון און שוין!

ביי די אָרעמע יאַרידניקעס פינקלען אויף די אויגן. ס'איז טאַקע ווייט, אָבער יעדער איינציקער וואָרעמט אין האַרצן אַ האָפענונג, ווען עס איז צו באַזוכן אַנאַניעוו, אָט דאָס פאַנטאַסטישע, פאַר־מלחמהדיקע אַנאַניעוו.

אויף שבת־סליחות האָט זיך מנשה אומגעקערט. פונעם שידוך איז גאָרנישט געוואָרן. שונאים האָבן געגעבן צו וויסן קיין טער־ליצע, ביי וואָס עס האַלט. עס זענען געקומען צו לויפן שפרה מיט חנהן, האָבן אויפגעהויבן אַ סקאַנדאַל אויף דער גאַנצער שטאָט, אַז מען וויל ביי יתומות צונעמען זייער חתן... קאַרג יינגלעך זע־גען דאָ אויף דער וועלט? וואָס איז, מנשה איז איין בחור אין מאָסקווע? מיט אים ענדיקט זיך די וועלט?

די מומע טייבל האָט זיך באַמיט זיי איינצושטילן:

— קינדער, וואָס לייגט איר איין די וועלט? ערשטנס, וואָס הייסט דאָס „אונדזער חתן“? איר האָט שוין אַ מאָל געהערט אַ בשותפותדיקן חתן? צווייטנס, איז דאָך שוין אַכט יאָר, אַז מנשה קען אייך און נעמט נישט איינע פון אייך. וואָס זשע שטייט איר אים אין וועג? וואָס מאַכט איר אַש און פּאַרעך פון זיין וועלט? וואָס האָט ער געזינדיקט קעגן אייך? דאַמאָלסט האָט ער געוואָלט חנהן און איצט וויל ער שוין נישט. איז וואָס אַזוינס? זי אים נישט געוואָלט, האָט געמענט און ער זי נישט וועלן טאָר נישט?

שפרה איז געקראָכן אויף איר מיט די קולאַקעס:

— יאָ, יאָ, מומע, זאָלט איר טאַקע וויסן. מיר אים נישט וועלן האָבן געמענט, און ער טאָר נישט. ווייל מיר זענען יתומות... ווייל איר זענט אַ גבירטע... עס צווינגט אייך גאָר נישט, אַז איר זאָלט אייער אייגענע שוועסטער באַרויבן. ווען די מאַמע זאָל לעבן, וואָלט זי מיט אייך אַנדערע דיבורים גערעדט. איר בויט דערויף, וואָס אירע אויגן זענען מיט שערבלעך צוגעדעקט. פע, שעמט זיך...

— און איך קען דיר זאָגן, אַז איר זענט ביידע משוגע, איר

ווייסט נישט, וואס איר ווילט. איך הער אייך פאר א פיאטאק און שרייב מוצאי־שבת־קודש תנאים.

— און איך קען אייך זאגן, טייערע מומעטשקע, אז איידער איר גייט ברעכן טעלער, זאלט איר פריער מיר צוגרייטן תכריכים, אויף צומארגנס וועט איר מיך געפינען א געהאנגענע אויף אייער גאנעס!

חנה האט גארנישט גערעדט, זי האט נאר צונויפגעקליבן שטיי־נער און גענומען שליידערן צו דער מומע טייבל אין שטוב אריין. א העלפט פון די שויבן זענען ארויסגעפלויגן אויפן טראטואר.

דעם זעלבן אויפדערנאכט האט מנשה געמאלדן דעם פעטער גרשונען, דער מומע טייבלס מאן:

— פעטער, אייער טאכטער געפעלט מיר זייער... מיר וואלטן געקענט זיין גליקלעך. נאר פאר גאט האב איך מורא. די טערליצער שוועסטער זענען אויף אלץ פעיק. זיי קענען עמעצן צעשפאלטן דעם קאפ אויך און שפרה האט צוגעזאגט זיך הענגען. איך קען מיט אזא זאך נישט ריזיקירן. גיט איבער אייער טאכטער, אז עס טוט מיר זייער וויי, נאר ווי עס ווייזט אויס, איז דער שידוך נישט מן השמים. אנדערש וואלטן זיי נישט געווויר געווארן און נישט געקומען אונדז שטערן.

אויף מארגן איז מנשה אפגעפארן אהיים. פון אלעמענס האפע־נונגען האט זיך אויסגעלאזט א טייך.

דער ימים־נוראים איז געווען א טרויעריקער. אויף מנשהס פנים האט זיך זעלטן באוויזן א שמייכל. דער מומע זלאטעס משוגעת האט זיך נאך מער צעבושעוועט, פון אירע דיבורים איז ממש גע־ווען נישט איבערצוטראגן.

בין כסא לעשור האט דער זיידע שלום בסוד פאר אלעמען אנגע־שריבן קיין טערליצע א בריוו:

„...א בושה און א חרפה, זיך אזוי אויפצופירן אין אנאניעוו, קענען א שטאט איינוווינער, קענען אן אייגענער מומען און קענען א יונגן מאן א תלמיד־חכם. נאר אן עק, מן הסתם הייסט די השגחה אזוי. איצט שרייבט מיר אן, נאר אויף שמעון דעם שוחטס אדרעס, ווייל עס דארף דערפון קיינער נישט וויסן. אויב חנה איז שוין איצט יא מרוצה אויפן שידוך, וועל איך אננעמען אלע מיטלען...“

אין שפרהס ענטפער איז געשטאנען אט וואס:

„הארציקער פעטער שלום, מען בעט פון אייך קיין טובות נישט. חנה האט קיין מאל נישט געוואלט קוקן אויף דעם געלן „ראבי־ניעץ“ און זי וויל איצט אויך נישט. זי קען נאך היינט אויך נעמען א דאקטער... אבער ער חתונה האבן טאר אויך נישט...

סיידן, אַז איך וועל אים שוין נישט וועלן, נאָר דערווייל בין איך נאָך מסכים צו ווערן זיין כלה, כאָטש ער איז אַ געלער און כאָטש ער איז אַ „ראַביניעץ", נאָר כ'האָב קיין אנדער ברירה נישט. אודאי, אוחאי, ווען די מאַמע זאָל לעבן... אויב איר זענט אַזאַ איבערגעגעבענער פעטער, האָט איר נישט געדאַרפט דערלויבן אייער אפרים־אהרונען — כ'וועל אים דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין — אַז ער זאָל פאַרלייגן מנשהן זיין גיטלען. ווען נישט דער פאַרשלאָג, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויפגעריכט געוואָרן... כ'וואָלט שוין אפשר געווען געהאַט אַ יינגעלע פון חומש... און איצט איז נאָך אויך נישט שפּעט. און טאַמער טראַכט ער דאָרט פון אַן אַנדערן שידוך, נישט פון מיר, גיט אים איבער, אַז אַלץ איינס וועל איך זיין ווייב אַוועקסמען און אַז חנה, גיט אים איבער, שפּייט אויף אים פון דעם זיבעטן שטאָק... נישט דערלעבן וועט ער, אַז אַזאַ קראַסאַוויצע..."

מיט פלאַטערנדיקע הענט האָט דער זיידע באַהאַלטן דעם בריוו הינטערן זייגער. איז אָבער יחיאל געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס באַהאַלט דאָרט דער טאַטע? איבערגעלייענט דעם בריוו האָט ער אים אָפּגעטראָגן, אויך בסוד־סודות, צו מנשהן. יענער האָט אים איבערגעלייענט. ער איז עטוואָס בלייכער געוואָרן, האָט אַן אומגליקלעכן שמייכל געטון און אָפּגעווישט די ליפּן, שאַ!...

קאַפּיטל XXVIII

עס פלעגן טרעפן טעג, ווען דער טאַטע איז געפאָרן נאָך סחורה אָדער קיין אומאַן נאָך אַ גייעם פּאַטענט, דאַמאָלסט פלעגט שלמה זיך אויסרוען פאַר אַ לאַנגער צייט, זיך אויסגלייכן די אויסגעמוטשעטע ביינער און זיך אויסשלאָפן צו זעט; זומערצייט זיך באָדן, אַוועקשווימען העט, העט הינטערן שטאָט, זיך דאָרט אויסקאַטשען אין זאַמד און צוריק שוין שווימען אויף דער פּלייצע. אויפן ברעג, נישט ווייט פון דער בריק, איז פון קדמונים געשטאַנען אַ גרויסער טשאַן* פון אַ אָפּגעבראָכענטער מיל, וועלכע קיינער געדענקט שוין נישט. אויף יענעם טשאַן פלעגט חברה זיך פאַרקלייבן „טרוקענען" דאָס לייב און אַזוי זיך אָפּוואַלגערן דאָרטן, פאַרטון אין אומענדלעכע שמועסן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין.

ווינטער פלעגט מען זיך גיין גליטשן אין דער גענעראַלשעס פּאַרק. ס'איז געווען אַזאַ אָרט פון יענער זייט כמעלניק, זענען

* טשאַן – אַ גרויסער קעסל פון אַ דאַמפּמיל.

דאָרטן געוואַקסן פּרוכטן און צווישן דיביימער איז געווען פאַר־זייט אַ באַשטאַן *. חוץ דעם זענען דאָרט ביים פּלויט געוואַקסן ווייסע רויזן צווישן אַ ים פון מאַנקעפּלעך. דער דאַזיקער פּאַרק האָט זיך געצויגן העכער אַ קילאָמעטער און האָט זיך געענדיקט פאַר אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, אַ ווייסער ווי ווייסער מאַרמאַרשטיין. צוגיין נאָענט צו דעם פּאַלאַץ איז געווען אוממעגלעך איבער די הינט. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גאַנצע שייקע שרעקלעכע הינט, וואָס ביי זיי צערייסן אַ מענטשן איז אַ שפּילעכל. וועגן דער דאַזיקער גענעראַלשע האָט מען דערציילט אַ פּיקאַנטן אַנעקדאָט:

איין מאָל האָט זי ביי זיך אין בודואַר געפאַנגען עפּעס אַ מאָד־נע חיהלע. זי האָט געוואָלט באַרימט ווערן ווי אַן איבערגעגע־בענע טאָכטער פון איר פאָטערלאַנד, האָט זי דאָס חיהלע אַריינ־געלייגט אין אַ פלעשעלע און מיט אַ ספּעציעלן קוריער עס אָפּגע־שיקט קיין סאַנקט־פּעטערבורג אין דער אַקאַדעמיע.

אין דעם ענטפער, וואָס זי האָט באַקומען, איז געשטאַנען:

„געערטע גענעראַלשע! אייער חיהלע איז אַ פּראָסטע לויז. טאָ־מער איז אייך שווער צו גלייבן, קענט איר אַ זוך טון ביי אייערע באַטראַקעס אין די מלבושים, דאָרט וועט איר טרעפן גאַנצע אוצרות פון דעם גוטס...״

דערציילט מען, אַז אויף מאָרגן האָט זי געהייסן רעווידירן אַלע אַרבעטער און וועמ׳ עס איז טאַקע געווען לייזיק, האָט זי אים אַרויס־געטריבן.

טאָמער האָט מנשה נישט געוואָלט אָנווערן קיין שחיטה, פלעגט שלמה גיין שפּאַצירן מיט יחיאלן. ווען ס׳איז זיי נמאס געוואָרן דאָס גליטשן זיך, האָבן זיי זיך געלאָזט „גלאַט אַזוי״ אויף טשע־זשיוווקער וועג. דאָס דאָרף האָט זיך געפונען אַ פינף, זעקס קי־לאָמעטער פון כמעלניק. זומער זעט מען דאָס באַלד אַרויס פון דער ווייטענס, ווינטער איז דאָס אַזוי פאַרשאָטן, אַז מען קען גיין און גיין און דאָס דאָרף נישט זען. פון קעלט, פלעגט מען זיך ווערטלען, טאַנצט דאָס דאָרף אָפּ אויף צוריק.

אויפן אויסגעפּאָרענעם שליטוועגס שפּאַנען זיי ביידע און שווייגן.

— יחיאל, פאַר וואָס שווייגסטו? וועגן וואָס האָסטו זיך פאַר־טראַכט?

— וועגן גאָרנישט, אַזוי זיך...

— וואָס הייסט וועגן גאָרנישט? וועגן עפּעס מוז דאָך זיין...

— איך טראַכט פון אונדזער לעבן, טראַכט איך... אַ פאַרשטיקט לעבן האָבן מיר דאָ...

— וואָס הייסט פאַרשטיקט?

— דו ווייסט נישט, וואָס עס הייסט פאַרשטיקט? אַז לופט, אַז פרייהייט הייסט פאַרשטיקט... איצט פאַרשטייסטו שוין?

— איז וואָר זשע לאָזט דיך דען נישט אַלע טאָג זיך דורכגיין אַהערצו? דאָ איז דאָך אי פריי אי לופטיק...

יחיאל שענקט שלמהן אַ ווייסטן קוק, נאָר שלמה קוקט אים אים תמימותדיק אין די אויגן.

— ווייסט דיך דער גוטער יאָר, שלמה, איך קען דיך נישט דער־לערנען... צי דו ביסט טאַקע באמת אַזאַ נאַאיווער, צי דו פירסט מיך אין באָד אַריין...

— איך קען דיר דערויף נישט ענטפערן, ווייל איך ווייס נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס נאַאיוו.

— דו לייענסט און לייענסט און ווייסט נאָך נישט, וואָס עס הייסט נאַאיוו?

— באמת, איך ווייס טאַקע נישט. איך האָב פיל מאָל באַ־געגנט אין די ביכער אַזאַ אויסדרוק, נאָר כ'ווייס נישט, וואָס מען מיינט מיט דעם.

יחיאל גיט אַ טיפן קרעכץ און פרעגט שלמהן מיט מיטלייד:

— און וויפל דו ביסט אַלט, ווייסט יאָ?

— ווי אַזוי דען? דאָס זעכצנטע יאָר.

— און איך — גאַנצע זעכצן... דו האָסט שוין אַ מאָל אַ קלער געטון וועגן אַ תכלית?

— וועגן אַ תכלית דאַרף איך קלערן? דערויף האָב איך, ברוך־השם, אַ טאַטן זאָל מאריך־ימים זיין.

— טאַקע באמת? נו, מזל־טוב דיר... דו וועסט שיין אויסזען, אַז דו וועסט זיך פאַרלאָזן אויפן טאַטן. און פאַר וואָס נישט אויפן זיידן?

— וואָס זשע דאַרף איך טון? איך פאַרשטיי נישט...

— דאָס זע איך, אַז דו פאַרשטייסט נישט. דו פאַרשפּאָרסט מיר דאָס צו זאָגן. איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי מען רעדט מיט דיר. אַז דו ביסט נאָך אַזוי רוי ווי ביי דער מאַמען אין בויך... זאָג מיר: וואָס עס הייסט אַזוינס אַ מיידל, ווייסטו יאָ?

— אַ מיידל? אַ מיידל הייסט אַ בתולה... אַן אשה, נאָר איידער זי איז מקבל חופה וקדושין...

יחיאל קרימט זיך אים שפּאָטיש נאָך:

— מהם... אַן אשה... חופה וקדושין... כ'האָב מיט דיר גע־טראָפן.. וואָרט, וואָרט, ביז דיין טאַטע וועט דיר צוזוכן אַן אשה מיט חופה וקדושין...

— נו, און דו טוסט דען נישט אזוי? דו פארסט דאך אויף די יארידים גלייך מיט מיר.

— נישט אין גאנצן גלייך... עטוואס אנדערש... זאג מיר, דיר געפעלט עפעס א מיידל?

— מיין דינה איז א גאנץ פיין מיידל, נאר א שלעכטע! צונויפ־לייגן די סחורה מיט מיר און צוליב דעם איין מאל פארפעלן גיין אין קינא — איין מאל: ניין.

יחיאל גיט אומגעדולדיק א טופע מיטן פוס:

— נישט פון אזוינע מיידלעך רעד איך... נישט פון שוועסטער... פון פרעמדע רעד איך... צו וועלכע מען האט חשק... חתונה צו האבן...

— אזוי יונג האט מען נישט חתונה!

— נו, איך מיין נישט שוין חתונה האבן... אבער פריער האט מען דאך ליב...

— אין לעבן קומט אויך אזוי פאר? און איך האב געמיינט, אז נאר אין די ראמאנען. ס'איז דא א בוך, „אהבת ציון" רופט מען עס...

— ס'קאצל קומט, באלד פארט ער דיר ארויין מיט זיינע ביי־בער!.. דיר איז שוין א מאל א מיידל געפעלן געווארן?

— כ'וויים? אויף דער מינוט קען איך זיך נישט דערמאנען. דינה דער מומע זלאטעס איז אויך א גאנץ פיינע, נאר מיכאל נעמט זי דאך...

— מען ווייסט נאך נישט, צי ער נעמט זי... דאס, וואס די מומע רעדט, איז נאך דערווייל א קלייניקייט. מיר איז זי אויך א מאל געווען געפעלן, נאר זי איז דאך עלטער פון אונדז אויף עטלעכע יאר...

— נו, איז דאך אדרבא... אז מען איז עלטער, איז מען דאך קלוגער...

— שלמה, ביז ווען וועסטו זיין אזא מלאך? א ווייב נעמט מען נישט צוליב קלוגשאפט...

— אזוי גאר? צוליב וואס דען?

— צוליב שיינקייט!... נישט צוליב שיינקייט, צוליב ליבע!... נו, איך קען דיר נישט ארויסזאגן... א מיידלס א האנט האסטו שוין א מאל געהאלטן אין דיינער?

— א־א! וויפיל מאל כ'האב געפירט מיין דינהן פאר א האנט.

— טפו!.. דו ביסט א משוגענער!.. ווידער איז ער דא מיט זיין דינהן. איך האב דיר גוט געזאגט, אז פון קיין שוועסטער רעדט מען נישט. וועגן פרעמדע פרעג איך!...

— פרעמדע, אויך וויפל מאל. פאר א יארן זענען מיר געגאנ־

גען דינגען א פור, האט מיך די מומע ברכה געפירט פאר א האנט. און די מומע לאה, געדענק איך, האט מיך אויך א מאל גענומען פאר א הענטל און די דיינטע האט מיך א מאל א ווארף געטון, אויך פאר דער האנט.

יחיאל ווישט זיך דעם שטערן און וויל מער נישט רעדן מיט אים.

— גיי... מיט דיר רעדן איז אקוראט ווי צו יענעם בוים...

— שא, נו און דו האסט יא געהאלטן א מאל א מיידל פאר א האנט?

יחיאל קוקט אויף אים מיט בטול. ער קוקט, קוקט און שיסט אויס:

— איך האב א געליבטע!... ווייסטו שוין? א האנט, פרעגט ער גאר...

— אזוי? א געליבטע? אן אמתע געליבטע? שוין באלד ווי אין א ראמאן, אויף מיין ווארט.

— אודאי א ראמאן... וואס דען האסטו געמיינט?

— איך האב גארנישט געמיינט, נאר אז דו זאגסט א געליבטע, טוט מיר הנאה...

— וואס זשע טוט דיר אזוי הנאה?

— וואס דו ביסט אזא גליקלעכער און איך וועל דערווייל האבן נאך א מומע...

— אלץ הייסט א מומע... אזא גרויסארטיקע מומע האסטו נאך נישט. שא, דו ווייסט וואס? דו ביסט מיר א גוטער פריינד צי ניין?

— איך האב פיינט, אז מען רעדט נארישקייטן.

— איך וועל פאר דיר אויפעפענען מיין הארץ... גוט? דו וועסט האלטן א סוד?

— פאר וואס נישט? איך האב נישט וועמען צו דערציילן.

— געדענק זשע, דערווייל — קיינעם קיין ווארט נישט... דיין נייע שיינע מומע קענסטו זייער גוט...

שלמה, זייער איבערראשט:

— איך קען זי? פון וואנען?

— זאלסט וויסן, איך האב דאס נאך קיינעם נישט דערציילט... איך מיט פאלי טולטשינסקי ליבן זיך...

— אווראמס שוועסטער? די וואס וווינט ביים אלטן שייען?

— די זעלבע... אפשר נישט קיין שיינע?

— איך בין נישט קיין מבין... נאר מסתמא, אז דו האסט זי אויסגעקליבן, איז זי א שיינע... און זי וויל שוין דען חתונה האבן?

— זי וויל גאָר? אידיאָט!...

— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז איר ליבט זיך... האָב איך גע־מיינט...

— אַז מען מיינט, טרעפט זיך נישט קיין גוטע זאַך... עס רעדט זיך נאָר אַזוי: מיר ליבן זיך... אי ך האָב זי ליב... און צי זי מיך אויך, ווייס איך נישט...

— קענסטו דאָך ביי איר פרעגן און פאַרשפּאָרן אַרומגיין מיט ספקות.

— אָט אַזוי מיינסטו. פרעגט מען אַזאַ זאַך? אַזאַ זאַך דאַרף מען צוגרייטן... אויסבעטן... אַז עס זאָל זיין גלאַטיק...

— איז ווי אַזוי גייט דאָס אויסבעטעניש, נישקשה?

— איך ווייס אַליין נישט... שטענדיק אַלץ איינס... דאַכט זיך, נישקשה...

— ווייסטו וואָס, יחיאל? דו ביסט דאָך מיר אויך אַ גוטער פריינד...

— פאַר וואָס זאָל איך דיר נישט זיין קיין גוטער פריינד? דו מיינסט, אַז אויב דו ביסט אַ לעקיש, האָב איך דיך נישט ליב?

— אויב אַזוי, דערציייל זשע מיר, ווי אַזוי אַלץ קומט פאָר אין אַזעלכע פאַלן. אפשר וועט נאָך מיר אויך אויסקומען אַ מאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם... אויסבעטן... וועל איך דאַמאָלסט פאַרשפּאָרן צו טאַפּן אַ וואַנט, ווי אַ בלינדער, דו פאַרשטייסט?

— וואָס איז דאָ דאָ צו פאַרשטיין? מיטן גרעסטן כבוד... איך קען דיר דערציילן. איך האָב פאַר דיר קיין סודות נישט.

— נאָר אַזוי, פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט... מיר האָבן דאָך גענוג צייט.

— ערשטנס, גיי איך אַהין זייער אָפּט. אין דער פרי און אויף דער נאַכט טרעפסטו מיך דאָרט. ווען איך האָב נאָר אַ פרייע מינוט.

— וואָס זשע איז דיין אַרבעט דאָרטן?

— מיין אַרבעט? וואָס בין איך ביי זיי אויף אַ פּאָסטן? נו, נו, נאַ דיר גאָר מיין אַרבעט...

דאַרף מען דאָך עפּעס זאָגן... כ'מיין, נאָך וואָס דו ביסט גע־קומען...

— וואָס דאַרף מען זאָגן, וואָס? איך זאָג אַ גוט מאָרגן און גענוג.

— און ווייטער?

— און ווייטער איז, וואָס עס מאַכט זיך. אַן עמער וואַסער אַריינ־

נעמען איז אַ מטבע. אַנהאַקן דינגע שפּענדלעך איז אויך אַ מסחר. ווער שמועסט, אַז מיין ליכטיקע פּאָלי שטייט שוין אויף, זייפט זיך אָן די הענט און הייסט סאָנקען איר אויפגיסן, דאַן רייס איך אוים ביי איר די קוואָרט פון דער האַנט און גיס אַליין אויף. דערוויל רעדט זי צו מיר: נאָך... געגוג... דאָס איז שוין עפּעס. היינט, ווען איך זע, אַז זי איז מער אַ ביסל אויפגעלייגט, גיס איך איר אָן וואַסער אין די אויערן, אַז נישט, שפּריץ איך איר אַריין קאַלט וואַסער אין בוזעם אַריין... הייבט זי אָן צו קוויטשען: מאַ־מע... דערוויל איז פריילעך... זעט זי, אַז איך האָב זי ליב... אַז זי איז ביי מיר דאָס לעבן... וואָס דען האָסטו געמיינט, אַז „אוכאַזשעווען״ * איז אַ גרינגע זאַך?

— איך זע שוין, אַז ס'איז אַ שווערע הלכה... נו, און שוין? אָט דאָס איז עס?

— נאַ דיר גאָר שוין... דאָס איז ערשט אָן אָנהייב... ווייטער, ווען איך הער, אַז זי פּאָרט אויף מאָרגן קיין זוועניגאָראָדקע נאָך ביכער, צי אין טעאַטער אַריין, פאַרלייג איך שוין אין דער היים אַזעלכע קלעצער, אַז מען איז שוין גערן פון מיר פּטור צו ווערן און איך פּאָר אויך... אין וועג, דו ווייסט נישט, טרעפט זיך: איר העלפן אַראָפּגיין, אַרויפגיין, דערוויל האַלט איך איר האַנט... אַז נישט, דאַרף זי גאָר טיף אין וועלדל... זי איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... וועל איך זי לאָזן אַליין? שטיי איך ביים וועלדל און וואַרט אויף איר... די פור שלעפּט זיך דערוויל אויפן באַרג. אין גאַנצן אַרום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש. זי גייט אַרויס: רויט, פאַרשעמט. זאָג איך איר: פּאָלי, פאַרריכט דאָס קליידל, ס'האָט זיך פאַרקאַטשעט... דערוויל ריר איך זיך צו צו איר... העלף איר ברענגען אין אָרדענונג דעם טואַלעט... אויב קיינער קוקט נישט, נעם איך זי אונטערן אָרעם... אַז מען קוקט, וויל זי נישט ליידן. בילעטן אין טעאַטער נעם א י ך שוין. זוך איך אוים ווינקלדיקע ערטער, אַבי איך לאָז זי דורך צו דער וואַנט, דאַן איז זי מיינע... קען מען זיך שוין צודריקן צו איר... אומגערן אוועקלייגן אַ האַנט אויף איר קני... זי איז דווקא נישט פויל און נעמט זי באַלד אַראָפּ, נאָר איך בין אַזוי אַנטציקט פון דעם, וואָס קומט פּאָר אויף דער סצענע, אַז איך פאַרגעס זיך באַלד און פאַרלייג די האַנט אויף איר אַקסל... וואָס דען האָסטו געמיינט? קיין אָפּגעשיילטע עפּעלע וועט דיר קיינער אין מויל אַריין נישט אַריינלייגן... מען דאַרף צוהאָרעווען... צוקנעלן ...צוגעוויינען צו

* אוכאַזשעווען – זיך דרייען אַרום אַ מיידל.

זיך... צי למשל בעתן אנטראקט דערקען איך שוין אויף איר, צי וויל זי טרינקען, צי וויל זי מאראזשענע אדער א פיראזשנע, צי זי איז גאר שטארק צעקאכט פון דער „דראמע". עס טרעפט דאס אויך דאמאלסט דארף איך זיך אפרוקן וואס ווייטער און שווייגן ווי א פיש, ווייל עס זיינען געווען אזוינע פאלן — פון אנהייב, פאר־שטייט זיך, איידער כ'האב נאך געוווסט אירע הנדעלעך — ווען איך האב עפעס איין מאל אנגעהויבן צושטיין צו איר, איז זי האס־טיק ארויס פון איר פלאץ, א צעכעסטע אוועק און אריינגעזעצט זיך צווישן צוויי פרעמדע מענטשן און האט מיך געלאזט מיט א נאז. פארן גיין א היים האב איך זיך נישט געכאפט צו שטיין ביים ארויסגאנג. איז ביז איך בין ארויס פון מיין ווינקל, איז שוין פון איר קיין זכר נישט געווען. אויף צו מארגנס, אז איך בין גע־קומען ביי טאג אויף איר אכסניה, זאגט מען מיר: פאלי איז שוין לאנג און כמעלניק, נאך אין דער פרי אוועקגעפארן. אין דער היים האט זי מיך א וואך צייט נישט געלאזט פאר די אויגן... דו מעגסט מיר מקנא זיין... איך האב מיט איר קאלטס און וואר־רעמס. עך ברודער, ס'איז ביי מיר גארנישט קיין גרינג שטיקל ברויט, ניין, ניין... מען דארף מיט איר וויסן ווי איין און ווי אוים... א גאנצע יחסנטע ביי זיך, א, א!

— איך פארשטיי שוין, אז דיר מוז נעבעך זיין זייער שווער... מיט אזא קאפריזנער צו האבן געשעפטן, דארף מען זיך גוט, גוט אונ־טערגארטלען...

יחיאל איז באגייסטערט פון שלמהס מיטגעפיל. ער הייבט אונטער דעם לינקן ארבל:

— דו זעסט אט דאס א?

— איך זע גארנישט.

— דו זעסט נישט קיין סיניאק*? כאטש אמת טאקע, ער איז שוין באלד אפגעגאנגען.

— וואס זשע איז דאס פאר א סיניאק?

— דאס האב איך א מתנה פון איר... שוין באלד צוויי וואכן.

— פאר וואס זשע האסטו באקומען אזא פרעמיע?

— ס'איז אזא מעשה געווען. מיר זענען געגאנגען אין קינא אריין, אויף דער סלאבאדקע. דאס איז שוין מיין חזקה. טאמער ווייזט מען עפעס א פילם, קויף איך שוין בילעטן. אירישלעך, מאנדלעך, סעמעטשקעס. דארטן אבער ווערטו מיט איר קיין קונצן נישט מאכן... סאמע היימישע מענטשן... דאס גאנצע

---

* סיניאק – א בלויער צייכן.

שטעטל... וואָס דען, אויפֿן וועג... פֿיר איך זי אויף אַזאַ וועג, וואָס קיינער גייט דאָרט נישט. דורך די ווערבעס, באַרג אַראָפּ, דו ווייסט ווו איך מיין? דאָרט אַרום פֿיר איך זי. דאָרט איז אפֿילו קיין שטעג נישטאָ. שניי, ביזן האַלדז, אָבער אַליין... אַליין איז די נשמה ריין. הכלל, גייען מיר... און דאָ, אַרום און אַרום, אָנו דו זאָלסט זאָגן אַ לעבעדיקער נפֿש. כאָטש איינער אויף אַ „שהחיינו“... און איר פּנימל קעגן דער לבנה שיינט שענער פֿון דער לבנה אַליין. די הענטשקעלעך, אַזוינע וואַרעמע, די האָר פֿון איר פֿאָר־טערל קיצלען אַזוי מחיהדיק... איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען, דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין, אומ־באַמערקט פֿאַר איר נעם איך און שטעל איר אונטער אַ פֿיסל, און זי — באַץ אין שניי אַריין!... איך מאַך אַן אָנשטעל, אַז איך האָב זיך אויך אויסגעגליטשט, און — אויף איר!... זי וויל זיך אויפֿהייבן... איך וויל זיך כלומרשט אויך אויפֿהייבן... מיר קאַטשען זיך ביידע אין שניי, ווי די רוחות... און זי — אַזאַ הייסע... האָט זי אָנגעהויבן גוואַלדעווען. איך האָב מיט דער האַנט געוואָלט פֿאַרשטעלן איר אויף אַ מינוטקעלע דעם גראַגער, האָט זי מיך אַזוי אָנגעהויבן בייסן... שיר אַ פֿינגער נישט אָפּגעביסן. און אויך נידעריקער פֿון דעם עלנבויגן... ממש, אַ בייזע שלאַנג. איך בין אויפֿגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער און קוק זיך אום — זי איז שוין נישטאָ לעבן מיר. איך זע: זי איז אַוועק אַהיים... זי לויפֿט און קוקט נישט אויף גאָרנישט... איך יאָג זי אָן, נעמט זי זיך אין אַ זייט... שטיי איך שוין אומיסטן אָפּ, לויפֿט זי ווייטער... עטלעכע טעג נאָך דער מעשה האָט זי נישט גערעדט צו מיר. נאָך דעם האָב איך זי איבערגעבעטן. ווידער אָנגעהויבן „אוכאַזשע־ווען“... אָט פֿון דאַמאָלסט אָן איז דער סיניאַק... שלמה, וואָס איז מיט דיר? דו ביסט דאָך ווייסער פֿונעם שניי?

— ס'איז גאָרנישט. נאָך פֿון אין דער פֿרי. קאַפּווייטיק. די מאַמע האָט מיך אפֿילו אין גאַס נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. יאָ, זאָג זשע מיר, איז זי דאָך גאָר אַ שלעכטע, די נייע מומע...

— פֿאַר וואָס זשע איז זי אַ שלעכטע?

— ווייל זי לאָזט זיך נישט צורירן צו זיך און בייסט זיך גאָר... נאַ דיר גאָר אַ בייסן זיך...

— דו ביסט אַ נאַר... אַזוי דאַרף זיין... אַנדערע זענען נאָך ערגער...

— וואָס קען נאָך זיין ערגער פֿון בייסן?

— אָט וועסטו הערן, אַז עס קען זיין נאָך ערגער. שוין לאַנג, לאַנג... שוין אפֿשר דריי יאָר אין דער מעשה. כ'האָב נאָך דאַמאָלסט

געלערנט אין זוועניגאראדקע ביים רבין שמעיהן. איין מאל בין איך עפעס א גאנצע וואך צייט געווען אין דער היים. איך געדענק נישט צוליב וואס. גיי איך אריין אזוי פאר נאכטלעך צו נעכע דער בעקערין, וואס וווינט מיט אונדז אונטער איין דאך: אפן די טיר און ס'איז קיינער נישטא... איך פרעג: ווער איז דא אין שטוב? ס'איז דא עמעצער אין שטוב? קיינער ענטפערט נישט. אין א ווײַלע ארום הער איך, ווי עמעצער שנארכט שטיל. איך כאפ א קוק הינטערן פארהאנג: כאסיע שלאפט. די הענט אונטערן קאפ, די פיס צעווארפן... און אין שטוב איז קיינער נישטא... נו, דו ווייסט נישט? א שיינע איז זי דאך... האב איך געמיינט: א כשרער טאפ מיט א כשרן לעפל... האט זי זיך אבער באלד אויפגעכאפט. נו, נו, פרעג שוין נישט...! קודם האט זי מיך געגעבן א ווארף צום קיכטיש... עד היום טוט מיר דארט וויי... זי האט נאר געוואלט מיט א בענקל מיר דעם קאפ צעשפאלטן. ס'איז געווען באלד נאך פסח, די פענצטער זענען נאך געווען פארשמירט. ס'האט גארנישט געהאלפן, זי האט זיך מיט אזא רציחה געיאגט נאך מיר, אז כ'האב געמוזט ארויסזעצן א ראם, אלע שויבן צעבראכן, און — ארויס... א שטיק צייט נאך דער מעשה האב איך מורא געהאט זיך צו ווייזן אויף זייער שוועל... זאגסטו גאר: א שלעכטע... אזוי זענען זיי אלע...

— פאר וואס זשע טאקע זענען זיי אזעלכע ביטערע?

— דו ביסט א נאר... דאס איז נישט פון ביטערקייט, עס דארף אזוי זיין...

— פאר וואס זשע דארף אזוי זיין?

— ווײַל ס'פירט זיך נישט אזוי, איינס און צוויי און — פארטיק...

— ווי אזוי דען פירט זיך?

— ווי אזוי עס פירט זיך? פריער האט מען זיך ליב... מען קושט זיך...

— ווער זשע האט דיך נישט געלאזט פריער זיך קושן?

— אזא חכם ביסטו? ווער ס'האט מיך נישט געלאזט, פרעגט ער. וואס זשע קלערסטו, אז אין מיר איז געווען די מניעה?

— וואס דען, אין איר גאר?

— הערסטו, איך האב געמיינט, אז דו ביסט א קליין אידיאטל, ניין, דו ביסט א גרויסער... אין איר גאר? אין איר גאר... אין וועמען דען? וויפל מאל כ'האב נישט געפרוווט זי ארויספירן דערויף, איין מאל ניין... זי איז נישט פון די מיידלעך, וואס מען רעדט זיי איין אדער מען קויפט זיי מיט עפעס... זי איז א קרא־

סאוויצע! און דער פאָטער אירער איז אַ מיליאָנשטשיק! דיר ווינטש איך, אַז עס זאָל ביי דיר גרינגער צוגיין... איך פאַל שוין פון די פיס און ער מיינט, אַז אַזוי פּראָסט טוט זיך עס...

— וואָס חו זאָגסט, יאַני... עס מאַכט נישט אויס, וואָס ער איז אַ מיליאָנשטשיק, ער איז אָבער אַ לייטישער מענטש, זאָגט מען... וואָלסטו געדאַרפט מיט אים אַ שמועס טון מכח אַכצן און דרייצן, וואָלסטו גלייך געוווסט, ווו דו ביסט אין דער וועלט...

— איך זאָל מיט אים שמועסן... וואָס האָב איך שוין מיט אים צו שמועסן? דערצו נאָך אָט דער יאַני... איך ווייס גאַרנישט, וואָס מען טוט צו אים... צו דער גאַנצער וועלט איז ער לייטיש און בכבודיק און צו מיר... ווייל איך דאַרף ווערן זיין איידעם... ער קוקט אפילו נישט אויף מיר... איך קען אַכט מאָל אים זאָגן איין זאַך, ביז ער ענטפערט מיר... צי ער איז ברוגז אויף מיר, צי דער גוטער יאַר ווייסט אים. עפּעס נאָר ווי אויף צעפּיקעניש...

— טאָקע אַ גראָבער מענטש ווי באַלד אַזוי, אָט דער יאַני... וואָס ווילסטו, פּאַרט אַ באַנדערם אַן איידעם.

— ווער? יאַני איז אַ גראָבער מענטש? דו ביסט שוין אַ מבין ווי אַ קאַץ אויף הייוון. יענער איז איין דימענטענער מענטש. דער גרעסטער בעל־צדקה אויף דער וועלט. וואָס איז? דו האָסט אים דען נישט ליב?

— איך האָב ליב אַלע ייִדן. פון מיר איז קיין ראיה נישט.

— איך ווייס, וואָס דו רעדסט? ווי איז דען מעגלעך אַזאַ מענטשן נישט ליב צו האָבן?

— יאָ, זאָג נאָר, יחיאל, אָט דאָס איז דער תכלית, וואָס דו האָסט געזאָגט? וואָס טוסטו, אַז יאַני נאָך דער חתונה וויל דיך נישט אַריינגעמען אין מיל אַריין? און פּאַלין, ווייל זי איז דערצו נישט געוווינט, וועט זיין שווער צו פאָרן מיט דיר אויף די יאַרידים, און עשרות גיב איר... פון אַזאַ שטוב... וואָס וועט דאַמאָלסט זיין דער תכלית?

— דו רעדסט ווי אַ קינד... ווער טראַכט דען פון באַלד חתונה האָבן?... זאָל נאָר ברכהס קינד עטוואָס אונטערוואַקסן, אַז זי זאָל קענען פאָרן מיט מיכאַלן אויף די יאַרידים, וועל איך תיכף ומיד אוועקפאָרן זיך לערנען. ביז איך וועל נישט זיין קיין דאָקטער אָדער קיין אינזשיניער, קלער איך אפילו נישט פון חתונה האָבן.

— דאָס האָט זי דיר געהייסן פאָרן לערנען?

— זי גאָר זאָל מיר הייסן? דאָס וואָלט דאָך שוין געהייסן זיך דערקלערט אין ליבע.

— נאָר וואָס דען?

— זי האָט זיך אַ מאָל אַרויסגערעדט, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן נאָר פאַר אַ מענטשן מיט הויכער בילדונג. האָב איך דאַן פאַר־שטאַנען, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו מיר. זי גאָר זאָל מיך שיקן... עס וואָלט געהאַט אַ שיינעם פּנים...

— נאָך וואָס זשע דאַרפסטו תיכף ומיד פאָרן? דו קענסט דאָך דערווייל לערנען דאָ?

— ווען קען איך לערנען? פאָרנדיק אויף די יארידים?

— אָבער ווען דו האָסט פרייע צייט?

— ווען, אומשטיינס געזאָגט, האָב איך פרייע צייט? און ווי־דער, אַז איך בין דאָ, גלוסט זיך בעסער שפּאַצירן, זיך דורכגיין נאָך אַ מאָל מיט פאָלין.

— און דאָרטן, ווייסטו, וועט זיך דיר דאָס נישט גלוסטן?

— דאָרטן וועל איך זיך אין גאַנצן אַריינטון אין לערנען. אַט וועסטו זען.

— און וויפל דאַרף געדויערן, ביז מען לערנט אויס אויף דאָקטער אָדער אויף אינזשיניער?

— אַ יאָר זיבן, אַכט, מסתמא. וואָס דען מיינסטו, פאַר איין טאָג? נישקשה, איך האָב זיך אַ שיין שטיקל אַרבעט אָנגעפּרעגט...

— מיט וואָס זשע ביסטו זיכער, אַז ביז דו וועסט דאָרט ערגעץ אָפּלערנען, וועט זי אַ פּאַרטיקער דאָקטער דערווייל דאָ נישט אויסכאַפּן?

— פאַר אַזאַ נאַר האַלטסטו מיך? איך וועל נישט פאָרן, ביז איך וועל נישט האָבן מיט איר פריער אָפן געשמועסט: אַט דאָס איז עס, מיין טייערע... צוליב דעם פאָר איך... און אפשר גאָר?...

— וואָס אפשר?

— אפשר וועל איך זי נאָך איבעררעדן צו אַנטלויפן מיט מיר אין דער גרויסער וועלט אַריין... דאַמאָלסט איז זי ביי מיר אין די הענט... מען שטעלט אַ חופּהלע... עס ווערט אַ קינדעלע... דאָס איז בעסער פון אַלע שמועסן...

שלמה האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף די פיס און זיך אָנגעכאַפּט אין יחיאלן.

— וואָס איז שלמה, טאַקע אַלץ דער קאָפּ?

— עט, נאַרישקייטן... פון דעם שניי דרייט זיך אַ ביסל דער קאָפּ... ווייס איך, ס'וועט איבערגיין...

אַ ווײַלע שפּאַנען זיי שטיל. שלמה, אַבי עפּעס צו זאָגן, פרעגט:

— דו ביסט מיט איר אויף „דו"?

— נו, אַ שיינע מעשה... פונעם ערשטן טאָג... איך אירץ נישט קיין מיידלעך...

ווידער אַ שטיקנדיקע שטילקייט. יחיאל קווענקלט זיך. ער וויל עפּעס זאָגן און באַשליסט זיך ניט. שלמה באַטראַכט גאָר די שנייעלעך, וואָס פלאַטערן אין דער לופטן קעגן דער זון. אויף זיין געזיכט איז צו זען, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן דעם גאַנצן שמועס מיט יחיאלן. נאָך אַ ביסל שפּאַנען זיי שווייגנדיק און שלמה זאָגט גלייכגילטיק:

— קום שוין צוריק, שוין באַלד דאָס דאָרף.

זיי קערן זיך אום און יחיאל פּלאַצט אַרויס:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל עפּענען פאַר דיר דאָס הארץ און זיך מיט דיר וועגן עפּעס אַן עצה האַלטן, און דו האָסט שוין גאָר פאַרגעסן?

— טאַקע פאַרגעסן... אַז דו שווייגסט, האָב איך געמיינט, אַז אַט דאָס איז שוין אַלץ.

— האָסט געמיינט... איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, וואָס עס ווערט, אַז מען מיינט. אייביק: נאָר ער מיינט... הער אויס מיט קאָפּ און באַטראַכט גוט וואָס פאַר אַן עצה מיר צו געבן. די זאַך איז אַזוי דערפון: סיי מנשה, סיי דער טאַטע קענען זיך גאָרניט אָפּלויבן פון דער מומע טייבלס יונגער טעכטערל. רחלע איז יינגער פון מיר אין גאַנצן אויף איין יאָר. דער פעטער גרשון איז אויך אַ גרויסער גביר און רחלע, דערציילן זיי, איז אַזאַ שיינע — אַן אויס־נאָם. און זינגט שיין. דו פאַרשטייסט דאָך, ווען איך קום אַהין, דער מומע טייבלס עלטערן ברודערס זון, אויפן קאָפּ וואָלטן זיי מיך געזעצט. אפשר לוינט גאָר פאַר מיר בעסער פון דאָרטן אַ שידוך טון... דאָ דאַרף איך דעם יאַנין ערשט וואַרעמען, אים לייגן הייסע קאָמפּרעסן צום חשק און דאָרט וועט מען נאָך מיך בעטן. און אַנאַניעוו איז אַ כרך... כמעט אָדעס. פאָרט נישט דאָס, וואָס ווי־נען אין דעם פאַרשימלטן זומפּ. וואָס זאָגסטו? ווו איז פאַר מיר גלייכער?

— איך קען דיר דערויף גאָרנישט זאָגן... ד אָ ס מיידל קען איך ווייניק, י ע נ ץ מיידל האָב איך קיין מאָל אין די אויגן נישט געזען... וואָס ווייס איך דיר צו עצהן? אַזעלכע זאַכן פרעגט מען נאָר ביים אייגענעם הארצן.

— איך קען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן, וויפל איך טראַכט נישט. נאָר מילא, מסתמא וועט דער אייבעשטער ווייזן אַ דרך. די, אָדער יענע, אָבער איך טו כאָטש עפּעס... איך טראַכט. עס דאַרט מיר דער מוח. און דו טראַכסט גאָרנישט פון די זאַכן? עס אַרט דיך גאָרנישט?

— איך טראַכט נישט. כ׳ווייס נישט פון וואָס צו טראַכטן.

— נו, אָבער איצט ווייסטו שוין ווייסן. איך האָב דיך שוין א ביסל אויפגעקלערט...

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ'האָב זיך אָנגעהערט פון דיר, מיט וואָס פאַר א שווערִיקייטן די זאַך קומט אָן, איז אויף מיר אזא פחד אָנגעפאַלן, אַז כ'בין שוין מוחל דעם כבוד... כ'האָב נאָך צייט צו טראַכטן...

— דו ווייסט, שלמה? צייטווייז בין איך דיר באמת מקנא... דו לערנסט, שרייבסט, לייענסט, פאַרטאַראַמסטו זיך... און איך האַלט נאָר אין איין טראַכטן... נאָך א מאָל דערפון און ווידער א מאָל דערפון... עס טרעפט א מאָל, אַז איך ברען ווי א העליש פייער. אויף מיין וואָרט, אמת... כ'בין דיר ממש מקנא... נאָר ווי אזוי לייענט מען דאָס א ביכל? ס'איז דאָך א טויטע זאַך. וואָס פאַר א טעם פילסטו דערינען? אסור, אויב איך פאַרשטיי...

קאַפּיטל XXIX

ווען שלמה פלעגט פאָרן קיין זוועניגאָראָדקע מיט א שליחות פון פאָטער, איינקויפן עפּעס אָדער ברענגען איינגעקויפטע סחורה, דאַן פלעגט ער שוין אומבאַדינגט בלייבן דאָרט נעכטיקן. באַזוכן זאַרעמבאַן און פּאָלאָניעצקין, פאַרגרייטן זיך א היפשן זאַפּאַס ביכער און באַזוכן טעאַטער אָדער קינאָ. די וואָך פון פורים האָט שלמה אין איינעם אַן אינדערפרי באַזוכט זיין רבין, שמעיה פּאָקאָטילאָווער, אין דער היים. דער רבי האָט זיך פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר שטאַרק אָראָפּגערוקט פונעם פּנים. די באַקן — נאָך מער איינגעשרומפּן, די אויגן האָבן עפּעס ווי פאַרלוירן דעם גלאַנץ, איין אויער איז ביי אים אין גאַנצן געווען פאַרבונדן: זיך א פּנים פאַרקילט.

דער רבי האָט זיך זייער דערפרייט מיט אים:

— זיץ, שלמה, זיין, שטיי נאָך א מינוט. ס'איז דיך טאַקע נישט צו דערקענען. אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע, און געוואָרן א פאָלנער מאַנסביל. זיץ, זיץ... דו ביסט ביי מיר זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. איך האָב שוין געבענקט א ביסל.

— און איך, רבי, האָב נאָך אייך געבענקט א סאַך...

— פאַר וואָס זשע ביסטו אזא לאַנגע צייט נישט געקומען? פון פאַר א יאָרן נאָך יום־טובים אָן. ס'איז דאָך א קימאַ־לן פון וויפל חדשים!...

— רבי, פון זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן, איז דאָס ערשטע דאָס

דריטע מאָל, אַז איך בין אין זוועניגאָראָדקע. יענע צוויי מאָל האָב איך נישט געקענט אַריינגיין, נישט פּאַרטיק געווען...

— מיט וואָס נישט פּאַרטיק?

— כ'האָב געמיינט צו זאָגן עפּעס אַנדערש... און וואָס הערט זיך ביי אייך, רבי?

שלמה נעמט פון טיש דאָס פּודעלע פון די ברילן, דרייט עס צווישן די פינגער און הערט דעם רבין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— וואָס זאָל זיך הערן ביי מיר, טייער קינד מיינס? איך געפין זיך אויף דעם עולם, וויל דער איבערשטער גיט יאָרן... זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. וואָס קען איך העלפן? אַ פּנים מען האָט אויבן פאַרלוירן מיין מעטריקע... צייטנווייז וואָלט איך שוין מוחל געווען דעם אריכת־ימים, וואָס יידן לייגן נאָך העם אַזוי איין די וועלט ביי ראש־חודש־בענטשן. נישטאָ שוין קיין כוחות זיך צו מוטשען און שוין טאַקע צייט אויך. היינט איז אויפגעשטאַנען אַ קליגערער דור, די תלמידים זענען פּעיקער פונעם רבין. אייערנעכטן האָב איך געכאַפּט טאַקע מיט מיין קאַנטשיק אַ זעץ אין אויער, רוישט מיר נאָך עד היום אין קאָפּ. מיינסטו אפשר, אַז עמעצער האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען? אַלע האָבן געלאַכט. עס געפעלט זיי גאָר דער אויפטו... איין געצי האָט דעם שולדיקן אַריינגעפּאַטשט. דווקא געצי. אַזוי, אַזוי... נישטאָ היינט קיין לייטישע יינגלעך. די גמרא האָבן מיר שוין אין גאַנצן פאַרוואָרפן. מיר לערנען שוין נאָר חומש מיט רש"י. נאָר דערויף זענען אויך נישטאָ קיין בעלנים. איין האַלבן טאָג לערנט מען אין שול און דערנאָך קומט מען מיט די רויטע בענדלעך אויפן האַלדז אויף אַ פּאָר שעה צו מיר. אַז ווי איז שוין צום לערנען. איך זאָג אים: בראשית ברא... זאָגט ער מיר: דער לערער האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָלע ליגן... האָט עס שוין אַ טעם מיט אַ ריח?... — — — ניין, ניין... דער איצטיקער דור איז שוין נישט פאַר מיר. דאָס שכירות גיט מען מיר פּונקט דאָס זעלבע און קויפן קויפט מען פאַר דעם האַלב. איך האָב אין גאַנצן איצט — חוץ די עלטערע תלמידים — דריי יינגעלעך און דריי מיידעלעך. שוין געוואָרן אויף דער עלטער אויך אַ ווייבערשער מלמד. אַן אַנ־דער ברירה האָב איך? אַלץ איינס קלעקט מיר נישט צום לעבן... עס פעלט מיר... עס פעלט מיר די גלאָז מילך אין דער פרי און די גלאָז ראַזשענקע * פאַרן שלאָף. כ'דאַרף אַ שטיקל עוף אַלע טאָג... קיין רינדערן פליייש פאַרנעמט מיין מאָגן נישט. און צו קיין עוף איז דאָך איצט גאָרנישט צוצוקומען... קיינער האָט מיך נישט

* ראַזשענקע – אַ מין סמעטענע, קעפיר.

אין זינען, יעדער האָט זיך זיין פּעקל, יעדער איז פאַרנומען מיט זיך. מיין אייניקל חוהלע געדענקסטו? איז זי היינט אין קאַטערינאָסלאַוו... אין אַ פאַבריק אַרבעט זי דאָרט... און די מוטער אירע, חנה, איז מיט מיר... חוה רופט זי דווקא צו זיך, זי האָט דאָרט אַ צימער, האָט זי. וויל זי, דער שוטה, חנה הייסט עס, מיך נישט לאָזן דאָ אַליין... פאַר, זאָג איך איר, וואָס האָסטו זיך צו זאָרגן פאַר אַזאַ אַלטן טאַטן? ממה נפשך, זאָג איך איר, וועל איך לעבן, איז דאָך גוט, אַלאַ נישט, איז אויך אַ קליינער אומגליק. קיין ייִנגערס פון מיר זאָל נישט אַוועקגיין... וויינט זי... אַ שוטה... אַזוי, שלמהלע, איז דאָס היינט ביי אונדז... און היינטיקע וואָך איז פּורים... ליהודים היתה אורה... אַה!... אַמאָליקע פּורימס!... איי, איי, איי!... וואָס ווייסטו? וואָס ווייסטו, וואָס דאָ אין דעם זוועניגאָראָדקע פלעגט זיך איבערטון אין די פאָר טעג? ווייס איך וואָס... עס איז דען איבערצודערציילן? און היינט... וואָס? ווער? וועמען?... דער דיין איז געשטאָרבן, מסתמא האָסטו געהערט? וואָס דען, דער רבי ר׳ וועלוועלע זאָל מאַריך־ימים זיין... טאַקע נאָר ער דערמאָנט נאָך אַ ביסל אין יענע גוטע יאָרן... אָבער וואָס קען איין מענטש אויפטון? און אַז אפילו אַ רבי? גיין, כ׳האָב מיך דאָ צו פיל פאַרהאַלטן... אָפּגעשטאַנען פונעם צוג... קומענדיק אויף יענעם עולם וועל איך שוין נישט זען קיין איין באַקאַנטן פּנים, אַלע זענען שוין מסתמא ערגעץ באַשטאַטן...

שלמה ווישט אויס די אויגן און זאָגט מיט געבעט:

— רבי, פאָרט צו אונדז קיין כמעלניק, עס וועט אייך גאָרנישט פעלן... רבי, פאָרט היינט מיט מיר...

— איי, נאַריש קינד, נאָך וואָס רעדסטו אַזעלכע זאַכן? אַ מענטש האָט זעכציק יאָר אָפּגעקנעלט אין אַ שטאָט. עטלעכע דורות דורכגעלאָזט דורך מיין קאַנטשיק, דורך מיין אויסגעמוטשעטן מוח, זאָל איך ערשט איצט אויף דער עלטער מאַכן די פּליטה? און וואָס וועל איך „דאָרטן" ענטפערן? ווער האָט מיר געגעבן רשות צו פאַרלאָזן מיין פּאָסטן? דערווייל לערנען זיך ביי מיר אָרום און אַרום זעכצן ייִדישע נשמהלעך... כל המקיים נפש אחת מישראל... דו געדענקסט נאָך? היינט — זעכצן?.. זאָגסטו גאָר אַוועקגעפאָרן... קיין ייִנגערע מענטשן ווילן זיך היינט צו דער עבודה נישט נעמען. מען טאָר שוין דאַכט זיך גאָרנישט... געזעצן אויף געזעצן... און ס׳איז נישטאָ מיט וועמען אויך... ווען איך זאָל חלילה צומאַכן דאָס חדר, איז אַן עק, אויס!... מעג מען זאָגן אַ רבנן קדיש... אַזוי ווייסט נאָך אַ ייִד, אַז ס׳איז דאָ אַ שמעיה פאָקוטילאָווער, מוטשעט אים דער יושר, דער לעצטער פונק ייִדישקייט, צאָלט ער זיין ייִנגעלע וואָכנ־

געלט, אַבי ער זאָל גיין אין חדר אַריין עטלעכע שעה אין טאָג. אָבער אַז איך וועל נאָך אויך אָוועקפאָרן, ווערט דאָך אים גאָר גוט ווי די וועלט, האָט ער דאָך אַ פּאַרטיקן תירוץ: נישטאָ צו וועמען... ניין, קינד מיינס... אַזוי לאַנג ווי דער אייבערשטער האָט נישט צוגענומען די ליכט פון מיינע אויגן, טאָר איך דאָס טייטל פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן. דאָס איז מיין מזבח און איך בין דער כהן. יהרג ואל יעבור...

שלמה גיט אַ פאַל צו דעם רבינס קני, באַשיט זיי מיט קושן און מיט הייסע טרערן. דאָס גאַנצע ביטערניש, וואָס האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט אָנגעקליבן אין זיין אָנגעווייטיקט הערצל, גיסט ער אויס פאַר זיין רבין. ער וויינט, דער רבי גלעט אים איבערן קאָפ און רעדט:

— דו מיינסט אפשר, אַז כ׳וואָלט נישט געוואָלט פאָרן? נאָך ווי אַזוי וואָלט איך געוואָלט... צו אַזאַ תלמיד ווי דו — יאָ! מיט אַלע כבודן... הנהלען וואָלט איך אָפּגעשיקט צו איר מיידל און מיר דאַרטן אין די לילי טבת הארוכים, אויף וועלכע רבים זאָגן, אַז זיי זענען בחינת חול־המועד, וואָלטן מיט גרויס חשק דערמאָנט דעם אַלטן „אמר אביי״... עס ווילט זיך, נאָר מען טאָר נישט. דערציייל, וואָס מאַכט עפּעס דער טאַטע, דער זיידע, מנשה דער רב?...

ווען שלמה איז אָוועקגעגאַנגען און דער מלמד האָט גענומען איינ־פּאַקן זיינע ברילן אין פודעלע, האָט ער פריער פון דאָרט געמוזט אַרויסשלעפּן אַ נייאינקן, קנאַקנדידקן פּופּציקער. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס שלמהן האָט זיך איינגעגעבן צונויפצוקלייבן פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר.

ע נ ד ע פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל.

צווייטער טייל

קאפיטל XXX

די וואָך פון פסח האָט מען ווידער אַלע פּיאַטיגאָרסקיס באַרויבט פאַרנדיק פונעם יאַריד און זיי געלאָזט נאַקעט. ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, יאַני האָט נישט געקענט פאַרליידן דאָס עניות פון די צוויי הייזער און האָט זיי געבאָרגט אַן היפּשן סכום געלט אויף אַ יאָר, אַז זיי זאָלן פאָרן איינקויפן פרישע סחורה און זיך ווידער צעפירן די הענט.

דאָס רעדל האָט זיך צוריק אָנגעהויבן דרייען, נאָר שלמה האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט פאַלין: ער האָט נישט געוואָלט טרעפן אויף זיך איר רחמנותדיקן בליק מחמת זייער אָרעמקייט. דאַקעגן מיט אַווראַמען האָט ער זיך זייער צונויפגעלעבט. יענער פלעגט זייער אָפט קומען צו זיי, ברענגען פאַר דינהן און פאַר שלמהן ביכלעך און שפּילן מיט שלמהן אין שאַך. אין די שבתים און אין די ימים־טובים אָדער סתם אין פרייע טעג פלעגן מנשה מיט שלמהן אַוועקגיין אין דער גענעראַלישעם פּאַרק און דאָרט אַרומשפּאַצירן ביז נאַכט. מען האָט געשמועסט וועגן אַלץ און וועגן אַלעמען. יעדעס מאָל פלעגט אים מנשה איבערפרעגן:

— איז וואָס, שלמה, ענטפערסטו מיר גאָרנישט וועגן דעם, וואָס מיין טאַטע האָט געשריבן? גלייב מיר, אַזאַ דינה וועסטו זוכן מיט ליכט און נישט געפינען... דאָס איז אַ בריליאַנט, אַ שטילע טויב.

— מנשה, נאָך וואָס לויבט איר זי מיר? איך ווייס אַליין גאַנץ גוט אירע מעלות און זי געפעלט מיר, נאָר איך טראַכט נאָך נישט פון אַזעלכע זאַכן.

— דו טראַכסט נאָך נישט? דו ווילסט מיך אָפּנאַרן, האַ? פון מיר וועסטו זיך נישט אויסבאַהאַלטן. נו, נו, מהיכא תיתא, זאָל דיר גאָט העלפן... נאָר דו גייסט אויף אַ גליטשיקן וועג, געדענק מיין וואָרט.

שלמה פלעגט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און גאָרנישט ענטפערן.

באַלד נאָך פסח איז די מומע זלאַטע שטאַרק קראַנק געוואָרן. פאַר די טעג פלעגן זיך די קינדער אַזוי פיל אָנמאַטערן מיט איר, אַז אויף די נעכט פלעגט שלמה גיין איבערזיצן ביי איר בעט. ווען זי איז געווען ממש לאחר יאוש, האָט דער זיידע שלום מיט אפרים־אהרונען אַראָפּגערופן מנשהן און בית־מדרש אַריין, פאַרשלאָסן די טיר און אפרים־אהרון האָט אים גענומען „זייפן":

— אָט דאָס האָסטו אַ פּנים געוואָלט און זיך טאַקע דערוואָרט. דו האָסט נישט פאַרגונען דיין מאַמען נאָך איר גוטער וועלט, וואָס

זי האָט אָפּגעלעבט ביי איר מאַן און ביי אירע קינדער, אַז זי זאָל דערלעבן דיך פירן צו דער חופּה. פינף קינדער האָט זי אָפּגעפירט אויפן בית־עולם, און דערנאָך האָבן א זון פון העכער דרייסיק יאָר, און דאכט זיך אזא אויסגעשפּילטן זון... זיצט ער. און איבער אים זיצן שוין די צוויי שוועסטערלעך אויך. וואָרעם וועמען ליגן זיי אין קאָפּ? מען ווייסט דאָך, אַז מנשה איז עלטער... אָבער ווען דו האָסט חתונה, וואָלסטו דאָך פאַר זיי אויך צוגעזוכט זייער גלייכן, זאָל דיין מאַמע אויך כאָטש א ביסל נחת זען מיט אירע אויגן, איידער זי מאַכט זיי צו...

מנשה האָט כליפּענדיק געפרעגט:

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר? וועמען זאָל איך נעמען?

— דו דאַרפסט זיך אומקערן קיין אַנאַניעוו און נעמען ביי דער מומע טייבל דאָס מיידל. שפּיי זיך אויס אויף שפרהס סטראַשונקעס... סטראַשעט די גענדז... זי זעט א שוואַך פערדל, קריכט זי אויף אים. און ווידער, זי וועט זיך הענגען? כאַפּט זי דער רוח!... וואָס איז, דו ביסט איר עפּעס שולדיק? — אויב זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן איינרעדעניש — ווער זשע איז איר שולדיק?... און הנה די משוגענע וויל דאָך נאָך היינט אויך נישט...

מנשה האָט געוויינט, נאָר ער האָט געגעבן דאָס וואָרט צו פאָרן. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער מומע זלאַטען געוואָרן גרינגער, מען האָט זי שוין אַרויסגעפירט אין דרויסן אויף דער לופט. דער זיידע שלום האָט טעלעגראַפירט, אַז מנשה פאָרט אַרויס, און ל״ג־בעומר איז מנשה אָפּגעפאָרן קיין אַנאַניעוו. ער האָט שטאַרק געוויינט ביים געזעגענען זיך. ער האָט געפילט, אַז ער פאָרט אויף א גרייטער זאַך.

אין אַנאַניעוו איז ער געוויר געוואָרן, אַז דער מומע טייבלס עלטערע טאָכטער איז חול־המועד־פּסח א כלה געוואָרן, נאָר מען האָט אים גענומען רעדן די צווייטע טאָכטער, אויך זייער א שיינע און זייער א פיינע. עס איז פאַריבער א וואָך צייט, חתן־כלה זענען זיך געפעלן געוואָרן און מען האָט שוין גערעדט פון תנאים, איז אָנגעקומען שפרה מיט דער שוועסטער, זיך אַריינגעריסן מיט א גוואַלד צו זייער מומע טייבל אין שטוב אַריין און שפרה איז אַרויס מיט א מענה־לשון:

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזא שחיטה אין מיטן העלן טאָג? אוועקקוילען צוויי וויסטע יתומות און אליין זיך גיין פּראַווען חתונקעלעך... און אַזוי טוט א רב? קיינער לייגט אונדז קיין שידוך נישט פאָר, ווייל מען ווייסט, אַז עפּעס איז מען פאַרבונדן מיט דעם מנשהן. ער האָט אונדז געקוילעט אָן א מעסער און אַצינד

ערשט גייט ער נעמען א יונג טייבעלע, א צוציקל... איך וועל אים ווייזן א צוציקל!...

און זי האט מנשהן דערלאנגט צוויי פליאסק אין די באקן.

צו דער כלה האט זי געשריגן:

— טאמער קלערסטו גיין מיט אים אונטער דער חופה, בין איך דיר מבטיח, אז פון דיינע פיר שטעקנס וועלן ווערן צוויי מטות, מיינע טייערע געשוועסטער־קינדערלעך... קללות פון יתומות גייען נישט פארלוירן, דאס איז מזומן געלט!...

אויף צומארגנס האט מנשה מיט בלוטיקע טרערן זיך געזעגנט מיט דער מומע טייבלס שטוב. די כלה האט דווקא באוויזן א שטאר־קייט:

— און איך זאג אייך, מנשה, אז איך לאך פון זייערע קללות, איר זענט קעגן זיי נישט שולדיק, דאס זענען באנדיטקעס. אויב אין אייך איז קיין מניעה נישט, בין איך גרייט גיין צו דער חופה, אפילו די מינוט.

מנשה האט מיט טרערן געענטפערט:

— אז איך בין נישט שולדיק, דאס ווייס איך נאך בעסער פון אייך, אבער אייך אריינשלעפן אין אן אומגליק? וואס האב איך צו אייך? איר זענט א יונג קינד און דארפט גליקלעך זיין אן קיינע מכשולים. גענוג, וואס דאס אומגליק האט מיך געטראפן, זאל איך נאך אייך אויך אריינשלעפן? ניין, דאס איז איבער מיינע כוחות.

עטלעכע טעג נאך זיין אומקערן זיך קיין כמעלניק האט שלמה אים באמערקט שטיין אין בית־מדרש הינטערן עמוד און זיך באַ־וואשן מיט טרערן. שלמה האט ארויסגעשלייכט פון בית־מדרש אויף די שפיץ פינגער און זיך געמאכט נישט זעענדיק.

פאר שבועות איז די באבע זעלדע קראנק געווארן אויף געלזוכט און מען האט זי אפגעפירט קיין זוועניגאראדקע. ארויסבאגלייטנדיק די באבע פון דער שטאט האט זיך שלמה אומגעריכט באגעגנט מיט פאלין. פון איר האט געוויזעט מיט א קעלט... פארפרעמדט געווארן, גרויסשטאטיש. זי איז שוין געווען א פאר טעג מיטן פאטער אין אומאן. אומאן איז א כרך.

לאנג האט איר שלמה נאכגעקוקט מיט א פארשטארבן הארץ...

די פראצעסן פון קאלעקטיוויזירן דאס דארף און ליקווידירן דעם „נעפ" * האבן זיך ערשט אנטוויקלט אין יאר 1928, אבער ביים פראסטן עולם, צווישן די קליינע מענטשעלעך, האט זיך דער קרי־

---

* ראשי תיבות פון: „ נייע עקאנאמישע לאגע ". אזוי האט זיך אין יענע צייטן בערופן דער פרייער האנדל.

זים דערפילט נאָך פיל פריער. אמת, ס׳איז שווער געווען פאַר פראָסטע קרעמערלעך פאַרויסצוזאָגן אין יאָר 1926, וואָס עס קען געשען אין יאָר 1928. אָבער איין זאַך האָבן זיי געפילט אויף זיכער: זייער מצב נידערט באַרג־אַראָפּ, עפּעס האַלט אין פלאַצן. דער פויער איז שוין געווען נישט דער פויער וואָס אַ מאָל. סחורה צו קריגן איז אָנגעקומען מיט „גרינע ווערעם“. דאַקעגן דער פּדיון איז געווען שוואַך. דער דאָזיקער שרייענדיקער „עפּעס“, וואָס איז געהאַנגען איבער אַלעמענס קעפּ, האָט פּאַראַליזירט די מוחות, אָפּגעשלאָגן דעם מינדסטן חשק זיך עפּעס צו קויפן, זיך אָנטון אָדער זיך אויספּוצן. פון באַנדיטן אויף די וועגן האָט מען שוין זעלטענער געהערט, דערפאַר האָט מען זיך אָנגעהויבן „היטן די ביינער“ פאַר די רירעוודיקע פינאַנס־אינספּעקטאָרן.

קוים האָט מען דערהערט, אַז „די שלעק גייען שוין“, פלעגט ווערן אַ שרעקלעכע מהומה. אויף די ווייבער ביי די שטעלעכלעך פלעגט אָנפאַלן אַן אימה ווי צו „ונתנה תוקף“. דער אַזוי גערופענער „מלאך המות“ פלעגט אַלע מאָל גיין מיט אַ מיליציאָנער. האָט ער געטראָפן ביי דער שטעל איין מענטשן, האָט ער געמאַכט אַן אַקט, אַז מן הסתם איז דאָ אויך אַ מיטהעלפער, נאָר ער האָט זיך באַהאַלטן. האָט ער שוין געטראָפן אַ בלעטל אויף אַ מיטהעלפער אויך, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַן אַקט, אַז דער מיטהעלפער איז גאָר אויך זיין שותף. און אויב ס׳איז שוין געווען אַ בלעטל אויף אַ שותף אויך, איז געבוירן געוואָרן אַן אַקט, אַז לויט דער סחורה זעט מען, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע קרעמערס, און נאָר כדי אָפּצונאַרן די מלוכה־אַנשטאַלטן, האָבן זיי זיך צונויפגעפּאָרט. די דאָזיקע אַקטן פלעגן אויפן אָרט באַקומען די טאַקסיראָווקע * נאָך דער שטימונג פונעם „אינספּעקטאָר“: פופציק רובל, פינף און זיבעציק רובל און אַ מאָל אַ גאַנצער הונדערטער. דאָס געלט האָט געמוזט באַצאָלט ווערן דאָ טאַקע אויפן פלאַץ אָן קיין שום טענות. טאָמער האָט דער קרבן נישט געהאַט אויפן אָרט מיט וואָס זיך אויסצוקויפן, האָט דער מיליציאָנער אָנגענומען פון דער קראָם אין אַ זאַק אַריין, וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, און אָפּגעטראָגן אין „מיליציע“ אַריין. האָט נאָך דער קרעמער שכל געהאַט צו ברענגען דאָס שטראָפגעלט ביז נאַכט, איז גוט געווען; טאָמער אָבער איז ער ערשט געקומען אויף צו מאָרגנס, איז שוין פון זיין קראָם קיין זכר נישט געבליבן.

מען האָט גאָר קיין חכם נישט געדאַרפט זיין, כדי צו פאַרשטיין, אַז די מלוכה קוקט קרום אויף אַלע יידישע מסחרים. אמת, ס׳איז

---

* טאַקסיראָווקע — די סומע געלט פון דער שטראָף.

קיין סוד נישט געווען, אַז האַלב פון דעם קאָנפיסקירטן קאַפּיטאַל גייט אין אינספּעקטאָרס טאַש אַריין, אָבער דאָך איז קיין ספק נישט געווען, אַז דער שטורעמווינט שטאַמט פון „פון־אויבן". אויף דער אייגענער האַנט טוט מען נישט אַזעלכע זאַכן.

קאַפּיטל XXXI

נאָך שבועות איז געקומען צו פאָרן דער „נאַצמען"* מיט אַ באַפעל פון אָבלפּאַרטקאָם** צוצונעמען דעם בית־מדרש אויף אַ קלוב. יענעם אויפדערנאַכט איז געווען אַ דרינגענדיקע זיצונג פון דעם גאַנצן כמעלניקער יידישן קאָמסאָמאָל צוזאַמען מיטן אַקטיוו. אויף אינדערפרי זענען איבערן גאַנצן שטעטל צעשיקט געוואָרן בריגאַדעס צו צוויי, דריי אַקטיוויסטן און ערב־אַקטיוויסטן, אויף צו באַאַרבעטן די בעלי־מלאכות, אויפקלערן די „אָרעמקייט", אויף וויפל דער דאָזיקער שריט איז נייטיק און אומבאַדינגט, און אגב מאַכט נישט אויס איינרוימען אויפן אויער, אַז ס׳וועט זיין אַ שוואַרצער צעטל פון די, וואָס וועלן נישט שטימען פאַרן פאָרשלאָג פון פּאַרטקאָם, און ווי וועט זיין צו יענעמס קאָפּ...

דעם זעלבן טאָג, פינף פאַר נאַכט, איז אין גרויסן כמעלניקער בית־מדרש — דאָס איינציקע איבערגעבליבענע מקום־קדוש אין שטעטל — פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער שטאָט. דאָס מקום־קדוש איז געווען פול. אין דער ווייבערשער שול איז נישט מעגלעך געווען קיין נאָדל דורכצוואַרפן. מען האָט באַלאַגערט די פענצטער, די פריזבעס, יעדער האָט געוואָלט בייזיין ביי יציאת־נשמה. אויפן באַלעמער איז אַרופגעגאַנגען אַ מענטש פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, פערציק, אַ דאַרער, אַ געלער, נישט קיין הויכער, מיט גיפטיקע אייגעלעך. ער איז געווען אָן אַ היטל, געטראָגן אַ בלוי, צעכראַסטעטע העמדל מיט אַ גרויסן מיליטערישן רימענעם פּאַס. הויזן — גאַליפע, שטיוול — סאָלדאַטסקע מיט סמנים פון אַראָפּ־גענומענע שפּאָרן. זיין פּנים איז געווען פאַרגליווערט ווי אייז. ער האָט נישט געקענט באַנעמען, וואָס איז מען זיך דאָ אַזוי צונויפ־געלאָפן ?

ער האָט טרוקן אַ געשריי געטון:

— אַכטונג, חברים!

אין בית־מדרש איז געוואָרן שטיל, ווי פאַר תקיעות...

* נאַצמען – באַפולמעכטיקטער פאַר ענינים פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

** אבלפּאַרטקאָם – געגנט־פּאַרטיי־קאָמיטעט.

— חברים, מיך האָט צו אייך געשיקט די ראַטנמאַכט. מיר פירן איצט דורך אַ קאַמפּאַניע אין גאַנצן אָבלאַסט*, פון וועלכער דער ציל איז, צו געבן דעם שטעטל אַ סאָוועטישן אויסזען. כמעלניק איז אַ היפּש שטעטל מיט פיל קוסטאַרן, פיל קאָמסאָמאָלצעס און קיין קלוב האָט איר נישט. ס'איז אַ בזיון. קוים ווילט זיך אַ מאָל זען אַ פילם, מוזט איר אַזש קריכן אויפן דאָרף... שיין אַזוי?... און אַז אין עטלעכע הדשים אַרום ווערט אָסיען, רעגנס, בלאָטעס, איז כּמעט שטיי אָפּ פון דער וועלט און זע נישט קיין קינאָ. צי למשל, מיר קלערן אייך גאָר צושיקן אַן אַסאָרטימענט ביכער. שוין צייט צו האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק, צי ניין? אַלזאָ האָט דער אומאַנער אָבלפּאַרטקאָם, דער זווענינגאָראָדקער שטאָטפּאַרטקאָם און דער כמעלניקער שטאָט־ראַט און פּאַרט־קאָם —

ער האָט אויסגעוואָרט, כדי צו זען דעם איינדרוק פון די „קאָמען".

— האָבן די אַלע קאָמיטעטן מיך באַפולמעכטיקט איבערצוגעבן אייך זייער באַשלוס און פאָרשלאָג פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אַז די געביידע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט, וואָס האָט ביז היינט געדינט אַלס אַ טעמפּל, זאָל מען אויך אָפּצונאַרן דעם האַראָפּאַשניק, אויף לאָזן אים רויק אין די אויגן און פאַרטשאַדען דעם קאָפּ מיט אַלערליי קאַפּיטאַליסטיש־רבניש־גלחישע זאַבאָבאָנעס, וואָס זענען דער פאַרפאָסטן פון קאָנטער־רעוואָלוציע — זאָל מען אָט די שעדלעכע אינסטיטוציע פאַרוואַנדלען אין אַ קלוב, וווּ דער שטעטלדיקער אַרבעטער וועט שטענדיק קענען קריגן אַ צייטונג, אַ ביכל, אַ שאַך און אפילו זען קינאָ און טעאַטער. אָט דאָס איז אַלץ. אפשר וויל זיך עמעצער אַרויסזאָגן?

פון אַלע ווינקלען האָבן זיך דערטראָגן געשרייען פון די קאָמסאָמאָלצעס:

— אַ קלוב, אַ קלוב... וואָס איז דאָ צו רעדן? אַ קלוב... איינשטימיק אָנגענומען...

דער נאַצמען האָט זיך געווענדט צו די שווייגנדיקע קוסטאַרן.

— און וואָס שווייגט איר, חברים פון עלטערן דור? כ'בין דאָך נישט געקומען אַהער הערן בלויז די מיינונג פונעם קאָמסאָמאָל. ביי זיי דאַרף איך נישט פרעגן, נישט זיי פלעגן דאָ דאַווענען און נישט זיי האָבן דאָס רעכט די שול אָפּצוגעבן, אייער וואָרט וויל איך הערן...

ווידער האָט דאָס יונגוואַרג נישט אויסגעהאַלטן:

— וואָס האָט איר צו פרעגן? שווייגן הייסט מסכים זיין... אַ קלוב... אַ קלוב, נאָר אַ קלוב... הוראַ!...

---

* געגנט, קרייז.

Это есть наш последний
И решительный бой... *

— שטילער דאָרט, חברים קאָמסאָמאָלצעס, פון דיסציפּלין ווייסט איר? די קוסטאַרן וואָס שווייגן? די קוסטאַרן... מיר זענען דאָך געקומען פרעגן ביי אייך. וואָס שטייט איר ווי די סלופּעס? צו אייך רעד איך, צי ניין?

אין דער מאַסע האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פאַרשטיקטער געמורמל. מען האָט געפינטלט מיט די אויגן, געשנייצט די נעזער, געהוסט אין די אַרבל, נאָר די שטימונג איז געווען אָנגעלאָדענע ווי פריער. פּלוצלינג האָט זיך פון אַ ווינקל הינטער דער טיר דערטראָגן אַ שטילער רואיקער אויסרוף:

— גיט מיר אַ וואָרט.

דער נאַצמען האָט זיך פלינק אויסגעדרייט:

— ווער האָט געבעטן אַ וואָרט? חבר, גייט צו נעענטער.

און ביים דערביישטייענדיקן יידישן מיטגליד פון שטאָטראַט פרעגט ער שטיל:

— ווער איז אָט דער מענטש?

— דאָס איז דער רב פון שטעטל...

— האַ!... אַזאַ יונגער?

פלינק דרייט ער זיך אויס צו מנשהן, גיט אים אַ נעם דורך מיט זיינע אייגעלעך:

— בירגער רב... ווייל איר זענט אַן אַרבעטער פון קולט, אַ שעדלעכער עלעמענט, קענט איר נישט אַרויסטרעטן פאַר די מאַסן. דאָס איז אַ טריבונע בלויז פאַר פּראָלעטאַריער...

פון אַלע עקן בית־מדרש, ווי פון אַ געדונגענער קאַפּעלע, האָבן זיך דערטראָגן אויסגעשרייען:

— ריכטיק, ריכטיק... ער האָט נישט קיין וואַלרעכט... נישט געבן אים קיין וואָרט...

דער נאַצמען האָט אומגעדולדיק געוואָרפן מיט די אויגן אַרום זיך:

— נו, חברים, ווער נאָך וויל אַ וואָרט? וואָס שעמט איר זיך? אַרויסגייענדיק פון דאַנען וועט איר דאָך האָבן גענוג שטאָף צו רעדן, קענט איר דאָך עפּעס זאָגן דאָ אויך... איר זענט דאָך דער־וואַקסענע מענטשן. וואָס איז דאָס שווייגעניש? אויף וועמען זענט איר ברוגז? פאַר וועמען שעמט איר זיך? מיר זענען דאָ אַלע פּראָסטע מענטשן. זאָגט, ווי ווער עס קען. נו, לעבעדיקער, ווער וויל אַ וואָרט? אָדער מיר גייען איבער צו דער אָפּשטימונג?!...

* רעפריין פון אינטערנאַציאָנאַל:

« דאס איז אונדזער לעצטער און אנטשיידנדיקער קאמף »

א כוואַליע יינגלשע מיט מיידלשע קולות:

— יאָ, יאָ... אָפּשטימען... נאָר אָפּשטימען... וואָס איז דאָ צו רעדן?

מנשה האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ שיך. יאַני האָט אים געשלעפּט פאַר אַן ארבל:

— מנשה, וווהין רוקט איר זיך? איר זוכט אויף זיך אַן אומגליק?...

— איי, לאָזט אָפּ, מען פרעגט ביי אייך נישט... חבר נאַצמען! ערשט נאָר וואָס האָט איר אליין געזאָגט, אַז אָפּגעבן דעם בית־מדרש דאַרפן די, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שייכות צום בית־מדרש. אויב אַזוי, האָט איר געקענט איטער כאָר לאָזן אין דער היים. זיי האָבן אויף זייער לעבן נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם מקום־קדוש און ביי זיי פרעגט מען נישט. איך האָב אַ דירעקטע שייכות צום בית־מדרש און איר דאַרפט מיך צולאָזן צום וואָרט. אַלנפאַלס, פרעגט ביים עולם, צי זענען זיי מסכים, אַז איך זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער, צי ניין...

דאַן האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט שמואל־מענדל דער שניידער:

— זאָל מנשה זאָגן עפּעס, זאָל ער...

וועלוול קאַטיק און זלמן פּאַנפּאַטע,ביידע שוסטערס, האָבן אויך אונטערגעהאַלטן:

— אודאי זאָל ער זאָגן, פאַר וואָס עפּעס זאָל ער נישט זאָגן? אַ סוד, צי וואָס?

עס האָבן זיך אָנגערופן בעלי־עגלהס, שמאַטניקעס, קליינע קרעמערלעך:

— יאָ, יאָ... מנשהן אַ וואָרט... וואָס הייסט עפּעס ניין? וואָס איז דאָס עפּעס, פאַרמאַכן דאָס מויל?

דער נאַצמען, אַ צערייצטער, האָט אַ שאָס געטון אויף מנשהן מיט די אויגן:

— איר קענט זאָגן עטלעכע ווערטער, נאָר וואָס קירצער, מיר האָבן קיין צייט נישט.

נישט שענקענדיק אים אפילו קיין איין קוק האָט מנשה, מיט געמאָסטענע טריט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט זיין ווערט און ווערט נישט איבערראַשט פון אַ ביליקן פּרייז, זיך גענומען דערנענטערן צו דער מזרח־וואַנט. לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די ארון־קדוש־טרעפּלעך. די זון איז שוין געווען גאַנץ נידעריק, די שטראַלן האָבן די מינוט אָפּגעזוכט זיין פּנים, אָפּגעשווענקט עס אין גאָלד, און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם, איז אים נישט געווען צו דערקענען: אויפן פּאָן פון דעם

באגילדעטן פרוכת האט ער אויסגעזען ווי א הייליקער. פון דער באָרד האָבן זיך געשאָטן פונקען פייער. די אויגן האָבן געלויכטן. ער האט אויפגעהויבן די רעכטע האנט:

— רבותי! בעלי־בתים און בעלי־ביתטעס! אונדז איז מען דאָ געקומען פאָרלייגן צו מאכן א קלוב אין שטעטל... ווער קען זיין קעגן אזא וויכטיקן פאָרשלאָג? וועמען גלוסט זיך דאָס נישט, האָבן ווהין אריינצוגיין, לייענען עפּעס נייס, מאכן א דאמקע אָדער א דאָמינאָ? ווער קען דאָס נישט וועלן שטיצן אזא אונטערנעמונג? כאָטש איך בין א רב, אָדער ווי דער נאצמען האָט זיך אויסגעדריקט: א שעדלעכער עלעמענט, דאָך באגרים איך דער ערשטער אזא טייערן איינפאל. נאָר איין זאך קען איך נישט פארשטיין: וואָס פאר א שייכות האָט דאָס מיטן בית־מדרש?... מען דארף א קלוב, מהיכא תיתא, מיטן גרעסטן כבוד, ווער זאָגט דען ניין? מאכט געלט און בויט אייך א קלוב. אָבער ווער האָט אונדז געגעבן רשות, חרוב צו מאכן דאָס, וואָס אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אויפגעשטעלט? אין דעם בית־מדרש שוועבן ארום די נשמות פון אלע הורות, וועלכע האָבן דאָ וואָן עס איז געדאַוונט, וועלכע האָבן דאָ עולה־תורה געווען. אונדז און אונדזערע עלטערן און אונדזערע זיידעס האָט מען צווישן די פיר ווענט פאר יידן געמאכט. אונדזערע מאמעס און אונדזערע באָבעס האָט מען פאר די טרעפּ דעם „הרי־את" געזאָגט. אלע איינוווינער פון אונדזער בית עולם האָבן פאר די טרעפּ דעם „אל־מלא־רחמים" געהערט... וויפל יידישע טרערן האָט אין זיך איינגעזאַפּט אָט דער פאָל אין די תשעה־באבדיקע נעכט, צו כל־נדרי און צו נעילה?... וויפל פריידיקע התלהבות פלעגט מען דאָ אויסגיסן אין די פורימס און אין די שמחת־תורהס?... וויפל טויזנטער און טויזנטער יידישע נשמות האָבן אונטער דעם דאך אויסגעגאָסן פאר גאָט זייערע נשמות ביי א קאַפּיטל תהילים אָדער ביי א בלעטל גמרא... איצט רוען זיי אין זייערע קברים, די אמתע בעלי־בתים פון דעם בית־מדרש, און מיר, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלן צוליב א קינאָ חורכטרייבן זייערע נשמות פון דאנען. מאָרגן וועט מען דארפן א פוטבאָל־פלאַץ, וועלן מיר צעקלאַפּן זייערע מצבות און זיך שטעלן שפּילן פוטבאָל אויף זייערע קברים... אז מען דארף, איז עפּעס א תירוץ? קען דען זיין א פלאַץ — חוץ דעם בית־עלמין? קען דען זיין א געביידע — חוץ דעם בית־מדרש?... ניין, רבותי! מיר טאָרן זייערע נשמות נישט פארטרייבן פון די ד' אמות... מיר טאָרן נישט און מיר וועלן נישט. אלע האָבן מיר פיצלעך קינדער און דאָס איז דער ערשטער רעזערוו, מיט וועלכן דער אייבערשטער נוצט זיך בעת נקמה...

מען האָט מיר געהייסן מאַכן אויף קורץ און איך האָב אייך טאַקע מער נישט וואָס צו זאָגן אויך, איך זאָג אייך נאָר, אַז ווער עס וועט אויפהייבן אַ האַנט אויף צו שטימען פאַר אָפּגעבן דעם בית־מדרש אויף אַ קלוב, דעם וועט די האַנט אָפּטריקענען!... קיין בעל־מופת בין איך נישט, נאָר פּרוווט אומיסטן, וועט איר זען אַ שיינס...

די פאַרזאַמלונג איז דורכגעפאַלן. קיינער פון די קוסטאַרן האָט נישט געשטימט. דער נאַצמען איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ נאָז.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מנשהן אָנגעקומען אַ וואָרענונג פון זוועניגאָראָדקע, אַז אויב ער וועט נאָך אַ מאָל אַרויסוואַרפן אַזאַ „שטיקעלע", וועט מען אים אַזוי פאַרשטעקן, אַז מיט ליכט וועט מען אים מער נישט געפינען. מנשה, איבערלייענענדיק, האָט נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— גאָט איז שטאַרקער פון זיי... גוט איז אַ חיי־שעה.

*

דער תמוז אין יענעם יאָר איז געווען נישט אַזאַ הייסער ווי דער אב. די ערד האָט געברענט. עס פלעגט קומען אַ יאַריד־טאָג, פלעגן די מענטשן זיך לאָזן זוכן אַ טרונק און די פערד — בלייבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מוטנע אויגן, האַלבע פגירות.

אין איינעם אַזאַ טאָג איז ר' שלום געלאָפן פון מאַרק אַהיים אויף גיך ברענגען אַ טרונק. די העלדזער ביי זיין ווייב און קינדער זענען געווען אויסגעטריקנט פון דעם הייסן שטויב און פון רעדן אַ גאַנצן טאָג. צוריקגייענדיק מיטן עמער וואַסער און מיט דער גרויסער קוואָרט, האָט אים אַ פּויערטע אַ בעט געטון מיט פאַר־טריקנטע ליפּן:

— גיב, זיידעשי, אַ טרונק... האָב גאָט אין האַרצן...

דער אַלטער שלום האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון:

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד... איר דאַרפט גאָר בעטן ביי מיר?...

אַרום עמער וואַסער האָט זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן אַ רעדל נישט־דרייסטע פּויערן און פּויערטעס.

— זיידעשי, גיב שוין מיר אויך...

— אַלטיטשקער, איך זויג אַ קינד...

— חבר... ביי מיר איז אַלץ אינעווייניק איבערגעטריקנט... האָב רחמנות...

ר' שלום האָט דערלאַנגט פולע קוואָרטן אויף רעכטס און אויף לינקס:

— באַלד פעטערל... די מינוט גיב איך דיר, איצט טרינק דו, מומעטשקע... יינגעלע, יינגעלע... קום אַהער, שעם זיך נישט, דו

ביסט נאָך אַ קלייניקער, נאַ דיר פּאָר אַלעמען. טרינק, טרינק. וואַרט נאָר, ערגעץ דאַרף איך האָבן אַ קאָנפעקטל... אָט־וואָ, פאַר־געסן. עס ליגט אין זשילעט־קעשענע. וואַרט, כ׳וועל באַלד נאָך וואַסער אַרויסטראָגן, וועל איך דיר ברענגען... טרינקסט, טרינקסט, גוטע מענטשן, זשאַלעוועט נישט... אין בהונעם איז דאָ געגוג וואַסער, כ׳וועל ברענגען.

דעם זעלבן איבערפאַל האָט ער אויך געהאַט מיטן צווייטן עמער און מיטן דריטן. אַ לאַנגער, אַ פאַרשוויצטער, מיט אַ גליקלעך פּנים איז ער געשטאַנען צווישן די פורן, דערלאַנגט אין אַלע זייטן די מעשענע קוואָרט מיט די צוויי אויערן און מיטן פּישעלע אויפן דנאָ, און ווי אַ גרויסער מחותן אויף אַ חתונה געשריגן:

— שטופּט זיך נישט, שטופּט זיך נישט, חברימלעך!... אין ברונעם איז דאָ גענוג, כ׳וועל נאָך ברענגען... וויפל איר וועט נאָר וועלן, וועל איך אייך ברענגען...

די באָבע זעלדע האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן און איז געלאָפן אַ קוק טון, ווו איז ער דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן, דער שלים־מזל אירעד, אַוועקגעגאַנגען און פאַרגעסן דעם זיי־געזונט...

נישט ווייט פון איר שטוב זעט זי עפּעס אַן אָנלויף. פאַרשטייט זי: אודאי ביי עמעצן אויסגעשניטן די קעשענע, און זי גיט גלייך־גילטיק אַ קוק אין רעדל אַריין. איר שלום, זעט זי, שטייט מיט איין פוס אויף איין וואָגן, מיטן צווייטן פוס אויפן צווייטן וואָגן, די אויגן שיינען, ווי ער זאָל דאָ איצט די מיזינקע אויסגעבן: וועמען ער גיט טרינקען מיט דער קוואָרט און וועמען ער גיסט אָן אין אַ שיסל, און וועמען — פּראָסט אין היטל. ער באַרואיקט יעדן איינעם:

— ערגערט זיך נישט, איר וועט זיך אַלע אָנטרינקען... וואָס, וואָס, נאָר אויף וואַסער בין איך דאַנקען גאָט אַ גרויסער עושר. נאָר געדולד... כ׳וועל נאָך אַ מאָל אַרויסטראָגן און נאָך אַ מאָל... נישקשה, צייט איז דאָ גענוג...

זעלדע גיט זיך אַ וואָרף צו אים. זי קווטשעט נישט מיט איר קול:

— אומגליק מיינער!... מיר ווערן דאָרט שיר נישט פאַרבּרענט און ער האָט צייט געגוג!... גזלן, וואָס האָסט זיך גענומען אויף אונדזערע יאָרן!...

— זעלדע, גאָט איז מיט דיר, וואָס שרייסטו? דו זעסט דאָך, אַז מענטשן זענען דאָרשטיק. פאַר וואָס, אַז דו קומסט צו זיי —

זעלדע גיט אַ ריס דעם עמער פון זיינע הענט, גיט אַ פליוך אויס דעם רעשט וואַסער אונטער די רעדער און גייט אַליין ברענגען וואַסער די קינדער צו טרינקען. דער אַלטער שלום איז פאַרשעמט.

ער קען נישט קוקן די גוים אין די אויגן איבער זעלדעם אבזריות. אויסגיסן וואסער אין אזא היץ...

ער טרייסט זיי:

— זאל אייך נישט ארן... כ'וועל לייען א צווייטן עמער... הערט זי ווי דעם קאטער... גייט אין ערגעץ נישט, כ'קום באלד און כ'ברענג פריש וואסער.

נאך מעריב, קומענדיק אהיים, האט ער געכאפט א סילוק פון אלע בני־בית פאר זיין גוטהארציקייט, נאר ער האט גאר בעת מעשה געזאגט דעם „זהר" פון „חק" און דאכט זיך אפילו נישט געהערט, וואס זיי רעדן צו אים...

קאפיטל XXXII

אין וועגעראד, ווו יאריד איז אלע מאל געווען מאנטיק, פלעגט אפרים־אהרונען מיט שלמהן אויסקומען צו זיין עטלעכע מאל אין וואך, און אפט מאל אויך איבערנעכטיקן. זונטיק, פארנדיק קיין בוקי, האט מען נישט געקענט אויסמיידן וועגעראד. מאנטיק איז דארט אליין געווען יאריד. דינסטיק, קיין „זשעדיוווסקע־גרעבליע" איז מען ווידער געפארן דורך וועגעראד. מיט איין ווארט, דאס שטעטל איז געווען דער קנופפונקט, פון וואנען עס זענען זיך צע־גאנגען אלע וועגן אין די ארומיקע שטעטלעך. די פיאטיגארסקים האבן געהאט אין וועגעראד באקאנטע און ווייטע קרובים אן א שיעור. נאר פון דעסט וועגן פלעגן זיי נעכטיקן אין א איינפארהויז. זיי האבן נישט ליב געהאט צו „ליגן ביי יענעם אויפן קאפ".

אין דער וואך פון פאר סליחות איז דער יאריד אין וועגעראד גע־ווען זייער א געשלאגענער. א גאנצן טאג האט גערעגנט, ביי טאג האט אפילו א ביסל אויפגעהערט, אבער די פויערן זענען זיך שוין צעפארן איבער די דערפער און ס'איז נישט געווען אפילו צו וועמען צו רעדן.

די מומע ברכה מיט די ברידערלעך האבן זיך גענומען פאקן אויף צו פארן אהיים. אפרים־אהרון האט נאך נישט געוואלט פארן: ער וויל נאך שטיין א ביסל, טאמער וועט מען פארט עפעס לייזן. דער פורמאן האט אנגעהויבן צו ווארטשען, הלמאי אלע במעלניקער צעפארן זיך און זיי בלייבן איבער אויף צו פארן איין פור קעגן נאכט. האט אים אפרים־אהרון א ווינק געטון, אז ער זאל קיין יסורים נישט האבן: ס'וועט זיין רעכט.

אויף דעם מארקפלאץ איז געבליבן איין און איינציקע שטעל אין דער גאנצער מאנופאקטור־ריי. ס'האט זיך ווידער אנגעהויבן זיפן

א רעגנדל, אויפן גאַנצן מארקפּלאַץ איז נישט געווען צו זען „קיין משוגענעם הונט“. אַלע איינוווינערס פון שטעטל האָבן זיך באַהאַלטן אין זייערע הייזער. דער גוי פון דער פור איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן וואָגן, זיך איינגעדעקט מיט דער סוויטע * און מיט גאָרנישט זאָגנדיק אויגן געקוקט פאַר זיך. דער רעגן האָט אָנגעהויבן שמיידיקער צו גיין און האָט געוואַשן פון אַלע זייטן דאָס זיבעצן־יעריקע ייִנגל, וואָס איז איינזאַם געשטאַנען ביי דער איינגעדעקטער שטעל. דער פּאַטער איז נישט געווען דערביי. ער איז צוגעלאָפן צו ירחמיאל דעם רב, נאָר אָפּזאָגן דעם „חק“... און כך הוה: עס איז נישט פאַריבער קיין האַלבע שעה, ווי שלמה האָט באַמערקט פון אונטער דער שטעל, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן פאַרן רעגן, ווי דער פּאַטער לויפט אין רעגן. די צעבונדענע קאַלאָשן פאַלן ביי אים אַראָפּ, סמאַטשקען זיך מיט די קאַליוזשעס, אָבער דאָס פּנים זיינס איז צופרידן, די אויגן גלאַנצן מיט אַ נישט געוויינלעכן גלאַנץ. ער איז צוגעלאָפן:

— שלמה, ווו ביסטו ערגעץ? הא, אונטער דער שטעל? זייער גלייך, זייער גלייך... האָסטו פאַרשפּאַרט פאַרנעצט ווערן. דו האָסט נאָך עפּעס געלייזט? ניין? דאַרף מען נישט... כאַפּט עס דער רוח... אַלץ איינס קבצן... קריך אַרויס, מיר פאָרן... מיר פאָרן נישט אַהיים. אין אַזאַ גאַס רעגן, משוגע מיינע שונאים. ירחמיאל דער רב האָט מיך שטאַרק געבעטן איבערנעכטיקן היינט ביי אים. פאָרט חברים פון אַ מאָל, וועט מען אַ ביסל שמועסן, פאַרברענגען און פאַר וואָס טאַקע נישט? אין דער פרי נאָכן דאַווענען וועלן מיר פאָרן אַהיים. נו, סעמען, לעבעדיקער, שפּאַן איין! אונדז וועסטו צופירן צום ראַבין און אַליין וועסטו פאַרפאָרן אין דעם איינפאָרהויז ווי שטענדיק. נאַ דיר אַ רובל אויף אויסגאַבן אין צוויי רובל פאַרן בלייבן נעכטיקן. ביסטו צופרידן? זאָג אַליין... אַך, דו שוטה! און דו האָסט געמיינט, אַז כ'פאַרשטיי שוין גאָרנישט. ביי טאָג איז איין זאַך און ביי נאַכט איז אַ חוץ אַ מעשה. נו, צעשפּרייט די שטרוי, מירן געמען די סחורה אַזוי ווי זי ליגט צוזאַמען מיטן ברעזענט, כדי נישט צו פאַרנעצן. וואָס? ס'איז שווער? נאַרישקייטן... שלמה, אנו, געמומען זאָל ווערן! אַלע אין איינעם... היידאַ! איינס, צוויי, דריי — אַ־פּאַ! נאָך אַ מאָל!

ירחמיאל הער רב איז געווען דעם זוועניגאָראָדקער דיינס איידעם. ער איז חוקא געווען עלטער פון אפרים־אהרונען מיט גאַנצע פיר יאָר, נאָר זיי האָבן געלערנט צוזאַמען און זיך געזאָגט „דו“. די רביצן

* סוויטע – אַ פּויערשער מאַנטל פון גראָב געוואַנט.

איז אויך געווען מיט אפרים־אהרונען אויף „דו“, ווייל זיי זענען צוזאַמען געוואַקסן פֿון קליינווייז אויף. קינדער זענען ביי זיי געווען אַ פֿולע שטוב. שלמה האָט געוווסט אַלע זייערע נעמען: יהושיקעלע, נחמנקע, עליקל, זרחל, געצעלע, בייקעלע, רייזעלע, חוהלע, דוואָס־קעלע. נאָר אויף אַקוראַט זיך פֿונאַנדערקלייבן, ווער פֿון זיי ס׳איז זרחל און ווער נחמנקע, וועלכע ס׳איז רייזעלע און וועלכע דוואָס־קעלע, דאָס האָט ער נישט געקענט. אַלע מיידלעך זענען געווען ווייס ווי מילך, געראָטן אין דער מאַמען, און אַלע יינגלעך רויט ווי פייער, געראָטן אין דעם טאַטן. די עלטערע צוויי קינדער האָט שלמה גוט געקענט, נאָר זיי האָבן שוין געוווינט אין דער פֿרעמד. יוחנן, רעם רבס בכור, איז געווען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר איין און צוואַנ־ציק, צוויי און צוואַנציק. אַן עולה תמימה, אַ שטיק למדן. ער האָט שוין זייט דריי יאָר חתונה געהאַט און האָט שוין אַ מיידעלע — אסתרקע. צוויי יאָר האָט דאָס פּאָרפֿאָלק געלעבט אויף קעסט און שוין אַ יאָר צייט, אַז ער איז געוואָרן רב אין מעדווינע. דאָס איז אַ גרויס דאָרף, וווּ עס וווינען קוים דריי מנינים יידן. ס׳איז אים דאָרטן גוט ווי דער וועלט, נאָר אומעטיק אַ ביסל. די יונגע רביצן טראָגט שווער אַריבער די איינזאַמקייט, האָט זיי ירחמיאל אָפּגע־שיקט אַהין זיין עלטער מיידל ציפּע, וווינט זי שוין אַ יאָר צייט מיט זיי, צעשטרייט זיי, צעטרייבט אַ ביסל דעם דאָרפֿישן אומעט. ציפּע איז מיט אַ יאָר עלטער פֿון שלמהן, אַ הויכע, אַ געלע, נישט קיין שיינע, אַ גרויסער עם־הארץ און אַ זעלטענע בעל־הביתטע. פֿון איר באַקן און קאָכן האָט געדערט די גאַנצע שטאָט. שלמה האָט זי נאָך געקענט פֿון זוועניגאָראָדקע, וווּ זי פֿלעגט קומען צו זיידע־באָבע אין געסט, און איז געווען מיט איר שטאַרק היימיש.

אַז דער בעל־עגלה איז אָפּגעפֿאָרן אין איינפֿאָרהויז, האָבן אפרים־אהרון מיט שלמהן אָפּגעדאַוונט מנחה און צונויפֿגעלייגט די סחורה אין די זעק אַריין, כדי עס זאָל אַלץ זיין גרייט צום פֿאָרן. ווען זיי זענען פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט פּונקט דער רעגן אויפֿגעהערט. דאַן זענען זיי אַלע אַוועקגעגאַנגען מעריב דאַוונען אין שול. קומענדיק אַהיים און אַריינגייענדיק מיטן פֿאָטער אין מיטן רב אין זאַל אַריין, האָט שלמה אומגעריכט באַמערקט ציפּען זיצן ביים טיש. יענע, דערזעענדיק אים, האָט זיך אָנגעצונדן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן... שלמה האָט דאָס אַלץ נישט באַמערקט און האָט זי נייגעריק באַטראַכט. די דאָרפֿישע לופֿט האָט אויף ציפּעס אויסערלעכן אויסזען גוט געווירקט. פֿון אַ געלער איז זי געוואָרן אַן עכטע בלאָנדינקע מיט צוויי דיקע צעפּ אויף די פּליי־צעס. דאָס פּנים איז שענער נישט געוואָרן, נאָר עפּעס קיילעכדי־

קער, פּרוּיאַישער. אָנגעטון איז זי אויך געווען עפּעס נישט וואָכע־דיק: אַ שוואַרץ וואָלן קלייד מיט אַ רויט סעקעלע אויף די אַקסלען. דאָס קליינוואַרג האָט מען נישט צוגעלאָזט צו איר. דאָס פּיצעלע נחמהקעלע, וואָס איז אין גאַנצן אַלט געווען דריטהאַלבן יאָר, האָט זיך צעריסן שרייענדיק:

— כ'וויל צו ציפּען... לאָז מיך צו צ־י־פּ־ע־ן...

די רביצן האָט איר רעכט אַריינגעפּאַטשט:

— שטיל, דו פּאַסקודניצע!... צו ציפּען האָט זיך איר פאַרגלוסט! שטענדיק איז ביי איר גלייך. דו שוויַיגסט, וואָרעם אָט צעריים איך דיך!

ציפּע האָט זיך דוקא אַ וואָרף געטון זי נעמען, נאָר דער פּאָטער האָט זיך עפּעס שטאַרק פאַרחוסט און זי איז געבליבן זיצן אויף איר אָרט.

דער רב האָט אויסגעקראַצט עפּעס אַ בייכיק אַפּטייק־פלעשעלע, וואָס איז געווען ביז האַלב מיט „שפּירעט״, אָנגעגאָסן צו גלעזעלעך, ווי די פינגערהוטן די גרייס, זיך און אפרים־אהרונען, שלמהן און יהושיקעלען, אַ בחורל אין שלמהס יאָרן. ער האָט גענומען צו די ליפּן, זיך אָפּגעבריט, לאַנג געפּאָכעט אויף זיי מיטן טיבעלע און דערנאָך געזאָגט:

— לחיים אפרים־אהרון, לחיים! וואָס איז שייך? חיים הייסט לעבן... ובחרתו בחיים... און אַ פלג־גוף איז — חייו אינם חיים, ווי דער פּסוק זאָגט... און די גמרא זאָגט אויך... אין „יומא״ דאַכט זיך... מילא, למאי נפקא מינא, ממה נפשך... ביי לשון השגחה פאַלן אָפּ אַלע חקירות... אפילו אויפן אויוון אַרויף... אַרבעים יום... לחיים! לחיים!

לחיים, רביצן! גאָט זאָל געבן, די קינדער זאָלן וואַקסן אָן יסורים און מיר זאָלן טאַקע האָבן נחת פון זיי. ווי אַזוי דען?... אַזוי קאַטשעט זיך עס... דאַכט זיך ווי לאַנג — דו... ווי צוויי טראָפּן וואַסער, נאָר אָן אָט דעם רויטן... נאָר מילא, וואָס קען מען העלפן? אַנדערע יאָרן... פּאַרט ראַטנמאַכט... אודאי, אודאי... נאָר כ'זינדיק נישט... דאַנקען גאָט דערפאַר... זייער שיין... טאַקע גאָר שיין, אָבער טאַקע גאָר, גאָר שיין! שוין באַלד, באַלד אַזוי שיין ווי ביי אונדז אליין... מילא, בע.

לחיים שלמהלע... בע, בע, בע... איך רוף דיך נאָך ווי ביים שוועראין שטוב: שלמהלע... דו ביסט שוין געוואָרן למזל זעכצן יאָר... נו, אַ מענטש!... דאָס הייסט שוין אַ מענטש... דו מיינסט מיין יוחנן... אַ יאָר פריער, אַ יאָר שפּעטער, דער עיקר איז: געהענקען, נאָך וואָס מען לעבט אויף דער וועלט. די יאָרן זענען געציילטע און

די תורה איז אזא גרויסע... עמוקה מני ים... א קמצן!... א גוואל־דיקער קמצן דער קודשא־בריך־הוא, געזשאלעוועט געבן כאטש פינף הונדערט, כאטש צוויי הונדערט, כאטש הונדערט יאר... מען זאל זיך כאטש קענען אומקוקן... ניין, איז נאר זיבעציק... ואם בגבורות... ס'איז א גוואלד, א גוואלד, היום קצר והמלאכה מרובה, איידער מען קוקט זיך אום — פי־פו־פא, איבערגעפלויגן... און דא איז, אדם נידון בכל יום... מילא, דו ביסט אבער א בר־מזל... איך ווייס שוין, און דו וועסט ערשט וויסן... לחיים! לחיים! דו ביסט א שרעקלעכער בר־מזל! א בעל־שם־טוב קומט א פנים צו נוץ...

לחיים ציפעניו... זאלסט זיין... איך מיין... נאר וואס איז שייך, ממה נפשך... א מענטש האט אויך עפעס א דעה? וואס איז א מענטש, ווער שמועסט א יידענע? אזוי איז דאס... אזוי גייט די וועלט... די באבע כאסיע, זי זאל דארט זיין א גוטע בעטערין פאר אונדז... די מאמע דיינע, דו, און דו מיינסט אסתרקע? עס פליט. עס לויפט איבער... אסתרקע און אסתרקעס אן איינינקל... גאטס ווילן איז דערביי. ער פירט אן מיט דער גאנצער שפיל.

נו, לחיים יהושיקעלע... מילא, לערנען האב איך זיך שוין מיאש געווען, הלואי דו זאלסט כאטש וועלן דאווענען... קוק און שעם זיך... ביי לייטן... ווי אזוי דען?... מיט וויפל איז דען שלמה עלטער פון דיר? און פון דעסט וועגן... אז גאט וועט הייסן... וואס דען מיינסטו?... דערויף שטייט די וועלט... דאס איז די ערשטע מצוה אין דער תורה... און דו האלסט נאך פאר „מה טובו"... נאר נישקשה... נישט געזארגט... גאט איז א פאטער... יעדן שיקט ער צו זיינס... דער עיקר איז, אז דו זאלסט וועלן דאווענען ווי א ייד... נישט מישן די בלעטלעך גיך, גיך... אבי דער טאטע זאל נישט זען... גאט נארט מען נישט אפ... לחיים, קינדערלעך, לחיים! לחיים, אפרים־אהרון, ממה נפשך... מילא, בע... מע... יעדע זאך איז גוט, אז ס'איז גוט און גיך און גרינג... פארקנעטן, אפגעבאקן, אויפגעגעסן, פי־פו־פא... עורבא פרח... און ווידער, די השגחה ווייסט, וואס זי האט צו טון... איין זאך קען איך דיר נאר זאגן, ער איז ביי דיר א משוגענער בר־מזל... לחיים, לחיים!...

די וועטשערע האט זיך לאנג און נודנע געצויגן. פון איין מאכל צום צווייטן האט ירחמיאל געהאלטן לאנגע דרשות, פילאזאפישע דרשות. די מוטער האט ארויסגעשלעפט דאס שלאפנדיקע קליינ־ווארג פון דעם צימער, איינציקווייז. ציפע איז געזעסן די גאנצע צייט ווי א סטאטוע, צום עסן האט מען איר דערלאנגט א האנטעכל, וועלכעס זי האט זארגעוודיק אויסגעשפרייט אויף די קניען, כדי זי זאל חלילה נישט איינריכטן דאס מלבוש. פון דעם אויסגע־

הייצטן אויוון איז אין שטוב געווען אומדערטרעגלעך דושנע, נאָר ציפּע האָט אַפילו נישט געפּרוווט אַראָפּנעמען דאָס סעקעלע פון די אַקסלען. זי איז געזעסן ווי אַ גיפּסענע און נאָר פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפן אַ קוק אויפן משוגענעם בר־מזל. שלמה האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעשטויסן, וואָס דאָ קומט פאָר און אין וואָס עס באַשטייט זיין משוגענער מזל... לכתחילה האָט אין אים אויפ־געקאָכט אַזאַ בייזקייט, אַזאַ בייסיקער פאַרדרוס אויפן פאָטער, אויף ירחמיאלן, אויף זיין „באַשערטער“, וואָס האָלט אין איין וואַרפן מיט אויגן... נאָר באַלד האָט זיך דאָס געפיל אויסגעוועפּט און עס האָט אים אויפגעהערט צו אַרן, וואָס מענטשן מאַכן זיך נאַריש. אין האַרצן האָט ער געלאַכט פון זיי אַלע, נאָר ביים טיש איז ער געזעסן אַ סטאַטעטשנער, אַ סאָלידער ווי אַ געהאַרכזאַם קינד.

אַרום האַלבער נאַכט איז יהושיקעלע אויך איינגעשלאָפן און דער רב האָט אים ווי אַ נבלה אַרויסגעשלעפּט אין דעם שכנותדיקן צימער. די רביצן האָט דערלאַנגט מים־אחרונים, מען האָט אָפּגער בענטשט און באַלד האָט זיך ירחמיאל אָנגערופן צו אפרים־אהרונען:

— איז ווילסטו טאַקע אַזוי שפּעט נאָך צוגיין אין קרעטשמע אָנזאָגן דיין גוי, אַז ער זאָל נישט פאַרשלאָפן?...

אפרים־אהרון האָט פאַרלוירן אַ בורטשעו געטון:

— אודאי, איך מוז צוגיין... ער קען נאָך אויפשטיין ביינצן אַ זייגער...

— נו, קום שוין, קום, וועל איך מיט דיר צוגיין. ס'איז אַפילו נישט אַזוי פּאַסיק פאַר מיר, עפּעס כבוד התורה, נאָר כ'וועל נישט אַריינגיין... כ'וועל אויסוואַרטן אויף דער גאַס...

און צו דער רביצן גיט ער אַ געשריי:

— די קינדער שלאָפן אין אָנטון און דיך אַרט עס גאָרנישט... גיי שוין, גיי, טו זיי אויס, מיר קומען באַלד אַריין — מאַכן מיר גלייך נאַכט.

דער רב באַגלייט די רביצן מיט אַ פילדייטיקן קוק, ווינקענדיק איר אויף דער לינקער וואַנט. אפרים־אהרון גייט אַרויס אַ ביסל ווי צעטראָגן און דער רב מאַכט עפּעס צו די טיר הינטער זיך. שלמה מיט ציפּען הערן זיך איין צו די אָפּשטאַרבנדיקע טריט. אין אַ מינוט אַרום איז שטיל אין דער גאַנצער שטוב. מען הערט נישט קיין מינדסטן שאָרך. די צוויי קינדער קוקן זיך ערנסט אין די אויגן. יעדער פון זיי האָט מורא אַרויסצורעדן דאָס ערשטע וואָרט. פון הינטער דעם דיקטענעם וועגטל דערהערט זיך אַן אָפּגעהאַקטער שמאָרע מיט דער נאָז און ווידער איז אַלץ זייער שטיל. ביי שלמהן איז קיין ספק נישט, אַז די רביצן שטייט הינטער דער וואַנט און

ציפע זעט, אַז ער פֿאַרשטייט דאָס, נאָר קיינער רעדט נישט דערפֿון.
שלמה רוקט צו זיין בענקל אַקעגן ציפּעס בענקל און פֿרעגט מיט אַן אומשולדיק פּנים:
— ציפּע, דו ווייסט נישט, נאָך וואָס מען האָט אונדז דאָ געלאָזט אַליין?
ציפע לאָזט אַראָפּ די אויגן:
— מן הסתם דאַרף מען אַזוי. וואָס פֿרעגסטו אַזוינע נאַריש־קייטן?
— וואָס זשע הייסט, אַזוי דאַרף מען? עפּעס פֿאַרשטיי איך נישט...
— אין די גראָבע גמרות פֿלעגסטו, דאַכט זיך, גאַנץ גוט פֿאַר־שטיין און אַזאַ פּראָסטע זאַך פֿאַרשטייסטו נישט... און ווידער, דאָס דאַרפֿסטו פֿרעגן ביים טאַטן. וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט?...
— און דו ווילסט שוין דען חתונה האָבן, ציפּע?
ציפּע שפּרינגט אויף פֿון איר אָרט פֿאַר אומגעריכטקייט. זי ווערט בלייך, נאָר דערזעענדיק שלמהס קאַלטבלוטיק־גוטמוטיקן שמייכל, זעצט זי זיך צוריק און ענטפֿערט, אַז ס'איז קוים מעגלעך צו דערהערן:
— איך ווייס אויך נישט... דער טאַטע זאָגט, אַז ס'איז צייט...
הינטערן ווענטל האָט עמעצער איבערגעטרעטן פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן. שלמהן איז פֿאַרשטענדלעך דער רביצנס לאַגע, נעבעך. זי האָט פֿאַרפֿעלט אַ וואָרט פֿון איר טאָכטערס ענטפֿער. אין איר באַריכט צום רב וועט פֿעלן אַ וואָרט, אַ גאַנץ וואָרט...
— ציפּע, אָבער וואָס הייסט, דו ווייסט נישט? דו דאַרפֿסט דאָך וויסן ביי זיך...
ציפּעס אויגן גיבן אַ פֿינקל:
— און דו ווילסט דען נישט?
— איך וויל נישט.
— נישט פֿאַר מיר, נישט פֿאַר קיינעם?
— נישט פֿאַר דיר, נישט פֿאַר קיינעם.
— אייביק נישט, ביזן טויט אַריין?
— אייביק נישט, ביזן טויט אַריין.
— און איך שוין נישט אַזוי... ביי יוחנן... די אַבטרקע... איך האָב זי אַזוי ליב... און זי מיך — פֿרעג גאָרנישט...
— איז וואָס זשע איז דער משל?
— וואָס הייסט, וואָס איז דער משל? אַבטרקע... כ'מיין, אַז מען האָט חתונה... איי, גיי, איך קען מיט דיר נישט רעדן... דו ביסט אַזאַ יאָלד ווי געווען.

— זאָג מיר, ציפּע, „עברי“ קענסטו שוין?
— אויב מיט פינטעלעך, דאַוון איך שוין גוט.
— און אויב אָן פינטעלעך?
— פּע, כ׳האָב פיינט אָן פינטעלעך... עס זעט אויס ווי איין אויסגוס.
— און ווער האָט דיך אויסגעלערנט מיט פינטעלעך?
— אָ־אָ! איך בין ביי אונדז אין שטוב נישט וואָלוול... דער טאַטע האָט מיט מיר געלערנט; די שוועגערין האָט מיט מיר גע־לערנט; נאָר דער עיקר טאַקע יוחנן. ווען נישט ער... ער האָט די גאַל אויסגעשפּיגן און טאַקע אויסגעפירט זיינס... אַזאַ איינגע־שפּאַרטער, זאָג איך דיר, זאָל גאָט אָפּהיטן.

הינטערן וועגטל האָבן ציין אַ קריץ געטון, נאָר שלמה האָט ווייטער געפירט זיין שמועס:
— נו, און רוסיש קענסטו שוין אויך עפּעס?
— גויאיש? אויף כפרות דאַרף איך דאָס!
— פאַר וואָס אויף כפרות?
— ווייל אַזוי... וואָס בין איך, נישט קיין יידיש קינד, צי וואָס? נאַ דיר גאָר גויאיש... ווייסט נישט וואָס?
— אָבער טאָמער קומט אַ מאָל אויס, אַז מען דאַרף פּאַרט?
— וועט גאָט העלפן, אַז ס׳וועט נישט אויסקומען. גלייך ווי עס מוז אויסקומען. זאָג נאָר, שלמה, און דו לערנסט נאָך היינט אויך?
— ווער לערנט? ווער האָט צייט דערויף?
— און אויף דעם פידל שפּילסטו נאָך אַ מאָל? צי אין שאָך למשל?
— ווענעמען ליגן אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן? דו זעסט דאָך מיין לעבן...
— און חתונה האָבן קלערסטו גאָרנישט?
— משוגע דאַרף מען זיין.
— פאַר וואָס זשע משוגע?
— פאַר וואָס נישט משוגע? איך וואָלגער זיך אַרום ווי אַ הונט פון זונטיק ביז פרייטיק, פעלט מיר נאָך אויס אַ ווייב און קינדער.
— ווו שטייט עס, אַז מען מוז זיך וואָלגערן? כ׳האָב געהערט היינט ביי טאָג, האָט מיין טאַטע געזאָגט דיין טאַטן, אַז דער זיידע וואָלט דיר אַרויסגעגעבן אַ „סמיכה“ און דו וואָלסט אויך ערגעץ אין אַ שטעטל ווי מעדווינע... דו זאָלסט אָנקוקן די אסתרקע... אַך! דו וואָלסט זי געדאַרפט זען...

— ציפע, א יאָ, אין צווייטן צימער שלאָפט דאכט זיך נחמה־קעלע?

ציפע איז נישט צופרידן, וואָס ער בייט איבער דעם שמועס. זי פרעגט פיינטלעך:

— וואָס איז דען? וואָס אַרט דיך, ווו זי שלאָפט?

— ווו זי שלאָפט, אַרט מיך נישט, נאָר דעם גאַנצן אויפדער־נאַכט האָט ער איך, ווי עס קאָמאַנדעוועט דאָרט א מויז... זי קען זי נאָך חלילה א בים טון אין נעזל און דאָס איז א שלעכטע מעשה.

— וואָס האָט דאָס צו דיר? אויב זי האָט זי נישט קיין בים געטון ביז היינט, וועט זי זי ווייטער אויך נישט בייסן.

— ניין, איך מוז זי דורכטרייבן, איך וועל נאָר זאָגן: א קיש־נו! וואַרט א מינוטקעלע...

ציפע האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע און ארויסגעלאָזט א ווילדן קוויטש:

— שטיי, איך היים נישט גיין...

פון הינטערן ווענטל האָבן בּאַרוועסע פים זיך פלינק ארויסגע־שלייכט. ציפע האָט זיך א ביסל באַרואיקט און שוין געלאַסענער אים פירגעוואָרפן:

— אָט דאָס הייסט אַן ערנסטער שמועס, הא? כדאי געווען ספּעציעל שיקן א פור נאָך מיר קיין מעדווינע. אַז אלצדינג איז ביי אים א מסחר. א מייזל האָט א נים געטון, טראַגט עס אים אונטער פונעם בענקל... איז וואָס זאָגסטו, הייסט עס, קלערסטו נאָך אפילו נישט הערפון?

— איך קלער נאָך נישט דערפון.

— נאָך לאַנג וועסטו נישט קלערן?

— מסתמא נאָך לאַנג.

— אָבער נישט אייביק? דו האָסט געשפּאַסט?

— אודאי האָב איך געשפּאַסט.

— איז וויפל זשע א שטייגער קען ביי דיר נאָך דויערן, ביז דו וועסט אָנהייבן צו קלערן?

— איך רעכן, א יאָר צען, נישט ווייניקער.

— מאַמע מיינע! וואָס זשע וועל איך טון די גאַנצע צייט?

— וואָס דאַרפסטו דען טון?

— אָבער וואַרטן צען יאָר, דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— ווער הייסט דיר דען וואַרטן?

— אָבער דו אַליין זאָגסט דאָך...

— אַז וואָס זאָג איך? איך זאָג, אויב אַסתרקע איז דיר אַזוי געפעלן, טאָרסטו אפילו קיין איין טאָג נישט וואַרטן. ווי דיין טאַטע

זאָל לעבן זאָגט: פאַרקנעטן, אָפּגעבאַקן און אויפגעגעסן. מיט אַזאַ זאַך שפּילט מען זיך נישט...

— ווי אַזוי זשע? דו האָסט דאָך ערשט געזאָגט צען יאָר?...

— דאָס האָב איך אויף זיך געזאָגט. אָבער דו? וואָס האָט דאָס צו דיר?

פון דער קיך האָט זיך דערטראָגן אַ ווישן פון פּיס. שלמה האָט אוועקגעשטעלט דאָס בענקל אויפן פריערדיקן אָרט און אַרויפגעצויגן אַ תמימותדיק שמייכעלע אויפן פּנים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די גאַנצע שטוב שוין געווען איינגעזונקען אין שלאָף.

קאַפּיטל XXXIII

צו מאָרגנס איז דער הימל געווען דורכזיכטיק בלוי פון ברעג צו ברעג.

פון וועגעראָד זענען זיי אַרויסגעפאָרן פאַרן דאַווענען, ווען עס האָט נאָך אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג. אויף יענער זייט בריקל, אַרום און אַרום זיי, האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע איבערגעאַקערטע פעלדער. אין רחבותדיקן חלל איבער די פעלדער איז געהאַנגען אַ מילכיקע מאַסע. שטיקלעך פון נעפּל האָבן געהאַלטן אין איין אָפּפאַלן און נישט ווערן צווישן די גרודעס שוואַרצערד. דאָס פרימאָרגנדיקע ווינטעלע האָט פאַרשייט געהוליעט אין דעם שיטער ווערנדיקן נעפּל, געפאָרעמט פון אים פאַרשידענע קאָנטורן און זיי באַלד חרוב געמאַכט. די צעפליקטע נעפּלשטיקער האָבן פאַריתומט אַרומגעבלאָנקעט איבער די אומעטיקע בערגלעך און ביסלעכווייז פאַרלוירן געגאַנגען, אַז ס'איז פון זיי קיין סימן נישט געבליבן. אומגעריכט האָט זיך באַוויזן פון הינטערן וועלדל דאָס ליכטיקע פּנים פון דער זון. הגם אין די שולן האָט מען שוין געבלאָזן שופר, פון דעסט וועגן איז געווען די לופט אָנגעזאַפּט מיט דערוואַכונג און מיט פרייטקייט. חודש ניסן, נישט חודש אלול. מילי־מילי־מיליאָסן בריליאַנטענע טוי־טרערעלעך האָבן צאַפּלענדיק אויף די גראָזן מיט אַ שמייכל באַגעגנט די זון, כאָטש זיי האָבן גוט געוווסט, אַז זי ברענגט מיט זיך זייער אומקום. כהרף־עין פאַרשווינדט דער נעפּל צערינט ווי אַ חלום. פון דעם נאָענטן וועלדל דערטראָגט זיך אַ געזאַנג פון כלערליי פייגעלעך. דער וואַלד ענטפערט אָפּ מיט אַ שטילן גערויש. די פערדלעך שמייסן מיט די עקן און גייען רירעוודיקער. דער גוי צלמט זיך איבער און מורמלט זיין פרימאָרגנדיקע תפילה.

אַ האַלבן וועג האָט דער פאָטער נישט אויסגערעדט קיין איינ־ציק וואָרט מיטן זון, נאָר אַן אָנגעברוגזטער געדאַווענט פון פאָרנט, תהילים געזאָגט. שלמה איז געזעסן נישט ווייט פון אים, די פיס אַראָפּגעלאָזט אויפן דרענגל און גאַנץ רואיק געלייענט חעם „התועה בדרכי החיים”. ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון צווייטן דאָרף, פון וואַנען דער וועג ציט זיך שוין מיט גאָלע וואַלד ביז כמעלניקער סלאָבאָדקע, האָט דער פאָטער נישט פאַרגינענדיק געוואָרפן אַ קוק אין שלמהס זייט אַריין, ווי ער הוידעט זיך אויף דעם אונטערגעבעטן שטרוי און איז פאַרטיפט אין דעם לייענען. אים גייט גאָרנישט אָן, וואָס צום נעכטיקן יאָריד האָט מען דערלייגט די הוצאות, וואָס ער איז שוין שולדיק יאַנין טויזנט דריי הונדערט רובל און זעט נישט קיין שום אופן, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פונעם חוב, סיידן פאַרמאַכן דאָס קרעמל און זיך לאָזן איבער די הייזער מיט דעם ווייב און קינדער. עס אַרט אים אויך נישט, וואָס ער, אפרים־אהרון, האָט געכאַפּט פונעם רב אַ פּסק, פאַר זיין, שלמהס, נעכטיי־קער חוצפהדיקער אויפפירונג.

דער רב, אויסהערנדיק פון דער רביצן, ווי אַזוי די קינדער האָבן געשמועסט צווישן זיך, האָט פאַרקוועטשט די אויגן ווי פון אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק, לאַנג געפּאָכעט מיטן טיכעלע אונטער דער נאָז און אַ צערייצטער געזאָגט אפרים־אהרונען:

— הערסטו, ברודערקע, עס שמעקן מיר נישט זיינע דבורים... מילא, אַז ציפּע איז אַ שוטה, דאָס ווייס איך אַליין... זי דאַרף אים זאָגן, אַז זי וועט אויף אים וואַרטן צען יאָר... אפילו קיין איין טאָג אויך נישט! בתולה שבגרה... ממה נפשך... השגחה און מענטש... איך מיין: מענטש און השגחה... אומשטיינס געזאָגט, וואָס, ווער, ווען, כה אנו, מה חיינו?... מילא, בע... נאָר זיינע דבורים שמעקן מיר נישט... ס'איז זיין עסק, צי זי קען „עברי”... דאָס איז דער שוויגערס אַ דאגה... אַז מען גייט אין שול אַריין, זאָל מען נישט פאַרשעמט ווערן... אָבער אַ מאַנסביל זאָל זיך אַריינמישן אין אַזעלכע זאַכן, פּע! און טאַקע גאָר, גאָר פּע!... און נאָך דערצו די מעשה מיטן גויאיש... גויאיש מאָנט ער גאָר ביי איר... זי זאָל אים קענען גויאיש... וואָס זאָגסטו אויף די חפציות?... יענע פאַרשיינט די וועלט... יענע וועט זיין אַ רביצן, אַז גאָט און לייט... שייך צו זאָגן? מען זעט דאָך... מבטן אמה... און יענערס קיכלעך... איך בין דאָס לעצטע יאָר אויס מענטש אָן אירע קיכלעך. איך בענק נאָך זיי ווי נאָך אַן אייגן קינד... ווייס איך וואָס... און וואָס עפּעס נאָר קיכלעך? און אירע טייגלעך און אירע פיש־קאַרטאָפל! דאַכט זיך, וואָס, פיש־קאַרטאָפל?... אָבער זי מאַכט זיי אַזוי בריהש, אַז

זיי זענען מלא טעם, עס צעגייט זיך אין אלע אברים. היינט אירע קוגלען!... יענע האט א שם אין דער גאנצער שטאט... אלטע ווייבער קומען זיך צו איר בעטן: ציפעניו־קרוין! זאג מיר, ווי אזוי מאכסטו דאס אזוי קונציק?

— עט, לא על הלחם לבדו... ער איז נישט אזוי להוט נאך דער אכילה... אין אונדזער משפחה איז מען נישט פארקויפט צו דער קישקע...

— נאר ווער רעדט דען דערפון? דו ביסט דען א מבין, ווי איך פאסט אין רויטן? א בת־מלכה!... די מלכה שבא... נא דיר נאר צען יאר... א העזה פון א יונגאטש... אפילו איין טאג אויך נישט!... גיין, גיין, אפרים־אהרון, דו ביסט א שמאטע, נישט קיין טאטע... דו מיינסט, אז אויב ער איז א תלמיד־חכם, איז פארפאלן די קו מיטן שטריק? ביי מיר, פאר אזעלכע רייד װאלט איך אים אראפגעלאזט די הייזעלעך און אפגעציילט פינף און צוואנציק שמיצלעך, ווי דער רבי שמעיה פלעגט טון... איי, איז דאס א גוטע רפואה... ברוק ומנוסה... נאר גיי רעד, אז דו האסט אים שוין גאר געמאכט פאר א גאנצן ברויטגעבער! ער ווייסט שוין ביי דיר א צורת־מטבע... ניין, ניין, ער איז נאך גאר א קונדס ביי דיר... דו לערנסט אים נישט... דו גיסט אים נאך אלע חפציות... איך וועל ציפען דערוויל אפשיקן צוריק צו יוחנן און אז דו וועסט מיט אים פארטיק ווערן, וועסטו מיר מודיע זיין, וועל איך זי ברענגען און דו וועסט שוין קומען מיט דיינעם... און... ממה נפשך... דער השגחה זאגט מען קיין דעות נישט... מילא, בע...

אפרים־אהרונען האט נישט געארט, וואס ציפע איז שלמהן נישט געפעלן. זי איז אים אליין אויך נישט איבעריק געווען געפעלן. אים האט נאר געארט שלמהס רואיקייט און זיין שווייגן... א יונגל זאל דאס א גאנצן וועג אויסרעדן איין ווארט, כאטש איין און איינציק ווארט. אפרים־אהרון נעמט צו ביי אים דאס ביכל פון די הענט, הייבט אויף אויף אים א פאר פרעגנדיקע אויגן:

— נו?

— וואס, נו?

— דו ווייסט נישט, וואס נו? ער מאכט זיך טאמעוואטע, גאט די נשמה שולדיק.

— איך ווייס טאקע נישט, איך ווייס נישט וואס צו ווילן...

— איז וואס בלייבט מיט די צען יאר? דו וועסט אפשר אראפלאזן? ס'איז דאך ביי דיר נישט קיין קאאפעראטיוו, וואס געזאגט, איז פארפאלן.

— נו, איך פארשטיי נישט, פון וואס דו רעדסט. זאג דייטלעך...

— דייטלעך ווילסטו? נאַ דיר דייטלעך. דו האָסט דאָך עפּעס געזען אַ מיידל, וואָס זשע שווייגסטו, וואָס?
— איך זע אַלע טאָג מיידלעך...
— זאָג מיר, דו ווערסט היינט רעדן ווי אַ מענטש, צי ניין?
— טאַטע, וואָס ווילסטו?
— ציפּע געפעלט דיר נישט?
— זי געפעלט דאָך דיר אויך נישט, וואָס זשע פרעגסטו נאָך ביי מיר?
— מיר געפעלט זי נישט? וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן?
— מילא, געפעלט זי דיר יאָ, בין איך אויך נישט בדלות.
— וואָס זענען דאָס פאַר אַ דבורים מיט אַ טאַטן? פאַר וואָס געפעלט זי דיר נישט? וואָס פעלט איר דען?
— נישט איר פעלט, מיר פעלט...
— וואָס פעלט דיר?
— חשק צו רעדן פון איר פעלט מיר...
— הער, שלמה, דו פיר מיך נישט אַרויס פון געדולד. עפּעס די לעצטע צייט באַמערק איך אָפט מאָל, אַז דו האָסט זיך אָנגענומען מיט עזות. דו מיינסט, אַז טאָמער גיסטו אַכטונג ביי דער שטאָל, לעב איך שוין פון דיר... כ'האָב נאָך קליינע פאַרמעגנס אָנגעקליבן פון דיינע פאַרדינסטן. דו קענסט אפילו מאָרגנדיקן טאָג חתונה האָבן און מיר וועט גאָט מוזן העלפן אָן דיר פונקט אַזוי שיין ווי מיט דיר... דו הערסט, צי ניין?
— הערן הער איך, נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט.
— וואָס הייסט, דו פאַרשטייסט נישט? איך רעד דאַכט זיך אויף פּראָסט יידיש. קיין טערקיש רעד איך נישט...
— איך בין גאַנץ ווייט פון חתונה האָבן...
— וואָס הייסט עפּעס, דו ביסט ווייט? ביי דיר איז טאַקע די גאַנצע דעה?
— אויב נישט ביי מיר, וואָס זשע דאַרפסטו ביי מיר פרעגן?
— וואָס זשע מיינסטו? אַ צווייטער אויף מיין אָרט וואָלט טאַקע נישט געפרעגט; ער וואָלט געהייסן גיין מיט דעם אָדער יענעם מיידל צו דער חופה און שוין...
— פאַר וואָס זשע טוסטו טאַקע אויך נישט אַזוי?
— ווייל... אַלצדינג מוז איך דיר גיין דערציילן... וואָרעם אַז נישט?
היפּשע עטלעכע מינוט זענען זיי ביידע געפאָרן שווייגנדיק. די זון איז שוין געהאַנגען הויך אין הימל. ערגעץ טיף אין וואַלד האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ זעג, רציחהדיק געגריזשעט די פרימאָרגנדיקע

מנוחה. פון די געדיכטע קוסטעס און פון הויכן גראָז האָט גע־אָטעמט מיט קילער פייכטקייט, פון נאָך נישט אויסגעטריקנטן טוי. דער שליאַך איז נאָך געווען עטוואָס בלאָטיק פון נעכטיקן רעגן און האָט זיך, אַ צעפּאַסעוועטער פון רעדער, געשלענגלט צווישן די אַלטע דעמבעס.

— איז פאַר וואָס זשע ווילסטו נאָך נישט חתונה האָבן?

— צוליב וואָס זאָל איך דאָס טון?

— וואָס הייסט צוליב וואָס? צוליב וואָס האָב איך דאָס געטון? ווייל די תורה הייסט חתונה האָבן... דערויף איז מען אַ ייד...

— און ווערן רב אין אַ דערפל?

— לאו דוקא — אַ דערפל... ירחמיאל מלמד האָט פאַרשטעקט זיין קינד אין אַ דערפל, אָבער אַ מענטש מיט שכל קען אָפּזוכן אַ שטעטל אויך און זאָל טאַקע דאָרט זיין אי רב, אי שוחט, אי מוהל, אי חזן... און לעבן ווי אַ גראַף... און לאַכן פון דער וועלט...

— איצט, בעת רבנות איז געוואָרן אויס מאָדע, קיינעם פעלט דאָס נישט, ערשט ווערן אַ רב? ערשט אָנהייבן לאַכן פון דער וועלט?...

— וואָס הייסט, קיינעם פעלט דאָס נישט? אדרבא, ערשט איצט דאַרף מען אַ רב אַ בר־הבנה. אַ פרומען יידן. דו ביסט דאָך עפּעס אַ פּאַטריאָט, אַן אידעאַליסט... האָסט געזען, וואָס מנשה האָט היינטיקן זומער אויפגעטון מיטן בית־מדרש... פאַר וואָס נעמט דיך נישט אָן קיין חשק? האַ?

— מנשהס מעשה איז אהער קיין משל נישט. דאָס זענען צוויי באַזונדערע מעשות. ווען ער איז היינט אויף מיין אָרט, וואָלט ער אויך קיין רב נישט געוואָרן. נאָך מיט ציפּקע־דריפּקען פאַר אַ צוגאָב...

— פאַר וואָס איז זי עפּעס ציפּקע־דריפּקע? דערפאַר וואָס זי איז אַ לייטיש קינד? דערפאַר וואָס זי וויל טון, וואָס טאַטע־מאַמע הייסן?

— וויים איך, וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן? דו ביסט אָפּ־געשטאַנען פון דער וועלט.

דער פאָטער ווערט בלייך. ער מעסט אָפּ שלמהן מיט אַ לאַנג־דויערנדיקן קוק:

— ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט אַזאַ שפּראַך? די ביכער אפשר?

אַ צערייצטער כאַפּט ער דאָס בוך און רייסט פון דעם גאַנצע זשמעניעס בלעטער. דער ווינט רייסט אויס די בלעטער פון זיין

האַנט און צעטרייבט זיי ווי אַ מחנה פייגל. זיי זעצן זיך אויפֿן שליאַך, קלעפּן צו דיביימער, פּלאַטערן אין דער לופֿטן.

שלמה קוקט צו מיט אַ פֿאַרשטאַרבן האַרץ, וואָס עס ווערט פֿון זיין בוך. זיינע אברים זענען געליימט. דער מח איז אין אים פֿאַרגליווערט. מיט אַ מאָל גיט ער אַ ריס דאָס בוך ביים פּאַטער פֿון די הענט און שפּרינגט אַראָפּ פֿון וואָגן.

— פּאַר, פּאַר... איך פֿאָר מיט דיר נישט... און אַז דו וועסט מיר נאָך אַ מאָל צערייסן אַ בוך אָדער דערמאָנען פֿון חתונה האָבן, וועל איך אין גאַנצן פֿון כמעלניק אַנטלויפֿן... דו וועסט מיך שוין זען ווי דיינע אויערן!

אָפּגעזאָגט — און אַריין אין וואַלד. ער איז געלאָפֿן, שטאַרק צוגעקוועטשט דאָס בוך צום האַרצן און פֿון זיינע אויגן האָבן גע־רונען הייסע טרערן. מיט אַ מאָל האָט ער באַמערקט אַ ברייט צעצווייגטע ליפּע. ער האָט אויך גיך באַהאַלטן דאָס בוך אין גראָז און איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוים. פֿון דער הייך האָט זיך געזען דער שליאַך ווי אויף דער דלאָניע. די פֿור איז געשטאַנען אַ פֿאַר־לאָזטע, קיינער איז אויך איר נישט געווען. ערגעץ אין דער נידער האָבן זיך געהערט קולות:

— שלמה!... שלמה, הער זיך אויף נאַריש מאַכן... קום פֿאָרן, של־מה!...

דער וואַלד האָט מיט הונדערטער עכאָס איבערגעחזרט: ש־ל־מ־ה... דערנאָך איז שטיל געוואָרן. קוקן אַראָפּ האָט שלמה מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט באַמערקן. מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער זיך איינגעהערט אין דער געדיכטער שטילקייט. מיט אַ מאָל האָט זיך גאַנץ נאָענט דערהערט דעם פּאַטערס קול:

— סעמען, ערגעץ דאָ דאַרף ער זיין, גיב נאָר גוט אַ קוק...

— נישטאָ, נישטאָ, בעל־הבית... כ'האָב אומעטום געזוכט.

— ווהין זשע האָט ער געקענט אַהינקומען? ער איז דאָך ערשט געווען...

— ער האָט געמוזט ערגעץ וויט פֿאַרלויפֿן. יאָגן זיך נאָך אים איז אוממעגלעך... יונגע פֿיסעלעך זענען גאָר עפּעס אַנדערש.

— איז וואָס זשע איז די עצה, סעמען?

— די עצה איז אַ פּשוטע. מיר וועלן פֿאָרן און ער וועט אַליין קומען אַהיים.

— וואָס רעדסטו, סעמען? איבערלאָזן אַ קינד אַליין אין וואַלד? לאָמיר נאָך זוכן...

— איר ווילט — זוכט, וועך לאָזט אייך נישט? נאָר געכטיקן

דאָ, קלייב איך זיך נישט. טאָמער ווייסטו וואָס? צוליב אַזאַ שנעק פטרן אַזוי פיל צייט.

שלמה האָט געהערט, ווי מען שפּאַנט ערגעץ אַרום צווישן דיביימער. דאַן איז שטילער און נאָך שטילער געוואָרן. דערנאָך האָט זיך צו אים פון ערגעץ ווייט דערטראָגן זיין פאָטערס קול:

— סעמענו־סערדציע, וויפל קען זיין פון דאַנען וויאָרסט קיין במעלניק?

— אַ וויאָרסט צען, נישט מער. ניין, נאָך ווייניקער...

— און קיין חיות זענען אין וואַלד נישטאָ?

— וואָס חלומען זיך אייך חיות? חיות גאָר! האָט קיין יסורים נישט, ער וועט קומען גאַנץ, עס וועט אים גאָרנישט זיין! ס'איז נאָך געזונטער פאַר אים אין אַזאַ פרימאָרגן זיך דורכלויפן אין וואַלד אויף דער פרישער לופט. קומט פאָרן. דער טאָג שטייט נישט. איר מיינט אודאי, אז פאַר אייערע צוויי רובל דאַרף איך שוין שטיין און שטיין... קומט, וואָרעם אָט וואַרף איך אייך אַראָפּ די סחורה אויפן שליאַך און פאָר מיר אַוועק.

צענעמענדיק די צווייגן האָט שלמה צוגעקוקט, ווי דער גוי איז אַרויף אויף דער פור. דער פאָטער האָט אַ צעטראָגענער זיך אַרומ־געדרייט אַרום דעם וואָגן, ווי ער זאָל זוכן עפּעס, און האָט זיך איינגעהערט אין יעדן מינדסטן גערויש פון וואַלד. ער איז מיט אַ מאָל ווי אַלט געוואָרן. דאַכט זיך, די אויגן אויסגעוואַשט. שווער און אומבאַהאָלפן איז ער אַרויפגעקראָכן אויף זיין אָרט, אַ טאָפּ געטון שלמהס פוסטן אָרט און געהייסן פאָרן. שלמהן האָט אָנגע־נומען אַ רחמנות אויף זיין פאָטער. נאָך אַ מינוט, און ער וואָלט געוועז אַרויסגעלאָפן פון זיין באַהעלטעניש. נאָר פאַלים בילד איז דורכגעשווומען פאַר זיינע אויגן און זיין האַרץ האָט ווידער פאַר־קלעמט אַ ביטערער ווייטיק:

— זיך אונטערגעבן? אָניאָגן די פור?... ניין! איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָל ער וויסן, אַז איך בין אויך אַ מענטש!

די פור דערווייטערט זיך און אין שלמהן ברויזט אַ שטורעם:

— ער וויל מיך פאַרשלייערן, אַבי וואָס גיכער האָבן אַן אסתר־קען. דער יחוס פון נעמען דעם זוועניגאָראָדקער דיין פאַר אַ מחותן וועגט ביי אים אַריבער מיינע געפילן, מיינע האָפענונגען... נישקשה, זאָל ער דאָס מאָל פאָרן אָן מיר. ער ווייגט? ער מעג וויינען... איך וועל אין גאַנצן נישט פאָרן אַהיים. איידער פאָרן קיין מעדווינע מיט ציפען, וועל איך בעסער דאָ בלייבן.

נאָך לאַנג האָבן איבערן וואַלד געטאַראַבקעט די רעדער פון וואָגן. ווען עס איז ווידער שטיל געוואָרן, איז שלמה אַראָפּגעקראָכן פונעם

בוים, האָט אויפגעזוכט דאָס בוך און זיך אומגעקערט צום שליאַך. דאָרט האָט ער איינציקווייז אויפגעקליבן בלעטל נאָך בלעטל. פון די גראָזן, פון די גריבער, פון די נידעריקע צווייגן און סתם פון דעם וועג. אויף זיין מזל איז קיין ווינט נישט געווען און ער האָט צונויפגעשטעלט כמעט דאָס גאַנצע בוך.

נאָך מיטאָג איז ער אָנגעקומען צו מנשהן אין שטוב אריין און האָט אָנגעשלאָסן געמאָלדן:

— איך גיי נישט אהיים, און רעדט צו מיר אפילו נישט דערפון.

עס זענען געקומען די מוטער, דער זיידע, געבעטן אים, איינגערעדט. איין מאָל — ניין! ער גייט נישט אהיים! און אויב מען וועט אים דערקוטשען, וועט ער אין גאַנצן אַוועק פון כמעלניק. דערהווייל אויף די יארידים דאַרף מען פאָרן. האָט דער פאָטער מיטגענומען דינהן. ביים איבערציילן די סחורה האָבן פאַר איין טאָג געפעלט צוויי היפשע שטיקלעך. אזא קלאָפּ האָט אפרים־אהרון שוין נישט געקענט פאַרטראָגן און ער האָט צוגעשיקט זאָגן שלמהן, אַז טאַמער קומט ער נישט אהיים, וועט ער שלעכט אָפּשניידן. נאָר שלמה האָט אפילו נישט געוואָלט הערן. ער איז אויף אַלץ גרייט געווען, נאָר אהיים — נישט.

אויף צומאָרגנס איז געווען אין כמעלניק יאריד. שלמה איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג איבער דער גמרא, צו דער שטעל אפילו נישט ארויסגעגאַנגען. צפורה מיט די צוויי גרעסערע קינדער האָבן אַ גאַנצן טאָג אכטונג געגעבן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שאָדן און דאָך האָט מען ביי זיי אין חעם טאָג אויך צוגענבעט אַ שטיקל סחורה.

ביי אפרים־אהרונען אין שטוב איז געווען תשעה־באב...

פרייטיק, גייענדיק פונעם דאַווענען, איז אפרים־אהרון אריינגעגאַנגען צו מנשהן אין שטוב אריין און נישט קוקנדיק שלמהן גלייך אין די אויגן, דורכגעזופּט דורך די ציין:

— אַז עק זאָל נעמען! גיי אהיים! געגוג געבאַלעוועט זיך. איך האָב געמיינט דיין טובה, דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. דאָס לעבן וועל איך זיך נישט נעמען. דו מעגסט ימים־נוראים געשמאַק זיך אויסוויינען אויף די יסורים, וואָס דו האָסט פאַרשאַפט דיינע עלטערן און דוקא אום אלול. ביסט אַ ווילער זון, נישטאָ וואָס צו רעדן. אַז עק! גיי אהיים! דו וועסט דאָרט טרינקען טיי. איך האָב נאָך אויך נישט געטרונקען.

קאפיטל XXXIV

און ווידער האָט זיך אוועקגעצויגן אַן אומענדלעכע קייט פון וואָגלענישן און מאַטערנישן. די האַרבסטיקע רעגנס האָבן גע־מאַכט די וועגן נישט דורכצופאָרן. די בלאָטעס האָבן דערגרייכט די רעדער פון וואָגן ביז צו די קלעצלעך. די פערד האָבן זיך גע־שלעפּט לאַנגע שעהן. אין די שטיוול האָט געקוואַטשעט, דורכן צעריסענעם פּאַלטאָ האָט אַריינגעבלאָזן. ס'איז געוואָרן אוממעג־לעך צו האַלטן אַ ביכל אין די הענט: עס זענען געפרוירן געוואָרן די פינגער פון קעלט און פון נעץ. די וואָכעדיקע שמועסן אויף דער פור האָבן שלמהן נישט אינטערעסירט. מיט מיכאלן אָדער מיט יחיאלן האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן און שלמה האָט צום וויפלטן מאָל אין זיין לעבן זיך אין גאַנצן אַריבערגעטראָגן אין זיין פאַרבאָרגן וועלטעלע. אין דעם וועלטל איז פאַלי געווען די קעניגין און ער איר קנעכט. ס'איז נישט געווען די שמונה־עשרה, ביי וועלכער ער זאָל פאַר „גואל ישראל" נישט זאָגן:

— רבונו־של־עולם, צעשייד מיך נישט מיט פאַלין און זאָל איר האַרץ נויגן צו מיר.

צו יאַניין אין שטוב אַריין פלעגט ער זעלטן ווען אַריינגיין און נאָך זעלטענער זען פאַלין. נאָר ווי זעלטן ער פלעגט זיך טרעפן מיט איר אָדער זי זען פון דער וויַיטנס, איז פאַר אים געגנוג געווען, כדי צו באַמערקן, ווי אונטערגעוואַקסן זי איז, ווי רייף און רייצנ־דיק־שטאַלטנע איר קערפּער זעט איצט אויס.

מיטן ערשטן שניי האָט זי באַנייט אַ ברוינלעך באַראַשקעווע סעקעלע * מיט אַ שוואַרץ קאַראַקולן קעלנערל. אונטער דעם האָט זי געטראָגן אַ גראַנאַט שעוויאָטן אַנצוגל און געטאַקטע געלע שטי־וועלעך אין קאַלאָשן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אָדער אַ שיינע ווייסע קאַזאַקישע פּאַפּאַכע, אַראָפּגעצויגן אויף לינקס ביז די אויגן, מעשה סאָלדאַט, אָדער אַ קאָרטן שאַלעכל מיט גרינע און רויטע קעסטעלעך. די קאַזאַקישע „קוטשמע" האָט איר יאַני געלאָזט נייען אין אומאַן פון די טייערסטע פעלעכלעך און אינעווייניק איז זי געווען אויסגעבעט מיט קאַנגור. די פּאַפּאַכע האָט אָפּגעקאָסט מער

---

* באַראַשקעווע סעקעלע – אַ האַלב מענטעלע פון פעלעכלעך פון קליינע באַראַנעס.

וויפֿל אפֿרים־אהרון האָט געקענט פֿאַרדינען אין אַ וואָך צייט אויף אַלע יאַרידים צוזאַמענגענומען — אַזוי האָט יחיאל זיך באַרימט ביי מנשהן אין שטוב און דערצו מיט אַזאַ התלהבות, גלייך ווי די פּאַפּאַכע זאָל ער טראָגן, נישט זי.

מיט יאַנין פֿלעגט זיך שלמה באַגעגענען טאָג־טעגלעך ביים שיעור בין מנחה למעריב, וועלכן מנשה פֿלעגט זאָגן, סיידן מען פֿלעגט ערגעץ אויף אַ יאַריד איבערבלייבן נעכטיקן. יאַני איז גע־ווען אַ יונגערמאַן, וואָס חומש האָט ער געקענט גוט. אויף אָפּלערנען אַ משנה אָדער אַ פּרק עין־יעקב האָט ער זיך שוין געדאַרפֿט היפּש־לעך אָנמאַטערן און פֿון דעם שיעור גמרא האָט ער פֿאַרשטאַנען איין וואָרט איבער צען. נאָר דאָך האָט ער נישט פֿאַרפֿעלט צו זיצן ביים שיעור. דער קאָפּ פֿלעגט זיך אים שפּאַלטן אויף זיבעצן חלקים: אין מיל איז אַ גרויסער צופֿלוס פֿון תבואה. עס זענען צוגעפֿאָרן צוואַנציק פֿורלעך אָננעמען אַ וואַגאָן מעל אויף אָפּצו־פֿירן קיין יערקע; פֿון דער דאַרפֿישער מיל איז געקומען אַ פֿורל נאָך אים און וואַרט ביי דער שטוב; אויף דער נאַכט האָט ער אַ שמועס אין טעלעפֿאָן מיט אומאַנער „צענטער־סאָיוז", צי ער זאָל דעם שטייערוויינץ אָפּשיקן קיין קיעוו, צי איבערמאָלן אויף מעל און עס צושטעלן אין זוועניגאָראָדקער קאָאָפּעראַטיוו. פֿון דעסט וועגן פֿלעגט יאַני אַוועקשטעלן אַלע געשעפֿטן אויף אַ זייט, נעמען אַ גמרא און זיך זעצן ביים עק טיש צוהערן דעם שיעור. טאָמער האָט אים עמעצער געוואָלט אָפּטרעטן דאָס אָרט אויבן־אָן לעבן מנשהן, האָט ער נישט געלאָזט:

— מען קען אים אַ רוף טון אין מיל אריין, ער וועט בעסער דאָ זיצן.

איין מאָל אין אָוונט איז שלמה אָנגעקומען אין בית־מדרש אַריין, בעת מען האָט שוין געלערנט דעם שיעור. יאַני איז געזעסן עפּעס צעטראָגן. מען האָט אויף זיין פּנים געזען, אַז ער ווייסט נישט קיין איין וואָרט פֿון דעם, וואָס מען לערנט. בעת דער עולם האָט איבערגעמישט, האָט ער מעכאַניש אויך איבערגעמישט. דער עולם האָט „אַכטונג געגעבן" אין רש"י, האָט ער זיך אויך איינגעקוקט אין דעם ווינקל, וווּ רש"י געפֿינט זיך. טאָמער האָט איינער אויס־געקראַצט אַ פּיקאַנט תוספֿותל, האָט ער אויך נאָכגעקוקט אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג.

פֿאַר שלמהן איז שוין קיין פּלאַץ נישט געווען ביים טיש, איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין באַלעמער און האָט זיך איינגעהערט, ווי מנשה איז מסביר דעם שיעור. שטייענדיק אַזוי פֿון דער ווייטנס,

באמערקט ער, ווי יאני, וועלכער איז געזעסן אויסגעדרייט צו אים מיט דער פלייצע, נעמט ארויס א בליישטיפט פון דער אייבערשטער קעשענע און רעכנט עפעס צונויף אויף די ברעגן פון דער גמרא. שלמה האט געמיינט, אז דאס דארף ער נאר עפעס א צייכן טון, פארקארבן א גדאנק, אז ער זאל נישט ארויספליען פון קאפ. אבער זעענדיק, אז יענער האט אין גאנצן פארגעסן, ווו ער געפינט זיך, און האט זיך פארטיפט אין חשבונען אויף דער גמרא, איז ער צוגעגאנגען נעענטער, מיט דעם גדאנק, ער זאל יאנין א ווינק טון, אז שרייבן אויף א גמרא איז נישט רעכט. אנבייגנדיק זיך איבער דער גמרא האט שלמה זיינע אויגן נישט געגלייבט... ער האט זיך אויפגעהויבן א קוק טון, צי קיינער באמערקט נישט דאס וואס ער, דאן האט ער זיך ווידער צוגעבויגן א קוק טון, אפשר דאכט זיך אים נאר, און איבערצייגנדיק זיך, אז די אויגן האבן אים נישט אפגענארט, האט ער לייכט א ריר געטון יאנין פאר דער פלייצע:

— יאני, זייט אזוי פיל גוט, איך נעם די גמרא אויף א רגעלע. איך וויל נאר א קוק טון עפעס אין מהרש"א, באלד גיב איך זי אייך צוריק.

שלמה איז מיט דער גמרא אפגעגאנגען אויף א זייט און האט זי באלד טאקע אומגעקערט יאנין. עטלעכע מינוט האט יאני ווייטער מעכאניש זיך איינגעהערט אינעם לערנען, נישט ווּיסנדיק אויף וואס פאר א וועלט ער איז. ווידער האבן אים די גדאנקען אוועק־געטראגן צו די געשעפטן. ער האט פון דאס ניי ארויסגענומען דעם בלייפעדער און געוואלט עפעס צושרייבן צום פריערדיקן חשבון, נאר דארט, ווו דער חשבון איז געווען פארשריבן, איז געווען א ריין ארט... ער האט זיך אויף א ווײַלע פארחדושט: ווי קען דאס געמאלט זיין? ער האט דאך אליין ערשט געשריבן. נאר באלד האט ער א טראכט געטון: אודאי איבערגעמישט. ער האט איבערגעמישט א בלאט אויף צו פריער, א בלאט אויף צוריק, נישטא!... וואס הייסט דאס? ער האט געכאפט א קוק צום שכן אין דער גמרא דף ע"ט, צו זיך — אויך ע"ט... נאר באלד האט ער באמערקט זיין חשבון הענגען פון אויבן מיט די פיס ארויף. און פלוצלינג האט ער פארשטאנען, אז די גאנצע צייט פונעם שיעור האט ער גע־האלטן די גמרא איבערגעקערט... ווי אן אפגעקאכטער האט ער זיך א דריי געטון און א קוק געטון אויף שלמהן. יענער איז גע־שטאנען תמעוואטע און מיט גרויסע ווארעמע אומשולדיקע אויגן געקוקט גלייך אויף אים. יאנין האט צוגעשלאגן צום הארצן א וואַ־רעמע כוואליע און ער האט א שעפטשע געטון פאר זיך אליין:

— ווי אן איבערגעגעבן קינד...

עס איז אָנגעקומען אַ שווערער ווינטער, בייסיקע פרעסט און טיפע שנייען. דער מסחר איז געוואָרן אַלץ ערגער און באַשרענקטער, סחורה האָט מען געקריגן נאָר בסוד־סודות פון אונטער דער פאָלע און ביים פאַרקויפן זי איז געווען עפּעס אַ מורא. אַ באַהאַלטענע אימה האָט געדריקט אויף דער נשמה. באַזונדערס גרויס איז געווען דער פּחד פאַרן „מאָרגן“, דאָס נישט וויסן, ווו מען האַלט אין דער וועלט. די שטייערן זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג מיט דעם זעלבן טעמפּאָ, וואָס די פּאַרדינסטן זענען געפאַלן. עס זענען געוואָרן אָפטער די אָנפאַלן פון דער פינאַנספּעקציע: גרויסע אַקטן, קאָנפיסקאַציעס, אַרעסטן פון סחורה, פאַלן פון איינפּאַקן די סחורה אין אַ שראַנק און זי פאַרזיגלען. די קוסטאַרן האָט מען אויך גענומען טרייבן אין אַרטעלן, קאָאָפּערירן די באַלעבאַטישקייט פון צעך און די אַרבעטס־מכשירים. ווער עס האָט זיך אָקעגנגעשטעלט און קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין אַרטעל * אַריין מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, איז ער תיכּף באַשטעלט געוואָרן מיט זייער הויכע שטייערן און מען האָט ביי אים אַלץ פאַרנומען פון דער שטוב. און טאַמער איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק געווען, האָט זיך דאָס יאָר 1927 אָנגעהויבן מיט אַן אַלרוסישער מאָביליזאַציע פון איבערלעבע רעסורסן. און די קרעמערישע שטעטלעך האָט זיך דאָס אָנשיקעניש אויסגעגאָסן אין אַן אַזוי גערופענער „סאַמאָאָבלאָזשעניע“. די דאָזיקע צרה האָט איבערגעשטיגן אַלע פריערדיקע און פיל שפּעטערדיקע. די נעפּעווסקע שטעטלעך, וואָס האָבן אַזוי אויך געטהעשטשעט אויף אַלע נאָטן און מען האָט לייכט געקענט פּאַראויסזען, אַז זייערע טעג זענען געציילטע, האָבן מיט אַט דער לעצטער גזרה געכאַפּט אַ מעכטיקן קלאַפּ. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט מען צוגעקוקט, ווי מיט יעדן טאָג שטאַרבט אָפּ אַן אבר פון דעם גרויסן אָרגאַניזם, וואָס לעניִן האָט געלאָזט זיך אַנטוויקלען אונטערן נאָמען: פּרייהאַנדל אָדער „נעפּ“. איצט איז נאָך געקומען אָט דער ריזיקער שטייער און האָט צום איבעריקן פאַרריכט דאָס „מזל“.

קאַפּיטל XXXV

„סאַמאָאָבלאָזשעניע“ — הייסט פרייוויליקע זעלבסט־באַשטייערונג.

האָבן אַלע געמיינט, אַז דאָס וועט מען אַרומגיין איבער דער שטאָט מיט אַ פּאַטשיילע און קלאַפּן אין פּושקע:

* אַ פּראָדוקציע־קאָלעקטיוו, לויט דער קאָאָפּעראַטיווער סיסטעם, אויף וועלכן עס איז צווייג פון דער אינדוסטריע.

— צדקה תציל ממות!... שענקט, יידעלעך, עפּעס פאַר דער ראַטנמאַכט.

פּאַקטיש אָבער איז די זאַך פאָרגעקומען עפּעס אַנדערש. מען רופט אַרויס אין שטעטל־ראַט אַ קרעמערל אָדער אַ פאַרמעגלעכן קוסטאַר. ביים טיש זיצט די גאַנצע „מאַכט": דער פאָרזיצער פון ראַט, דער פאָרזיצער פון אויספּירקאָם, דער פאָרזיצער פון פּאַרטקאָם, צוויי ציוויל איבערגעטונענע אַגענטן פון גע.פּע.או. און אַ פּאָר צענדליק אַקטיוויסטן, בריגאַדירן, אויספּירערס און סתם שמשים מיט שמשימלעך. די „געפּואיסטן" זענען געקליידט אין בלויע סאַטינענע העמדלעך און גרינע געווענטענע הויזן. זיי רויכערן מאַכאָרקע אין שטיקלעך צייטונג און טראָגן אפילו נישט קיין „שפּייערס" *. אָבער דער קליינשטעטלדיקער ייד האָט אַ שאַרפע ראיה, ער דערקענט זיי שוין נאָך די אייגעלעך, נאָכן האַלטן זיך: ער זיצט צעזעצט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן, די פּיס צעשפּרייט, די הענט נערוועזע, די פינגער רוען נישט. פון די אייבערשטע קעשענקעלעך שטעקן אַרויס: אַ רויטער בליישטיפט, אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, „קאָמינטערן" אָדער „סאַלווע", פּאַפּירלעך מיט פּאַפּירלעך און „אַ רויט ביכעלע", וואָס יאָגט אָן אַ שרעק נישט ווייניקער פון אַ שפּייער.

דעם אַרויסגערופענעם בעט מען זיצן. אַ געטרייע האַנט מאַכט הינטער אים פעסט צו די טיר. דער פאָרזיצער פרעגט גוטמוטיק:

— זאָג נאָר, חבר, דו ביסט עפּעס אַ פריינד פון דער ראַטנמאַכט?

— מיטן גאַנצן לעבן. וואָס פרעגט איר אַזעלכע זאַכן?

— אַ ווייב און קינדער האָסטו?

— כ'האָב.

— וויפל פערזאָן זענט איר צוזאַמען?

— זעקס... צוויי ייִנגלעך, צוויי מיידלעך און איך מיט דער פרוי.

— וויפל מאָל האָט איר היינט געגעסן?

— וואָס הייסט וויפל מאָל?

— ענטפער אויף וואָס מען פרעגט דיך. וויפל מאָל האָט איר היינט געגעסן?

— איך ווייס וויפל מאָל? פּיצלעך קינדער עסן דען? זיי פּיקן ווי די עופהלעך, אַלע מאָל אַ פּיק...

— פון דעסט וועגן, אומגעפער... וויפל מאָל?

— רעכנט דריי מאָל... כ'ווייס?

— וואָס עסט מען ביי דיר? וואָס האָסטו היינט געמיטאָגט?

---

* געמיינט: רעוואלווערן.

דער מענטש קוקט פארלוירן און ווייסט נישט, צי מען טרייבט שפאס, צי מען מיינט דאס ערנסט. איינער פון די „רויטע ביכעלעך" גיט אויף אים א הוקע:

— וואס שווייגסטו, וואס? אין דיין מאמעס מאמען אריין... ענטפער אז מען פרעגט דיך!...

— מיין פרוי האט געקאכט א בארשטש...

— און מער גארנישט?

— דערנאך א שטיקל געבראטענס.

— און קיין פוטער האסטו היינט נישט געגעסן?

— איך — נישט, די קינדער...

— זאל זיין די קינדער. נו און סמעטענע?

— קיין סמעטענע קומט צו מיר אין שטוב נישט אריין.

— אבער זיסע טיי?

— דאס יא.

— און אייער?

— ווי א מאל...

— ווען דערציילסטו, ווי א מאל? וואס איז, דו מיינסט, אז מיר ווייסן נישט? נו און קאמפאט?

— פון ווילדע בארלעך מיט פלוימען.

— זאל זיין אזוי... איצט נעם א בויגן פאפיר און רעכן צונויף, וויפל באטרעפט דאס אלץ, וואס ביי דיר איז אוועקגעגאנגען פאר היינטיקן טאג.

— ווי אזוי קען איך אלץ געדענקען?

— אז דו וועסט נעמען דעם קאפ אין די הענט, וועסטו זיך דער־מאנען. און טאמער וועסטו עפעס פארגעסן, וועלן מ י ר דיך דער־מאנען. זעץ זיך אוועק אין ווינקל און שרייב! פארגעס נישט אריינצורעכענען: שיך פארריכטן, הייצונג, באלייכטונג, דעם דאק־טער פאר א וויזיט, אין קינא פאר א בילעט, דעם בעל־עגלה פאר הוצאות, אין פאסט פאר א טעלעגראמע. אלץ, אלץ, אלץ...

דער מענטש קוקט זיך ארום. אין אלע ווינקלען פון דעם גרויסן זאל זיצן פיל אזעלכע ווי ער, מען שוויצט און מען שרייבט. אין זאל גייען ארום עטלעכע אינסטרוקטארן. זיי כאפן א קוק צו די שרייבערס פון הינטער די פלייצעס און שעפטשען שטיל: — דא האט איר א טעות, דאס האט איר פארגעסן, יענץ האט איר פאר־געסן, קיינער וועט אייך נישט גלייבן...

די „שרייבערס" אין זאל קומען צו און קומען אפ. ענדלעך ווערט פארטיק דאס צעטל. דער ארויסגערופענער גייט א בלייכער צום טיש און דערלאנגט זיין בילאנס. דער פארזיצער נעמט דעם בויגן

פאפיר מיט צוויי פינגער, כאפט א קוק אויף דער אונטערשטער שורה און זייעט ארויס איראניש:

— וויפל?

— 15 רובל מיט 85 קאפיקעס, חבר פארזיצער...

— וועמען ווילסטו אפנארן, דו הינטישער זון? פינף מאל אזוי פיל פארלעבסטו, און דיין גאטס מאמען אריין... דו מיינסט, אז מיר ווייסן נישט?...

— איך האב געשריבן דאס, וואס עס איז... אפשר מעג איך ווּיסן, צי וואס דארף מען אט די גאנצע קאמעדיע?

— קא־מע־די־ע? ווי אזוי האסטו געזאגט, קאמעדיע? אך, דו קאנטער־רעוואלוציאנער! א געזעץ פון דער ראטנמאכט איז ביי דיר א קאמעדיע?

איינער פון די „איבערגעטונענע" דערלאנגט אים מיטן פויסט א מעכטיקן שטויס אין דער ברוסט, די אקטיוויסטן כאפן אים אונטער און מיט א בכבודיקער לויה פארשווינדט ער אין איינעם פון די געהיימע צימערן. ביים טיש דערלאנגט א צווייטער זיין חשבון.

— וויפל?

— 11 רובל מיט 45 קאפיקעס, חבר פארזיצער.

— אך, ביסטו א שעדלעכער עלעמענט!... סוואלאטש!... דו דערציילסט מיר מעשות!

— חבר פארזיצער, איך בין א געבוירענער פראלעטאריער, איר קענט מיך נישט?

— וואס טויג אונדז, צי איך קען דיך צי ניין, דו ווייסט, וועגן וואס דא האנדלט זיך?

— פון וואנען זאל איך ווּיסן? איך ווייס בפירוש נישט...

— דו דארפסט לעבן? די ראטנמאכט דארף אויך לעבן. ס'איז ביי אונדז א קריזיס, ווייסטו? אונדז בארגט קיינער נישט... ווער וועט אונדז לייען? די טשעמבערלענטשיקלעך? די יאנקים? אליין דארפן מיר ארויסהעלפן אונדזער מלוכה... האט טאקע די מלוכה אונדז אלעמען דערלויבט צו מאכן צוליב דער אינדוסטריאליזאציע פון לאנד א „סאמאאבלאזשעניע" אין דער סומע, וויפל יעדער פארלעבט פאר א חודש צייט, נישט מער... מער טאר מען נישט! אין משך פון דריי, פיר מעג דארף אריינגעטראגן ווערן די סומע און דו שרייבסט זיך אונטער, אז דאס האסטו פרייוויליק אריינגעטראגן אין פאנד פון אונדזער יונגער אינדוסטריע. אין פאל, אויב עמעצער מאכט קונצן, דריקט אויס א קאנטער־רעוואלוציאנערן ווידערשטאנד, נעמען מיר צו חפצים פון דעם, וואס ער האט אין שטוב, אין דעם באטרעף פון דער סומע, וואס ביי אונדז איז

אָנגעמערקט אויף אים. די דאָזיקע זאַכן פאַרקויפן מיר פון דעם „אאוקציאָן". קיין איין איבעריקע קאָפּיקע דאַרפן מיר נישט. טאָמער בלייבט ביי אונדז רעשט פון זיין געלט, ווערט עס אראָפּ־געשריבן פון אַנדערע שטייערן. ‏איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דאָ קומט פּאַר? האַ? און דו ביסט אַ סוואָלאָטש, אַ טויגעניכטס, אַ פאַרבאַרגענער שונא! דו ווילסט דער ראַטנמאַכט נישט אָפּגעבן ערלעך איר חודש. וויפל האָסטו דאָרט אָנגעפּאַטשקעט?

— 11 רובל מיט 45 קאָפּיקעס.

— אָר־וואַ, אַ גרויסע סומע! אָט דאָס הייסט זיך צעלאָזט... וואַרט, וועל איך דיר זאָגן, וויפל מען האָט דיך געשטעלט. ביי דיר קומט אויס 30 מאָל 11,45... וואָסיאַ! וויפל הייסט עס? 343 רובל מיט 50 קאָפּיקעס. יאָ? און ביי אונדז שטייסטו... ווי רופט מען דיך? קעסלמאַן? קעסלמאַן צ. י. — באַלד, באַלד... קעסלמאַן פ. י.... דאָס איז נישט דו?

— דאָס איז מיין בחור... וויפל שטייט ער?

— דאָס איז נישט דיין עסק! זיי רואיק, מען האָט קיינעם נישט געקריוודעט. ווי אַזוי זאָגסטו? קעסלמאַן... אַ! אָט איז דאָס: צ. י. — ריכטיק... 500 רובל... דו זעסט? אויף אַ דריטל האָסטו געלייקנט... דו טראָגסט אריין מיט גוטן? גיכער, איינס און צוויי... יאָ צי ניין?

— חבר פּאַרזיצער, וואָס הייסט פינף הונדערטער? פון וואַנען? און ווען איר גיט כאָטש אַ חודש צייט אויף אויסצאָלן...

— דיינע פּלענער אינטערעסירן מיך גאַנץ ווייניק. דו טראָגסט אריין מיט גוטן, צי איך זאָל צושיקן נאָך דיינע זאַכן? ווער עס צאָלט נישט מיט געלט, בלייבט ער דערווייל זיצן ביי אונדז ביז נאָך דעם „אאוקציאָן".

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט שרייבט ער אונטער פּ ר י וו י ל י ק דאָס צעטל און לויפט אַרויס ווי פון אַ שוויצבאָד, כדי צו שאַפן אַזאַ גוואַלדיקן קאַפּיטאַל.

אַ פרישער מענטש מיט אַ חשבון דערנענטערט זיך צום טיש. דער אַגענט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דעם געהיימען צימער, שטעלט אים אָפּ מיטן ווינק:

— וואַרט ד אָ ר ט אַ ווײַלע... גיי צוריק אויף דיין אָרט...

און דעם פּאַרזיצער פרעגט ער שטיל:

— וואָס פאַר אַ סומע האָט אָנגעגעבן יענער פון דער „קאָמע־דיע"?

— באַלד זאָג איך דיר, ערגעץ האָב איך דאָ געהאַלטן זיין צעטל. וואָס איז דאָס? אָט דאָ איז עס געלעגן... כ'האָב דאָך עס ערשט

געזען... כאַ! איך האַלט עס אין דער האַנט און זוך עס... וואָס פרעגסטו?... 15,85 האָט ער אָנגערעכנט...

— וויפל זשע הייסט עס אַ חודש?

— אַ חודש? באַלד... 30 מאָל 15,85... וואָסיאַ! וויפל באַקומט זיך 30 מאָל 15,85?

— דאָס מאַכט אויס אַזוי גרויס... אַזוי גרויס, ווי... יאָ, אַקוראַט 475 רובל נאָך מיט אַ האַלבן, אויף סיעמעטשקעס... אַזוי מאַכט עס אויס.

דער אַגענט אינטערעסירט זיך ווייטער:

— און וויפל שטייט ער ביי אונדז? אַנו, כאַפּ אומיסטן אַ קוק...

— באַלד כאַפּן מיר אַ קוק... ווי רופט מען אים? גאַראַסון? באַלד... גאַראַסון, גאַראַסון... ס'איז דאָ!... 400 רובל!... הערסט אַ מעשה? האָט ער דאָך גאָר אַליין אָנגערעכנט מער... איז ער דאָך אַ מענטש מיט יושר...

— עס מוז זיין אַ טעות. די כלבים זאָגן נישט דעם אמת. איך קען זיי גוט... מאַך איבער פון פיר אויף אַכט. אַכט הונדערטער איז ער נישט קראַנק צו געבן. איך קען זיי גוט... קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן...

— אָבער אפשר איז דאָס אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס? דאָס צעטל האָבן צונויפגעשטעלט אַלע ראַטמיטגלידער. אַז אַ מענטש גיט אַליין אָן דעם ריכטיקן אמת... האַ?

— וואָס פאַר אַן אמת? וועלכן אמת? נישטאָ ביי זיי קיין אמת!

— ווייסטו וואָס? לאָמיר אים אפשר צושטעלן אַ דריטל, אַזוי ווי ביים פריערדיקן.

דער אַגענט גיט אויף אים אַ קריץ מיט די ציין:

— וועמען לערנסטו? אַז איך זאָג אַכט, איז אַכט! כ'בין שוין אַן אויסגעלערנטער.

— שאַ... איך האָב דאָך נאָר געפרעגט. ניין איז ניין... שוין פאַרשריבן אַכט... נו, ווער איז דאָרט נאָך? האַ, איר? קומט אַהער, זיצט... ווייזט נאָר, וואָס האָט איר דאָרט אָנגעשריבן? וואָס, וואָס? אַזוי ווייניק? פון לופט לעבסטו? איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ שערלעכער עלעמענט. ע, ברודערקע, פע... עס פלאַמט מיר דאָס פּנים פאַר פרעמדע מענטשן... איי־איי־איי, נישט גערעכט זיך...

קאפיטל XXXVI

ביי טאג האט דער סמבטיון געדוט. מען האט נישט געזען קיינעם פון די מלאכי־חבלה אין די אויגן. דער גרויסער זאל פון שטעטלראט, די געהיימע צימערן — אלץ איז אונטערן שלאס, שלאפט זיך אויס. נאר צוויי פענצטערלעך זענען אפן אויף צו נעמען געלט און עסן פאר די, וואס מען האט איינגעזעצט.

קוים ווערט אבער נאכט, ווי מען צינדט נאר אן א לאמפ, אזוי ווערט חושך אין שטעטל. פון איין גאס פירט מען א פורל זאכן און די שטובמענטשן לויפן נאך מיט א געוויין. פון דער צווייטער גאס שלעפט מען עטלעכע מענטשן, וועלכע ווילן זיך נישט „יאווען". מען שלעפט זיי פשוט פאר די הענט און פאר די פיס. און אויב זיי דראפען זיך אדער זיי בייסן, בינדט מען זיי און מען טראגט זיי אפ אויף די פלייצעס צו דער קאמיסיע. דארט זענען שוין דא „מיטלען" זיי צו בארואיקן. ארויסגייענדיק פון „דארט", מוז מען זיך אונטערשרייבן, אז מען וועט נישט דערציילן פון חדר. אין פאל, אויב עמעצער דערציילט יא, ווערט ער געבראכט צוריק אין חדר אריין — אויף א לענגערער צייט. אויפן דארף ארום דער שטאט האבן גאנצע נעכט פאטרולירט פאסטנס, אכטונג געגעבן, אז די שטעטלשע איינוווינער זאלן זיך נישט צעלויפן. מענטשן זענען אבער נאך קליגער געווען און פלעגן פון בייטאג אן אוועקגיין אין די וועלדער.

זעקס וואכן האט געבושעוועט די משומא אין לאנד. מענטשן האבן פון דער „פריוויליקייט" געשפיגן מיט בלוט, זענען אין גאנצן רואינירט געווארן. אין צוויי וואכן ארום, נאך דעם ווי די קאמפאניע האט פארענדיקט איר טעטיקייט, האט מאסקווע געמאלדן, אז די העכסטע ארגאנען פון דער מאכט און פון דער קאמפארטיי, באקומענדיק געטריע ידיעות פון די מאסמיטלען, וועלכע זענען אנגענומען געווארן ביים דורכפירן די „סאמאאבלאזשעניע", האבן פארורטיילט די טעטיקייט פון די אויספירקאמיטעטן. פיל מענטשן זיצן שוין, פיל דארף מען נאך איינזעצן. דער גענעראלער פראקוראטור זענען געגעבן געווארן אויספירלעכע דירעקטיוון וועגן פארפירן א ברייטן פראצעס קעגן די פארגוואלדיקער.

מיט דער קורצער ידיעה האט זיך פארענדיקט דאס בלוטיקע זייטל מיטן סאלידן נאמען: סאמאאבלאזשעניע.

אין כמעלניק האט איין יאני טולטשינסקי באלד אריינגעטראגן

דעם גאַנצן שטייער במזומנים. אַלע איבעריקע באַלעבאַטים האָבן אָדער זיך אויסבאַהאַלטן אָדער אַ ביסל אַריינגעטראָגן און מיטן איבעריקן „זיך געמוטשעט". די פּיאַטיגאָרסקים האָבן די סחורה באַהאַלטן, פאַרטראָגן פון דער שטוב, וואָס מעגלעך עס איז געווען, און אַליין גאַנצע נעכט זיך אויסבאַהאַלטן. אַזוי ווי מיכאל, יחיאל און שלמה האָבן צוגעהאָלפן ביי דער שטעל און מען האָט זיי שוין אויך געקענט „נעמען", האָבן זיי זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט די גרויסע. און, ביי לשון באַהאַלטן זיך: וועןענס שטוב איז נאָך אַזוי כשר ווי יאַנים? וועלכער רוח וועט שוין וואַגן אַריבערשטעלן אַ פוס אין אַזאַ שטוב, וואָס דער באַלעבאָס האָט אַריינגעטראָגן אין דעם ערשטן טאָג אַזוי פיל, וויפל מען האָט ביי אים געבעטן. פלעגן טאַקע אַלע מענער פון די פּיאַטאָגאָרסקים גאַנצע נעכט איבערזיצן ביי יאַנין.

יאַני פלעגט זיך אָפּשאָקלען פון אַלע אַרבעטן, אויסקומען מיט געדרונגענע הענט און גאַנצע נעכט פאַרברענגען מיט די געסט. פאַר היימלעכקייט וועגן פלעגט שוין מנשה אויך אַריינגיין. עס זענען געווען נאָך עטלעכע אָנגעזעענע בעלי־בתים, אויך „באַהאַלטענע". אויך פון זווענינאָראָדקע זענען געקומען עטלעכע גוטע ברידער צו יאַנין „איבערזיצן" דעם שטורעם. יאַני פלעגט זיך פרייען מיט די געסט ווי אַ קליין קינד, אַליין זיי באַדינען, נישט לאָזן ניומען דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, ער קאָן אַליין. גלייך פון מעריב־דאַווענען פלעגט מען זיך צונויפקלייבן אין „באַהעלטעניש". עס פלעגן אַריינגעטראָגן ווערן ספרים און אָדער מנשה אָדער לוי באַטעם, אַ ייד אַ למדן, אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, אָדער שלמה פלעגן זאָגן אַ בלאַט גמרא. אָפּגעלערנט, אָפּגעטרונקען טיי, פלעגט מען דערלאַנגען צום טיש קוויטלעך, דאַמקעס, דאָמינאָס. יונגוואַרג פלעגט שפּילן אין שלאָפצימער אין שאַך.

אין שטעטל האָט געהונען דאָס בלוט ריטשקעסוויז און ביי יאַנין אין שטוב איז געווען שמחת־תורה. לכבוד פון די ציטוויילינקע חשובע אורחים האָט יאַני אַריינגעצויגן פון דער מיל נאָך עטלעכע עלעקטרישע לאָמפּן אין שטוב אַריין. פון תחילת נאַכט אָן פלעגן די פענצטער פאַרהאַנגען ווערן מיט גראָבע געוואַנטענע קאָלדרעס, וועלכע לאָזן נישט דורך נישט קיין שטראַל, נישט קיין קלאַנג, און ס'איז דאָרט געווען חי־געלעבט. באַזונדערס האָט יאַני מקרב געווען שלמהן, אַרויסגעוויזן דרך־ארץ פאַר אים ווי פאַר אַ גרויסן, קוקנדיק בשעת־מעשה אויף אים מיט אויגן פול מיט ליבע. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אומיסטן אין דער הויך זאָגן:

— פון שלמהן רעדט איר? דאָס איז מיין נשמה. ער איז ביי מיר איינגעבאַקן אין הארצן ווי אַ פינפט קינד...

פּאָלי, ביי אַזעלכע רייד, פלעגט באַגראָבן די אויגן אין ביכל.

יאַני האָט ערגעץ געקראָגן אַ פידל. פּאָלי האָט פון זוועניגאָראָדקע געלאָזט ברענגען שלום־עליכמס ביכער אויף יידיש און נאָך אַ שאָך... שלמהס גליק איז געווען נישט צו באַשרייבן. אין זיין פּאַטערס קענגנווארט האָט ער געמעגט פאַר פּאָלין שפּילן פידל, לייענען ראָ־מאַנען, לערנען זי שפּילן שאָך. די נעכט פלעגן איבערלויפן ווי אַ חלום, ווי אַ זיסער חלום. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז גאָר־נישט קיין עולם־הזה, נאָר עולם־הבא... דער גן־עדן העליון... ס'איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אַז דער גאַנצער אויפטו מיט דער סאַמאָאָבלאָזשעניע און מיט דעם באַהאַלטן זיך זענען געמאַכט גע־וואָרן בלויז צוליב אים, אין זיין זכות.

יאַני האָט בשום אופן נישט דערלאָזט, אַז די „באַהאַלטענע" געסט זאָלן ענדערן זיין מנהג בנוגע „סתם" אורחים. טאָמער האָט זיך באַוויזן אַן אָרעמאַן אין שטעטל, איז שוין דעם שמש געווען פאַרזאָגט, זהיר וזהיר, אַז די ערשטע דריי טעג מוז ער זיין ביי יאַנין, מיט עסן און מיט שלאָפן. אין קיך זענען שוין געווען אַזעלכע ברעזענטענע בעטלעך מיט מאַטראַצן און מיט פוכענע קישעלעך, ספּעציעל פאַר אָרעמעלייט. דאָס אַלץ איז אַ חוץ אַ שיינער נדבה, חוץ אַן עלטער פּאָרל וועש אָדער אַ געטראָגענער פאַר הויזן.

אין איינעם פון יענע אויפדערנאַכטן האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין כמעלניק פיר אָרעמעלייט מיט אַ מאָל. דאָס שטעטל איז גע־ווען דערשלאָגן, פאַרפינצטערט. קיינער האָט זיי נישט גענומען אויף וועטשערע. יאַני האָט זיי אַ ווינק געטון און אַלע פיר זענען אים נאָכגעגאַנגען. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט יאַני באַמערקט, אַז עס שלעפערט זיי. אסתר איז פונקט געווען אַרויסגעגאַנגען צו אַ שכנטע, פּאָלי האָט דאָמאָלסט צופעליק געלערנט זיך האַלטן דעם פידל און יאַני האָט אַ רוף געטון:

— אָווראָם! אָווראָמעלע מיין קינד, בעט אוים פאַר די צוויי יידן אין קיך, נאָר גיך, און דעק זיי איין מיט מיין פּאַלטאָ. עס איז אַ שטאַרקער פראָסט. גייט, גייט, מיינע ליבע יידן, ער וועט אייך שוין באַשטאָטן.

דאַן ווענדט ער זיך צו די איבעריקע צוויי אָרעמעלייט:

— און איר, פעטערלעך, קומט מיט מיר. קומט, קומט... מען דאַרף נישט ווישן, ס'איז פון דעם שניי, וואָס איז צעגאַנגען. ס'איז נישט אומריין...

ער פארהייבט די פוכענע קאָלדרע פון זיין בעט, קלאַפּט איבער די קישנס און זאָגט גוטברודעריש:

— טוט זיך אויס, רבותי, און שלאָפט געזונט.

די יידן ווארפן אָן אויג אויף זייערע מלבושים און אויפן ווייס שעמערירנדיקן ליילעך מיט די „שפּיצעלעך" ביי די ברעגן און וואַגן נישט זיך אויסצוטון. יאַני זעט זייער פאַרלעגנהייט, זיין פּנים צעשמייכלט זיך אין אַ לייטזעליק שמייכעלע און ער לייגט אַרויף זיינע הענט אויף זייערע אַקסלען:

— וואָס איז? ס'איז אייך מבלבל דאָס ניקלנע בעט מיטן ליילעך? דאָס איז שטותים... מיט וואָס איז דאָס מער מיינס ווי אייערס? אויסגעטון זאָל ווערן! פּאָלי, דריי זיך אויס! ס'איז מיין מיידל, איר דאַרפט זיך נישט שעמען... נו, אַ גוטע נאַכט. אַנטשולדיקט, מען וואַרט אויף מיר מיטן לערנען.

שלמה איז געשטאַנען אַן אַנטציקטער. ער האָט אַ קוק געטון אויף פּאָלין:

— זי האָט גאַרנישט געזען. גאַרנישט דערגייט נישט צו איר...

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך אין ייד אויפגעכאַפּט, אַ טאַרקע געטון דעם צווייטן און זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען „אויף אַ גייטיקער זאַך". אסתר, וועלבע האָט זיך נאָך נישט געהאַט געלייגט, איז אַריינגעגאַנגען, האָט באַקוקט דאָס קישן, דעם ליילעך, פאַרביסן אַ ליפּ און אַריינגערופן יאַנין:

— דו זעסט... אָט האָסטו דיר דיין גוטהאַרציקייט. אַ גאַנצע טשערעדע... נאָך איינגעדעקט זיי מיטן פּליושענעם טישטעך... אָן אויפּטו...

— נאַרעלע... דאָס זענען דאָך דימענטן... יידישער שוויס... שוטה!...

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ פּאַפּירל און גענומען אויפקלייבן די פּוזנדיקע דימענטן. פּאָלי טאַרקעט שלמהן אומגעדולדיק:

— שלמה, איר האַלט דאָך, דאַכט זיך, אין מיטן לייענען, וואָס גייט אייך אָן, וואָס מען רעדט דאָרטן?

שלמה איז בלייך פאַר אויפרעגונג. ער שטעלט זיך אויף, קוקט זיך אַרום און ציילט אָפּ ווערטער ווי אויסגעקלאַפּט מיט אַ האַמער:

— פּאָליאַ טולטשינסקאַיאַ, קוקט זיך גוט צו צו אייער טאַטן. אַזעלכע מענטשן וועט איר נישט באַגעגענען אין ערגעץ.

קאַפּיטל XXXVII

עס איז געשטאַנען אַ שיינע פּראָסטיקע שבתדיקע נאַכט. די לבנה, אַ גאַנצע, אַ זילבערנע, אין אַ ליכטן רויכל איינגעהילט, האָט לאַנגזאַם שפּאַצירט איבער כמעלניק. קיין שטערן איז נישט געווען צו באַמערקן. אין אַזאַ פראָסט האָט זיך קליינוואַרג באַהאַלטן, פאַרטאַיעט... דער פראָסט האָט ביז ווייטיק געקלעמט די פינגער, די נאָז, די אויערן, געבראָכן די ביינער. אַלטע, ברייט־צעוואַקסענע ביימער האָבן געטרעשטשעט און געקרעכצט ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. אַלע מאָל האָט זיך אויף דער גאַס באַוויזן אַ פורל מיט מעבל, קישנס, קליידער. דעם פורל איז מען נאָכגעלאָפן, געוויינט, געחלשט. די בריגאַדירערס האָבן מיט קלעפּ געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ביזן „אַאוקציאָן" איז אַלץ פאַרפאַלן. פונעם „אַאוקציאָן" אין זוועניגאָראָדקע קענען זיי זיך קויפן, וואָס זיי ווילן. פון דער צווייטער גאַס דערטראָגט זיך אַ פרישער קוויטשעריי, פון וועלכן עס ווערט פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן. פון אַ נישט באַלויכטענער שטוב שלעפּט מען עמיצן אין אַ קאַלדרע איינגעוויקלט. יענער בעט זיך:

— גזלנים, איר וועט מיך דאָך פאַרקילן אויף טויט. כ'האָב אַ ווייב מיט קינדער...

די לבנה שלעפּט אַרויף אויף זיך אַ וואָלקנדל. ס'איז איר שווער צוצוקוקן אַזעלכס. זי קען ביי זיך נישט פועלן, אַז דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר דאָרט אונטן, האָט אַ שייכות מיט פּריוויליקייט. און ווידער איז שטיל אין דער אונטערשטער גאַס. פון די הייזער, ווו עס הייצט זיך, שנירלען זיך אין הימל אַריין טונקלבלויע סטענגעס רויך. מען זעט זיי הויך אונטערן סאַמע הימל. די פענצטער פון אינעווייניק זענען אָנגעוואַקסן מיט אייז אויף עטלעכע פינגער די גרעב. דאָס וואַסער אין פּאַס איז פאַרפרוירן, דאָס ברויט אויף דער פּאָליצע איז ווי אַ שטיק אייז. אַזאַ פראָסט איז טאַקע נאָר אַ רעשטל צו די צרות. טאָמער איז קאַרג אַזוי: די גוטע פּרנסות, דער פּדיון, דער גרויסער.

ביי יאַנין אין שטוב איז אַ ליבע וואַרעמקייט. ביידע צימערן און די קיך זענען באַלויכטן ווי ביי טאָג. פון דער קיך טראָגט זיך אַ גערוך פון האָניק־לעקעך און פון פרישע גריוון. אין זאַל זיצן אַ זיבן, אַכט מענטשן אַרום טיש איבער די גמרות און מען לערנט געשמאַק. מיכאל מיט יחיאלן, אַווראָם מיט ניומען כאַפּן אין שלאָפ־

צימער אַ קערטל. אסתר מיט סאַנקען, די שאיעבע מיט דער טאָכ־טער פאַרען זיך אין קיך. שבת גיט יאַני אַ קידוש אין בית־מדרש: זיין מיזינקעס אימענינעס. און די אימעניגעצע דערוויל פאַרזוכט פון דעם, פאַרזוכט פון יענעם און געפינט, אַז ס'איז גאַרנישט שלעכט געמאַכט. פאַלי איז אין שטוב נישטאָ. איר לערער פון מאַ־טעמאַטיק איז עפּעס קראַנק געוואָרן; ער האָט צוגעשיקט זאָגן, אַז עטלעכע טעג וועט ער נישט קענען קומען, איז פאַלי אַוועק צו אים אַזש אויפן דאָרף. דער זייגער טיקעט ווייך די מינוטן, שלמהס קולכל גנבעט זיך אַנגענעם אין דער נשמה אַריין, עס גייט ביי אים אַזוי גלאַטיק, אַזוי קונציק, אַז ס'איז אַ חיות צו הערן. טאַמער גיט עמעצער עפּעס אַ פרעג, ענטפערט ער אָפּ מיט צוויי ווערטער און גלייך ווערט ליכטיק, לויטער און שלמה שפּילט שוין ווייטער מיט זיין מעלאָדישן אַלט:

— תנו רבנן — האָבן די רבנן געלערנט...

אין דער פעדערשטער טיר האָט מען אַנגעקלאַפּט. גיומע איז גע־לאָפן עפענען און פאַלי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. אַלע ביי די גמרות זענען פאַרגאַפטע געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער. דאָס איז נישט געווען קיין מענטשלעכע צורה, דאָס איז געווען אַ מלאך פון הימל. פאַלי, דערשטוינט פון זייערע שטאַרע בליקן, איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און האָט אויך געקוקט. זי האָט געטראָגן אַ פייערדיק־רויט פעלצל מיט בלויען כראָם אַרומגעזוימט, דערויף איז געווען אַ קעלנערל פון שיינעם אַש־קאָלירטן קאַראַקול, און פון דעם זעלבן פוטער אַ מופטעלע. דאָס פעלצל האָט איר דערגרייכט כמעט ביז די קניען און גלייך פון דאָרטן האָבן זיך אָנ־געהויבן די ווייסע פעטראָוועס * באָטן, וואָס זענען געווען אונטער־גענייט מיט געלן שאַוורע אויף אַ נידעריקן אָפּצאַס „פּאַ סאָלדאַט־סקי". אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ גלינקן פאַרטפעל מיט ביידע אויסגעטונענע הענטשקעס. די קאַזאַקישע פאַפּאַכע איז וווילינגעריש געווען פאַררוקט עטוואָס אויף הינטן. פון דעם פראָסט איז דאָס פּנים געווען לויטערער ווי געווײנלעך, די באַקן רויטער ווי געווײנלעך. די לאָקן, וואָס האָבן זיך אומפאַרזיכטיק אַרויסגערוקט פון אונטער דער פאַפּאַכע, זענען באַזילבערט פון פראָסט, דעסט גלייכן די ברעמען, די וויעס. די גרויסע בלויע אויגן האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט דעם אָפּשיין פון דעם רויטן פעלצל און די גרויקייט פון די צוגעפרוירענע לאָקן.

אפרים־אהרון האָט פאַרגאַפט זי אַנגעקוקט. ער כאַפּט אַ קוק אין

---

* פעטראָוועס – דער בעסטער מין ווױלאָק.

שלמהס זייט — שלמה איז נישט קיין היגער, ער איז אין גאַנצן פאַרכאַפּט. מנשה באַמערקט אויך דאָס זעלבע. אפרים־אהרון כאַפּט איבער זיין בליק: יאָ, ער האָט אויך באַמערקט... ער כאַפּט נאָך אַ מאָל אַ קוק אויף איר, אויף שלמהן, נאָך אַ מאָל אויף איר, נאָך אַ מאָל אויף שלמהן. דעם אַלטן שלומס אויגן זאָגן אים אויך: ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן, אפרים־אהרון, דיין חברה־מאַן איז פאַרכאַפּט נישט אויף קאַטאָוועס... און יאַנים אויגן דאַכט זיך אים צו באַמערקן אַ גליקלעך, זיגעריש פייערל. ביי אפרים־אהרונען גיט אַ ציטער אַ האַלב פּנים, ער כאַפּט נאָך אַ מאָל אַ קוק אויף איר, אויף אים און לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ. ניין, ניין, ס׳איז נישט ציפּע...

פאָלי שטייט נאָך אַלץ. שוין באַלד אַ גאַנצע מינוט, זינט זי האָט געעפנט די טיר, און דאָס התפעלות ביי די אַנוועזנדיקע איז נישט שוואַכער געוואָרן. אין קיך פאַרשטייט מען נישט, וואָס איז עפּעס אין שטוב פּלוצים אַזוי שטיל געוואָרן. אַלע פיר ווייבער וואַקסן אויס אויף דער שוועל און ווערן אויך אַנטציקט פון פאָלין. אין שלאָפצימער ליגן די קאָרטן פאַריתומט אויפן טישל, די שפּילערס שטייען אויף דער טיר, זיי באַטראַכטן פאָלין, ווי מען וואָלט זי זען צום ערשטן מאָל. און פאָלי שטייט נאָך אַלץ, ווי זי זאָל זאָגן דערמיט:

— קוקט, קוקט... אַזעלכע שיינע מיידלעך זעט מען זייער זעלטן.

ווען די אויגן הייבן זיך ענדלעך אָן אַראָפּצולאָזן, כאַפּט זי נאָך אַ מאָל אַ קוק אין שלמהס פאַרליבטע צוויי שוואַרצע אויגן און גייט דורך אין שלאָפצימער אריין. דאָרט טוט זי זיך נישט אויס. אַ פאַרשכורטע, מיט פאַרמאַכטע אויגן שטייט זי אָנגעשפּאַרט אין ניקלנעם ווענטל פון בעט און זאַפּט אין זיך איין דעם גאַנצן תענוג פון דער ערשט איבערגעלעבטער סצענע.

— זי איז אַ געטין... זי באַהערשט מענטשלעכע נשמות און געוועלטיקט איבער זיי...

מיט מונטערע טריט גייט זי צו צום וואַנטשפּיגל, באַטראַכט זיך אַליין, קוקט זיך איין אין יעדן מינדסטן שטריכעלע פון איר פּנים און טראַכט:

— יאָ, ס׳איז נישט קיין חלום... ס׳איז דאָ אין מיר אַזעלכס, וואָס קען אַראָפּפירן מענטשן פון זינען, יונג און אַלט, אָן אָן אונטערשייד... אפילו דער זיידע שלום — מיט וועלכע אויגן האָט ער מיר באַטראַכט! און אפרים־אהרון האָט זיי באַלד אַראָפּגעלאָזט — און יחיאל — און מנשה — און שלמה...

ביים דערמאָנען זיך אין שלמהס פאַנאַטישן קוק, נעמט זי דורך אַ שוידער. אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכט זי די אויגן און זעט זיין גע-

זיכט נאָענט, נאָענט. אין זיינע אויגן דערשפּירט זי אַזאַ געבעט... אַזוי פיל גרייטקייט אויף מסירות־נפש... זי עפנט די אויגן. פון זאַל דערטראָגט זיך זיין קול:

— תנן התם, איבן האָבן מיר געלערנט...

זי גיט אַ קלער: קיין מאַטעמאַטיק קען ער נישט. אָבי ער ווייסט: איבן האָבן מיר געלערנט... לייענען לייענט ער שיין, שפּילן שפּילט ער אויך שיין... דעם טאַטן נעפּעלט ער ביז גאָר... אָבער אַ כניאָק איז ער אויך אַ גרויסער... קוקט, קוקט... אַז ס'הייבט אָזש אָן צו שטעכן...

מיט אַ חנשוודיקן זשעסט וואַרפט זי אַראָפּ דאָס היטל, טוט אויס דאָס פּעלצל, שטעקט אָן אויף די פיס אויסגעניייטע שטיבשיכלעך, גייט צו צו די קאָרטנשפּילער און פרעגט מיט אַ קאָקעטיש שמיי־בעלע:

— ווער האַלט היינט די באַנק?

אין זאַל שאָקלט זיך אפרים־אהרון גלייך מיט אַלע, נאָר ער זעט נישט אַ וואָרט, וואָס אין דער גמרא טוט זיך. זיין פּאָטערהאַרץ איז שטאַרק געטראָפן. ער איז אין דעם אויפדערנאַכט פיל נייעס געוויר געוואָרן. דאָס האַרץ זאָגט אים נביאות, אַז דער קאַמף וועט זיין אַ שווערער, אַז נישט גרינג וועט אים אָנקומען, צו פאַרווישן די שפּורן פון יענעם פנימל אין זיין קינדס הערצעלע, כדי זיין גאַנצע האָרעוואַניע זאָל נישט אַריינפאַלן צו די באַנדערוקעס... צום אויפ־געקומענעם גביר...

*

אין חודש מאַרט האָט די מלוכה פאַראורטיילט די מאַסמיטלען, אַ דאַנק וועלכע ס'איז דורכגעפירט געוואָרן די „סאַמאָאַבלאָזשע־ניע", און די טויערן פון דעם גן־עדן האָבן זיך פאַר שלמהן ווידער פאַרמאַכט. צווישן יאַנין מיט שלמהן איז געווען אַ שטאַרקע ליבע. אָן רייד, אָן ווערטער, נאָר אַ מעכטיקע קראַפט האָט געצויגן די דאָזיקע צוויי נשמות איינע צו דער אַנדערער.

עפּעס איין מאָל זענען יאַני מיט לוי נאָטעס געשטאַנען אין גאַס. שלמה איז פאַרבייגעגאַנגען און יאַני האָט אים צוגערופן. ער האָט אים פאָטערלעך אָנגענומען ביי אַ האַנט, געפרעגט, וואָס מאַכט ער? — פאַר וואָס זעט מען אים נישט? — ער איז אים נאָך שולדיק צוויי „מאַטן" און וויל זיי אים אָפּגעבן. מען איז געשטאַנען און מען האָט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. עס איז צוגעגאַנגען דער זיידע שלום:

— יאַני, כאָטש ס'איז מיר איבער דער טבע, זיך ווענדן צו

אייך מיט אַ פרישער בקשה — ס'איז שוין דאָס ווײַפלטע מאָל, אַז איך אַנטלײַ בײַ אײַך געלט און האָב נאָך נישט אָנגעהויבן אָפּצו־געבן. סײַדן אפשר פאַר חגא, מען וועט אָנהייבן לייזן... ס'איז איצט אַזאַ קריטישע צײַט...

— ר' שלום, איר האָט דאָך נישט דאָס געוואָלט זאָגן... זאָגט, וואָס פעלט אײַך?

— איך דאַרף איצט זייער גייטיק האָבן אַכט הונדערט רובל, ממש דער חלף ליגט מיר אויפן האַלדז...

— גייט, וויט מוחל, אַראָפּ צו מיר און זאָגט אסתרן, אונטער מײַן מאַטראַץ ליגן צוועלף הונדערט רובל, וועט זי אײַך פון זיי געבן אַכט הונדערט.

— איז אפשר נישקשה, אַז איך זאָל נעמען אַלע צוועלף? ווי נאָר די קינדער וועלן קומען פון יאַריד... מיטן אייבערשטנס הילף...

— אַז איר דאַרפט אַזוי נייטיק, נעמט אַלע צוועלף... לאָזט איר דאָרט נאָר איבער אַ צוואַנציק, דרײַסיק רובל אויף אינדערפרי אין מאַרק אַרײַן, כדי זי זאָל נאָך דעם קיין טענות נישט האָבן. איר ווייסט דאָך די ווײַבער...

דער אַלטער שלום איז אַ צופרידענער אַוועק צו יאַנין און לוי נאָטעם פרעגט פאַרחידושט:

— יאַני, ס'איז, פאַרשטייט זיך, נישט מײַן עסק, נאָר ווי אַזוי גיט מען עס אַוועק פון דער שטוב דעם לעצטן גראָשן?

— איך ווייס, ווי אַזוי מען גיט אַוועק? איך ווייס אויך נישט.

— אַ סך קומט אײַך שוין בײַ זיין זיידן?

— אַ סך מער, ווי איך האָב נעכטן בײַ אײַך געליגן...

— וויפל זשע פאָרט?

— איך וויל נישט, אַז עס זאָל אָנקומען צו מײַן אסתרן... זי איז אַ ביסל... ווי זאָגט מען דאָס... זי האָט אַן אַנדער מיינונג וועגן געלטזאַכן...

— אָבער מיר זענען דאָך דאָ בלויז אייגענע מענטשן, ווער וועט איר גיין דערציילן? איך פרעג נישט סתם אין דער וועלט אַרײַן, איך פרעג מיט אַ כונה. איך וועל אײַך נאָך דעם זאָגן. וויפל זשע?

— ביז הײַנט איז מיר געקומען בײַ אים דרײַ טויזנט הונדערט רובל, איצט וועט שוין זיין פיר טויזנט דרײַ הונדערט רובל; אָט דאָס איז עס...

— קען איך אײַך זאָגן, יאַני, אַז איר זענט מאַקע עתיד ליתן את הדין... און אסתר איז נישט אומגערעכט... אַזאַ הון־רב לייט מען אַוועק אַ יידן, וואָס פאָרט אַרום מיט זיין גאַנצן „דאָברעמזל" אויף די יאַרידים, אונטער דער ביקס... ערשט יענע וואָך האָט מען

אויפן וועג פון איוואנקע קיין בוקי בארויבט אלע קרעמער... ביז איין פאדעם... נאך צעשלאגן אויך... ווייס איך נישט, ווי אזוי נעמט דאס א ייד, וואס האט אליין א ווייב און קינדער, און לייט אוועק אין אזעלכע הענט אזא קאפיטאל? מילא, דריי הונדערט רובל, פארשטיי איך נאך, זאל זיין פינף הונדערט... אן עק! זאל שוין זיין א טויזנטער... אבער פינף טויזנטער, וואס איז? איר האט דאס אויפן נאס אנגעשארט?

— איך וועל אייך זאגן דעם אמת, ר' לוי, עס קען בפירוש זיין, אז איר זענט גערעכט. איר מיינט, אז אליין פארשטיי איך דאס נישט? אבער ווי אזוי קען עס א פראסטער בשר־ודם מאכן אזעלכע ווייטע חשבונות? און מיטן אייגענעם לעבן איז דען א מענטש פארזיכערט? איך מאך דעם חשבון פון דער צווייטער זייט: אבער דאס איז בלתי ספק, אז באותה־שעת נייטיקט זיך ר' שלום אין געלט און ביי מיר ליגט געלט. ריכטיק צי ניין, נו איך קען אזא זאך נישט איבערטראגן... מען וועט חלילה אפרויבן? כאפט דאס דער רוח! מסתמא הייסט דער אייבערשטער אזוי און איך קען נישט אנדערש...

מיט טרערן אין די אויגן האט שלמה ארומגענומען יאנין:

— גוואלד, יאני, איר זענט גאר אליין אויף זיך קיין מבין נישט. ווען גאט פארמאגט א מנין אזעלכע יידן ווי איר, וואלט ער שוין זיכער אראפגעשיקט משיחן אויף דער וועלט.

שטארק, זייער שטארק, האט שלמה ליב געהאט יאנין, און יענער אים — נאך שטארקער...

קאפיטל XXXVIII

גאנץ כמעלניק, אפילו א קינד אין וויג, ווייסט, אז כמעלניקער יידן האבן א גרויסן חלק אין אמעריקע. אפשר פופציק כמעלניקער יידישע משפחות וווינען נאר אין ברוקלין אליין. זיי האבן שוין דארט אייגענע הייזער, גרויסע קלייטן, אייניקלעך און אור־אייניק־לעך. עס זענען שוין דא צווישן זיי אזעלכע, וואס געדענקען שוין כמעלניק קוים, קוים. און עס זענען שוין דא אזעלכע, וואס געדענ־קען עס גארנישט. נאר פון דעסט וועגן האט נישט איינס צום אנ־דערן. ביים פרעזידענט פון זייער שול איז א מנהג פון דור־דורות: חנוכה צום פינפטן ליכטל מאכן א באל פאר אלע כמעלניקער לאנדסלייט און קלויבן געלט אויף מעות־חטים פאר דעם פאר־וואגלטן כמעלניק. אויפן באל פלעגט מען אומבאדינגט קומען מיטן ווייב און מיט די דערוואקסענע קינדער, אזוי ווי, להבדיל, עולה־

רגל־זיין. נאָך אַ קליינעם ספּיטש פון דעם געערטן פּרעזידענט, וועלכער איז באַשטאַנען פון געציילטע ווערטער:

— געערטע לײדיס און דזשענטעלמען! וואָס איז אונדזער ליב־האַרציקן כמעלניק טוט זיך אָצינד אָפּ, איז אוממעגלעך צו באַמאָלן! די בייבים האָבן אפילו נישט קיין שאָקאָלאַד צו זעט און די לײדיס — קיין לייטישע מאַנטלען. אַלזאָ, ברידערלעך, וויפל גיט איר אויף מעות־חטים?

פלעגט ווערן געלט. אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָרט איז דאָ מנשה דער רב און אַז מנשה דעם רב קען מען פאַרטרויען: ער וועט פאַר זיך נישט צונעמען. עס פלעגן פליען אויפן טיש אַסיגנאַציעס צו פינף דאָלאַר, צו צען דאָלאַר און אפילו אויך צוואַנציקערס. איז טאַקע אויך יענעם ווינטער, אַ פּאָר וואָכן פאַר פסח, נאָך דער גוטער „סאַמאָאָבלאָזשעניע“, אָנגעקומען אויף מנשהס נאָמען דריי הונדערט אַכציק דאָלאַר. אָרעמעלייט האָבן פריִער אָפּגעעטעמט: ס'וועט כאָטש זיין מיט וואָס פסח אַריינצופירן, כאָטש אַ וואָך צייט אָפּעסן צו דער זעט.

ווען מנשה מיט די צוויי גבאים זענען געקומען אויף דער פּאָסט נאָך דעם געלט, האָט מען זיי געמאָלדן, אַז אויפן געלט ליגט אַן אַרעסט. פריִער דאַרפן זיי צושטעלן אין זעניגאַראָדקער „געפּעאו“ אַ צעטל פון די פּערזאָנען, וועלכע וועלן באַקומען פון דעם געלט...

דער סוף איז געווען, יעדער איינציקער האָט מורא געהאַט צו פיגורירן אַלס אַ נעמער פון אַמעריקאַנער נדבות און דאָס געלט האָט קיינער נישט אָפּגענומען פון דער פּאָסט. וואָס מיט דעם געלט איז געוואָרן, ווייסט מען נישט, נאָר כמעלניקער קבצנים האָבן געהאַט אַ הונגעריקן פסח.

דעם דאָנערשטיק, וואָס נאָך פּורים, האָט זיך געטון חושך ביי דער באָבע זעלדען אין שטוב. אַ גרויסער קונה האָט איר געגעבן אַ גאַנצן הונדערטער. אפשר אַ שעה צייט איז זי אַרומגעלאָפן צווישן די קלייטן, ביז זי האָט צונויפגעליגן אַ רעשט. דעם הונדערטער האָט זי באַהאַלטן אין איר רעטאָנדע, אין אַ זייטיק קעשענקעלע. אויף דער נאַכט האָט זי נאָך אַ מאָל געוואָלט אים באַטראַכטן, נאָר דאָס אָרט איז שוין געווען פאַרקילט. דער הונדערטער איז נעלם געוואָרן. זי האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד, אַז די גאַנצע גאַס איז זיך צונויפגעלאָפן. ברכה האָט אַזוי געחלשט, אַז מען האָט זי קוים דערמונטערט. דער זיידע איז געווען בלייך ווי די וואַנט. די באָבע האָט אַליין באַטאַפּט מיכאלן און יחיאלן, זיי נאַקעט אויסגעטון. עס האָט אָבער גאָרנישט געגעבן: נישטאָ און נישטאָ...

אויפן צווייטן דאָנערשטיק. אַן ערב־חגאַדיקער יאַריד. ערב פסח.

די גאַנצע וועלט איז פאַריאָגט, פאַרהושכט, יעדער קריכט פון דער הויט צו פאַרדינען אַ רובל, צו שטייער אויף יום־טוב־הוצאות. אין סאַמע געדראַנג, אין סאַמע ברען, ווען דער פויער פאַרקויפט זיך אויס זיינע קראָמען און לאָזט זיך צווישן די שטעלן עפּעס איינ־קויפן, איז שלמהן אויסגעקומען זיך דורכצוגיין איבערן מאַרק.

מיט אַ מאָל באַמערקט ער, ווי יאַקים דער באָד־שגץ טראָגט אַ זעקס־פודיקן זאַק מעל אין דער אונטערשטער גאַס אַריין און דער זיידע שלום גייט אים נאָך פון דער ווייטנס. שלמהן האָט די מעשה פאַראינטערעסירט און ער איז זיי אומבאַמערקט נאָכגעגאַנגען. לעבן אברהם דעם באָנדערס האַלב־איינגעפאַלענער שטאַל האָט אים דער זיידע אָפּגעשטעלט, געוויזן אים ווו אַוועקצושטעלן, און האָט איינגעדעקט דאָס זעקל מיט אַ רעדנע. דאַן האָט דער זיידע שלום אויפגעהאַנגען אַ שלעסל אויף דער טיר, עטלעכע מאָל גע־פּרוּווט, צי ס'איז גוט פאַרשלאָסן און אָנגעוויזן יאַקימען אויף דעם הימל: ווען ס'וועט נאַכט ווערן, הייסט עס, דאַרף ער אים ווידער האָבן.

שלמה האָט שוין נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם זיידן און נאָך מעריב פון ווייטנס געטשאַטעוועט נאָך זיינע פוסטריט. דער זיידע, זעט ער, איז אין דער פינצטער אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, זיך אַ ביסל געזאַמט דאָרטן און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט עטלעכע מאָל אומגעדולדיק דורכגעמאָסטן דאָס געסל אַהין און צוריק, פאַרשלאָסן דאָס קעמערל און איז אַוועקגעלאָפן אין באָד אַריין. שלמה — נאָך אים. יאַקים איז זיך, ווי גאָרנישט געווען, געשמאַק געשלאָפן. דער זיידע האָט אים לאַנג געטרייסלט, ביז ער האָט אים אויפגעטאָרעט, מיטגענומען מיט זיך און געבראַכט צום קעמערל. דאַן האָט ער זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט, אויפגעשלאָסן, אָנגעוויזן יאַקימען אויף צדוק דעם שוסטערס הינטערטיר און אים איבער־געלאָזט וואַרטן.

צדוק דער שוסטער איז אַ זעכציקער. אַ קליין דאַר יידעלע, אַ שוסטער בן שוסטער. אויף זיין לעבן האָט ער ביי קיינעם גאָרנישט גענומען, געלעבט נאָר פון דעם, וואָס ער האָט פאַרדינט אַליין מיט דער נאָדל און מיט דער דראַטווע. אויף זיין אייגנס פאַרמאָגט ער אַ קראַנק ווייב און אַ בלינדן זון, אַן אַלמן מיט דריי קינדערלעך. חוץ דעם וווינט מיט זיי דער ווייבס אַ שוועסטער, אַן אַלמנה, אויך מיט פיר קינדערלעך. די אַלמנה האַלט לעבן זיך צוויי יינגעלעך מיט אַ מיידעלע, יתומים, וועלכע זי האָט אין יאָר 1920 געטראָפן אין אַ דאָרף אָן עלטערן. אַרום און אַרום גייען ביי צדוק דעם שוסטער צום טיש אָן ערך פון פופצן פאַרשוין. אין שטעטל האָט מען שוין

לאנג געשמועסט, אַז אין יענער שטוב האָט מען נישט קיין שטיקל ברויט צו זעט. וויפל יאַני און אַנדערע באַלעבאַטים האָבן נישט געפּרוּווט אים עפּעס פאַרלייגן, איין מאָל — ניין, ער דאַרף נישט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז צדוק וועט גיכער שטאַרבן איידער לייען ביי עמעצן עפּעס. ווער שמועסט נאָך נעמען — גאָט באַהיט! אין אַרטעל אַריין איז ער נישט געגאַנגען: דאָרט אַרבעט מען אום שבת. קיין אַרבעט האָט ער נישט געהאַט — וועמען קריכט היינ־טיקע צייטן אין קאָפּ אַריין זיך נייען שיך? שטילערהייט איז מען אין יענעם הייזל געשטאָרבן פון הונגער.

שלמה רוקט זיך האַרט ביי דער וואַנט ווי אַ שאָטן. ס'איז סוף חודש, דער הימל איז פאַרכמאַרעט און ס'איז שטאָקפינצטער. דער זיידע, זעט ער, פאַרקוקט אין פענצטער צו צדוקן און טרעט אָפּ צוריק. דאַן נעמט ער אַראָפּ דעם רימען פון די הויזן, פאַרוואַרפט אים איבער אַ הויכן צווייג פון אַ בוים און הענגט זיך אויף אויף אים מיט ביידע הענט. שלמה שטייט ווי געפּלעפט, ער פאַרשטייט גאָרנישט פון דעם, וואָס דאָ טוט זיך. דער זיידע לאָזט אָפּ די הענט, צערייבט די דלאָניעס, ווישט אָפּ מיט דער קאַפּאָטע דעם שווייס און הענגט זיך ווידער אויף מיט ביידע הענט; ער הוידעט זיך און הוידעט זיך און פּלוצלינג דערהערט זיך אַ שוואַכער קנאַל: דער רימען האָט געפּלאַצט און דער זיידע פאַלט אַריין גלייך אין אַ קאַליוזשע. אָט דאָס אַ פּנים האָט ער געדאַרפט. ער כאַפּט ביידע האַלבע רימענס און קלאַפּט אָן אין צדוקס טיר. פּייל אויסן בויגן וואַקסט שלמה אויס הינטערן פענצטער. מען בעט דעם זיידן זיצן, ער זעצט זיך. ר' צדוק פרעגט אים עפּעס, דער זיידע ווייזט אים דעם צעריסענעם רימען. די הויזן פאַלן אים אַראָפּ, מען דאַרף פאַרריכטן. צדוק באַטראַכט דאָס אָרט, ווו עס האָט גע־פּלאַצט, חחושט זיך: גאָרנישט אויסגעריבן. דער זיידע חדושט זיך אויך, צענעמט די הענט. דער שוסטער עפנט אויף אַ שופלאָד, נעמט אַרויס אַ דראָטווע און הייבט זי אָן אַנרייבן מיט קאַניפאָליע. די שוועגערין פאַרריכט דעם קאַהאַניץ, שלעפּט אַרויס דאָס קנייטל און ר' צדוק הייבט אָן צו אַרבעטן מיט דער אָל. דער זיידע שמועסט אַ ביסל מיט דער אלמנה, אַ ביסל מיט ר' צדוקן.

עס זענען פאַריבער עטלעכע מינוט. דער זיידע קראַצט אַרויס פון דער קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיר, מעסט עס אָפּ מיטן אויג און בעט ביי דער אלמנה אַ גרעסער שטיקל. צונויפגעקוועטשט דאָס פּאַפּיר אין זשמעניע, גייט ער קרעכצנדיק אַרויס אין הייזל אַריין צו דער הינטערשטער טיר. שלמה באַוויזט קוים צו פאַרשווינדן הינטערן קעלער, ווי דער זיידע עפנט די הינטערטיר, וואַרפט אַוועק

דאָס פּאַפּיר, רייבט אוים אַ שוועבעלע און הייבט עס אויף העכער דעם קאָפּ. יאַקים דער באַדער־גוי האָט באַמערקט דעם סיגנאַל. דער זיידע רייבט אוים נאָך איינס און ווינקט יאַקימען: אהער, אהער!... מיט אַ פערדישער גבורה הייבט יאַקים אויף דעם שווערן זאַק מעל אויף די פּלייצעס און טראָגט אים צו צו צדוקס טיר. צולייגנדיק אַ פינגער צום מויל, ווייזט אים דער זיידע אַז אין אַ ווייטן ווינקל אויף אַ פּאַס. יאַקים לאָזט פּאַרזיכטיק אַראָפּ דעם זאַק, דער זיידע שטופּט אים פלינק אַרוים און פאַרשליסט הינטער אים די טיר. שלמה שפרינגט צו צו דעם שוואַך באַלויכטענעם פענצטער. דער זיידע, זעט ער, קומט אַריין פון הייזל אַ קרעכצנדיקער, וואַשט זיך די הענט, און זאָגט: אשר יצר...

דער רימען איז פאַרטיק. דער זיידע פרעגט: וויפל קומט? — צוואַנציק קאָפּיקעס, ענטפערט ר׳ צדוק. דער זיידע האָט אָבער נאָר דרייסיק, צוויי מטבעות צו פופצן קאָפּיקעס. זוכט מען אין אַלע שופלאָדן, אין אַלע קעשענעס — איין מאָל ניין, נישטאָ קיין רעשט. דער זיידע בעט זיך ביי אים: ער וועט אָפּנעמען, ער וועט נאָך דאַרפן פאַרריכטן... — ניין, בשום אופן נישט. דער שוסטער האָט נישט ליב שולדיק צו זיין. ענדלעך פאַלט מען אויף אַן המצאה. מען צעבייט אין הער פּושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס פופצן קאָפּיקעס און מען צעצאָלט זיך. די צדוקעכע בעט ר׳ שלומען טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס. ער זאָגט זיך נישט אָפּ. ער טרינקט אוים אַן ערדן טעפּעלע לעבלעכע וואַסער, מיט אַ שטיקל זיסן בוראַק, זיצט נאָך אַ ביסל, מען דערמאָנט אמאָליקע ערב פסחס און ר׳ שלום זאָגט אַ גוטע נאַכט.

אויף צומאָרגנס האָט געקלונגען דאָס גאַנצע שטעטל מיט דעם נייעס אַז צדוק דער שוסטער האָט געפונען ביי זיך אין הייזל, הינטער דער לייטער, אַ זאַק מעל, און פינף און זיבעציק רובל מזומנים האָבן געשטעקט צווישן די שטעך. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געוויגט מיט דער מעשה, מעשי־נסים! ר׳ צדוק אַליין איז ווי אַ משוגענער אַרומגעלאָפן איבערן גאַנצן שטעטל, יעדן איינציקן געפרעגט: אפשר ווייסט ער עפּעס מכח דעם? אפשר האָט ער עפּעס געהערט? נאָר קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט, קיינער האָט גאָרנישט געהערט. דאַן איז ער אַוועק צו מנשה דעם רב פרעגן אַ דין־תורה: צי דאַרף ער וואַרטן, ביז ס׳וועט זיך אָפּזוכן אַ בעל־הבית אויף דעם, צי מעג ער דערפון נהנה זיין און אַריינפירן פסח. ביי דעם דאָזיקן אויסטערלישן דין־תורה זענען געווען אַ סך שטאָט־בעלי־בתים, עס איז געווען אויך יאַני, שמעון דער שוחט, לוי נאָטעס, דער זיידע שלום, אפרים־אהרן און די

ייִנגלעך. מנשה האָט זיך מכלומרשט מיט אַלעמען געישובט. כּדי צו באַרויִקן דעם שוסטער, האָט ער אָנגעוואָרפן אַ פולן טיש מיט ספרים, געבלעטערט אַהער, געבלעטערט אַהין, און ענדלעך געזאָגט:

— עס קומט אויס, ר׳ צדוק, אַז ס׳איז מן השמים און איר מעגט נהנה זיין... ווען מען האָט געזען אין הימל, אַז איר ווילט נישט נעמען בידי אדם, האָט מען אייך אַראָפּגעשיקט גלייך פון „דאָרטן"...

דער אַלטער שלום האָט זיך נייגעריק נאָכגעפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס פּאַרט געשען, ר׳ צדוק?

— איר הערט דאָך, ר׳ שלום, ווען מיר האָבן זיך צעצאָלט פאַרן מלאכה־געלט און איר זענט אַוועק אַהיים, בין איך אַרויסגעגאַנגען אין הייזל, אַ קוק טון, צי די טיר איז פאַרשלאָסן. זע איך: יאָ, די טיר איז פאַרשלאָסן. האָב איך זיך געלייגט שלאָפן. אין דער פרי, איך גיי האָבן הכנות, איך זע עפּעס ביי דער שוועל שניי, אָבער אַז קיין שניי איז שוין גאָר לאַנג נישטאָ... טראַכט איך מיר — קרייד! אַז מיין ווייב אָבער האָט נישט געקויפט קיין קרייד — דאָס ווייס איך גוט. עס פעלט מיר נאָך עפּעס פאַר דעם שמירן די שטוב. נעם איך עטוואָס אויפן פינגער, און טו אַ לעק: מעל!... איך זוך שוין גאָך, און טרעף אָן אויף דער דייזשע פונעם באַרשטש אַ רעדנע. אונטער דער רעדנע — אַ זאַק מעל, און צווישן די שטעך אַריינגעשטעקט פופצן נייאינקע פינפערלעך. איז וואָס זשע זאָגט איר, ר׳ שלום? הייסט דאָס מן השמים, צי חלילה — כּשוף?... איך מיין אָקעגן נהנה זיין...

דער זיידע איז שטאַרק איבערראַשט פון דער מעשה, ער שאָקלט מיטן קאָפּ, סמאָקעט מיט די ליפּן:

— טאַקע חוץ מדרך הטבע... ס׳איז נאָך אַזעלכעס נישט גע־הערט געוואָרן... איז וואָס פרעגט איר, ר׳ צדוק? קענגן נהנה זיין? זאָגט דאָך אייך אַ רב, אַז עס איז מותר, הייסט עס מותר...

פון יענעם טאָג אָן האָט שלמה אָנגעהויבן קוקן אויף זיין זיידן מיט אַנדערע אויגן.

קאַפּיטל XXXIX

עס איז פאַריבער פרילינג, עס איז פאַריבער אַ שטיק זומער. פון די גאָלדענע „סאַמאָאָבלאָזשעניע"־נעכט איז אַריבער העבער אַ האַלב יאָר און שלמה האָט פאַלין פאַר דער גאַנצער צייט כּמעט נישט געזען. פון זייטיקע שמועסן, פון איינציקע ווערטער, וואָס כאַפּן זיך אַ מאָל אַרויס ביי זיין דינהן, ביי דינה כאַראַאָו, ביי

יחיאלן, ווייסט שלמה, אַז פֿאָלי לערנט אַ סך רוסיש, ענגליש, אַלץ ביי די בעסטע לערערס, און נאָך מער לייענט זי, טאָג און נאַכט. זי שלינגט איין אַ וועלט מיט ביכער. אַ בוקיניסט פֿון זוועניגאָראַדקע שטעלט איר צו די בעסטע ביכער. די גרעסטע אַנטיקן, פֿון פֿויגלמילך. שלמה זעט זי זייער זעלטן: די היצן זענען גרויס, גייט זי וויניק אַרויס אין גאַס. און ווען איז דען שלמה אין דער היים, אַז ער זאָל זי באַגעגענען? צו זיי גייט ער נישט. אַ מאָל פֿלעגט נאָך דער פֿאָטער אים אַראָפּשיקן מיט אַ שליחות, הײַנט נוצט ער זיך צו דעם צוועק מיט דינהן. שלמה, אַ ביסל פֿאַרשטייט ער דעם טעם, דאָס איבעריקע וויל ער נישט פֿאַרשטיין.

פֿון זונטיק ביז פֿרײַטיק איז ער איינגעשפּאַנט ווי אַ פֿערד אין אַקער, ער זעט נישט די ליכטיקע וועלט. איין שטיקל טרייסט — די ביכער. ווען נישט דאָס לייענען, וואָלט ער שוין לאַנג פֿון זינען אַראָפּ. און נאָך אַ שטיקל שטראַל האָט ער אין זיין לעבן — דעם רבין שמועיה. קיין מלמד איז ער שוין נישט. פֿאַרוואָרט! מען האָט אים נאָך געוואָלט איינזעצן אויך, נאָר ווען מען האָט אויף דער מיליץ דערזען, ווער דער פּראָפּאַגאַנדיסט־קאָנטררעוואָלוציאָנער איז, האָט מען אים באַלד געהייסן גיין אַהיים, נאָר פֿאַר איין וועגס אים שטרענג געוואָרנט: טאָמער טרעפֿט מען אים נאָך אַ מאָל לערנען מיט אַ קינד, איז ער פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק. לערנט ער שוין נישט... חוהלע אַרבעט שוין צוריק אין זוועניגאָראַדקע אין אַ פֿאָווידלע־זאַוואָד, חנה וואַשט וועש פֿאַר באַלעבאָסטעס און אַזוי שטופּט מען דורך די הוצאה. שלמה ברענגט זיין רבין יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש, אָדער געלט, אָדער אַ גאַנדז, אַז נישט איז אַ שאָק אייער, עטלעכע פֿונט פּוטער. דער רבי ווייסט גאָרנישט, ווי אים אָפּצודאַנקען, נאָר שלמה האָט קיין מאָל קיין צייט נישט אויסצוהערן זיינע דאַנקען און אַנטלויפֿט. טאָמער טרעפֿט אַ מאָל, אַז ער בלייבט גראָד נעכטיקן, דאַן לערנען זיי אָפּ אַ בלאַט גמרא. דער רבי איז זיך פּשוט מחיה און שלמה אויך. און אויף מאָרגן — ווידער יאַרידים, שטייערן, שאָדנס, קאָנקורענציע. אַ לעבן אָן אַ האָפֿענונג, אָן ליכט.

פֿאָלי דאַקעגן לעבט ווי אַ גרעפֿין. נישטאָ די זאַך, וואָס די עלטערן זאָלן איר אָפּזאָגן. דאָס טעלערל פֿונעם הימל איז אויך נישט צו שווער.

תשעה־באב נאָכן תענית, אַז יאַני האָט איבערגעכאַפּט דעם ערשטן הונגער, האָט ער מיט אַ פֿינגער צוגערופֿן זיין עלטערע טאָכטער, זיך אַ ווײַלע געשפּיגלט אין איר שיינענדיק פּנימל, אַ קוש געטון איןביידע אויגן און אין די ליפּן:

— ביסטו ביי מיר, הייסט עס, היינט אַן אימעניגנעצע... אפילו נישט אַזאַ פּאַסיקן טאָג האָטסו זיך צוגעקליבן, טאָכטער... אַ טאָג פון טרערן... פון קלאָג. נאָר דערפאַר אָבער האָף איך צו גאָט, אַז דיין לעבן, אם ירצה השם, וועט זיין אָן טרערן, אָן קלאָג. אויף דיין גאָלדן פּנימל שטייט אַזוי אָנגעשריבן... זאָג, וואָס זאָל איך דיר שענקן צו דיינע היינטיקע אימענינעס? זאָג, וואָס ווילסטו?

— איך ווייס נישט וואָס צו וועלן, טאַטע... וואָס דו פאַרשטייסט אַליין. איך פאַרלאָז זיך אויף דיין געשמאַק.

— אויף מיין געשמאַק ועסטו זיך פאַרלאָזן ביי ערנסטע זאַכן... ביי אַ חתן אויסקלייבן... אָבער ביי אַ מתנה דאַרפסטו אַליין זאָגן.

— נו, וואָס זאָל איך זאָגן? איך האָב אַלצדינג... פולע שאַפעס מיט קליידער, אַז איך ווייס נישט וועלכעס פריער אָנצוטון. און וווהין גיי איך דען? ביכער ברענגט מען מיר... וואָס נאָך? איי, זאָג דו!

— דו ווייסט, פּאָליטשקע, אין רוסלאַנד רעכנט מען, אַז אַ מענטש ווערט ערשט זעלבשטענדיק צו אַכצן יאָר, אין אויסלאַנד — צו זעכצן... און די גמרא זאָגט, אַז אַ פרויענצימער איז צו צוועלף יאָר שוין אַ פרוי... אַ כלה־מיידל. און דו ביסט שוין היינט געוואָרן ביי מיר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, גאַנצע זעכצן! דו ביסט שוין נישט קיין קליין מיידעלע, נאָר אַ גרויסע מויד...

אסתר לאַכט:

— וועסט שוין באַלד זאָגן, אַן אַלטע מויד... נאָך נישט?

— טע־טע־טע, אַן אַלטע... קיין אַלטע נאָך נישט, אָבער קיין קליין מיידעלע אויך נישט... סאַמע גוט... פּונקט צום סעזאָן... שאַ, זאָג מיר, אסתר, וויפל ביסטו דען אַלט געוועזן, ווען כ'האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען? פיל מער אפשר?

אסתר איז אויפגעוועקט פון פאַרגעניגן:

— ס'אַ משל... אַריינגעפאָרן מיטן דישל אין דער טאָפּליע... איך בין שוין האַמאָלסט אַלט געווען זיבעצן יאָר מיט אַ סמיק...

— נו, וואָס איז דען דער חילוק? זעכצן, זיבעצן, ס'איז אַלץ איינס. דערפאַר אָבער, אסתר, האָסטו גענומען אַ פּראָסט יינגל, אַן עם־הארץ, און אונדזער פּאָליטשקע וועט שוין נעמען אַ געלערנטן, אַ תלמיד־חכם...

דערזעענדיק, אַז פּאָלין איז דער שמועס נישט צום האַרצן, גייט יאַני אַריבער אין אַ וויצלענדיקן טאָן:

— מילא, בקיצור, דער טייך ברענט נישט, ס'איז נאָך דאָ געצייט... איז וואָס זשע בלייבט עס, פּאָלי? דו בעטסט עפּעס,

צי זאָל איך דיר קויפן פשוט עטלעכע קוקלעס אין קאָלירטע העמדע־לעך?

פאָלי איז צוריק לוסטיקער געוואָרן. זי זעצט זיך אוועק ביים פאַטער אויף די קני, קושט אים אויס דאָס גאַנצע פּנים און מאַכט אַ נעבעכדיקע מינע:

— און אַז כ׳וועל בעטן, וועסטו מיר דען צוליב טון?

— עד חצי המלכות. וואָס דו וועסט בעטן, וועסטו פועלן.

— וואָס איך וועל בעטן? חזר נאָך אַ מאָל איבער...

— וואָס דו וועסט בעטן. סיידן כ׳וויים? דעם מלאך מט״ט דיר אַראָפּברענגען, צי איך וויים וועמען נאָך?

— ווער דאַרף מלאכים? דו ווייסט דאָך, אַז איך האַלט נישט שטאַרק פון קיין מלאכים. איך וויל בעטן גאָר עפּעס אַנדערש. חוץ איין טאָג מיט דיר אין אומאַן. און דאָס ווינטן אין זוועניגאָ־ראָדקע — בין איך נאָך אין מיין לעבן אין ערגעץ נישט געוועזן. ווייסטו, וואָס מיר גלוסט זיך? דינג אַ פאַעטאָן און איך מיט אוראַמען וועלן זיך דורכפאָרן אויף אַכט אָדער צען טעג איבער שטעט און שטעטלעך. שלאָפן וועלן מיר אין די האָטעלן אָדער פשוט אין די איינפאָרהייזער. עסן וועלן מיר אין וועג, דאָס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט. שלמה אפרים־אהרונס האָט אַ מאָל דער־ציילט, אַז זומער אין פעלד אָדער אין וואַלד איז זייער אינטערע־סאַנט! ווילט זיך מיר אויך פּאַרזוכן, גוט?

יאַני נעמט זי אַרום און קושט זי שטאַרק:

— פריער מיט אַ מינוט האָב איך נאָך געקלערט, זיך אַ ישוב טון: עפּעס אַפּשיקן קינדער אַליין אין אַזאַ וועג. נאָר קוים האָט שלמה אפרים־אהרונס געזאָגט, אַז ס׳איז אינטערעסאַנט, גיב איך זיך אונטער. אָפּגערעדט, איר פאָרט!... אם ירצה השם זונטיק פאָרט איר אַרויס. מאָרגן דינג איך דעם פאַעטאָן. אסתר! מען דאַרף צוגרייטן די קינדער אין וועג אַריין... וואָס פאַרקרומסטו זיך, וואָס? עלעהיי, אַ קינד ווערט אַ כלה און פאָרט צו די מחותנים צו גאַסט. מען דאַרף זיך ביסלעכווייז צוגעוווינען. דו פאָרסט, מיידעלע מיינס, פאָרסט! קוים איז דאָס שלמה אפרים־אהרונס געפעלן, איז נישטאָ וואָס צו רעדן, פאָרסטו!... אם ירצה השם זונטיק אין אַ גוטער שעה.

ביים עסן ווערט אויסגעאַרבעט אַ מאַרשרוט פאַר זייער רייזע: טאַלנע, איוואַנקע, מאַנקיווקע, אומאַן. דאָרט ביי יאַנים עקספּעדי־טאָר האַלטן זיי אכסניה פינף, זעקס טעג, באַקוקן די שטאָט, די סאָפיעווקע*, באַזוכן טעאַטערס, באַזאָרגן זיך מיט פּראָוויאַנט,

* סאָפיעווקע — אַ באַרימטער גרויסער פּאַרק אין אומאַן.

דער פּאַעטאָן וואַרט אויף זיי די גאַנצע צייט און זיי פֿאָרן צוריק דורך: מאַנאַסטערישטשע, באַסלאָוו, שפּאָלע און זוועניגאָראָדקע.

אַז יחיאל איז געוויר געוואָרן פֿון פֿאַלים נסיעה, האָט ער איינגעלייגט די וועלט, נאָר מען זאָל אים שיקן קיין אומאַן נאָך סחורה ווי מעג מען דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט? קיין אומאַן — אָן אַ גראָשן הוצאות? און פֿון דאָרט וועט ער שוין קומען מיטן צוג. ער האָט אויפגעהערט צו עסן, אויפגעהערט רעדן צו יעדן, זיך אַריינגעוואָרפֿן אין בעט אַריין — און שוין!... אויב מען טוט אים נישט צו ליב, וויל ער נישט לעבן. וועט ער שוין אָט דאָ שטאַרבן. די באָבע האָט זיך געשטעלט אויף זיין צד און ער האָט טאַקע אויסגעפֿירט.

ווי אַ פֿאַרסמטע מויז האָט זיך דער זיידע שלום אַרומגעיאָגט איבער דער שטאָט נאָך גמילות־חסדים. מען דאַרף אַ גרעסערע סומע. אומאַן איז נישט זווענגאָראָדקע. אַהין פֿאָרט מען נישט אַלע מאָל.

דורך אַ געדיכטן פּלויט, הינטער חיים דעם שניידערס שטוב, האָט שלמה מיט אַ בלוטנדיקן האַרץ צוגעקוקט, ווי זיי זעגנען אָפּגעפֿאָרן. צום פּאַעטאָן זענען שוין געווען צוגעבונדן צוויי היפּשע טשעמאָדאַנעס און אַ דיקטן קעסטל. פֿון די פֿאַרשווינען איז נאָך קיינער נישט געזעסן. ענדלעך האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און פֿאַלי איז אַרויס די ערשטע. איר פּנים שיינט פֿאַר גליק, ממש זי פֿאַרשיינט די גאַס. זי טראָגט נישט־פֿאַרשפּיליעטערהייט אַ ברוינעם זיידענעם זומערמאַנטל. אין איין האַנט אַ שיינעם שטרויענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן, אין דער צווייטער — אַ בוך. די האָר פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּ, וואָס שפּיגלען אָפּ מיט גינגאָלד קעגן דער מילדער זון. איין צאָפּ אויף דער פּלייצע, דער צווייטער אַריבערגעוואָרפֿן פֿון פֿאָרנט אויף די הויכע ברוסטן. יחיאל, און אַ ניי היטל און אין אַ געבאָרגטן מאַנטל, טראָגט פֿאַלים פּאָרטפּעל און העלפֿט איר גאַלאַנט זיך זעצן אין פּאַעטאָן. אוראַם מיט צוויי זאַנטיקלעך און מיט אַ נאַכטקישעלע פֿאַרנעמט פּלאַץ פֿון דער צווייטער זייט. פֿאַלי זיצט אין דער מיט און זעט אויס ווי אַ בת־מלכה. די עלטערן יאָגן אונטער דעם פֿורמאַן, ער זאָל שוין גיכער אָפּפֿאָרן: ווי ציטערן פֿאַר איין עין־הרע. פֿון אַלע טירן און פֿענצטער קוקן צו הונדערטער אויגן מיט קנאה צו דעם נישט געזעענעם וווילטאָג: שיקן קינדער מיט אַ ספּעציעלן פּאַעטאָן אויסקוקן אַ וועלט... שלמהן טונקלט אין די אויגן, ווען ער באַמערקט, אַז דער פּאָרטפּעל, וואָס יחיאל האָט געטראָגן, ליגט האַלב אויף פֿאַ־

לים קני און האלב אויף יחיאלס. ער דערמאָנט זיך אין זיין וואַכנ־דיקן חלום מיטן בעל־שם־טוב און פילט, אַז פון דאַמאָלסט אָן איז ער שטאַרק טמא געוואָרן, זיין נשמה האָט ער באַשמוצט מיט שלעכטע געדאַנקען, מיט קנאה, מיט שנאה. ער פרעגט זיך אין געדאַנק:

— ווי קלערסטו, איצט אַ שטייגער, און דיין איצטיקן צושטאַנד וואָלט אויך דיין הייליקער זיידע געגאַנגען בעטן פאַר דיר?

און ער ענטפערט זיך אַליין מיט אַ טיפן וויי־טיק:

— ניין, זיכער נישט. אָבער וואָס בין איך שולדיק, אַז כ׳האָב זי אַזוי האַרציק ליב... רבש״ע, זיי מיר מוחל... הנשמה לך והגוף שלך... קוק, ווי שווער מיר איז... דו זעסט דאָך אַלץ...

אַנשטאָט דעם פאַטעטאָן איז איצט פאַר יאַנים שטוב געשטאַנען אַ זייל שטויב און עס האָבן געשטאַכן די אויגן פרישע פאַסן אין זאַמד. שלמה הייבט זיך אויף פון זיין באַהעלטעניש ווי פון קינות, גלייכט זיך אויס די ביינער און דרייט זיך צופעליק אויס:

האַרט לעבן פאַרקן פון קלויסטער־גאָרטן שטייט מנשה און נעמט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ. אינסטינקטיוו דערפילט שלמה, אַז מנשה ווייסט אַלץ, אַז מנשה האָט אים באַמערקט פון אָנהייב אָן. ער דערפילט אַ פרישן שטאָך אין דער לינקער זייט און אַנטלויפט ווי אַ פאַרסמטע מויז.

עטלעכע טעג מיידט ער אויס זיך צו באַגעגענען מיט מנשהן. וויינט פון שלאָף. רעדט נישט צו קיינעם.

קאַפּיטל XL

עס זענען פאַריבער ימים־נוראים. ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער. אַ פוילער ווינטער, נאָר אַ בייזער. בלייענע הימלען, שטענדיקע ווינטן, מערסטן טייל טרוקענע. אָן שניי זענען די פרעסט נאָך מער אכזריותדיק, האַלטן נאָך לענגער. די מסחרים זענען געגאַנגען זייער שוואַך. שלמה מיטן פאָטער האָבןביידע געהאָרעוועט ווי די אָקסן און פון דעסט וועגן, אָן הלוואות האָט מען נישט געקענט אויסקומען. די קראַם האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל זיין פון אַלע־מען: פון דעם מין, פון יענעם מין, פון אַלע מינים. און כדי צו האָבן פון אַלע מינים, דאַרף מען האָבן געלט און קיין געלט איז נישטאָ. וואָס דען? יאַני!... נאָך אַ מאָל יאַני און ווידער אַ מאָל יאַני. אָבער וויפל איז דער שיעור? ער איז דאָך נישט קיין מעלקנדיקע קו. יענער אָבער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט. שטענדיק געגעבן, וויפל מען האָט נאָר געבעטן. דעם אַלטן שלומען איז גוט. אפרים־אהרונען איז נאָך בעסער. איין טאָג האָט מען אים אָפּגעטראָגן פינף

הונדערט רובל, אויפן צווייטן האָט מען צוריק געבראַנגט טויזנט. און אַזוי כסדר.

אין איינעם אַ טאָג האָט אפרים־אהרון געמאַכט אַ גרויסן פּדיון, צונויפגעמאָנט חובֿעלעך און צוזאַמענגעשטעלט גאַנצע פיר הונ־דערט רובל. מורא האָבנדיק אַרומצוטראָגן דאָס געלט ביי זיך, מחמת עס זאָל זיך נישט אָפּזוכן קיין „לאַך" אויף דעם, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— שלמה, זונעניו, טראָג אַראָפּ די פיר הונדערטער צו יאַנין, וועט אים שוין קומען נאָר ניין הונדערט רובל. און ווק! לאָמיך אַ מאָל דערגיין צו אַ ברעג! אַט די חובֿות האָבן מיך שוין גרוי און אַלט געמאַכט. כ'האָב שוין נישט קיין כוח שולדיק צו זיין!

מיט אַ ציטערנדיק האַרץ האָט שלמה אַריבערגעטראָטן די שוועל פון יאַנים הינטערשטער טיר. ער האָט גוט אַרומגעווישט די שטיוול און אָפּגעווישט דעם אַרויסגעטרעטענעם שווייס פון פּנים. עס איז פאַריבער כמעט אַ יאָר, אַז ער האָט נישט באַזוכט זייער שטוב. און נישט פיל וויניקער, זינט ער האָט אויסגערעדט מיט פּאַלין אַ וואָרט. אין קיך איז קיינער נישט געווען און ער איז אַריינגעקור־מען אין זאַל אַריין. אַלץ איז ווי געווען, ווי ער וואָלט ערשט האָבן אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן. די סאָפע אויפן זעלבן פּלאַץ, און דאָס סאַמאָוואַר־טישל, אַפילו די גרינע טאַבורעטקע הינטער דער טיר — אַלץ, אַלץ. און אויפן ענגער איר פאַראַיאָרעדיק רויט פּעלצל. דער קאַלנער — אַזוי ווי ניי, ער טראָגט זיך גאַרנישט אָפּ. און דער זייגער פונקט ווי פאַר אַ יאָרן, נאָר די צעראַטע אויפן טיש קענ־טיק אָפּגעבליאַקעוועט. די רויטע רויזן אויף איר — כמעט ווייס געוואָרן. פון די גרינע צווייגעלעך קיין סימן נישט געבליבן. פאָרט אַ יאָר... אַ יאָר איז אַ היפּשער זמן... פאַר אַ יאָר וואַקסט מען אַ מאָל פיל אויס. נאָר ווו זשע זענען די מענטשן? ניט שוין זשע האָט מען געלאָזט די שטוב הפקר? אים דאַכט זיך, אַז אין שלאָפ־צימער האָט עפּעס אַ שאָרך געטון. ער עפנט די טיר.

נאַקעט, צעדעקט, אַ פוס אויף אַ פוס — ליגט פּאָלי מיט אַ ביכל אין האַנט. די האָר צעשאָטן אויפן קישן, די בלויזיידענע קאָלדרע אַראָפּגעשטופּט צופוסנס, די הענט פאַרפלאָכטן אונטערן קאָפּ און אירע גרויסע, טיפע, הימלבלויע אויגן אָנגעצילט גלייך אויף אים. שלמה בלייבט שטיין פאַרשטאַרט. ער שטייט אָנגע־שפּאַרט אין דער טיר, זיינע אויגן אין אירע אויגן, און ער קוקט. ער זעט אַפילו נישט איר נאַקעטן ווייס־ראָזן קערפּער, וועלכן זי כאַפּט זיך נישט צוצודעקן. ער זעט נישט אירע יונגע פולע ברוסטן, וועלכע באַוועגן זיך האַסטיק. ניין, דאָס אַלץ זעט ער

נישט. זיינע ברענענדיקע בליקן זענען פעסט צוגעשמידט צו אירע, זייערע אויגן זענען ווי צונויפגעוואַקסן געוואָרן. די עטלעכע סעקונדן האָבן געדויערט אַן אייביקייט. פּלוצלינג האָט אַ קראַ אַריבערגעטאַנצט פון אַ צווייג אויפן פענצטער אַרויף. פּאַלי האָט אַ צאַפּל געטון און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער קאָלדרע. שלמה האָט אַ ציטער געטון מיט אַלע אברים, פאַרקלאַפּט דאָס טירל און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

דער פּראַקטיקער ווינט האָט אים מכבד געווען מיט אַ הויפן שניי אין פּנים אַריין. דער שניי האָט זיך אָפּגעבריט, דאָס פּנים האָט געפלאַמט ווי אַ העליש פייער. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. די שלייפן האָבן האַסטיק געקלאַפּט — אַזאַ זאַך! אַזאַ זאַך! דער עיקר, פאַר וואָס איז ער באַלד נישט אַנטלאָפן? וואָס הייסט, ער בלייבט שטיין? וואָס הייסט, ער איז גאָר אַריינגעקומען אומגעפרעגט אין אַ שלאָפצימער? כאָטש ווידער צוריק, ווער האָט זיך געקענט ריכטן דערויף, אַז יענע וועט זיך וואַלגערן אַ נאַקעטע אין בעט נאָך האַלבן טאָג? אָבער פון דעסט וועגן, אין אַ פרעמדער שטוב דאַרף מען זיך אויף אַלץ ריכטן. איצט, אַ שטייגער, וואָס קער זי שוין קלערן וועגן אים? זי קלערט אפשר, אַז דאָס האָט ער בכיון אויסגעשפּירט אַ מאָמענט, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב, כדי זי טרעפן אַליין אין בעט. אַזאַ מעשה! אַזאַ מעשה! גיי, זיי אַ נביא, וואָס מיט אַ מענטשן קען פּאַסירן! איצט, וואָס זי זאָל נישט טראַכטן וועגן אים, האָט זי רעכט. נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט — וואָס זי וויל, מעג זי קלערן. וואָס איז ער, אַ קינד? אַ בחור, דאָס אכצנטע יאָר... בלייבן שטיין לעבן אַ נאַקעט מיידל און נישט אַראָפּנעמען פון איר קיין אויג? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? כאָטש צוריקגעשמועסט, פאַר וואָס האָט זי נישט קיין געשריי געטון: מען טאָר נישט! פאַר וואָס האָט זי זיך נישט צוגעדעקט? וואָס, איז ער טאַקע פון אייזן? איז ער דען נישט פון בלוט מיט פלייש גלייך מיט יעדן? אַ מיידל, וועלכע מען טראָגט אַרום אין האַרצן פון קינדווייז אָן, וועמענס בילד עס טרעט נישט אָפּ פון זיינע אויגן וואַכנדיק און שלאָפנדיק, און פּלוצלינג ליגט זי פאַר אים אַדם-נאַקעט פון קאָפּ ביז די פיס — ווער קען טאַקע ביישטיין אַזאַ נסיון און צומאַכן די אויגן? דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר יוסף הצדיק, אָבער ער, וואָס איז ער? אַ זינדיק בחורל, וואָס דער קאָפּ איז אים ביי אַ מיידל פון אויפשטיין ביזן לייגן זיך. פון וועמען קען מען דאָ מאָנען שטאַרקקייט?

ער לויפט אַריין אין פוסטן בית-מדרש, פאַררינגלט הינטער זיך די

טיר, וואַרפט אַריין דעם קאָפּ אין ארון־קודש אַריין און טרייסלט זיך פון געוויין:

— רבש״ע! וואָס האָסטו צו מיר? יעדער מענטשנס טריט איז דאָך פון דיר אָנגעצייכנט. נאָך וואָס ווייזסטו מיר נאָך אַזעלכע בילדער? ס׳איז מיר קאַרג אַזוי? קוק, צו וואָס דו ברענגסט מיך. פאַר וואָס? פאַר ווען?

ער וויינט לאַנג, זיינע ליפּן פליסטערן תפילות, אייגנע רירנדיקער פון דער צוווייטער. ער זאָגט שלש־עשרה־מדות און פאַלט אַריין אין הושענות. ער הייבט אָן „נשמת״ און לאָזט אויס מיט „ידיד נפש״. זיינע אייגענע געפילן לייטערן זיך אויס אין ים פון השתפכות־הנפש און ער פאַרגעסט אין גאַנצן, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

אין אַ צייט אַרום וועקט אים אויף אַ באַקאַנטער גערודער. קולות פון עטלעכע מענטשן מיט אַ מאָל, דערטראָגן זיך צו אים פון דער גאַס. ער נעמט אַרויס דעם קאָפּ פונעם ארון־קודש. אין ערשטן מאָמענט זעט ער גאָרנישט. עס דרייט זיך אונטער אים דער פּאָל, די שטענדערס. ער כאַפּט זיך אָן אין עמוד, כדי ער זאָל נישט אומפאַלן. ביסלעכווייז קומט ער צו זיך. ער זעט, ווי פון באַרג גייען אַראָפּ עטלעכע יידן און טענהן עפּעס אויפן קול. שוין צו מנחה — לויפט אים דורך אַ געדאַנק. ער לויפט אַראָפּ פון די טרעפּלעך, ריגלט אויף די טיר און לויפט אַרויס דורך דער ווייבערשער שול גלייך צו דער געגנעראַלשעם גאָרטן. דאָרט איז אַלץ ווייס, די גאַנצע געגנט, די ביימער, דער פּלויט, אַלץ איז איינגעהילט אין תכריכים. דער הימל איז שניידנדיק־לויטער, די זון גליטשט זיך אַראָפּ אַ פלאַמענדיקע, דער פראָסט נעמט אויף דאָס ניי.

שפּעט אין אָוונט קערט שלמה אום זיין פאָטער די פיר הונדער־טערם:

— דו וועסט זיי אָפּשיקן מאָרגן, ס׳איז געווען פאַרשלאָסן די שטוב.

— פאַרשלאָסן?

— יאָ, אויף אַ שלאָס...

— האָסטו דאָך געקענט אַריינגיין אין מיל אַריין!

— בין איך בשעת־מעשה אויף דעם שכל נישט געפאַלן...

דער פאָטער קוקט פאַרדעכטיק אָן דעם זון און פרעגט מער גאָר־נישט.

אויף צומאָרגנס האָט דינה אָפּגעטראָגן דאָס געלט און געטראָפן אַלע ביים מיטאָג:

— יאַני, דער טאַטע האָט אייך אָפּגעשיקט פיר הונדערט רובל,

בלייבט נאָך ניין הונדערט. ווען ער וועט קומען פונעם יאריד, וועט ער אייך נאָך געבן. בכלל האָט ער מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז היינ־טיקע וואָך, אם ירצה השם, וועט ער אייך העקן דעם גאַנצן חוב.

— ווייס איך, דו מעגסט אים זאָגן, אַז ס'איז נישט אַזוי דרינ־גענדיק. נעכטן האָב איך פּונקט געדאַרפט געלט און היינט שוין נישט... זאָג אים, אַז כ'קען זיך שוין באַגיין.

— וואָס רעדט איר? נעכטן האָט איר געדאַרפט? דאָס געלט האָט דאָך אייך שלמה נאָך נעכטן געטראָגן אָפּצוגעבן, נאָר די שטוב איז געווען פאַרשלאָסן.

— מ י י ן שטוב פאַרשלאָסן? חו האָסט געמוזט זיך שלעכט צוהערן. מיין שטוב פאַרשליסט זיך נישט, ס'איז אפילו נישטאָ ביי וואָס...

פאָלי איז געוואָרן פאַרנומען מיט סמאָקען אַ ביינדל. זי האָט גע־טראַכט:

— וואָס האָט נעכטן שלמה וועגן איר געטראַכט? אינטערע־סאַנט, מיט וואָס פאַר אַ מיינונג איז ער אַוועק פון דאַנען? אַז כ'בין אַן אויסגעלאַסענע? אַז איך דערלויב צו קוקן אויף זיך אַ נאַקעטע? אָך, ווען איך קען אים דאָס פרעגן... אָבער אַז מען זעט אים גאַרנישט... אַז ער ווייזט זיך אפילו נישט פאַר די אויגן...

נאָכן עסן האָט זי פאַרנומען דינהן אין שלאָפצימער, געשמועסט פון דעם און פון יענעם און אגב אורחא זיך ביי איר אויסגעפרעגט וועגן שלמהן: וואָס טוט ער די לעצטע צייט? צי לייענט ער נאָך אַזוי פיל ווי פאַר אַ יאָרן? און וואָס לייענט ער? פאַר וואָס זעט מען אים קיין מאָל נישט אין קינאָ? דער פאָטער קען זיך אויף דער נאַכט אויך נישט באַגיין אָן אים? און ביי זיי הענגט נאָך דאָס פידעלע פון „דאַמאָלסט", עס בענקט נאָך שלמהן. און אַוואָס שפּילט שוין גוט אין שאָך, אפילו דעם טאַטן „מאַטעוועט" ער. אָבער זי — איין מאָל ניין, עס גייט ביי איר נישט, כאָטש צרייס זיך. באַלד פון אָנהייב נעמט מען ביי איר אַראָפּ די קעניגין און היידאַ — שלאָפן...

אַרויסגייענדיק פון די טולטשינסקים האָט דינה דערפילט אַ צוואַנג אויף דער נשמה. קיין פּרטים האָט זי נישט געוווסט, נאָר געפילט האָט זי, אַז איר געטרייער ברודער לעבט עפּעס איבער, ליידט אין דער שטיל.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, פאָרנדיק אויף אַ יאַריד, אין אַ שטאַרקן פראָסט, איז שלמה געזעסן איינגעוויקלט אין זיבעצן שמאַטעס און אונטערגעהערט אַ שמועס פון צוויי קרעמערינס: ראַצי די קור־נאָסע און האָדל די טענדלערקע.

— הערט איר, האָדל, נישט אומזיסט שרייען אונדז נאָך די שקצימלעך: „זשיד סאָבאַקאַ“. זיי זענען אַ ביסל גערעכט אויך.

— פאַר וואָס זשע זענען זיי גערעכט, לאָמיך וויסן?

— ווייל זיי זענען גערעכט... וואָס דען, מיר לעבן ווי מענטשן, לעבן מיר? אַ פאַרשאָלטן הינטיש לעבן לעבן מיר.

— וואָס זשע קען מען העלפן, אַז אונדזער פּינטעלע מזל שפּילט אַזוי?

— איז גאָרנישט. איז טאַקע ווייסט און ביטער. אַז אָך און וויי איז צו מיינע יאָרן!... נעכטן האָב איך געלייזט צוויי און צוואַנציק קאָרבן. אויף פורגעלט נישט אויסגעשלאָגן. האַכט זיך, אַ שבועה געגעבן: מער נישט... און היינט העצקע איך זיך ווידער. ווי אַ מאַגנעט... עס לאָזט נישט שלאָפן! ווי עמעצער וואָלט מיך געוועקט: ראַצי, שטיי אויף, עס פאָרן שוין פורן! וויי איז צו מיינע יאָרן...

— וואָס זשע קען מען העלפן, ראַצי־לעבן? מזל איז עפּעס אַ זאַך, וואָס מען נעמט זיך אַליין? אודאי, אודאי איז נישט גוט זיך אַרומצושלעפּן... נאָך אויף דער עלטער... נאָר ווען איז היינט גוט? ס'איז היינט ביי יעדן איינציקן פּלאַטשיק.

— וואָס רעדט איר זיך איין, ביי יעדן? אַנומלטן האָב איך עפּעס גערדאַרפט צו דער אַלטער שאַיעכע, איז זי נישט געווען אין שטוב, זי איז געווען ביי אסתר דעם באַנדערס, בין איך אַריינגעגאַנגען אַהין... גאָט מיינער!... מילא, ביי מיינע קינדער גלייב איך שוין נישט. כאָטש ביי מיינע אייניקלעך. כאָטש האַלב. מאַמע מיינע!... טאַקע אַ פולער בעכער...

— זאָל זיי גאָט העלפן! יאַני איז אַ לייטישער מענטש און אַ גרויסער גביר. אָן זיין שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן, כאָטש אַ צענטל.

— איר הערט דאָך, עס דערציילט מיר די שאַיעכע, אַז דאָס מיידל זייערס, עס וואַקסט דאָך ביי זיי אַזוינס, וואָס איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. כ'האָב נאָך אַזאַ פּרינצעסין נישט געזען... אַזעלכע איז גאָרנישט שכיח בײַ קיין יידן!... — דערציילט זי מיר, די שאַיעכע, אַז דאָס מיידל זייערס האָט איינגעלייגט די וועלט, היינטיקן פאַר יומטובים, זי וויל נאָר פאָרן קיין קיעוו, זיך לערנען. אין כמעלניק איז שוין פאַר איר צו ווייניק תורה פאַראַן. דער פאַטער האָט קוים ביי איר געפּועלט, אַז זי זאָל צווואַרטן נאָך אַ יאָר. אָן עבירה, אַזוי פרי אַנצוווערן דער מאַמעס לאַסקע, זי וועט נאָך פאַרכאַפּן די מציאה, זיך מוטשען אַליין מיטן פרימוס, צי איך וויים מיט וואָס נאָך.

— איר ווייסט, וואָס איר רעדט, ראַצי־לעבן ? אַזאַ גבירנטע וועט זיך דאַרטן מוזן שוואַרצן די הענט ביים פּרימוס ? וואָס רעדט איר, וואָס ? יאַני וועט זיכער פאָרן מיט איר, איר קויפן אָדער דינגען דאָרט אַ צימער מיט אַלעם גרייטן. זי איז עפּעס אַ מיידל, וואָס וועט זיין געהיט מיט אַ ביסן צי וואָס ? קאַרג רעסטאָראַציעס זע־נען דאָ אין קיעוו ?

— אודאי זענט איר גערעכט : ווען מען עס לעבט זיך דאָ גוט, לעבט זיך דאָרט אויך נישט שלעכט. ווער עס האָט עולם הזה, האַנדלט זיך איין אויך עולם הבא, און ווער עס ווערט דאָ פאַר־שוואַרצט, לעקט „דאָרט" אויך נישט קיין האָניק. די גאַנצע וועלט איז איינס. נו מחיכא־תתי, זאָל ער שיקן... אַז ער פאַרמאָגט, פאַר וואָס נישט ? ווער דען זאָל שוין שיקן ?

פאַר שלמהן איז די ידיעה אַ טויטקלאַפּ. ער וויקלט זיך שטייפער איין אין די צעריסענע שמאַטעס, פאַרקוועטשט די אויגן :

— זייט געזונט, גאָלדענע חלומות... מיט גאָרנישט האָט איר זיך אויסגעלאָזט. ציון, אומגליקלעכע מוטער מיינע. איך וועל שוין מוזן קומען צו דיר אַליין, עלנט. נישט באַשערט הנאה צו האָבן פון דער וועלט...

קאַפּיטל XLI

נאָך חנוכה האָט זיך קיין כמעלניק אַראָפּגעכאַפּט „משהלע מיטן טשייניק". משהלע איז געווען אַ משונה־מאָדנער טיפּ. אַ קליין יידעלע מיט ראָזע פאַרוועלקטע בעקעלעך, אַ קורץ, שיטער, גראָ בערדעלע, לעבעדיקע קליינע אייגעלעך און פּוכקע ווייבערשע הענ־טעלעך. ווענן זיינע יאָרן איז מען געווען מחולק. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז שוין אודאי אַלט הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז ערשט אַלט ניינציק, אפשר נאָך עטלעכע. אַז מען פלעגט ביי אים אַליין פרעגן וועגן זיינע יאָרן, פלעגט ער געבן אַ חנעוודיק שמייכעלע, די אייגעלעך פלעגן פאַר־שייט אַ גלאַנץ טון און ער פלעגט ענטפערן :

— וויפל איך בין אַלט, ווייס איך אַליין נישט : מיך געוואָרן ציילנדיק. נאָר אייער ליבהאַרציק כמעלניק געדענק איך נאָך, ווען דאָ איז געווען אַ וואַלד און ביים וואַלד, עטלעכע, טאַקע נאָר עט־לעכע הייזלעך.

דאָס יידל פלעגט קיין מאָל נישט פאָרן. נישט מיט דער באַן, נישט מיט קיין פור. וויפל מאָל די בעלי־עגלות פלעגן זיך אָפּשטעלן :

— זעצט זיך, ר׳ משה, אן עבירה די פיס. מירן אייך אונטער־פירן אן א קאפיקע געלט.

און ער — שטענדיק דעם זעלבן תירוץ:

— איך אייל זיך נישט אין ערגעץ, די פיס וועלן אויסהאלטן, א דאנק...

דער בעל־עגלה, די פארשוינען פלעגן בעטן אזוי לאנג, ביז עס פלעגט זיי נמאס ווערן. די פור טראגט זיך אפ אויף גיך און דאס קליינע יידעלע מיטן קליינעם פעקעלע מאכט קליינע טריטעלעך.

אין זיין פעקל האט זיך געפונען א טלית ותפילין, שרייבגעצייג, פאפיר, קאנווערטן און א טשייניק. א פראסטער בלעכענער טשיי־ניק אויף זעקס גלעזער. זעלטן ווען ס׳האט אים עמעצער געזען עסן. צו קיינעם אויף אנבייסן פלעגט ער נישט ווען גיין און נישט שלאפן אויך. עסן דארף ער נישט... ער קען לעבן אן עסן אויך, דער עיקר: טיי! טיי האט ער געקענט אויסטרינקען פינף, זעקס טשייניקעס נאך אנאנד. צוקער, אויב מען האט אים געבראכט, פלעגט ער צונעמען און זאגן א דאנק, און אז נישט, פלעגט ער טרינקען מיט זאלץ. דאס איז נישט וויכטיק מיט וואס. דער עיקר: זודיק וואסער: טיי! שלאפן פלעגט ער נאר אין בית־מדרש, סיי זומער, סיי ווינטער. וויפל מען פלעגט אים נישט בעטן:

— ר׳ משה, גאט איז מיט אייך, איר זענט דאך עובר אויף ונשמרתם לנפשותכם. אין אזא פראסט וועט איר שלאפן אין בית־מדרש?

דער באקאנטער שמייכל:

— איך שלאף שוין אזוי א מאה יאר און דער רוח האט מיך נישט גענומען.

— אבער אן עק! אראפברענגען אייך אהערצו א קאלדרע מיט א קישן, מעג מען?

— עס הייבט זיך גארנישט אן. מיר איז אזוי ווארעמער...

מער פון עטלעכע וואכן אויף איין ארט פלעגט ער זיך נישט איינהאלטן. ביי מעריב, איז ער ערשט געווען, אין דער פרי — מען באפט זיך: נישטא ער, נישטא דער טשייניק. אזוי ווי מען האט נישט געוווסט, פון וואנען ער איז געקומען, אזוי האט מען נישט געוווסט, וווהין ער איז אוועק. אין איין זאך איז מען געווען זיכער, אז ער איז נישט פארפאלן געווארן: — „משהלע מיטן טשייניק" וועט אין פייער נישט פארברענט ווערן און אין וואסער נישט דערטרונקען ווערן — אזוי האט מען זיך געוויצלט און קיין מאל קיין טעות נישט געהאט. אין פינף, זעקס חדשים ארום, א־הא! דער „טשייניק" איז שוין ווידער דא.

— שלום עליכם, ר׳ משה.
— עליכם שלום, יידן.
— פון וואַנען קומט איר אָן?
— פון אומעטום און פון ערגעץ נישט.
— פאַר וואָס זאָלט איר נישט ענטפערן גלייך?
— איך פרעג ביי אייך נישט, פרעגט ביי מיר נישט, אַזוי איז גלייכער...
— געזונט האָט איר שוין?
— וואָס איז אייער באָבעס האגה?
— מיר קלייבן אַ מנין, דערפאַר פרעג איך.
— איך בין שטענדיק אָן אָפּגעזונטער.
— ר׳ משה, פאַר וואָס זענט איר אַזאַ פאַרביסענער?
— איר ווייסט נישט, אַז אַלטער ווערן צופּט ביי דער צונג! וואָס קומט אַרויס, אַז יונגער איז זיס, אָבער ער טויג אויף כפּרות.
— ר׳ משה, מיין פּלוניתטע האָט היינט אויסגעפּרעגלט עטלעכע געגדז. עטלעכע לעבערלעך מיט גריוון אייך אַראָפּטראָגן?
— עסט געזונטערהייט אַליין און זאָל איך ווייל באַקומען.
— אַ דאַנק!... אָבער אייך אַראָפּטראָגן, מיט אַ פרישן קוילעטש?
— איך האַלט נישט ביי קיין עסן.
— ביי וואָס דען האַלט איר?
— ביי ווענען פון אייך זידט אין דער היים דער סאַמאָוואַר?
— אָט ברענג איך אייך שוין טיי. מען דאַרף נישט אייערן... איך האָב מיינעם אַ טשייניק ווי אַן עמער. נישקשה, מילך אויך?
— ניין, בעסער רייגע...
— אָבער צוקער, קאָנפעקטן?
— אָך, מיט אַלע כבודן!
— אַ פּאָר שטיקלעך מזונות?
— אַ דאַנק! איך האַלט נישט ביי קיין עסן.
זיין מאַרשרוט איז געווען אומאַניער קרייז און בעלאַצערקווער קרייז. ער פלעגט אַ מאָל מיטנעמען בריוו פון אייגעם צום צווייטן:
— ווען איך וועל אַ מאָל זיין, וועל איך אָפּגעבן...
און שטענדיק ברענגען ענטפער.
ער האָט ליב געהאַט צו רעדן שידוכים, אַריינגיין זיצן אַ ביסל אויף דער נאַכט, שמועסן פון פּאָליטיק, פון שטאָטניים, אַ מאָל, אַ מאָל אַריינכאַפּן מיט אַ קונדעס אַ דאַמקע, אָדער אַ פּאַרטיע אין דאָמינאָ. אין מקוה פלעגט ער גיין אַלע טאָג און נאַר, בעת קיינער איז נישט געווען דערביי, איבערוואַרטן אַלעמען.
אַ ייד אַ רעטעניש! אַ פאַרשלאָסענע זאַך!

דאָס מאָל, אַז משהלע האָט זיך געיאָוועט אין שטאָט, איז פּונקט אפרים־אהרון געווען אונטערוועגנס. אוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג קיין זוועניגאָראָדקע נאָך סחורה. דערזעענדיק שלמהן אין בית־מדרש, האָט משהלע עפּעס אַרויסגענומען פון בוזעמטאַש און אים צוגערופן:

— קום אהער שלמהקע, אָט דאָס וועסטו אָפּגעבן דעם טאַטן דייגעם.

און אויפן אָרט חרטה געקריגן:

— ניין, מען דאַרף נישט... כ׳וועל בעסער אַליין אָפּגעבן. כ׳פאָר נאָך נישט אוועק.

שלמה האָט דוקא געפּרוווט תמעוואַטע א מרוקע טון:

— איר קענט מיר געבן... ס׳קען זיין, אַז כ׳פאָר מאָרגן קיין זוועניגאָראָקע, וועל איך אים דאָרטן איבערגעבן.

— אַ שיינעם דאַנק... מען דאַרף נישט. כ׳וועל אים בעסער אַליין איבערגעבן.

מער האָט שלמה נישט געבעטן, נאָר אין דער נאָז האָט אים געקיצלט. אַ גוואַלדיקער נייגער האָט אים געמאַטערט:

— וואָס קען דער טשייניק האָבן פאַר אַ געשעפטן מיטן טאַטן?

איבערגעבליבן, איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין בית־מדרש, האָט גענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען אויפן קול. אין בית־מדרש איז אַ חוץ אים און משהלען קיינער נישט געווען. לכתחילה האָט ער געזען, ווי משהלע איז נישט צופרידן פון זיין שכן, נאָר דערנאָך האָט ער ווי פאַרגעסן אין אים. הינטער חער הרובע האָט ער טיי געטרונקען, געדאַוונט און ווידער טיי געטרונקען. און שלמה האָט אַלץ בהתמדה געלערנט. ענדלעך, אַ זייגער צוויי נאָך מיטאָג, האָט משהלע אַראָפּגענומען דאָס טישטעך פונעם באַלעמער, עס אונטער־געלייגט צוקאָפּנס און זיך „צוגעלייגט". אין דער מאָס, וואָס משהלעס כראָפּען איז געוואָרן העכער, איז שלמהס קול געוואָרן שוואַכער, שוואַכער, ביז עס איז אין גאַנצן אַנטשטילט געוואָרן. משהלעס שנאָרכן האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן בית־מדרש...

אויף די שפּיץ פינגער איז שלמה צוגעגאַנגען גאָענט צום שלאָפנ־דיקן. יאָ! ער שלאָפט נישקשהדיק. זיין פּידזשאַקל איז געהאַנגען צוזאַמען מיט דער טאָרבע און מיטן טשייניק פון יענער זייט הרובע אויף אַ טשוואָק. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט שלמה אַרויסגע־נומען אַלץ פון דער בוזעם־קעשענע. דאָרט איז געווען אַ שקאַרמוצל זאַלץ, אַ שקעטעלע טאַבאַק, עטלעכע צעריסענע שמות, און איינציקע ציצה און אַ בייכיקער קאָנווערט. אויפן קאָנווערט איז געווען אָנ־געשריבן מיט געמלאכהטע קרייזעלעך: להרבני ר׳ אפרים־אהרון

בק"ק כמעלניק תוב"ב. אַריינגעלייגט אַלצדינג צוריק, איז שלמה מיט דעם בריוו אַוועק אויף זיין אָרט אין מזרח. פאַרבייגייענדיק האָט ער געוואָרפן אַ קוק אין משהלעס ווינקל: ער שלאָפט ווי אַ געהרגעטער! כאָטש טראָג אים אַרויס. פאָרזיכטיק האָט ער אויפגעקלעפט דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען דריי בייגעלעך פאַפיר. אָפּגעזוכט דעם אָנהייב, האָט ער דורכגעלאָזט עטלעכע שורות מיט „שרעקלעכע" טיטלען און אָנגעהויבן צו לייענען:

קאַפּיטל XLII

„... אייער בריוו האָב איך מקבל געוועזן ע"י המכ"ז. דער זעלבער האָט מיר טאַקע דערציילט וועגן אייער בחורל שלמה שיחיה. כ'וועל זאָגן, ווי די זאַך איז, ער האָט אים שטאַרק מפליא געוועזן... דערצו האָט אים זיין מלמד אין זוועניגאָראָדקע, ר' שמעיה פּאָקוטילאָווער, בפירוש געזאָגט, אַז שלמה איז ראוי להוראה. ווייל אָן דעם וואָלטן דאָך געוועזן אַלע אונדזערע רייד און ר' משהס טרחה אומזיסט... כ'וועל נישט גיין נעמען פאַר מיין טאָכטער אַזעלכן, וואָס זאָל נישט קענען ממלא מקומי זיין איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר... מיינע עלטער־עלטער־זיידעס זענען געוועזן אין טערליצע רבנים און איך וויל, אַז מיינע אור־אור־אייניקלעך זאָלן אויך דאָס זיין... איז הייסט עס ברוך־השם מצד זה קיין מניעה נישט! וואָס איר שרייבט, אַז בנכם איז אַ בעל־שמסקע אייניקל, שעם איך זיך מיט מיין יחוס אויך נישט... מיין זיידע ר' נפתלים שוואָגער, ר' אברהמעלע ליניצער ז"ל, איז געוועזן דעם „שומר אמונימס" אָן אייגן אייניקל. דאָס איז ערשט נאָר פון מיין צד. די רביצן זאָל לעבן איז גאָר איינגעטונקען אין יחוס. איר באָבע חולצי עליה השלום איז געוועזן דאָס דריטע ווייבביים גרויסן טאָמאַשפּאָלער רבס זון... חוץ דעם האָט זי אַ יחוס־בריוו פון דעם וואָלאָדערקער „עניו", דער זיבעטער דור... און נאָך, און נאָך, און נאָך, מי ידבר ומי יספר — אַזוי, אַז דעם חתנס זיידעס וועלן זיך נישט שעמען מיט דער כלהס קרובים אויך... בנוגע דעם, וואָס איר פרעגט, פון וואָס לעבט מען, קען איך אייך ענטפערן, אַז ברוך השם, מען לעבט... קיין קאַפּיטאַלן מאַכט מען נישט, אָבער מען פאַסט נישט אויך... וואָס ווייטער וועט זיין, ווייסט מען נישט, אָבער לעת־עתה, ברוך השם יום־יום... אַ ביסל גיט די שטאָט, כאָטש ווער איז די שטאָט, משטיינס געזאָגט... נאָר גאָרנישט, מיר זינדיקן נישט... נו, וואָס נאָך? הייסט הייוון... אַ קליינִיקייט, אַ שטאָט באַקט... מען עסט קיין עין־הרע און הייוון איז דאָ נאָר ביי מיר... די חזקה טשע־

פעט מען ביי מיר נישט... עס טרעפט, אז עס צעגייען זיך צוויי פעקלעך א וואך אויך און בעת א חתונה — א סך מער. נאר כ׳געדענק שוין נישט, ווען ס׳איז געווען ביי אונדז א חתונה... האט איר היוון... היינט — ליכט? א שפילעכל, וואס ווייבער בענטשן איבער ליכט א שבת? א מאסע! טאקע א ים, א ים!... כאטש היינט איז שוין דא עלעקטרי, זענען דא שוין אזעלכע אויך, וואס מאכן א קנייטש אין דער יארמעלקע, מען צינדט אן א שוועבעלע, מען דערלאנגט עס צום לעמפעלע און מען מאכט א ברכה... נאר וויפל האט איר אזעלכע? הקיצור, עס זענען געבליבן גענוג, כן ירבו! און ליכט גייען אוועק א מאסע. היינט האנדלען זיי די נשים ביי מיר... וואס זאל מען טון? מען מוז דאך לעבן... קויפן זיי אלטע סוועדערס, געשטריקטע אזעלכע, אין אונדזערע מקומות זענען זיי שכיח, און צוזאמען טריפען מיר זיי אוים און מאכן קנוילן... ס׳איז אפילו א נודנע ארבעט, נאר מען מאכט... מען מוז דאך לעבן... און פון די קנוילן מאכן זיי שוין שקארפעטן, היטעלעך פאר קינדער; מען קען זיי נוצן פאר יארמעלקעס אויך... דערצו קען איך זיי שוין גארנישט העלפן: נישט קיין מאנסבילשע ארבעט... און אז עס פארקויפט זיך, ווייל א מאל קען דאס אפליגן א גאנצן זומער און ווארטן אויפן סעזאן... דאס מין סחורה האט א סעזאן... אז די קעלט גיט א בים, כאפט מען דאס... איז אז מען פארקויפט דיזע קראם, בלייבט אויך עפעס... ווייטער טרעפט גאר, אז זיי קויפן גרינוואַרג און זייערן איין אויף ווינטער צום פארקויפן. צו דעם איז שוין מיין טאכטער גאר א מזיק... איינע אויף דער שטאט... זי קויפט, למשל, געלע אוגערקעס, בכדי עס זאל קאסטן ביליקער, „זשאוועשיקעס“ בלע״ז, און אז עס קומט ווינטער, זענען זיי גרין... טאקע מעשי נסים... צי למשל, מען לייגט אריין קליינע אוגערקעלעך, ביז מען נעמט זיי ארויס —גרויסע, גראבע!... זי איז קיין עין־הרע א בר־מזל... מלאכים העלפן איר... און איך בעט אייך, וואס איז טאקע דער חידוש? דעם הייליקן וואלאדערקערס אן אייניקל!... און א מאל פליקט מען אונטער א ביסל פעדערן, עס פארשטייט זיך, נאר ביי היימישע מענטשן... ביי א מענטשן פון דער גאס וועט מען נישט געמען... בקיצור, וואס איז שייך מאריך זיין? מיט פרנסה ברוך־השם זענען מיר פארזיכערט איבערן קאפ! איך קען אייך זאגן ווי א גוטן ברודער, ס׳איז נאך ביי מיר נישט געווען דער יום־טוב, אז איך זאל נישט האבן קיין עוף... אז מען שמועסט ברחבות, איז דאך נישט שייך... כ׳האב דאך אייך געזאגט, קיין ראטשילדס ווערן מיר נישט, אבער לחם לאכל — אריבער און אריבער... וואס איר פרעגט, צי זי קען עפעס אין די קליינע אותיע־

לעך, האט מיך אזש געחידושט אויף אייך. פאר וועמען האלט איר אונדז? יענע זאגט עברי ווי א וואסער... יענע בענטשט אויסנווייניק און לייענט קריאת־שמע אויסנווייניק — זאגט איר גאר... פארקערט, הלמאי זאל איך זאגן אין גויאיש... כ'האב אליין נישט געוואלט... ס'הייבט זיך אן מיט אלף־בית און עס ענדיקט זיך מיט אפיקורסות... און צו וואס נוצט דאס? קיין מיניסטערשע ב"ה דארף זי נישט ווערן און א יידישע טאכטער קען מען זיין אזוי אויך... וואס, גיין אפשר? און וואס איר שרייבט, ווי זעט זי אוים? וואס אייער זון איז מהדר נאך א יפת־תאר, איז מיר טאקע א חידוש אויף אים... ס'איז עפעס גארנישט יידישלעך... מהיכא־תיתי, בדיעבד, אבער רעדן דערפון? זיין א תובע בפה? און אזוינס וויל פארנעמען א כסא־הרבנות? מיין חיה־דוואסקעלע, זאל לעבן איז א גאנץ געראטן קינד און מער קען איך אייך גארנישט זאגן. פאר קיין אקטיארשע מאך איך זי ב"ה נישט, אלא וואס דען, אן אשה צנועה וועט זי זיכער אם ירצה השם זיין, צו גאט א האפענונג... און טאמער וועט אייך המכ"ז דערציילן, ווי אזוי זי איז קליינערהייט אראפגעפאלן פון א הענגוויגל און האט זיך אפגעביסן א האלב ציינגעלע, האט מען טאקע דאמאלסט געמיינט, אז דאס קינד וועט רעדן שיפעליאווע — צום סוף איז דאס איבערגעגאנגען. כמעט אז מען דערקענט נישט, סיידן בעת זי כאפט שטארק אדער ווען זי ווערט אין כעס. נאר זי איז א גוטע נשמה און ווערט קיין מאל נישט אין כעס. טאמער טראכט איר פארט איבער, קענט איר זיך דאך אנפרעגן ביי אייערע געשוועסטער־קינדער, ביי שפרהן זאל לעבן, אדער ביי חנהן זאל לעבן. אזוי, אז אלע מניעות זענען אפגעפאלן, קענט איר גלייך נעמען דעם חתן מיט דער מחותנתטע און צופארן גלייך צו מיר. אפילו א קליין קינד, אז איר וועט פרעגן, וווּ וווינט דא אליקום דער רב, וועט עס אייך באלד אנווייזן. דאס איז באלד נאך דער קלויז צו דער באד צו, אראפ, אראפ... שטארק נאענט... זייט זשע מיר געזונט, א גרוס דעם חתן און עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת..."

שלמה האט פארזיכטיק אריינגעלייגט דעם בריוו צוריק אין קאנווערט, פארקלעפט מיט שפייעכץ און גוט צוגעפרעסט מיט דער גמרא. ווען ס'האט זיך שוין גוט געהאלטן, האט ער אים שטילערהייט אריינגעלייגט אויף דעם זעלבן ארט, ווו ער האט אים גענומען, און זיך געזעצט צוריק לערנען.

אויף צומארגנס פאר נאכט האט זיך אפרים־אהרון אומגעקערט פון זוועניגאראדקע. ביי מנחה האט שלמה געזען, ווי משהלע האט אים פארנומען אויף א זייט און עפעס איינגעטענהט מיט אים,

דערנאָך האָט ער אים עפּעס אַריינגעשטעקט אין דער האַנט. דער פֿאָטער איז ערגעץ נעלם געוואָרן אויף אַ גאַנצער שעה און האָט זיך אומגעקערט רויט, פֿאַרשוויצט און אָנגעבלאָזן. צו משהלען איז ער מער נישט צוגעגאַנגען.

פֿון מעריב זענען זיי געגאַנגען זאַלבעצווייט, דער פֿאָטער מיטן זון. דער פֿאָטער איז געווען אָנגעכמורעט און האָט נישט אויסגע־רעדט קיין וואָרט. שלמה האָט אָבער פֿעסט באַשלאָסן זיך דורכצו־שמועסן און וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין. אַ גאַנצן וועג זענען אים די ווערטער געשטאַנען אין האַלדז און ער האָט זיי נישט געקענט אַרויסברענגען. ערשט האַרט לעבן דער שטוב האָט שלמה דעם פֿאָטער אַ שלעפּ געטון פֿאַרן אַרבל:

— טאַטע, זאָג מיר, וואָס איז דער טייטש: נקרא לנערה ונשאלה את פיה, אפשר געדענקסטו?

דער פֿאָטער ווערט ערנסט. ער גיט פֿאַרדריסלעך אַ צוק מיטן פּנים און מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול פֿרעגט ער:

— קעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

— קעגן גאָרנישט... קעגן... איך מיין, אויב ביי אַ מיידל אפילו דאַרף מען פֿרעגן אין אַ שידוך, דאַרף מען דאָך ביי אַ ייִנגל, מיין איך, אוודאי פֿרעגן...

— קעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— דו ווייסט קעגן וואָס...

דער פֿאָטער גייט אַרויס פֿון זיך:

— קעגן וואָס, פֿרעג איך?

שלמה ווערט בלאַס און ענטפֿערט געלאַסן:

— קעגן חיה־דוואָסקעלען זאָג איך... קעגן דער וואָלאָדערקער מיוחסת...

— ווּ־אַ־ס? ווער האָט דיר דערציילט?

— דאָס איז נישט שייך צום ענין, דער עיקר, אַבי איך ווייס...

דער פֿאָטער, מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס:

— אָבער דאַכט זיך, אַז איך האָב דיך נאָך נישט פֿאַרשלייערט?

— דו וועסט עס נישט טון אויך...

— פֿאַר וואָס?

— ווייל אויף אַזאַ זאַך האָב א י ך די דעה...

אַ פּליאַסק איבערן גאַנצן פּנים איז געווען דער ענטפֿער.

שלמה טרעט אָפּ אויף איין שפּאַן און גיט צו היציק:

— זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז איך לאַך פֿון דיינע ציפּקעס און פֿון דיינע חיה־דוואָסקעלעך... דו האָסט אין מיר אַ גרויסן טעות: איך בין נישט דאָס לעמעלע, וואָס דו מיינסט...

א פליאסק אין דער צווייטער באַק און אַריינגעלאָפן אין שטוב אריין.

שלמה איז געלעגן אין בעט און האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין צו דער וועטשערע. עס זענען געקומען מנשה, דער זיידע, איינגע־רעדט, געוואָלט פאַרגלעטן — ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. פון אפרים־אהרונען האָבן זיי געשוויגן שטיקער:

— וואָס דען? אַ זון פון אכצן יאָר פּאַטשט מען? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? און דערצו נאָך אַזאַ גאָלדן קינד...

אפרים־אהרון איז אַראָפּגעלאָפן אין בית־מדרש צו משהלען מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט דעם עובר־בטלניק קורע כדג זיין. דער אַלטער האָט אָבער נישט געוווסט פון וואָס צו זאָגן.

ס'איז פאַריבער אַ טאָג און דער פאָטער מיטן זון זענען ברוגזער־הייט אוועקגעפאָרן אויפן יאַריד.

קאַפּיטל XLIII

איין מאָל האָט אפרים־אהרון געדאַרפט צופאָרן קיין זווענינאָ־ראָדקע. ער האָט באַשטעלט דעם בעל־עגלה און זיך פאַרטיק גע־מאַכט מיט אַלעמען. ווען ס'איז געקומען צום זעצן זיך אויפן שליטן, האָט אים עפּעס פאַרשניטן אין בויך און שלמה האָט געמוזט פאָרן אנשטאָט אים. שוין זיצנדיק אויפן שליטן האָט שלמה באַמערקט אויך פאָלין. ער האָט זיך פאַר איר אַ נויג געטון, זי האָט זיך אויך פאַרנויגט. דערמיט האָט זיך זייער „שמועס" פאַרענדיקט. דער שליטן איז געווען געפּאַקט מיט פאַרשוינען, איינער איז געזעסן ביים צווייטן אויף די פיס, וועט ער זיך עפּעס שטעלן רעדן מיט איר פאַר פרעמדע מענטשן? און סתם אָן אַלעמען, וואָס האָט ער דען אַזעלכעס מיט איר צו שמועסן? ער וועט איר אפשר גיין דער־ציילן פון וועגעראָדער שידוך? פון טערליצער שידוך? געפּאַקט אַ פריינד, פאַר וועמען אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ. גאָט באַהיט, אַז פאָלי זאָל געוווּיר ווערן פון די מעשות. מער פעלט אים נישט, נאָר אַז זי זאָל זיך נאָך דערוויסן,פאַר וועמען דער טאַטע וויל אים פאַר־שלייערן. ער וואָלט זיך געדאַרפט באַגראָבן פאַר בושה. ס'איז נאָך אַ נס, וואָס יחיאל האָט נישט דערשמעקט די געשיכטע מיט די שידוכים. ער וואָלט זיך שוין נישט איינגעהאַלטן. ס'איז בלתי ספק, אַז ער וואָלט איר שוין דערציילט. ווי דען? אַזאַ זאַך נישט דער־ציילן און נאָך פאָלין דערצו?

אויף דער פור זענען געפאָרן איטקע די טוקערין מיטן אייניקל צום אויערן־דאָקטער. ס'איז געפאָרן בנימין בעקער, דער אַנאַרכיסט.

בנימין איז אַלט געווען אַ יאָר פופציק, אויב נישט מער: אַ קורץ שוואַרץ יידל מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז און מיט אַ זילבערן רינגל אויף דער האַנט. אַז ער האָט גערעדט, האָט ער געשלונגען האַלבע ווערטער, געשפּריצט יענעם אין פּנים אַריין און שטאַרק געפּינטלט מיט די אויגן. ער איז געווען אַ מאָל, נאָך בחורוויז, אַ באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד. נאָך דעם, ווי דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן מורמלען אויף דעם מלמדס מיידל, איז ער אַוועק פון חדר און גאָר אין גיכן חתונה געהאַט. דעם מלמדס מיידל איז אָפּגעפּאָרן „צו גאַסט" ערגעץ צו אַ מומען און מער קיין כמעלניק זיך שוין נישט אומגעקערט. אָבער בנימינען האָט קיינער נישט געטשעפּעט: מען האָט מורא געהאַט פאַר לייטיש געלעכטער.

באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך בנימין אויסגעלערנט די מלאכה פון אַ שאַרניק * און ביי דער אַרבעט האַלט ער זיך עד היום. אין דער יוגנט איז ער אַ מאָל געווען אין כאַרקאָוו. דאָרטן איז ער אַריינגעטראָטן אין דער אַנאַרכיע און האָט זיך שטאַרק געהאַלטן ביי זיין „אידייע" ביז דער רעוואָלוציע. ווי נאָר ער האָט דערשמעקט, אַז פון דער „אַנאַרכיסטישער ליניע" האַלט די נייע מלוכה נישט אַזוי שטאַרק און עס שטעקט גאָר אַ געפאַר אין זיין „אידייאיש־קייט", האָט ער זיך אויף גיך איבערגעפאַרבט אויף רויט און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער געשמט אין שטעטל פאַר אַ הייסן קאָמוניסט: ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל אָן אַ היטל, אין שול אַריין נישט געקומען אַפילו צו כל־נדרי, אויף צו להכעיס קאַליע געמאַכט דעם עירוב הינטער זיין שטוב, וכדומה.

זיין ברײַנדל איז דווקא געווען ווייניק וואָס באַגייסטערט, פריער פון זיין אַנאַרכיזם און איצט פון זיין קאָמוניזם. איר מוטער ביילע איז געווען די גבאיטע פון ר' מאיר־בעל־הנס־פּושקע און אַלע יאָרן האָט זי אָוועקגעלייגט כוחות דערויף, אַז ברײַנדל זאָל אויסרייסן אַ גט ביי איר ימח־שמוניק. אָבער ביז עפּעס וואָס, האָט איר טאָכטער געבראַכט אויף דער וועלט אַ האַלב טוץ קינדערלעך, פיר מיידלעך און צוויי יינגלעך, און דער גט האָט אַלץ געמוזט אָפּגעלייגט ווערן. די טעכטער האָבן שוין אַלע חתונה געהאַט און די „בנים" האָבן אים צוגעהאָלפן ביים סטאַנאָק.

זייט ביי זייט מיט בנימינען איז געזעסן אויף דעם שליטן קלמן, מנשה דעם ליוועראַנטס זונדל. מנשה דער ליוועראַנט איז געווען אַ ייד פון אַלטן שניט, אָבער מיט אייגנאַרטיקע דרכים. געטראָגן אַ יאַרמעלקע אונטערן קאַשקעט און אַז ס'איז אויסגעקומען, צוגע־

---

* שאַרניק – אַ רימער.

ביסן מיטן פריץ פון איין טעלער. שבת ביי טאָג פאַרפעלט ער נישט צו קומען אין שול הערן דעם בעל־דרשן. ערב יום־כפור — זיך לייגן צו מלקות, תשעה־באב — אַרומגיין אין די זאָקן אַ גאַנצן טאָג און דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט צו זיין דער גרעסטער „אָפּנעמער" אויף „לינקער סחורה".

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט מיט מנשהן געטראָפן אַן אומגליק. אַ ציגיינער, ביי וועלכן ער האָט אויף אַ יאַריד „אָפּגעשלאָגן" אַ קונה, האָט אים אָפּגעוואַרט אויף צוריקוועגס אין דער שטייענדיקער תבואה און אים אַריינגעזעצט אַ מעסער אין דער זייט. אַ קאָרג האַלב יאָר האָט מנשה געקרענקט. די קרענק האָט אויפגעפרעסן, וואָס ס'איז נאָר געווען אין שטוב, און צום סוף האָט גאָרנישט געהאָלפן און ער האָט טאַקע געלאָזן דאָס ווייב אַן אַלמנה מיט דריי קדישים. עס רעדט זיך נאָר אַזוי — קדישים, קיין קדיש נאָכן פאָטער האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט זאָגן, כאָטש גיב זיי אַ קרענק.

קלמן איז דער עלטסטער זון, דער ערשטער יידישער קאָמסאָמאָליעץ אין שטעטל. אַ לאַנגער בחור, אַ געלער, אַ געשטופּלטער, מיט אַ „מייזל" אונטערן לינקן אויער. ער אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין קאָאָפּעראַטיוו, טראָגט אַ שטערנדל אין לאַץ, אַ ביליק זייגערל אויף דער האַנט און איז גרייט דורס צו זיין יעדן איינעם, וועלכער וואָגט אים אָנצורופן קלמן דער ליוועראַנטעכעס. אַלע מוזן אים רופן נישט אַנדערש ווי קלים אַפּאַנאַסיעוויטש, און אַז נישט, איז חבר לאַזעבניק.

נאָך איז געווען אויף דער פור ר' זוסיע „כוואַט", אַ ייד אַ זקן, וואָס האָט אין זיין לעבן נישט „פּאַרטשעפּעט" קיין פליג אויף דער וואַנט". אַלע יאָרן האָט ער געלעבט פון זיין ווייבס „געבענטשטע הענט". עס איז געווען האָדל די נייטאָרין און טאַקע ברוך דעם בעל־עגלהס ווייב אַליין, וועלכע האָט זיך שוין פון כמה וכמה יאָרן געהאַלטן אין איין דאָקטערן. דער אָנגעלאָדענער שליטן האָט געקרעכצט, געסקריפּעט און מיט אַנגסטן געמיטן דאָס בריקל.

פאָלי איז געזעסן וויטלעך אַ ביסל און עטוואָס צו שלמהן מיט דער זייט. איר פּנים, וועלכעס שלמה האָט שוין לאַנג נישט געזען, האָט געהאַט אין זיך עפּעס נייס און פרעמדס. ווען זי האָט נישט געקוקט אין זיין זייט, האָט ער בגנבה געזוכט אין איר פּראָפיל די שפּורן פון דער, וועלכערס געשטאַלט ער טראָגט אַרום ביי זיך אין האַרצן, און נישט געקענט געפינען. לחלוטין אַן אַנדער מענטש. אין די ווינקלען אַרום איר געטאָקט מיילכל האָט ער באַמערקט אומבאַקאַנטע חן־קנייטשעלעך, וועלכע האָבן גלייכצייטיק עדות געזאָגט

אויף עפּעס קאַפּריזנעס, עקשנותדיקן, פּיינטלעכן. אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ נייע אַש־קאָלירענע וואָלענע שאַל, פֿון וועלכער איר שטראַלנדיק געזיכט האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. אויף איר שיינעם פּאַלטאָ איז געווען אַרויפֿגעצויגן יאַנים פֿוקסן־טולעפּל. כאָטש דאָס טולעפּל איז געווען צעשפּיליעט, געוואַרעמט מער די שכנים איידער זי, דאָך איז געווען קענטיק, אַז ס'איז איר היים. פֿון איר אַלבאַסטער־ווייסן שטערן האָבן לאַנגזאַם געריזלט ריטשקעלעך שוויים. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ געפּלאָכטן קוישל מיט אייער — אַ מתּנה דער מומען. לעבן אירע פֿיס איז געלעגן אַ בייכיקער פּאָרטפּעל מיט ביכער. שלמה האָט אפֿילו חשק געהאַט אַ קוק טון, וואָס פֿאַר אַ ביכער האָט זי געלייענט, ער האָט שוין געוואָלט פֿרעגן און זיך איינגעהאַלטן. אין איר אויסגעדרייטן קאָפּ, אין דעם צעפּאַטלטן לאָק, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר פֿאַרשוויצטער באַק, האָט ער געלייענט אַן הזהרה: וואָס ווייניקער פֿרעגן און וואָס ווייניקער זיך מישן אין אירע געשעפֿטן. מיט אַ טיפֿן ווייטיק האָט ער זיך דערמאָנט אין די געבענטשטע נעכט פֿון דער „סאַמאָאָבלאָזשעניע", ווי צוטריטלעך זי איז דאַמאָלסט געווען פֿאַר אים און ווי ווייט זי איז אַצינד. אים דערמאָנט זיך דינהס גרוס, ווי פֿאָלי האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף אים נאָך יענעם פֿאַל אין שלאָפֿצימער, און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז דינה האָט אים אָפּגענאַרט. אָט דער אַקסל האָט נישט געקענט זאָגן, אַז דאָס פֿידעלע בענקט נאָך אים... צו וואָס האָט דינהן געטויגט אים אָפּנאַרן? ער פֿאַרשטייט אַליין נישט. ער גיט נאָך אַ טראַכט, אַז יחיאל וואָלט שוין צוגענומען ביי איר דאָס קוישל פֿון די הענט. אָט וויל ער שוין דאָס אַליין טון, אָבער אַ פֿוקסל פֿון יאַנים טולעפּל וואָרנט אים:

— טשעפּע נישט, מען בעט ביי דיר קיין טובֿות נישט, וועסט ערגער מאַכן...

שלמה דערשטיקט אַ קרעכץ, נעמט אַרויס דאָס ביכל און הייבט אָן לייענען. ר' זוסיע פֿליסטערט שטיל מיט די ליפּן, דאַוונט פֿון פּאָרנט. דערזען ביי שלמהן אין די הענט אַ סידורל, דערמאָנט ער זיך, אַז אין „איזהו" פּלאָנטערט זיך ביי אים דער „כלל ופרט" און „פּרט וכלל", נעמט ער צו ביי שלמהן דאָס ביכל פֿון די הענט און הייבט אָן אויפֿמישן. געכאַפּט זיך, אַז ס'איז עפּעס אַ טריף־פּסול, גיט ער עס אַ שטעק אָפּ שלמהן אויף צוריק און שפּייט האַסטיק אויס אין דער שטרוי אַריין. שלמה באַגעגנט זיך מיט פֿאָלים בליק און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

בנימין בעקער האָט אַקוראַט געענדיקט די קנישעס מיט פּאַסאָליעס, וואָס זיין ברײַנדל האָט אים מיטגעגעבן, זיך אַרומגעווישט דאָס

פנים און צעשמעלצנדיק זיך אין א גוטמוטיק שמייכעלע, ווענדט ער זיך צו שלמהן:

— דו האסט שוין היינט געדאוונט, שלמה?

— קענגן וואס פרעגט איר דאס, חבר בעקער?

— גלאט אזוי. מען טאר נישט פרעגן?

— יא, כ׳האב שוין געדאוונט.

— אזוי פרי איז שוין געווען א מנין?

— כ׳האב געדאוונט אין דער היים.

— איי, שלמה, שלמה! דו נארסט אפ, ערגוואַרט, דו נארסט אפ. כ׳זע נישט אויף דיין האנט קיין סימנים פון דעם „וארשתיך"... דו ביסט שוין אויך קליגער געוואָרן?

שלמה ענטפערט געלאסן:

— ווי אזוי קענט איר גאר וועלן זען עפעס ביי א צווייטן, אז איר זעט נישט אויף זיך אליין, וואס פאר א נאריש פנים איר האט?

בנימין ווערט רויט פאר כעס:

— דיין תורה לערנט דיך אזוי צו רעדן מיט מענטשן?

— מיט אזעלכע ווי איר — יא.

— ווי אזוי דארף מען דאס פארשטיין דיין „אזעלכע"? וועמען האסטו דאס בדעה?

— כ׳האב בדעה פונקט אזעלכע ווי איר. אזעלכע, וואס ווייסן קוים אן אלף אין סדור און שפרינגען אין פנים אריין ווי עפעס רעכטס.

— שלמה, דו זידל זיך נישט. דו ביסט טאקע א גרויסער למדן, אבער דרך־ארץ, זאגט מען — קדמה לתורה...

— אט־א־דאס־א, ווען איר געדענקט אליין, חבר בעקער, וואלט שוין גוט געווען.

— וואס איז דאס ביי דיר? א סידור?

— ס׳איז צופעליק א ביכל, נישט קיין סידור. און אז א סידור, איז וואס?

— איז וואס? איז גארנישט, איז נאריש. וועמען נוצט היינט א סידור? היינט דארף מען א מיטגליד־ביכעלע פון פראפ־פאראיין, נישט קיין סידור. היינט שפייט מען אויף די זאבאבאנעס.

— ווער עס שפייט... מיר האבן דאכט זיך אפגעשמועסט, נישט זידלען. האט קיין פאראיבל נישט און לאזט מיך לייענען.

— וואס פאר א לייענען גאר? אויף דעם שליטן לייענט מען?

— א האלב לעבן גייט ביי מיר אוועק ארומפארנדיק. קיין אנדער צייט האב איך נישט.

— דו וועסט פטרן די אויגן, אט דאס וועט זיין. דו מיינסט, אויב

דו ביסט א שטיקל ווילדער, וועל איך דיר נישט זאָגן, וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט?

— מען איז אייך מוחל די טובות. זייט בעסער אליין נישט ווילד און לאָזט מיך צו רו. כ'דאַרף אין זוועניגאָראָדקע איבערבייטן דאָס ביכל.

קאַפּיטל XLIV

דער טוקערינס אייניקל, א מיידעלע פון א יאָר עלף, מיט שוואַרצע צעפּעלעך, שטרעקט אויס די האַנט:

— ווייזט נאָר, שלמה, וואָס פאַר א ביכל איז דאָס ביי אייך?

שלמה שאַרט אומגעדולדיק אָפּ איר הענטל:

— ס'איז נישט פאַר דיר, מיידעלע, דו ביסט נאָך צו א קליינע.

איטקע נעמט זיך אָן איר קריוודע:

— וואָס איז שלמה, וואָס זענט איר ביי זיך אַזוי גדולדיק? מיין פעסל קיין עין־הרע, קרום איר שאַדן אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. זי לייענט דעם קב־הישר ווי א וואַסער און איז אין קלאַס די ערשטע. זאָגט ער נאָר, נישט פאַר איר...

— שרייט נישט, כ'בעט אייך, כ'האָב איר דעם כבוד נישט אָנגערירט. ס'איז נישט פאַר איר, ווייל ס'איז נישט קיין מעשה־ביכל.

— נאָך א מאָל נישט פאַר איר, אַז יענע לייענט אַלץ אויף דער וועלט...

— אָבער קיין ראָמאַנען דאַרף זי נאָך נישט?!

איטקע גלאָצט אויס אויף אים א פּאָר אויגן:

— און דו לייענסט דען ראָמאַנען, לייענסטו דען?

— יאָ, איך לייען.

— א ווינטער, פינצטערער חלום צו מיינע שונאימס קעפּ... שלום־דודס אייניקל — ראָמאַנען גאָר, נו, נו, א שיינע וועלט געוואָרן!

האָדל די נייטאָרין פאַרדריסט עס:

— הערט איר, איטקע, דאַרט, וו איר ווייסט נישט, זאָלט איר נישט שטופּן די צונג. ראָמאַנען, ראָמאַנען, האָט זיך צעראָמאַנקעט. דו ווייסט נישט וואָס? און אַז ראָמאַנען, איז וואָס? ראָמאַנען צו ראָמאַנען איז נישט גלייך. פאַראַכטאָגן שבת־צו־נאַכטס האָט ערגעץ מיין זייוול געפּאַקט א ביכל, דאַכט זיך „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" רופט מען עס. פרעגט שוין גאָרנישט, ס'איז געווען א פּולע שטוב מיט ווייבער, ווי צו דער מגילה להבדיל, און ס'איז געווען אַזאַ יאָמער, אַז דאַכט זיך א טויטן, נישט פאַר אונדז געדאַכט,

דאַרף מען אויך אַזוי נישט באַוויינען... און בפירוש אַ ראָמאַן — זאָגט איר גאָר...

— וואָס זשע איז דער משל אַהערצו, וואָס? פאַר ווייבער איז דאָס נאָך אפשר אַ קראָם, כאָטש מען קען זיך אויך באַגיין אָן דער מציאה — אָבער פאַר אַ ייִנגל אַ בן־תורה, אַ בחורל צו לייטן — צו וועלכע רוחות נוצן אים די שוואַרצע יונגעלייטלעך? ער איז שוין אַליין באַלד אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק און דער קאָפּ ליגט אים נאָך אין ליבעס, רחמנא ליצלן, גלייך מיט אַלע דינסטמיידלעך. פע! ס'איז אַ בזיון פאַר לייטן...

און זיך ראַש אַ קער געבנדיק צו שלמהן, פרעגט זי מיט גאַל:

— נו, אדרבא, זאָג אַליין, איז דאָס נישט קיין חלול השם, אַז אַזאַ בחורל ווי דו זאָל זיך אַריינטון אין אַזעלכע... כ'בעט איבער אייער כבוד, אין אַזעלכע... טפו!...

ר' זוסיע וואַרפט אויף שלמהן אַ קוק מיט בטול און שפּייט האַס־טיק אויס, זיך צווישן די פּיס. שלמה ענטפערט געלאַסן:

— איר האָט אַ טעות, איטקע. עס פאַרשטייט זיך, עס זענען דאָ אַלערליי ראָמאַנען, אָבער ס'איז נאָך געוועןדט, ווי אַזוי מען לייענט זיי. אַ מענטש מיט שכל קען פון זיי אַרויסנעמען פיל נוציקע זאַכן.

— יאָ, הלמאי זאָל איך זאָגן, כ'שטעל זיך דוקא נישט פאַר, וואָס פאַר אַ גוטס מען קען נאַשן פון די שוואַרצע... ווי אַזוי האָט איר געזאָגט, האָדל, דער שוואַרצער — וואָס?

האָדל, גרויס ביי זיך, וואָס מען פרעגט זיך אָן ביי איר:

— דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק. אויף מיר אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ ביכל דאָס איז... ביי הזכרת־נשמות האָב איך זיך אַזוי נישט אָנגעוויינט... נאָך עד היום, אַז איך דערמאָן זיך...

איטקע שלאָגט איר איבער:

— יונגערמאַנטשיק זאָגט זי. זאָל זיין יונגערמאַנטשיק; אַ נפקא מינה אַ גרויסע. וואָס זשע זאָגסטו, שלמה? צו וואָס נוצט עס?

— כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, ס'איז געוועןדט, ווער און ווי אַזוי עס לייענט דעם ראָמאַן. פון אַזאַ בוך קען מען אַרויסנעמען, ווי אַזוי מען דאַרף היילִיק ליב האָבן די באַשערטע...

— טפו! אַלע בייזע ווײַסטע חלומות אויף מיינע שונאימס קעפּ. אָט דאָס גאָר זוכסטו אין די פאַסקודסטוועס?

— נישט איך זוך, צו וואָס דאַרף איך זוכן? עס קומט במילא.

— וואַרט נאָר, ווי אַזוי זשע האָבן אונדזערע אבות־אבותינו גע־קענט די תורה אָן ווייסע יונגעלייטלעך, כ'מיין שוואַרצע?

— דאַמאָלסט זענען געווען אַנדערע צייטן און אַנדערע לידלעך. היינט איז אַ נייער דור אויפגעשטאַנען, אַ צו קלוגער...

קלמנס אויגן גיבן פאראכטנדיק א פינקל:

— הייסט עס, דער נייער דור איז דיר שטארק נישט געפעלן?

— ס'איז געווענדט מיט וואס.

— און מיט וואס איז ער דיר יא געפעלן?

— איך מוז זיך טאקע מתודה זיין פאר דיר ווי פאר א גלח?

— האסטו פאראיבל, הייסט עס, נאך וואס די ראטנמאכט האט אפגעשאפט די הייליקע ליבעס?

— שייך זאגן, פאריבל — אנטציקט דערפון בין איך נישט.

— פאר וואס זשע ביסטו נישט אנטציקט, לאמיך וויסן?

איטקע די טוקערין וויל נישט ליידן, וואס קלמן האט זי באזיי־טיקט, און וויל אויך ארייננשטעלן א ווארט. נאר קלמן שלאגט איר איבער:

— וואס זשע, א פרוי, האלסטו, איז עפעס א הייליקטום, וואס מען דארף אזוי ציטערן איבער איר?

— א פרוי איז אודאי א הייליקטום. אין איר איז פיל געווענדט: פארוואנדלען דאס לעבן אין א גן־עדן, און אין שלעכטן פאל — אין א גיהנום...

קלמן גיט א ווארף צו די פארשווינען:

— נו, ווי געפעלט אייך עפעס? את זעט איר פאר זיך א לעבעדיקן דאן קישאט. יא, שלמה, אבער דאס אלץ איז דאך נאר געווען בעת יענע ווילדע מנהגים, אז ווי באלד דו האסט געזאגט: „הרי־את", איז פארפאלן ביזן גרוב אריין. אבער היינט, וואס פאר א גן־עדן? וואס פאר א גיהנום? וואס פאר א לאקשן? ווער קומט אן דערצו? היינט איז דאך פא פראלעטארסקי. געפעלט זי דיר, איז האלט זיך מיט איר, ניין — איז אריינגעאנגען אין „זאגס" *, און — אויף אלע פיר זייטן!... ווען דו ווילסט, קענסטו האבן אויפגעבונדענע הענט... ווער זשע דארף שוין די הייליקע ליבעס?

שלמה באטראכט דאס קוילשווארצע האריקע מייזל אונטער זיין אויער. ער וויל נישט באמערקן פאלים נייגעריקן בליק און פרעגט:

— און דיר געפעלט שטארק צו האבן אויפגעבונדענע הענט?

בנימין בעקער ענטפערט פאר קלמנען:

— דו פרעגסט נאך, דו שוטה? דאס איז נייטיק ווי לופט אויף צו אטעמען.

— וואס זשע, חבר בעקער, איר וואלט נאך אייך געוואלט גע־ניסן פון דער „סוואבאדע"? עס ווילט זיך נאך א הוליע טון?

* זאגס — אן אמט אויף רעגיסטרירן חתונות און טויטפאלן.

— נאָך ווי אזוי, טשודאַק. אזוי פיל יאָרן געוואַרט דערויף, פרעגט ער ערשט...

— נאָר אין וואָס איז די מניעה?

— נישטאָ שוין די כוחות, נאָר. ווען נישט — אָ־אָ! כ׳וואָלט געבראָכן א וועלט... אָבער וואָס קומט אַרויס? די רעוואָלוציע האָט א ביסל פאַרשפּעטיקט, אָדער... איך האָב מיך צוגעאיילט...

— ווען נישט דאָס, הייסט עס, וואָלט איר נאָך איצט אפילו משלח געווען אייער ברײַנדלען...

— מיט גרויס פאַראַד. ער פרעגט ערשט. אפילו היינטיקן טאָג! אָבער גיי רעד, אז כ׳טויג שוין צו גאָרנישט... אָפּגענוצט.

— און וואָס וואָלטן געזאָגט אייער בערל מיט שמעונען, ווען זיי הערן זייער פאָטערס רייד?

— זיי גאָר? דרך־ארץ ווייסן זיי נישט? איך מיש זיך א סך אין זייערע געשעפטן? וואָס זיי ווילן, לאָז איך זיי טון, און וואָס מיר גלוסט זיך — קען איך טון. נישטאָ קיין באַלעבאָס איבער מיר.

— און ברײַנדל וואָלט אייך נישט אויסגעדראַפּעט די אויגן? און די שווינגער...

— כ׳וואָלט זיך שוין מיט זיי אַן עצה געגעבן, האָב קיין יסורים נישט. דו קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. אָבער וואָס קומט אַרויס, וואָלט איך, זאָלט איך...

קלמן פרעגט ערנסט:

— און דו, הייסט עס, ביסט דערפאַר, אז א מאַן דאַרף זיך האַלטן מיט א פרוי אַלע יאָרן?

— ווי דען אַנדערש?

— און זי אויך אזוי?

— כ׳מיין אזוי.

— ביסטו דאָך טאַקע א פאַרצייטישער מענטש. וועלכע יונגע פרוי וועט עס היינט איינגיין דערויף, אַז זי זאָל זיך קענען נאָר מיט איר מאַן? נישטאָ היינט, דאַכט זיך, אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע. שאַ, אָט זיצט פאַלי טולטשינסקי. לאָמיר הערן פון איר. פאַלינאַ יאַקאָוונאַ, זאָגט איר...

פאַלי ציינדט זיך אָן ביז איבער די אויערן און גיט א בורטשע:

— ביי מיר פרעגט גאָרנישט. איך הער זיך נישט צו צו אייערע רייד און זיי אינטערעסירן מיך נישט.

שלמהן פאַרדריסט ביז גאָר אויף איר, פאַר וואָס זי האָט נישט קיין מוט צו זאָגן אָט דעם אויסוואורף דעם אמת אין די אויגן און ער באַשליסט זיך מיט איר אָפּצורעכענען. ער גיט מיט א שמייכעלע א פרעג קלמנען:

— כ'פּאַרשטיי בכלל נישט, צו וואָס דאַרף מען גאָר א „זאַגס". מען קען זיך דען נישט באַגיין אָן אים? אַז ס'איז היינט אוועק אַ מאָדע אַזוי ווי ביי די הינט, אויף דער גאַס זיך באַקענט, באַשמעקט, זיך אַ שפּיל געטון און צעגאַנגען זיך — וואָס זשע דאַרף מען נאָך די צערעמאָניע מיטן פאַרשרייבן זיך? ס'איז דאָך במילא נאָר ביז ס'וועט זיך איבערגלוסטן...

קלמן איז פאַרן וואָרט „הינט" אש־להבה. ער וויל עפּעס ענטפערן, נאָר שלמה האָט נאָך נישט דערענדיקט:

— אודאי דאַרף מען נישט דאָס גאַנצע פיקסירן מיט דעם טינט־לעך. אין דער פרי אַ מיידל, ביי טאָג זיך באַגעגנט מיט אַן „איינגע־שפּאַרטן" און שוין אַ ווייבל, אין צוויי טעג אַרום — אוים כלה, ווידער אַ מויד! און טאָמער איז זי אַן עקשנטע, דאַרף מען נאָר נישט זיין קיין שוטה און קענען אונטערשטעלן אַ פיסל און אומ־וואַרפן אין שניי אַריין, און טאָמער בייסט זי זיך, אין פינגער למשל צי ערגעץ אַנדערש, דאַרף מען אויך ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן. דאָס וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן אין שניי, קען געלונגען שפּע־טער אין גראָז... דער עיקר, נאָר נישט זיין קיין שלימזל, נישט פאַר־געסן, אַז אַלץ מעג מען, אַז ס'איז נישטאָ קיין בעל־הבית אויף דיר... פאַרשטייסטו? הפקר אַ וועלט, הוליע קאָזאַק!...

פּאָלים פּנים איז ווייסער פון דעם שניי. אירע גרויסע אויגן ניש־טערן אויף שלמהס פּנים, ווילן געוווירע ווערן:

— ער ווייסט טאַקע עפּעס, צי ס'האָט זיך ביי אים סתם אַזוי אַרויסגעכאַפּט?

שלמה איז אָבער שטאַרק פאַרנומען: ס'האָט זיך ביי אים פאַר־קאַטשעט אַ הויז און ער קוקט נישט אין איר זייט אַריין. ר' זוסיע כאַפּט שנייעלעך פון דער לופט, צעדייבט זיי אין די דלאָניעס און מורמלט עפּעס שטיל. איטקעס איניקל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער בעל־עגלהכע און פייפט אוים מיטן נעזל אַ שטיל ניגונדל. קלמן טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט:

— וואָס זשע מיינסטו, שלמה? אפילו אַזוי ווי דו זאָגסט, איז אַלץ גלייכער ווי דיינע פאַרשימלטע הייליקע ליבעס, יענע קאַפּיטאַ־ליסטישע מנהגים פירן צו אמתער קאָנטער־רעוואָלוציע.

— ווי אַזוי זשע דען זאָגסטו?

— אַזוי ווי איך האָב פריער געזאָגט: פולע פרייהייט אין די באַ־ציאונגען צווישן מאַן און פרוי און קיינע קייטן נישט. היינט וויל איך דיך און מאָרגן נישט. קיינע פליכטן, קיינע התחיבותן...

— און אַזוי אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק?

— פאַר וואָס עפּעס נישט?

— און דער פרוי — אויך אזא מאס פרייהייט?

— די זעלבע פרייהייט. גלייכבארעכטיקונג איז גלייכבארעכטי־קונג.

— הייסט עס, אז דו פראפאגאנדירסט פראסטיטוציע, הא?

— דו דול מיר נישט קיין קאפ מיט דיינע גמרא־דריידלעך, איך ווייס נישט קיין קונצן און וויל נישט ווייסן, איין זאך ווייס איך:

Долой, долой монархию,
Рабинов и попов,
Полезем мы на небо,
Разгоним всех богов... *

פארשטאנען? פרייהייט איז פרייהייט, און דיינע חופות מיט די גטן זענען א וועג צו קאנטער־רעוואלוציע... אט ווי!

— איצט פארשטיי איך שוין, איצט האסטו מיר געגעבן צו פאר־שטיין. יא, זאג מיר, און די פרויען אייערע זענען אויך מסכים אויף אזא ארט לעבן? זיי האבן דאך אויך א דעה.

— א, א, נאך ווי אזוי מסכים, זיי זענען נאך ערגער פון די מענער. פייער! אז דו ווייסט גארנישט, וואס דו רעדסט.

— דו ביסט אליין גאר קיין מבין נישט, ווי אומפארשעמט דיינע רייד זענען... דו רעדסט ווי אן אמתע —

— ווער איז געוועז די אומפארשעמטקייט, וואס פאר א לאקשן? דו ווייסט נישט דעם איצטיקן לאזונג:

Долой стыд, да здравствует природа! **

מיר האבן אפגעשאפט די בושה, ליקווידירט ווי א קלאס. קאמונע

— דאס איז דיר נישט קיין חסידישע מלוה־מלכה. קאמונע איז קאמונע, קריכט ער גאר מיט זיין אפגעבליאקעוועטן צניעות... דו פארגעס דיינע בורזשואזנע שטיקעלעך... געשטארבן...

— אבער ווי שטעלסטו זיך פאר, מיר'ן זאגן, א שיינע פריילין פון א לייטיש הויז און א בחורל מער ווייניקער איר גלייכן האט זי ליב. ער האט זי ליב מער ווי זיין לעבן. ער פארגעטערט זי. ער איז זיך גרייט מקריב צו זיין פאר איר מיט לייב און לעבן. נאר איין חסרון האט ער, ער וויל זי נעמען אויף לאנג, אויף שטענדיק, אויפן אלטמאדישן שטייגער. איז ווי קלערסטו, ווען דארף גיכער אזא

---

* נידער, נידער מיט דער מאנארכיע,
רבנים און גלחים,
מיר וועלן ארויפקריכן אויפן הימל,
צעטרייבן אלע געטער.

** נידער מיט דער בושה, זאל לעבן די נאטור!

מיידל, למשל, אויסקלייבן, אַט דאָס נאַאיווע בחורל, צי אַזעלכן, וואָס איז אַ בריה אונטערצושטעלן פּיסלעך, האַ?

— דעם וואָס איז אַ בריה... מיט דעם ערשטן וועט זי פאַרשימלט ווערן אין די הייליקע ליבעס, ווער שמועסט, אויב זי איז נאָך אַ שיינע אויך, איז דאָך אָפּגערעדט — אַז זי קען סמאַליען אַ וועלט...

— ביז ווען זשע סמאַליעט מען?

— אָן אַ ביז־ווען, שטענדיק!

— ווי לאַנג זשע קען אַ פרוי דויערן ביי אַזאַ אַרט לעבן?

— וועמען גייט עס אָן? וויפל זי וועט דויערן, וועט זי דויערן.

— און דערנאָך?

— ווער דאַרף זי באַוואַרענען? יעדער טראַכט פאַר זיך.

— און אויב זי האָט קינדער, וואָס זשע טוט זי מיט זיי?

— ווער הייסט איר האָבן קינדער? גלייך ווי עמעצער הייסט איר קינדלען.

— אָבער אויב זי האָט פּאַרט?

— זאָל זי נישט האָבן — און אַז נישט, זענען דאָ געגוג קינדער־הייזער און עס בויען זיך נאָך...

— וועט זיך דאָס גאַנצע פאָלק דערציען אין די קינדערהייזער?

— וואָס לאָזסטו מיר רויך אין די אויגן מיטן פאָלק? זאָרג נישט פאַרן פאָלק, דאָס פאָלק וועט עמעצער אַנדערש פאַרזאָרגן און דו האָב אין זינען לעבן אַ גוטן טאָג. פרייהייט איז פרייהייט, אַט דאָס איז עס...

בנימין בעקער פאַרשטעלט קלמנען דאָס מויל:

— שווייג, רו זיך שוין אָפּ אַ ביסל. זאָג מיר, שלמה, און דיר אַליין געפעלט, ווי דיין טאַטע האָט זיך נוהג געווען?

— אודאי געפעלט מיר אַזוי.

— און אַנשטאָט דעם, וואָס ס'איז מעגלעך צו לעבן, מיט וועמען דו ווילסט, וועסטו זיך פאַרבינדן מיט איין נקבה אויפן גאַנצן לעבן?

— מיט איין פרוי. אודאי מיט איינער! מיט וויפל דען?

— און אפשר נאָך האָבן צען קינדערלעך?

— דאָס איז אויך נישט פון די גרויסע פאַרברעכנס.

— אויב אַזוי, ביסטו רעכט אין דער אַרבעט! מעג מען דיר געבן קייען שטרוי, אויף מיין וואָרט. וווּ וואַקסט גאָר היינט אויס אַזעל־כעס? סיידן ערגעץ הינטער די הרי חושך...

שלמה כאַפּט איבער פאַלים אַ קוק: ער איז פול מיט פאַראַכטונג צו אים. פון אירע אויגן טריפט גיפט גלייך צו אים אין דער נשמה אַריין. ער לייגט אַריין דעם קאָפּ אין די הענט אַריין, דריקט צו־נויף די שלייפן און טראַכט: רבונא־דעלמא־כולה! וואָס טוט זיך

דאָס מיט מיר? פון וועמען טראַכט איך גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט? זי האַלט דאָך, דאַכט זיך, מיט די קלמנס און בנימינס. גוואַלד געשריגן! פאַר וואָס בין איך אַזוי זינדיק, פאַר וואָס האָב איך נישט קיין מוט אַ שפּיי טון אויף איר און פאַרגעסן, אויסרייסן זי פון האַרצן מיטן וואָרצל און באַפרייט ווערן? גוואַלד, פאַר וואָס? פאַר וואָס?

קאַפּיטל XLV

דאָס איז געווען צוויי וואָכן פאַר פורים. אפרים־אהרון און שלמה, ברכה, מיכאל און יחיאל זענען זאַלבעפינפט געפאָרן קיין ליסענקעס אויפן יאַריד. אַהין צו וועגס האָט די גאַנצע צייט געשיט מיט גרייפּעלעך. דער הימל איז געווען ווי אָפּגעשמירט מיט געלן ליים פון ברעג צו ברעג. קיין שפּעלטיקל, קיין רמז אויף לויטערער צו ווערן. ביז זייגער איינס האָט מען נאָך געלייזט צו ביסלעך געלט. קרעמערס זענען געווען ווייניק, קונים אויך נישט פיל, נאָר ס'האָט נאָך געהייסן, נישקשה. נאָך מיטאָג איז געוואָרן פון די גרייפּעלעך שניי און נאָך שפּעטער אַ גאַנץ געוויינלעכער רעגן, אַ פרילינגסרעגן, אַ וואַרעמער, אַ שמעקנדיקער. די פּיאַטיגאָרסקים האָבן זיך פאַרנומען אין אַ שטוב אַריין, דאָרט אויסגעלייגט די סחורה און ביסלעכווייז נאָך געלייזט. פאַר נאַכטלעך האָט דער רעגן אויפגעהערט. אין שטעטל האָט מען געצונדן ליכט. די לופט איז געווען אָנגעווייקט מיט פייכטקייט, דער נעפּל האָט איינגעהילט אַלץ מיט אַנאַנדער. לכתחילה האָט ברכה אַפילו אַ זאָג געטון:

— פאָלג מיך, אפרים־אהרון, לאָמיר בעסער דאָ איבערנעכטיקן. איידער זיך שלעפּן פינף און צוואַנציק קילאָמעטער אין אַזאַ טומאַן, איז בעסער וועלן מיר שוין אין דער פרי זיך אַריבערכאַפּן אַהיים. קודם איז ביי טאָג זיכערער דער וועג און מיר וועלן זיך איבער נאַכט טאָקע אויסרוען. אפשר וועט זיך דאָס וועטער אויך ענדערן.

נאָר די ברידער זענען אויף איר אָנגעפאַלן:

— טאָמער איז אונדז קאַרג איין טאָג אויף אַזאַ „גאָלדענעם“ יאַריד, זאָלן מיר נאָך פּטרן דעם מיטוואָכדיקן טאָג אויך! אָמער, אויב ס'וועט מאָרגן זיין שיין אין דרויסן, וועלן מיר נאָך פאָרן קיין טעניוווקע. ווי קענען מיר זיך פאַרגינען דורכצולאָזן אַ יאַריד?

מען איז אָוועקגעפאָרן.

דורכפאָרנדיק דורך די נאַסע אויפדערנאַכטיקע געסלעך, האָבן זיי באַגעגנט יידן גיין פון מעריב, די באַלויכטענע פענצטער האָבן זיך ווי אין אַ קרומען שפּיגל אָפּגעשפּיגלט אין די פילצאַליקע קאַליוזשעס.

מען איז דורכגעפאָרן פאַרביי דער קינדערשול. אין די לעצטע צוויי פענצטער לייכט זיך. דאָרט וווינט דער דירעקטאָר. דורך דער אָפענער פאָרטעטשקע * האָט זיך דערטראָגן דאָס שפּילן אויף אַ פּיאַנינע. שלמה האָט דערקענט איינעם פון מאָצאַרטס עטיודן און האָט זיך שטייפער איינגעוויקלט אין זיין לעכערדיקן פּאַלטאָ. שווער האָבן זיך געשלעפּט די פערד באַרג־אַרויף. דער בעל־עגלה האָט נישט געהייסן די פאַרשווינען, אַז זיי זאָלן אַראָפּגיין, און איז אַליין אויך געזעסן איינגעניורעט אין זיין סוויטע און געטראַכט וועגן זיין היימישן געלעגער אויף דער גליענדיקער לעזשאַנקע **. פון טאָל האָט מען שוין דאָס שטעטל לחלוטין נישט אַרויסגעזען, נאָר עלנטע רויטע מאָנדעלעך האָבן זיך ערגעץ ווו געוואַלגערט, ווי נאַכטפלעמלעך אין די אוראַלטע זומפּן. אין מילכיקן טומאַן האָט מען פאַרלוירן דעם צווייטער. ווייט, ווייט, פון די קאַזאַרמעס האָט זיך דערטראָגן:

Эх, ты, яблочко,
Куда ты катишься... ***

דער האַרמאָניסט האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים און העלדזער האָבן צוגעהאָלפן.

באַלד נאָך ליסענקע ליגט בוזשענקע מיט איר ריזיקן צוקער־זאַוואָד. דער טומאַן איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער, ער האָט אָנגעגריפן די פור פון אַלע זייטן. קוים וואָס מען האָט שוין געזען אויף עטלעכע שפּאַן פון זיך. די פערד האָבן אָנגעשמעקט דעם שליאַך און פאָרזיכטיק געשטעלט טריט. אין בוזשענקע האָט זיך שוין אין ערגעץ נישט געלויכטן. דאָס דאָרף איז פאַרשוווּנדן אומבאַמערקט, ווי עמעצער וואָלט דאָס האָבן אַריבערגעטראָגן אויף אַ צווייטן אָרט. אין זאַוואָד איז אויך געווען פינצטער, נאָר אין סטאָראָזשקע **** האָט זיך שוואַך געלויכטן. נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם האָט אפרים־אהרון אַ זאָג געטון:

— נו, אויב איר ווילט, קענען מיר דאָ איבערנעכטיקן. דער סטאָראָזש איז אַ באַקאַנטער גוי, פאַר צוויי וואָכן האָט ער ביי מיר אַן אָנצוג „אָנגענומען".

* פאָרטעטשקע - א קליין איבערשטע פענצטע־ל אויף דורכצולופטערן דאס צימער.

** לעזשאַנקע - א געלעגער ביים אויוון.

*** עך, דו עפּעלע,
וווהין קייקלסטו זיך...

**** סטאָראָזשקע - א וועכטער־ביידל.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן: אָדער מען איז געשלאָפן, אָדער עס האָט זיך נישט געגלוסט עפענען דאָס מויל.

מען איז ווייטער געפאָרן...

דעם טומאַן האָט מען שוין אויפגעהערט צו זען, ער איז שוין געפאָרן אויף דער פור גלייך מיט אַלע פאַרשוינען: געהאַנגען אויפן קאָלנער, אויפן פורמאַנס שמויסענעם היטל און אויף די פערדס הינטנס. ווייטער האָט מען נישט געזען, קיין בייכער האָבן די פערד נישט געהאַט, קיין קעפּ אויך נישט. עס האָט זיך נאָר שוואַך דערטראָגן זייער קנעטן די בלאָטע און ווי די רעדער שניידן זיך איין אין דער קלעפּיקער מאַסע.

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווען דער וואַלד האָט זיך צוגערוקט, ווען ער האָט זיי אַריינגענומען אין זיינע שטאַלטנע נאַסן. אַלע אויף דער פור האָבן לייכט געדרימלט, דער בעל־עגלה אויך. די פערד האָבן אויך אין דרימל זיך באַוועגט. אויפגעכאַפּט האָבן זיך אַלע מיט דעם געפיל, אַז עפּעס איז געשען... וואָס אַזוינס, האָט מען נאָך נישט געוווסט, נאָר מען האָט געפילט, אַז עפּעס שטייט מען אויף איין אָרט, עפּעס לאָזט נישט פאָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך פון דער פינצטערניש אויסגעטיילט פיר ריזיקע סילועטן מיט קאַראַבינען אין די הענט, צוויי האָבן געהאַלטן די פערד פאַר די ציימלעך, די אַנדערע צוויי — געצילט אין די פאַרשוינען:

— שווייגן!.. הענט אַרויף!.. אַראָפּ פון וואָגן!.. רירעוודיקער!... שווייגן!... פאַר איין פּיפּס — צוויי קוילן! דער פורמאַן אויך... גיכער! קוקן אין וואַלד אַריין! צוגיין צו דיביימער... נענטער... נאָך נענטער... שטיין און זיך נישט רירן!... פאַר נישט פאָלגן — דער טויט!...

די באַנדיטן האָבן זיך וועגן עפּעס אָנגעהויבן סודען הינטער זייערע פּלייצעס. איינציקע ווערטער האָט מען געקענט כאַפּן:

— מאַנופאַקטור... גוטע קאָבעלעס... געלט...

אַ מינוט צען איז געווען אין גאַנצן שטיל, דערנאָך איז צוגעגאַנגען איינער פון זיי צו אפרים־אהרונען:

— נו, אַלטער, גיב אָפּ, וואָס דו האָסט ביי זיך, טאָמער לאָזסטו עפּעס איבער, הרגע איך דיך!...

אפרים־אהרון האָט אויסגעטרייסלט אַלע קעשענעס און אָפּגעגעבן.

— איצט וועלן מיר ערשט זען! מאַקסים, נעם אים אויף דער מושקע*! אין גאַנצן צעשפּיליע זיך!... און וואָס איז דאָס? פאַרשיווע זשיד...

איבערן גאַנצן וואַלד דערהערט זיך אַ פּליאַסק. פון אפרים־אהרונס

---

* געמינען אויף דער מושקע - צילן אין עפּעס.

געשריי ווערן פארקילט די בלוטן אין די אדערן. שלמה פילט, אז עס האקן זיך אים אונטער די פיס. דער באנדיט שיפעט ווי א שלאנג:

— שרייען וועסטו? אונדז אויסגעבן? אט שפאלט איך דיר אויף דעם בויך... פאר וואס האסטו באלד דעם זייגער נישט אפגע־געבן? כ'האב דאך דיך געווארנט!

ביי אפרים־אהרונען זענען אויסגעהאקט די ציין און צעבלוטיקט די ליפן. מיט א פארענהערטער שטים ענטפערט ער:

— דעם זייגער האב איך שוין צוואנציק יאר, פון דער חתונה אן...

— איך וועל דיר געבן א חתונה, וועסטו שוין מער נישט וועלן... וואס נאך האסטו?

— מער גארנישט, מעגסט זוכן...

— אז איך מעג זוכן, דאס וויים איך אליין, דו קרעציקער זשיד!

נאך אפרים־אהרונען איז געקומען מיכאלס ריי. ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו די רויבערס.

— ארויסלייגן אלץ!.. אז איך וועל שוין געפינען, וועט זיין שלעכט!

מיכאל האט ארייגעלייגט די הענט אין טאש... און פלוצלינג האבן זיך צוויי באנדיטן אויף אים א ווארף געטון, אים אומגע־ווארפן און באפאלן זיינע קעשענעס. ביי מיכאלן אין טאש איז געווען א סך קליינגעלט. זיי האבן דערהערט א קלונג און געמיינט, אז דאס איז געווער. מיט א שרעקלעכער רציחה האבן זיי זיך נאכ־דעם נוקם געווען אין אים פאר זייער דערשרעק: געטאפטשעט אים מיט די פיס, געהאקט מיט די אפצאסן אין די זייטן, געריסן די האר פון קאפ.

ברכה האט נישט געקענט מער אריבערטראגן, זי האט זיך גע־געבן א דריי אוים:

— הרגעט מיך פריער, וואס האט איר צו אים?

איינער האט איר דערלאנגט מיטן שטיוול אונטערן הארצן און ברכה האט זיך א וואקל געטון.

ווען עס איז געקומען שלמה'ס ריי, האט ער אויפריכטיק גע־מאלדן:

— יענער מיט דער בארד איז מיין פאטער, דאס גאנצע געלט איז געווען ביי אים, איך האב ביי זיך נאר א נאזטיכעלע.

— גיי אריבער אויף יענער זייט, פלאנטער זיך נישט פאר די פיס!

יחיאלן האט מען שוין אפילו נישט באזוכט. פון יענער זייט וואלד האט זיך דערהערט א פארן פון א סך פורן. די באנדיטן, מיט אנ־

געצילטע קאראבינען, האָבן צוגעפירט די גאַנצע גרופּע אין אַ ווייטן ווינקל טיפער אין וואַלד און שטיל באַפוילן:

— לייגן זיך!.. שווייגן!.. דעם קאָפּ נישט אויפהייבן!.. פאַר נישט פאָלגן וועלן מיר שיסן אָן אַ וואָרענונג! אָפּרוקן זיך איינער פון צווייטן!.. נאָך ווייטער!..

דאָ איז נאָך דער שניי געלעגן אומבארירט. צווישן דיביימער האָבן זיך צעלייגט אָן אַ שיעור שווארצע שאָף, צעזייט און צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח.

ערשט ליגנדיק מיטן פּנים צו דער ערד, האָבן זיך די פּיאַטיגאָרסקים געכאַפּט, אַז דאָס זענען נישט קיין שאָף, נאָר מענטשן. אַ מאַסע מענטשן... אַלע מיט די פּנימער צו דער ערד אַזוי ווי זיי. איבער זיי אַלע האָבן געוואַכט אַנדערע צוויי באַנדיטן, אויך מיט אָנגעצילטע קורצע ביקסלעך. אין וואַלד האָט דער טומאַן נישט אריינגעדרונגען און מען האָט געקענט באַמערקן אין צווייטן זייט וואַלד אַ לאַנגע ריי מיט גויאישע וועגענער. די פערד זענען מרה־שחורהדיק געשטאַנען, פון מאָל צו מאָל אַ שמעק געטון דעם שניי און ווייטער זיך איינגעהערט. אין וואַלד איז געווען שטיל, אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. דער גערויש פון די אָנקומענדיקע פורן האָט זיך אָנגעהויבן שוואַכער דערטראָגן, נאָך שוואַכער, ביז ער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט. די פורן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ הונדערט מעטער ווייט פון וואַלד. אַ פּנים, ווי די באַנדיטן האָבן זיך נישט געהיט, האָט זיך פּאַרט צו זיי דערטראָגן פון וואַלד עפּעס אַ פאַרדעכטיקער גערויש, אַ הירזשען פון פערד, און דאָס האָט זיי אריינגעוואָרפן אין אַ ספק: פאָרן ווייטער, צי נישט פאָרן? די באַנדיטן, וועמענס הויפּטציל אין דעם אָנפאַל איז געווען צו פאַרכאַפּן יענע צוואַנציק פורן, וועלכע האָבן געדאַרפט צושטעלן ראַפינאַד פונעם צוקער־זאַוואָד אויף אַ סטאַנציע, האָבן זיך אויף גיך אַ שושקע געטון, איינער פון זיי האָט צוגעשטעלט די הענט צום מויל ווי אַ רופאָר* און אריינגעשריגן אין דער נאַכט אריין מיט אַ צעוויי־טיקט קול:

— פעטערלעך! פאָרט צו אַ ביסל העלפן!... אַן אַקס האָט זיך ביי מיר צעבראָכן... העלפט צו, גוטע מענטשן!...

עטלעכע מינוט האָט נאָך געדויערט די שטילקייט און מיט אַ מאָל האָט זיך אַ ריס געטון דער קאַראַוואַן פורן העלפן דעם געליטענעם פאַרריכטן די אַקס. און עס האָט זיך פּינקטלעך איבערגעחזרט די פריערדיקע סצענע מיט אַלע פּיטשעשוועקעס:

---

* אַ הויכרעדנער.

— הענט אַרויף!.. פון די פורן אַראָפּ!.. שווייגן!.. קוקן אין וואַלד אַריין!.. לייגן זיך!.. צערוקן זיך!.. ווייטער!.. נאָך ווייטער!..

קאַפּיטל XLVI

אומענדלעך לאַנג האָט געדויערט דער לעצטער עפּיזאָד. אַלץ האָט זיך געטון שטיל, מיט אַ שעפּטשעריי. ערגעץ ווייטלעך האָט מען רציחהדיק געשלאָגן עמעצן. שפּעטער האָט מען געהערט, ווי מען פּירט פערד. עס האָבן געקלונגען לישניעס*, מעטאַלישע טיילן פונעם געשפּאַן. פורן זענען אָפּגעפאָרן. פורן זענען צוגעפאָרן. עפּעס האָט זיך געקאָכט. אָבער אַ קוק טון איז געווען געפערלעך. די קאַראַבינען האָבן שפּאַצירט איבער די קעפּ.

שלמה האָט געפילט אַ טעמפּן ווייטיק אין דעם פאַרווונדעטן פוס. אומפאַלנדיק אויפן שנייַ האָבן זיך די פאַלעס פון דעם פּאַלטאָ צעשפּרייט און זיין קראַנקער פוס איז שעהן לאַנג געלעגן אויפן שנייַ. קיין חשבון פון דער צייט האָט קיינער נישט געוווסט. ס׳האָט גע־קענט זיין צען און ס׳האָט געקענט זיין פיר נאָך האַלבער נאַכט. שווער אָנגעלאָדענע פורן האָבן געהאַלטן אין איין אַרויספאָרן פון וואַלד און ליידיקע קלינגענדיקע — אין איין אַריינפאָרן. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט:

— ליגן רואיק!... נישט שעפּטשען!... אין דיין מאַמעס מאַמען, צו דיר רעד איך?

אָבער אין אַלגעמיין איז געווען שטיל. דער שנייַ איז שוין געווען איינגעפרעסט וואַרעם ווי אַן איבערבעט. אַלץ האָט געקענט אָנגיין פאַר אַ חלום. עס האָט געמאַטערט דער שלאָף. פון ליגן אויסגעצויגן זענען די הענט, די פיס ווי געליימט געוואָרן. עס האָט זיך געוואָלט שוין אַזוי ליגן בלייבן ביז אין טויט אַריין...

מיט אַ מאָל האָט זיך דייטלעך דערהערט אַ באַפעל:

— אַלע אויפשטיין!... רירעוודיקער!... נישט אויסדרייען זיך!..

לכתחילה האָט זיך קיינעם נישט געגלייבט, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אים אויך. אָבער דער אימפּעט פון אויפשטעלן זיך און אָפּ־טרייסלען דעם שנייַ האָט יעדן גלייך אויסגעניכטערט. יעדער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ זענען דאָ הייזער, מענטשן און וואַרעמע געלעגערס. אוי, שלאָפן!... מער פון אַלץ האָט זיך געוואָלט שלאָפן! וואָס מער שלאָפן. איבערשלאָפן אָט דעם ביטערן קאָשמאַר.

---

* לישניע - די דרענגלעך ביי די אקסן פונעם וואגן.

דאָס קול האָט ווייטער באַפוילן:

— לויפט און קוקט זיך נישט אום... פאַר אַ קוק צוריק — אַ קויל!..

פון דעסט וועגן האָט שלמה געכאַפּט אַ קוק: אַלע זעקס באַנדיטן מיט געווער אויף „גרייט" זענען געשטאַנען אין דער ברייט פונעם שליאַך. הינטער זיי אַ ליידיקער וואָגן מיט פיר פערד אין דער ברייט. איינציקע פויערן האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און נישט אומקוקנדיק זיך פאַרצווייפלט אויסגעשריגן:

— אונדזערע פורן, אונדזערע פערד!...

דער זעלבער באַנדיט האָט געלאַסן געענטפערט:

— אייערע פורן האָבן מיר אַרויסגעפירט פאַראויס. איר לויפט, אָדער מיר שיסן! איינס, צוויי, דריי!..

איבער זייערע קעפּ האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס. איינער איבערן צווייטן האָט זיך די גאַנצע טשערעדע מענטשן אַ לאָז געטון לויפן. יעדער איינער האָט דערוואַרט אַ קויל אין פּלייצע. ווען מען איז אָפּגעלאָפן עטלעכע הונדערט שפּאַן, האָט זיך ווירקלעך אויסגעשניטן פון דעם אויפגעהויבענעם טומאַן אַ, אין אימפּעט צונויפגעוואָרפענע, מאַסע פון פורן מיט פערד, פורן אָן פערד און פערד אָן פורן. דאָ האָבן די פויערן אויפגעהויבן אַ גוואַלד עד לב־השמים. אין איין ווײַלע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ היפּשע גרופּע און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן צוריק אין וואַלד אַריין. אָבער אין וואַלד איז געווען פּוסט... די איינגעפּרעסטע ערטער האָבן פאַריתומט זיך געקנייטשט און זיך געבעטן ביי די מענטשן:

— אפשר ווילט איר זיך נאָך צוליגן אַ ביסל... פריער איז אַזוי גוט געווען... וואָס טויג אייך דאָס זוכן? וואָס עס איז געווען, איז פאַרפאַלן...

די פורמאַנעס האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די שפּורן. דאָרט איז געווען אַ מישמאַש פון הונדערטער רעדער. דער צעגייענדיקער שניי, די לויזע בלאָטע, דער פרעסנדיקער טומאַן — אַלץ האָט מיטגעהאָלפן דעם פאַרברעכן, אָפּגעווישט, אָפּגעוואַשן, פאַרדעקט... עס איז געווען נאָך אַלעמען.

ביי די פיאַטיגאָרסקים איז פאַרשוואונדן די סחורה צוזאַמען מיטן פערד און וואָגן. פון די איבעריקע פורן האָט קיינער נישט געדאַרפט קיין במעלניק. באַצאָלן איז נישט געווען מיט וואָס. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי זיך פאַר טאָג־צו פאַרשלעפּט צו זיך אין שטאָט אַריין און זענען זיך דערשלאָגענע צעגאַנגען איבער די היימען.

אויף אפרים־אהרונס קלאַפּ אין פענצטער האָט זיך דערהערט צפורהס דערפרייט קול:

— אָט באַלד עפן איך... די מינוט... נאָר אָנשטעקן עפּעס אויף די פּיס...
און באַלד טאַקע האָט זיך דערטראָגן איר אומגעדולדיקער געשריי:
— דינה, שטיי שוין אויף! די סחורה העלפן אַראָפּטראָגן!...
דאָס טירל אין טויער האָט זיך אויפגעשלאָסן. די מוטער איז געווען אין איין העמד אויפן לייב און מיט אַ שאַל אויף די אַקסלען. נישט אָנצינדנדיק קיין ליכט אין שטוב, האָט זי גיך געזאָגט:
— אָט גייען מיר שוין... דינה, ריר זיך אַ ביסל... די שוועבעלעך גיב אַהער.
און צום מאַן מיט אַ פאַרשלאָפן קול:
— וויפל איז דער זייגער? עס מוז שוין זיין זייער שפּעט... אפשר ביז עלף אַ זייגער האָבן מיר אויף אייך געוואַרט מיט דער וועטשערע. דער גוי קען דערווייל דאָרט נישט צונעמען קיין שטיקל סחורה?
— ניין, ער וועט נישט צוגנבענען...
— וואָס איז ביי דיר דאָס קול עפּעס אַזוי ווי הייזעריק, צי וואָס?
דינה רייבט אויס אַ שוועבעלע און צינדט אָן העם לאָמפּ. צופּעליק גיט צפורה אַ קוק אויפן מאַן און גיט אַ האַרצרייסנדיקן געשריי:
— אהרון, וואָס איז ביי דיר אויפן מויל?
— ס'איז גאָרנישט, פאַרטשעפּעט זיך...
— שלמה, וואָס שווייגסטו עפּעס? דינה, קום שוין אַליין אַראָפּנעמען די סחורה... דאָס שאַלעכל טו אָן...
אפרים־אהרון גיט אַ ביטערן שמייכל:
— לייג אַוועק דאָס שאַלעכל... מען דאַרף נישט אַראָפּנעמען... מען האָט שוין אַראָפּגענומען אָן אייך...
צפורה פליט צו אָן איבערגעשראָקענע:
— וואָס הייסט, מען האָט שוין אַראָפּגענומען? וואָס רעדסטו עפּעס מיט רעטענישן?
— ווער רעדט מיט רעטענישן? איך רעד דאַכט זיך אויף פּראָסט יידיש... מען האָט שוין אַראָפּגענומען... אויף אייביק אַראָפּגענומען... אייך פאַרשפּאָרט אַ גאַנג...
אַ האַרצרייסנדיקער קוויטש און צפורה פאַלט אין חלשות.
דריי טעג נאָך אַנאַנד איז אפרים־אהרון נישט ארויסגעגאַנגען פון שטוב, נישט דאַווענען, נישט צו די עלטערן — אין ערגעץ נישט. ס'איז אים געווען אַ ווייטיק און אַ בזיון זיך ווייזן אין גאַס, נאָך דעם ווי דער אייבערשטער האָט אים אַזוי פאַרשעמט. אויפן פערטן טאָג איז געווען שבת. הינטערן באַלעמער, ווי אָן אבל האָט אפרים־אהרון געדאַוונט שטייענדיק. קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט

רעדן צו אים און ער האט אויך צו קיינעם נישט גערעדט. נאך הבדלה איז יאַני צו אים צוגעגאַנגען, ארויפגעלייגט א האנט אויף דער פלייצע:

— נו, אפרים־אהרון, יוצא! געגוג געקלאָגט. דאנקען גאָט פאַרן לעבעדיקן. איך שווער אייך, ווי ס'איז דאָ א מקום קדוש פון גאָט, אַז טאָמער קווענקלט איר זיך אפילו א רגע אויף מיין פאָרשלאָג, וועל איך דאָס אייך קיין מאָל נישט מוחל זיין! נאַט אייך פינף טויזנט רובל און א חוץ דעם א בריוו צום זוועניגאָראָדקער הורטאָוו־ניק, אַז ער זאָל אייך געבן סחורה אָן געלט, וויפל איר וועט נאָר דאַרפן. פאָרט, קויפט איין א פרישע קראָם. און גאָט וועט ווידער מוזן העלפן!...

ביי אפרים־אהרונען איז האַלדז שטעקט א קנויל, נישט אראָפּצו־שלינגען, נישט אויסצושפייען. א רגע קוקט ער שטאַר אויף יאַנין און זאָגט שטיל:

— איך בין דאָך אייך אַזוי אויך שולדיק ניין הונדערט רובל.

— ווער פרעגט ביי אייך? וואָס ציילט איר מיינע קאַפּיטאַלן? ס'איז ביי מיר גוט געלט. קומט, איך וועל אייך ארויסטראָגן דאָס געלט מיטן בריוו.

— יאַני, איר זענט זיכער, אַז איך וועל האָבן אייך צו באַצאָלן?... איר זענט זייער אַ... איך מיין...

— איר ווילט מיר, דאַכט זיך, דאַנקען? נו, ווי שעמט איר זיך נישט? איר אויף מיין אָרט וואָלט דען נישט געטון אַזוי? קומט שוין, קומט.

גייענדיק פון בית־מדרש גיט אפרים־אהרון א קרעכץ:

— אַך, די מאַמע נעבעך, אויף דער עלטער...

יאַני באַרוואיקט אים:

— אייער טאַטן האָב איך נאָך פרייטיק געגעבן געלט און מיכאל מיט יחיאלן פאָרן אויף מאָרגן קייַן זוועניגאָראָדקע נאָך סחורה.

מאָנטיק איז מען ווידער געפאָרן קיין ווינעראָד און דינסטיק, אַנשטאָט צו פאָרן קיין ליסענקע, איז מען שוין געפאָרן קיין זשידיוווסקע־גרעבלי.

און עטלעכע טעג אַרום האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער געלעגנער אויפן שנייַ איז נישט גלאַטיק אָפּגעלאָפן. שלמהן האָט אָנגעהויבן אויף דאָס נייַ ווייַ צו טון דער פאַרוואונדעטער פוס. ס'איז אים שווער געווען אַרומצוגיין אויף אים און אפילו זיצנדיק האָט ער אויך גע־שטאָכן. יחיאל, זייענדיק אַזוי אויך א שוואַכינקער פון געבוירן, האָט צוגעקילט די לונגען. ער האָט אָנגעהויבן טרוקענען, אַריינ־קוקן אין טיבעלע...

דערווייל איז די עקאָנאָמישע לאַגע ערגער געוואָרן ביי אַלע יידן... דער „נעפּ" ווערט אויסערגעוויינלעך געדריקט, די פּאָדאַטקעס שטייגן אַריבער די פאַרדינסטן. ענלעכע ידיעות קומען אָן פון אַלע שטעטלעך פון דעם געגנט. אפילו אַזעלכע גרויסע געשעפטסלייט ווי יאַני דערשפּירן אויך, אַז עס איז געקומען אַן ענדע צו זייערע זיבן גוטע יאָר. עס ווערן צוגעשיקט קאָנטראָלערן אויף קאָנטראָלערן, צענערליי נייע שטייערן. יאַני הייבט אָן טראַכטן, ביי אַ גוטער געלעגנהייט צו פאַרקויפן די מיל און אַריבערפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין: קיעוו אָדער גאָר מאָסקווע. דאָרט איז אַ ים, זעט מען זיך ווייניקער אַרויס.

קליינע מענטשעלעך ווי די פּיאַטיגאָרסקיס, וואָס פאַרמאָגן נישט די כוחות צו טראַכטן פון דער גרויסער שטאָט, קלערן וועגן אַוועקשטעלן עפּעס אַ מין קוסטאַרנע ווערקשטאַטל, מען זאָל טאַקע קענען אַרבעטן און אויך אַ ביסל צוהאַנדלען, אַבי ווי עס איז דורכשטופּן די הוצאה.

עס איז פאַריבער פּסח. שלמה האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון דעם פּוס נישט אויף קאַטאָוועס. מען איז צוגעפאָרן קיין זוועניגאָראָדקע צום דאָקטער. דער זוועניגאָראָדקער כירורג האָט אָנגענומען די זאַך פאַר זייער ערנסט. דערהערט, אַז שלמה איז אַלט אַכצן יאָר, האָט ער אָנגעזאָגט דעם פאָטער, אַז מיט אַזאַ פאַל טאָר מען נישט פאַרזאַמען קיין איין טאָג. ביי מענטשן אין שלמהס עלטער הייבט זיך ערשט אָן דער אָרגאַניזם צו פאַרפעסטיקן. דער פאַרוואונדעטער פּוס ביים יינגל איז אַזוי אויך עטוואָס אויסגעבויגן, דערפאַר, וואָס העכער פון דער קני און נידעריקער פון דער קני פעלט אויס מאַרך אין ביין. איצט, נאָך דעם ווי דער פּוס האָט געכאַפּט אַ צוקיל און איז שוואַכער געוואָרן, וועט דער פּראָצעס פון דעם ביינג זיך זיך פאַרשנעלערן. און אויב מען זאָל שוין נישט פאַרכאַפּן און אָנטון אַ פּראָטעזע אויפן גאַנצן פּוס, קען דער פּוס אין משך פון זעקס חדשים ביי פיל אַרומגיין ווערן קיילעכדיק ווי אַ בויגן און ער וועט מוזן גיין אויף קוליעס. אַלזאָ מוז מען תיכף ומיד פאָרן קיין קיעוו. און ער האָט טאַקע אויפן אָרט אָנגעשריבן אַ בריוו צו אַ באַרימטן פּראָטעזניק, דאָקטאָר אַלטשולער.

נישט קוקנדיק אויף אפרים־אהרונס גרויסער נויט, האָט ער באַשלאָסן צו פאָלגן דעם דאָקטער — אַ קינד פון אַכצן יאָר קען מען נישט מפקיר זיין — און דריי וואָכן נאָך פּסח איז אפרים־אהרון מיט שלמהן אָפּגעפאָרן קיין קיעוו.

קאפיטל XLVII

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז שלמהן אויסגעקומען צו פאָרן מיטן צוג, צו זען אַזאַ שטאָט, טראַמווייען, פוניקוליאָרן און בכלל אַזאַ מישמאַש פון מענטשן און מאַשינען. כאָטש אין קיעוו האָט צפורה געהאַט צוויי ברידער, ביידע באַווייבטע, ביידע מיט אייגענע פרעכטיקע דירות, פון דעסט וועגן איז אפרים־אהרון צו זיי נישט פאַרפאָרן. ער האָט זיי ליב געהאַט פון דער ווייטנס. דאָס זענען געווען קאָמוניסן פון יאָר 1917, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַלע פראָנטן, געקענט זיך מיט לענינען פערזענלעך. איצט האָט דער עלטערער, לאַזאַר, אַ געוועזענער עלוי פון לידער ישיבה, געענ־דיקט אויף אינזשיניער־כעמיק און פאַרגעזעצט לערנען און אַרבעטן אין אינסטיטוט אַלס דאָצענט. דער צווייטער, וואָלאָדיאַ, אַ געווע־זענער משכיל און אַ פאַרשייטער יונג, האָט ערשט געענדיקט אויף אינזשיניער־עלעקרטיק און האָט פּראָיעקטירט עלעקרישע אייזנ־באַנען. ביידע האָבן חתונה געהאַט, פאַר וועמען זיי האָט זיך גע־וואָלט און נישט אויפן יידישן שטייגער.

אפרים־אהרון, זייענדיק אין קיעוו, ווען ער האָט נאָך געוווינט אין זוועניגאָראָדקע, איז דווקא געווען ביי זיי ביידן, געווען זייער גאַסט־פריינטלעך אויפגענומען, געגעכטיקט ביי זיי עטלעכע מאָל. אפילו צו קיין לעפעלע, פאַרשטייט זיך, האָט ער זיך ביי זיי נישט צוגע־רירט, ס'איז ביי זיי אַלץ טריף פון קאָפּ ביז פיס, אָבער יונגעלייט זענען זיי בפירוש לייטישע — פאָרט אַ טאַטנס אַ קינד... טאַקע פאַלנע גויים, אָבער בעל־שמסקע אייניקלעך. אפשר וועלן זיי זיך נאָך אַ מאָל אומקערן. אַזאַ זיידע וועט דען שווייגן?... אויף זיי אָבער איז עפּעס נישט געווען צו באַמערקן, אַז זיי זאָלן האַלטן ביי תשובה און טאַקע מהאי טעמא האָט אפרים־אהרון נישט געוואָלט ברענגען שלמהן צו זיי. עס פאַרשטייט זיך, שלמה איז שוין נישט קיין קינד און אַ געקאָוועטער ייד. אפרים־אהרון האָט נישט מורא, ער זאָל חלילה קאַליע ווערן, נאָר גלאַט אַזוי... ער וויל נישט! ער וויל אפילו נישט, אַז שלמה זאָל זען זייערע ממזרים. און אַזוי טאַקע האָט ער בפרוש געזאָגט צפורהן פאַרן פאָרן. קורץ און שאַרף, וואָס איז דאָ שייך זיך צו שעמען. עס איז אַ ווייטיק, נישט קיין בזיון. שלמה האָט זיך אויך נישט זייער באַמיט, זיך צו זען מיט די פעטערס.

פון דער צווייטער זייט וואָקזאַל איז דאָ אַ פאָרשטאָט מיטן נאָמען

סאַלאַמינקע. די צענטראַלע גאַס פון דער פאָרשטאָט, אויף וועלכער עס גייט דורך די איינציקע ליניע פונעם טראַמוויי נומער 8, רופט זיך אויפן נאָמען פון פרידריך ענגעלס און אין דעם הויז נומער 70 אויף דער זעלבער גאַס, אַקוראַט אַנטקעגן דער ערשטער טראַמוויי־סטאַנציע נאָכן אייזנבאַן־בריק, געפינט זיך די וווינונג, וווהין עס זענען פאַרפאָרן גלייך פון צוג אפרים־אהרון מיט זיין זון. אין דעם דאָזיקן הויז אויפן צווייטן שטאָק וווינט אפרים־אהרונס אַ גרויסער פריינד: ר׳ אברהם שאַרפשטיין. דער ר׳ אברהם איז אַ ייד אַן עושר, כאָטש ער דינט ביי דער מלוכה. ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף שמאַטעס, שיקט אָפּ צענדליקער וואַגאָנעס אין די עקספּאָרט־פאַבריקן און מאַכט דערביי אַ פיינע מטבע. ר׳ אברהם איז אַ סקווירער חסיד און ווען דער רבי איז אין יאָר 1920 אין קיעוו נסתלק געוואָרן, זענען זיינע לעצטע ווערטער געווען געווענדעט צו ר׳ אברהמען.

קינדער האָט ער פיר און אַלע מיידלעך, אָבער שוין כלל נישט דאָס, וואָס דער פאָטער. אַלע סטודענטקעס, די עלטערע אַ סאָלויסטקע אין דער מלוכה־אָפּערע. אין שטוב ביי זיי האָט זיך געטון חושך, ווען ר׳ אברהמס אַ קינד איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער סצענע אין אַ דורכזיכטיקן קלייד פאַר טויזנטער אויגן און האָט געזונגען! דער פאָטער האָט איר געשטעלט אַ באַדינג: אָדער זיין שטוב, אָדער די סצענע. דאָס מיידל האָט זיך אַפילו נישט פאַרקלערט און גלייך געענטפערט: די סצענע. דאַן האָט דער פאָטער חרטה געקריגן און געבעטן זי פאַרבלייבן אין שטוב. אין שטוב וועט ער ביי איר וואָס עס איז נישט איז נאָך אויספירן פון יידישקייט, אָבער פון דער ווייטנס... די יינגערע, אַז זיי זענען געגאַנגען שבת אין אינסטיטוט אַריין מיט די פאָרטפעלן, האָט שוין חער פאָטער גאָרנישט געקענט זאָגן. זיי זענען שוין געגאַנגען אויף אַן אויסגעריבענעם וועג.

ר׳ אברהם איז געווען אַ באַוווסטער בעל־צדקה און אַ מכנים אורח. דערהערנדיק די כמעלניקער געסט, איז ער אַזוי דערפרייט געוואָרן, אַז ער האָט זיי פאַר אימפּעט געגעבן צוויי מאָל שלום־עליכם און זיי באַזעצט אין בעט אַריין. אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט, זיך נוקם זיין אין דער ווייבס גרויסשטאָטישקייט: ווייל די מיידלעך פירן אין שטוב אַריין אַכצן חברטעס און די חברטעס פירן מיט זיך אַכצן חברים און דאָס ווייב קריכט פון דער הויט, אַז די שטוב זאָל האָבן אַ לייטיש פנים, אַז עס זאָל זיין אַלץ ווי עס קער צו זיין, האָט טאַקע מהאי טעמא ר׳ אברהם ליב געהאַט חרוב מאַכן דעם גאַנצן עפעקט. זיי אַלע אויף צעפּיקעניש, האָט ר׳ אברהם געטון אַלץ אַזעלכעס, אַז זיין סאַליסטקע מיט די איבעריקע שפּיל־

פייגל זאָלן פאַרדרייען מיט דער נאָז. למשל, בשעת דער זאַל איז פול מיט נעסט, האָט ער געקענט צוגיין און אָפּווישן די נאָז מיט דעם טיולענעם פּאָרהאַנג. אַז נישט, ווען מען האָט געגרייט צום טיש, מיט דעם בלאַנקנדיקן טישטעך, מיט די סאַלפעטקעלעך, האָט ער ערשט פאַרשפּרייט פאַר זיך דעם האַנטעך אויפן טיש, אַזוי גע־פעלט אים בעסער. טאָמער האָט די זינגערין איבערגעלאָזט די נאָטן אויפן טיש, האָט דער פאָטער שטענדיק „פאַרגעסן“ און באַשריבן אַלע ברעגן מיט חשבונות. דאָס היטל האָט ער שטענדיק ליב געהאַט אויפהענגען אויף דעם גרויסן קאַנדעליאַבער. טאָמער האָט מען גע־פוצט די פּאָלן, איז ביי אים געווען דער גרעסטער פאַרגעניגן, זיך לאָזן שפּאַצירן אַהין און צוריק איבערן צימער, אַריינזעצן זיך און אַפילו פרעמדע אין די פאַרבעטע בעטן אַריין, דאָס איז געווען זיין בעסטער תענוג.

ווי נאָר די פּיאַטיגאָרסקים זענען אָנגעקומען פון צוג, האָט ער באַלד פאַרקאַטשעט דאָס טישטעך אין זאַל און געהייסן גרייטן צום טיש. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך מכח אַלץ דערפרעגט, אויסגעפרעגט און אַליין אויך דערציילט נייעס פון דער וועלט, זענען זיי צוזאַמען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, ער, צו דער אַרבעט אין די קאַנ־טאָרן, און די געסט צום פּראָטעזניק. דאָקטאָר אַלטשולער איז ערשט געקומען פאַר נאַכטלעך, איבערגעלייענט דעם בריוו, באַטראַכט דעם פוס, אָנגעקלונגען אין זאַוואָד אַריין, געפרעגט, ווי גיך קען מען צוגרייטן אַזאַ אַפּאַראַט פאַר אַ פרעמדן מענטשן, וואָס איילט זיך צוריקפאָרן אַהיים. דאַן האָט ער ווידער אַרומגעטאַפּט דעם פוס און געמאָלדן, אַז די פּראָטעזע קען זיין גרייט נישט פריער ווי אין צוויי וואָכן אַרום און דאַרף קאָסטן הונדערט פינף און צוואַנציק רובל. אַ גרויסע סומע געלט, נאָר וואָס קען מען דערצו העלפן? דער פאָטער האָט געפרעגט ביים דאָקטער, צי וועט ער די פּראָטעזע צושיקן דורך דער פּאָסט. דער דאָקטער איז אין כעס געוואָרן און האָט אַ געשריי געטון:

— איר מוזט אַרויסוויזן, אַז איר זענט אַ פּראָווינציאַל! אַ פּראָ־טעזע מאַכט זיך נישט פון אויסנווייניק! אייער זון מוז דאָ בלייבן די גאַנצע צייט און פאָרן אַלע טאָג אויף קאָריניאַווקע אין פּראָ־טעזע־זאַוואָד אָנמעסטן.

ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען, האָבן זיך שוין געצונדן לאָמפּן. זיי זענען אַוועק אין קופּעטשעסקע־שול, אויף מאַלאָ־וואַסילקאָוו־סקע־גאַס, דאַווענען. שלמה האָט באַוווּנדערט די גרויסקייט און די שיינקייט פון דער שול, אָבער זיין פאָטער, וואָס האָט באַמערקט זיין אַנטציקונג, האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר די אונטערשטע

שול, דאָס אַזוי גערופענע „חסידישע קלייזל"; פון אויבן אָבער איז די גרויסע כאָרשול, ווו שבת שפּילט אַן אָרגל. דאָרט איז אויף אַן אמת שיין.

אַרויסגייענדיק פון דער שול, ווענדט זיך אפרים־אהרון צו שלמהן:

— וואָלסטו יאָ געוואָלט זיך באַקענען מיט דיינע פעטערלעך?

— ניין... צו וואָס דאַרף איך זיי? דו האָסט דאָך געזאָגט — ניין, טאָ זאָל זיין ניין.

— מילא, קום שוין יאָ אַריין... די מאמע האָט דוקא גאָרנישט געזאָגט, נאָר זי וועט האָבן אַ פאַרדרוס.

— ווי אַזוי דו ווילסט, מיר איז אַלץ איינס.

אויף בולוואַר שעווטשענקאָ נומער 7 זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ פרעכטיקע פּאַראַדנע טיר*. דער פאָטער האָט אים מודיע געווען:

— דאָ אויפן פינפטן שטאָק וווינט לייזער, אָדער לאַזאַר, ווי מען רופט אים היינט. ער איז פאָרט לייטישער פונעם יינגערן. יענער איז געווען אַן אויסוווּרף פון דער מאַמעס בויך. אָט דאָס הויז נומער 7 איז איינס פון די גרעסטע וווינהייזער אין קיעוו. דאָס סאַמע גרעסטע איז גינצבורגס הויז אויף אינסטיטוטסקע 16. דאָס צווייטע איז מירקינס הויז, דאָס זעלבע, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצט. און דאָס דריטע איז אויף טאָלסטאָי־גאַס נומער 19, מאַראַזאָווס הויז.

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צום דאָמאָפאָן ** און אַ בלאָז געטון אין חלל אונטערן אויפשריפט 14. דאַן האָט ער צוגעלייגט דעם אויער. נאָך אַ קורצן שמועס דורך דער וואַנט האָט דער פאָטער געמאָלדן:

— יאָ, לייזער מיטן ווייב זענען אין דער היים. זעסטו, אָט דאָס הייסט אַ ליפט.

אויפגעהויבן זיך, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ שיינער הויכער וווינונג. שלמה האָט זיין פעטער נישט געדענקט, כאָטש יענער אים האָט יאָ געדענקט. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק. מיטעלע וווּקס, אַ גרויסער שטערן און אַ ליסענע איבערן גאַנצן קאָפּ. אונטער קורצע געלבלעכע ברעמען זענען געזעסן גוטע קלוגע אויגן. אָנגעטון איז ער געווען דוקא פשוט, נאָר מיט אַן אָרדן אויף דער ברוסט. זיין פרוי איז געווען אַ שוואַרצינקע, אַ שיינינקע, אַ שעמעוודיקע און אַ שווייגערין. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט די געסט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין

---

* פאראדנע טיר - דער הויפט-אריינגאנג אין הויז.

** דאמאפאן - הויז-טעלעפאן.

לעבן האָט שלמה געפּועלט ביי זיך, דערלאַנגען אַ פּרוי די האַנט. לייזער האָט באַלד אָנגעקלונגען צו וועלוולען אין טעלעפאָן:

— וואָלאָדיאַ? מיר האָבן אַזעלכע געסט! פּרעג גאָרנישט... אפרים־אהרון מיט שלמהלען! יאָ, יאָ, שלמהלע צפּורהס!... נעם סאַרען און קום שוין צו פאָרן!... וואָס? אין ערגעץ האָבן מיר נישט געדאַרפט פאָרן, די קינדער שלאָפן שוין. דיינע חברה־לייט? דו מעגסט זיי לאָזן אין דער היים! אודאי... זיי וועלן נאָר שטערן... גוט, לייגט זיי שלאָפן, גוט...

ווען וואָלאָדיאַ איז אַריינגעקומען, האָט שלמה נישט געגלייבט, אַז דאָס איז לייזערס אַ ברודער: קיין איין ענלעכער שטריך, אפילו קיין סימן נישט. וואָלאָדיאַ איז געווען אַ שלאַנקער ברונעט מיט פייערדיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט דער אפּיקורס. ער האָט געמוזט אַלט זיין נישט מער פון דרייסיק יאָר, קיין אָרדן ביי אים האָט מען שוין נישט געזען. זיין פרוי איז געווען אַ שיינע בלאָנדינקע מיט קאָקעטישע מאַניערן. אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף שלמהן, אַז ער זאָל דערציילן וועגן זיך. וואָס איז ער? וואָס וויל ער זיין?...

אפרים־אהרון האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף דאָ נישט ווייט ביי איינעם געוועזן צו ווערן, צי וועט ער קענען קריגן ביליק אַ ביסל סחורה.

— איך וועל גיין און קומען צו אייך אַ ביסל שפּעטער. מען קען דאָך קומען צו אייך אויך עלף אַ זייגער?

— אפילו איינס אויך. וואָס פרעגסטו עפּעס, ווי דו זאָלסט זיין אַ פרעמדער?

ביידע פעטערס זענען געווען מיט אפרים־אהרונען אויף „דו". דער פעטער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען. וואָלאָדיאַ האָט פרייער אָפּגעעטעמט און זיך געווענדט צו שלמהן:

— איצט דערצייל! אין דיין טאַטנס אָנוועזנהייט איז עפּעס אַזוי שווער צו רעדן וועגן דיין תכלית, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ געזעסן ראַספּוטין אַליין... אָבער איצט דערצייל, אַלץ דערצייל. דו ביסט דאָך אונדזער שוועסטערס קינד און אַזאַ שיינער בחור! דער טאַטע מיט די ביינער. נאָר די אויערלעך דער מאַמעס. אַ־יאָ אַזוי, לאַזאַר? צפּורהס אויערן... נו, דערצייל, וואָס ביסטו? וואָס קענסטו? מיט וואָס קענען מיר דיר באַהילפיק זיין?

— איך האָב מורא, אַז מיט גאָרנישט. ווייל קיין זאַך פעלט מיר נישט.

— קיין זאַך פעלט דיר נישט? קען דען זיין ביי אַ מענטשן, אַז עס זאָל אים גאָרנישט פעלן?

— פאַרשטייט זיך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי. אָבער פון אייך קיין הילף דאַרף איך קיינע נישט.

— אַלם און אָנהויב — זייער נישט קיין פריינדלעכער ענטפער. וויפל ביסטו אַלט?

— היינטיקן זומער וועל איך אַכצן יאָר.

לאַזאַר שלאָגט אים איבער:

— וואָלאָדיאַ, וואָס פרעגסטו עפּעס ביי אים? אַליין געדענקסטו נישט, ווען צפורה האָט געבוירן שלמהלען? איך בין דאַמאָלסט געווען צו גאַסט פון לידע, איך האָב אפילו מיטגענומען דעם ראש־ישיבה לעקעך פונעם ברית און דו האָסט דאַמאָלסט געדראָט דעם טאַטן, אַז דו וועסט אַנטלויפן קיין וואָלאָזשין אָדער קיין אָדעס... אַזוי ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען!

וואָלאָדיאַ ענטפערט נישט לאַזארן, נאָר ער רעדט ווייטער צו שלמהן:

— אַכצן יאָר... אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, הייסט עס, מ— יאָ!... נו, אין אַ שול האָסטו געלערנט?

— ניין.

— קענסטו גאָרנישט קיין רוסיש?

— פאַר וואָס עפּעס? רוסיש קען איך גוט. פון לייענען...

— איז לייענען, הייסט עס, האָסטו יאָ געלייענט?

— יאָ, זייער פיל...

— דאָס איז זייער גוט... דאָס איז זייער גוט... זאָג זשע, וואָס, למשל, האָסטו געלייענט?

— וואָס ס'איז געקומען צו די הענט, אַבי עס איז נאָר געווען אינטערעסאַנט.

— אַ־האַ! הייסט עס, לייענען האָסטו נאָר ליב געהאַט בעלע־טריסטיק?

— כמעט אַז נאָר בעלעטריסטיק.

— יאָ... און יידישן ביסטו זייער געלערנט?

— כ'האָב פיל געלערנט.

— וואָס הייסט פיל?

— מען זאָגט, אַז איך געדענק פינף הונדערט בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק.

— מען זאָגט... און דו וואָס זאָגסט?

— איך זאָג נישט, אַז עס איז אַזוי...

— אַך, אַזוי... דו האָסט זיך אויסגעדרייט ווי אויפן טעלער... דאָס איז, דאַכט זיך, זייער פיל. אַ־יאָ, לאַזאַר? דו ביסט דאָך עפּעס אַ ספּעציאַליסט אויף דעם געביט?

— וואס פרעגסטו, צי דאס איז א סך? דאס איז צען מאל מער ווי גאנץ קאפיטאל פון קארל מארקס. ס'איז ממש אומגלויבלעך, אז אזא קינד זאל געדענקען אזא גוואלדיקע ציפער פארמולעס און אפאריזמען.

— פאר וואס זאגסטו: א קינד? דאס איז אן עכט אנטוויקלטער מאנספארשוין. שלמה, אנו שטעל זיך אויף!... שטיי א ביסל... שטיי א ביסל... א קראסאוויעץ, זאגט ער גאר א קינד... א פאלנער חתן־בחור! א מיידל האסטו שוין, שלמה?

— ניין.

— אבער דו האסט שוין א מאל ליב געהאט א מיידל?

סארא דערלאנגט אים א זעץ איבער דער האנט:

— וואלאדיא, רעד צו דער זאך. ער מוז דיר טאקע אלצדינג דער־ציילן ווי פאר א גלח?

— נו גוט, לאמיר רעדן צו דער זאך. שלמה, דו וואלסט זיך גע־וואלט בילדן?

— כ'וואלט אוודאי געוואלט, נאר עס זענען דא פיל שטערונגען.

— מיר'ן זיי באזייטיקן... מיר האבן גרויסע כוחות.

— אייערע גרויסע כוחות טויגן נישט צו די שטערונגען...

— למשל, לאמיר הערן.

— ערשטנס, איך קען דעם טאטן נישט לאזן אליין הארעווען אויף אכט נפשות.

— אן דיר איז דאך שוין נאר זיבן?

— זיבן און אכט איז אלץ איינס... און ווידער, איך דארף דאך אויך לעבן...

— דיר וואלטן מיר געגעבן.

— איך האלט נישט פון קיין נדבות...

— ווער זאגט נדבות?

— אלץ איינס, וואס פאר א נאמען עס זאל נישט טראגן! איך האב פיינט זיין אפהענגיק פון עמעצן.

— אבער דער טאטע דיינער דארף פארשטיין, דו ביסט דאך נישט שולדיק, אויב אים האט זיך געגלוסט מאכן זעקס קינדער?...

— איך האב גארנישט געוווסט, אז אן אינזשיניער קען זיין אויך א גרוביאן. דאס איז א ביסל נישט טאקטיש...

לאזארס פרוי ליזע גייט צו און דריקט שלמהן די האנט:

— איר זענט זייער גערעכט, שלמה. עס איז זייער נישט איידל פון זיין זייט.

וואלאדיא איז א ביסל אפגעשמיסן. ער גייט צו אונטערמעניק:

— מסכים... אנטשולדיק מיר. עס האט זיך ביי מיר נישט ווילנ־

דיק אַרויסגעכאַפּט. אָבער די פראַגע איז דאָך זייער אַ וויכטיקע...
דו וועסט זיך איצט מקריב זיין פאַר די קינדער. שפּעטער, ווען זיי
וועלן אונטערוואַקסן, וועט דער טאַטע דיך חתונה מאַכן... ער האָט
דאָס נאָך נישט געפּרוווט טון?

— מיר רעדן, דאַכט זיך, פון עפּעס אַנדערש...

— גוט, לאָמיר נישט אָפּנייגן פון אונדזער שמועס. דו וועסט
חתונה האָבן, האָבן קינדערלעך. פריער אָדער שפּעטער, אַלץ איינס.
פאַרזיצן וועט דיך דער טאַטע נישט לאָזן... ער איז נישט אַזאַ...
וואָס זשע וועט טאַקע זיין פון דיר?

— איך האָב געזאָגט, אַז עס זענען דאָ עטלעכע מניעות. דאָס
העלפן דעם טאַטן איז ערשט נאָר איינע, עס זענען דאָ נאָך צוויי.

— וואָס נאָך?

— אויב אָנקומען לערנען, מוז מען פאַרבייגן דעם שבת...

— איז דאָס אויך אַ געשעפט? היינטיקע יאָרן קוקט מען אויף
אַזעלכע זאַכן?

— ווער עס קוקט נישט, איך קוק... און די דריטע מניעה: מיר'ן
זאָגן, איך קום אָן לערנען. עס העלפן מיר מיינע פעיקייטן, פּראָ-
טעקציעס, איך דריי זיך אויס און קום נישט שבת. אָבער וואָס זשע
וועט זיין, אַז כ'וועל שוין ענדיקן? אויף דער אַרבעט מוז מען דאָך
שוין זיכער מחלל שבת זיין...

פיר פּאָר אויגן קוקן זיך איבער און ווענדן זייער בליק מיט מיט-
לייד אויף שלמהס פּנים. לאַזאַר פרעגט שטיל און ווייך ווי ביי אַ
חולה:

— נו, איך פרעג דיך אַליין, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
רעדט אַ יונגער מענטש פון אַזעלכע שטותים...

— אויב איר וועט אַזוי לעסטערן מיין גלויבן, וועל איך אייך
אויפהערן צו ענטפערן.

— געוועכט... כ'בין שולדיק... מער הערסטו פון מיר נישט קיין
אומכבודיקע ווערטער. אָבער זאָג אַליין, ווהין וועסטו פאַרפאָרן
מיט דיינע פּרינציפּן ביי דער ראַטנמאַכט?

— ווהין דאַרף מען דען פאַרפאָרן?

— כ'פאַרשטיי נישט, אָבער אַ יונגער מענטש מוז טראַכטן וועגן
זיין צוקונפט?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין?

— וואָס זשע פאַר אַ צוקונפט דערוואַרט דיך מיט דיין שבת?

— צוליב שבת לוינט זיך אָפּזאָגן פון אַלע בעסטע צוקונפטן.

— און זיין אַ יאַרידניק אַזוי ווי דיין טאַטע?

— אַ יאַרידניק, צי אַ בעל-מלאכה, צי אפילו אַ שטיינהאַקער,

נאָר זיך פירן, ווי איך האַלט פאַר ריכטיק, נישט ווי איר מערקט מיר אָן.

— וויפל איז דאָ, אַז דו לערנסט נישט?

— שוין באַלד דריי יאָר.

— הייסט עס, ביי פופצן יאָר האָסטו שוין געקענט פינף הונ־דערט בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק?

— הייסט עס...

— און נישט אויף אויסנווייניק האָסטו געמוזט אָפּלערנען נאָך טויזנט בלאַט?

— לאָמיר זאָגן, אַז יאָ...

— פסוק האָסטו עפּעס אויך געלערנט?

— תנ״ך קען איך אויף אויסנווייניק, נישט ערגער ווי איר דעם אינטערנאַציאָנאַל...

— און מיט אַזאַ גוואַלדיקן קאָפּ ווילסטו זיין אַ שטיינהאַקער אָדער אַ סטעלמאַך?

— איך בין קודם־כל אַ ייד.

— דו ווייסט כאָטש, וואָס דו וואָלסט געקענט דערגרייכן, ווען דו שטודירסט?

— איר וועט מיך נישט איבערראַשן מיט גאָרנישט...

— איך בין זיכער, אַז דו וואָלסט געוואָרן אַן אַקאַדעמיקער, אַ פּאַוולאָוו, אַ באַך!...*

— איז וואָס זשע, אַ פּאַוולאָוו, אַ באַך עסט דען דריי מאָל וויפל אַ געוויינלעכער מענטש?

— דער עיקר, הייסט עס, איז דאָס עסן?

— איז שוין דער עיקר נישט דאָס עסן? צוליב וואָס דען איז כדאי זיך צו פאַרקויפן?

— ווערן אַן אַקאַדעמיקער הייסט ביי דיר פאַרקויפן זיך?

— פאַרביטן דעם גלויבן, פאַראַטן דאָס פאָלק הייסט פאַרקויפן זיך!...

— נו, און זייענדיק אַ שוסטער, אַ שמאַטע־קלייבער, אַ קוימען־קערער?

— דאַמאָלסט העט איך נישט אויף צו זיין אַ זון פון מיין פאָלק, דאַמאָלסט איז מיין געוויסן רואיק. איך וואָלט געקענט דערגרייכן און וויל דערגרייכן, נאָר פאַרגוואַלדיקער, מאָדערנע יעזואיטן דער־לאָזן דאָס נישט, פאַרשטעלן מיר דעם וועג.

---

* ביידע, וועלטבאַריםטע רוסישע אַקאַדעמיקער: דער ערשטער אויפן געביט פון ביאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע, דער צווייטער – אויפן מעדיצינישן.

— דאָס רעדסטו אַזוי וועגן דער ראַטנמאַכט?

— וועגן זייער אומגערעכטן קאַמף קעגן רעליגיע.

— פֿאַר וואָס זשע איז ער אומגערעכט? ווייל דיר געפֿעלט אַזוי?

— ניין, ווייל ער איז אַזוי... אַלע גלייביקע זענען בטבע רעוואָלוציאָנערן און בלוטיקע אַנטי־אימפּעריאַליסטן, אַנטי־קאַפּיטאַליסטן, נאָך אפשר מער פֿון די, וואָס זיצן אויף די הויכע שטולן. נאָר זיי ווילן גלייבן אין גאָט, זיי ווילן נישט פֿאַרוואַרפֿן דאָס תנ״כל! דאָס איז זייער גאַנצער פֿעלער. ענטפֿערט מען זיי דערויף מיט טורמעס. מיינעם אַ מלמד, אַ ייד אפשר פֿון הונדערט יאָר, האָט מען געוואָלט אַרעסטירן. לערנען אַ ייִנגעלע פּתח־אלף און מודה־אני, איז קאָנטער־רעוואָלוציע... אַ־יאָ אַזוי? מיין רבי שמעיה איז דעניקינס אַ מיטהעלפֿער, וראַנגעלס אַ מענטש, אַ פּעטליוראָוועץ!... נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן... און איר פֿרעגט נאָך, צי דאָס הייסט פֿאַרקויפֿן זיך ...

— ווייסטו וואָס, שלמה? מיר האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט... ביי אונדז איז דאָ נישט קיין דיספּוט... מיר רעדן זיך אײנטום דורך... דו ביסט אונדזער פּלימעניק, מיר זענען דיינע פֿעטערס; לאָמיר רעדן אָן גאַל און דו הער אונדז אויף צו „אירצן“. ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט?

— דאָס זענט איר גערעכט... אויב איר דערלויבט...

— קאָמוניסטן אירצן קיין מאָל קיינעם נישט... זאָג זשע מיר, שלמהלע, אַזאַ זאַך. באַלד, באַלד... כ׳האָב עפּעס געוואָלט דיך פֿרעגן... אַ־האַ... יאָ... זאָג נאָר, ווען די פֿראַגע פֿון שבת עקזיסטירט נישט, וואָס וואָלטסטו געוואָלט זיין? וועלכע ספּעציאַליטעט געפֿעלט דיר מער?

— ס׳איז מיר אַ בזיון צו זאָגן...

— וואָס זשע, קיין ספּעציאַליטעט אינטערעסירט דיך נישט?

— פֿאַר וואָס? אדרבא... פֿיל פֿאַקולטעטן געפֿעלן מיר... למשל: ליטעראַרישער, פֿילאָלאָגישער, יורידישער, דיפּלאָמאַטישער. נאָר ווען פֿאַר מיר וואָלטן געווען אָפֿן אַלע טירן אַזוי ווי פֿאַר דער אַלגעמיינער סאָוויעטישער יוגנט, וואָלט איך זיכער געפּרוווט צו ווערן... אַ שרייבער.

— וואָס? אַ שרייבער? דאָס איז דאָך די סאַמע בכבודיקסטע פּראָפֿעסיע אין דער וועלט! אָבער צי האָסטו דערצו אַ טאַלאַנט? דאָס איז דער עיקר! זיין אַ שרייבער, דאָס איז אַ מתנת־אלהים...

— מיר דאַכט, אַז כ׳האָב... איך פֿיל, אַז איך וואָלט געקענט...

— דו האָסט שוין אַ מאָל — ?

— ניין, כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געפּרוווט...

— פון וואַנען זשע ווייסטו, אַז דו האָסט אַ טאַלאַנט? עס האָט זיך דיר געחלומט?

— איך האָב אַ מאָל אָנגעשריבן דעם פעטער מאָטל אַ בריוו קיין פילאַדעלפיע, האָט ער אים מיט זיך מיטגענומען קיין טשיקאַגאָ. דאָרט איז פונקט געווען אַן אסיפת־הרבנים. ער האָט אים געוויזן אייניקע גרויסע רבנים און זשורנאַליסטן, האָבן זיי נישט געגלייבט, אַז דעם בריוו האָט אָנגעשריבן אַ יינגל פון פופצן יאָר. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג נישט געלייענט אַזאַ זאַפטיקן העברעאיש... און נישט נאָר דער בריוו. וווהין איך שרייב נאָר, באַקום איך אַזעלכע אָפּרופן, אַז איך קען זיך איבערנעמען. איך האָב שוין אפילו עפּעס פאַרקלערט... אָבער גיי רעד, אַז כ'האָב נישט קיין פרייע שעה. איך בין איינגעשפּאַנט אין אַקער פון נאָך הבדלה ביז קידוש מאַכן...

— חוץ אַלעמען איז דאָך דאָס זייער אַ גוטע פּרנסה... דעם טאַטן וואָלט געלוינט...

— כ'האָב אים אפילו קיין מאָל נישט געזאָגט. יענער קריכט פון דער הויט צו פאַרדינען פאַר דעם הויזגעזינד אַ שטיקל ברויט, וועל איך קומען מיט מיינע מעשׂות... ער וואָלט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם...

— יאָ, שלמה, אָבער דאָס ווייסטו, אַז העברעאיש איז דאָ נישט עובר לסוחר?

— וואָס איז עפּעס דווקא העברעאיש? איך קען יידיש און רוסיש נישט ערגער פון העברעאיש. דאָס, וואָס איך האָב פאַרקלערט, וואָלט געווען אין יידישן. העברעאיש, דאָס איז, אַז גאָט וועט העלפן, כ'וועל קומען „אהין"...

— וווהין אהין?

— וואָס הייסט, וווהין? קיין ארץ־ישראל... דאָרט, וווּ העברעאיש איז אַ שפּראַך.

וואָלאָדיאַ פאַרשטעלט מיט איין האַנט לאַזאַרן דאָס מויל און אַליין פרעגט ער:

— און דו וואָלסט געפאָרן קיין פּאַלעסטינאַ?

— געפאָרן, פרעגט ער... אויף אַלע פיר וואָלט איך געקראָכן, ווען מען לאָזט נאָר.

— וואָס זשע, דו ביסט משוגע אויסבייטן אייראָפּע, אַזאַ שיינעם קהעשטשאַטיק, אויף אַזיע? אויף אַלטע חורבות?

— פון די חורבות איז אָפּגעשמועסט, נאָר איין זאַמדעלע פון

ציון איז ביי מיר טייערער פון דיין גאנצן קיעוו מיט די טויזנטער מויערן... ווייל עס איז מיינס...

— וואס הייסט, עס איז דיינס?

— מיינס, הייסט מיינס, מיין אייגנס... מיין פאלקס...

— ווער האט דאס דיר איינגערעדט, אז עס איז דיינס?

— קיינער דארף מיר נישט איינרעדן. דער נאמען ארץ־ישראל, די נעמען: באר־שבע, חברון, טבריה, צפת, ירדן, לבנון און ירושלים זאגן עדות, אז עס איז מיינס... אפילו פלישתינא איז דאך אויך א העברעאיש ווארט... ארץ־ישראל — לעם ישראל, קיינער קען דאס נישט אפלייקענען...

— און דו קלערסט, אז עס איז דאס זעלבע ארץ־ישראל וואס אין חומש?

— א! כ'בין זיכער, אז עס איז דאס זעלבע הייליקע לאנד, וואס מען האט משהן געוויזן פון הר העברים, און פונקט אזוי הייליק ווי דאמאלסט. נאך הייליקער, פיל הייליקער...

וואלאדיא שמייכלט מיטן גאנצן מויל:

— פאר וואס נאך הייליקער?

— ווייל זייט דאמאלסט האבן יידן גרויסע טייכן טרערן פארגאסן פון בענקשאפט צו ציון און אזעלכע הייליקע טרערן זענען נישט פארלוירן געגאנגען. זיי געפינען זיך אלע אין ארץ־ישראלדיקן אונטערגרונט און דערפאר איז דאס לאנד נאך הייליקער, נאך געטלעכער...

— כ'האב מיט דיר געטראפן. דו ביסט נישט קיין קליינער פאנאטיק.

— ליבע אן פאנאטיזם איז רויך. איין ווינטעלע — און א גוטן טאג... און דאס לאנד נאך אונדז בענקט אויך אזוי שטארק ווי מיר צו דעם...

— פון וואנען האסטו דאס אויסגעקראצט דיין לעצטע טעאריע?

— מיר האבן דאכט זיך אפגערעדט, וואלאדיא, אז מיר זאלן זיך באנוצן מיט א בכבודיקן לעקסיקאן. פארגעס זשע דאס נישט! און פון וואנען עס נעמט זיך אזא טעאריע? זאג מיר, אין סארען ביסטו זיכער, אז זי איז נאר דיינע?

— איך בין נישט זיכער און פאדער דאס נישט. איך בין נישט קיין דעספאט, אז איך זאל בינדן א לעבעדיקן מענטשן, אויב עס ציט אים ערגעץ אנדערש מער... מיר לעבן פריי, קאמוניסטיש... יעדער, ווי אים געפעלט...

שלמה גיט א שמייכל:

— אין פיזיק איז דא א געזעץ, אז דער כוח פונעם אויסגעדריקטן

קען קיין מאָל נישט זיין גרעסער ווי דער כוח פונעם דריקער. איר מוזט דאָס וויסן בעסער פאַר מיר. אויב סאַראַ איז דיר אַ מאָל אומגעטריי, איז דאָס מערסטן טייל דערפאַר, ווייל דו אַליין פאַדערסט נישט מער... ביי אמתע יידן מיט ארץ־ישראל זענען אַנדערע באַציאונגען. מיר פאַרגעסן נישט ציון אויף קיין איין מינוט און זאָגן אַלע מאָל: תשכח ימיני. און זי, די הייליקע מוטער ציון, אַזוי ווי אַן ערלעכע עגונה וואַרט אויף איר געזעצלעכן מאַן, ער זאָל קומען איר זאָגן אַ גוט וואָרט און זי באַזיצן, אַזוי וואַרט ארץ־ישראל אויף אירע אייגענע קינדער, זיי זאָלן קומען, זי אויפשטעלן פון די חורבות... אַ סימן האָסטו, אַז אַזוי איז דאָס, וויפל הונדערטער מלוכות זענען אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט פונעם חורבן אָן, וואָס זאָג איך, הונדערטער? טויזנטער!.. וויפל איז דען אַלט טשעכאָסלאָוואַקיע? וויפל איז אַלט בעלגיע? וויפל איז אַלט דאָס גרויסע אַמעריקע? אַזאַ גיגאַנט! און ארץ־ישראל לאָזט זיך נישט אויפבויען... ווער האָט שוין נישט געפּרווט? טערקן, שפּאַניער, אַראַבער, ענגלענדער — איין מאָל ניין!... זי גיט זיך קיינעם נישט אין די הענט... זי וואַרט אויף אונדז... אויף אירע פאַנאַטישע ראָמאַנטיקער...

— אָבער ווער מוז דאָס פאַרלאָזן אַ קולטורעל בעקוועמלעך לאַנד און פאָרן קיצלען די שטיינער, מאָנען ביי זיי וואַסער, אָפּגעסמאַליעט ווערן פון יענער טראָפּישער זון? דאָ טשעפּעט מען דאָך נישט קיין יידן! צי עס איז אפשר נישט אַזוי?

— דאָ טשעפּעט מען נישט קיין יידן. דאָס איז אמת. אָבער ווייסטו, פאַר וואָס? ווייל אין רוסלאַנד זענען קיין יידן נישטאָ... אַ סימן האָסטו, דער, וואָס איז נאָר באמת אַ ייד, טשעפּעט מען אים טאַקע יאָ!... אַלס ייד קען ער נישט לעבן... אָדער זיך אַסימילירן אָדער אומקומען.

— און איך, וואָס, בין קיין ייד נישט?

— דו? אודאי נישט!

— וואָס איז? אין דער אַנקעטע שטיי איך נישט „יעווריי"?

— טאַקע באמת? זאָלסט מאריך ימים זיין, וואָס דו האָסט נישט אויסגעמאָנט ביים מוהל צוריק דיין שטיקל...

אַלע שיסן אויס מיט אַ געלעכטער. שלמה פרעגט מיט גאַל:

— אַ יינגעלע האָסטו?

— יאָ, סענקאַ.

— טאַקע אַן עכט־יידישער נאָמען... געמלט האָסטו אים?

— פאַר אַזאַ ווילדן האַלטסטו מיך? קוילען מיין אייגן קינד?

— נו, אָט! דער שטאַמפּ פון אַ יידן פעלט שוין... נאָך איידער איך זע אים, איז מיר שוין עקלדיק זיך צו דעם קינד צורירן... דו

דארפסט זיך נישט באַליידיקן... אַזוי איז עס, דאָס איז נישט קיין אָנשטעל. און איצט זאָג מיר: חתונה האָסטו געהאַט כדת משה וישראל?

— הלמאי זאָל איך זאָגן? דווקא נישט!

— איז שוין דיין קינד אַ ממזר אויך, דאָס ווייסטו? מיט וואָס זשע ביסטו אַ ייד? קיין תפילין לייגסטו נישט, קיין כשרם עסטו נישט, קיין שבת האַלטסטו נישט, יום־כפור, פסח — אויסגעשטראָכן! אַ ווייב האָסטו זיך גענומען, ווי מען קויפט זיך אַ קעפּי*, ביז זי וועט זיין אין דער מאָדע... צווישן יידן קומסטו נישט. יאָרצייט האָסטו נישט. קיין ארץ־ישראל בענקסטו נישט. אין קיין השארת־הנפש גלייבסטו נישט, היינט מיט וואָס דען ביסטו אַ ייד? וואָס פאַראייניקט אונדז ביידן, וואָס?

אין צימער האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט. שלמה האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— און דאָך ביסטו אַ ייד!... א י ך וועל דיר זאָגן מיט וואָס!.. און סאַראַ אויך און ליזע אויך און לאַזאַר אודאי און אודאי! און אפילו... אפילו דיין סענקאַ אויך... ווייסט איר, ווען איר ווערט יידן? ביי אַ שלעכטן יאַריד. דאַמאָלסט זענט איר אַלע פולבאַרעכטיקטע יידן. בעת מען האָט אייער פאָטער צעשפּאָלטן ווי אַ פיש און אַ־רויסגעלאָזט די געהירן אויפן גראָז, דאַמאָלסט האָט מען אַזעלכע ווי איר אויך געהאַקט און געבראָקט. פאַר די פאָגראָמשטשיקעס זענט איר געווען און וועט שטענדיק בלייבן עכטע יידן. גלייך מיט די גרעסטע צדיקים. זיי קלייבן זיך נישט פונאַנדער. דאַמאָלסט קען צו נוץ קומען דיין „אַנקעטנע יעווריי"... אָבער אין לעבן האָט דאָס די ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי.

לאַזאַר גיט זיך אַ רייב דעם שטערן:

— ווילסטו, הייסט עס, נאָר קיין ארץ־ישראל? נו, און ענגלאַנד? זי האָט דאָך אויך עפּעס אַ דעה?

— וואָס ענגלאַנד? ענגלאַנד איז אַן אָפּעקון. אַז עמעצער וועט מיך פאָדערן, וועט זי אַריינלאָזן.

— אויב זי וועט וועלן. נו, און די אַראַבער ווילן דאָך נישט ליידן קיין יידן? צייטונגען לייענסטו?

— די אַראַבער וועלן זיך מוזן דערמאָנען, אַז ארץ־ישראל איז געווען אונדזערס, נאָך איידער זייער פּוס איז דאָרט געווען. און אויב ז י י וועלן זיך נישט דערמאָנען, וועלן מיר זיי דערמאָנען מיט גוואַלד... נישקשה, כאָטש מיר זענען אין צאָל ווייניקער, אָבער מיר זענען שטאַרקער פון זיי.

---

* קעפּי – אַזאַ מין היטל.

— וועסטו זיך גיין שלאָגן?

— פאַר וואָס נישט? איר האָט זיך געשלאָגן פאַר איוואַנס ערד, דאָס פאַרשטייט איר יאָ. און אַז איך זאָל זיך גיין שלאָגן פאַר מיין אייגן ווינקל, דאָס חדושט אייך? און אויב שוין יאָ לייגן דעם קאָפּ, זאָל מען כאָטש וויסן פאַר וואָס.

— און טאָמער וועט דיך אונדזער מאַכט נישט ארויסלאָזן?

— אָ! אָט דאָס איז ערגער פון אַלץ... כאָטש, פאַר וואָס זאָל זי דאָס טון? מילא, וועט זיין שווער, וועל איך קעמפן...

— מיט דער ראַטנמאַכט קעמפן?

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי, קעמפן... מיט וואָס קען איך קעמפן קענען איר? איך וועל פּשוט נאָך אַ מאָל דערלאַנגען און נאָך אַ מאָל דערלאַנגען...

— און אויב מען וועט דיך פאָרט נישט ארויסלאָזן?

— וועל איך זיך אויך דאָס לעבן נישט נעמען... מענטשן מיט אַ שוואַכער ליבע מוזן זיך באַלד פיזיאָלאָגיש אָנזעטיקן מיט איר, אַז נישט נעמען זיי זיך דאָס לעבן. דאַקעגן מענטשן מיט אַ מעכ־טיקער ליבע, אויב דעם געליבטן אָביעקט איז זיי אוממעגלעך צו דערגרייכן, לעבט מען אָן אים... מען לעבט און מען בענקט, מען לעבט און מען ליבט... ביזן לעצטן אָטעם...

סאַראַ גיט אַ פינקל מיט די אויגן:

— איך זאָג אייך, קינדער, ער וואָלט טאַקע געקענט זיין אַ שריי־בער... אויף מיין וואָרט! איר הערט נאָר דבורים. שלמה, אין וועלכן זשאַנר וואָלט איר געשריבן: פּיעסעס, לידער, נאָוועלן?

— כ'וויים אַליין נישט, גיכער פון אַלץ מסתמא דערציילונגען, ראָמאַנען.

— ראָמאַנען? אַך, ס'איז אַזאַ שאָד, וואָס איר שרייבט נישט.

לאַזאַר גיט אַ קלאַפּ וואָלאָדיען איבער דער קני:

— נו, ווי געפעלט דיר?... געקומען אַ פּלימעניק פון דער פּראָ־ווינץ... געמיינט: אַ נעבעכל, אַ יאָלדעוואַטע חסידל... צום סוף לאַכט ער גאָר פון אונדז. פּאַוולאָוו, באַך, קרעשטשאַטיק, רוסלאַנד — ער דאַרף אַלץ אויף כפּרות. ער פאָרט אויפשטעלן חורבן ירו־שלים. ווי זינגט מען דאָרט: מי יבנה הגליל... האַ? עוד לא אבדה... האַ? דו זעסט, איך געדענק נאָך...

שלמה, נישט שענקענדיק אים קיין קוק, פרעגט ביי ליזען:

— אייערע קינדער כאַפּן זיך נישט אויף, אַז מען גיט זיך אַ באַ־לעווע אויף דער פּיאַנינע?

וואָלאָדיאַ, אויסער זיך:

— דו קענסט דען?

— כ'וועל אַ פּרווו טון...

די ערשטע טרעלן זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די קלאַווישן און ווי זילבערנע מטבעות זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן צימער:

— ציון... ציון... ציון... ציון... ציון...

שלמה האָט נישט געהאָרעוועט, ער האָט זיך נישט געוואָרפן. ריטמיש און מעלאָדיש האָבן זיך געגאָסן די קלאַנגען פונעם אינ־סטרומענט. זיי האָבן איבערגעטראָגן די צוהערער אין אַ ווייטן ערגעץ־לאַנד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי הערן רוישיקע כוואַליעס, אַ געזויש פון ביימער און אַ שטורעמווינט. און פון דעם גאַנצן רעש טיילט זיך אויס אַ רירנדיקער פאַרצווייפלטער געוויין פון אַ יונגפרוי. דאָס געוויין דערגייט ביז די טיפעניש פון דער נשמה, רופט צו הילף, צו מיטגעפיל. און פּלוצלינג פון צווישן די יאָמערלעכע קלאַנ־גען און רויש פון צעבושעוועטע כוואַליעס דערטראָגט זיך, פריער שוואַך, דערנאָך שטאַרקער און נאָך שטאַרקער, אַ טריאומפירנדיקער מאַרש פון לוסטיקע שניטער. דאָס געזאַנג וואַקסט אָן, פאַרפולט דאָס צימער, הייבט אין דער לופטן, רופט צום טאַנץ...

ווען שלמה האָט געענדיקט, איז לייזער צוגעשפּרונגען:

— זינגען קענסטו דאָך אויך, מסתמא? נאָך קינדווייז האָסטו געהאַט אַ העלהזעלע. זינג „כל עוד בלבב"... כ'וויל הערן, ווי קלינגט דאָס פון דיין מויל. זינג און אַקאָמפּאַניר זיך אַליין.

שלמהס אייגעלעך צינדן זיך אָן:

— מען מעג דען? מען קען דאָך דערהערן...

— דאָ איז נישטאָ, ווער עס זאָל דערהערן און עס איז שוין צוויי אַ זייגער ביי נאַכט.

— וואָס רעדסטו? וואָס זשע קען טאַקע זיין, וואָס דער טאַטע איז נאָך נישטאָ?

— ער וועט שוין אודאי נישט קומען אויך, ער ווייסט דאָך, אַז ער האָט דיך נישט געלאָזן אויף דער גאַס.

— מיך אַרט נישט, וואָס ער איז נישט געקומען, נאָר עס זאָל כאָטש גאַרנישט האָבן מיט אים געטראָפן.

— וואָס דאַרף דען טרעפן? עפּעס ביסטו אַזוי אָנגעשראָקן... ווי אין אַ וואַלד.

— אונדזער לעבן דאָרט איז נישט פיל בעסער ווי אין אַ וואַלד.

— נו, שפּיל שלמה... כל ע־ו־ד ב־ל־ב־ב פּ־נ־י־י־מ־ה...

*

דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי. דערנאָך האָט שלמה געזונגען „מאי קא משמע לן". און נאָך דעם טשערניכאָווסקיס וויגליד. אַלע זענען געווען אַנטציקט. פון זייז זינגען און שפּילן האָט געווייעט

מיט גרייטקייט צו מסירת־נפש, עס האט זיך געפילט דער היילי־קער צאפל, מיט וועלכן א פופצניעריק מיידעלע שטרעקט אויס איר פינגערל צום „הרי את“...

פארן שלאפן, ווען עס איז שוין יעדן געווען אויסגעבעט, האט שלמה נייגעריק באטראכט דעם ביינערנעם שאך, וואס איז געשמא־גען אויף דער עטאזשערקע. וואלאדיא האט דאס באמערקט:

— דו שפילסט?

— צו ביסלעך...

לאזאר האט ארויפגעלייגט די האנט אויפן שאכטעלע:

— איך בין עלטער, איך שפיל!

— ניין, איך האב געזאגט דער ערשטער, שפיל איך!

— דו וועסט שפילן מארגן אויף דער נאכט, שלמה פארט נאך נישט אוועק.

— ניין, ד ו וועסט שוין דוקא שפילן מארגן אויף דער נאכט. כ׳בין אויך אן עקשן. שלמה, מיט וועלכע שפילסטו?

שלמה זאגט א שמייכלענדיקער:

— שאט, קריגט זיך נישט. אפשר האט איר נאך א שאך אין שטוב?

— עס איז דא נאך א שאך אין שטוב, נאר איך שפיל מיט דיר. וואלאדיא קען שפילן מיט ליזען, זי שפילט — אן אנטיק!...

שלמה פרעגט:

— ליזא, איר ווילט שפילן?

— ניין, קוקן יא, און אויף שפילן דינט מיר שוין נישט דער קאפ אזוי שפעט.

— נו, מילא, וואס קען דארט זיין? שטעלט אויםביידע שאכן.

— וואס זשע וועט זיין?

— וואס דארף זיין? איך וועל שפילן קעגן אייךביידן.

— קעגן ביידן? דו נעמסט נישט אויף זיך צו פיל?

— וואס זשע קען דארט זיין? פאר א נויט וועל איך מוזן גע־ווינען ביי אייך ביידן. נו, פארטיק? נעמט זיך די ווייסע, איך האב פיינט פריווילעגיעס. ליזא און סארא, פאר וועמען וועט איר בעטן גאט?

קאפיטל XLVIII

ווען אפרים־אהרון האט אין דער פרי אנגעקלאפט אין טיר, איז ערשט געווען צוויי שעה, אז מען האט זיך געלייגט. וואלאדיא מיט

א מאַט און לאָזאר מיט א רעמי. שלמה האָט זיך אויף גיך אָנגעטון און זיי זענען אוועק.

— פאַר וואָס ביסטו נעכטן נישט געקומען נאָך מיר?

— דו מיינסט, אז קיעוו איז זוועניגאָראָדקע? כ'בין אַריינגעגאַנגען אַהער, אַהין, דערווייל האָבן טראַמווייען אויפגעהערט צו גיין. האָב איך שוין דאָרטן איבערגענעכטיקט. און איר האָט שפּעט פאַרבראַכט דאָרטן?

— אזוי זיך...

— פון וואָס זשע האָבן זיי געשמועסט מיט דיר, דיינע פעטערקעס?

— סתם אין דער וועלט אריין... פּוסטע מעשׂות.

— זיי האָבן נישט געפּרווט דיך אויפקלערן? באזונדערס וועלוועלע?

— חס־ושלום!...

— דו גיי צו זיי וואָס וויניקער... געווען איין מאָל — יוצא!

— כ'האָב דאָס איינע מאָל זיך אויך נישט אָנגעשלאָגן.

— מילא, איין מאָל מוז מען, כבוד אָם... אָבער מער נישט.

— זיך געזעגענען אויך נישט?

— כ'ווייס, אפשר געזעגענען — יאָ... אַז זיי זענען טריף פון קאָפּ ביז פיס. קיין גלאָז טאָר מען ביי זיי נישט נוצן.

— אוי־וואַ!... אויב אזוי, האָב איך זיך אריינגעפּאַקט. כ'האָב יאָ טיי געטרונקען.

— מילא, עס איז נישט קיין גוואַלד. נאָר אַז מען גליטשט זיך לאַנג, מוז מען פאַלן. איצט, הער זיך צו! נעכטן אויף דער נאַכט האָב איך אויסגעגעבן די עטלעכע רובל, אי מיינע, אי דעם טאַטנס. היינט דריי א זייגער וועלן מיר די סחורה פאַרפּאַקן און אָפּגעבן אין באַגאַזש. איצט גייען מיר אַריין אין קופּעטשעסקע־שול אָפּדאַווענען, נאָך דעם וועלן מיר צופאָרן אויף סאָלאָמינקע איבערבייסן. די קאָטלעטן טאָר מען לענגער נישט האַלטן, ביי דעם וואַרעמען וועטער קענען זיי ווערן ווערעמדיק. און מיר'ן זיך דאָרטן מאַכן טיי. ס'איז מיר אזוי איבערגעטריקנט אין האַלדז, ווי מען זאָל דאָרט פריסעק * אויסשיטן. נאָך דעם וועל איך מיר דיר דאָס ערשטע מאָל אראָפּפאָרן אויף קאַריניאַווקע, כדי דו זאָלסט וויסן דעם וועג. געלט וועל איך דיר לאָזן, וויפל איך וועל קענען. אַנבייסן וועט דיך מן הסתם אברהם שאַרפשטיין נישט לאָזן עסן ערגעץ אַנדערש...

— כ'וועל נישט בלייבן פאַר קיין אורח!

* פריסעק – שטויב פון ברענענדיקע קוילן.

— כ׳היים דיר נישט בלייבן פאר קיין אורח... אלנפאלס, ווי דו ווילסט זיך. דו ביסט שוין נישט קיין קליינינקער.

דעם זעלבן ביינאכט איז דער פאטער אוועקגעפארן. שלמה איז איינער אליין געבליבן אויף צוויי וואכן אין דעם גרויסן קיעוו. ער האט געדענקט, אז ביי לאזארן האט ער געזען א פולע עטאזשערקע מיט אויסלענדישע קלאסיקער און ער איז גלייך אויף צומארגנס אוועק נאך עטלעכע ביכער. אין שטוב האט ער געטראפן נאר ליזען. אויסגעהערט שלמהס ביטע, האט זי שעמעוודיק געמאלדן:

— איר קענט נעמען, וואס עס געפעלט אייך. מיר האבן שוין אלץ איבערגעלייענט.

— אפילו אהיים?

— אפילו אהיים. וועט זיין פאר די יינגערע קינדער צו לייענען.

— א גרויסן דאנק אייך.

— געפונען פאר וואס צו דאנקען. שלמה, איר דערלויבט מיר אויך זיך ווענדן צו אייך אויף „דו“?

— מיטן גרעסטן כבוד, מיט וואס זענט איר ערגער פון לאזארן?

— פאר וואס זשע זאגט איר מיר „איר“?

— איך בין עפעס אנדערש... איך בין א קליינשטעטלדיקער. און... און נישט קיין קאמוניסט...

— מילא, ווי דו ווילסט זיך... זאג זשע מיר, וואס האב איך דיך געוואלט פרעגן? אך, יא... פאר וואס עפעס ביסטו נעכטן נישט געקומען?

— נעכטן האב איך באגלייט דעם טאטן.

— מיר האבן געהאט בילעטן אין טעאטער און זענען נישט גע־גאנגען, ווייל מיר האבן גערעכנט, טאמער קומסטו.

— ס׳איז מיר זייער נישט אנגענעם. איר וואלט געוועזן געדארפט גיין.

— ע, ס׳איז א קלייניקייט. אפשר וואלסטו אויך מיט אונדז געגאנגען?

— מיט פארגעניגן!

— א! זייער גוט! די פעטערלעך דיינע וועלן זיין אזוי צופרידן... כ׳וועל זיי ביי טאג אנקלינגען, וועלן זיי באזארגן בילעטן. וואס האסטו בעסער ליב, אפערע צי דראמע?

— כ׳וויים נישט... כ׳רעכן, אז דראמע... מער פארשטענדלעך...

— מיר ביידע האבן איין געשמאק... איך האב אויך בעסער ליב דראמע.

זי לאזט אראפ די אויגן. די רויטע פארב פארגיסט איר שווארץ־חנעוודיק געזיכט און זי שטאמלט פאר זיך אפגעהאקטע פראזן.

— איר ווילט עפּעס זאָגן, ליזע?

— איך זאָג, ווען דו ווייסט, וואָס איך האָב נעכטן אויף דער נאַכט געזאָגט לאַזאַרן, וואָלסטו דיינע אייגענע אויערן נישט גע־גלייבט.

— איר אינטריגירט מיך, ליזע... זאָגט שוין, לאָמיך הערן.

— איך האָב אים פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן נאָך אַצינד שטעלן אַ חופּה...

שלמהס אויגן ווערן גרויס:

— נו?

— ער האָט זיך אויסגעלאַכט...

— ווי דען? מיט איין מאָל פּועלט מען נישט אַזאַ זאַך... מען דאַרף זיין איינגעשפּאַרט. פּיקן אין מוח אַריין ביים אויפשטיין און ביים לייגן זיך.

— סאַראַ האָט געזאָגט, אַז ווען איך פּועל דאָס ביי לאַזאַרן, וואָלט זי פאַרגענומען אַן אַטאַקע אויף וואָלאָדיאַן.

— סאַראַ? אויף איר האָב איך זיך נישט גערעכנט...

— וואָס איז סאַראַ? סאַראַ איז געווען אַ שטשאָטאָוואָדקע * אין נאַרקאָמכאָז, זיך באַקענט מיט וואָלאָדיאַן אין סטאָלאָווע ** און איז אַריבערגעגאַנגען צו אים.

— און איר וואָס זענט געווען?

— נישט געווען, נאָר היינט אויך — אַ סטודענטקע אויפן פינפטן קורס פון מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אין אוניווערסיטעט. איצט האָב איך גראַד פריע צוויי לעקציעס.

שלמה האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען די ביכער.

— דו גייסט שוין? שלמה, אפשר בייסטו ביי אונדז איבער? ניין? נו, דיר איינרעדן וואָג איך נישט. פאַרגעס זשע נישט קומען זעקס אַ זייגער. צום שפּעטסטן זיבן, ווייל אַכט איז אומעטום דער אָנהייב.

*

עס איז פאַריבער אַ וואָך.

שלמה איז עטלעכע מאָל געווען מיט די פעטערס אין טעאַטער און די איבעריקע צייט איז ער געזעסן אין די פּאַרקן און האָט גע־לייענט. וויפל די שאַרפשטיינס פלעגן צו אים נישט צושטיין, פאַר וואָס ער קומט נישט צו מיטאָג, האָט ער אַלע מאָל אויסגעזוכט אַנדערע תירוצים:

— ער מוז זיין אויף קאַרינישאַוקע פּונקט אין דער צייט, וואָס

---

* שטשאָטאָוואָדקע – אַ געהילף ביי אַ בוכהאַלטער.

** סטאָלאָווע – אַ קיך ביי אַ אינסטיטוציע.

זיי מיטאָגן, — ער האָט זיך געקויפט אייער און פוטער און האָט אין שטאָט איבערגעביסן, — ער האָט געמוזט צו ליב טון די פעטערס און עפּעס עסן ביי זיי.

אין חער אמתן אָבער איז דאָס אַלץ געווען לא היה ולא נברא. אויף קאַריניאַווקע פֿלעגט ער פֿאָרן פֿון איינס ביז צוויי ביי טאָג. ביי די פעטערס האָט ער פֿון יענעם מאָל אָן אפילו קיין גלאָז טיי נישט געטרונקען. און בנוגע אייער און פּוטער האָט ער דאָס אפילו אין חלום אויך נישט געזען. דער פֿאָטער האָט אים איבערגעלאָזט פּופּציק רובל, וואָס מוזן אים קלעקן אויף צו לעבן די צוויי וואָכן, אויף הוצאות, אויף צו קויפן שנירלעך צום פּראָטעז, מתנות די קינדער און נאָך קלייניקייטן. מורא האָבנדיק פֿאַר נישט פֿאַרויס־געזעענע הוצאות, האָט שלמה געשפּאָרט ווי ווייט מעגלעך. ער האָט זיך אויסגעשטעלט אַזאַ סדר־היום: אויפגעשטאַנען, ווען אַלע שלאָפן נאָך, און אַוועק אין קופּעטשעסקע־שול. ער פֿלעגט זיך אַרויס־גנבענען פֿון דער שטוב אויף די שפּיץ פֿינגער, ווייל איין מאָל האָט ר׳ אברהם פֿאַרשלאָסן די טיר:

— היינט גייסטו ביי מיר נישט אַוועק אָן טיי און פּרווו אומיסטן פֿאַר נאַכט נישט קומען צום מיטאָג... אַ למדן־וואָוניק גאָר... מען זעט אים נישט!...

ער האָט דאַמאָלסט שוין געמוזט אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע מיט מילך, נאָר פֿון דאַמאָלסט אָן קוקט ער גאַנצע נעכט אין פֿענצ־טער, כדי נישט צו פֿאַרשלאָפֿן דעם זונען־אויפגאַנג און באַווייזן אַוועק פֿון חער שטוב, איידער ר׳ אברהם כאַפּט זיך אויף.

פֿון קופּעטשעסקע־שול פֿלעגט ער פֿאַרפֿאָרן ערגעץ אין אַ פּאַרק, זיך אויסציען אויף אַ באַנק און לייענען ביז האַלבן טאָג. דאַן פֿלעגט ער אַוועק אין אַ גאַסטראָנאָמישן מאַגאַזין, קויפֿן אַ האַלבע קילאָ שוואַרץ ברויט פֿאַר צוועלף קאָפּיקעס און הונדערט גראַם יאַדערן־כאַלווע פֿאַר אַכצן קאָפּיקעס. דאָס דאָזיקע מאַלצייט פֿלעגט ער צע־טיילן אויף צוויי גלייבע חלקים, די ערשטע העלפֿט אין איין טאָש, די צווייטע אין דער צווייטער. דאַן פֿלעגט ער אין אַ הויף ביי אַ פּלומפּ זיך וואַשן און אין פּאַרק אויפעסן די האַלבע פּאַרציע. אָפּגע־געסן, פֿלעגט ער אויסטרינקען צוויי גלעזער סאָדע־וואַסער, איינע מיט סיראָפּ, די צווייטע אָן סיראָפּ, און אַוועקפֿאָרן אויף קאַרי־ניאַווקע. אַ זייגער זעקס־זיבן פֿלעגט ער אויפעסן די צווייטע האַלבע פּאַרציע, אין פּאַרק אָפּדאַווענען מנחה־מעריב און אויב ער האָט נישט געדאַרפֿט אין דעם טאָג גיין ערגעץ מיט די פעטערס, פֿלעגט ער אַריינגיין אין אַ קינאָ. אַ בילעט האָט געקאָסט צוואַנציק קאָפּי־קעס און ער האָט נישט געקענט נאָך אַזאַ עלנטן טאָג זיך אָפּזאָגן

פון דעם פארגעניגן. ארויסגייענדיק פון חער קינא, פלעגט ער זיך ארומדרייען א ביסל, באטראכטן דאס גרויסשטעטישע ביינאכטיקע לעבן, די איבערגעפולטע טראמווייען, דעם געדראנג אויף די טראטוארן און זיך צוהערן צו דעם פריילעכן רייצנדיקן געלעכטער פון די יונגע פארלעך. אזוי לאכן קענען נאר מענטשן, וועלכע זענען אויסגעטון פון אלע דאגות. ער איז ארומגעגאנגען און האט געטראכט:

— ווי אומגליקלעך איז דער מענטש, וואס וווינט אין אזא כפר־הקלע ווי דאס אומגעלומפערט גרויסע קיעוו. אלץ איז דא פאראן: פארקן, טעאטערס, קינאס, א וואקזאל, דאכט זיך, צוויי וואקזאלן, א ברייטער טייך, א פראכטפולער פוניקוליאר * — אלצדינג איז אין ארדענונג, אבער וואס קומט ארויס, אז קיין היים האט קיינער נישט אין קיעוו. און ווי קען גאר אין אזא זודיקן קעסל געמאלט זיין אזא קליינע און הייליקע זאך ווי א היים. אפילו אברהם שארפשטיינס שטוב... דאכט זיך, אן אייגענע שטוב, און דאך נישט קיין היים... אן אמתע היים איז גאר עפעס אנדערש...

עס גיט אים א צי מיט אומגעזעענע כוחות צו זיך, קיין כמעלניק. איצט קומט דער טאטע מיט דינהן פונעם יאריד. די ערשטע פראגע, אראפגייענדיק פון דער פור, איז צו דער מאמען:

— צפורה, נישט געווען גארנישט פון דער פאטשט?

שוין לאנג, לאנג, אז דער פאטער האט ווידער א מאל אוועקגעשריבן צו פייגע צימעס און האט אלץ געהאפט: טאמער וועט זי תשובה טון, טאמער וועט זי זיך פארט באקלערן. יארן זענען געלאפן און יענע מיטן „קאלטן פארשטאנד" האט זיך מער נישט אפגערופן. ווי אין וואסער אריין! דער פאטער האט פארשטאנען, אז זי וויל זיך אפטשעפען פון אים, און האט איר דוקא נישט צו ליב געטון. א מאל דריי האט ער איר נאך געשריבן, ביז עס איז אים נמאס געווארן. אבער דער מנהג איז געבליבן דער זעלבער. אראפ פון דער פור, איז דאס ערשטע: טאמער א בריוו? און געמיינט דערמיט: ארץ־ישראל...

ער שפאנט ווייטער ארום איבער באלויכטענע און טונקעלע גאסן. פון זיינע אויגן טרעט נישט אפ כמעלניק. ער טראכט:

— איצט איז געקומען מנשה פון בית־מדרש און טראכט זיכער אויך וועגן מיר. ווען ער, שלמה, איז איצט אין דער היים, וועדליק די לבנה איז שיין, וועדליק די לופט איז לעבלעך און ריין ביז גאר, וואלטן זיי זיך זיכער דורכגעגאנגען א ביסל ארויס פון דער שטאט.

* פוניקוליאר – וואגאנען צום אויפהייבן זיך, א מין עסקאלאטאר.

אין פעלד איז איצט א מחיה, די שטערנדלעך קומען צו גאַסט צו יעדן גרעזעלע באַזונדער. די פרילינגדיקע שטערנדלעך זענען דאָך אַזעלכע מילדע: קוים האָט אַ שטערנדל אויף דיר אַ קוק געטון, לאָזט עס שוין פון דיר קיין אויג נישט אַראָפּ, ביז דו גייסט נישט אַריין אין שטוב אַריין, און טאָמער איז נאָך ווייניק, קוקט עס נאָך נאָך אין פענצטער אַריין אויך... היינט דאָס ווינטעלע... ווער פאַרמאָגט דען צו באַצאָלן דעם פרילינג פאַר זיין דופטיק ווינטעלע, פאַרן שיינעם „יהושעלע", וואָס שמייכלט אַראָפּ אַזוי געטריי פון זיין בלויען טעפּיך, וואָס איז מיט דימענטן באַשאָטן. היינט דאָס נידעריקע זשאַמשענע גראָז? און די קנאָספּן אויף די ווינשלביימער? און די פייגעלעך ביי דער „גענעראַלשע" דאָרטן?...

שלמה איז גרייט צו שווערן, אַז מנשה טראַכט איצט אויך וועגן אים. ווייל אָן מנשהן איז ביי שלמהן וואָכעדיקער דער פרילינג און אָן שלמהן איז מסתמא ביי מנשהן אויך וואָכעדיקער דער פרילינג. ניין, ניין!... ער האָט נישט געטאָרט אַוועקפאָרן, אויף דער גרויסער שטאָט ליגט אַ קללה פון „אַלגעמיינקייט": קיין אייגנס, קיין דערהויבנס עקזיסטירט דאָ נישט.

ווען שלמה דערפילט, אַז ביי די שאַרפשטיינס קער מען זיך שוין ליגן שלאָפן, דאַן זעצט ער זיך אויף אַ טראַמוויי, ברענגט אוים די לעצטע פינף קאָפּיקעס פאַר דעם טאָג אויף אַ בילעט און פאָרט אַוועק אויף סאָלאָמינקע. אַהין גייט אַן איינציקע ליניע מיט דריי אַרבל. וואַרט דער וואַגאָן אויף אַ באַגעגעניש פאַר דער בריק, נאָך דער בריק און העט־העט פון אויבן, נישט ווייט פון דער אַרטילעריסטישער שול. שלמהן עפנט שוין איינע פון די „סטודענטקעס" אין אַ מאָל־אַ־מאָל די „סאָליסטקע" אַליין.

— וווהין ווערט איר דאָס פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג? דער טאַטע פרעגט זיך שטענדיק נאָך, האָט טענות איבער אייך צו דער מאַמען.

— איך ווייס, וווהין? אַהין, אַהער. די שטאָט איז קאַרג גרוים?... אָט אַזוי גייט דער טאָג אַוועק.

— אָבער פון פאַר טאָג ביז האַלבער נאַכט? מען קען דאָך אויף אייך אויסקלערן כ׳ווייס וואָס...

— וואָס זשע קען איך העלפן? זאָל מען קלערן.

— חוץ די פעטערס האָט איר דאָ נאָך באַקאַנטע?

— אַ־אַ! זייער פיל!

— און אייער טאַטע האָט פאַרן פאָרן אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אויף אייך אַכטונג געבן, איר בלייבט דאָ אָן עלטער.

— דאָס האָט ער מן הסתם געשפּאַסט.

— מיך האָט היינט באַגעגנט אייער סאָראַ, וואָלאָדיאַס ווייב. זי איז אַזוי ברוגז, וואָס איר קומט צו זיי נישט. זי באַשולדיקט דערין אונדזער שטוב. זי מיינט, אַז דאָס רעדן מיר אייך אָפּ דערפון. האָב איך איר געזאָגט, אַז מיר זעען אייך אויך נישט. איר קומט, ווען מען שלאָפט שוין, און גייט אוועק, ווען מען שלאָפט נאָך.

— הם, סאָראַ... ווען עס וואָלטן נאָך געווען ביי זיי ביכער, וואָלט איך אפשר יאָ צוגעגאַנגען. אָבער אַזוי... וואָס האָב איך דאָרט צו טון?

— הייסט עס, צו אַ מומע גייט מען זיך נאָר חורך, ווען זי האָט ביכער? מאָדנע...

— אַ מומע... נו, אודאי... אַ מומע...

— נו, און עק! גייט שוין, וואַשט זיך... קאַקאַאָ מיט מילך שטייט אויף דער פּליטקע *. נעמט אייך דאָרטן פרישן קעז, סאַרדינען און פּאָווידלע. טאָמער ווילט איר פריער אַ ביסל בראָנפן, נעמט אייך אין שאַפקעלע.

— חברטע שאַרפשטיין, וואָס רעדט איר מיר פון עסן? כ'האָב טאַקע נאָר וואָס אָפּגעגעסן.

— ווו האָט איר אָפּגעגעסן?

— וואָס הייסט, ווו? דאָרט, ווו איך בין געווען...

— ווו זשע זענט איר געווען?

— נאָך אַ מאָל ווו, און ווידער אַ מאָל ווו. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, ביי באַקאַנטע, און האָט שוין פאַרגעסן...

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, שלמה? איך צושטיין — קען נישט, איר ווילט, עסט, איר ווילט נישט, ווי איר ווילט זיך...

— אָט אַזוי רעדט איר ווי אַ חכמה. נאַ דיר גאָר עסן. וויפל קען עס אַ מענטש עסן?

— איר פאַרשטייט דאָך מן הסתם, ווען דער טאַטע שלאָפט נישט, וואָלט ער אייך געבונדן די הענט אַרונטער און אַריינגעלייגט אין מויל אַריין מיט גוואַלד. ער האָט פיינט שטרויענע תירוצים...

— איז דאָך טאַקע גוט, וואָס ער שלאָפט יאָ...

— איינס פון די ביידע: אָדער ס'איז גוט אָדער ס'איז נישט גוט... אַ גוטע נאַכט! ווילט איר טאַקע נישט עסן? טרינקט זשע אַזוי אויס די קאַקאַאָ, אומגעוואַשן...

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר... באַאומרואיקט זיך נישט, ס'וועט שוין זיין רעכט...

---

* פּליטקע - אַן עלעקטריש קיכל.

ביי דעם אָנגעמערקטן סדר־היום האָט זיך שלמה געהאַלטן נאָר די ערשטע פּאָר טעג נאָכן פּאַטערס אוועקפאָרן. מער האָט ער נישט אויסגעהאַלטן. אין די פּאַרקן אַליין צו זיצן, איז געווען אומעטיק.

— נאָר נישט דאָס, וואָס דאָס אַרומפאָרן איבער די אומענדלעכע פעלדער און וועלדער. דאָס לייענען איז אויך געוואָרן לאַנגווייליק.

— נאָר נישט דאָס, וואָס בשעת דעם אַרומפאָרן אויף די יאַרידים. דער לײדיקער מאָגן האָט אומצופרידן אונטערגעבורטשעט, נישט געלאָזט זיך קאָנצענטרירן. דעריבער פלעגט טאַקע שלמה זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, זיך באַקענען מיט די פּאַרשטאַטן, אויסזוכן ווו ערגעץ אַ מייזנלאָך... ער האָט שוין געקענט קיעוו „ווי זיינע צען פינגער". דאָס „אויסקוקעניש" האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּשלאָגן דעם יצר הרע פון דער אכילה.

און טעג זענען געקראָכן...

קאַפּיטל XLIX

אין יענעם אויפדערנאַכט איז שלמה נאָך מעריב אַריינגעגאַנגען אין קינאָ אויף „יעוו־באַז". דער פילם האָט געדויערט אַנדערט־האַלבן שעה און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט האַלב צען. צו די שאַרפשטיינס גיין, איז נאָך געווען צו פרי, האָט ער ווידער באַטראַכט די קינאָ־פּאָטאָס אין דער רעקלאַמע, דערנאָך האָט ער גענומען באַטראַכטן די אַנאָנסן. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט, קיין רעגן איז נישט געווען און ס'איז געווען כמעט פינצטער. דאָס פּובליקום, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם סעאַנס, איז זיך שנעל צעגאַנגען. פון דער אָפענער בודקע, פון וואַנען דער קינאָ־מעכאַניק לאָזט דעם פילם, האָט זיך דערטראָגן אַ באַקאַנט זשומען: אין זאַל איז שוין געגאַנגען דער אַנדערער סעאַנס. אויפן טראָטואַר איז גע־ווען פּוסט, די גרויסע לאָמפּן זענען טרויעריק געהאַנגען אונטערן פינצטערן הימל. פון צייט צו צייט פלעגט דורכקלינגען אַ טראַמוויי און ווידער איז די לאָמפּן אומעטיק געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט עמעצער פאַרטשעפּעט שלמהס אַרבל:

— אַנטשולדיקט, חבר...

— עס מאַכט נישט, ביטע.

אַ יונגע פרוי אין אַ ווייסער בלוזע, אַ גרין קליידל, סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס האָט אים דורכגענומען מיט אַ שאַרפן קוק:

— דו באַטראַכסט די בילדער?

— יאָ.

— איך אויך... אַ־יאָ, ס'וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער פילם?

— כ׳ווייס נישט...
— און דעם איצטיקן האסטו שוין געזען?
— געזען...
— א־יא, אן אינטערעסאנטער?
שלמה האט א קוועטש געטון מיט די אקסלען אנשטאט אן ענט־פער.
— פאר וואס ביסטו אזא שווייגנדיקער? דו האסט דאך אזעל־כע שיינע אויגן...
שלמה האט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און איז געלאסן אוועקגעגאנגען. הינטער זיינע פלייצעס האט זיך געהערט א גע־לעכטער:
— האט מורא... משודאק!...
„יעור־באז" האט געלעבט מיט זיין געוויינלעך ביינאכטיק לעבן. דער נאמען „יעור־באז" איז פארקירצט פון יעווריייסקי באזאר — דער יידישער מארק. דער דאזיקער מארק איז אזוי די גרויס ווי האלב במעלניק. דאס איז דער גרעסטער און דער סאמע טומלדיק־סטער מארק אין מיליאניקן קיעוו. אין א געוויינלעכן טאג קען מען דארט טרעפן פון פופצן ביז צוואנציק טויזנט מענטשן און אין א זונטיקדיקן טאג מער פון צוויי מאל אזוי פיל. אין דעם ריזיקן פלאץ גיסן זיך אריין זייער א סך גאסן: בולוואר שעווטשענקא, בולוואר קודראווסקע, סטעפאנאווסקע־גאס, סטאליפינסקע־גאס, דימיטראוו־סקע־גאס און נאך, שוין קלענערע, גאסן: אויפן נאמען פון גערשוני, גאגאל, לערמאנטאוו — און פון דער צווייטער זייט: די לאנגע צוויי גאסן קאראוואיעווסקע און זשעליאנסקע.
העכער צען נומערן טראמוויי האבן דורכגעשניטן דעם פלאץ אויף רעכטס און אויף לינקס. קלייטן זענען דארט געווען אלערליי. פיל גאסן געמויערטע קלייטן, צוויי און דריי שטאקיקע. חוץ דעם איז געווען אין מיטן פלאץ דער „רענאק". דאס איז געווען א קאלאסא־לער הויכער פלויט, געדיכט צונויפגעקלאפט פון ברעטער און שיין אפגעפארבט. אין דער דאזיקער הילצערנער פעסטונג אריין האבן געפירט פיר ברייטע טויערן. ווען א פרעמדער מענטש פלעגט צום ערשטן מאל אהין אריינקומען, האט ער זיך געקענט פילן פארלוירן. דאס איז געווען א קעניגרייך פון הילצערנע קלייטן און טישן מיט באלדאכינס. יעדער מין סחורה האט זיך דארט געהאט זיין גאס. למשל, אויף דער ברויט־גאס האט מען געמעגט געבן א רענדל פאר א גלאז מילך, איז נישט געווען צו קריגן. דאס זעלבע, אין דער מיל־כיקער גאס האט מען נישט געפונען קיין קארטאפל, אין דער פיש־גאס קיין ציבעלע, אין דער הערינג־גאס קיין עוף.

דער מארק האט זיך געלעבט מיט זיין אייגנארטיקן לעבן, געהאט זיין אייגענע געגנט: דער אזוי גערופענער יעור־באזער ווינקל. ער האט געהאט אן אייגענע אפטייק, צוויי גרויסע באקוועמע בעדער, א פאליקליניקע, א קינא, א ראיאן־מיליץ *, א האטעל, צענדליקער קאפיי־הייזער, סטאלאוועס און שענקען. ביי נאכט האט דער קעסל אויך נישט גערוט. צוויי ריזיקע בעקערייען האבן געאטעמט מיט פרישע קוילעטשן א קיילעכדיקן מעת־לעת. הונדערטער לאסטמאשינען האבן פארפירט סחורה אין די קלייטן. ביי טאג איז קיין צייט נישטא, ביי טאג איז די קלייט פול. דורך די נעכט פלעגן פארקומען רעוויזיעס אין די קלייטן, איבעררעכענונגען, ביי טאג קען מען זיך מיט אזעלכע זאכן נישט פארנעמען. אן א שיעור היימלאזע קינדער האבן שוין דארט געהאט זייערע בוידעמער און זייערע ווינקעלעך. אויף יעדן טריט און שריט האט מען זיך געקענט אנשטויסן אויף אייביקע שיכורים, אויסגעלאסענע יונגען און אויסגעלאסענע פרויען. גנבים, מעסער־שטעכערס האבן גערעכנט יעור־באז פאר זייער פאטערלאנד. די מיליץ פלעגט מורא האבן, צו האבן מיט זיי א מגע ומשא און זיי האבן געפירט זייער מלוכה ביד רמה.

שלמה גיט א פרווו די בוזעם־קעשענע: דאס ביכעלע מיטן געלט איז אויפן ארט. די הויזן־קעשענע: דאס מעסערל, די תפילין, דאס בייטעלע מיטן קליינגעלט, אלץ איז אין ארדענונג. מען קען נאך א ביסל ארומגיין, עס איז ערשט צען א זייגער. פאר עלף גייט ער נישט אהיים.

אין עטלעכע מינוט ארום דערטראגט זיך צו אים א רעש פון צווייטן עק יעור־באז. ער זוכט מיט די אויגן אין דער פינצטער און באמערקט, ווייט אויפן ראג פון שעווטשענקא־גאס שטייען עטלעכע מענשטן און שרייען. צו זיי שטייען צו נאך דורכגייער. עפעס, זעט ער, הייבט מען אויף א משא פון דער ערד. מען דארף צוגיין א קוק טון. פאר וואס נישט, ער האט דען עפעס אנדערש צו טון? צוקומענדיק נענטער, זעט ער, ווי די מענטשן מיט דער „זאך" האט מען אריינגעלאזט אין דער אפטייק אריין. צוגעקומען, וויל ער אויך אריינגיין אין אפטייק אריין, נאר דער סאניטאר שטייט אויף דער טיר און לאזט נישט:

— בירגער, צו אייך רעדט מען, צי ניין? וואס שטופט איר זיך ווי די באראנעס? א מענטשן איז שלעכט געווארן, נו, וואס האט איר אזעלכעס נישט געזען? ניין, חבר, איך לאז נישט. שטופט זיך

---

* ראיאן־מיליץ — אן אפטיילונג פון דער שטאט־ מיליץ.

נישט. איך וועל נישט לאָזן. איר גייט אַוועק? וואָרעם אָט רוף איך צו דעם מיליציאָנער...

שלמה איז דוקא אַ בעלן געווען צו זען, וואָס מען טוט דאָרט מיטן פאַרחלשטן. נאָר אַז מען לאָזט נישט, דאַרף מען נישט. דורכן פענצטער זעט ער ליגן אויף אַ באַנק אַ קערפּער אין אַ געקווייטלט טיכל אויפן קאָפּ; ווייזט אויס — אַ פרוי. קיין פּנים זעט מען נישט. דער קאָפּ הענגט אַראָפּ פון דער באַנק צום פּאָל צו, ווי ביי נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. דאָס קליידל — אַ שוואַרצס, מיט אַ בלויער סטענגע אַרומגעניייט. אויף די פיס פּראָסטע שוואַרצע טופל. די „טרעגערס“ שטייען דאָרט „אויף איין פוס“. זיי ווילן שוין וויסן וואָס גיכער, צי זי כאַפּט זיך אויף, צי ניין. ביים טיש זעט שלמה עמעצן אין אַ ווייסן כאַלאַט, וואָס שטעקט אַריין אַ נייע נאָדל אין אַ שפּריץ. נו, אַזוינע בילדער האָט ער שוין נישט ליב אָנצוקוקן און ער טרעט אָפּ פון דעם פענצטער. אין עטלעכע מינוט אַרום גייען שוין אַרויס די צוקוקערס און זאָגן אָן עטלעכע נייגעריקע:

— זי וועט לעבן. ס'איז נאָר געווען אַ טיפע חלשות.

איינעם פון זיי, וואָס איז ווייניקער אומגעדולדיק פון אַנדערע, גיט זיך איין צו פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע:

— וואָס איז מיט איר געווען? וווּ האָט איר זי געפונען?

— אָט דאָ אַקעגן, כמעט ביי דער סאַמע ליניע.

— וואָס זשע, זי האָט אפשר געוואָלט...

— ווער ווייסט זי, אפשר האָט זי געוואָלט... אַ דאָרפישע, אַ יונגע...

— וועט מען זי אָפּשיקן אין שפּיטאָל?

— נאָך וואָס אין שפּיטאָל? מען האָט איר נאָר געגעבן צוויי איינשפּריצונגען קאַנפער. זי וועט, זאָגן זיי, אין פופצן מינוט אַרום קענען גיין אַהיים. נו, אַנטשולדיקט, חברים, איך איַל זיך...

דאָס רעדל איז זיך אויפגעבליקלעך צעקראָכן אין אַלע זייטן און שלמה איז אויך אַוועק. ביי אַ קעלער האָט מען אויסגעלאָדן פעסער מיט בוימל און איין פאַס האָט געפּלאַצט. די אַלע שמוציקע איינוווינער פונעם ביינאַכטיקן יעור־באַז האָבן מיט די צונגען געלעקט פון דער קאַלוזשע, זיך געשלאָגן פאַר אַ טיפער אָרט. דער בעל־הבית מיטן שאָפער האָבן מיט עקל צוגעקוקט די סצענע. ס'איז זיי שוין געווען אַלץ איינס. שלמה איז ווייטער געגאַנגען. עס איז דורכגעשוועמען אַן עשאַלאָן פון זעקס העל־באַלויכטענע ליידיקע טראַמווייוואַגאָנען. אַ געזונטער דריילינג האָט געשטופּט פאַר זיך אַ קראַנקן דריילינג אין פּאַרק אַריין אויף לוקיאַנאָווקע. אַ צעבראָ־

כענע אקס אין דעם מיטלסטן וואגאָן האָט הארצרייסנדיק געקריצט איבער די רעלסן.

שלמה האָט אַ טראַכט געטון, אַז ביז ער וועט באַווייזן צו פאַר־גיין אויף סאַלאָמינקע, וועט שוין זיין סאַמע גוט און האָט פאַרקע־רעוועט אין דער ריכטונג אויף קאַראוואַיעווסקע. די כמארעס זע־נען ערגעץ פאַרשוונדן, איבער יעור־באַז איז געהאַנגען אַ סוף־חודשדיקע לבנה, נאָר זייער אַ ליכטיקע. עס האָט געבלאָזן אַ דער־פרישנדיק ווינטעלע. אין די בולווארן האָבן זיך געמישט פאַרשי־דענע קאָנצערטן פון די נישט לאַנג אָנגעפלויגענע געסט. דורכ־האַקנדיק דעם געפּלאָנטער פון רעלסן און דעם רעכטן צענטער פון פּלאַץ, האָט שלמה באַמערקט אין שאָטן פון באַלויכטענעם פענצ־טער לעבן דער אַפּטייק אַ סילועט פון אַ מענטשן. ער איז אַרי־בערגעגאַנגען דעם וועג און עס האָט אים עפּעס אַ צי געטון אויף צוריק:

— לאָמיך אַ קוק טון, ווער שטייט עס דאָרטן... נאָר איין קוק טון...

און אליין נישט ווילנדיק, נאָך וואָס ער טוט עס, האָט ער חורכ־געשפּאַלטן דעם פּלאַץ אויף צוריק און זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום „שאָטן". ביי דעם לילאָווע שיין פון דער לבנה האָט ער באַלד דערקענט דאָס געקווייטלטע טיכל. אהא!... זי וואַרט שוין אודאי אויף אַן אַנדער טראַמוויי, כדי זיך אַרונטערוואַרפן. אָך, אָט די גרויסע שטאָט!... משוגעים וווינען דאָ...

ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, נאָר איר געזיכט איז נישט אָפּ־געטראָטן פון זיינע אויגן. ער האָט נישט געקענט גובר זיין דעם נייגער, אַן אומבאַקאַנט און אומרואיק געפיל האָט געליימט זיינע פיס, נישט געלאָזט ווייטער גיין. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ טעלעגראַפישן סלופּ און אומבאַמערקט פון איר גענומען זי באַ־טראַכטן.

קאַפּיטל L

דאָס איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק. אַ שטאַלטנע, אַ שיינע, נאָר אַ שרעקלעך בלאַסע. קעגן דער שיין פון דער לבנה האָט איר געזיכט אָפּגעשלאָגן מיט אַ גרינעם בליאַסק. די אויגן — קאַלטע, אָן אַ מינדסטן גערדאַנק, האָבן מיט אַ שרעק־לעכן גליווער שטאַר געקוקט פאַר זיך. די ליפּן — בלאַ, אָן אַ טראָפּן בלוט. דאָס קאָפּטל איז ביי איר נאָך געווען צעשפּיליעט, אַ פנים פונעם ראַטעווען. די זאָקן זענען ביז האַלב געווען אַראָפּגע־

לאָזט און איין אַרבל פֿאַרקאַטשעט ביז העכערן עלנבויגן. זי איז גע־שטאַנען אויסגעצויגן, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, די הענט האָבן זיך נאָכגעהאַנגען ווי ביי אַ בר־מינן, די טופּליעס צעשנורעוועט. ווען איר אָפּשטאַם איז ביי שלמהן קיין ספק נישט געווען: אַלע סימנים האָבן געזאָגט, אַז זי איז אַן אוקראַאינקע.

שלמה האָט געטראַכט:

— וואָס שטיי איך דאָ? לאָמיר זאָגן, אַז מיט דער פֿרוי האָט עפּעס פּאַסירט אַן אומגליק. וואָס זשע קען איך איר העלפֿן? און בכלל, ווי גייט מען עס צו צו אַ פֿרעמדער פֿרוי? און וואָס איז דאָס מיין עסק? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס צו מיר?

ער איז אַנטשלאָפֿן אָפּגעגאַנגען פֿון סלופּ און האָט זיך געלאָזט „אַהיים".

באַקלערנדיק זיך, איז ער אין עטלעכע מינוט אַרום נישט דרייסט צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי, אומיסטן פֿאַרשטעלט איר פֿאַרגליווערטן קוק אין דער ווייט, כדי צוציען איר אויפֿמערקזאַמקייט, און מיט ווייכקייט אין קול שטיל געפֿרעגט:

— וואָס שטייט איר דאָ, חברטע?

איר קוק האָט זיך נישט געביטן און שלמהן האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט נישט געהערט זיין פֿראַגע.

— חברטע, איך פֿרעג, פֿאַר וואָס שטייט איר דאָ? איך האָב אייך פֿריער געזען ליגן אין חלשות. איר וואָלט זיך געדאַרפֿט אויס־רוען. אפשר אייך העלפֿן, זיך דערקלייבן אַהיים? חברטע, איך וועל מיט פֿאַרגעניגן...

גאַנץ אומגעריכט פֿאַר שלמהן האָט דאָס האַלב־געשטאָרבענע פּנים זיך אָפּגערופֿן מיט אַ שאַרפֿן אוקראַאינישן אַקצענט:

— חבר, וואָס ווילט איר פֿון מיר האָבן? גייט אייך אייער וועג.

— כ'זאָג דאָך אייך... אויב איר ווילט... וואָלט איך מיט פֿאַר־גענינגן... אַהיים...

— כ'בעט אייך, טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מיר... וואָס ווילט איר פֿון מיין לעבן האָבן? עס פֿעלן אייך דאָ פֿרויען אויפֿן מאַרק? דאַכט זיך, הונדערט פֿאַר איינער...

— וו־וו־וואָס?

יענערס אויגן האָבן פֿון שטוינונג זיך ברייטער צעעפֿנט, שלמה האָט אין גאַנצן געציטערט פֿאַר אויפֿרעגונג:

— ווי וואַגט איר מיר צו זאָגן אַזעלכע ווערטער? איך האָב גע־זען, אַז עס איז אייך שלעכט און געוואָלט מיט וואָס עס איז נישט איז אייך באַהילפֿיק זיין, נעמט איר מיך גאָר אָן פֿאַר אַ —

עטלעכע סעקונדן האָבן זיי זיך שטום געקוקט אין די אויגן און

שלמה איז האסטיק אפגעגאנגען פון איר. אן אויפגערעגטער און א צערייצטער אויף זיך אליין איז ער אפגעגאנגען העכער א האלבן פלאץ. עס איז געגאנגען א טראמוויי פונעם זאוואד „באלשעוויק" און ער האט געדארפט איבערוואַרטן. זיך אפגעשטעלט, פרעגט ער זיך אליין:

— וואס האסטו זיך צעהיצט? וואס דען האט זי געזאלט קלערן וועגן דיר? עס איז דאך פארט אזא ארט! מיט וואס ביסטו נישט ענלעך צו „יענע"? קער זיך אום, ביי יענער איז געווים א גרויסע צרה...

ער האט זיך אומגעקוקט „אהין" און אים האט זיך געדאכט, אז זי האט געמאכט א שפאן פארויס. אפשר טוט איר באנג, פאר וואס זי האט זיך אפגעזאגט פון מיין הילף, כאטש מיט וואס קען איך איר העלפן? ניין, ער מוז פון דעסט וועגן צוגיין. נאך איין מאל — און אהיים!...

ווען ער איז ווידער אויסגעוואקסן פאר יענערס אויגן, האט זי נאר א שוואכן קרעכץ געטון:

— איר האט זיך טאקע אומגעקערט? פאר וואס זענט איר אזא איינגעשפארטער? פאלגט מיך, גוטער מענטש, גייט אהיים.

— הערט, חברטע, איך זע, איר גלייבט נאך אלץ נישט אין מיין אויפריכטיקייט. אמת, דאס ארט און די שעה... מען קען מיינען... אבער איר זאגט דאך אליין, אז דא שלעפן זיך ארום אן א שיעור פון יענעם מין פרויען, טא פאר וואס זשע זאלט איר נישט פאר־שטיין, אז ווען איך זאל עפעס טראכטן שלעכטס, וואלט איך אזוי פיל צייט לעבן אייך ניטש געפטרט — איך וואלט שוין לאנג גע־פונען דאס, וואס איך זוך... גלייבט מיר, חברטע, אז איך האב נישט קיין שום הינטערגעדאנקען, איך בין נישט קיין היגער, פון א קליין שטעטל בין איך... א קרעמער בין איך... א יארידניק... אייערע מר זשיקעם און מוזשיטשקעס באציען זיך צייטנווייז צו אונדז אזוי גוט, אז איצט, זעענדיק אייך אין א שווערער לאגע, ווילט זיך מיר זייער מיט עפעס אייך באהילפיק זיין. אמת, מיינע מיטלען זענען זייער באגרענעצט, איך בין כמעט אן ארעמאן, אבער דאך... גלייבט מיר, אפילו מיט קיין מינדסטן פינגער וועל איך זיך צו אייך נישט צו־רירן. זאגט, וואס פעלט אייך?... האט נישט קיין מורא...

שלמהס רייד זענען א פנים געווען געזאגט מיט אזוי פיל הארץ, מיט אזוי פיל אמת, אז דער גליוער פון אירע אויגן איז ביסלעכ־וויז פארשווונדן. זי איז געשטאנען לעבן אים, זייערע פנימער — נאענט, נאענט, אירע אויגן, פייכטע אין די ווינקלען, האבן ווי

מיט אָנגעגליטע שפּיזן געלעכערט זיינע אויגן, געפּרוווט זיי, נישט געגלייבט, אַז ער זאָגט דעם אמת.

שלמה האָט געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג:

— איך זע, חברטע, אַז איר באַשליסט זיך נאָך אַלץ נישט צו זיין מיט מיר אָפנהערציק. עס דאַכט זיך אייך נאָך אַלץ, אַז איך וויל אייך אַריינפּאַקן, אויסנוצן... דער חשד קוקט ביי אייך אַרויס פון די אויגן. אָבער באַרעכנט נאָר, איך רוף דאָך אייך אפילו נישט אין ערגעץ...

— איר האָט דאָך פריער אַ ביסל געזאָגט — „אַהיים"?

— צו אייך אַהיים, האָב איך געזאָגט, כ'האָב אייך געוואָלט העלפן זיך דערקלייבן צו זיך אַהיים, אויב איר זענט אַ היגע. איך האָב דאָ נישט קיין היים, איך בין דאָ אַ פרעמדער און אַן עלנטער...

דאָס אייז האָט געבראָכן...

מיט אַ קראַמף פון אַ גוססדיקן האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַרשטיקטן געוויין. שלמה האָט ווי אומגערן באַפרייט זיין האַנט פון אירער און געזאָגט:

— דערציילט זשע, וואָס האָט אַזוינס מיט אייך געטראָפן? קומט, וועלן מיר זיך צוזעצן אָט אויף יענער באַנק אין בולוואַר. באַרואיקט אייך. נאָך דעם, וואָס איר האָט איבערגעלעבט היינט אויף דער נאַכט, טאָרט איר אַזוי שטאַרק נישט וויינען. וווהין גייט איר? איר זעט נישט דעם טראַמוויי?...

ער איז געגאַנגען פאַרויס און זי, אַ שלוכצנדיקע, נאָך אים. אַ־וועקזעצנדיק זיך, פרעגט ער זי נאָך אַ מאָל:

— נו, וואָס האָט מיט אייך געטראָפן? אַן עק, גענוג צו וויינען! דערמיט וועט איר דאָך גאָרנישט העלפן, דערפון וועט אייך נאָר דער קאָפּ שטאַרקער וויי טון.

— איך קען נישט רעדן, טייערער... ס'איז מיר אַזוי ביטער, אַזוי ביטער...

— אָבער פון דעסט וועגן, דערציילט, אפשר וועלן מיר פאָרט צוקלערן עפּעס אַן עצה. פאַר וואָס האָט איר געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד?

— זעלבסטמאָרד? איך? הייליקע מאַריאַ!... קינדערלעך מיינע!

און זי האָט פון דאָס ניי אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

— נו, שאַט, וויינט נישט... איך זאָג דען? מענטשן האָבן געמיינט... מען האָט אייך אויפגעהויבן ביי דער סאַמע ליניע... אַן עק! הערט שוין אויף צו וויינען, ווישט אויס די אויגן! איר האָט קינדערלעך?

— ווי דען? צווייִ.

— איר זענט אַ היגע?

— ע... ווען איך בין אַ קיעווער, וואָלט דאָך מיר אַזוי ביטער נישט געווען...

— זענט איר, הייסט עס, נישט קיין קיעווער. פון וואַנען דען זענט איר?

— פון פּאָלאַנע.

— ווו איז דאָס ערגעץ, דאָס פּאָלאָנע?

— פּאָלאָנע ווייסט איר נישט?

— קיין מאָל נישט געהערט. כ'בין נישט פון די קאַנטן.

— שעפּעטאָווקע האָט איר יאָ געהערט?

— שעפּעטאָווקע האָב איך געהערט.

— איז אָט אַז מען פאָרט פון קיעוו קיין שעפּעטאָווקע, מוז מען פריער דורכפאָרן פּאָלאָנע.

— זענט איר פון דאָרטן, הייסט עס?

— געבוירן בין איך אין ווערביווקע, אַ דערפל נישט ווייט פון פּאָלאָנע. נאָר איצט וווינען מיר אין שטאָט.

— איר מיט די קינדערלעך?

— איך, מיטן מאַן, מיט די קינדערלעך.

— האָט איר, הייסט עס, אַ מאַן אויך?

— אודאי...

— וואָס זשע איז דער געוויין? איך פאַרשטיי נישט...

ביי דער פראַגע כאַפּט זי ווידער אָן אַ געוויין. אירע אַקסלען טרייסלען זיך ווי אין פיבער. זי פאַרקריצט מיט די ציין, כדי איינצושטילן דאָס כליפּעריי. דערפון טיקעט ביי איר אין מויל, ווי מען זאָל ערגעץ פּויקן אין אַ שויב און די באַקנביינער ציטערן. שלמה האַלט זי אין איין באַרואיקן:

— גלייבט מיר, ס'איז מסתמא נישט אַזוי שלעכט, ווי איר מיינט. איך בעט אייך, באַרואיקט זיך. דערציילט און לאָמיר בעסער אַ קלער טון וועגן אַן אויסוועג.

זי שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות, שווייגט אַ ווײַלע און הייבט אָן:

— וווינען מיר אין פירן אין פּאָלאָנע, זשיטאָמירער קרייז...

— דאָס ווייס איך שוין.

— אין קאָלכאָז „רויטער אָקטיאַבר“ איז מיין ניקאָלאַי דער פאַרזיצער.

— הערסט אַ מעשה, גאָר אַ קלייניקייט!...

— מיין יינגעלע, ער איז שוין קאַרגע פיר יאָר אַלט, איז שוין

לאַנג קראַנק אויף דיזענטעריע. נאָך די לעצטע וואָך האָט ער אָנגעהויבן צו גיין מיט בלוט... און דאָס קינד צאַנקט. די אייגעלעך עפנט עס נישט... קוים וואָס עס רירט מיט אַן אבר...

ווידער האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, וועלכעס מען האָט אומזיסט באַליידיקט:

— מיט צוויי טעג צוריק זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז פון שעפּעטאָווקע קיין זשיטאָמיר פאָרט דורך אַ גרויסער קינדער־דאָקטער. מיין מאַן איז אַרויסגעגאַנגען צום צוג, נאָך אייניקע באַקאַנטע, מען האָט אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל אַראָפּגיין און אַ קוק טון אויפן חולה. דערזען דאָס קינד, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ... ער האָט אונדז ממש געוואָלט שלאָגן: וואָס הייסט, מען האָט אַזוי פאַרלאָזט די קרענק! ער האָט פאַרשריבן עטלעכע רעצעפּטן, וועלכע עס איז נאָר מעגלעך צו קריגן אין קיעוו. אויב איר פאַרשפּעטיקט אַ מינוט, האָט ער געזאָגט, קען דאָס אייך קאָסטן דעם קינדס לעבן. איך האָב מיגענומען הונדערט פופציק רובל און בין אָנגעקומען נעכטן פאַר נאַכט אַהער. איך בין אין קיעוו דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, בכלל אין אַזאַ גרויסער שטאָט. עס וואָלט דווקא געווען געפאָרן מיין מאַן, ער איז שוין דאָ עטלעכע מאָל געווען, ער קען די שטאָט גוט, איז — אָט די אַרבעט... אָט די פאַרשאָלטענע אַרבעט... אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער. דערפאַר בין איך געפאָרן, דאָס ערשטע מאָל... געקומען אַהער, האָב איך באַשטעלט די רפואות, אַז אויף היינט דריי ביי טאָג זאָלן זיי גרייט זיין. דרייערליי רפואות: טראָפּנס, אַ מיקסטורע און אַ זאַלב. די גאַנצע נאַכט בין איך איבערגעשטאַנען אויף די פיס אין וואָרטעזאַל. ס'איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. אויף דער גאַס זענען דווקא דאָ בענק, נאָר מען האָט נישט געלאָזט איינזיצן. פאַרשידענע שלעק האָבן זיך געטשעפּעט צו מיר... אין דער פרי האָב איך אויפן וואָקזאַל גענומען אַ בילעט אויף צוריק, ביי טאָג איינגעקויפט עפּעס פאַר די קינדער: שפּילצייג, נאַשעריַיען. איך האָב אָפּגענומען די רעצעפּטן און גענומען זיך אַרומדרייען באַקוקן די שטאָט. מיין צוג האָט ערשט געדאַרפט אָפּגיין אַ פאָר מינוט פאַר האַלב איינס נאָך האַלבער נאַכט. איך האָב זיך שוין געקליבן גיין אויפן וואָקזאַל, האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַ קוק טון אין אַ יוועלירנע אויסשטעלונג. נישט נאָר איך... נאָך מענטשן האָבן געקוקט... ס'איז דאָרט געווען אַ שטאַרקער געדראַנג... דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט גיין אויפן וואָקזאַל. איך בין שוין געווען אין מיטן מאַרק, איבערגעוואַרט אַ טראַמוויי. מיט אַ מאָל גיט עמעצער אַ ריס דאָס פּעקעלע ביי מיר פון דער האַנט. פאַר דערשרעק האָב איך אפילו נישט באַוויזן אַ געשריי צו טון..

ס'איז דאך אויסטערליש... ערשט עס געהאט, אזוינע פיינע מתנות, און פלוצלינג — נישטא!... און אויף וואס קען דאס יענעם נוצן? פארטעכלעך און שקארפעטקעלעך. פאר מיין יינגעלע א היטעלע און א ביקסל אזא... נאר כאפט עס דער רוח! כ'האב א מאך געטון מיט דער האנט אויף אלעמען און שוין געוואלט גיין ווייטער, נאר דא האב איך זיך אינסטינקטיוו א מאפ געטון ביי דער קעשענע — ליידיק!... דארט איז געלעגן דאס געלט, דער בילעט, מיין דאקומענט און דער עיקר די רפואות! און דארטן דאס קינד — געפערלעך!... איך וועל דאס נישט איבערטראגן!... איך האב זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן — קיינער איז אפילו נאענט נישט געווען. און דא איז מיר שלעכט געווארן... מער געדענק איך גארנישט. נאר ווען כ'האב זיך אויפגעכאפט, בין איך געלעגן אויף דער באנק און איינער א מאנסביל אין ווייסן האט צו מיר געזאגט: „בירגערין, איר קענט גיין, איר זענט שוין געזונט". אט דאס איז אלץ... וווהין האב איך געהאט צו גיין? אז מיר איז פינצטער אין די אויגן... בין איך אזוי געשטאנען... און איצט וואס זאל איך טון? וואס זאל איך טון? א פרעמדע, אן א גראשן געלט, אפילו דעם בילעט אויך צוגענומען... און דאס קינד איז אזוי געפערלעך קראנק... אוי, גאט מיינער, איך וועל דאס נישט איבערטראגן!...

קאפיטל LI

— שאט, חברטע, שאט. אייער וויינען וועט אייך גארנישט געבן. לאמיר בעסער נעמען באקלערן: און וואס שטעקט דא דער עיקר אומגליק: נאר פאוואלינקע... דאס געלט, די מתנות דארף מען זיכער נישט באוויינען... מען קען לעבן אן זיי.

— ווער רעדט שוין דערפון? איך שפיי אויף זיי. אבער מיין קינד!...

— ווארט, שטערט נישט! דעם דאקומענט אייערן דארף מען אויך אויף כפרות. ס'איז נישט אזא ווייטע שטרעקע און בכלל, ווער וועט אייך פרעגן אויף אים?

— אהער צו וועגס האט מען נישט געפרעגט.

— מען וועט אהין צו וועגס אויך נישט פרעגן. אויך א בילעט קריגט מען פאר געלט א צווייטן, די מציאה פעלט נישט אויס.

— פאר וואס וועל איך קויפן? אפילו אויף טראמוויי־הוצאות האט מען מיר נישט איבערגעלאזט.

— זאל שוין האלטן דערביי, געלט האב איך! וואס דען, די רפואות... מיט די רפואות איז טאקע שלעכט, זייער שלעכט. זאגט מיר,

הברטע, דער רעצעפּט איז ביי אייך נישט געבליבן? גיט נאָר נאָך א מאָל א קוק, אפשר צופעליק יאָ...

זי ווישט אוים די אויגן און קערט איבער די קעשענע פונעם סע־קעלע:

— זיי האָבן מיר גאָרנישט איבערגעלאָזט, די אויסוואורפן! וואָס זשע קען איך איצט טון? וואָס קען איך טון? צרות מיינע גרויסע!

— הערט, חברטע, אויב איר ווילט, אַז מיר זאָלן עפּעס צוקהערן, זאָלט איר אויפהערן באַזינגען אייערע צרות. דאָס, וואָס איז געשען, איז פאַרפאַלן! מען דאַרף א טראַכט טון, וואָס וואָלטן מיר עפּעס אויפגעטון? זאָגט מיר, למשל, אזא זאַך: ווען איך זאָל אייך גע־מען א בילעט קיין זשיטאָמיר, איר זאָלט צופאָרן צו יענעם דאָק־טער, ער זאָל אייך אָנשרייבן א פרישן רעצעפּט... עס וועגען דאָך אין גאַנצן פאַריבער ערשט צוויי טעג און ער מוז נאָך אוודאי גע־דענקען, וואָס דאָרט איז געווען אויסגעשריבן, האַ? געפעלט אייך דער פּלאַן?

— וואָס רעדט איר? איך וועל אפילו נישט אָפּזוכן דעם דאָק־טער און וויים נישט זיין פאַמיליע־נאָמען... און ווידער, דאָס דאַרף דויערן פרישע דריי, פיר טעג און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז דעם קינדס לעבן איז אין געפאַר...

— וואָס זשע קען מען העלפן? אַז איר האָט נישט קיין שום זאַך אויף דער האַנט... שאַט! ווו געפינט זיך די אַפּטייק, אין וועל־כער איר האָט באַשטעלט אייערע רעצעפּטן?

— ווי אַזוי קען איך וויסן, ווו זי געפינט זיך? איך בין דאָך נישט קיין היגע...

— אָבער ווי אַזוי האָט איר געטראָפן אַהין?

— וואָס הייסט, ווי אַזוי? כ'האָב זיך געזעצט אין א טראַמוויי און בין געפאָרן, געפאָרן... דערנאָך האָב איך געפרעגט, ווו געפינט זיך דאָ אַן אַפּטייק, האָט מען מיר געהייסן נאָך א סך, א סך פאָרן... ניין, כ'האָב א טעות...נאָך א ביסל, גאָר ווייניק צו פאָרן. אפשר א פערטל קילאָמעטער אין גאַנצן און פון דאָרטן צו פוס, זיך גע־מען אויף רעכטס, גלייך, און נאָכדעם אויף לינקס און דאָרט איז עס...

שלמה ווישט אָפּ דעם שווייס פונעם שטערן און פרעגט הייזע־ריקלעך:

— מיט וואָס זשע פאַר א נומער טראַמוויי זענט איר געפאָרן?

— איך האָב זיך נישט צוגעקוקט.

— ווי אַזוי זשע האָט איר געטראָפן אין דער זעלבער אַפּטייק

אויף אָפּצונעמען די רפואות, אויב איר ווייסט נישט, וועלכער נו־מער טראַמוויי עס גייט אַהין?

— איך האָב דערקענט דעם וואַגאָן, מיט וועלכן איך בין נעכטן געפאָרן.

— וואָס הייסט, איר האָט דערקענט דעם וואַגאָן? ווי איז דאָס מעגלעך?

— זעט איר דאָך, אַז כ'האָב אים דערקענט און געטראָפן...

— איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין!...

— וואָס איז דאָ דאָ צו פאַרשטיין? איך האָב זיך באַלד געמאַכט אַ סימן: דער שטריק איז געווען אויסגעשמירט אין גרינעם ביים סאַמע רעדעלע און דער דאַשעק ביים לינקן לאַמטערן איז געווען אַ ביסל איינגעפּלעטשט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווען צעבוצקען מיט עמעצן...

— י־אָ! איך האָב מיט אייך געטראָפן. אַן עכטע קיעווליאַנקע... אָבער זאָגט מיר, ווי אַרום זענט איר געפאָרן אַהין? דורך אַ מאַרק, צי דורך אַ טעאַטער? אַ דענקמאָל פון אַ רייטער זענט איר פאַר־בייגעפאָרן?

— איך געדענק נישט... איך האָב נישט באַמערקט... איך האָב דוקא אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, נאָר קיין רייטערס האָב איך נישט געזען... איך געדענק, מיר זענען געפאָרן גלייך, גלייך... דער־נאָך מיט אַ מאָל עטוואָס אויף לינקס און טאַקע באַלד אויף רעכטס, און ווידער גלייך, גלייך, דערנאָך באַרג־אַראָפּ און דאַן זענען מיר פאַרבייגעפאָרן אַ סךביימער, און דערנאָך באַרג־אַרויף... אָט דאָס געדענק איך...

שלמהס ליפּן זענען געווען טרוקן ווי בלעך. ער האָט זי פּיינטלעך אָנגעקוקט:

— מאַלאַדיעץ! זייער פּינקטלעכע ידיעות: אויף רעכטס, אויף לינקס, אַראָפּ, אַרויף, און נאָך ביימער אַ סך... יאָ... וואָס זשע הייבט מען אָן צו טון?...

די פרוי האָט זיך אויף דאָס ניי צעוויינט:

— גוואַלד! מיין קינד וועט דאָרטן אויסגיין!... דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט... מאַ־מע! נאָך וואָס לעב איך נאָר אויף דער וועלט?

שלמה האָט זיך מיט אַ בייזער אָנגערופן:

— הערט אויף צו קלאָגן. לאָזט עפּעס צוטראַכטן אַן עצה. די צייט שטייט נישט. פּאַוואָליע נאָר. אָבער געפאָרן זענט איר זיכער פונעם וואָקזאַל?

— גלייך פונעם וואָקזאַל... אַקעגן לעבן־נען האָב איך זיך גע־זעצט...

— אזוי... פונעם וואקזאל האָבן מיר וועלכע טראַמווייען? 2, 6, 10, 13, 18 און 22, אזוי דאכט זיך, הא?

— ביי מיר פרעגט איר?

— אַה, איך האָב גאָר פאַרגעסן, וועמען איך האָב פאַר זיך... איך בין אויך ערשט דאָ אין גאַנצן אַ וואָך, אָבער די שטאָט האָב איך שוין אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. נאָר לאָמיר זיך נישט פאַרנעמען מיט זייטיקע זאכן. דערמאָנט זיך נאָר אויף אַקוראַט: מיט קיין צוויי טראַמווייען אין אַפּטייק אַריין זענט איר זיכער נישט געפאָרן?

— וואָס בין איך עפּעס, אַ מיידעלע, וואָס איר פרעגט מיך איי־בער צען מאָל? כ'האָב געזאָגט: מיט איינעם, איז מיט איינעם...

— איר זענט נאָך דאכט זיך גערעכט?... געפאָרן און געגאַנגען און ווייסט נישט, ווו זי איז אין דער וועלט... בקיצור, מיר דאַרפן באַזוכן פעטשערסק, פּאָדאָל, בעסאַראַבקע, קרעשטשאַטיק און דע־מיעווקע. דורך קיין וואלד זענט איר נישט געפאָרן?

— ניין... זיכער ניין... ביימער אַ סך — דאָס — יאָ, אָבער אַ וואַלד — ניין...

— און דורך קיין טייך אויך נישט?

— אַ טייך? אין קיעוו איז דאָ אַ טייך אויך?

— איז הייסט עס אזוי: סוויאַטאָשין פּאַלט אָפּ, קאַריניאַווקע פּאַלט אָפּ. פּושטשעוואָדיצע, סלאָבאָדקע, בראָוואַרי פאַלן אָפּ. נו, דאַנקען גאָט דערפאַר... בקיצור, איצט דאַרף מען איבערציילן די קאַסע, וויפל געלט פאַרמאָגן מיר? צען... צוואַנציק... פינף און צוואַנציק... דרייסיק... פערציק... איין און פערציק רובל מיט פינף און אַכציק קאָפּיקעס! נו, די קאָפּיקעס דאַרף איך אויף טראַמ־ווייען און איין און פערציק רובל קענען מיר אַריינלייגן אין אייער געשעפט. וואָס זשע דאַרפן מיר טון צוערשט? קומט נאָר צו צו דער אַפּטייק. לאָמיר קודם־כל ווייסן, וויפל איז דער זייגער. אין יע־נעם פענצטער זעט מען גוט דעם ציפערבלאַט. נישט געזאָרגט! ווי רופט מען אייך, חברטע?

— אויפן נאָמען — מאַרינקע, און אויף דעם פאַמיליע־נאָמען — קריוואָרוטשקאָ. און אייך, טייערער חבר?

— אזוי לאַנג, ווי איך האָב נאָך גאָרנישט אויפגעטון, בין איך נאָך נישט קיין טייערער חבר. מיר האַלטן נאָך דערווייל פאַר אַלע־מען. מיך רופט מען סאָלאָמאָן. אַך־אַך־אַך! אזוי שפּעט, צען מינוט נאָך עלף!

שלמה לאָזט איבער מאַרינקען אויף דער גאַס, לויפט אַריין אין אַפּטייק און בעט דאָס אַדרעסן־בוך פון די אַפּטייקן. איבערגעשריבן

צו זיך אין נאָטיצביכל די אַדרעסן פון די אַפּטייקן, וואָס אים קען אויסקומען צו באַזוכן, קערט ער זיך אום צו מאַרינקען:

— נו, נישט געשטאַנען! די אַפּטייקן אַרבעטן אַ קיילעכדיקן מעת־לעת. די טראַמווייען — ביז צוויי ביי נאַכט. ווען גייט אָפּ אַ צוג אויף פּאָלאָנע?

— אין אַ שעה אַרום גייט אָפּ אַ צוג. פון קיין אַנדערן ווייס איך נישט.

— באַלד וועלן מיר וויסן.

ער גיט זיך אַ טאַפּ ביי דער קעשענע און פרעגט צעטראָגן:

— קיין ווייסע גריווינקע* האָט איר נישט?

— איר לאַכט פון מיר, סאָלאָמאָן?

— אַך, אַנטשולדיקט, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר זענט אָפּ־געריייניקט... שטייט! איך אַליין האָב, דאַכט זיך. ס'איז דאָ! אין אייבערשטן קעשענקעלע זיך פאַרוואַלגערט. הונגעריק זענט איר? פאַרריכט אייער טואַלעט. ס'איז נישט שיין אַזוי, דורכגייער קוקן אייך נאָך. קויפן אייך עפּעס עסן?

— ניין, כ'האָב אויף דער נאַכט איבערגעכאַפּט.

— ניין — דאַרף מען נישט. נישטאָ קיין צייט צו בעטן. אַ! אָט האָבן מיר אַ טעלעפאָן־בודקע. אַן אויטאָמאַט. איר האָט נישט קיין שוועבעלע?

— סאָלאָמאָן...

— אַך, אַנטשולדיקט... איך פאַרגעס אַלץ... נאָר עס מאַכט נישט אויס. מיר'ן עס מאַכן אין דער פינצטער אויך. נישט געזאָרגט. גאָט וועט העלפן.

עס האָט אַ כאָרכל געטון אַ מטבע אין אויטאָמאַט און שלמהס קול אין דער פינצטער האָט געפרעגט:

— ספּראַוואָטשנע**? וועלכער נומער וועט זיין דער וואָקזאַל? אהא! אַ דאַנק. ספּראַוואָטשנע? גיט מיר 361748. וואָקזאַל? גיט מיר די ספּראַוואָטשנע־ביוראָ. יאָ, יאָ... ספּראַוואָטשנע? זאָגט מיר, ביטע, ווען גייט אָפּ אַ צוג נאָך פּאָלאָנע? פון דעם באַלדיקן ווייס איך אַליין! איך פרעג, נאָך דעם, ווען גייט אָפּ דער ערשטער. ווען? ווען? 7,15 אין דער פרי? זייער גוט. נישט קיין דירעקטער? ווי אַזוי דען? איבערשטייגן אין קאָראָסטיען? און וויפל וואַרט מען דאָרט? ביטע, גיט אַ קוק. יאָ, יאָ, כ'הער... דריי מיט אַ האַלבער שעה? אַזוי פיל? איך פאַרשטיי, אַז איר קענט נישט

---

* גריווינקע - א מטבע פון צען קאפיקעס.

** ספראוואטשנע - אינפארמאציע-ביורא.

העלפן. נו, א גרויסן דאנק. — אט ווי, מארינקע: מיר האבן גע־שוואלענע זיבן שעה. אין גאט גלייבט איר?

— אודאי גלייב איך... וואס פרעגט איר?

— בעט, בעט ביי אים... ס'קען זיך נאך אלץ אויסלאזן גוט און געלט האב איך אויך העכער פערציק רובל. וויפל האבן געקאסט אייערע רפואות, די טראפנס, די מיקסטורע און די זאלב?

— צוזאמען מיט וואטע און מיט די באנדאזשן: זעקס רובל מיט אכט און דרייסיק קאפיקעס.

— נישט שרעקלעך. וועלכער טראמוויי גייט עס? איר זעט נישט פון דער ווייטנס? אהא, נומער 10! דעמיעווקע. זאל זיין דעמיעוו־קע. היידא! ארייננזעצן זיך!...

קאפיטל LII

אין טראמוויי איז געווען כמעט ליידיק. צוויי קאנדוקטארשעס זענען געזעסן אין א ווינקל פון וואגאן און, שעפטשענדיק צווישן זיך, געקנאקט סעמעטשקעס אין די קולאקעס. אויף די פארשוינען האבן זיי זיך אפילו נישט אומגעקוקט. שלמה מיט מארינקען האבן פארנומען פלאץ ביי אן אפן פענצטער, איינער קעגן צווייטן. דער הימל האט זיך צוריק פארכמארעט, עס איז געווען פינצטער און ליבלעך־ווארעם. שלמה איז געזעסן מיט פארמאכטע אויגן, דעם קאפ אנגעשפארט אויף דער רעכטער האנט, און האט זיך איינגע־הערט אין דעם גיכן גאנג פון טראמוויי. ביי נאכט זענען די ליניעס פריי פון דורכגייער און דער שטראם איז א שטארקער. דער טראמ־וויי טראגט זיך ווי א רוח, אן איין קלונג. דארט, וו דער וואגאן־פירער זעט, אז אויף דער סטאנציע ווארט קיינער נישט אפ דעם וואגאן, טראגט ער זיך דורך פארביי אן אן אפשטעל.

אויפן ראג פון דיעלאוואיא און רויט־ארמייסקע־גאס פילט זיך אן דער טראמוויי מיט פארשוינען. עס האט זיך געענדיקט דער לעצטער סעאנס אין דער דערבייאיקער קינא. עס איז איבערגע־פלוינן די רויט־ארמייסקע־גאס און ווידער טראגט זיך דער טראמ־וויי איבער האלב־טונקעלע, שלאפנדיקע זאוואדישע גאסן. אויף שלמהס האנט פאלט אראפ א קאלטער טראפן און נאך איינער. ער נעמט אראפ דעם עלנבויגן פון דער פענצטערראם און עפנט די אויגן. מארינקע זיצט אנגעשפארט אין דער פלייצע פון דער באנק און קוקט גלייך אויף אים. דערזען, אז ער האט געעפנט די אויגן, רירט זי אים אן ביי דער האנט:

— סאָלאָמאָן, איר שלאָפט נישט? און מיר האָט זיך געדאַכט... ס'איז נאָך ווייט?

— ביזן סוף זענען נאָך דאָ פינף סטאַנציעס, אָבער ביזן אַפּטייק — נאָר דריי, שוין באַלד...

— סאָלאָמאָן, פאַר וואָס טוט איר דאָס אַלץ פאַר מיר?

שלמה האָט זיך שלעפעריק אַ קנייטש געטון:

— וואָס טו איך דען פאַר אייך?

אין מארינקעס אויגן באַווייזן זיך טרערן פון אומבאַגרענעצטער דאַנקבאַרקייט. זי באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן די טרערן פון שלמהן:

— וואָס איר טוט פאַר מיר? אָט דאָס אַלץ...

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן. וואָס האָב איך אויפגעטון פאַר אייך? באַלד גייען מיר שוין אַראָפּ. קומט נעענטער צו דער טיר! דעם וועג אַהערצו האָט איר צופעליק נישט דערקענט?

— ניין, כ'האָב גאָרנישט דערקענט. אַנטשולדיקט מיר, כ'בין אַ דאָרפישע... דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט... און דערצו אומגעריכט...

— וואָס פאַרענטפערט איר זיך? קומט. אָט דאָ איז עס ערגעץ.

שלמה האָט זי צוגעפירט צו דער אַפּטייק:

— נו, דערקענט... אָט דאָ זענט איר געווען?

— נ־ניין... נישט אָט דאָ... זיכער נישט אָט דאָ...

— קומט זשע גיך אויף צוריק... מיר'ן נאָך באַוויזן צו אונדזער טראַמוויי אויף צוריקוועגס. גיכער, מארינקע! ער גייט שוין, איר הערט?

אין טראַמוויי פרעגט ער ביי איר:

— מארינקע, דערמאָנט זיך נאָר גוט: אייער אַפּטייק האָט נישט געהאַט קיין מאַרמאָרנע זיילן? שיינע, הויכע, צו דריי אין אַ גרופּע?

— זיילן? נישט געווען דאָרט קיין זיילן... ניין, ניין, נישט גע־ווען...

— הייסט עס, די אַפּטייק אויפן נאָמען פון דער געפּעאו פאַלט אָפּ. זאָגט מיר: נו, און גרויסע פענצטער אַזעלכע, מיט מעשענע באַריערן און גרויסע שפּיגלען אויף די ווענט — אויך נישט? דער־מאָנט זיך אויף אַקוראַט...

— ניין, ניין... יענע איז אַ סאַמע געוויינלעכע אַפּטייק. נאָר פון דעסט וועגן אַ פיל שענערע ווי אין פּאָלאָנע... ס'איז גאָר קיין פאַר־גלייך נישט.

— טאַקע באמת? איך האָב גאָרנישט געוווסט, וואָס פאַר אַ חכמה איר זענט...

— סאָלאָמאָן, וווּהין פאָרן מיר איצט?

— אייך איז דען נישט אַלץ איינס? איצט הייבן מיר זיך אויף מיטן נומער 18 אויף פעטשערסק, פון דאָרט לאָזן מיר זיך אַראָפּ מיטן נומער 3 אויף קרעשטשאַטיק.

— און אויב איך וועל אַלץ נישט דערקענען?

— וועלן מיר ווייטער טאַפּן אַ וועג... קיעוו איז גענוג גרויס...

דער זייגער איז שוין געווען נאָך איינס. מידע, צעבראָכענע האָבן זיך שלמה מיט מאַרינקען געשלעפּט צו פוס פון סינאַי־מאַרק אויף לוואָווסקע־גאַס, וווּ ס'איז אויך געווען אַן אַפּטייק. נישט אויף פּעטשערסק, נישט אין גאַנצן צענטער שטאָט האָט מאַרינקע נישט דערקענט איר אַפּטייק.

אויפן ראָג פון לוואָווסקע און טשעכאָוו־גאַס ווענדט זיך שלמה צו איר:

— מאַרינקע, איר זעט יענעם טויער, אין וועלכן עס לייכט זיך?

— איך זע... וואָס איז דען?

— אָט דאָס איז די אַפּטייק... איר דערקענט נישט?

מאַרינקע גיט אַ לייכטן ציטער. זי קוקט זיך אום מיט שרעק אַרום זיך און מורמלט שטיל אַרויס:

— קומט אפשר צו נעענטער... דערווייל זעט מיר אַלץ אויס פרעמד...

זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער סאַמע פאָראַדנע טיר. מאַרינקע האָט אַלץ באַטראַכט, פונעם גאַנעק געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער אינעווייניק אַריין און אַנטשלאָסן געמאָלדן:

— ניין, נישט דאָ... כ'קען שווערן!

שלמה שטייט אַ פאַרטראַכטער. פּלוצים גיט ער זיך אַ פּאַטש אין שטערן:

— מאַרינקע! ווי אַזוי האָט איר געזאָגט? אויף רעכטס, אויף לינקס, אַראָפּ, אַרויף... אַ־יאָ אַזוי?

— יאָ, אַזוי געדענק איך, נאָר כ'האָב שוין מורא צו שטעלן אויף מיין זכרון...

— אָך, גאָט מיין גאָט! ווו איז געווען מיין קאָפּ ביז אַהער? אויף פּאָדאָל דאַרף דאָס זיין! אויף קאָנסטאַנטינאָווסקע, ראָג פון אונטערשטן וואַל. עך, אַ קאָפּ ביי מיר... גיכער, מאַרינקע, מיר דאַרפן צולויפן צוויי קוואַרטאַלן*, וועלן מיר נאָך טרעפן דעם לעצטן טראַמוויי אויף פּאָדאָל. איר קענט לויפן?

אַרויסגייענדיק פון דעם דרייצעטן נומער אויף פּאָדאָל, האָט מאַרינקעס פּנים אָנגעהויבן אומרואיק זיך באַוועגן אויף אַלע זייטן. זי האָט געטאַפּט מיט די אויגן, געשמעקט מיט דער נאָז, נאָך נישט

---

* קוואַרטאַל – אַ שטח פון איין ראָג גאַס ביזן צווייטן.

געוווסט באַשטימט, ווי וועט זײַן איצטער. נאָר ווען פון הינטערן ראָג האָבן זיך באַוויזן די באַלויכטענע פענצטער פון דער 81טער אַפּטייק, האָט זי אַ ווילדן קווייטש געטון:

— אָט דאָס איז דאָס!... סאַלאַמאַנטשיק, אָט דאָס איז די אַפּ־טייק! גאַטעניו, מײַן קינד... מײַן קראַנק ייִנגעלע!...

שלמה האָט געפרעגט אויפן פּאַרוואַלטער און מען האָט אים גע־ענטפערט, אַז דער פּאַרוואַלטער איז נישטאָ. עס איז דאָ בלויז דער עלטסטער אַפּטייקער, נאָר ער האָט זיך צוגעשפּאַרט. שלמה האָט געבעטן אים אויפוועקן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז פון אַ זײַטי־קער טיר אַרויסגעגאַנגען דער אַפּטייקער אַ פאַרשלאָפענער. דאָס איז געווען אַ געלער, אַ לאַנגער יונגערמאַן אין אַ כאַלאַט און אין ברילן.

— איך בין דער דיזשורנע אין אַפּטייק. וואָס האָט אײַך גע־בראַכט אַהער נאָך האַלבער נאַכט?

— איך וויל אײַך בעטן אויף עטלעכע מינוט אין אַ באַזונדער צימער.

— איר קענט זאָגן דאָ אויך. קיין סודות האָב איך נישט פאַר קיינעם.

— עס קער זיך נישט אָן, עס טרעפן אויסנאַם־פאַלן, ווען מען קען נישט רעדן, נאָר אונטער פיר אויגן.

— נו, קומט... און איר וווהין גייט, חברטע?

— די חברטע גייט מיט מיר... זי מעג זײַן ביי אונדזער גע־שפּרעך.

דער פאַרשלאָפענער אַפּטייקער האָט זיי אַרײַנגעפירט אין דעם זעלבן צימער, פון וועלכן מען האָט אים אַרויסגערופן. דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט, אויף די קישנס איז נאָך געווען אײַנגעפּרעסט זײַן פיגור. אויף אַ קליין טישל האָט געברענט אונטער אַן אַבאַ־זשור פון אַ צײַטונג אַ טונקל נאַכטלעמפּל. ער האָט זיי אַנגעוויזן אויף בענקלעך און צערייצט געפרעגט:

— נו, וואָס דאַרפט איר? פאַרהאַלט מיך נישט...

— הערט, חבר דיזשורנע, דאָ איז אַזאַ זאַך. ביי דער דאָזיקער חברטע איז געפּערלעך שלאַף אַ קינד. זי איז נישט קיין קיעווער, זי איז פון זייער ווײַט. אַ דאָקטער האָט זי געשיקט קיין קיעוו, ספּעציעל, כדי צו ברענגען די רפואות. די רפואות האָט מען איר געמאַכט אין אײַער אַפּטייק. הײַנט דרײַ ביי טאָג האָט זי זיי אָפּגענומען. און תחילת נאַכט האָט מען זיי ביי איר אַרויסגעגנבעט פון טאַש, צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס דאָרט איז געלעגן. דאָס פאָרן ברענגען אַ דובליקאַט פון די רעצעפּטן מוז דויערן עטלעכע טעג

און דאָס קינד דאַרף די רפואות תיכף ומיד... מיט בלוטיקער די־זענטעריע שפּילט מען זיך נישט...

— מאַכט עס קורצער אַ ביסל, חבר, איר זענט נישט אויף קיין לעקציע. וואָס זשע ווילט איר?

— איך וויל, אַז איר זאָלט אויפזוכן אירע רעצעפּטן און אויף דאָס ניי מאַכן די אויפגעשריבענע מעדיצין.

— חבר, איר רעדט ווי אַ פּראָפּאַן... צוויי מאָל אויף איין רע־צעפּט איז שטרענג פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן און ווי אַזוי קען איך וויסן, אַז דווקא אָט די פרוי איז די אייגנטימערין פון די רעצעפּטן? אַך! מענטשן האָבן אין זיך אַן עזות אומזיסט אויפרייסן יענעם פון שלאָף און נאָך רופן אויף אַ סוד. אַזאַ חוצפה!

— חבר, איר זענט אין גאַנצן גערעכט. מען טאָר טאַקע נישט דאָס צווייטע מאָל אַרויסגעבן אָן אַ צושריפט פון אַ דאָקטער. דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. און אַז זי איז די אייגנטימערין פון די רעצעפּטן, וועט זי אייך אויך נישט קענען באַווייזן, ווייל צוזאַמען מיט אַלץ האָט מען ביי איר דעם דאָקומענט אויך אַרויסגענגבעט... און דאָך, נישט קוקנדיק אויף די אַלע פאָרמאַליטעטן, דאַרפט איר אונדז דאָס טון. ווייל דאָס קינד שטייט העכער פון אָט די אַלע פּאַפּירענע שטערונגען. דאַרום, ווו עס האַנדלט זיך אין אַ לעבן, טאָר מען נישט זיין ביוראָקראַטיש.

— חבר, ווער האָט אייך דערלויבט מיר לייענען מאָראַל?

— דערלויבט האָט מיר טאַקע קיינער נישט, אָבער איך טו דאָס אָן אַ דערלויבעניש. גיט אַ קוק אויף דער מוטער, ווי זי זיצט אַ דערשלאָגענע, וועט איר זען, אַז מען דאַרף האָבן יושר. איר האָט אפשר אויך אַ קינד, אַלאַ נישט, וועט איר האָבן. טוט דאָס אונדז, איך בעט אייך, עס איז נישט קיין פאַרברעכן, מיר וועלן אייך די טובה קיין מאָל נישט פאַרגעסן און אַלס אָנדענק וועט איר מאָרגן ביים אָנבייסן אויסטרינקען צוויי פלאַש שאַמפּאַניער...

אין דעם צעקנייטשטן קישן איז אַריינגעפלויגן אַ גאַנצער משער־וואַניע. דער אַפּטייקער איז רויט געוואָרן און אויפגעשפּרונגען:

— ווי וואַגט איר?

שלמה האָט אים דעליקאַט אָנגענומען ביי דער האַנט:

— וואָס וואַגן מיר דען?... דאָס איז סתם אַזוי פון הימלעכ־קייט וועגן. דער עיקר איז אייער מענטשלעכקייט: אַ קינד... אַ מו־טער... און בלוטיקע דיזענטעריע...

ביים אַנגעשטעלטן האָט זיך איבערגעביטן דאָס פּנים און נישט קוקנדיק גלייך אין די אויגן, האָט ער אַ בורטשע געטון:

— ווי איז איר פאַמיליע־נאָמען?

— קריוואָרוטשקאָ.
— ווו איז דאָס אויסגעשריבן געוואָרן?
— אין פּאָלאָנע.
— וואַרט דאָ צו, באַלד קער איך זיך אום.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט אַ באַרג רע־צעפּטן, אָנגעשטאָכענע איינע אויף דער אַנדערער. איינציקווייז האָט ער זיי אָראָפּגענומען, אַ קוק געטון אויף דער פאַמיליע און אַוועק־געלייגט אויף אַ זייט. ווען אַלץ איז געווען דורכגעקוקט, האָט ער דורכגעזייעט דורך די ציין:

— ס'איז אַ טעות. נישט אין דער אַפּטייק האָט מען באַשטעלט. נעמט צו אייער טשערוואָניעץ און גייט געזונטערהייט. נישטאָ ביי אונדז קיין קריוואָרוטשקאָ.

מאַרינקע האָט אַ בלייכע אַ שפּרונג געטון, נאָר שלמה האָט איר געגעבן אַ ווינק, אַז זי זאָל שווייגן, און האָט רואיק געענטפערט:

— ניין, חבר, דער טעות איז אייערער, נאָר דאָ האָט די פרוי באַשטעלט און אָפּגענומען דעם קינדס רפואות.

— וויפל איז געווען דער זייגער, ווען זי האָט זיי באַשטעלט?

— זי האָט נאָך יענעם טאָג פאַר נאַכט באַשטעלט.

דער אַפּטייקער גיט אַ טופּע מיטן פוס אין פּאָל:

— וואָס זשע דרייט איר מיר אַ קאָפּ אומזיסט? פון אָנהייב אָן האָט איר אַזוי געדאַרפט זאָגן. עס וועט גאַרנישט זיין פון אונדזערע רייד. אייערע פּאַפּירלעך ליגן פאַרשלאָסן אין שאַפע און דער שליסל איז ביים פּראָוויזאָר. ניין אין דער פרי וועט ער קומען. קומט דאַמאָלסט און רעדט מיט אים. אָט דאָס איז אַלץ! צום ווידערזען!

שלמה זיצט מיט פאַרלאָשענע אויגן און קוקט אין פּאָל אַריין. דער אַפּטייקער באַמערקט נישט ווילנדיק דעם רייצנדיקן טשערוואָ־ניעץ און גיט אַ זאָג ווי צו זיך אַליין:

— סיידן אפשר פּרוּוון... באַלד!...

ער מאַכט פעסט צו די טיר, מאַכט אויף אַ טאַשן־מעסערל און גייט צו צו דער שאַפע, וואָס אין ווינקל. אין עטלעכע סעקונדן אַרום עפנט זיך דאָס טירל שטיל ווי פון שלאָף. ער זוכט אויס אַ פּעקל פּאַפּירן, מישט און מישט...

— ווי אַזוי האָט איר געזאָגט, איז די פאַמיליע?

— קרי־וואָ־רוטש־קאָ.

— ס'איז דאָ. אָט דאָס איז אייער פּאַפּירל, חברטע?

מאַרינקע איז אַזוי צערודערט, אַז זי שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ. דער אַפּטייקער לייענט און לייענט נאָך אַ מאָל, רעכנט עפּעס אי־בער און זאָגט צו שלמהן:

— גייט באַצאָלט אין קאַסע פיר רובל מיט אַכט און אַכציק קאָפּיקעס.

— ניין, פּאַר אַ רובל מיט פופציק איז גענומען געוואָרן אויך באַנדאַזשן מיט וואַטע.

— דאַן באַצאָלט זשע זעקס רובל מיט אַכט און דרייסיק קאָ־פּיקעס.

אַרויסגייענדיק אין זאַל אַריין, טרעפט שלמה אויף זיך מאַרינ־קעס אויגן פול מיט טרערן פון גליק. ווען ער האָט דערלאַנגט דעם אַפּטייקער דעם טשעק אויף דעם אָפּגעצאָלטן געלט, איז שוין אויפן בעט דער טשערוואָניעץ נישט געווען. יענער האָט פאַרשריבן אין בוך און געמאָלדן:

— מאָרגן פינף פאַר נאַכט... אייגנטליך הייסט עס שוין היינט...

— וואָס רעדט איר, חבר?

— פריער איז אוממעגלעך, ס'איז דאָ פיל אַרבעט.

— אָבער —

— לאָזט מיך שוין אָפּ, דער קאָפּ טוט מיר שוין ווי פון אייך. איך רעד צו אייך אויף ריין רוסיש. אַנדערע הייסן מיר קומען אויפן צווייטן טאָג און אייך מאַך איך דעם זעלבן טאָג. וואָס נאָך ווילט איר? ס'איז שוין נישט זייער לאַנג צו וואַרטן, ס'איז שוין צען מי־נוט נאָך צוויי.

— זאָגט מיר, אָבער אויב איך וועל פועלן ביי די לאַבאָראַנטן, אַז מען זאָל מיר דאָס באַלד מאַכן... איך האָף, אַז אין אַזאַ פאַל...

— מיטן גרעסטן כבוד... אויב אייך וועט זיך נאָר איינגעבן... פון יענער זייט וואַנטל האָבן געאַרבעט אַ מאַן מיט אַ פרוי. זי — אַ יונגע, און ער — אַן עלטערער.ביידע פּנימער זענען געווען פאַרקילט און קאָנצענטרירט. שלמה האָט זיך פאַרנויגט:

— אַנטשולדיקט, חברים, איך בין געקומען אייך עפּעס בעטן מיט דער דערלויבעניש פון אייער שעה. דאָ האָב איך אַ רעצעפּט אויף עטלעכע רפואות. דאָס איז אָבער פאַר אַ געפערלעך קראַנקן און מען מוז זיי האָבן אין עטלעכע שעה אַרום. איך בעט אייך זייער, מיר נישט אָפּזאָגן און זיי באַלד מאַכן. איר שטייט דאָ אַזוי פאַרשמאַכט ביי די פלאַשקעס מיט די טראָפּנס... איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אייך מכבד געווען מיט אייזקרעם, אָבער איצט פאַרקויפט קיינער נישט. וועט איר שוין דאָס טון פאַר מיר אין דער פרי...

און שלמה האָט אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייסער שיסל אונטערן טיש צוויי דרייערלעך.

קאפיטל LIII

דער עלעקטרישער לאמפ פון פארנט ביים טישל האט העל געלויכטן. פון פענצטער האט ארײנגעקוקט א שווארצע נאכט. פון יענער זײט וועגטל האבן הענט פלײסיק געריבן מיט א לעפל אין א שיסעלע און פליסיקײטן האבן זיך געבולקעט פון עטלעכע פלעשעלעך. מארינקע איז מיט א גליקלעכן שמײכל אויף די ליפן אנטדרימלט געווארן ביים טיש. שלמה האט געמישט די זשורנאלן אהין און צוריק, געצווונגען זיך נישט אײנצושלאפן. ארום דרײ א זײגער האט דער אלטיטשקער א ווינק געטון צו אים:

— אלץ איז פארטיק! אט וועל איך אײך פארפאקן. דאס האט איר די מיקסטורע, דאס איז די זאלב און דאס זענען די טראפנס. איצט גיב איך אײך באלד באנדאזשן און וואטע. ניין, ווארט! נאט אײך בעסער סטעריליזירטע. שוין! איצט בינד איך אײך צונויף אלץ צוזאמען. פארטיק, איר קענט גײן...

שלמה האט א שלעפ געטון מארינקען פארן ארבל:

— קומט, מארינקע, איך האב שוין אלץ.

— שוין?...

אויף דער גאס האט שוין עטוואס זיך געבלויט. מען האט נישט געזען קײן לעבעדיקן נפש. די כמארעס זענען ווידער פארשוווּנדן, נאר א דורכזיכטיקער פארהאנג האט פארשטעלט דעם בלויען פארמאגיקן הימל. פון דניעפּר האט זיך דערטראגן אן אומדײטלעכער גערויש, ווי עמעצער וואלט זיך דארט מיט עפּעס געווארגן. דער ווײטער כארבל האט נאך שארפער געמאכט פילן די טיפע שטילקײט.

די צוויי סילועטן זענען צוגעגאנגען ביזן „אונטערשטן וואל" און זיך פארנומען לינקס אויף „גלובאטשיצע". גלובאטשיצע, דאס איז א דערפל אין מיטן דעם גרויסן כרך: אײנשטאקיקע הײזלעך מיט גערטנדלעך ביי דער זײט. א היפשע ריטשקע שנײדט זי דורך אין דער ברײט, אין וועלכער עס באדן זיך חזירים און עס שווימען ארום קאטשקעס. א טיפיש דערפל. נאר די גיגאנטישע 7טע מיל דערמאנט דעם דורכגײער, מיט וועמען דאס דערפל איז א שכן.

דא איז געווען נאך שטילער ווי אויף פאדאל און עפּעס הײמלעכער. אויף זײערע טריט האט זיך אפּגערופן א בייז הינטל און איז נישט אפּגעטראטן פון זײ. ערגעץ אין א טיפן הויף האט א יונג הענדל זיך פארצויגן א קרײ צו טון און נישט געענדיקט. איבער מארינקעס קערפּער איז דורכגעלאפן א ציטער.

— עס איז אייך מסתמא קאַלט אין אייער סעקעלע, א־יאָ?
— ניין, וואָס רעדט איר, קאַלט גאָר...
— פאָלגט מיך, טוט אָן מיין פּידזשאַקל.
— בשום אופן נישט. איר לאַכט פון מיר?
— קוים וואָס איר האַלט זיך אויף די פיס, מאַרינקע... און דער וועג איז אַזאַ ווייטער... אַך, אַ ווייטער!
— ע... ס'איז גאָרנישט!...
— נאָכן נעכטיקן אָנפאַל נישט שלאָפן אַ נאַכט, זיך אָנגיין צו פוס און גאָרנישט עסן... נאָר וואָס קען איך איצט העלפן?...
— סאָלאָמאָן, אויף מיין וואָרט, ס'איז מיר אַ בזיון! איר רעדט פון מיר ווי פון אַ קליין קינד... איך בין דאָך איצט די גליקלעכסטע אין דער וועלט! און וועגן אייך ווייס איך גאָרנישט וואָס צו טראַכטן, אפשר זענט איר גאָר נישט קיין מענטש — נאָר אַ מלאך...
— איי, לאָזט צו רו מיט אייערע נאַרישקייטן... שאַ! שטייט נאָר! ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי רעדער וואָלטן זיך געקאָ־טשעט. זאָל נאָר זיין שטילער. ווער בויטעט עס דאָס וואָסער?
נישט ווייט פון זיי ביי דער ריטשקע איז געשטאַנען אַ ליידיקע דראָזשקע. דאָס פערד האָט זיך אָנגעטרונקען, געבנדיק אַלע מאָל אַ זעץ מיט דער קאָפּיטע לעבן מויל.
שלמה איז צוגעגאַנגען נעענטער:
— פעטערל, וווהין פאָרסטו אַזוי פרי?
— אָט טרינק איך אָן דאָס פערד, פאָר איך אויפן וואָקזאַל.
— דו פירסט אונדז אפשר אָפּ אַהין?
— פאַר וואָס נישט? אַבי אַ טשערוואָניעץ!...
— מער גאָרנישט? אַז דו ביסט יאָ אַזאַ כוואַט, מעגסטו שוין פאָרן ליידיק.
— וויפל דען גיסטו? וויאָ, קאַרע! גענוג דיר צו טרינקען. וויפל גיסטו, יונגערמאַן?
— צוויי רובל קען איך דיר געבן. אַ רובל פון אַ מענטשן. לוינט דיר — נעם!...
— גיב אַ פינפערל און פאָרנעם פּלאַץ. פינף רובל איז קיין געלט נישט.
— ניין, צוויי גיב איך. איך וואָלט זיך מיט דיר אפילו נישט געדונגען, נאָר איך בין אַצינד געענגט אין געלט. און דיר איז נישט אַלץ איינס, פאָרן ליידיק צי נישט ליידיק? אין אַזאַ פריער שעה וועסטו קיין אַנדערע פאַרשוינען נישט טרעפן.
— גיב אַ דרייערל און גאָט איז מיט דיר...

— מילא, זאָל שוין זיין דריי. נאָר מאַך עס שנעלער, מיין באַגלייטערין איז זייער מיד.

— אזא לאַנגע נאַכט זי עקספּלואַטירט, ווילסטו נאָך, אז זי זאָל נישט זיין מיד?

שלמה האָט זיך אומגעקוקט אויף מארינקען, זי אויף אים, אוןביידע האָבן דעם אַלטן בעל־עבירהניק נישט געענטפערט קיין וואָרט.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, איז געווען דריי פערטל אויף פיר. זיך צעצאָלט מיטן פורמאַן, זענען זיי אריינגעגאַנגען אין וואָקזאַל. דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפולט מיט פּאַסאַזשירן. ווער עס איז געשלאָפן, ווער געגעסן, געלייענט, געקראַצט זיך. צו די קאַסעס איז געווען נישט צוצוקומען, די רייען האָבן דערגרייכט ביז דער טיר. שלמה האָט פאַרנומען א ריי און זיך דערווייל צוגערוקט פון פאַרנט צום סאַמע פענצטערל. מארינקע איז אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט, א שלעפעריקע און אַן אָפּגעשוואַכטע. ביי דער קאַסע, ווו מען גיט אַרויס בילעטן אין דער ריכטונג לאויף שעפּעטאָווקע, האָט שלמה דערזען די פינפטע אָדער די זעקסטע פון דעם פענצטערל א יונגע פרוי מיט א קינד אויף איין האַנט און מיט א טשעמאָדאַן אין דער צווייטער. דער שוויס האָט פון איר געגאָסן ריטשקעסווייז. דער פעדערשטער לאָק איז א צעשויבערטער געווען צוגעקלעפּט צו די שלייפן. דאָס קאָפּטל איז געווען נישט פאַרשפּיליעט, פון זויגן דאָס קינד. דאָס געלט אויפן בילעט האָט זי געהאַלטן אין האַנט. נישט קלערנדיק קיין מינוט, האָט זיך שלמה דורכגעשפּאַרט צו איר און ווענדנדיק זיך צו איר אויף „דו" ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער פאַררדיסלעך געזאָגט:

— וואָס שטייסטו מיטן קינד אויף די הענט? אָדער גיב מיר דאָס קינד אָדער ווייז אהער, וועל איך דיר נעמען א בילעט.

יענע, א פאַרשעמטע, וואָס זי קען זיך נישט דערמאָנען, ווער איז דער חבר, וואָס רעדט צו איר אויף „דו", ענטפערט מיט א שולדיק שמייכעלע:

— דאָס קינד דאַרף מען נישט טשעפּען, ער איז קוים אַנטשלאָפן געוואָרן, ער האָט מיך געמוטשעט ביז אהער. שטעל זיך אויף מיין אָרט און נעם א בילעט. דו פאַרסט דאָך אויך קיין כריסטינאָווקע, צי ניין?

— וואָס פרעגסטו אַזעלכע זאַכן? וואָס הייסט, ניין?

— פאַרגעס זשע נישט צו זאָגן: דורך וואַפּניאַרקע.

— וואָס דערציילסטו מיר?

— ניין, דאָס איז נייטיק. ווארעם, אַז מען זאָגט נישט, ווי אַרו־מער מען וויל, גיט ער דורך שפּאַלע, טאַלנע, פאַטאַש...

— וואָס בין איך, אַ נעכטיקער? וואָס לערנסטו מיך?

ביז שלמהן זענען געבליבן נאָך צוויי מענטשן און ס׳איז אים גע־וואָרן נישט אַנגענעם, וואָס דער גאַנצער עולם וועט באַלד געוויר ווערן פון זיין שפּיצל, ווייל ביי דער קאַסע מוז מען אַריינשרייען דעם נאָמען פון דער סטאַנציע. דאַן האָט ער אויף גיך אַנגעוואָרפן מיט אַ בליישטיפט: „כריסטינאָווקע, דורך וואַפּניאַרקע — איין בי־לעט, און פאַלאַנע, דורך קאָראָסטיען — אויך איינעם", און אַריינ־געגעבן דאָס צעטעלע אין קאַסע אַריין צוזאַמען מיטן געלט. דער קאַסיר האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז מען גיט נישט איין מענטשן קיין בילעטן אין צוויי פאַרשידענע ריכטונגען, נאָר דערזעענדיק, אַז ער האָט אַן עסק מיט אַ שטומען, וואָס קוקט אויף אים מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אויסגעקלאַפּט די צוויי בילעטן.

פיר אַ זייגער זענען זיי שוין געזעסן אין בופעט ביי אַ טישל. שלמהס פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון זעקס רובל מיט זיבעציק קאָ־פּיקעס. די קאָפּיקעס האָט ער באַהאַלטן אויף טראַמוויי און מיטן איבעריקן איז ער אוועק צו דער קאַסע. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מאַרינקען צוגעטראָגן אויף אַ טעלער: צוויי פראַנצויזישע בולקעס, אַ פּאַרציע פּוילישן קאָלבאַס, האָלענדישן קעז, אַ פּאָר אייער און קאַווע מיט מילך.

— עסט, מאַרינקע, עסט אָפּ, וועט איר נאָך כאַפּן אַ דרימל, וואָרעם איך האָב מורא, טאָמער שלאָפט איר איין אין צוג. עס קען נאָך עפּעס טרעפן מיט די רפואות.

— ווער וועט שוין שלאָפן נאָך דעם נעכטיקן פאַל? יאָ, וואָס הייסט, איך זאָל עסן, נו, און איר?

— איך האָב נעכטן שפּעט אָפּגעגעסן, בין איך נאָך נישט הונגע־ריק...

— האָב איך דאָך אויך דאַמאָלסט געגעסן. אויב איר עסט נישט, עס איך אויך נישט!...

— מאַרינקע, שפּאַרט זיך נישט איין. נו, לאָמיר זאָגן, אַז איך האָב איצט ביי זיך מער קיין געלט נישט. איז, איר פאָרט דאָך אוועק און איך בלייב אין דער היים.

— איר זאָגט דאָך, אַז איר האָט דאָ נישט קיין היים?

— קיין אמתע היים האָב איך טאַקע נישט, אָבער אַ שטוב, וווהין אַריינצוקומען, האָב איך דאָך. איך שלאָף דאָך נישט אויף דער גאַס.

מארינקע האט מיט טרערן אין די אויגן אנטשלאסן געזאגט:

— אויב איר נעמט אויך נישט עפעס, קען איך אויך נישט עסן. ווי איר ווילט...

שלמה האט צוגערופן א קעלנערין און זיך געהייסן ברענגען א גלאז טיי מיט א בייגל.

ארויסגייענדיק פונעם וואקזאל, איז שוין געווען גרויסער טאג, באמש די זון האט מען נאך נישט געזען. ביזן אפגיין פונעם צוג איז נאך געווען העכער דריטהאלבן שעה צייט. שלמה האט אפגעפירט מארינקען אין קעגנאיבערדיקן קליינעם בולוואר און איר אנגעוויזן אויף א באנק:

— אט דא לייגט זיך און שלאפט. א האלבע שעה פארן אפגיין פונעם צוג וועל איך אייך אויפוועקן.

— און וואס וועט איר דערווייל טון?

— דאס וואס איך טו שטענדיק... אן עק! באיר־באיו...

— סאלאמאן, איך וויל מיט אייך עפעס רעדן...

— קיינע שמועסן דערלויב איך נישט אצינד! שלאפט, וועט איר נישט שלאפן אין צוג. נו, אויסגעצויגן זיך! מיטן פנים צו די ביימער!

קאפיטל LIV

די זון איז עפעס א ברוגזע ארויסגעקראכן פון הינטער דער וואקזאל־געביידע, זיך אומצופרידן ארומגעקוקט אויף אלע זייטן, א קלער געטון און זיך אונטערגעטונקען אין א לענגלעך, וואסערדיק כמארעלע. פון בעזאקאווסקע־גאס זענען געפארן צום וואקזאל דראזשקעס, מאשינען, טראמווייען. טרעגערס און מענטשן מיט האנט־וועגעלעך זענען געלאפן אויף און אפ. אלע מאל האט דער ארויסגאנג פונעם פעראן אויסגעשפיגן אין שטאט אריין טויזנטער מענטשן און איינגעשלונגען אנדערע. פון די דאטשנע צוגן האבן זיך געצויגן מחנות מענטשן מיט פולע קאשיקעס, צינערנע באנקעס, אויסגעבויגענע קאראמיסלעס, אלומינעווע טעפ און עמערדיקע קאסטרוליעס * מיט סמעטענע, מיט האניק און מיט רוזשיאווע בוימל **. דער מעטאלורגישער גיגאנט „לענינס קוזניע”, וואס שטייט צום וואקזאל מיט א זייטל ווי א ברוגזער מחותן, האט ארויסגעווארפן אויף דער גאס די ביינאכטיקע וואכטע און דורכגעלאזן די בייטאגיקע. לאקאמא־

* קאסטרוליעס - עמאליירטע טעפ.

** רוזשיאווע - אזעלכע קערבער.

טיוון האָבן געפּייפט און גערעוועט אויף הונדערטערליי קולות. איבער דעם בולוואַר האָט זיך דורכגעטראָגן אַ „ניינטל" זילבערנע אַראָ־פּלאַנען. די זון האָט אויף אַ רגע אונטערגעהויבן דאָס פּאַרהענגל, נייגעריק באַטראַכט די שטאָלענע פייגל, אַ שמייכל געטון און זיי מיט אַ בינטל גאָלדענע בייטשן און זיך צוריק פאַרהאַנגען.

דער ניקלענער ווייזער אויפן מאַרמאָרנעם ציפערבלאַט פון דעם וואָקזאַל־זייגער איז פויל געקראָכן אויף דער זיבעטער שעה. די הענט פאַרפלאָכטן אויף הינטן, האָט זיך שלמה אַרומגעדרייט אין דער אַלייע, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. ער האָט שוין געוווסט, וויפל פענצטער די לענ־קוזניע האָט אין איין וואַנט. ער האָט גע־וווסט, וויפל גראַטעס יעדער פענצטער האָט, די לענג פון דעם און די ברייט. ער האָט שוין געוווסט, וויפל מעטער עס איז דאָ פון יענעם דעמב, וואָס ביים אָנהייב אַלייע ביז דער יונגינקער קלומבע * ביים אַרויסגאַנג. מאַרינקע איז געשמאַק געשלאָפן ווי ביי זיך אין בעט. שלמה האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף איר שיין קינ־דעריש פנים און אַן איינגעגעסענער וואָרעם האָט אים געטאַטשעט, געגריזשעט:

— וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר, שלמה? וואָס האָסטו זיך אָנ־געהאַנגען אין אַ גויע און טרעטסט נישט אָפּ פון איר אַ גאַנצע נאַכט? האַ? וואָס איז דאָס, וואָס?

שלמה האָט זיך באַמיט נישט צו טראַכטן. ער האָט געציילט די צווייגן אויפן בוים, די דראָטן אויף די סלופּעס. דאָס ווערעמל איז אָבער געווען אַן איינגעשפּאַרטס:

— פאַרקערט, זאָג אַליין, ווען איצט גייט דורך ר' אברהם שאַרפ־שטיין און זאָגט: קום, שלמה, ווו ביסטו עס נעכטן פאַרפאַלן גע־וואָרן? וואָלסטו אים געזאָגט: האָט נישט קיין פאַראיבל, איך קען נישט גיין, דאָ שלאָפט ר' מאַרינקע און איך בין איר גבאי. — אָדער ווען עס גייט איצט דורך מנשה, למשל... אין דער היים חזרסטו „חובות־הלבבות" אויף אויסנווייניק און דאָ שלעפּסטו זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט שיקסעס... שיין אַזוי? גוט אַזוי? — צי אַ שטיי־גער, ווען יאַני ווערט געוווּיר פון דעם? האַ?... אָדער ווען עמעצער שטעלט דיר צו אַ בענקעלע צום רבין שמעיהן אָדער צום זיידן שלומען אָדער גאָר צום טאַטן. וויי, וויי! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט! ווען ירחמיאל דער ווענעראָדער רב, אָדער גאָר אליקום דער טערליצער בעל־חזקה זאָלן וויסן, וועמען מען האָט זיי געוואָלט געבן פאַר אַן איידעם, וואָלטן זיי שוין זיכער געפּאַסט זיבן

* קלומבע - אַ ספּעציעלער קײַלעך, באַזעצט מיט פאַרשידענע בלומען.

מאָל זיבן תעניתים. נאָר מילא, חכמות אויף אַ זייט, אָבער ס׳איז דאָך טאַקע: פע, מיאוס און פּאַסקודנע... און איינע אַכט טעג שוין אַזוי קאַליע ווערן! מען דאַרף גאָר זיין אַ בריה דערצו!...

דער לאַנגער ווייזער האָט זיך שוין גערוקט צו דער ניין. שלמה האָט אַ טאַרקע געטאָן מארינקעס טופּל:

— שטייט אויף, מארינקע, איר דאַרפט גיין צום צוג!

מארינקע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן רוקן, געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און זיך פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט. דערזעען שלמהן, האָט זי נייגעריק אים באַטראַכט, נישט פאַרשטאַנען, ווער איז דאָס און וואָס דאַרף ער.

— מאַרינקע, צעדרעכעט * זיך, איר האָט נאָך דווקא צייט אַ האַלבע שעה, אָבער ביז מיר וועלן צוגיין און ביז איר וועט אָפּזוכן אַן אָרט... וואָס קוקט איר מיך אָן ווי אַ נעכטיקע? איר דערקענט מיך נישט? אָט זענען דאָך די רפואות פאַר אייער יינגעלע!...

— האַ... זע נאָר!... אַנטשולדיקט, סאָלאָמאָן!... שוין צייט, הייסט עס... פאַר איך טאַקע... יאָ, ווו איז אייער פּידזשאַקל? פאַר וואָס עפּעס גייט איר אין העמדל?

— איך האָב אייך איינגעדעקט. אין שלאָף האָט איר געציטערט. אין מאַי זענען די פרימאָרגנס נאָך קילע. קומט, דאָס פּידזשאַקל טו איך אָן, ווישט אויס די אויגן פון שלאָף.

— גאָט מיינער! איר האָט זיך דאָך געקענט צוקילן!

— איך קיל זיך קיין מאָל נישט צו. איך האַלט נישט דערפון.

— סאָלאָמאָן, איך האָב עפּעס אין זינען געהאַט אייך צו זאָגן, אפילו אין שלאָף זיך געחזרט... גוואַלד, אַזאַ נייטיקע זאַך... דערמאָנט מיר... אַ, יאָ! שיר נישט פאַרגעסן. שרייבט זשע מיר אָן אייער אַדרעס, איך זאָל וויסן —

— וואָס דאַרפט איר דען וויסן?

— וואָס הייסט עפּעס, וואָס איך דאַרף? ערשטנס, דאָס געלט אָפּשיקן: איר זענט דאָך געבליבן אָן אַ גראָשן...

— מען דאַרף נישט אָפּשיקן.

— פאַר וואָס דאַרף מען נישט?

— אַזוי... עס איז דען אַזאַ גרויסע סומע? ס׳איז נאָר דאָ אין דער פרעמד איז ביי מיר אַזאַ קריטישער מאָמענט, אָבער אין דער היים וועל איך האָבן געלט.

— אָבער סאָלאָמאָן, טייערער סאָלאָמאָן... שוין זשע וועלן מיר זיך שוין מער קיין מאָל נישט זען?

---

* צעדרעכן - פאַרטרייבן דעם שלאָף.

— וואָס דען, יאָ? און צו וואָס דאַרף מען דאָס?

— וואָס הייסט, צו וואָס? איר האָט דאָך מיר דאָס לעבן געראַ־טעוועט...

— איי, רעדט נישט קיין נאַרישקייטן! כ׳האָב פיינט אַזעלכע הויכע פראַזן: לעבן... געראַטעוועט... דער עיקר: די רפואות פאַרן יינגעלע לאָזט נישט אַרויס פון דער האַנט. שטייט לעבן אָן אָפן פענצטער, וועט אייך נישט שלעפערן. און איר זאָגט גאָר: זיך זען... מן הסתם וועל איך אויסלעבן מיינע יאָרן און מער אין קיעוו נישט זיין. און איר וועט שוין, דאַכט זיך, אויך פאַרזאָגן אַ צענטן, מער קיין קיעוו נישט פאָרן. די וועלט איז קאַרג גרויס? און איר זאָגט גאָר: זען זיך... יאָ, זאָגט מיר, מאַרינקע, וויפל שעה פאָרט מען ביז באַלאָנע?

— אַהער בין איך געפאָרן העכער פינף שעה.

— מאַקע? איצט צורעכענען נאָך דריי מיט אַ האַלבער שעה, וואָס איר דאַרפט וואַרטן אין קאַראַסטיען... שלעכט!...

ער האָט איבערגעלאָזט מאַרינקען אין מיטן פלאַץ און איז אַוועק־געלאָפן צו אַ רעדל בעלי־עגלות, וואָס זענען געשטאַנען ביי אַ פלויט און געפלוידערט. מאַרינקע האָט אים נאָכגעשריגן, גערופן צוריק, נאָר ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. צוקומענדיק צום רעדל האָט שלמה אַרויסגענומען זיין טאַשן־מעסערל, געעפנט אַלע קלינג־לעך:

— ווער קויפט?

— וויפל ווילסטו?

— אַ צען־רובל־שטיק.

— און אַ דריי־רובל־שטיק איז דיר אַ קרענק?

— ניין, איך גיב דוקא פיר.

— איר מאַכט חוזק פון מיר. אויב איר ווילט געבן אַכט רובל, נעמט עס...

ס׳איז אָנגעלאָפן מאַרינקע און אָנגעכאַפט שלמהן ביי דער האַנט:

— כ׳היים נישט פאַרקויפן, כ׳וועל גאַרנישט נעמען, אַט האָסטו אַ צלם...

— איך פרעג ביי אייך נישט! נו, פעטערל, איר גיט אַכט רובל?

— דו ווילסט אַ פינפערל — נעם. ניין — גיי געזונטערהייט! מען קריגט די מציאה אין מיטן האַלבער נאַכט.

— ניין, פאַר פינף — נישט... דו האָסט אַזוי אויך אַ מציאה. ווילסט, לאָז איך דיר אָפּ פאַר זיבן. עס וועט דיר באַנג טון... גיב אַ קוק, ס׳איז נאָך אַ ניים. גיב נאָך אַ מאָל אַ קוק...

מארינקע האָט ווידער אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, נאָר דאָ איז אונטער־געשפּרונגען איינער פון דער זייט, אַ כאַפּ געטון דאָס מעסערל:

— איך דאַרף אַ מעסערל... דו נעמסט זעקס ?

— נאָר אַכט...

— נאַ זשע דיר זיבן... איך גיב דיר גוט... נאָך אַזאַ קונה —

— גיב געלט !

צום אָפּגיין פון צוג איז נאָך געבליבן אַכצן מינוט. פּייל אויסן בויגן איז שלמה צו צום בופעט, געהייסן זיך דערלאַנגען זעמל, קאָל־באַס, אַ פּאָר שטיקלעך פיש, עטלעכע זויערע אוגערקעס, אַ בינטל בייגל פאַר די קינדער, אַ שקאַרמיצל קאָנפעקטן. עס האָט אים נאָך אויסגעפעלט צוואַנציק קאָפּיקעס, האָט ער שוין דערלייגט פון זיין קאַסע אויף טראַמוויי־הוצאות און זיי זענען אַרויס אויפן פּעראָן.

דער צוג איז אָפּגעגאַנגען אַזש פון דער ניינטער ליניע און מען האָט געדאַרפט לויפן איבער אַלע ליניעס. מאַרינקע איז אַריין אין וואַגאָן און שלמה האָט איר דורכן פענצטער אַריבערדערלאַנגט אַלע פּעקלעך און פּעקעלעך. צום אָפּגאַנג פון צוג איז נאָך געווען אַ פינף מינוט. מאַרינקע האָט זיך אַריבערגעבויגן פונעם פענצטער:

— סאָלאָמאָן !...

— וואָס איז, מאַרינקע ?

— פאַר וואָס האָסטו דאָס אַלץ פאַר מיר געטון ?

— ווי דען אַנדערש ? איך בין דאָך אַ מענטש. אַז איר ווערט באַ־געגענען אַן אומגליקלעכן, טוט אויך אַזוי... דאָס איז די אָנגענעמסטע זאַך: העלפן יענעם אין אַ נויט.

— סאָלאָמאָן, דו ווייסט דען ?...

אַ שרעקלעכער ריטשע האָט פאַרטויבט די אויערן און דער צוג האָט גערירט. מאַרינקע, אַ וויינענדיקע, האָט זיך אָפּגערוקט אַלץ ווייטער...

שלמה האָט אַרויסגענומען זיין טיכעלע און גלייך מיט אַלע באַ־גלייטערס געפאָכעט דערמיט אין דער לופטן. דער וואָרעם האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט:

— נו, פאַר וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער באָק ? שיק איר נאָך לופטקושן...

— ניין, דאָס נישט.

— פאַר וואָס זשע נישט, נאַרעלע ? אַלע טוען דאָך אַזוי...

— ווען איך זאָל געווען וועלן זי אַ קוש טון, האָב איך דאָס גע־קענט טון מיטן מויל, נישט דורך דער לופט. זי וואָלט מיר געווען דערלויבט. נאָר איך פאַרגין זיך נישט אַזעלכע תענוגים.

— נו, אַצינד וואָס ? דיין שיקסע איז פאַרשוווּנדן מיטן רויך און

דיך איבערגעלאָזט אַ וויסטן אַלמן, נעבעך. אַ בעל־שמסקע אייניקל, מאַלאַריעץ!

דער צוג האָט אָנגענומען גיכקייט. קיין פּנימער האָט מען שוין נישט געזען. די זון איז שוין געשטאַנען הויך. דער צוג האָט זיך אַלץ דערווייטערט. די וואַגאָנען האָבן אָפּגעוואָרפן אַ לאַנגן שאָטן פון זיך אויף די ווענט פון דעפּאָען, פון סקלאַדן און אַמבאַרן און אויף דעם שאָטנדיקן צוג האָט זיך געקרייזלט דער רויך ווי אַ ווילדע ליליע, צעשויבערט פון ווינט. נאָך עטלעכע סעקונדן און דער באַוואַלדיקטער האָריזאָנט האָט צוגעדעקט יעדן שפּור, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל קיין צוג נישט געווען אויף דער וועלט.

די ניינטע ליניע האָט זיך געפונען ביים סאַמע פּלויט, און ווען שלמה האָט זיך אומגעקוקט, איז סאָלאָמינקע געלעגן פאַר אים ווי אויף דער דלאָניע. אָט זעט ער, ווי ר׳ אברהמס מיטלסטע טאָכטער איז אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן און איז אַריין אין קלייט אַריין.

— ניין, אַהין טויג נישט. דאָרט זעצט מען זיך איצט צום איבער־ביסן. מען וועט צושטיין צו אים. ניין, אַהין טויג נישט...

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דרייצנטן נומער טראַמוויי און איז אַראָפּגעפאָרן אויף פּאָדאָל. ער איז אַראָפּגעגאַנגען צום דניעפּר און לאַנג געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג. ווען ער איז צוגעקומען הינטער אַ באַרג, וווּ מען האָט קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, אויסגעטון דאָס וועש און זיך גענומען צוריק אָנטון. ער האָט אַ קלער געטון זיך אויסצובאָדן, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין ספירה טאָר מען נישט, און געענדיקט זיך אָנטון. דאַן האָט ער פאַרקאַטשעט די הויזן ביז די קני, אַריינגעגאַנגען אין וואַסער אַריין און גענומען וואַשן דאָס וועש. פון נישט געוווינטקייט האָבן אים די הענט גיך אָנגעהויבן ווי טון. דאָס העמד האָט זיך אויסגעריסן און זיך געלאָזט שווימען אין דער גרויסער וועלט אַריין. ער האָט עס קוים פאַרכאַפּט. פאַרטיק געוואָרן, לויט זיין מבינות, מיטן וואַשן, האָט ער דאָס גרעט גוט, גוט אויס־געדרייט און צעשפּרייט אויף דער זון.

נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, האָט ער זיך אָפּגע־וואַשן דעם קאָפּ, דאָס פּנים, מיטן נאָזטיכעלע זיך אָפּגעווישט און זיך געשטעלט דאַווענען. ביים אָנטון די תפילין, זאָגט ער צו זיך אַליין:

— האָסט היינט דורכגעמאַכט אַ מיאוסע נאַכט. זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ שיקסע איבער דער גאַנצער שטאָט און טאָמער איז קאָרג די נאַכט, האָסטו נאָך אַריינגעצויגן אין טאָג אַריין אויך. דאַוון כאָטש

געשמאק! דו מעגסט אויך א וויין טון. נישקשה צו פארלירן א טרער נאך אזא וואזשנע שטיקל ארבעט, ווי דו האסט דא אפגעטון.

ביי טאג, ווען שלמה האט זיך באוויזן מיטן פארל ווען אויפן מארקפלאץ, האט עס קיינער אין דער האנט נישט געוואלט נעמען. ס'איז געווען נישט קיין נייס און דערצו נישט גוט אויסגעוואשן. פאר נאכטלעך האט ער קוים אריינגעשטופט די וועש א פויער פאר זיבעצן מיט א האלבן רובל און ערשט דאמאלסט זיך געוואשן צו אן „המוציא". אין דער היים, דער מוטער האט ער דערנאך געזאגט, אז ער איז געווען אין באד און מען האט דאס וועש ביי אים צוגע־גנבעט.

ווען ער איז אין דעם זעלבן אונט אריינגעקומען צו די שארפ־שטיינס, האט אים ר' אברהם גענומען אויף א פארהער:

— פאר וואס זעט מען דיך עפעס נישט, יונגערמאן? דו ביסט נישט געווען הי?

— פאר וואס עפעס נישט הי? איך בין דאך דא נעכטן פאר נאכט געווען.

— פאר נאכט ביסטו דא געווען? פאר וואס דען זאגן זיי, אז ס'איז שוין צוויי מעת־לעת —

— ריכטיק, ס'איז מיין טעות. איך מיין, ביי לייזערן בין איך געווען פאר נאכט. איך האב געמיינט, אז מיר וועלן גיין אין טעאטער...

— גייסטו גאר מיט די אפיקורסים אין טעאטער? און בכלל, טע־אטער!

— עס קען זיין, אז עס איז טאקע פון מיין זייט א נארישקייט.

— ס'קען ערשט זיין!... אויף געווים ווייסטו נאך נישט?

צופעליק איז געווען די „סאליסטקע" אין דער היים. זי האט נישט געקענט אריבערטראגן, ווי מען „טעראריזירט" א יונגן מענטשן. זי האט זיך מיט א פייער אנגענומען שלמהס קריוודע:

— וואס פאר א מוסר זאגן א פרעמדן מענטשן?

— ד י ר איז ער א פרעמדער, מיר איז ער נישט קיין פרעמדער!...

—און אז נישט קיין פרעמדער, איז וואס? איז ד י י ן זאך אים צו לערנען? לערן בעסער דיינע קינדער! ער האט אים געפאקט. ווייסט נישט וואס?

ר' אברהם גיט א ביטערן שמייכל:

— מיינע קינדער לערנען? כא־כא־כא!... גלייב מיר, טאכטער־לעבן, איך וואלט זיי אודאי געלערנט, ווען זיי לאזן זיך נאר לערנען... זיי ווילן אבער אפילו נישט הערן, נישט נאר זיך לערנען... זיי

פֿאַרדרייען מיט די קעפּ און ווייזן מיר יענע זייט... און דו, מחילה, די ערשטע... יאָ, יאָ... דו, דו...

— איז דערפֿאַר ווילסטו אויסלאָזן דאָס האַרץ צו אים?

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט, וואָס? שלמה איז מיין גאַסט, וויל איך זיך נוהג זיין מיט אים, ווי מיר געפֿעלט, נישט ווי דיר געפֿעלט... איך האַלט דיין אָפּערע אויף אַ גוט אָרט... ביי מיר, אויף דער סצענע און הינטער דער באַד, איז אַלץ איינס!... הינטער דער באַד איז נאָך לייטישער... דאָרט מיינט מען כאָטש מיט אַן אמת... האָט זיך צוגעטשעפּעט, האָט זי זיך... שלמה און שלמה... שלמה, מיינט, אַז עס איז איר אַ דיריזשאָר, צי אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר... שלמה ציילט מיר אפֿרים־אהרון, אַז אין צוויי שטעטלעך האָט מען אים שוין געוואָלט נעמען פֿאַר רב, נאָר ער וויל אים פֿון זיך נישט אָפּלאָזן... ער האָט מיר אפֿילו אָנגערופֿן די שטעטלעך ביי די נעמען... אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם קאָפּ... האָט זיך צעשלמהעט, האָט זי זיך. זי מיינט, אַז עס איז איר אַ דיריזשאָר, צי אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר... שלמה און נאָך אַזוינע שלמהס, דאָס איז אונדזער האָפֿענונג, אונדזער צוקונפֿט, אונדזער גאָלדענער פֿאָנד! זאָג מיר, שלמה, און ווו האָסטו געגעכטיקט יענע נאַכט? טאָמער איז ווייניק די טעג, ווערסטו שוין פֿאַרפֿאַלן אויף די נעכט אויך?

— נעכטן גייענדיק אין גאַס, האָב איך באַגעגנט אַ זווענינגאָראָדקער יונגערמאַן... ער וווינט שוין דאָ עטלעכע יאָר... מיט זיינעם אַ ברודערל האָב איך צוזאַמען אין חדר געלערנט. האָט ער מיך פֿאַרשלעפּט צו זיך, מיר האָבן זיך פֿאַרשפּילט אין שאַך און איך בין שוין פֿאַרבליבן ביי אים נעכטיקן...

— אַז צו אַלצדינג האָסטו דיר אַ יצר־הרע!... טעאַטער איז טעאַטער... שאַך איז שאַך... און באָקס לערנסטו זיך נישט? פֿאַר וואָס? אַזאַ איידעלע שפּיל... אַזאַ דעליקאַטע... אַן עק, גיי זיך שוין וואַשן!... איך בין דיר מבטיח, אַז דו וועסט שוין היינט אויף דער נאַכט דווקא אין גאָרנישט שפּילן, נישט אין שאַך, נישט אין באָקס און נישט אין פּיס־פּאָס... דאָס איז אַן אַרבעט פֿאַר מיין שפּילפֿויגל, נישט פֿאַר קיין מורה־הוראה... עס אָפּ, וועלן מיר לערנען אַ ביסל „מגינים“... איך האַלט שוין דאָרט ווייט...

שלמה האָט געזען, אַז ער וועט זיך דאָ נישט אַרויסדרייען, און איז זיך געגאַנגען וואַשן. דער שלאָף האָט אים געמוטשעט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט אויפֿמישן דעם שמועס וועגן דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט. ס'איז אים אַזוי אויך געווען שטאַרק פֿריקרע, וואָס ער מוז אָפּנאַרן אַזאַ בכבודיקן מענטשן ווי ר' אברהם.

עס איז פֿאַריבער די צווייטע וואָך. שלמה האָט אָפּגענומען די

פראַטעזע, פּאַרנומען ביי די פעטערס אַלע אינטערעסאַנטע ביכער, וואָס זיי האָבן געהאַט, און איז אוועקגעפאָרן אהיים.

קאַפּיטל LV

פאַר נאַכט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין זוועניגאָראָדקע, איז שוין קיין פור אהיים נישט געווען. ער איז געבליבן נעכטיקן און אוועק אין קינאָ. ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, ווי ער האָט באַמערקט פון ווייטן פאַלין מיט אַווראַמען. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים שרעקלעך אַ וואָרף געטון. שיר נישט אומוואָרפנדיק אַ מענטשן מיט זיי לויפן, איז ער צו מיט אַן אימפּעט:

— אַווראָם!...

אים האָט ער דערלאַנגט די האַנט, צו איר זיך בלויז אַ נויג געטון. חוץ יענץ מאָל ליזען, האָט ער נאָך בכלל קיין מאָל קיין פרוי די האַנט נישט געגעבן, ווער שמועסט פאַלין. ער וואָלט, דאַכט זיך, פאַרברענט געוואָרן אין איין אויגנבליק, ווען ער רירט זיך נאָר צו צו איר.

— חברים, דערציילט עפּעס פון דער היים... דאָס חיות גייט מיר אויס...

פאַלי שווייגט. זי קוקט נאָר בשעת מעשה זיך אויף די שפּיץ פינ־גער. אַווראָם ענטפערט:

— שלמה, וויפל איז דען דאָ, זינט דו ביסט פון דער היים?

— שוין העכער צוויי וואָכן.

— און מיר זענען שוין דאָ אויך באַלד אַ וואָך.

— וואָס זשע איז די מעשה?

— גלאַט אַזוי, צו גאַסט ביי דער מומען.

— ביי וועלכער מומען?

— נו, ביי דער מאַמעס שוועסטער, וואָס ווייסטו נישט?

— אַהאַ!... דאָס בין איך אַזוי צעראַשט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש... איך בין אַזוי גליקלעך... כ'מיין צופרידן... דערצייל זשע, אַווראָם, וואָס הערט זיך אין כמעלניק?

— אַלץ ווי געווען, קיינע נייעס נישט... נו, און אין קיעוו וואָס הערט זיך?

— ווייס איך וואָס... דערמאָן מיר איצט נישט קיעוו. איך בענק אַזוי אַהיים, אַז דער רוח כאַפּט מיך אַזש אַוועק. נאָך אַלעמען, נאָך אַלעמען! אפילו נאָכן אַלטן שייען, אפילו נאָך שמואל־מענדל דעם שניידער. דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי עס ציט... ווי אַ מאַגנעט...

פאַלי באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ גלעזערנעם קוק, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ חפץ, אַ „בריאה", וואָס טרעפט זיך זעלטן.

שלמה מיידט אויס איר גאַרנישט זאָגנדיקן קוק. ער וויל איצט דעם קוראַזש נישט פאַרלירן. מיט ברענענדיקע אויגן רעדט ער ווייטער:

— דו ערסט, אַוראַם, בשעת מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן זוועניגאַראָדקע, האָב איך אַזוי געוויינט, ווי מען וואָלט מיך געפירט צו דער שחיטה. באַוואַשנדיק זיך מיט בלוטיקע טרערן, האָב איך אין די פינצטערע נעכט, ווען קיינער האָט נישט געזען, זיך געזעגנט מיט אַלע ערטער, וואָס זענען מיר געווען טייער. מיט פיל גאַנקעס למשל... קוק נישט אַזוי אויף מיר... איך בין ניכטער... און נאָך מיט פיל גערטנער און הינטער־געסלעך. אפילו קיין יערקע בין איך געפאָרן זיך געזעגענען. כאָטש ביז דאַמאָלסט האָב איך נאָך קיין מאָל יערקע פאַר די אויגן נישט געזען, אָבער כ'בין געפאָרן... און אָט איצט בין איך דאָך אין זוועניגאַראָדקע און שטעל דיר פאָר, אַז איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן די מינוט, ווען איך וועל שוין קומען קיין כמעלניק. מיר דאַכט זיך אַליין, אַז איך בין פון דאָרט נישט קיין צוויי וואָכן, נאָר צען יאָר. אַזוי איז דאָס, ברודערקע, אַז מען בינדט זיך צו צו אַן אָרט אָדער אַז מען בינדט זיך צו צו אַ מענטשן. עס פאַרשטייט זיך, דאָס געפיל איז נישט ביי יעדן גלייך, עס איז נאָך געווענדט אין טעמפּעראַמענט...

ער כאַפּט אומגערן אַ קוק אויף פאַלים פּנים: אייז... צפונדיקע שיין... זי פאַרשטייט טאַקע גאַרנישט, צי זי וויל אומיסטן נישט פאַרשטיין?

דאָס לעמפּעלע לעשט זיך אויס צוויי מאָל, באַלד איז שוין דער אָנהייב. שלמה זעצט זיך צו, וווּ ס'איז נישט אייז, און פרעגט ווייטער:

— ווען זשע האָסטו געזען מיין טאַטן?

— כ'געדענק שוין נישט.

— דעם זיידן?

— דעם זיידן?... גלייב מיר... נאָר מן הסתם האָב איך אים געזען.

— מיכאַלן, יחיאלן, מנשהן...

אַוראַם דערפרייט זיך, וואָס ער האָט כאָטש וועלכע ס'איז נישט איז ידיעות פאַר זיינעט וועגן:

— מנשהן? ער איז ביי אונדז געווען אַ טאָג פאַר אונדזער אַוועקפאָרן. עפּעס די מוטער זיינע איז ווידער נישט מיט אַלעמען.

— שוין לאַנג שטיל געוועזן... נו, און מיין דינהן האָסטו צופעליק נישט געזען?

אווראַם דרייט אויס דאָס פּנים צו פאַלין:

— פאַלי, זיין דינהן האָסטו נישט געזען פאַרן פאַרן?

פאַלי זייעט דורך צווישן די ציין:

— זי איז דאַכט זיך געווען... איך געדענק שוין נישט.

שלמהן גיבן אירע רייד אַ שטאָך ביז אין דער זיבעטער ריפּ: דאַכט זיך... ער נעמט זיך אָן מיט מוט און ווענדט זיך גלייך צו פאַלין:

— פאַר וואָס שווייגט איר עפּעס אַ גאַנצן אויפדערנאַכט? איר ווייסט, איך פיר מיט זיך אַהיים אַן אויסערגעוויינלעכן אויסוואַל פון ביכער!...

פאַלים אויגן וואַכן עטוואָס אויף. נישט בייטנדיק די פּאָזע, פרעגט זי מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן:

— וועלכע, למשל?

— אַזעלכע זאַכן גיבן זיך נישט איבער אויף אויסנווייניק, מען מוז אַליין אַ קוק טון.

— גוט, מיר׳ן קומען אַהיים, וועלן מיר אַ קוק טון.

שלמה טראַכט:

— דער „מיר׳ן" גייט אויף אווראַמען אויך, צי נאָר אויף זיך אַליין?

דער פילם גייט, דער אַפּאַראַט זינגט זיין מאָנאָטאָנעם ניגון. דער פּאַרק איז פול געפּאַקט, די נאַכט איז קיל, שוואַרץ, ענדע חודש. דער פילם זאָגט צו, צו זיין אַ פאַרכאַפנדיקער. אַלעמענס אויגן — אויף דער לייוונט.

שלמה דערמאָנט זיך, אַז ער געפינט זיך בשכנות פון דער, וועמענס בילד עס גייט קיין מאָל נישט אוועק פון זיינע אויגן, פון וועלכערס נאָמען ער קען זיך נישט באַפרייען. אומבאַמערקט פירט ער איבער זיין קוק אויף איר:

— אָט שטייט זי, פאַליאַ טולטשינסקאַיאַ, דער מלאך זיינער און דער שטן זיינער. אָט שטייט זי אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און קוקט. איר גאַנצע נשמה איז אויפן עקראַן. קיין שום זאַך באַאומרואיקט נישט איר געוויסן. וואָס גייט זי אָן, וואָס עמעצער פאַרגיסט בלוטיקע טרערן איבער איר?... זאָל ער זיך אפילו אויפהענגען, זי איז דערין עפּעס שולדיק? זי בעט עפּעס עמעצן קוקן אויף זיך אָדער טראַכטן פון איר?

שלמה זעט נאָר איר פּראָפיל. אירע געריכטע האָר זענען אַצינד צונויפגעלייגט אין אַ קובלעק * און הענגען נאָך אין אַ געשטריקטער

* קובלעק - די האָר צונויפגעלייגט אויפן קאָפּ ווי א בייגל.

בלוי־זיידענער נעץ. פון דעם וואלד שמעקענדיקע זיידענע האָר שנײַדט זיך אוים א שײַנער מאַטער שטערן. אירע אויגן זעט ער נישט, זי שטייט אויסגעדרייט צו אים מיט דער זײַט, נאָר שלמה קען זיי, ער זעט זיי פאַר זיך שטענדיק, ער זעט זיי מיט פאַרמאַכטע אויגן. אפילו אין דער טונקל שײַנען און בליען אירע ראָזע פּוכקע באַקן, די פײַערדיקע ליפּן, דאָס געטאָקטע מויל. איר אַלבאַסטער־ווייסער שײַנער האַלדז פאַרשווינדט אין לופטיקע זוימשפּיצן, וואָס רינגלען אַרום דאָס שוואַרצע פּליושענע קלייד. שלמהס האַרץ גיט פאַרקלעמט א צאַפּל:

— גאָט, מײַן גאָט! צו וואָס האָסטו באַשאַפן אַזעלכע שײַנע פּרויען? דאָס איז דאָך נישט צו דערגרייכן פאַר קיינעם, נאָר צו לײַדן דורך זיי...

צו מאָרגנס האָט שלמה באַזוכט זײַן רבין שמעיהן און איז מיט דער ערשטער פור אַוועקגעפאָרן אַהיים.

די שמחה פון זײַן צוריקקערן זיך האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די אַלגעמיינע לאַגע איז געווען זייער א שווערע. די מלוכה איז אַזוי צוגעטראָטן מיט שטייערן, אַז אַלע קרעמערס, גרויסע און קליינע, האָבן געמוזט צוריק אומקערן די פּאַטענטן אויף צו האַנדלען. ביי די פּיאַטיגאָרסקיס אין די הײַזער האָט מען צעגומען די פּאָליצעס פון דער סחורה. די צימערן, וועלכע האָבן געדינט אַלס קליטן, האָבן מיט די ברודיקע ווענט און שטאַרטשענדיקע פאַרזשאַווערטע טשוועקעס אויסגעזען פאַרשעמט ווי א יידענע, וועלכער מען האָט אין מיטן מאַרק אַראָפּגעריסן דאָס שייטל פון קאָפּ. דאָס ביסל סחורה, וואָס איז איבערגעבליבן, האָט מען זיך געדאַרפט באַמיען צו פאַר־קויפן וואָס גיכער, איבער פיל טעמים. ערשטנס איז נישטאָ ווו עס צו באַהאַלטן, עס גייען רעוויזיעס אַלע שעה און אַלע רגע, און אויב מען געפינט וויפל עס איז סחורה, נאָכן אָפּגעבן די פּאַטענטן, אַזוי קאָנפיסקירט מען דאָס גאַנצע פאַרמעגן און מען מאַכט נאָך א „דיעלע" *. היינט, חוץ דעם אַלעמען דאַרף מען זיך צעצאָלן מיט די חובות. יאָנין אַליין איז מען שולדיק היפּשע עטלעכע טויזנטער. היינט מוז מען ליקווידירן די ניעדאָאימקעס ** אין דער פינאַנ־ספּעקציע. ווידער מוז מען דאָך עפּעס לעבן אויך. מען קען דאָך נישט „פאַרוואַרפן די ציין אויף די באָנטאָנעס" ***. מוז מען פאָרן איבער די באַקאַנטע דערפער, גיין איבער די הײַזער און בשתיקה פאַר־

* דיעלע – אַ ענין אין געריכט.

** ניעדאָאימקעס – אַלטע, נישט באַצאַלטע חובות.

*** פאַרוואַרפן די ציין אויף די באָנטאָנעס – געמיינט: הונגערן.

קויפן די פויערן דעם רעשט סחורה בחצי חנם. איי, וואָס וועט זיין ווייטער? — ווי אַזוי גאָט וועט פירן. צוויי מאָל שטאַרבט מען נישט...

שלמה האָט פאַרוואָרפן די פּראָטעזע, אַלץ איינס האָט ער זי נישט געקענט טראָגן: זי האָט אים פּאַראַליזירט דעם גאַנצן פוס, אוממעגלעך געמאַכט א טראָט צו טון. צוזאַמען מיט מיכאלן און מיט יחיאלן האָט ער זיך געשלעפּט איבער די דערפער, מערסטן טייל צו פוס, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, געציטערט פאַר דער ליכטעקער שיין, פאַר א מינדסטן שגצל, ווייל ווען עמעצער מסרט זיי מיט זייער קאָנטראַבאַנדע, זענען זיי פאַרפאַלן אויף אייביקע יאָרן.

דער זומער איז געשטאַנען אין סאַמע ברען. גערטנער האָבן זיך געבראָכן פון גערעטעניש, ביימער האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון פּאַרטיקע וויינשל, פלוימען, עפּל און בארן. אויף די פעלדער האָבן מעוברתדיקע איבערגעטריקנטע זאַנגען פאַר מידקייט און איבערגעפולטקייט אויסגעשאָטן זייערע קערנער אויף דער הוילער ערד. די דערפער האָבן געלעבט מיט זייער נאָרמאַלן, לוסטיקן זומערדיקן אַרבעטער־לעבן. נאָר אויף די שמאָלע וואַלד־שליאַכעס און פעלד־סטעזשקעס איז ווו נישט ווו געווען צו באַמערקן א גרופּע יידן זיך שלעפּן מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס. די פיס האָבן זיך ביי זיי אונטער, די אויגן אויסגעגלאָצט, די מיילער אָפן, די פנימער הונגעריק. דער שוויים, וואָס האָט בשפע גערונען פון אונטער די היטלען, האָט זיך אויסגעמישט מיטן שטויב און זיי געמאַכט ענלעך צו שדים. דאָס האָבן נעפּמאַנעס געבראַכט צו קבר־ישראל זייערע גער שעפטן, פאַרענדיקט זייערע חשבונות מיטן האנדל, צעטרענצלט דאָס ביסל סחורה בזול־הזול און אליין געבליבן ווי אויפן וואסער. איבער די יידישע שטעטלעך האָט זיך צעטראָגן א וויינעשריי:

— גוואַלד יידן! וואָס הייבט מען אָן צו טון? מיר'ן דאָך אַזוי אויסגיין ווי די ליכט!...

קאַפּיטל LVI

דער זומער איז זיך געגאַנגען זיין וועג, פאַרזאָרגט די וועלט מיט שפּייז, מיט פיל זון, מיט ווייסע לבנהנעכט און מיט לעבלעכע טייכן צום באָדן זיך. די פּיאַטיגאָרסקים זענען אַרויס פון די חובות, נאָר דערפאַר אָבער געבליבן נקי אָן א מזון סעודה אחת. ענדע זומער האָבן זיך באַוויזן איןביידע הייזער וועבער־סטאַנקעס* אויף צו

* סטאַנאַק - א הילצערנע וועבמאַשין.

וועבן שאַלן, מאַנופאַקטור. מען האָט זיך טאָג און נאַכט פּלייסיק געלרנט, געמאַטערט די נישט צוגעוווינטע פינגער צו קניפּן אַ פּאָדעם, טרייבן דעם טשאַלנאַק *.

אויף אפרים־אהרונען איז אָנגעפאַלן אַ פּחד: ווו וועט ער נעמען ברויט פאַר זיינע קינדער? אַז מען האָט נאָך געהאַנדלט, ווי שלעכט ס'איז נישט געווען די לאַגע, אָבער דער מזומענער גראָשן האָט זיך פאָרט געדרייט. אָבער איצט? פון גרויס שרעק פאַרן הונגער האָט ער מיט אַ מאָל איינגעפירט אין שטוב גאַנצע דריי פּרנסות. אויפן סטאַנאָק האָט מען געאַרבעט צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. איין וואַכטע שלמה, די צווייטע דינה, פאָדעם האָבן געוויקלט די קלענערע קינדער. חוץ דעם איז אפרים־אהרון אוועקגעפאָרן קיין זוועניגאָראָדקע און האָט אָנגענומען פון „סאָיוז־אוטיל" * אַ פאַרשטייערשאַפט קיין כמעלניק אויף אַ קלייבפּונקט, אין וועלכן ער וועט אויפקויפן אַלערליי אָפּפאַלן. קומענדיק אהיים האָט ער באַלד ארויסגעהאַנגען אַ שילד, אַז דאָ ווערט אויפגעקויפט אַלץ, וואָס נוצט שוין נישט אין דער באַלעבאַטישקייט: שמאַטעס אַלערליי, קלאָטשע, פלאַקס, פעדערן, גלאָזברוך, אַלט אייזן, שטוגון, קאָלירטע מעטאַלן, ביינער פון יאַטקע, ביינער פון פעלד, וואַקס, טעכנישע גומי, אַלטע קאַלאָשן, לייוונטענע העמדער, אַלטע זעק און אַנדערע נישט פאַראויסגעזעענע אוטילן.

דער גאַנצער איינפאָרהויז איז צעצוימט געוואָרן אויף קעמערלעך. פאַר יעדן מין, אַ באַזונדער קעמערל. יידן ליידיק־גייערס זענען געווען געגוג. עס האָבן זיך באַלד אָפּגעזוכט קלייבער־„אַגענטן". מערסטן טייל זענען זיי געווען פוסגייער און נאָר אייניקע אויף פורלעך. דער פאַרוואַלטער פון סקלאַד, אפרים־אהרון, האָט פאַר די אַגענטן צוגעשטעלט אַלע „גוטע זאַכן", מיט וועלכע מען קען פועלן ביי דער פויערטע, אַז זי זאָל ארויסטראָגן ווו ערגעץ אַן אָפּגענוצטע זאַך. די „גוטע זאַכן" זענען באַשטאַנען פון: שפּילצייג פאַר קינדער, נאָדלען צו נייען, שפּיגעלעך, טשוועקעס, האָרנאָדלען, פינגערהוטן און נאָך אַזעלכע „דעפיציטנע סחורות" ***.

דער איינפאָר איז אָבער געווען גענוג גרויס, אוטיל איז די ערשטע צייט געווען נישט אַזוי פיל און אפרים־אהרון האָט געעפנט

---

* טשאַלנאַק – דאָס שיפל, וואָס פירט דעם פאָדעם.

** סאָיוז־אוטיל – אַן אינסטיטוציע, וואָס קויפט איין אָפּפאַלן. אוטיל – אָפּפאַל.

*** דעפיציטנע סחורות – אַזעלכע מינים סחורה, וועלכע ס'איז שווער צו באַקומען.

אַן איינפאַרהויז פאַר דורכרייזנדיקע. דאָס איז שוין געווען צפורהס פונקציע. די הינטערשטע צוויי צימערן זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן בלויז פאַר אורחים. די דאָזיקע אַרבעט איז באַשטאַנען אין: אויסבעטן זיי געלעגערס, אַריינטראָגן אַ סאַמאָוואַר מיט זודיקער טיי און טייגעשיר און אַ מאָל אויך אָפּקאָכן פאַר זיי אַ וואַרעמס. די געסט זענען געווען דאָס רוב פויערן און מען האָט געדאַרפט קענען „אָפּהאַנדלען" ביי זיי וואָס ס'איז נישט איז אין גלייכן געלט און אַ מאָל פאַרקערט: זיי פאַרקויפן.

אָט אַזוי איז אפרים־אהרונס שטוב אויף גיך „פּראָלעטאַריזירט" געוואָרן. עס איז געווען גענוג אַרבעט פאַר יעדן. מען האָט נישט געוווסט נישט פון קיין טאָג, נישט פון קיין נאַכט. די קינדער זענען שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט רויטע באַנקעס אַנשטאָט אויגן, פון נישט אויסשלאָפן זיך. דער סטאַנאָק האָט פאַרלייגט די אויערן. ווען דער טשאָלנאָק פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע מינוט, האָט זיך געדאַכט, אַז מען וועט טויב ווערן פון דער שטילקייט. דער וואַטעגער שטויב פון די פּאָדעמס איז געלעגן אומעטום: אויפן געלעגער, אין טעלער, אין די נאָזלעכער און אויף די קינדערס קעפּעלעך. דער געשטאַנק פון די פרישע פערדישע סקעלעטן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם צעפּאַרעטן ריח פון אָקסענער צואה, שאָפּענע און פערדישע אומריינקייטן. אַ גאַנצע נאַכט האָט געברענט אַ לאָמפּ, אַז נישט, וואָס פאַר אַן איינפאַרהויז איז דאָס? אין סאַמע בעסטן שלאָף, ווען די מידע אברים האָבן זיך געבעטן: לאָזט אונדז צו רו, נאָך אַ קאַפּעטשקעלע ליגן, עס גייט אונדז אַ שווערער אַרבעטס־טאָג, פלעגט אַלע מאָל, ווי אויף צולהכעיס, אָדער אַריינפאָרן אַ פור אָדער אַרויספאָרן. דער סקריפּ פון די טויערן פלעגט מיט אייזערנע ציין צערייסן דעם מוח, פאַרסמען דאָס בלוט אין די אָדערן און אַרויסרייסן אַ ווייטיקלעכן זיפץ פון די טיפענישן פון דער נשמה.

טאָמער זענען צוגעפאָרן עטלעכע פורלעך מיט „סחורה", פלעגט אפרים־אהרון בעטן די קלייבערס ברענגען די וואָג אין אָרדענונג: ער גייט באַלד אַרויס. אין שטוב פלעגט ער צום אַלעם ערשטן אַ מאַך טון צו שלמהן מיט דער האַנט:

— מאַך צו דעם גראַגער אויף אַ מינוט, מען הערט נישט אַ וואָרט.

און צום ווייב שרייט ער:

— צפורה! זוך מיר עפּעס אויס, מיט וואָס זיך אַרומצוצונעמען, קיין דריי אָנצוגן האָב איך נישט..

— וואָס איז? מען האָט עפּעס געבראַכט? נעם, אָט האָסטו אַן אַלטן זאַק... נעם...

— מיט אן אלטן זאק איז גוט די ערד צו פארשפרייטן, נישט נעמען אים אויף זיך... זי האט זיך קוים צעלאזט מיט אן אלטן זאק, האט זי זיך... נו, מאך עס גיכער א ביסל, א כאלאט, צי א פארטעך. ריר זיך...

— ווו זאל איך דיר נעמען כאלאטן? פון זיך מאכן?

— וואס דען ווילסטו פון מיר? איך זאל דערנאך נישט קענען ארויסגיין אין גאס אריין?

שלמה זיצט אנגעשפארט אין א ווינקל פון סטאנאק. ער ווייסט, וואס זיין פאטער קוועטשט: ער דארף נישט קיין כאלאט, ס'איז גאר ביי זיי אין שטוב נישטא קיין כאלאט, ער דארף, אז מען זאל אים באפרייען פון אט דעם מיאוסן שטיקל ארבעט. פון אפנעמען עטלעכע טאן געזשאווערט אייזן, פרישע פעלדביינער, קישנס מיט פארשטונקענע פעדערן, שטויביקע קלאטשע, פלאקס אדער נאך אזוינע אנטיקן. שלמה ווייסט דאס גוט, נאר ער שווייגט. ער איינער קען טאקע באשטיין פאר דער גאנצער שטוב?

עס לויפן אריין די קלייבערס מיט א געפילדער:

— וואס איז דאס פאר אן הפקרות, וואס? איר זענט א שיינער ייד, ר' אפרים־אהרון? וועט מען אויף אייך ווארטן מיט דער שמונה־עשרה! אבער מיר קענען נישט ווארטן, ביז איר וועט זיך אויסקראצן... עס קריכן ארויס די אויגן פון קאפ, איידער מען דערלעבט־זען דאס ביסל סחורה אויפן וואגן, און אז מען קומט אהערצו, דארף מען ערשט ווארטן אויפן פריץ. איר גייט ארום צונעמען די סחורה, אז נישט, פארן מיר אוועק מיט איר... עס זענען דא נאך פונקטן אויף דער וועלט מיט בעסערע קאנדיציעס ווי ביי אייך. די מינוט זאלט איר ארויסקומען!... נא דיר גאר א ווארטעניש... א חסידישע מלוה־מלכה איז דא גאר ביי אים, נישט קיין סאוויעטישע אינסטיטוציע!...

אפרים־אהרון איז רויט און בלוי און אלערליי קאלירן. ער פארענטפערט זיך:

— איך האב דא געזוכט עפעס א זאק אויף זיך ארומצונעמען... אזוי, ווי מען שטייט און גייט, איז דאך נישט שייך... גייט, גייט, אט גיי איך שוין ארויס... טאקע די מינוט...

די טיר קלאפט זיך צו מיט א רעש. אפרים־אהרון וויינט שיר נישט פאר אומבאהאלפנקייט. זאגן שלמהן, וואגט ער נישט. יענער ארבעט ווי אן אייזל אויפן סטאנאק. דינהן? איז דאס נישט קיין מיידלשע ארבעט... ער ווענדט זיך צו צפורהן:

— וייז שוין אהער דעם זאק... בעסער וואלט געווען, נישט געבוירן צו ווערן. ערגער פון אלע יידן איז מיר... קיין ייד פון מיין

גלייכן פאַרעט זיך נישט מיט קיין נבלות, נאָר איך... דאָס לעבן ווערט נמאס ומאוס... גרייט אָן אַ שטיקל זייף... און אַ האַנטעך הענג אויך אויף... טו זיך איבער, וועסטו גיין מיר אַ ביסל צוהעלפן... קום גיכער, זיי וועלן שוין באַלד ווידער אַריינלויפן מיט אַ גוואַלד...

די מוטער הייבט אָן אַרויפציִען אַ צעריסענעם קאַפּאָט * אויף זיך. שלמה כאַפּט אַ קוק אויף זיין פאָטער: הערצלס באָרד. אַזאַ שיינער ייד און דאַרף גיין טון אַזאַ מיאוסע אַרבעט... און נאָך די מאַמע אויך. טאָמער איז פאַר איר קאַרג די אויפדערנאַכטן מיט די אָנגע־פאַרענע.

נישט אוסרעדנדיק קיין וואָרט קריכט ער אַראָפּ פון סטאַנאָק און גייט דורך פאַרביי די עלטערן. דער פאָטער שטייט אַרומגעבונדן מיטן זאַק, די מוטער אין געלאַטעטן קאַפּאָט, אַ זכר נאָך פון כמעל־ניצקים צייטן. שלמה גייט אַרויס אין סקלאַד און מאַכט נאָך זיך צו די טיר. הינטער זיך הערט ער דער מאַמעס קול:

— מיר פאַר זיין קאָפּ!... אָך, ס'אַ גאָלדן האַרץ!... האָרעוועט נעבעך פאַר דער גאַנצער שטוב און אַליין דאַרף ער גאָרנישט.

שלמה הערט שוין נישט, אָבער אפרים־אהרונען פאַרדריסט די מעשה:

— פון ווען אָן איז עס געוואָרן — פאַר דער גאַנצער שטוב?

— ווער דען, דו? נו, נו, זאָל זיין דו...

— ניין, דו, דו מיט דיינע גריוועניקעס פאַרן סאַמאָוואַר טיי, פאַר די גראָשנס, וואָס מען צאָלט פאַרן איבערנעכטיקן...

— ווער זשע איז שולדיק, וואָס דו האָסט צוגעטראַכט אַ גראָשנ־דיקע פּרנסה? האָסטו געזאָלט צוזוכן עפּעס אַ שענערס, וואָלטן נישט געווען קיין גראָשנס...

— צוגעטראַכט... ווי געפעלט דיר דאָס לשון אַ ביסל, צוגע־טראַכט... אַז דו ביסט יאָ אַזאַ בריה, האָסטו געזאָלט צוטראַכטן עפּעס שענערס...

און אַ ברוגזער גיט ער אַ שמיץ דעם זאַק אין אַ ווינקל און קוועטשט זיך אַריין אין סטאַנאָק אַריין. ער וויל ווייזן, אַז נישט נאָר שלמה מיט דינהן זענען בריות אויף צו „וואַרפן", ער איז אויך אַזאַ קנאַ־קער ווי זיי. ער טרעט אָן אויף די פּעדאַלן מיט דעם גאַנצן כוח און וואַרפט דעם טשאַלנאַק, אַ צעבייזערטער אויף דער גאַנצער וועלט. אין געציילטע עטלעכע מינוטן פאַלן אַרויס פון דער קאַנווע העכער דרייסיק פּעדעם, אויסגעהאַקטע מיטן שטאַרקן וואַרפן. אפרים־אהרון, אַ דערשיטערטער פון דעם „שלאַכטפעלד", פּרווט די „הרוגים"

* קאַפּאָט - אַ שטובכאַלאַט פאַר אַ באַלעבאָסטע.

אריינגעמען, פאַרריכטן און פאַרפּלאָנטערט זיך נאָך מער. ער קריכט אַרויס פון סטאַנאָק, גייט צו צום בעט און טרייסלט דינהן פאַרן אַקסל:

— שטיי אויף, דינה... צעדרעכע זיך... נו, עפן שוין אַן אויג, איך דאַרף דיך עפּעס האָבן...

די מוטער איז אויסער זיך:

— וואָס רייסטו זי פון שלאָף? יענע האָט זיך געלייגט דריי אַ זייגער...

— איך רייס זי נישט!... האָט מורא, זי וועט זיך נישט אויס־שלאָפן... שטיי אויף, שטיי אויף, טאָכטער... נאָר נעגלוואַסער גיס זיך אָפּ, דו וועסט זיך באַלד צוריקלייגן... פאַרריכט נאָר אָט די עט־לעכע פעדעמלעך, עפּעס פוילע, צי וואָס...

— אוי, טאַטע, ווער האָט דאָס אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן?

— וואָס אַרט דיך, ווער? אַבי מען האָט אָנגעמאַכט... מאַך צור־רעכט, טאָכטער, מאַך צורעכט... מען דאַרף נישט, אַז שלמה זאָל דאָס טרעפן...

— ווו איז דען שלמה אַצינד?

— ער נעמט צו די סחורה אויפן סקלאַד... נו, מאַך עס גיכער אַ ביסל...

— ניין ס'איז טאַקע נישט איבערצוטראָגן... ווער האָט עס אַזאַ געלונגענעם קלאַפּ געגעבן? ס'איז דו, רבקה? אָט צעריים איך דיך באַלד אויף שטיקער...

אפרים־אהרון ווערט שוין בייז נישט אויף קאַטאָוועס:

— דו ביסט, דאַכט זיך, שלעפעריק און רעדסט אָן אַן אויפהער. מאַך צורעכט און גיי דיר שלאָפן. ס'איז נישט רבקה, קוק נישט אויף איר ווי אַ וואָלף... מען קען נאָך מיינען, אַז דו ווילסט זי אויפעסן...

ער טרייסלט אָפּ די קאַפּאָטע, נעמט דעם טלית און תפילין און נישט שענקענדיק קיינעם קיין קוק גייט ער אַוועק אין בית־מדרש אריין.

עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט געבראַכט אַ גאַנצן סקעלעט פון אַ נאָר וואָס געפגרטן פערד, וואָס האָט זיך אַ מעת־לעת געוואַל־גערט אויפן רעגן און איז נאָך דעם צעפּאַרעט געוואָרן אויף דער זון. דאַן פלעגט שלמהן אויסקומען צעברעכן דעם סקעלעט אויף אברים, דער געל־גרינער אייטער פלעגט רינען איבער די פינגער, קלעפּן זיך. נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט פלעגט ער ברעכן מיט דער גרי־נער גאַל, גאַנצע טעג נישט געקענט נעמען עפּעס צום מויל... עס האָט אַלץ געאיבלט אויפן האַרצן...

קאפיטל LVII

יאַני האָט שוין נישט געהאַפּט צו פֿאַרקויפֿן די מילן. וועלכער משוגענער קויפֿט אַצינד מילן?... ער האָט דערלאַנגט אַ מעלדונג אין אַבל־אויספיר־קאָם *, אַז ער שענקט אַוועק די מיל דער ראַטנ־מאַכט, מען זאָל צושיקן אַ דירעקטאָר און ער וויל נאָר בלייבן אַר־בעטן ביי דער וואָג. האָט מען אים צוריק געענטפערט, ער זאָל פֿאַר־זיכערן די נאָרמאַלע אַרבעט פֿון די מילן ווי ביז אַהער און טאָמער וועט פֿאַרקומען די מינדסטע ענדערונג, טאָמער וועט דער פֿויער נישט אַזוי פּונקט באַזאָרגט ווערן מיט אַלעמען ווי פֿריער, אָדער טאָמער וועט זיך כאָטש איין שרייפּל אָפּשטעלן, דאַן וועט ער באַ־טראַכט ווערן אַלס סאַבאָטאַזשניק און איבערגעגעבן ווערן דעם גע־ריכט אַלס אויפֿרייסער פֿון די גרונטגעזעצן פֿון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפֿט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יאַני אויף דאָס ניי איינגעגעבן, אַז איבער משפּחה־סבות מוז ער בייטן די שטאָט. דערויף האָט מען אים געענטפערט, אַז ער זאָל נאָך זיך אויסוואַרטן אַ ביסל, וועט מען אים אַליין העלפֿן בייטן די שטאָט... יאַני האָט זיך פֿאַרלוירן. ער האָט געפֿילט, אַז עס איז נישט גוט, ער האָט נאָר נישט געוווּסט, ווען און פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט דאָס שלעכטס קען אויסברעכן. אין איינעם פֿון יענע טעג, מיטאָגסצייט, קומט ער אַריין צו אפֿרים־אהרונען:

— אפֿרים־אהרון, איך האָב צו אייך אַ ביטע...

— נו, נו, איר קענט, דאַכט זיך, זאָגן אָן הקדמות.

— די לאַגע פֿון די מילן אַצינד ווייסט איר גוט, האַ?

— וואָס דען, איך ווייס נישט? ווער ווייסט דאָס נישט?

— עס הענגט איבער מיר אַ שוואַרצע כמאַרע, אויסגיסן מוז זי, איך ווייס נאָר נישט, מיט וואָס פֿאַר אַ פּורענויות זי וועט זיך אויס־גיסן, און ווען, דאָס ווייס איך נישט. ס'איז מיר איצט שטאַרק שווער... ווו נעם איך איצט אַ סקלאַד פֿון אויטיל, אַבי הייסן אַן אַרבע־טער ביי דער מלוכה. כ'וואָלט אַפֿילו אַליין אויך אַרומגעפֿאָרן מיט אַ פֿורל איבער די דערפֿער קלייבן שמאַטעס, האָב איך אָבער מורא, אַז עס איז שוין צו שפּעט... עס וועט מיר שוין נישט העלפֿן... יאָ, וואָס זשע וויל איך ביי אייך בעטן?...

דער סטאַנאָק האָט יענעם טאָג גראָד גערוט, ס'איז אויסגעגאַנגען

---

* געגנט־אויספיר־קאָמיטעט.

פֿאָדעם. דינה איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און שלמה איז געשלאָפֿן. דער שלאָפֿנדיקער האָט אָבער געהערט יעדעם וואָרט. יאַני האָט אַ הוסט געטון און איינגעשלונגען דאָס שפּייעכץ:

— יאָ, וואָס זשע וויל איך אייך בעטן? אַז מיין פֿאָלי זאָל אַריינגיין אַלע טאָג אויף עטלעכע שעה און שלמה זאָל זי אויסלערנען אַרבעטן אויפֿן סטאַנאָק. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל כאָטש עמעצער פֿון דער פֿאַמיליע הייסן אַן אַרבעטער... פֿאַרקערט, אויב איר וועט נאָר וועלן, וועט זי בלייבן נאָך אויף עטלעכע שעה, וויקלען אויך און מיין סאָנקע אויך דאָס זעלבע. מען דאַרף דאָס אויך קענען. און אַז כ׳וועל וויסן, אַז זיי קענען שוין, — איר פֿאַרשטייט מיך? — וועל איך זיי אויך שטעלן אַ סטאַנאָק. איך זוך נישט די פּרנסה ביי זיי, איך דאַרף דעם נאָמען... עס גייט מיר אין לעבן, נישט הייסן קיין מילנער...

שלמה אין בעט האָט אַזש אַ צאַפּל געטון: מיט פֿאָלין אויף איין זיצברעטל... אפרים־אהרון האָט געהאַלטן די שפּיץ באָרד אין מויל, נישט געאײַלט זיך מיטן ענטפֿער. ענדלעך האָט ער אַ ביסל אונטער דער נאָז אַ זאָג געטון:

— אָט וואָס, יאַני... איר פֿאַרשטייט דאָך... מ י ך דאַרפֿט א י ר בעטן... דאַכט זיך צוליב אייך, כ׳וויים? נאָר איך וואָלט אייך געראָטן... דינה דער מומע זלאַטעס אַרבעט אויך... עס וואָלט געווען מער אָנגעמאָסטן...

— פֿאַר וואָס זשע? דינה קען נאָך אַליין נישט גוט די מלאכה...

— ע... דאָס איז גאָרנישט... טאָמער קען זי נאָך נישט היינט, וועט זי קענען מאָרגן, ס׳איז נישט אַזאַ גרויסע תורה... און פֿאָרט אַ מיידל מיט אַ מיידל... ס׳איז עפּעס לייטישער... פֿיל לייטישער...

— אָבער איר? פֿאַר וואָס ווילט איר נישט?

— נישט איך וויל נישט... נאַ דיר גאָר, איך וויל נישט... צוליב יאַנין, דאַכט זיך, כ׳וויים?... נאָר איר אַליין דאַרפֿט דאָס אויך נישט וועלן... פֿאָלי איז שוין נישט קיין פּיצעלע מיידעלע... און שלמה איז שוין אויך אַ דערוואַקסענער בחור... און דערצו... איר פֿאַרשטייט?... איר אַליין דאַרפֿט עס אויך נישט... וואָלט נאָך מיין דינה גוט געקענט די מלאכה, אָבער גיי מאַך עפּעס, אַז זי אַליין קען נאָך אויך נישט אַזוי גוט. אַלע מאָל מוז זי אָנקומען צו שלמהן, טאַ דאָס, טאַ יענץ. פֿאָלגט מיך, צו דינה מנשהס איז דער בעסטער פּלאַן... און ווידער: איך זאָג אייך נישט בהחלט: ניין!... איר פֿאַרשטייט אַליין, דאַכט זיך, כ׳וויים? איך וועל זיך איבערלייגן. עס ברענט נישט די מינוט... מיר׳ן נאָך זען...

ווען עס זענען פֿאַריבער אַ פּאָר טעג און אפרים־אהרון האָט גע־

שווינגן, האָט זיך יאַני געווענדט מיט דער זעלבער ביטע צום אַלטן שלומען. דער אַלטער שלום האָט זיך אויך געקנייטשט: יאַנין אָפּזאָגן איז נישט קיין יושר, אָבער ווי אַזוי לאָזט מען דאָס אַ מיידל צוזאַמען מיט אַ ייִנגל, ער זאָל גאָר ערשט ווערן איר מלמד? דערצו נאָך איז דאָס מיידל — פּאָלי, און דאָס ייִנגל — יחיאל... איז אָבער צופעליק יחיאל געווויר געוואָרן פון יאַנים ביטע, האָט ער אויפגעהויבן אַן אַליאַרם עד לב השמים. ער האָט געשריגן דעם זיידן אין פּנים אַריין:

— אָט דאָס ביסטו דער בעל־יושר? יאַנין אָפּזאָגן אין אַ ביטע? יענער האָט זיך פאַר אונדז מפקיר געווען און איצט, ווען עס ליגט אים דער חלף אויפן האַלדז... פּקוח נפש... טראַכסטו ערשט? און דאָס ביסטו אַ חסידישער ייִד?...

ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז אויף מאָרגן האָט פּאָלי געדאַרפט קומען אַרבעטן צום אַלטן שלומען, איז אָבער יחיאלן נישט באַשערט געווען דאָס פאַרגעניגן, פון אָנצונעמען איר האַנט און זי לערנען ציען דעם טשאָלנאָק, פון אַוועקשטעלן זײַנע פיס לעבן אירע און זי לערנען אַ טריט צו טון. עס זענען אומזיסט געווען יחיאלס פייערדיקע דרשות, פּאָלי האָט זייער שוועל אפילו נישט איבערגעטראָטן. יאַני איז נאָך די זעלבע נאַכט אַנטלאָפן... ער האָט געלאָזט די מילן אָפן, הפקר, נישט געזעגנט זיך מיט קיינעם אין שטאָט און איז נעלם געוואָרן.

אין דעם זעלבן טאָג, וואָס ער האָט ענדלעך באַקומען דעם אַלטן שלומס הסכמה אויף פּאָלים לערנען זיך, אַרום האַלבע נאַכט, איז צו אים עמעצער פון ערגעץ געקומען, דערציילט, אַז עס גרייט זיך אין לאַנד אַ „ראַסקולאַטשעוואַניע" * און ער פאַלט זיכער אַריין צווישן די, וועלכע מען וועט אָפּשיקן קיין סאַכאַלין, פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק. בקיצור, יאַני האָט נישט לאַנג געקלערט און געמאַכט די פּליטה.

צוויי מעת־לעת האָבן נאָך די טולטשינסקים געוווינט אין כמעלניק. זיי האָבן צונויפגענומען ביי די, וואָס האָבן נאָר געוואָלט אָפּגעבן, ביי דעם אַ חוב'עלע, ביי יענעם אַ גמילות־חסד, און אויפן דריטן אינדערפרי זענען זיי אָפּגעפאָרן קיין זווענינאָראָדקע אין זייער דאָרטיקער דירה, לעבן אסתרס שוועסטער. זיי זענען צו קיינעם נישט געגאַנגען זיך געזעגענען און קיינער צו זיי אויך נישט... כמעט פיר יאָר האָבן זיי אָפּגעוווינט אין אַ שטעטל, די גאַנצע צייט געווען דער צענטער פון אַלע קהלישע אויפטוען, אַלעמען גוטס געטון און

* צונעמען ביים קולאַק זײַן פאַרמעגן.

זענען אוועקגעפֿאָרן אַזוי ווי אין חרם, אָפּגעוואָרפֿענע, פֿאַרשטויסענע...

יענעם אינדערפֿרי איז רבקה, שלמהס שוועסטערל, אַ פֿאַרפּלאָמטע מיט פֿאַרוויינטע אויגן אַריינגעלאָפֿן אין שטוב. די מוטער האָט זי דריי מאָל איבערגעפֿרעגט, ביז זי האָט קוים געענטפֿערט:

— זיך געזעגנט מיט סאַנקען...

די מוטער האָט זיך אינטערעסירט:

— ווען פֿאָרן זיי, טאַקע היינט?

— וואָס הייסט היינט? זיי זיצן שוין אויף דער פֿור, מיט האַק און פּאַק. די פֿור שטייט נאָך לעבן ברוך דעם בעל־עגלהס שטוב.

נישט אויסרעדנדיק מיט קיינעם קיין וואָרט, איז שלמה אַרויסגעגאַנגען אין פֿאָדערהויז אַריין און איז שטיל אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם. פֿון דאָרט האָט מען דייטלעך געזען אַלץ, וואָס עס טוט זיך לעבן ברוך דעם בעל־עגלהס שטוב. דאָס ערשטע, וואָס שלמה האָט דערזען, איז געווען אַן אָפּן קעסטל מיט ביכער און דערנאָך גלייך פֿאָלים פּנים. זי איז פּונקט געזעסן צו אים אויסגעקערעוועט, נאָר זי האָט אים נישט געקענט באַמערקן. איר פּנים איז געווען בלאַסער ווי געוויינלעך, עטוואָס בלויִלעך אַרום די אויגן, נאָר דאַקעגן רואיק און געלאַסן ווי אַלע מאָל. אַוראַם איז געזעסן לעבן דער מוטער ביים עס וואָגן און ביידע האָבן צוגעהאַלטן אַ גרויסן געפּלאָכטענעם קויש, אַ פּנים: פּסחדיק געפֿעס, גלאָזוואַרג. די קלענערע צוויי קינדער זענען געזעסן אויף קישנס מיט קאָלדרעס. שלמה האָט גלייך דערקענט די קאָלדרע, מיט וועלכער ער האָט זי דאַמאָלסט געטראָפֿן צוגעדעקט... ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אַזוי ליבן, גוטן פּנים, געזען, ווי זי זיצט אָנגעשפּאַרט, פֿאַרטראַכט און געשעפּטשעט צו זיך אַליין מיט אַ ביטערן שמייכל:

— נו, נעם... כאַפּ!... דו האָסט דאָך אַלץ געמיינט, טאָמער פֿאָרט... אפֿשר, נישט געקוקט אויף אַלץ, וועט געשען אַ נס, וואָס וועט אָפּגעבן פֿאָלין אין דיין רשות... נו, אָט האָסטו דיר די לעצטע שורה... אייערע וועגן צעגייען זיך אויף אייביק... ווער ווייסט, וווהין זיי פֿאָרן פֿון זוועניגאָראָדקע? אפֿשר זעסטו זי גאָר צום לעצטן מאָל? אפֿשר וועסטו שוין נאָר אייביק טראַכטן פֿון דער איצטיקער מינוט?...

די פֿור האָט גערירט.

שלמה האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט ציטערנדיקע פֿינגער אין דעם פֿוילן באַלקן. זיינע ליפּן האָבן מעכאַניש נאָכגעזאָגט: „יברכך“. דאָס האַרץ האָט געקלעמט. אין דער ברוסט האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם פֿון זיין האַלדז האָט זיך געריסן אַ יאָמער, אַן אויסגעשריי:

— גיט מיר אָפּ מיין גליק, מיין פּאַלין... קערט מיר אום די קעניגין פון מיינע קינדער־חלומות...

פון דער ווייטנס האָט ער נאָך געזען איר אַקסל, אוראַמס היטל. ער וואָלט נאָך געקענט אַראָפּשפּרינגען... דעריאָגן... פּאַלן איר צו די פיס... קושן די שיך, די רעדער פונעם וואָגן, און זאָגן —

— וואָס זאָגן?...

אַ ביטערער שמייכל האָט געקרימט זיינע ליפּן פון דעם געדאַנק:

— וואָס זאָגן? וואָס קענסטו איר זאָגן, דו אומגליקלעכער? דו האָסט זיך פּאַרקוקט אויף דער זון און ווילסט זי אַריינגעמען אין דיין נאָרע? שוטה, — פּאַרגעס!... רייס אַרויס איר נאָמען פון האַרץ... נישט געווען קיין פּאַלי... ס'איז גאָר אַ לעגענדע... אַן אויסגעטראַכטע זאַך...

די פור האָט זיך אַלץ דערווייטערט. דער האַריזאָנט האָט אַן אָטעם געטון מיט טשוגונענע כמאַרעס, אַרויסגעשטויסן זיי פון זיינע פאַרבאָרגענע אוצרות איינע נאָך דער אַנדערער, איינע איבער דער אַנדערער, און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן זיפּן אַ רעגנדל. שלמהס קאָפּ, פון וועלכן די יאַרמעלקע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט, האָט אַ צעשויבערטער געטאַרטשעט אין שמאָלן בוידעם־פענצטערל. די היפּשע קאַלטע טראָפּנס, וועלכע האָבן אומאויפהערלעך געפּיקט אים אין קאָפּ, אין פּנים, האָבן געוואָלט אָפּוואַשן דעם שרעקלעכן יאוש, וועלכער האָט זיך דאָרט צעשפּרייט. שלמה האָט אָבער גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געזען, נאָר — די זיך אַלץ דערווייטערנדיקע פור. פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט צעריסענע שטיקלעך בילדער פון זיינע קורצע באַגעגענישן מיט פּאַלין. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די געציילטע ווערטער, וועלכע פּאַלי האָט פאַר זיין גאַנצן לעבן אים געזאָגט... דער וואַסערדיקער פאַרהאַנג צווישן אים און זיין געליבטער ווערט אַלץ געדיכטער... אַזוי פאַסמורנע ווי דער איצטיקער דרויסן וועט שוין זיין גאַנץ לעבן זיין... ער דערמאָנט זיך אין זיין נארישן חלום, פאַרנדיק פון זוועניגאָראָדקע אַהער... ער דערמאָנט זיך אין יענע, פון גאָט געבענטשטע, סאַמאָאַבלאַזשעניע־נעכט... פאַרגעסן, פאַרגעסן! אַלץ, אַלץ אויסרייסן פונעם האַרצן מיטן וואָרצל און פאַרגעסן!... אויף דער גאַס זיפּן זיך שוין נישט קיין טראָפּנדלעך, נאָר עס ציבערט אַ שלאַקסרעגן, ס'האָבן זיך געעפנט אַלע אָפּגרונטן. שלמה גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער: פּאַלי וועט זיך חלילה נישט פאַרקילן? מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך אָן אין אַ דערקוויקנדיקן געדאַנק: ברוך וועט נישט פאָרן אין אַזאַ גאָס רעגן... דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן?... זיי מוזן זיך אומקערן! גאָט דער באַרעמהערציקער ווייסט אַלץ,

פאַר אים איז נישטאָ קיין סודות, ער מוז אים העלפֿן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן... אָבער וואָס איז דאָס? וווהין איז אַהינגעקומען די פּור? ווער האָט זי ביי אים אויסגעכאַפּט פֿון אונטער די הענט?

שלמה האָט מיט בלוט אין די אויגן נאָכגעזוכט, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ פֿינגער, נאָר אומזיסט: די פּור איז פֿאַרשוווּנדן. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, דאָס געוויין האָט אים אָנגעכאַפּט און געטרייסלט ווי אין פֿיבער. ער האָט זיך געוואָרפֿן ווי אַ חולה־נופל, געקלאַפּט קאָפּ אין וואַנט:

— שוין! נישטאָ מער אין כמעלניק קיין פּאַלי!... דו מעגסט שוין פֿריי אַראָפּגיין אויף דער בית־מדרש־גאַס, דו וועסט זי שוין נישט באַגעגענען... דו מעגסט שוין פֿריי אַריינקוקן אין דעם אַלטן שייעס פֿענצטער: האָב נישט קיין מורא, דו וועסט שוין נישט דערזען פּלוצלינג, נישט ווי פּאַלי קעמט זיך, נישט ווי זי לייענט אַ בוך... איצט, ברודערקע, איז דיר געבליבן איין האָפֿענונג: ציון! וואָס גיכער קומען אַהין און וואָס מער זיך אָפּגעבן פֿאַר אַ קרבן דעם לאַנד...

— שלום רב שובך, צפורה נחמדה, מארצות החם אל חלוני...

אַ פֿרישער שטראָם טרערן צינדט אָן שלמהס פּנים:

— ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך...

פֿון בוידעם האָט מען אים אַראָפּגענומען אָן דעם באַוווּסטזיין.

צוויי טעג האָט ער געברענט ווי אַ העליש פֿייער. מען האָט מורא געהאַט פֿאַר מעניניגיט, נאָר אויפֿן דריטן טאָג איז אָפּגעטראָטן די היץ און ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך.

אַ געלער, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, איז שלמה געלעגן אין די איבערבעטן, די ליפּן צונויפֿגעצויגן, די באַקן איינגעפֿאַלן, דער קוק אַ שטאַרער, אַ גלייכגילטיקער.

די עלטערן האָבן אים געהאַלטן אין איין פֿרעגן:

— שלמה, ווי אַזוי ביסטו געקומען אויפֿן בוידעם?

— וועלכער בוידעם?

ער ווייסט גאָרנישט, וואָס מען רעדט צו אים. ער געדענקט גאָר־נישט, וואָס מיט אים איז געשען פֿאַר דער קרענק.

אַזוי איז דאָס טאַקע פֿאַרבליבן אַ רעטעניש... קיינער האָט גאָר אויף קיין השערה נישט געקענט פֿאַלן.

נאָר איין מנשה האָט זיך יאָ עפּעס אָנגעשטויסן.

ע נ ד ע פֿ ו ן ע ר ש ט ן ב א נ ד.

אויסטייטשונגען פון נישט פּאָפּולערע העברעאיזמען און אַנדערע אָנווייזונגען.

קאַפּיטל I.

איש נאמן — אַ באַגלייבטער מענטש.
שקלא וטריא — אַן איבערוועגן זיך, אַ קווענקלעניש.
„שלוח הקן" — דאָס אָפּשיקן די מוטערטויב, איידער מען גייט צונעמען אירע קינדער.
בר־פלוגתא — קעגנער.
שיעור — לעקציע.
„הלכות תערובות" — דינים פון נישט אויסמישן פליישיקס מיט מילכיקס, אָדער טריפס מיט כשרס.
„תתאה גבר", „חמין ובנותן טעם לשבח", „צונן ובנותן טעם לפגם" — פאַרמולעס און געזעצן פון גמרא און פוסקים.
„המפיל" — אַזאַ תפלה פאַרן שלאָף.
מהות — אינהאַלט, פאַרבאָרגענע אייגנשאַפטן.

קאַפּיטל II.

נשמה־יתירה — אַ צוגאָב-טייל נשמה, לכבוד שבת אָדער יום-טוב.

קאַפּיטל III.

מאכן אַן אוהל — אַריבערהענגען איבער דער סוכה. לויטן דין מאַכט דאָס פסול די סוכה.
תוספות, מהרש"א, „זהר" — וויכטיקע ספרים און מפרשים.

קאַפּיטל IV.

חוק ולא יעבור — אַן אומפאַרמיידלעכער געזעץ.
„שבת וינפש" — די אַבסאָלוטע רואיקייט פון שבת.
בענטשן בשם — ווען עס עסן צוזאַמען צען דערוואַקסענע מענטשן, דערמאָנט מען ביים בענטשן גאָטס נאָמען.
מלעל און מלרע — אַקצענטירן דאָס וואָרט לויט די כללים פון דקדוק פון דער העברעישער שפּראַך.
„כוזרי", „מורה נבוכים" — רעליגיעז-פילאָזאָפישע ספרים, אין וועלכע חסידים זענען נישט גורס מען זאָל אַריינקוקן.
„שובבים", „בה"ב" — תענתים, וועלכע זענען נישט זייער אָנגענומען.
„השלוח" — אַ באַרימטער ליטעראַרישער זשורנאַל. „דור דור ודורשיו" — אַ פילאָזאָפיש בוך פון ד"ר וויים. ביידע, וויכטיקע אויסגאַבן אין דער השכלה-עפּאָכע.
עוכר ישראל — געמיינט, איבער זיינע זינד לייזן פרעמדע.
כופר בעיקר — דער וואָס לייקנט אין די הויפּט-פּרינציפּן פון גלויבן.
עכן בן כרמי — אַ היסטאָרישער נאָמען פון אַ זינדיקן, איבער וועלכן עס האָבן געליטן אומשולדיקע.
בעל־קורא — דער וואָס לייענט אין שול אין דער תורה.
להוראה — אויף צו קענען פּסקנען אַ דין.

קאַפּיטל VI.

אפּיקורוס, מומר לכל התורה כולה — אומגלויביקע, צו-להכעיסניקעס.
דברי תורה — רעדן וועגן לערנען.

קאַפּיטל VII.

פּרי־מגדים, ש״ס, פּוסקים — ספרים פאַרן העכערן קלאַס לערנער.
לאחר יאוש — פאַרלוירן אַלע האָפענונגען.

קאַפּיטל IX.

טותן־טעם — אַ בייגעשמאַק.

קאַפּיטל X.

מציאות — עקזיסטירן.
„אהבת ציון" — אַ באַוווסטער העברעישער ראָמאַן פון אברהם מאפו.
דביקות — שטרעבונג זיך צו באַהעפטן אין בורא-עולם, צוריק צו ווערן אַ חלק אלוה ממעל (אַ טייל פון דעם אַלמעכטיקן), ווי די נשמה איז געווען איידער זי איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין חומר (קערפּער).

קאַפּיטל XI.

קלות־דעת — לייכטזיניקייט.
התלהבות — אַן אינערלעכער פלאַם, עקסטאַז.

קאַפּיטל XII.

גלית הפלשתי — פון תנ״ך, אַן אויסערגעוויינלעכער ריז.
מר־בר־רב־אשי — געמיינט, אַ גרויסער געלערנטער.
צורר־ישראל — יודנפיינט.
תנא קמא — דער ערשטער תנא, אין פאַלק ווערט דער נאָמען באַנוצט מיט אַ חוזקל פאַר דעם גרעסטן גראָבן יונג.
בבא־בתרא — איינע פון די גרעסטע און שווערסטע גמרות אין ש״ס.

קאַפּיטל XIII.

רב־אמי, רב־אסי, רבא — אָנגעזעענע תנאים אין ש״ס.

קאַפּיטל XIV.

בית־השחיטה — שעכטהויז.

קאַפּיטל XV.

ברוך שפטרני — אַ ברכה, וואָס דער פאָטער מאַכט ביי דער תורה, ווען דער זון ווערט בר-מצוה.
אוירא דארץ־ישראל — ארץ-ישראלדיקע לופט.
שנים אוחזים בטלית — צוויי האַלטן איין קלייד, אַ משנה אַזאַ.
יורה־דעה, פּרי־מגדים — געזעץ-געבערישע ספרים.
עתיק־יומין — דער עלטסטער אין יאָרן, געמיינט, גאָט.
וארשתיך לי לעולם — איך וויל דיך פאַרקנסן אויף אייביק, וארשתיך לי באמונה — איך וויל דיך פארקנסן דורך דיין גלויבן. (פּסוקים וועלכע מען זאָגט ביי תפילין-לייגן).

קאַפּיטל XVI.

קידושין, כתובות, חולין און בבא־בתרא — נעמען פון גמרות.
בקיאות — באַהאַוונטקייט.
סברות — וואַריאַנטן.

תלמיד חכם — אַ גוטער לערנער.
בכבודו ובעצמו — מיט זיין אייגענעם כבוד.
בחירה — אויסוואַל.
השגחה — די אַנפירערשאַפט, געמיינט, גאָט.
ביד רחבה — מיט דער ברייטער האַנט.
רבותא — אַן איבערראַשנדיקס, אַן אומדערוואַרטס.
ת"ת — תלמוד תורה.
כתה — אַ קלאַס, אַ גרופע.
משגיח — אויפזעער.
שאר בשרי — קרוב מיינער.
מסוגל — פעיק.
בנין הארץ — אויפבוי פון לאַנד.

קאַפּיטל XVII.

כהרף־עין — אויגנבליקלעך.
בגלופין — אונטערן גלעזל.
„התקבצו מלאכים" — אַ זמר פון שמחת תורה.
הבן יקיר לי אפרים — אַ טייערער זון ביי מיר, אפרים.
כי מדי דברי בו, — זכור אזכרנו עוד — ווען איך רעד נאָר וועגן אים, געדענק איך אים זייער שטאַרק.
זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך — איך האָב דיר דערמאָנט דיין ליטישקייט אין דער יוגנט, דיין ליבע צו מיר כלהווייז.
רחם ארחמנו — איך וועל זיך אויף אים דערבאַרעמען.
הר הבית ששמם — דער פאַרוויסטער בית־המקדש־באַרג.
שכינה — געמיינט, גאָט.
מי עלה למרום — ווער איז אַרויף אויפן הימל.
כסא הכבוד — געמיינט, גאָט.
אנא ד' הצליחה נא — יודע מחשבות הושיעה נא — שמחת־תורה'דיקע תפילות.
אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי — אויב איך וועל נישט דערמאָנען ירושלים ביי יעדער שמחה. (אַזאַ שבועה)
רבש"ע — רבונו של עולם.
„ערבי נחל" — אַ ספר פון ר' יונתן אייבשיץ (פון פראָג).
אביו ורבו, רבו קודם — דער פאָטער און דער רבי, איז דער רבי בילכער.

קאַפּיטל XVIII.

ארץ זבת חלב ודבש — אַ לאַנד, וווּ עס רינט מילך מיט האָניק.
איש תחת גפנו ותחת תאנתו — יעדער באַזונדער אונטער זיין וויינבוים און אונטער זיין טייטלבוים.
מסקנא — באַשלוס.
בקו־הבריאה — אין בעסטן געזונט.
„שלושים" — דרייסיק. אַ טערמין פאַר אַן אבל, אין פאַרלויף פון וועלכן עס איז אים פאַרבאָטן צו הערן מוזיק.
בתמימות — אומשולדיק, נאַאיוו.

קאַפּיטל XIX.

ירושלמי — גמרות וועלכע זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין ארץ־ישראל.
סעודת־הודאה — אַ מאָלצייט ספּעציעל אויף אָפּצודאַנקען גאָט פאַר גע־זונט ווערן אָדער פאַר אַן אַנדער נס.

צור ישראל, קומה בעזרת ישראל, אתה זוכר — אזעלכע תפילות.
נבהל ונשתומם — שטאַרק פאַרוואונדערט.
לכתך אחרי במדבר, רחם ארחמנו — שטיקלעך פון די ימים נוראימדיקע תפילות.
פרפראות לחכמה — זייטיקע חכמות, וועלט-חכמות.
קושי השעבוד — די שווערקייט, דאָס פאַרשקלאָפּט זיין.
שקץ תשקצנו — אַן אויסרוף ביים דערמאָנען אַן אומווירדיקע זאַך.
שור הבור — אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער אָקס, וועלכער איז לויט דער מסורה צוגעגרייט אין גן-עדן פאַר די צדיקים אויף דער סעודה נאָך משיחס קומען.
מקיים-פסק-זיין — אָפּצאָלן ווי עס קומט.
חצופה — פאַרשייטע.
חברה קדישא — די חברה באַגרעבער.
עמודים — זייטן.
נדרים — אַ נאָמען פון אַ גמרא.
מטושטש — צעמישט.
מה נאמר וכמה נדבר — וואָס זאָלן מיר זאָגן און וואָס זאָלן מיר רעדן.
ממה נפשך — איינס פון דיביידע.
מודה ועוזב ירוחם — דער וואָס איז זיך מודה און זאָגט צו זיך אויסצובעסערן, דאַרף מען אים מוחל זיין.

קאַפּיטל .XX

עלוי — אַ זעלטענער לערנער.
רצון הבורא — גאָטס ווילן.
כלות הנפש — אויסגיין פון דער נשמה.

קאַפּיטל .XXI

שיירא — עקספּעדיציע.
דרי מעלה ודרי מטה — איינוווינער פון דעם הימל און פון דער ערד.
קול דממה דקה — אַ מינדסטער שאָרך.
דינא דמלכותא דינא — אַ געזעץ פון מלך בלייבט געזעץ.
שנוי מעשה בראשית — ענדערן דעם דרך הטבע.
עלמא דשקרא — די פאַלשע וועלט, געמיינט די וועלט.
מרכז החסידות — דער צענטער פון חסידות.
מתרעם — צאָרנדיק זיין.
קדושי עליון — געטלעכע הייליקע.
יחוד קודשא בריך הוא ושכינתא — טון אַלץ פון גאָטס נאָמען וועגן.
לפנים משורת הדין — אַן אויסנאָם פון געזעץ.
בעובי הקורה — אין דער גרעב פון דעם באַלקן. געמיינט, אויפמערקזאַם קאָנטראָלירן.
מגיה — קוקט איבער.

קאַפּיטל .XXIII

היד ד׳ תקצר — געמיינט ביי גאָט איז דען פאַראַן אוממעגלעך.
כפי המדובר — לויט ווי ס׳איז אָפּגעשמועסט געוואָרן.
יודע נגן — געמיינט, ער קען לערנען.

קאַפּיטל .XXV

חוש הריח — קענען אָנשמעקן.

קאַפּיטל XXVI.

משיג גבול זיין — שטערן יענעם. פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

קאַפּיטל XXVII.

אגב אורחא — פאַר איין וועגס.
זאת נחמתי בעניי — דאָס איז מיין טרייסט אין מיין אָרעמער לאַגע.
איש הספר — געמיינט, אַ בן-תורה.
עם הארץ דאורייתא — געמיינט, אַ געפערלעכער גראָבער יונג.
אתא קלילא — אַ גרינג אות.
זול הזול — שטאַרק וואָלוול.
בין כסא לעשור — צווישן ראש-השנה און יום-כפור.

קאַפּיטל XXVIII.

מקדמונים — פון פאַר צייטן.

קאַפּיטל XXIX.

בראשית ברא — די ערשטע ווערטער פון דער תורה.
כל המקיים נפש אחת מישראל — ווער עס דערהאַלט ביים לעבן איין יודישע נשמה.
יהרג ואל יעבור — געהרגעט ווערן, נאָר נישט אָפּטרעטן.
לילי טבת הרוכים — אין די לאַנגע טבת-נעכט.
בהינת חול המועד — האָבן אין זיך כמעט די זעלבע קדושה וואָס חול המועד.
אמר אביי — געמיינט, אין אַלגעמיין גמרא לערנען.

קאַפּיטל XXXII.

עולה תמימה — געמיינט, אַן אומשולדיק-ערלעכער.
פלג־גוף — אַ האַלבער גוף, געמיינט, אַ בחור.
חייו אינם חיים — זיין לעבן איז קיין לעבן נישט.
ארבעים יום — פערציק טעג. לויט דער גמרא, ווערט פערציק טעג פאַרן געבוירן אָנגעצייכנט יעדן זיין זיווג.
עמוקה מני ים — זי איז טיפער פון ים.
ואם בגבורות — סיידן דער מענטש איז אַ גבור, לעבט ער אַכציק יאָר.
אדם נידון בכל יום — אַ מענטש ווערט געמשפּט יעדן טאָג.
היום קצר והמלאכה מרובה — דער טאָג איז קורץ און אַרבעט איז דאָ פיל. (פון פרק).
עורבא פרח — אַ קראָ איז פאַרביגעפלויגן.

קאַפּיטל XXXIII.

התועה בדרכי החיים — אַ נאָמען פון אַ גרויסן העברעישן ראָמאַן, פון פרץ סמאָלענסקין.
בתולה שבגרה — אַ דערוואַקסן מיידל.
מה אנו ומה חיינו — וואָס זענען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן.
מבטן אמה — פון איר מאַמעס בויך.
לא על הלחם לבדו — געמיינט, נישט דאָס עסן איז דער עיקר.
מלכה שבא — אַ לעגענדאַרע קעניגין, אַ זעלטענע שיינהייט.
בדוק ומנוסה — אויסגעפּרוווט וויפל מאָל.

קאַפּיטל XXXVI.

זהיר וזהיר — שטרענג אָנגעזאָגט.

קאפיטל XXXVII.

עתיד ליתן את הדין — ער וועט זיין פאראנטוואָרטלעך.

קאפיטל XXXIX.

עד חצי המלכות — ביז אַ האַלבער מלוכה. פון דער מגילה.
הנשמה לך והגוף שלך — ס'איז דיין נשמה און דיין גוף.

קאפיטל XL.

השתפכות הנפש — דער מאָמענט, ווען די נשמה גיסט זיך אויס פאַר ליבע און בענקעניש צו איר באַשעפער.

קאפיטל XLI.

ונשמרתם לנפשותיכם — היט אייך אָפּ!
ק"ק — קהלה קדושה. הייליקע געמיינדע.
תוב"ב — תבנה ותתכונן במהרה בימינו. זי זאָל אין גיכן אויסגע-בויט ווערן.

קאפיטל XLII.

ע"י המכ"ז — דעם זעלבן בריוועטרעגער.
ראוי להוראה — קען זיין אַ רב.
בלע"ז — אויף אַ פרעמדער שפּראַך.
מהדר — זוכט נאָך.
תובע בפה — מאָנען מיטן מויל. געמיינט, אומבאַדינגט פאָדערן.
נקרא לנערה ונשאלה את פיה — לאָמיר אַריינרופן דאָס מיידל און פרעגן ביי איר.
קורע כדג — צערייסן ווי אַ פיש.

קאפיטל XLIV.

דורס זיין — צערייסן אויף שטיקער.
דרך ארץ קדמה לתורה — עטיק איז עלטער פון דער תורה.

קאפיטל XLVII.

נסתלק — געשטאָרבן.
עובר לסוחר — גאַנגבאַר.
תשכח ימיני — זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט.

קאפיטל XLVIII.

לא היה ולא נברא — נישט געשטויגן נישט געפלויגן.
כף-הקלע — דאָס זעלבע, וואָס גיהנום.

קאפיטל XLIX.

מגע ומשא — קומען אין באַרירונג.
ביד רמה — מיט גרויס קוראַזש.

קאפיטל LVI.

מזון סעודה ואחת — שפּייז אויף איין מאָלצייט.

קאפיטל LVII.

חולה נופל — עפּילעפּטיק. אַ ליידנדיקער פון דער „שוואַרצער קרענק".
שלום רב שובך — אַ שורה פון ביאַליקס אַ ליד.
ציון הלא תשאלי א. א. וו. — אַ שורה פון ר' יהודה הלוים אַ ליד.

דער ראָמאַן „פאַראומערטע קינדהייט" איז דער ערשטער פון אַ ציקל פון צען בענדער, וואָס קומען אַרויס אונטערן קעפּל: „אַ זעקסטער וועלט-טייל".

די נעמען פון די בענדער זענען:

ערשטער באַנד — פאַראומערטע קינדהייט

צווייטער באַנד — קליינע שפּאַן אין אַ גרויסער שטאָט

דריטער באַנד — אַ צעמריבענע סטאַדע

פערטער באַנד — פאַרלאָשענע שייטערס

פינפטער באַנד — אַ גרוס פון יענער וועלט

זעקסטער באַנד — אַ פאַרגעסענע תּובה

זיבעטער באַנד — די לעצטע פּרווו

אַכטער באַנד — אַ פאַרשפּעטיקטע חרטה

נײַנטער באַנד — דם ואש ותמרות עשן

צענטער באַנד — די אויסגעבענקטע היים

דער קומענדיקער באַנד:

קליינע שפאַן אין א גרויסער שטאָט.